STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10136

DI YUGNT FUN A REBEL

Rudolf Rocker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רודאָלף ראָקער

די יוגנט פון אַ רעבעל

רודאָלף ראָקער

די יוגנט פון אַ רעבעל

איבערגעזעצט פון דייטשן כתב־יד

★

ב ו כ ג ע מ יי נ ש אַ פ ט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
ב ו ע נ אָ ס א יי ר ע ס , 1 9 7 1

דרוקעריַי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַרמיענטאָ 3149 — בוענאָס־אײַרעס

פון די אַרויסגעבערס

דער אָריגינעלער, כראָנאָלאָגישער, סדר פון רודאָלף ראָקערס מאָנומענטאַלן, דרייבענדיקן מעמואַרן־ווערק איז: 1) „יוגנט פון אַ רעבעל", 2) „אין שטורעם" און 3) „רעוואָלוציע און רעגרעסיע". אומשטענדן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער האָבן גורם געווען, אַז אין אונדזער יידישער אויסגאַבע זאָל צוערשט דערשיינען דער באַנד „אין שטורעם", פינאַנצירט פון די לאָנדאָנער חברים, וואָס האָבן געהאַט אַ באַזונדער אינטערעס פאַר דעם דאָזיקן באַנד, וואָס נעמט אַרום ראָקערס יאָרן אין לאָנדאָן, בעת וועלכע עס פאַלט, אַגב, אויס זיין פרוכטיקער שעפערישער פעריאָד אין יידיש און זיין אויסנאַמלעך אינטענסיווע טעטיקייט צווישן די לאָנדאָנער יידישע אַרבעטערס. די יידישע איבערזעצונג פון „אין שטורעם" האָט געמאַכט אונדזער אומפאַרגעסלעכער חבר יעקב בירנבוים (אַגב, די איבערזעצונג פון יענעם באַנד, ווי אויך פון די אַנדערע צוויי בענד, איז געמאַכט פון ראָקערס דייטשן כתב־יד). דערנאָך איז, מיט יאָרן שפּעטער, געקומען די ריי פאַרן באַנד „רעוואָלוציע און רעגרעסיע". איבערזעצט פון חיים בראַקאַזש (דערשינען, צוליב באַקוועמלעכקייט, אין צוויי טיילן). צולעצט ערשט איז דערשינען דער באַנד „יוגנט פון אַ רעבעל", וואָס כראָנאָלאָגיש, וואָלט ער געדאַרפט זיין דער ערשטער. אויך דער דאָזיקער באַנד איז דערשינען אין צוויי טיילן: דער ערשטער טייל איז איבערגעזעצט פון ב. טשובינסקי, און דער צווייטער, דער איצטיקער טייל, איז איבערגעזעצט ווי פאָלגט: ביז זייט 71, אַריינגערעכנט דורך ב. טשובינסקי, און דאָס איבעריקע, ביזן סוף, דורך אהרן טהאָרן.

לאָמיר דאָ טאַקע אויסדריקן אונדזער דאַנק און אָנערקענונג אונדזער טייערן חבר אהרן טהאָרן פאַר זיין אָנשטרענג, וואָס האָט אונדז מעגלעך געמאַכט צו דערפירן די אויסגאַבע צו אַ גמר. עס קומט אויך אַ דאַנק און אָנערקענונג אונדזער חבר ב. פליסלער, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַ סך טרחה און איז אונדז געווען גאָר שטאַרק באַהילפיק.

מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז צוויי קאַפּיטלען, וואָס זיינען אין ראָקערס אָריגינאַל געווען איינגעשלאָסן אין איצטיקן באַנד — „מיין

ערשטע רייזע קיין לאָנדאָן" און „מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ייִדישע רעוואָלוציאָנערן פון מזרח אייראָפּע" — זיינען אין דער ייִדישער אויסגאַבע אַריין אין באַנד „אין שטורעם".

מיטן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן בוך האָט אונדזער „בוכגעמיינשאַפט" פאַרענדיקט דעם פּראָיעקט, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען באַלד נאָך רודאָלף ראָקערס אַוועקגאַנג אין דער אומשטערבלעכקייט: אַרויסצוגעבן אַ באַנד עסייען, וואָס ראָקער האָט געשריבן אָריגינעל אין ייִדיש, און אַרויסצוגעבן די בענד „יוגנט פון אַ רעבעל" און „רעוואָלוציע און רעגרעסיע" אויף צו דערגאַנצן די ייִדישע אויסגאַבע פון ראָקערס זכרונות-ווערק. אַ שווערקייט מיט אַן איבערזעצער האָט גורם געווען די פאַרדריסלעכע פאַרשפּעטיקונג.

מיר האָפן איצט, אַז די פאַרשטענדיקערע חובבי-ייִדיש און די, וואָס זיי איז ליב די מענטשלעכע קולטור אין ברייטסטן און טיפסטן באַטייט פונעם וואָרט, און וואָס לאָזן זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם וואָס עס טראָגט זיי אונטער די „מאָדע", ס'רוב אַ דיקטירטע פון לאַוו-דווקא כשרע פּאָליטישע אינטערעסן, וועלן פאַרשטיין אויסצונוצן אונדזער ייִדישע אויסגאַבע פון רודאָלף ראָקערס שיינעם און באַלערנדיקן ווערק.

מיר האָפן באַזונדער אויף אונדזערע פריינד און חברים אין אַרגענטינע און אַנדערע לענדער, אַז זיי וועלן טאָן דאָס מעגלעכע צו פאַרשפּרייטן דאָס ווערק — עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד ווען דער באַטייטנדיקער אָנשטרענג פונעם הייפל בוענאָס-אײַרעסער חברים זאָל נישט געהעריק אויסגענוצט ווערן.

יאַנואַר, 1971.

לייזער מילשטיין און קינדער
האָבן סובסידירט דאָס דאָזיקע
בוך אין אָנדענק פון פרוי און
מוטער מאַשע מילשטיין.

המשך פון צווייטן טייל

לערן-יארן

די רייזע קיין בריסל

ס'איז געשטאַנען אַ שטראַלנדיקער זומערטאָג ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיטן שטעקן אין דער האַנט און מיטן ניט־איבעריק שווערן רייזעזאַק אויפן רוקן האָבן מיר געשפּרייזט צום בינגערטויער. די נאַטור איז געשטאַנען אין פולסטן גרין, און דער הימל האָט זיך געוועלבט איבער אונדז ווי אַן אַזורבלויער גלאָק. איך האָב זיך געפילט לייכט ווי אַ פעדער, דאָס האַרץ האָט געשוויבלט מיט טויזנטערליי האָפענונגען, אַזוי פרײַ קען מען זיך פילן נאָר ווען מען איז יונג. ביידע זיינען מיר געווען אין סאַמע בלי פון אונדזער יוגנט, געזונט און קרעפטיק, ניט באַלאָדן מיט קיין שום עול. די צוקונפט האָבן מיר געזען אין אונדזער פאַנטאַזיע אין די שענסטע רעגנבויגן־פאַרבן. פאַר יונגע מענטשן האָט די וואַנדערונג אַ ספּעציפישן רייץ. זי איז אַן אַרויסמאַרש פון דער איינגעשטעלטער טאָגטעגלעכקייט, אַ שריט אין אַלדאָס אומבאַקאַנטע, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן קיין שום באַשטימטע נאָרמעס. דער באַשטענדיקער אָפּבייט פון דעם אַרום שאַפט יעדן טאָג נייע בילדער און איינדרוקן, וואָס קומען און פאַרשווינדן ווי די וואָלקנס אויפן הימל. קיינער ווייס ניט, וואָס סע וועט מיט זיך ברענגען דער קומענ־דיקער טאָג, און מען קימערט זיך ניט דאָס צו דערגיין. אויסקומען יעדן טאָג מיט וואָס סע מאַכט זיך, איז טאַקע ניט קיין ראָמאַנטישע לאָבונג, עס פאַרשטאַרקט אָבער דעם איינדרוק פון אומבאַשטימטקייט און האַלט אין איין דערמאָנען, אַז מען געפינט זיך מחוץ פונעם איינגעשטעלטן לעבנס־סדר.

די ערשטע נאַכט זיינען מיר געשלאָפן אויפן פעלד, כדי אויסצופרווון אַלע טעמים פונעם וואַנדער־לעבן. אָבער די פאַרטאָגיקע קילקייט האָט אונדז פרי געשטעלט אויף די פיס. אויפן צווייטן אָונט זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין דאָרף. אַן אַלטער פויער איז געזעסן פאַר זיין כאַטע און גע־רויכערט אַ לאַנגע ליולקע. איך האָב אים געפרעגט ווו מען קען דאָ איבער־נעכטיקן פאַר ביליק. ער האָט אונדז באַטראַכט מיט אַ פאָרשנדיקן בליק און געזאָגט, אַז מיר קענען שלאָפן ביי אים אין שייער. מיר האָבן קאָנטיק געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק. ער האָט אונדז פאַרבעטן אין שטוב אַריין און אונדז טראַקטירט מיט אַ געשמאַקן אָונטברויט.

מיר האָבן געוואַנדערט די גאַנצע צייט פאַזע דעם רהיין. צומאָל האָבן

מיר פאַרקירעוועט אין אַ זייט אין דער סביבה צו כאַפּן אַ קוק אויף עפּעס אַ מערקווירדיקייט, וואָס ס'איז ווערט צו געבן דערויף אַ בליק. און אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין באַן פּריש און מונטער. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ היפּשע צאָל טשיקאַווע פּאַרשוינען.ביידע ברעגליניעס פונעם רהיין זיינען זינט אַלטע צייטן דער וועג פאַר וואַנדערער און וועגפאָרער. די מייסטע פון אונדזערע וועג־חברים זיינען געווען וואַנדער־בחורים, ווי מיר אַליין, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרעמד, כּדי זיך צו פּערפעקציאָנירן אין אַ מלאכה, ווי ס'איז דעמאָלט געווען דער שטייגער אין דייטשלאַנד. עס זיינען אָבער געווען צווישן זיי אויך טונקעלע סוביעקטן, וואָס ס'איז תמיד גלייכער זיי אָפּצוטרעטן דעם וועג.

פון באַן האָבן מיר גענומען די ריכטונג צו מערב־צו קיין אַאַכען, אַ וועג וואָס האָט געפירט דורך די עלנט־פאַרוואָרפענע איפעלבערג. דאָ האָט מיט אונדז פּאַסירט אַן אויסטערלישע אַוואַנטורע, וואָס מיר האָבן אַ לאַנגע צייט זי געהאַט צו פילן און וועגן איר נאָכצוטראַכטן. די איפל איז אַ באַרגיקע געגנט, גאַנץ שיטער באַוווינט מיט קליינע פּויערים, וואָס שלאָגן זיך אַדורך מיט גרויסע שוועריקייטן. דאָס שטיקל ערד וואָס זיי פאַרמאָגן איז כּמעט אַן אויסנעם מאָגערער באָדן. די ישובים זיינען צעוואָרפן ווייט פונאַנדער. מען קען צומאָל וואַנדערן לאַנגע שעהן, ביז מען קומט פון איין דערפל אין אַ צווייטן. דערביי זיינען די וועגן אומבאַקוועמע, פאַרלאָזטע פון גאָט און פון לייט. אין אַ שטיקנדיק הייסן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף העט נאָכמיטאָג־צייט. בלייבן דאָרטן נעכטיקן איז נאָך געווען צו פרי. מיר האָבן דערפאַר באַשלאָסן זיך צו דערקלייבן ביז צום נאָענטסטן דאָרף. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ פּויערטע וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר פון איר הייזקע וועגן דער ריכטונג וואָס מיר זאָלן נעמען. די פרוי האָט אונדז געגעבן אַ גרויס שטיק ברויט מיט ווורשט און אונדז פאַרזיכערט, אַז ביז צום נאָענטסטן דאָרף איז אַ מהלך ניט מער ווי פון אַ צוויי שעה.

נאָכדעם ווי מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַרום אַ שעה, זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ שייד־וועג. אַן אַלט דורכגעפּוילט שילדל האָט אַפילו אָנגעוויזן די ריכטונגען פאַר ביידע זייטן, די אויפשריפטן זיינען אָבער געווען אינגאַנצן אָפּגעריבן, אַזוי אַז ווייטער האָבן מיר געמוזט מאַרשירן אויף גוט גליק. שטאַרק האָט עס אונדז ניט געאַרט, ווייל אין איין זייט צי אין דער צווייטער, דער וועג מוז דאָך פירן צו ציל. אַז מיר קענען פאַרגיין אַריבער דעם ציל — דאָס איז אונדז גאָרניט איינגעפאַלן. ביסלעכווייז האָט דער הימל זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצע וואָלקנס. דאָס קנאַלן פון דונערן ערגעץ אינדערווייטן האָט אונדז אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ שטורעם. קיין איבעריק גוטע בשורה איז עס פאַר אונדז ניט געווען, ווייל אין אָט דער באַרגיקער וועלט, פון גאָט אַליין אַ פאַרגעסענע, האָט מען ווייט און ברייט ניט געקענט אָנטרעפן קיין דעכל זיך צו שיצן פונעם רעגן. מיר האָבן געשמיידיק געשפּאַנט ווייטער און אַלץ נאָך געהאָפט, אפשר וועלן מיר פאָרט אָנקומען צו עפּעס אַ ישוב, איידער עס פאַרכאַפּט אונדז דער שטורעם. פּלוצעם איז

געוואָרן שטאָק פינצטער. אין שנײדיקן אויפלײכט פון אַ בליץ, האָבן מיר קוים־קוים געקענט דערזען דעם וועג פאַר אונדזערע פיס.

נו, האָבן די פענצטער פונעם הימל זיך צעעפנט איבער אונדז. דאָס איז ניט געווען קיין רעגן נאָר אַן אמתער מבול. אין געציילטע מינוטן זײנען מיר געוואָרן דורכגענעצט דורך און דורך. אויך נאָכדעם ווי דער שטורעם איז פאַריבער, האָט עס ניט אויפגעהערט צו רעגענען ווער ווייס וויפל שעהן. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר האָבן אַלץ געשפּאַנט מיט שווערע טריט, קיין אַנדער ברירה האָבן מיר במילא ניט געהאַט. אונדזער אָנטאָן איז אונדז געהאַנגען אויפן לײב ווי אַן אוממעגלעך שווערע משא. אונדזערע שטיוול זײנען געוואָרן אָנגעקוואָלן פונעם וואַסער. מיר האָבן שוין פאַרלוירן יעדע האָפענונג זיך צו דערשלעפּן צו עפּעס אַ מענטשלעך וווינאָרט. מיד און צעבראָכן האָבן מיר קוים נאָך געטאָפּטשעט מיט די אויסגעמאַטערטע פיס. מיטאַמאָל האָבן האַרט פאַר אונדזערע אויגן אויפגעטויכט שאָטנדיקע קאָנטורן פון אַ קליין שטיבל. עס האָט געמוזט זײן עפּעס אַ הילצערן ביידל. פּאַמעלעכן האָבן מיר זיך גערוקט לענגאויס דער וואַנט, ביז מיר האָבן געפונען דעם אַרײנגאַנג. איך האָב לײכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, דערנאָך אַביסל שטאַרקער, אָבער קײנער האָט אונדז ניט געענטפערט. איך האָב אַ ציי געטאָן די קליאַמקע. די טיר איז אָפּגעשפּרונגען. דאָס הויז איז ניט געווען פאַרשלאָסן. אַ פײכטע דומפּע לופט האָט אונדז אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײן.

וואָס זאָלן מיר טאָן? דאָס הויז איז קאָנטיק ניט באַוווינט — בעסער אַזוי. אין אָט דעם הינטישן וועטער קענען מיר זיך ווײטער ניט שלעפּן. איך האָב אַרויסגענומען די שוועבעלעך פון מײן טאַש, דער רעגן האָט זיי אָבער גאַנץ דורכגענעצט, און אומזיסט האָב איך זיך געמיט מיט אַלע כוחות צו מאַכן ליכט כאָטשבי אויף אַ ווײל. מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט האַרץ און אַרײן אינעווייניק. דאָס פינצטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מיר האָבן ניט געזען די אײגענע הענט פאַר די אויגן. מיר זײנען געשטאַנען אַ ווײלע אָן באַוועגונג. דערנאָך האָב איך געפרעגט אויף אַ קול: „איז עמעצער דאָ דאָ?“ קײנער האָט ניט געענטפערט. נו האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס דורכגעווייקטע אָנטועכץ און זיך אויסשטרעקן אויפן דיל ביז די זון וועט אויפגיין. אַז איך האָב געהאַלטן אין צומאַכן די טיר, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ פאַל ווי פון עפּעס אַ שווערער זאַך. דאָס האָט זשאַן אָנגעמאַכט דעם ליאַרעם. ער האָט געמאַכט אַ טריט און האָט זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט. אַז ער האָט אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די הענט ניט אומצופאַלן, האָט ער זיך אין עפּעס אָנגעשטויסן וואָס איז אומגעפאַלן מיט אַ קראַך. מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר זיך אײנגעהערט, אָבער אַרום אונדז איז ווידער געוואָרן שטיל ווי אין אַ קבר. מיר האָבן אויסגעשפּרייט אונדזערע נאַסע זאַכן, געלייגט דעם רײזעזאַק צוקאָפּנס און זיך אויסגעשטרעקט. דאָס געלעגער איז ווײט ניט געווען באַקוועם, מיר זײנען אָבער געווען אַזוי מיד, אַז די אויגן האָבן זיך אונדז צוגעמאַכט ווי פון זיך אַליין.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען העלער טאָג. זשאַן איז

פעסט געשלאָפן לעבן מיר. לאַנגזאַם האָב איך זיך אויפגעהויבן און נייגעריק זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַלע זייטן. די זון האָט אַריינגעשיינט אין ליידיקן רוים דורך אַ שמאָל פענצטערל, די הילצערנע ווענט זיינען געווען ווייס געקאַלכט. אויף דער וואַנט מיר אַקעגנ׳בער האָט געהאַנגען אַ גרויסער הילצערנער יעזוס אויפן קרייץ. אונטער אים איז געשטאַנען אַ קליינער אַלטאַר. ביי דער זייט פונעם פענצטערל איז געשטאַנען אַ געל־געפאַרבט דעקל פון אַ טויטנקאַסטן. אויפן דיל האַרט לעבן אונדז איז געלעגן אַ דריטער וואָס האָט זיך ניט גערירט. ניט ווייט פון אים איז געלעגן דער אונטער־שטער טייל פון אַ טויטנקאַסטן. מיטאַמאָל איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. אין דער שטאָק פינצטערער נאַכט זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ מתים־שטיבל, ווו אין אָפענעם קאַסטן אַרויפגעשטעלט אויף צוויי העלצלעך, איז געלעגן אַ מת. אין דער פינצטער האָט זשאַן אומגעוואָרפן אַ העלצל, דער קאַסטן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, דער טויטער קערפּער האָט אַראָפּגעראָלט אויפן דיל.

האַסטיק האָב איך אויפגעוועקט זשאַנען פון שלאָף. דערזען וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט ער געמאַכט גרויסע אויגן. מיר האָבן אויף גיך אַרויפ־געצויגן אויף זיך די נאָך פייכטע קליידער. דערנאָך האָבן מיר אַוועקגע־שטעלט דעם טויטנקאַסטן צוריק אויף די העלצלעך און אַריינגעלייגט אין אים אונדזער שטומען שלאָף־חבר. דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט שנייוווייסע האָר און באָרד. דאָס שמאָלע פּנים איז געווען באַדעקט מיט פיינע קנייטשן, אַ טיפּיש פּנים פון אַן אייפּעל־פּויער.

שווייגנדיק האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס הויז און צוגעמאַכט די טיר. אינדרויסן האָבן מיר געזען אין הינטערגרונט אַ צאָל קברים. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ בערגל. אין דער ווייט האָבן מיר געקענט אויפכאַפּן מיטן אויג אַ דאָרף. ס׳איז אפשר טאַקע געווען דאָס דאָרף וווהין מיר האָבן אין נאַס רעגן אַזוי געגאַרט אָנצוקומען.

עטלעכע טעג שפּעטער זיינען מיר אָנגעקומען קיין אַאַכען. מיר זיינען דאָרטן פאַרבליבן צוויי טעג. געגעסן האָבן מיר אין אַן אכסניה מיטן נאָמען האַרבעריג אינדערהיים. אין אַאַכען האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט די נייטיקע אינפאָרמאַציעס פאַר אונדזער רייזע קיין בעלגיע. מיר האָבן זיך אויך איינגעשאַפט אַ צאָל אַדרעסן פון ביליקע אכסניות אין די שטעט אויף אונדזער וועג ביז בריסל.

די גרענעץ זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען אָן שוועריקייטן. אונדזער ערשטער אָפּשטעל אין בעלגיע איז געווען די שטאָט ליוטיך. אָט די בעלגישע שטאָט האָט דעמאָלט געמאַכט אויף מיר אַ זייער גוטן איינדרוק. דאָס פאַר־ביקע גאַסן־לעבן, די פרעמדע שפּראַך, די גאַסן־הענדלער, וואָס האָבן אויס־געזונגען זייער סחורה, דאָס אַלץ איז געווען פאַר אונדז גאַנץ ניי און האָט אונדז אויפגעמונטערט. צייט האָבן מיר געהאַט, זיינען מיר פאַרבליבן אין ליוטיך אַ פיר־פינף טעג. געוווינט האָבן מיר אין אַ ביליקן איינפאָרהויז פאַר צען סאַנטים אַ נאַכט. קיין ערשט־קלאַסיקער האָטעל איז עס טאַקע ניט געווען, ס׳איז אָבער געווען שפּאָט־ביליק און דאָס איז פאַר אונדז געווען

די הויפּטזאַך. מיר האָבן געמוזט אויסהאַלטן מיט אונדזער קליינעם קאַפּיטאַל אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך.

אין אונדזער איינפאַרהויז האָבן זיך געפונען אַלערליי מדינה־גייערס וואָס האָבן געלעבט, ווי מען זאָגט, פון דער האַנט צום מויל. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די סאַמע טשיקאַווע באַשעפטיקונגען. אין אַזעלכע איינפאָר־הייזער אין דייטשלאַנד, זיינען די געסט געוויינלעך אַרבעטער־געזעלן אין דער גרעסטער מערהייט. דאָ זיינען זיי געווען וואַנדערנדיקע לידיקגייערס און סתם וואַגאַבונדן. ס'איז געווען אַ פֿאַרבנרייך געזינדל פון: זינגערס אויף יאַרידים, גאַסן־הענדלערס, פּעדלערס, געלעגנטלעכע אַרבעטער, אַרומפּאַרנדיקע מוזיקאַנטן, קאָמעדיאַנטן און כלערליי אַנדערע סתם טונקעלע פּאַרשוינען. טייל פון זיי זיינען אַרומגעפאָרן מיט פרויען, וואָס האָבן געוויינלעך אויסגעזען ניט איבעריק אַפּעטיטלעך. קיין פּוריטאַנישע מאָראַל האָט דאָ פאַרשטייט זיך ניט געהערשט.

דאָס גרויסע הושכדיקע גאַסטצימער איז פון פרימאָרגן ביז העט שפּעט אין דער נאַכט געגאַנגען אויף רעדלעך. מען האָט דאָרטן געקענט הערן די פאַרשיידנסטע לשונות און אָבסערווירן אַ געזעמל פון מאָדנע אינדיווידן, וואָס אין געוויינלעכן לעבן טרעפט מען זיי גאָרניט. דער ברודיקער, קיינמאָל ניט־געוואַשענער דיל, איז געווען פאַרמיסטיקט מיט אַלערליי מינים אָפּפאַל. אַרום די ניט־געהובלטע, פּאַרפּאַטשקעטע טישן, זיינען געזעסן מענער און פרויען, געטרונקען ביליקן שנאַפּס און פאַרטריבן די צייט מיט שפּילן אין קאָרטן, אָדער מיט קליינעם אויסבייט־האַנדל. דאָס אַנטועכץ איז כמעט ביי אַלע געווען שמוציק און אָפּגעטראָגן. טייל פון זיי זיינען געווען הויט און ביינער, אַזוי אַז מען האָט זיך געקענט חידושן ווי אַזוי די טראַנטעס האַלטן זיך אויף זיי.

דער שלאָפזאַל איז געווען אָפּגעשלאָסן פון אינדערפרי ביז אַרום צען אין אָוונט. מענער און פרויען זיינען געשלאָפן אין זעלביקן צימער. איידער מען האָט אַריינגעלאָזט אין שלאָפזאַל, האָבן מיר געמוזט דורכגיין גרופּנוויז דורך אַ שמאָל צימער און זיך דאָרטן אויסטאָן אדם־נאַקעט. ביי אַ קליינעם טיש איז געזעסן אַ באַבערדלטער פּאַרשוין און ביים טריבן שיין פון אַ קליין נאַפּט־לעמפּל אַדורכגעזוכט די קליידער און וועש פון די געסט. די „ציכטיקע" האָט מען געלאָזט אַריינגיין אין שלאָפזאַל. די פאַרלייזיקטע האָבן געמוזט שלאָפן אין אַ ספּעציעלן צימער. די פרויען האָבן דורכגעמאַכט די זעלביקע פּראָצעדור וואָס די מענער און קיינער האָט דערפון ניט געמאַכט קיין ווערן.

די בעטן אין שלאָפזאַל זיינען געשטאַנען צו צוויי, איינס איבער דאָס אַנדערע. דאָס בעטגעוואַנד איז באַשטאַנען פון אַן אַלטן צעפליקטן שטרויזאַק. ווער עס האָט ניט געהאַט מיט זיך קיין קאָלדרע, האָט זיך געמוזט צודעקן מיט דעם וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן. קיין פאַרקילונג אין מיטן זומער האָט מען דאָרטן ניט געקענט כאַפּן, דערצו וואָלט מען די לופט אין צימער געקענט שניידן מיט אַ מעסער.

אַז מיר האָבן פאַרלאָזט ליוטיך, האָבן מיר פאַר אַלעמען זיך אָפּגעשטעלט ביים טייך מאָס, כדי זיך אַרומצוואַשן און אַרומרייניקן. אונדזערע אויסגע־

וואָשענע העמדער און אָנטאָן האָבן מיר אַוועקגעלייגט אויף דער זון און פאַרבראַכט דעם טאָג אין באָדן זיך און שווימען. אויסגעבאָדן, מיט אַ ריין העמד אויפן לייב און מיט אָפּגעפרישטע קליידער, האָבן מיר זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן, און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. אונדזער אָפּשטעל אין ליוטיך האָט אונדז געעפנט די אויגן אויף זאַכן, וואָס מיר האָבן וועגן זיי פריער ניט געהאַט די מינדסטע השגה, אָבער דאָס לעבן אויף דער גאַס, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען „די גאַס פון די דערשראָקענע״ (רי דע פערעי), האָט אויף אונדז אויפגעוואָרפן אַ אמת אַנגעוואָרפן אַ מורא.

אונטערוועגס האָבן מיר נאָך געמאַכט אַ קורצן אָפּשטעל אין דער שטאָט לעיווען, וואָס איז באַקאַנט מיט אירע מיטלעלטערלעכע געביידעס. קיין בריסל זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג, צוויי טעג פאַר דער דערעפענונג פונעם קאָנגרעס. איך האָב געהאַט בלויז דעם אַדרעס פונעם סעקרעטאַר פונעם דייטשן לייען־קלוב אין בריסל. מיר זיינען גלייך אַוועק צו אים. ס׳איז געווען אַ היפּשע שטרעקע ביז צום אַנדערן עק שטאָט. דעם געננאָסע האָבן מיר ניט געטראָפן אינדערהיים, אָבער זיין פרוי האָט אונדז געגעבן דעם אַדרעס פון אַ קליינעם רעסטאָראַן אין צענטער פון דער שטאָט, ווו מיר וועלן אים זיכער טרעפן.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעטלעך און מיר זיינען געווען באַזאָרגט וועגן אַ ביליקן נאַכטלעגער.

נאָך לאַנגען אַרומבלאָנקען האָבן מיר ענדלעך געלאַנדיקט אין דעם קאַפע־רעסטאָראַן פּרוק אויף דער „רי דע באַן סעקור״ (די גאַס פון גוטער הילף). דער באַלעבאָס פונעם קאַפע, איז געווען אַן אַלטער דייטשער סאָציאַל־דע־מאָקראַט, וואָס איז זינט לאַנגע יאָרן געווען אַ בריסעלער תושב. זיין לאָקאַל איז געווען דער טרעפפונקט פון אַלע דייטשע סאָציאַליסטן אין דער בעלגי־שער הויפּטשטאָט. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן ניט נאָר דעם סעקרעטאַר פונעם לייען־קלוב, נאָר אויך אַ דריי־פיר אַנדערע דייטשע געננאָסן. אויסגע־הערט פון מיר ווער און וואָס מיר זענען, האָט מען אונדז גלייך אויפגענומען אויף אַ גאַר פריינדלעכן אופן. די געננאָסן זיינען געווען אַ שפּאַר ביסל פאַר־חידושט, וואָס מיר האָבן זיך געלאָזט צופוס אויף אַזאַ וויטן וועג, אָבי בייצוווין אויפן קאָנגרעס. זיי האָבן אונדז געקיבוצט אַז מיר וועלן אָן ספק זיין די איינציקע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געהאַט פאַר אַזאַ צוציונגס־קראַפט. אונדזערע נייע פריינד האָבן קאָנטיק ניט איבעריק שטאַרק געגלייבט, אַז דער קאָנגרעס זאָל קענען זיין דערפאָלגרייך. זיי האָבן אַפילו געהאַלטן אַז אויפן קאָנגרעס קען עס דערגיין צו גאָר ניט קיין פריינדלעכע אינצידענטן, וואָס וואָלטן פאַר דעם סאָציאַליזם קיין גרויסע טובה ניט געווען.

מיר האָבן פאַרבראַכט מיט די געננאָסן אַ פאַר שעה, און געשמועסט וועגן די צושטאַנדן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. דערביי האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער קאַמף צווישן די יונגע און אַלטע איז דערגאַנגען אויך צו די דייטשע סאָציאַליסטן אין בעלגיע. דאָס איז אַפּנים טאַקע געווען די סיבה פאַרוואָס אונדזערע גאַסטגעבער, האָבן ניט געגלייבט, אַז דער קאָנגרעס קען האָבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

איינער פון די גענאָסן האָט אונדז שפּעטער באַגלייט צו אַ ביליקן הארבעריק איבערצונעכטיקן. דער פּלאַץ איז ווייט ניט געווען אַזוי אויס־טערליש ווי אין ליופּטיך. און ריינער אַוודאי. דער פּרייז איז אָבער געווען דריי מאָל אַזוי פיל ווי דאָרטן, און ס'איז נאָך אַלץ געווען ביליק, אָבער פּאַרט מער ווי גענוג פאַר אונדזער פאַרמעגן. אָבער איצט האָבן מיר שוין דערויף אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. מיר האָבן דערגרייכט אונדזער ציל, און דאָס איז פאַר אונדז געווען דער עיקר. דער קאָנגרעס דאַרף אָנהאַלטן ניט לענגער ווי אַ וואָך, און ביז דעמאָלט וועט אונדזער ביסל מזומנים נאָך סטייען. וועגן שפּעטער האָבן מיר זיך ניט געוואָלט קימערן. אַזוי באַלד ווי מיר וועלן זיין אויפן ברייטן שליאַך, וועט זיך שוין עפּעס אָפּזוכן.

אויף מאָרגן איז געווען אַ זונטיק. מיר האָבן דעם גאַנצן טאָג אויסגע־מאָסטן די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט. ברוסל איז אַ שיינע שטאָט און רייך מיט היפּשע גאַסן־בילדער און מיט היסטאָרישע רעמינע־סענצן. דערביי האָט אַלץ אַרום אונדז אויסגעזען אַזוי פריי און אומגעצוווּנגען, ווי מיר האָבן זיך אַזוינס פאָרגעשטעלט בלויז אין פּאַריז. פאַר אונדז איז עס געווען אַ נייע וועלט. מיר האָבן זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן מיט דעם אימפּעט און האַוועניש אַרום אונדז, און כמעט אין יעדער שטאָט־טייל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַן איבעררּאַשונג. אינגאַנצן צעטומלטע פון די פולע איינדרוקן, האָבן מיר אין אָוונט זיך דערשלאָגן צום קאַפע פּרוק, וווּ מיר האָבן נעכטן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט די גענאָסן. זיי האָבן אונדז געמאַכט אַ וואַרע אויף אַ גאָר האַרציקן אופן. דער לאָקאַל איז געווען געפּאַקט מיט זונטיקדיקע באַזוכער. מיר האָבן געזען אַ סך נייע פּנימער. דער פאָרזיצער פונעם לייען־קלוב האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר אַלעמען. מיר האָבן דאָ געטראָפן אויך אַן ענגערן לאַנדסמאַן, פון מאַינץ. ער האָט זיך מיט אונדז דערפרייט ווי מיט אייגענע און אונדז גלייך פאַרבעטן צום אָוונטברויט.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן מיט אונדזערע נייע פריינד אין ווייטן עק פונעם קאַפע און ביים עסן געפירט אַ לעבעדיקן שמועס. מיר איז פּלוצעם אויפגעפאַלן אַ שלאַנק־וווקסיקער יונגערמאַן וואָס איז געגאַנגען פון טיש צו טיש און פאַרקויפט ציטונגען. אַז ער איז צוגעקומען צו אונדזער טיש, האָט ער זיך קורץ באַגריסט מיט אונדזער לאַנדסמאַן און אים פאַרגעלייגט צוויי ציטונגען: „די אויטאָנאָמיע" און „דער אַנאַרכיסט". איך האָב ביז דעמאָלט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לייענען אָט די ציטונגען, איך האָב אָבער געוווּסט וועגן זיי, אַז „די אויטאָנאָמיע" ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע דייטשע אַנאַרכיסטן אין לאָנדאָן און „דער אַנאַרכיסט" איז דער אָרגאַן פון אַן ענלעכער גרופּע אין ניו יאָרק. דער אָנבליק פון אָט די ציטונגען האָט מיך דערמאָנט מיינע שמועסן מיט קאַוואַשן, און וואָס דער אָנקל האָט מיר דעמאָלט דערציילט וועגן די אַנאַרכיסטן. איך האָב שטאַרק חשק געהאַט זיך צו באַקענען נעענטער מיט אָט דער באַוועגונג. מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס וועגן קאַוואַשן. אַז דער יונגערמאַן איז פון אונדז

אַוועק, האָב איך געפרעגט מיין לאַנדסמאַן, צי ער קען אָט דעם ציטונגס־פאַרקויפער און צי ער ווייסט וואָס פאַר אידעען ער פאַרטרעט.

אָ, דאָס איז לאַמבערט״, האָט ער געענטפערט, „אַ זייער אַקטיווער אַנאַרכיסט, פון דעסט וועגן איז ער אַ גאַנץ פיינער, אַ גאַנץ אַנשטענדיקער חברהמאַן.״

אַזאַ אינפאָרמאַציע איז מיר ניט געווען איבעריק צום האַרצן, און איך האָב געפרעגט מיין פריינדלעכן גאַסטגעבער, צי אַנאַרכיסטן זיינען ווי אַ כלל ניט קיין אַנשטענדיקע מענטשן. „ניין, דאָס קען מען ניט זאָגן״, האָט ער געענטפערט, „איך קען אַ היפּש ביסל פון זיי וואָס זיינען זייער ערנט־לעכע לייט, אויך בעלגיער, אָבער עס זיינען פאַראַן אין זייערע רייען ניט גאַנץ אַנשטענדיקע פאַרשוינען, וואָס ס׳איז בעסער ניט צו האָבן מיט זיי קיין מחזקות. מיינע סאָציאַליסטישע פריינד האַלטן מיך פאַר אַ האַלבן אַנאַר־כיסט. זייער געזעלשאַפט זאָל מיר ניט פאַרקומען אַזוי אומבאַשטימט, וואָלט פון מיר אפשר געוואָרן אַ גאַנצער אַנאַרכיסט.״

איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע ביז גאָר אינטערעסאַנטע איבער־לעבונגען מיט קאָוואַשן און האָב אים געפרעגט, צי איך וואָלט זיך ניט געקענט דערוויסן ביי לאַמבערטן גענויער וועגן קאָוואַשן. דאָס האָט מיין לאַנדסמאַן, פאַרשטייט זיך, ניט געוווסט. ער האָט געהאַלטן אַז איך קען זיך פרוון אָנפרעגן ביי לאַמבערטן, ווייל ער האָט אַ סך פאַרבינדונגען און ס׳איז גריילעך מעגלעך ער זאָל זיין אין שטאַנד אויסצוגעפינען אַ גענאָסע, וואָס איז מיט קאָוואַשן פון איין ריכטונג. מיר איז עס געגאַנגען ניט בלויז אין קאָוואַשן אַליין. איך האָב געוואָלט פאַר דער צייט וואָס איך בין אין אויסלאַנד אָנקניפּן פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן אונדז שפּעטער צונוץ קומען אין דייטשלאַנד. פון מאַינץ איז דאָס ניט געווען מעגלעך צו דערגרייכן.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט לאַמבערטן. וועגן קאָוואשן האָט ער קיין שום ידיעות ניט געהאַט. ער האָט מיר אָבער צוגע־זאָגט זיך נאָכצופרעגן ביי אַנדערע גענאָסן, וואָס ווייסן אפשר עפּעס וועגן אים. מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט זיך צו באַקענען נענטער מיט אַ באַוועגונג, וואָס איך האָב געהאַט בלויז אַ שוואַכע פאַרשטעלונג וועגן אירע עיקרדיקע צילן. איך האָב געפרעגט לאַמבערטן, צי ס׳איז ניט מעגלעך זיך צו טרעפן מיט אים אויג אויף אויג, פאַר דער צייט וואָס מיר פאַרבלייבן אין בריסל. ער איז גלייך דערויף איינגעגאַנגען און צוגעזאָגט צו קומען אויף מאָרגן צו אונדז אין האָטעל, און גיין צוזאַמען מיט אונדז אין פאָלקסהויז.

לאַמבערט איז געקומען אויף מאָרגן פינקטלעך צו דער אָפּגערעדטער צייט, און מיר זיינען מיט אים אַוועק אין פאָלקסהויז פון די בעלגישע סאָ־ציאַליסטן. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ סך גרופּעס מיט רויטע פענער און סינדיקאַליסטישע פּלאַקאַטן. זיי זיינען אַלע געגאַנגען צו דער דערעפענונג פונעם קאָנגרעס, וואָס די בעלגישע אַרבעטערשאַפט האָט געוואָלט פאַר־וואַנדלען אין אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע. ס׳איז מיר היינט נאָך שווער צו באַשרייבן דעם שטאַרקן איינדרוק פון אָט דער מאַניפעסטאַציע. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דעמאָלט געזען סאָציאַליסטן מאַרשירן אין אַ

גאָסן־דעמאָנסטראַציע, און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. פאַר מיין יונגער נשמה איז עס געווען אַן אַנטפּלעקונג. דאָס האַרץ איז מיר איבערגעגאַנגען איבער די ברעגעס פון באַגייסטערונג.

מען דאַרף דערביי ניט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען געקומען פון דייטשלאַנד, ווו סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס אין דער פריי, מיט צעוויקלטע רויטע פאָנען, איז געווען אַ גאַנץ אומבאַקאַנטע דערשיינונג. אַפילו נאָכדעם ווי ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, האָט מען וועגן אַזעלכע זאַכן גאָר ניט געקענט חלומען. דאָ איז מיר צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן קלאָר געוואָרן דער שפּלדיקער פּאָליטישער צושטאַנד אין מיין געבוירנלאַנד. מען האָט אונדז רק איינגערעדט, אַז די דייטשע אַרבעטערשאַפט מאַרשירט אין שפּיץ פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט. אָבער אין אָנבליק פון די בעלגישע סאָציאַליסטן איז עס פאַר מיר געוואָרן צו אויפ־פאַלנדיק, אַז מיט אונדזער גאַנצער אָרגאַניזירטקייט, מיט אונדזער גאַנצער פּאַרטיי־דיסציפּלין, זיינען מיר ניט געווען אין שטאַנד צו דערגרייכן די רעכט און פרייהייטן, וואָס זיינען אין די מערב־לענדער געוואָרן אַ טייל פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע.

געוויס, מיט מיין יוגנטלעכער איינבילדונגס־קראַפט, האָב איך דעמאָלט יאַבערגעטריבן דעם תוכיקן באַטייט פון אַזאַ דעמאָנסטראַציע. ס'איז אָבער פאַרט געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דעם לאַנד ווו דאָס פאָלק האָט די מעגלעכקייט פריי אויסצונוצן די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען פון אַ פריִערדיקער צייט, און דעם צושטאַנד ווו דער מענטש מוז זיין לעבן־לאַנג פּילן אויף שריט און טריט די דריקנדיקע אַפּוטרופּסות פון אַ טעמפּער פּאָליציי, און אַן ענגהאַרציקער אייבערמאַכט. אַזאַ צושטאַנד מוז דערשטיקן ביים יחיד דאָס געפיל פון אייגענער ווערטיקייט און פּאַראַליזירן די גאַנצע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג, די גאַרע ווייטערדיקע געשטאַלטונג. אין אַזאַ צושטאַנד מוז אונטערטעניק ווערן דעם מענטשנס צווייטע נאַטור. ביסמאַרק אַליין האָט זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס דעם דייטש פעלט ציווילער מוט, באַגלייך ניט קיין אַנדערער ווי ער אַליין האָט בייגעטראָגן דערצו, אַז דער פּאָליציאַנט זאָל מיט זיין קניפּל אַרויסשלאָגן אָט די הויכע מידה פונעם דייטשן פאָלקס־מענטשן. מיט אָט דעם פאַקט אַליין קען מען דער־קלערן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טראַגעדיע פונעם דייטשן פאָלק.

מחשבות וועגן קאָנגרעס

ביים אַריינגאַנג צום פֿאָלקהויז האָט געהאַנגען אַ גרויסע רויטע פֿאָן. אַרום האָט געקאָכט מיט לעבן. הונדערטער מענטשן מיט יום־טובדיקע פּנימער זיינען געשטאַנען אין קליינע גרופּעס און אימפּעטדיק זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פון דער גרויסער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט זיך אָקערשט פֿאַר־ענדיקט. צווישן עולם זיינען אויך געווען ניט ווייניק דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. לאַמבערט האָט אונדז אָנגעוויזן אויף אַ גאַנצער ריי באַקאַנטע פּערזענלעכ־קייטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פֿאַרשיידענע לענדער. לויט זייערע נעמען זיינען אַ סך פון זיי מיר געווען באַקאַנט פון די צייטונגען, און עס האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט צו זען פֿאַר זיך אָט די מענטשן פּנים לפנים. מען האָט אויך געקענט זען אין עולם אַ היפּשע צאָל אומקאָנ־ווענציאָנעלע געשטאַלטן, וואָס מען טרעפט זיי ניט אָפט מיטאַנאַנד אין אַזאַ פֿאַרביקן געזעמל.

די דערעפענונג פונעם קאָנגרעס איז פֿאַרגעקומען אין גרויסן זאַל פונעם פֿאָלקסהויז, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ניט גרויס גענוג, כדי אַריינצונע־מען דעם גאַנצן פֿאַרזאַמלטן עולם. די ווייטערדיקע זיצונגען האָט מען דערפֿאַר אַריבערגעפירט אין אַ גרעסערן לאָקאַל. אָפיציעלע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס זיינען געווען 350, אַ העלפט פון זיי זיינען געווען בעלגיער. פון אַנדערע לענדער זיינען געווען פֿאַרטראָטן צום שטאַרקסטן דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך. באַגריסט די פֿאַרזאַמלטע האָט זשאַן וואַלדערס, איינער פון די דעמאָלטיקע פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן פון דער בעלגישער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין עפענונגס־רעדע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ענטוזיאַזם און ברען. ער האָט באַזונדער באַטאָנט דעם פֿאַקט, וואָס זינט די צייטן פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, זיינען אויף אָט דעם קאָנ־גרעס צום ערשטן מאָל פֿאַרטראָטן אַלע ריכטונגען אין סאָציאַליזם און אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג. צום קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1889 האָט מען אַזאַ אויפטו ניט געקענט דערגרייכן.

אין ווייטערדיקן גאַנג פונעם קאָנגרעס האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן ווי עס האַלט אין דער אמתן מיט דער אַזוי געריימטער פּראָלעטאַרישער איינִיקייט. צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט דער קאָנגרעס דעבאַטירט די איינציקע

פראַגע, צי מען זאָל יאָ אָדער ניט צולאָזן צום קאָנגרעס די אַנאַרכיסטן. דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט גאַנץ שטורמישע, און צום באַדויערן, אויך היפּשלעך מיאוסע סצענעס. די דייטשע דעלעגאַטן האָבן זיך אויסגעצייכנט צום שאַרפסטן מיט זייער אומטאָלעראַנץ. די צאָל אַנאַרכיסטישע פאַרטרעטער איז געווען אַ קנאַפּע. צו עטלעכע דעלעגאַטן פון בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, שפּאַניע און ענגלאַנד. די צוויי שפּאַניער האָבן פאַראייניקטערהייט פאַרטראַטן די גרעסטע קאַטאַלאַנישע סינדיקאַטן און סינדיקאַטן פון אַנדערע שפּאַנישע פּראָווינצן. אין דער דעבאַטע זיינען די אַנאַרכיסטן געקומען צום וואָרט בלויז אַ פּאָר מאָל. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער איטאַליעני־שער אַנאַרכיסט סאַווועריאָ מערלינאָ. זיין אויספיר איז געווען: אויב דער קאָנגרעס רופט זיך סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, קען מען ניט באַזייטיקן די אַנאַרכיסטן, מחמת קיינער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעפרעגט דעם סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אָן די אַנאַרכיסטן מוז דער קאָנגרעס פאַרבלייבן בלויז אַ צוזאַמענפאָר פון סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פאַרטייען און פון די סינדיקאַליסטן.

מערלינאָ איז מיט אַ צייט פאַר דעם קאָנגרעס געוואָרן דעפּאָרטירט פון בעלגיע. צום קאָנגרעס איז ער געקומען אונטער אַ פרעמדן נאָמען. ער האָט וועגן דעם אינפאָרמירט דעם פאָרזיצער פון דער זיצונג. אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי פאַרעפנטלעכט מערלינאָס נאָמען אין באַריכט פון די קאָנגרעס פאַרהאַנדלונגען. מערלינאָ איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך דעם זעלביקן טאָג, און ער איז געווען אויסגעשטעלט דער סכנה די בעלגישע פּאָליציי זאָל אים אויסליפערן דער איטאַליענישער מאַכט, וואָס האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר אים אַ שווערע שטראָף פאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. בלויז אַ דאַנק דעם וואָס סע האָבן זיך אַריינגעמישט אַ צאָל אמתע דעמאָקראַטן, האָט מען אויסגעפועלט ביי דער בעלגישער פּאָליציי זי זאָל לאָזן מערלינאָן אָפּפאָרן קיין ענגלאַנד.

אין רעזולטאַט פון דער צווייטאָגיקער דעבאַטע, האָט דער קאָנגרעס, מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען אָנגענומען דעם באַשלוס ניט צו ראַטי־פיצירן די אַנאַרכיסטישע מאַנדאַטן. אונטערן באַשלוס זיינען אַרונטערגע־פאַלן אַפילו די צוויי שפּאַניער וואָס האָבן פאַרטראַטן די גרעסטע סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון זייער לאַנד. ווי דעם איינציקן פאַרטרעטער פון שפּאַניע האָט דער קאָנגרעס אָנערקענט דעם פירער פון די שפּאַנישע סאָציאַליסטן פּאַבלאָ איגלעסיאַס, כאָטש ס'איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין שפּאַניע באַשטייט פון אַ הייפעלע מיטגלידער, וואָס ווערט שפּאָטיש באַצייכנט ווי „די מיקראָסקאָפּישע פאַרטיי." די פּראַזע „פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט" האָט אויף דעם קאָנגרעס געמוזט אַרויסרופן זייער אַ סך ספקות.

אָט די ערשטע פאַזע פונעם קאָנגרעס איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקע אַנטוישונג. פון דעם טיפן איינדרוק וואָס סע האָט אויף מיר געמאַכט די מאַניפעסטאַציע מיט אַ טאָג פריִער, איז דעמאָלט קיין סך ניט געבליבן.

אויך דער ווייטערדיקער פאַרלויף פונעם קאָנגרעס האָט מיר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט פאַר אַ מונטערער שטימונג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך בין בייגעווען אויף אַ קאָנגרעס פון אַזאַ פאַרנעם, און מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן מיין דעמאָלטיקע נאַיווע געשפּאַנטקייט. די מיאוסע פּראָצעדורן אין דער דעבאַטע וועגן די אַנאַרכיסטן און זייער אויסשלוס, האָט פאַר געוויס היפשלעך געדעמפּט מיין באַגייסטערונג. אָבער אויך אָן אָט־די אינצידענטן, זיינען שוין מיינע ערשטע איינדרוקן פונעם קאָנגרעס ניט געווען קיין גאָר געהויבענע. דער סדר־היום פונעם קאָנגרעס איז געווען אומגעהייער איבערגעלאָדן און דערצו מיט ענינים וואָס האָבן בכלל ניט געהאַט קיין איבעריקן וויכטיקן באַטייט פאַרן סאָציאַליזם.

אין תוך גענומען איז אויפן בריסעלער קאָנגרעס געשטאַנען אויפן סדר־היום איין פּונקט וואָס האָט געקענט אַרויסרופן אַ טיפערע פאַראינטערעסירונג — דער פּונקט וועגן דער שטייגנדיקער מיליטאַריזירונג אין אייראָפּע און די מיטלען, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט צו זיין רשות ניט צו דערלאָזן עס זאָל קומען צו אַ וועלט־מלחמה. די וויכטיקייט פון אָט דעם פּונקט קען מען מעסטן מיטן פאַקט, וואָס אויף אַלע נאָכקומענדיקע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן איז די פאַרשאַרפסטע פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע געשטאַנען אין מיטלפּונקט פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען.

שוין דעמאָלט אויפן בריסעלער קאָנגרעס האָבן זיך בולט געלאָזט מערקן אָנזאָגנדיקע צייכנס פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן די וועלט מיט 23 יאָר שפּעטער. די קאָלאָסאַלע באַוואָפענונגען, וואָס זיינען געווען אין גאַנג אין די מערסטע אייראָפּעיִשע לענדער, די אומגעהייערע סומען, וואָס דער מיליטאַריזם האָט פאַרשלונגען אומעטום פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה, האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַן אומדערטרעגלעכער יאָך פאַר די ברייטע מאַסן. קיין שום רעגירונג האָט אָבער ניט געקענט געפינען קיין מאָטיוו וואָס זאָל באַרעכטיקן אַ פאַרשלאַג אָפּצושטעלן דאָס מיליטאַריסטישע געיעג. די מלחמה וואָס אַלע האָבן זיך פאַר איר אַזוי געשראָקן, און וואָס אַלע האָבן זיך צו איר געגרייט, איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן אומפאַרמייד־לעכקייט. די פאָלקס־מאַסן פון זייער זייט האָבן גאָרניט געטאָן אָפּצושטעלן דאָס פאַרברעכן, וואָס האָט געמוזט שטויסן גאַנץ אייראָפּע אין אָפּגרונט.

ס׳איז דערפאַר געווען נאַטירלעך, אַז אַרום אָט דעם פּונקט פון טאָג־אָרדענונג, זאָל זיך קאָנצענטרירן דער עיקר אינטערעס פונעם קאָנגרעס. אין די באַזונדערע קאָמיסיעס איז עס טאַקע געקומען צו שאַרפע דעבאַטעס. די צוויי פאָרשטייער פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך (ליבקנעכט און וואַיאַן) האָבן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז דער קאָנגרעס זאָל דעקלאַרירן דעם מיליטאַריזם ווי אַ דירעקטן רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע, און אַז בלויז אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג וועט זיין אין שטאַנד איינצושטעלן אַ שלום צווישן די פעלקער. דער אויספיר פון אָט דעם פּראָיעקט פאַר אַ רעזאָלוציע איז געווען, אַז עס דאַרף זיין דער חוב פון יעדן איינעם וואָס וויל מאַכן אַ סוף צו מלחמות, זיך אָנצושליסן אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. צום סוף האָט די פּראָיעקט־

רעוואָלוציע באַטאָנט, אַז די שולד פֿאַרן אויסבראָך פֿון אַ מלחמה פֿאַלט אינגאַנצן אויף די הערשנדיקע קלאַסן, און אויפֿגעפֿאָדערט די אַרבעטער צו באַקעמפֿן ענערגיש כלערליי שאָוויניסטישע העצערייען און פֿאַרגיכערן דעם טריאומף פֿונעם סאָציאַליזם.

וועגן פּראַקטישע מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרמיידן די מעגלעכע מלחמה איז אין דער רעזאָלוציע ניט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין איין וואָרט. דער פּאַטאַליסטישער טאָן פֿונעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג, האָט געקענט בייטראָגן אַ שפּאָר ביסל דערצו, אַז די אַרבעטער, זאָלן אָננעמען פֿאַר ליב די אומפֿאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפֿע און זאָלן איבערלאָזן פֿאַר דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער גאולה די מי איבערצומעכטיקן דעם גזר פֿונעם הימל. די מחברים פֿון אָט דער רעזאָלוציע האָבן אויך ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק אָנצוווייזן די אַרבעטער, אַז אָן זייער מיטווירקונג ווי דער פּראָדוצירנדיקער קלאַס, איז בכלל ניט מעגלעך קיין שום מלחמה. אָט די פּירער איז קענטיק גאָרניט געקומען אויפֿן זינען, אַז מיט זייער איינשטעל פּרעגן זיי אָפּ ממילא יעדן פּראַקטישן באַטייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. בעת די דעבאַטן האָט ליבקנעכט באַזונדערס באַטאָנט דעם פֿאַקט וואָס די פֿאַר־טרעטער פֿון דער דייטשער אַרבעטערשאַפֿט מוזן ביי אַזעלכע באַשלוסן זיין זייער אָפּגעהיט, און ניט געבן דעם הערשנדיקן קלאַס פֿון זייער לאַנד אַן איבעריקן מאָטיוו פֿאַר אַ נייעם סאָציאַליסטן־געזעץ.

יענע פֿאַרגעדענקלעכע דעבאַטע האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט מיטן אויפֿטרעטן פֿונעם האָלענדישן סאָציאַליסט דאָמעלאָ ניאייוונהואיס. די הויכע געשטאַלט פֿונעם געוועזענעם פּריסטער, זיין עקספּרעסיוו פּנים מיט דער בלאָנדער באָרד און קלאָרע רויִקע אויגן, האָבן גלייך געגעבן צו פֿילן, אַז מען האָט פֿאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט. זיין אופֿן רעדן מיט פּשוטע, איבערצייגנדיקע ווערטער, האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם ערשטן איינדרוק. ניאייוונהואיס האָט דערקלערט אַז די גאַנצע רעזאָלוציע איז ניט מער ווי אַ צונויפֿשטעל פֿון אַלגעמיינער מויל־מלאכה, אָן אַ פֿונק פֿון נשמהדיקייט, וואָס זאָל געבן די אַרבעטער אַ קאָנקרעטן דירעקטיוו ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דער סכנה פֿון אַ מעגלעכער מלחמה. עס געשיקט זיך ניט אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף די הערשנדיקע קלאַסן די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטונג פֿאַר דעם מלחמה־פֿיבער, און לאָזן אַלץ מיטאַנאַנד אויף הפקר. עס לייגט זיך אויך ניט אויפֿן שכל, אַז אונדזער מאָראַלישער צאָרן, זאָל מאַכן אַ טיפֿערן איינדרוק אויף די טרעגער פֿון דער הייַנטיקער אָרדענונג, אויב אָט דער צאָרן זאָל ניט ווערן רעאַליזירט אין ממשותדיקע מעשים, וואָס זאָלן אַרויס־רופֿן צו זיך דעם געהעריקן רעספּעקט. די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿאַלט ניט בלויז אויף די הערשנדיקע קלאַסן, נאָר אויך אויף די וואָס קוקן זיך צו צו זייערע פֿאַרברעכנס גאַנץ רויִק, און שטעלן ניט דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. שולדיק איז יעדער איינער, וואָס איז ניט אַנטשלאָסן אָפּצושטעלן די מאַכט־גיריקייט פֿון אַ קליינער מינאָריטעט.

מיט אַן אויג אויף דער שווערער לאַגע פֿון די דייטשע סאָציאַליסטן, האָט ניאייוועןהואיס דערקלערט, אַז מען קען ניט פֿאָדערן פֿונעם קאָנגרעס

קיין ספּעציעלע איינזעעניש פאַר איינציקע לענדער, ווען עס שטייט אין קאָן דער גורל פון מיליאָנען, באַזונדערס ווען עס גייט די רייד וועגן אַ לאַנד, וואָס איז צום מינסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם געשאַפענעם צושטאַנד אין אייראָפּע. די ירושה פונעם באָנאַפּאַרטיזם האָט איבערגענומען דער דייטשער מיליטאַריזם און זיין מוטווילליקע פּאָליטיק — די מיליטאַריזירונג פונעם גאַנצן קאָנטינענט.

ניאייווענהוואיס האָט דערביי געגעבן אַן איבערבליק אויפן מצב אין אייראָפּע, זינט דער דייטש־פראַנצייזישער מלחמה פון 1870־71 און אָנגעוויזן, אַז דער דרייבונד, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און ביסמאַרקס אַגרעסיווע פּאָליטיק, האָבן געשטויסן פראַנקרייך צו אַן אַליאַנץ מיט רוסלאַנד, וואָס קיין שום סאָציאַליסט וועט זיך ניט אונטערשטעלן אָפּצופרעגן איר רעאַקציאָנערן כאַראַקטער. אָבער אין דער אמתן איז ביסמאַרקס סיסטעם דער מיטלפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע אין אייראָפּע. עס קען בכלל ניט געמאָלט זיין קיין אויסקוק אויף אַ בעסערונג אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט קומען צו אַן איבערבייט פונעם רעזשים אין דייטשלאַנד. אונטער ביסמאַרקס הערשאַפט איז דייטשלאַנד געוואָרן אַ פּערמאַנענטע סכנה פאַרן שלום אין אייראָפּע. די קלענערע לענדער באַקומען דאָס צו פילן, וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. גראַד די דייטשע סאָציאַליסטן וואָלטן באַדאַרפט זיין די ערשטע דאָס איינצוזען; דער עקסיסטירנדיקער רעזשים אין זייער לאַנד איז אַן אומגליק ניט נאָר פאַרן דייטשן פאָלק, נאָר אויך פאַר אַנדערע פעלקער וואָס שרעקן זיך צו ווערן אַריינגעצויגן אין אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד. דער פאַרנעם פון זייער פאַראַנטוואָרטונג לייגט אַרויף אויף די דייטשע סאָציאַליסטן גרעסערע פליכטן. גאַנץ פשוט, אין לאַנד מיט דעם שטאַרקסטן מיליטאַריזם, מוז אויך שטאַרקער זיין דער ווידערשטאַנד קעגן מיליטאַריזם.

ניאייווענהוואיס האָט ניט איגנאָרירט די מעגלעכע רעפּרעסיעס, וואָס אַן אַלגעמיינע אַקציע קעגן דער סכנה פון אַ מלחמה קען אַרויסרופן, ניט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע לענדער, לויט אים אָבער איז יעדער מעגלעכער קרבן אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דער אומגעהייערער קאַטאַסטראָפע, וואָס אַן אייראָפּעישע מלחמה איז מסוגל צו ברענגען אויף די פעלקער, ספּעציעל אויף די אַרבעטער. צו אַן אויסערגעוויינלעכער סיטואַציע מוז מען זיין גרייט מיט אויסערגעוויינלעכע מיטלען. פאַרן מאָמענט זעט מען אָבער ניט אַז אַפילו די דייטשע אַרבעטער זאָלן עפּעס טאָן קעגן די אינטענסיווע מיליטערישע צוגרייטונגען פון זייער רעגירונג. דער האָלענדישער פאַרטרעטער, האָט געוואָרנט דעם קאָנגרעס ניט צו גלייבן די אַלערליי גערעדערייען וועגן שלום, וואָס דערטראָגן זיך פון די אָפיציעלע רעגירונגס־קרייזן. ער האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די מיליטאַריסטישע פאַרבינדונגען ביי ביידע צדדים, מוזן פירן אומפאַרמיידלעך צו אַן אייראָפּעישער מלחמה, אויב די פעלקער וועלן ניט אָננעמען באַצייטנס ענערגישע אַקציעס. ער האָט פאַרגעלייגט דעם קאָנגרעס גלייך צוצוטרעטן צו אַ ברייטער אַנטימיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע לענדער, און צוגרייטן די ברייטע פאָלקס־מאַסן פּסיכאָלאָגיש צו אַ העפטיקן קאַמף קעגן

דער טאָג־טעגלעכער העצע צו מלחמה מצד דעם צעיושעטן נאַציאָנאַליזם. פֿאַר יעדן ערלעכן סאָציאַליסט מוז עס ווערן אַ חוב אויפֿצוקלערן די אַרבעטער, אַז אין זייערע הענט ליגט די מאַכט צו פֿאַרמיידן די מלחמה, ווייל אָן זיין פּראָדוקטיווער מיטווירקונג וועלן די אַרמייען בלייבן גאַנץ אוממאַכטיק. נאָר אַ גענעראַל־שטרייק וועט זיין בכוח צו באַזייטיקן די סכנה פֿון אַ קריגס־דערקלערונג.

די דייטשע דעלעגאַטן האָבן ניט גערן אויסגעהערט ניאייווענהויסעס רעדע. דאָס האָט מען לייכט געקענט מערקן פֿון די פֿאַרשיידענע צווישנרופֿן מצד דער דייטשער דעלעגאַציע. ווען דער רעדנער האָט דערמאָנט דעם קאָנגרעס, אַז טאַקע דאָ אין בריסל, אין 1868, האָט דער דריטער קאָנגרעס פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, ווי די וואָס ער לייגט פֿאָר, האָט ליבקנעכט אים איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג, אַז יענע רעזאָלוציע האָט פֿון דעסט וועגן פֿאָרט ניט געשטערט עס זאָל אויסברעכן די מלחמה פֿון 1870־71. ניאייווענהויס האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט קאָלטער זאַכלעכקייט, אַז דעמאָלט איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג נאָך געלעגן אין אירע ווינדעלעך, און אַז דער מוט וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעמאָלט דווקא יאָ אַרויסגעוויזן איז פֿאַר אַ סך פֿאַרבליבן אַ מוסטער פֿון ניט לאָזן זיך אָפּשרעקן פֿון אַלע שוועריקייטן. אָט די קאַטעגאָרישע שטעלונג מצד די גרויסע פֿאָרקעמפֿער פֿון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע, דאַרף גראָד זיין פֿאַרן קאָנגרעס אַן אידעאַלער ביישפּיל ווי צו האַנדלען. דער פֿאַקט וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל איז דעמאָלט נאָך ניט געווען אין שטאַנד צו רעאַליזירן זיין באַשלוס, קען ניט דינען ווי אַ באַווייז קעגן זיין ריכטיקייט. אויב מיר זאָלן האָבן אין אויג די רעאַלע באַדינגונגען אויף דעם זעלביקן אופֿן ווי עס טוט עס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, וואָלט עס געקענט גרייליך פּאַסירן, אַז אין אַ קומענדיקער מלחמה זאָלן די סאָציאַליסטן קעמפֿן אין ערשטער ליניע קעגן יענע וואָס האָבן די מלחמה אַרויסגערופֿן.

צי האָט דער האָלענדישער פֿאַרטרעטער ניאייווענהויס דעמאָלט געהאַט אַ השגה וועגן אַ מין נביאישן וועלט־בליק, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיינע וואָרענונגען? זיינע אויספֿירונגען האָבן אויף יעדן פֿאַל אויפֿגערודערט דעם קאָנגרעס. זיין רעדע האָט געווירקט אַפֿילו אויף אַזעלכע וואָס האָבן ניט מסכים געווען מיט אַלע זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. אויף מיר האָט זיין רעדע געמאַכט אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק. זיין מאַניר צו רעדן רו:ק מיט ווערדע, די איבערצייגנדיקע קלאָרקייט, וואָס מיט איר האָט ער באַהאַנדלט זיין מאַטעריאַל — דאָס אַלץ האָט מיך ממש פֿאַרכאַפּט. איך האָב געפֿילט, אַז דאָ האָט גערעדט אַ מענטש, וואָס שטייגט ווייט אַריבער דעם געוויינלעכן דורכשניטלעכן פּראָפּאַגאַנדיסט. אין תּוך גענומען איז ניאייווענהויסעס רעדע געווען דער גייסטיקער גלאַנץ־פּונקט פֿונעם קאָנגרעס. צו זיין הייך האָט זיך ניט דערהויבן קיין שום אַנדערער רעדנער.

פֿון די רעדנער וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, פֿאַר און קעגן ניאייווענהויסן, האָט ליבקנעכט אַרויסגערופֿן די גרעסטע סענסאַציע. אין די באַריכטן

פונעם קאָנגרעס איז יענע דעבאַטע טאַקע באַצייכנט געוואָרן ווי „דער דועל ניאייוועגהואיס־ליבקנעכט״. אָבער אויב שוין יאָ דועל מוז מען צוגעבן — מיט ווייט ניט קיין גלייכע כלי־זין. אין קאָנטראַסט צו ניאייוועגהואיסעס געלאַסנקייט און מיושבדיקייט, האָט ליבקנעכט גערעדט אין אַן אויפגערעגטן, קריגערישן און אַפילו פּערזענלעכן טאָן, מיט דער בפירושער כוונה צו מאַכן זיין אָפּאָנענט צו גאָרניט.

ליבקנעכט האָט אינגאַנצן איגנאָרירט ניאייוועגהואיסעס אָנווייזן מיטן פינגער אויפן פאַקט, אַז דער פּרייסישער מיליטאַריזם דאָמינירט אויף דער אַקטועלער געשטאַלטונג פֿון אייראָפּע, כאָטש אָט די אָנווייזונג איז גראָד געווען דער צענטראַלער פּונקט אין דער גאַנצער דעבאַטע. דווקא ווי אַ דייטש וואָלט ליבקנעכטס חוב באַדאַרפט זיין אַרויסצוהייבן פֿאַר אַלעמען די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פונעם דייטשן מיליטאַריזם, און די געפערלעכע ראָל וואָס פּרייסן שפּילט אין דייטשלאַנדס פּאָליטישער און סאָציאַלער פאָרמירונג. ער האָט אָבער אינגאַנצן געלאָזט אין אַ זייט דעם פאַטאַלן איינפלוס פונעם פּרייסישן יונקערטום אויף דייטשלאַנד. זיין גאַנצע רעדע איז געווען ניט מער, ווי אַ שאַרפער פּערזענלעכער אָנפאַל אויף זיין אָפּאָזיציאָנער.

דעם אויפטריט פונעם האָלענדישן סאָציאַליסט האָט ליבקנעכט באַצייכנט ווי אַ מוסטערדיקן מיש־מאַש פֿון רעוואָלוציאָנערע פֿראַזן, אָן זינען און אָן אינהאַלט, מיטן איינציקן צוועק, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע וואָס ער, ניאייוועגהואיס, ווייס זייער גוט אַז זי וועט ניט קענען דורכגעפירט ווערן. פאַר אַ פאַרטרעטער פון אַ קליין לאַנד, האָט ליבקנעכט איינגעטענהט, מוז עס זיין ניט שווער אַרויפצודרינגען אויף די סאָציאַליסטן פון גרעסערע לענדער פאַראַנטוואָרטונגען, וואָס זייערע רעזולטאַטן וועט ער אַליין ניט דאַרפן אויסטראָגן. ניאייוועגהואיס זאָל דאָ געווען אויפטרעטן דירעקט אין ביסמאַרקס אויפטראָג, וואָלט קיינער ניט ווי ער געקענט אַזוי גוט צודינען די טרעגער פון דער רעאַקציע. פאַר אמתע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז וויכטיק אין ערשטער ליניע צו דעראָבערן די מאַכט אין דער מלוכה, און דעמאָלט וועלן די סאָציאַליסטישע פֿאַרטרעטער אין דער רעגירונג אַליין וויסן וואָס זיי האָבן צו טאָן.

מיך האָט ליבקנעכטס רעדע אינגאַנצן דערשלאָגן. איך האָב זיך געפילט ניט בלויז אָפּגענאַרט אין מיינע בעסטע דערוואַרטונגען, אַלץ אין מיר האָט געברויזט מיט אומקלאָרע פאַרדאַכטן קעגנ:בער אַ מענטשן, וואָס זיין ערלעכקייט האָט ביי קיינעם ניט אַרויסגערופן די מינדסטע ספיקות; אומקלאָרע פאַרדאַכטן לגבי איינעם פון די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ס׳איז אָבער פאָרט געווען קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז ליבקנעכטס פאַרביסענעם טאָן דאַרף מען צושרייבן ניט אַזוי דעם אויפטריט פֿונעם האָלענדישן סאָציאַליסט בכלל, נאָר דעם פאַקט, וואָס דער גייסטיקער פֿירער פון די האָלענדישע סאָציאַליסטן האָט אָפן געגומען שטעלונג פאַר די דייטשע יונגע. מיט זיין רעדע האָט ליבקנעכט דערוויזן אַז די דייטשע סאָציאַליסטישע פירער זיינען גרייט איינצופירן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג די זעלביקע מעטאָדן, וואָס זיי ווענדן אָן

ביי זיך אינדערהיים לגבי די יונגע. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דעם אָפיציעלן באַריכט פונעם קאָנגרעס אין בריסל, איז די רעדע פון דאָמעלא ניאייוועןהואיס אַרויסגעקומען אַזוי פאַרדרייט, אַז פון איר אויטענטישן אינהאַלט איז כמעט קיין שפור ניט געבליבן. אָן ספק האָט זיך עס עמעצן ניט געלוינט עס זאָל צו שטאַרק רייסן אין די אויגן דער חילוק אין די אויספירונגען, וואָס צו זיי זיינען געקומען ביידע רעדנער.

ליבקנעכטס רעדע האָט ביי אַ סך דעלעגאַטן אַרויסגערופן אַ בהלה. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקן אין אַ צאָל שאַרפע אַרויסטרעטונגען. פאַר דער אָפּשטימונג איז דער אומרו געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט געמוזט אַ פאָר מאָל איבעררייסן די זיצונגען. אַ גרעסערע צאָל פראַנצייזישע, ענגלישע און האָלענדישע דעלעגאַטן, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ניאָיוועןהואיסעס רעזאָלוציע. די דייטשן און מיט זיי די מיינסטע פאַרטרעטער פון אַנדערע לענדער האָבן געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע ליבקנעכט־וועיאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט. דער ווייטערדיקער גאַנג פונעם קאָנגרעס האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין באַזונדערן אינטערעס. ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן איז מיין גאַנצער ענטוזיאַזם געווען אינגאַנצן אויסגעוועפּט. אַפילו דאָס פלאַטערן פון די רויטע פאָנען און די אויסרופן „וויוו ל'אינטערנאַציאָנאַל! וויוו לע סאָציאַליזם רעוואָלוציאָנער!" זיינען ניט געווען אין שטאַנד ווידער אויפצולעבן אין מיר די פאַרלוירענע אילוזיעס. מיין געמיט־צושטאַנד איז דערפון געוואָרן נאָר נאָך מער טריבער און פינצטערער.

די קאָנסעקווענצן פון מיין רייזע

גוטע דערמאָנונגען פון מיין דעמאָלטיקער רייזע, זיינען מיר פאַרבליבן גאַרניט קיין סך. צו זיי דאַרף איך צורעכענען פאַר אַלעמען מיין באַקאַנטשאַפט מיט לאַמבערטן, און מיט עטלעכע גענאָסן פונעם סאָציאַליסטישן לייען־קלוב אין בריסל. זיי אַלע האָבן פאַרטראַטן די איינשטעלונגען פון די יונגע, און זייער וועג האָט געפירט צום אַנאַרכיזם.. אָט די גענאָסן האָב איך אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין באַקאַנטשאַפט מיט ניאייווענהואיסן. אַ צענדליק לערך מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע, זיינען זיך צונויפגעקומען אין די טעג פונעם קאָנגרעס, אין אַ זייטיקן זאַל פון אַ קאַפע. צום צונויפקום האָבן זיי פאַרבעטן ניאייווענהואיסן און עטלעכע אַנדערע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, וואָס זיינען אין זייער איינשטעל געווען נאָענט צו די יונגע. די טרעפונג האָט ניט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרזאַמלונג. ס'איז געווען אַ דורכשמועס אין אַן אינטימען קרייז וועגן דער לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

ווי אַ געקומענעם פון דאָרטן האָבן די גענאָסן מיר אָנגעבאָטן איך זאָל געבן אַן איבערבליק וועגן קאַמף פון דער דייטשער אָפּאָזיציע מיט די אַלטע פירער. איך האָב זיך באַמיט צו זיין וואָס אויספירלעכער, אויף וויפל איך בין דעמאָלט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ באַריכט. אַגב האָב איך אויך אַרויסגעזאָגט מיין אָפּשאַצונג, אַז אויף דער פאַרשטייטיקער פאַרטיי־קאָנפערענץ אין ערפורט קען עס קומען צו אַ שפּאַלטונג, ווייל די פאַרטיי האָט זיך פאַרלייגט דערויף, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פּטור צו ווערן פון די זלידנע פאָדערונגען מצד די יונגע. אויב עס זאָל אַזוי טאַקע פּאַסירן, וואָלט עס, לויט מיין מיינונג, געווען נאָר ווי געוווּנטשן. באַפרייט פון יעדער איינזעעניש לגבי דער פאַרטיי, וואָלט די אָפּאָזיציע געווען אין שטאַנד צו אַנטוויקלען איר אייגענע ליניע. פאַר דעם סאָציאַליזם וואָלט פון אַזאַ שפּאַלטונג געקענט אַרויסקומען נאָר אַ טובה.

די עטלעכע דייטשע גענאָסן, וואָס זיינען בייגעווען אויפן צונויפקום האָבן זיך אויך אַרויסגעזאָגט אין זעלביקן זינען. ניאייווענהואיס האָט די גאַנצע צייט אונדז צוגעהערט שווייגנדיק. זיין מיינונג איז אָבער געווען פאַר אונדז ביז גאָר וויכטיק, און אַלע ביזייטיקע האָבן אים געבעטן ער זאָל

אַרויסזאָגן זיין שטעלונג צו דער מעגלעכער שפּאַלטונג. ער איז גערן דערויף איינגעגאַנגען און גלייך פון סאַמע אָנהייב אַוועקגעשטעלט דעם מעגלעכן קאָנפליקט אין גאָר אַן אַנדערער באַלייכטונג. אויך ער האָט געהאַלטן, אַז אין ערפורט קען עס קומען צו אַן אויסשלוס פון דער אָפּאָזיציע, לויט אים אָבער קען עס ווערן לעבנס-געפערלעך ניט בלויז פאַרן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, נאָר אויך פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל. אויב דאָס זאָל זיין געווענדט איינציק און אַליין אין די יונגע, וואָלט ער, ביאייוועניהואיס, זיי געראָטן ניט צו דערפירן צו אַן אָפענער שפּאַלטונג, נאָר קאָנצענטרירן אַלע זייערע קרעפטן אויף דער אינעווייניקסטער ניי־געשטאַלטונג פון דער אַלטער באַוועגונג. דער סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד מאַכט דורך אַ געפערלעכן קריזיס. די אַגיטאַציע וואָס סע פירט וואָלמאַר און זיינע אַנהענגער האָט קלאָר באַוויזן, אַז דער איינשטעל בלויז אויף פּראַקטישע צילן מצד די „נאָר־פּאַרלאַמענטאַריער", איז אַ סך מער פּאָפּולער ווי ס'איז געווען אָנגענומען ביז איצט. די אָפּאָזיציע פאַרטרעט איצט אין דער פּאַרטיי דעם עלעמענט, וואָס איז אויף אַן אמת רעוואָלוציאָנער, וועגן דעם קען קיין שום ספק ניט זיין. זאָל אָט דער עלעמענט באַזייטיקט ווערן פון דער פּאַרטיי, וועט דאָס נאָר פאַרגיכערן דעם פּראָצעס פון אינעווייניקסטן צעפאַל פון דער אַלטער באַוועגונג. ער, ניאייוועניהואיס, פערזענלעך איז ס׳יף איבערצייגט אין דעם, אַז אַ סך פון די אַלטע פירער, זיינען גרייט זיך צו פאַרנעמען אויף וואָלמאַרס וועגן. וואָלמאַרס פאַרביסנקייט קעגנ:בער דער אָפּאָזיציע צעשטערט דעם נאַטירלעכן יורונג־שטאָף אין דער פּאַרטיי, צעשטערט דאָס וואָס איז די טרייבקראַפט אין יעדער גייסטיקער אַנטוויקלונג. טאַקע דער־פאַר מוזן וואָלמאַר און זיינע נאָכגייער זיך קייקלען באַרג־אַראָפּ, און אַלץ ווייטער און ווייטער פון די אויטענטישע צילן פונעם סאָציאַליזם.

אויף אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד, האָט ניאייוועניהואיס ווייטער אָנגעוויזן, מוז אַזאַ פּראָצעס זיך אויסווירקן באַזונדערס פאַטאַל. אַ דאַנק די געשעענישן פון 1870־71 און אונטער דער פּרייסישער פירערשאַפט איז דייטשלאַנד געוואָרן אַ גרויסע מלוכה, וואָס באַאיינפלוסט אַלץ מער און מער די אייראָ־פּעאישע פּאָליטיק. די גאַנצע געשיכטע פונעם פּרייסישן שטאַט האָט אָבער דערפירט דערצו, אַז די מערבדיקע פעלקער זאָלן זען אין אָט דעם שטאַט אַ פרעמדן קערפּער, וואָס זיינע אויסדריקלעך רעאַקציאָנערע שטרעבונגען זיינען תמיד געווען אין אַ ווידעראַנאַנד מיט די מערבדיקע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. פּרייסנס האַלב־אַבסאָלוטיסטישע קאָנסטיטוציע שטעקט נאָך היינט אין אַ פאַרגאַנגענעם פּעריאָד, וואָס פּאַרט זיך כלל ניט מיט אַ היינטיקן דעמאָקראַטישן געדאַנקענגאַנג. די אַלץ שטייגנדיקע פאַרפּרייסונג פון דייטש־לאַנד וואַרפט וואָס ווייטער אַן אַלץ געדיכטערן שאָטן אויף דער גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פונעם קאָנטינענט. געוויס, מען קען ניט אַרויפוואַרפן אויפן גאַרן דייטשן פאָלק די פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער גע־שטאַלטונג פון זיין געשיכטע, און מען מוז אַפילו צוגעבן, אַז די עגאָ:סטישע פּאָליטיק פון די שכנהשע מלוכות האָט ניט קיין קליינעם חלק אין אָט דער געשטאַלטונג. דאָס דאַרף אונדז אָבער דינען ווי אַ באַוויז, אַז אַזוי לאַנג

ווי אין דייטשלאַנד וועט ניט פאַרקומען קיין איבערבייט, איז אויך ניט מעגלעך קיין טראַנספאָרמאַציע פון דער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק. דאָס קען געשען ערשט נאָך אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

ווייל אָבער עס זעט זיך ניט, אַז דער דייטשער בירגערלעכער קלאַס זאָל זיך אַמאָל קענען דערהייבן צו אַ דעמאָקראַטישער שטעלונג קעגן פּרייסן, מוז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָבליגאַטאָריש מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו דעמאָקראַטיזירן דאָס דייטשע פאָלק און ניט איינגיין אויף קיין שום קאָנצעסיעס לגבי דער דייטשער רעגירונג. דאָס איז אויך דער עיקר־מאָטיוו פאַר וואָס די געשטאַלטונג פון דער דייטשער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, איז אַזוי אומגעהייער וויכטיק פאַר אייראָפּע. נאָר אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע וועט זיין בכוח צו פאַרשטעלן דעם וועג דער מלחמה און אַ נייעם אַבסאָלוטיזם. אַט דערפאַר, האָט ניאַיי־וועןהואיס אויסגעפירט, שרעקט אים אַזוי שטאַרק אַ שפּאַלטונג אין דער דייטשער פּאַרטיי. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אין אייראָפּע זייער פּאָפּולער, און אַ קריזיס אין דייטשן סאָציאַליזם, וואָלט געמוזט פירן צו אַ קריזיס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זאָל עס אָבער אין ערפורט פּאַרט קומען צו אַן אָפענער שפּאַלטונג, דעמאָלט הענגט אַלץ אָפּ דערפון, צי די נייע באַוועגונג וועט באַווייזן אַריינצודרינגען אין דער דייטשער אַרבעטערשאַפט אין אַזאַ פאַרנעם, וואָס זאָל איר דערמעגלעכן צו רעאַליזירן דאָס, וואָס די אַלטע באַוועגונג האָט פאַרנאַכלעסיקט און פאַרזוימט.

מיר איז באַזונדערס אויפגעפאַלן דער פאַקט, וואָס אין זיין גאַנצן לאַגישן און טיפן אַנאַליז האָט ניאַייוועןהואיס אויסגעמיטן צו טרעפן פּער־זענלעך עמעצן פון די אַלטע פּאַרטיי־פירער. די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער דייטשער פּאַרטיי, האָט ער געפּרוווט דערקלערן מיט די אַרומיקע אומשטענדן. איינער פון די דייטשע גענאָסן האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן ליבקנעכטס באַנעמען זיך אויפן קאָנגרעס. ניאַייוועןהואיס האָט די באַמערקונג אָוועקגע־מאַכט מיט דער האַנט, און האָט בלויז קאָנסטאַטירט, אַז מענטשן בכלל באַפרייען זיך שווער פון דער השפעה פון זייער סאָציאַלן אַרום. די אומגע־דולדיקייטביי אַ סך דייטשע פירער און זייער שטעלן די פּאַרטיי־דיסציפּלין איבער אַלץ, האָט ניאַייוועןהואיס דערקלערט מיטן דירעקטן איינפלוס פונעם פּרייסישן גייסט, וואָס דיסציפּלין איז פאַר אים דער סאַמע עיקר אין אַ מענטשנס באַנעמען זיך. באַקעמפן אַט דעם סאָלדאַטישן גייסט דאַרף ווערן פאַר די יונגע איינע פון זייערע וויכטיקסטע אויפגאַבן, מחמת דעמאָקראַטיע איז ניט נאָר אַן ענין פאַר אַ קאָנסטיטוציע, נאָר פאַר אַלעמען אַן אופן פון פּערזענלעכן טראַכטן און פילן.

דער טיפער איינדרוק, וואָס אַט דער מענטש האָט אויף מיר געמאַכט, בעת איך האָב אים געהערט צום ערשטן מאָל אויפן קאָנגרעס, איז ערשט רעכט פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך אַט דער טרעפונג אין אַן ענגערן קרייז. יעדער איינער וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג, האָט געמוזט פאַרכאַפּט ווערן פון זיין אינטעלעקטועלער פרישקייט, באַשיידנקייט און

קריסטאַל־לויטערע איינשטעלונגען. איך האָב זיך שפּעטער אָפּט דערמאָנט אין אַלץ, וואָס איך האָב געהערט פון זיין מויל אין בריסל, כאָטש איך בין דעמאָלט נאָך ניט געווען אין שטאַנד צו באַגרייפן דעם פּראָפעטישן באַטייט פון זיינע באַהויפּטונגען. די דייטשע סאָציאַליסטישע פירער האָבן ביאַייוועג־הואיסן שפּעטער באַהאַנדלט ווי אַן אָפּטריניקן, וואָס איז אַראָפּ פונעם גלייכן וועג. אָבער די געשיכטע האָט באַוויזן ווי אַבסאָלוט גערעכט ער איז געווען אין זיינע אָפּשאַצונגען פון מענטשן און זייערע מעשים. קיין איינער פון זיינע מיטצייטלער האָט ניט פאָראויסגעזען אַזוי קלאָר די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. דעמאָלט אין בריסל, און אַ צייט דערנאָך, איז ביאַייוועגהואיס נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַט. זיין עוואָלוציאָנירן צום אַנאַרכיזם איז געווען אַ בהדרגהדיקער פּראָצעס. אָבער שוין אין דער צייט ווען איך האָב אים געטראָפן אין בריסל, איז ער געווען קאָנצענטרירט, דער עיקר, אויפן קאַמף קעגן מיליטאַריזם, און ער איז אַזוי טאַקע ביז זיין סוף פאַרבליבן איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע אַנטי־מיליטאַריסטישע פּראָ־פּאַגאַנדיסטן אין אייראָפּע. די דייטשע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך ווינציק־וואָס איבערצונעמען מיט אָט דער פּראָפּאַגאַנדע. דער ווייטערדיקער גאַנג פון אָט דער באַוועגונג, האָט ביז אויפן לעצטן פּרט באַשטעטיקט ביאַייוועגהואיסעס נביאות. צו זיין גליק האָט דער גורל אים פאַרשפּאָרט מיטצולעבן דעם בלוטיקן טריאומף פונעם אויפשטייגנדיקן רייך, און די אומגעהייערע קאַטאַסטראָפע וואָס היטלערס דייטשלאַנד האָט געבראַכט דער גאַרער וועלט.

מיין באַקאַנטשאַפט אין בריסל מיטן דייטשן אַנאַרכיסט לאַמבערט האָט געהאַט אַ דעפיניטיוון איינפלוס אויף מיין גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויק־לונג. לאַמבערט האָט אין יענער צייט זיך אָפּגעגעבן מיטן אומלעגאַלן אַריבערפירן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון בעלגיע קיין דייטשלאַנד. דאָס האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוווּסט. זיין אמתער נאָמען איז געווען קאַרל הייפּער. ער האָט געשטאַמט פון אַ פּראָווינץ־שטעטל, ערגעץ ביי דער האָ־לענדישער גרענעץ. איבער צוויי יאָר האָט ער דורכגעפירט זיין געפערלעכע מיסיע, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דייטשער פּאָליציי. ער איז געמשפט געוואָרן אין בערלין, אין גרויסן פּראָצעס פאַר הויכפאַרראַט פון דעם בערלינער אַנאַרכיסט קאַמיען און זיין גרופּע. לאַמבערט האָט געקראָגן פינף יאָר טורמע.

לאַמבערט איז געווען אַ באַהאַוונטער יונגערמאַן, וואָס האָט אַ סך געלייענט. זיין זאַך איז ער געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. פון מיינע שמועסן מיט אים אין בריסל, איז אים קאָנטיק קלאָר געוואָרן, אַז איך לעב דורך אַ פּאַזע פון זוכן פאַר זיך נייע וועגן. חוץ דעם האָב איך מן הסתם ניט געמאַכט אויף אים קיין שלעכטן איינדרוק, ווייל ער האָט ניט געשפּאָרט קיין מי מיך צו געווינען פאַר זיינע אידעען. אין לאַנגע שמועסן מיט אים, האָט ער זיך באַמיט מיר אויפצוקלערן זיין שטעלונג צו צענטראַליזם און פעדעראַליזם, זיין קוק אויף פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, און וועגן פּראָפּאַגאַנדע מיט מעשים; וועגן באַטייט פון דער מלוכה אין לעבן

פֿון דער געזעלשאַפֿט, און וועגן אַ צאָל אַנדערע אַזעלכע ענינים. מײַנע שמועסן און דיסקוסיעס מיט אים, זײַנען פֿאַר מיר געוווען ביז גאָר סטימו־לירנדיק. די צײַט איז אָבער געווען צו קורץ מער זאָלן קענען אַרומנעמען גרינטלעך אַלע פֿראַגן, וואָס האָבן מיך דעמאָלט געמאַטערט. פֿון דעסט וועגן האָבן די שמועסן מיט לאַמבערטן מיך סטימולירט צו אַ סך נײַע אַרגומענטן, וואָס זײַנען ביז דעמאָלט מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אַ דאַנק לאַמ־בערטן האָב איך דערפֿילט אין זיך די ערשטע אויפֿשפּראָצונגען פֿון אַ נײַעם לעבנסבאַנעם, וואָס זײַנען זיך גיך צעוואַקסן אין נײַע איבערצײַגונגען.

פֿאַר די יונגע אין דײַטשלאַנד האָט לאַמבערט ניט פֿאָראויסגעזען קיין באַזונדערע צוקונפֿט. זייער אויפֿקום האָט ער באַגריסט בלויז ווי אַ סימן פֿון דערוואַכונג אין די רייען פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפֿט. לויט זײַן מיינונג האָט די אָפּאָזיציע נאָך ניט דערגרייכט צו אַ קלאָרן שטאַנדפּונקט, און פֿאַר אַלעמען האָט זי נאָך ניט באַגריפֿן, אַז די זינד און פֿעלערן קעגן סאָציאַליזם מצד די אַלטע פֿירער, איז גאַנץ פּשוט אַ רעזולטאַט פֿון זייער פֿאַלשן אײַנשטעל. אָדער מען איז מלוכה־סאָציאַליסט אָדער — אַנאַרכיסט. אַלע צווישן־מדרגות קענען לאַנג ניט אָנהאַלטן. און דאָס וועט זיך אײַגנשײַנלעך גאָר גיך אַרויסשטעלן אויך מיט דער באַוועגונג פֿון די יונגע. דער טייל פֿון זיי וואָס זײַנען קאַפּאַבל זיך צו אַנטוויקלען, זיי וועלן ביסלעכווײַז זיך אַדורכאַרבעטן צום אַנאַרכיזם; די אַנדערע וועלן פֿריִער־שפּעטער זיך אומקערן צוריק אין סאָציאַליסטישן לאַגער. אַ נביאות וואָס איז שפּעטער טאַקע מקוים געוואָרן.

דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט, איז געווען אונדזער אָפּמאַך אָנצוהאַלטן אַ בריוולעכע פֿאַרבינדונג. קיין בריסל איז לאַמבערט געקומען נאָר צום קאָנגרעס. ער האָט מיר געגעבן זײַן אַדרעס אין ליוטיך און אַ צווייטן אַדרעס אין לאָנדאָן וווּהין איך קען זיך ווענדן צו אים צו יעדער צײַט, אויפֿן פֿאַל אויב עס זאָל מיט אים עפּעס פּאַסירן. איך האָב אים אָנגעקוקט פֿאַרחידושט, וואָס מיינט ער דערמיט? ער האָט מיר געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, אַז דאָס וועט מיר אפֿשר קלאָר ווערן שפּעטער. דערווײַל איז עס גלײַכער זיך ניט אַרײַנצולאָזן אין זאַכן, וואָס קיינער קען ניט פֿאָרויסזען, ווי אַזוי זיי וועלן זיך געשטאַלטיקן. איך פֿון מײַן זײַט האָב אים צוגעזאָגט צו שרײַבן, אַזוי באַלד ווי איך וועל זײַן צוריק אין מאַינץ. במשך די עטלעכע טעג אין בריסל זײַנען מיר, איך און לאַמבערט, געוואָרן נאָענטע גוטע פֿרײַנד. פֿאַר אונדזער אָפּפֿאָרן האָט ער מיר נאָך מיטגעגעבן אויפֿן וועג דעם לעצטן נומער די אויטאָנאָמיע און אַ צאָל בראָשורן, צווישן אַנדערע, אויך באַקונינס „גאָט און די מלוכה" און קראָפּאָטקינס „די אַנאַר־כיסטישע מאָראַל", אַלץ אין אַ דײַטשער איבערזעצונג.

די לעצטע פֿאַר טעג אין בריסל זײַנען מיר מאַטעריעל אַדורכגעקומען מיט אַ סך שוועריקייטן. דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט איז אויך אַוועק, אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דעם האַרבעריק. אַ פּאָר מאָל האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן בעטן לאַמבערטן, אָדער עמעצן אַנדערש פֿון די דײַטשע גענאָסן, אונדז צו באָרגן עטלעכע פֿראַנק, מיר וואָלטן פֿון

מאינץ גלייך אָפּגעשיקט דעם חוב. מען וואָלט אונדז זיכער געוווען געהאָלפן. אָבער אַ פֿאַלשע בושה האָט מיך אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן. אַזוי אַז די לעצטע פּאָר נעכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַ ניט־פאַרענדיקטן בנין ערגעץ אין עק שטאָט. שטאַרק באַקוועם איז עס ניט געווען. עס האָט אָבער גאָרניט געקאָסט. צום האַרצן האָבן מיר זיך דאָס ניט גענומען. מיר זיינען געווען יונג און אויף אונדזער וואַנדערשאַפט האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט צו אַזעלכע זאַכן.

אונדזער צוריקרייזע האָבן מיר באַשלאָסן אָנצוהייבן מאָנטיק אינדערפרי. דעם זונטיקדיקן אָוונט פאַר אונדזער אָפּפאָרן, האָבן מיר פאַרבראַכט אין קאַפֿע פּרוג וווהין אונדזערע פריינד האָבן אונדז פאַרבעטן צו אַן אָפּשייד־מאָלצייט. דאָרטן האָבן מיר אויך געטראָפן אונדזער מאַינצער זייגערמאַכער, וואָס האָט אונדז אַזוי פריינדלעך טראַקטירט אין טאָג פון אונדזער אָנקומען קיין בריסל. שמועסנדיק מיט אים האָט ער מיר דערציילט, אַז אין שטעטל אַלאָסט האָט ער אַ פריינד, וואָס האָט אַ קליינע בוכבינדעריי, און אַז איך וואָלט ביי אים זיכער געקענט קריגן אַרבעט אויף אַ פּאָר וואָכן. דאָס האָט מיר גראָד צוגעטראָפן גאָרניט שלעכט. מיר האָבן ביי זיך ניט געהאַט קיין צעבראָכענעם דרייער. וועגן דעם האָבן אונדזערע פריינד ניט געוווסט. איך האָב געענטפערט אונדזער פריינד, אַז אַ פּאָר וואָכן אַרבעט קען מיר גוט צונוץ קומען. ער האָט מיר גלייך אָנגעשריבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול און מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיין פריינד. דאָס שטעטל איז ניט געווען צו וויט פון בריסל, אַזוי אַז אויף יעדן פאַל וועלן מיר קיין סך איבעריקע צייט ניט פאַרלירן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין אַלאָסט. די ערשטע נאַכט זיינען מיר איבערגעשלאָפן אין אַ שייער ביי אַ פלעמישן פּויער. דעם מאָרגנדיקן טאָג וואָלטן מיר געקענט באַצייטנס דערגרייכן אונדזער ציל. נאָך פאַר אונדזער אַרויספאָר קיין אַאַכען האָט מען אונדז געוואָרנט ניט איין מאָל, אַז דער בעלגישער באָדן קען פאַר אַ נאָווינע ווערן גליטשיק פאַר פאַרשווינען פון אונדזער שניט, אַז מיר קענען אָנטרעפן אויף זשאַנ־דאַרמען, וואָס וועלן אונדז במחילה צושטעלן גלייך צו דער דייטשער גרענעץ. אָבער אויף אונדזער רייזע קיין בריסל האָט אונדז גאָרניט פּאַסירט, און מיר האָבן זיך וועגן גאָרניט געקימערט. שוין ניט וויט פון אלאָסט האָבן אונדז אָפּגעשטעלט צוויי זשאַנדאַרמען און געפרעגט אויף אונדזערע פּאַפּירן. אונדזערע פּאַספּאָרטן זענען געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. די היטער פונעם געזעץ האָבן אָבער נאָך געוואָלט וויסן, ווי עס האַלט ביי אונדז מיט רייזע־מיטלען. אין דעם פּרט האָבן מיר בשום אופן זיי ניט געקענט צופֿרידנען. מיר האָבן ביי זיך ניט געהאַט קיין איינציקן סאַנטים. אין אַ זייער דרייסטן פראַנצייזיש האָב איך געפרוווט זיי אויפקלערן, אַז איך האָב אָנגענומען אַן אַרבעט אין אַלאָסט. פאַר אַ סימן האָב איך אַרויסגענומען דעם רעקאָמענ־דאַציע־בריוו. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך צעלאַכט און אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן פאַר אונדז אַ בעסערן פּלאַץ. זיי האָבן אונדז אָפּגעפירט אין אַ נאָענטן דאָרף און אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ שמוציקן צימער, וווּ עס זיינען שוין

געווען צוויי אַנדערע פּאַרשוינען. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן מיין איבער־ראַשונג, ווען איך האָב דערזען, אַז איינער פון אונדזערע גורל־ברידער איז דער חברהמאַן מיט די ווייסע מייזלעך פון ליוטיך.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די זשאַנדאַרמען אונדז געבראַכט אַלע פיר מיט דער באַן קיין בריסל, און אונדז אָפּגעפירט אין דער צענטראַלער טורמע. אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע אַרעסטירטע האָבן מיר געמוזט אַריינגיין לויט דער ריי אין אַ גרויסן זאַל, וווּ מען האָט אויפגענומען אונדזערע נעמען און גרינטלעך אַדורכגענישטערט אונדזער געפּעק. צוויי באַאַמטע האָבן גוט אַדורכגעטאַפּט אַלע מיינע זאַכן. איינער האָט זיך גאָר ערנסט פאַרטיפט אין די צייטונגען און בראַשורן, וואָס איך האָב מיטגענומען, און דערנאָך עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער זיין קאָלעגע. יענער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ געלאַנגווייליקטן בליק אויף די שריפטזאַכן און גאָרניט געזאָגט. מען האָט ביי אונדז אַלץ צוגענומען און אונדז געגעבן יעדער איינעם אַ בלעכל מיט אַ נומער ווי אַ קוויטירונג. פונעם גרויסן זאַל האָט מען אונדז אַלע אַרויס־געפירט אויף אַ געררוימיקן הויף, צוויי טורמע־וועכטער האָבן אונדז אויפ־גענומען און אונדז אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק אין אַ לאַנגן קאָרידאָר, ווו מען האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין איינצלנע קאַמערן.

מיין קאַמער איז געווען ריין און העל. דאָס בעטל איז אויפן טאָג געווען אויפגעשטעלט און צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט. ביים פאַרגראַטעוועטן פענצטער איז געשטאַנען אַ קליינער אייזערנער טיש מיט אַ שטול. אויף אַ פּאָליצע האָב איך געזען אַ בלעכענעם טאָפּ, אַ בעכער און אַ לעפל. גאָפּל־מעסער זיינען ניט געווען דערלויבט. איבעריקנס, דאָס עסן איז געווען אַזוי געקאָכט, אַז מען האָט זיך געקענט באַגיין אָן מעסער און גאָפּל. אין היב־טערגרונט פון דער קאַמער איז געווען אַן אַבאָרט מיט לויפנדיקן וואַסער. באַלד איז אַריינגעקומען אַ וועכטער און מיר באַפוילן אים אָפּצוגעבן די מאַרקע און זיך אויסטאָן. ער האָט מיר געגעבן אַ מין קאַפּושאָן מיט צוויי לעכער פאַר די אויגן, וואָס איך האָב געדאַרפט אַרויפציען אויפן קאָפּ ביז איבערן פּנים. אין אַזאַ הילוך, נאַקעט ווי די מאַמע האָט מיך געבוירן, האָב איך געמוזט אַרויסגיין אין קאָרידאָר, ווו אַ צאָל אַנדערע אין דער זעלביקער אויסשטאַטונג זיינען שוין געשטאַנען פאַר זייערע קאַמערן. מען האָט אונדז אַלעמען אַראָפּגעפירט אין אַ דוש־באָד. דערנאָך האָט אונדז אונטערזוכט אַ דאָקטער. אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט, ווייל דאָס באַטראַכטן אַ צוואַנציק אַרעסטירטע האָט אַפילו קיין צען מינוט ניט גע־דויערט, אַז איך בין געווען צוריק אין מיין קאַמער האָב איך אַנשטאָט מיינע זאַכן געפונען אויפן טיש אַן אָפּגעטראָגן העמד און אַרעסטאַנטן־קליידער מיט אַ פּאָר פּילץ־שיך אָן זאָקן.

דער צוג וואָס פירט אָפּ די אַרעסטירטע צו דער דייטשער גרענעץ, גייט אָפּ אַלע צוויי וואָכן, און אונדז איז אויסגעקומען אָפּצוזיצן אין בריסע־לער טורמע פולע צען טעג. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך לאַנגע צייט, נאָך מער דערפאַר וואָס קיינער האָט אונדז ניט געוואָלט זאָגן, ווי לאַנג מיר וועלן מוזן וואַרטן אויף אונדזער טראַנספּאָרט. קיין באַשעפטיקונג האָט מען

אונדז ניט געגעבן, און דאָס לייענען איז אונדז אויך געווען פאַרבאָטן. יעדן אינדערפרי פלעג איך ממש מיט טרערן זיך בעטן ביים וועכטער ער זאָל מיר פאַרשאַפן אַ בוך, ער האָט תמיד געהאַט איין ענטפער, אַז ביכער פון דער טורמע־ביבליאָטעק קענען באַקומען נאָר די פאַראורטיילטע. ס׳איז געווען נאָר משוגע צו ווערן. די איינציקע אַטראַקציע איז געווען דער שפּאַציר אויף אַ האַלבער שעה אויפן טורמע־הויף. אַלע אַרעסטירטע האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ דעם קאַפּושאָן ווי מאַנאַכן אין אַ מיטלאַלטערלעכער פּראָצעסיע. בעתן שפּאַצירן איז דאָס רעדן געווען פאַרבאָטן. אָבער די וועכטער זיינען ניט געווען אַזוי שטרענג, און איך האָב יעדן טאָג געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט זשאַנען.

ענדלעך האָט מען אונדז אין אַן אָוונט צוריקגעגעבן אונדזער אָנטאָן, און מען האָט אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אויפן צווייטן טאָג ווערן מיר אָפּטראַנספּאָרטירט צו דער דייטשער גרענעץ. מען האָט אונדז אויפגעוועקט פאַרטאָג, אָפּגעפירט אין גרויסן זאַל, און יעדן צוריקגעגעבן זיין בלעך־מאַרקע. די זאַכן אַליין וועלן מיר באַקומען ערשט ביים אַריבערגיין די גרענעץ. אַז אַלע פאָרמאַליטעטן זיינען געווען דערליידיקט, האָט מען אונדז אָפּגעפירט צום וואָקזאַל. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ וואַגאָן, וואָס איז געווען אַ מין טורמע אויף רעדער, מיט קליינע קעמערלעך פוןביידע זייטן וואַגאָן פענצטער, נאָר אַ קליינע עפענונג צום קאָרידאָר. דאָס קעמערל איז געווען אַזוי ענג, אַז ס׳איז כמעט ניט מעגלעך געווען זיך אַ ריר צו טאָן. דאָס שטיקל באַנק צום זיצן האָט מען געקענט אויפהייבן צו באַפרידיקן די באַדערפעניש.

עס האָט גענומען לאַנגע שעהן ביז דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. די לופט אין קעמערל איז געווען פאַרפּעסטעט, אַז מען האָט קוים געקענט אָטעמען. איך האָב זיך געפילט אויף אָט דער עקלדיקער רייזע אַזוי אומגליקלעך, גלייך ווי איך וואָלט שווער געליטן פון דער ים־קראַנקייט. עס האָט מיך געאייבלט די גאַנצע צייט. דאָס ערגסטע איז געווען ווען דער צוג פלעגט שטיין בלייבן אויף לאַנגע שעהן. דער דאַך פונעם וואַגאָן איז דעמאָלט געוואָרן אָנגעגליט פון דער זון, און מען האָט געפילט ווי מען ווערט פשוט דערשטיקט. די רייזע פון בריסל קיין ליוטיך האָט געדויערט צוועלף שעה. מיר זיינען אַלע געווען מער טויט ווי לעבעדיק. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַ ספּעציעלער געביידע, וווּ מען האַלט די וואַגאַבונדן איידער מען פירט זיי אַריבער די גרענעץ.

אין פאַרגלייך מיט דער צענטראַלער טורמע אין בריסל, איז דאָס וואַגאַבונדן־הויז אין ליוטיך געווען אַן אמתער גיהנום. די קאַמערן זיינען קאַנטיק קיינמאָל ניט גערייניקט געוואָרן, אַן אומגלייבעוודיקע ווידמעניש פון פליי, וואַנצן און לייז. איך בין נאָך קיין פינף מינוט ניט געווען אין איינעם פון אָט די לעכער, ווי ס׳איז מיך באַפאַלן אַ בייסעניש, פשוט משוגע צו ווערן. צום גליק זיינען מיר דאָרטן ניט געבליבן מער ווי איין נאַכט. וועגן שלאָפן האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. די גאַנצע נאַכט בין

איך געווען אויף יאַגד. היינט נאָך גייט מיר דורך אַ סקרוך איבערן לייב, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער שרעקלעכער נאַכט.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז צוריקגעגעבן אונדזערע זאַכן, און אַ פּאָר שעה דערנאָך, זיינען מיר שוין געווען אין הערבסטאַל, די ערשטע דייטשע גרענעץ־שטאָט, ווו עס האָבן אונדז איבערגענומען דייטשע זשאַנ־דאַרמען. זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ געביידע ווו דער לאַנדריכטער פון אייפּען, קומט אַלע צוויי וואָכן, אַרויסצוטראָגן זיין פּסק וועגן יעדער איינעם פון דער געבראַכטער באַסע קאָמאַנדע. די פּראָצעדור איז דערביי געווען אַ פּשוטע: ביי ווע̈מען די פּאַפּירן זיינען געווען אין אָרדענונג, און זיין נאָמען האָט זיך ניט געפונען אויף דער ליסטע פון די געזוכטע, וואָס דער געריכט־שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך, — דעם האָט מען גלייך פרייגעלאָזט. די אַנדערע האָט מען פאַרהאַלטן פאַר ווייטערדיקע אויספאָר־שונגען. איך האָב די גאַנצע צייט איבערגעטראַכט, צי וועל איך ניט האָבן אויף זיך אַ פּעקל איבער די אַנאַרכיסטישע בראָשורן, וואָס מען האָט געמוזט קומען איבער זיי ביים רעווידירן מיין געפּעק. איך האָב דערפאַר אויסגע־נוצט אַ מאָמענט און איבערגעגעבן זשאַנען די צוויי אַדרעסן וואָס לאַמבערט האָט מיר געגעבן, מען זאָל זיי ביי מיר ניט געפינען טאָמער וועט מען מיך פאַרהאַלטן. עס האָט אָבער גאָרניט פּאַסירט. דער לאַנדריכטער האָט מיט אַן אייליקן בליק דורכגעקוקט מיינע פּאַפּירן, און איך בין גלייך באַפרייט געוואָרן.

אַז מיר זיינען פונדאָסניי געשטאַנען אויפן ברייטן שליאַך האָט מיך אַרומגענומען אַן אויסטערליש געפיל. איך האָב געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט. נאָך די איבערלעבונגען פון די לעצטע צוויי וואָכן, האָב איך זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן. וואַנדערן! וואַנדערן! שפּריזן אין דער ווייטקייט אַריין אונטערן פרייען הימל. זיך מער ניט פילן דערדריקט אין דער ענג־שאַפט פון דער טורמע־קאַמער, און דורך דער אומדערטרעגלעכער מאָנאָ־טאָניע, ווו די צייט האָט ניט קיין אָנהייב און קיין סוף. מיר האָבן ניט געהאַט קיין פעניג אין קעשענע, און אַ לאַנגע רייזע פאַר זיך. אָבער ווער קימערט זיך דעריבער! די פרישע לופט, דער פרייער הימל, דאָס צוויש־טשערן פון די פייגל, און די גרינע וועלט פאַר אונדזערע אויגן, — ס'איז געווען פון וואָס פאַרשיכורט צו ווערן. ס'איז אויף אַן אמת געווען אַ פאַר־געניגן צו לעבן.

ביי אַ קליינעם וואַסער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, כדי זיך אַרומצו־רייניקן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. פאַר דער צייט וואָס אונדזערע זאַכן האָבן זיך געטריקנט אויף דער זון, האָבן מיר אַרויסגענומען אונדזערע ליטעראַרישע אוצרות, און האָבן זיך פאַרטיפט אין לייענען. איך האָב מיר גענומען באַקונינס „גאָט און די מלוכה". שוין פון די ערשטע פּאָר זייטלעך בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן אומווידערשטיילעכער קראַפט. געווירקט האָט אויף מיר ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר אויך דער סטיל. באַקונינס אופן פון שרייבן איז געווען אַזוי אַנדערש פון דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט מיר ביז דעמאָלט געגעבן. פון יעטווידער פראַזע האָב איך

אַרויסגעפּילט די דירעקטע נאַטירלעכקייט פֿון אַן אויסערגעוויינלעכן גייסט; אַ גייסט וואָס גיט אַריין אין יעטוועדן וואָרט זיינעם אַ לעבעדיקן אָטעם, און דרינגט אַריין טיף אין דער נשמה און געהירן פֿונעם לייענער.

אויב ס׳איז אמת, אַז אין סטיל שפּיגלט זיך אָפּ דער כאַראַקטער פֿונעם מענטשן, איז דאָס צוזאַמענטרעפֿן אין אַ גאָר אויסנעמיקער מאָס צו באַקונינען. די מיינסטע פֿון זיינע ווערק זיינען ניט קיין פֿאַרענדיקטע, פֿראַגמענטן וואָס זיינען צום גרעסטן טייל פֿאַרבונדן מיט געשעענישן פֿון דער צייט, און שטייען אין אַ דירעקטער באַרירונג מיטן לעבעדיקן לעבן. און פֿאַרט בלייבן זיי ווי אָפּגעהאַקט אין דער מיט, ווייל דער גייסט פֿון זייער מחבר ווערט אַלעמאָל מיטגעריסן מיט נייע אינטערעסן און געשעענישן. אַז איינער פֿון זיינע פֿריינד האָט באַקונינען איינמאָל אָנגעוויזן אויף זיין פֿראַגמענטאַרישקייט, האָט ער נאָכטראַכטנדיק געענטפֿערט, אַז אין פֿלוג איז זיין גאַנץ לעבן געגליכן צו אַ פֿראַגמענט. אפשר איז עס אַזוי טאַקע געווען, אָן ספק אָבער האָבן מיר אין באַקונינען אַ פֿראַגמענט, וואָס זיינע שפּרודלדיקע, אייגנאַרטיקע דינאַמישע געדאַנקען, קען מען קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

באַקונין איז ניט געווען קיין סיסטעמאַטישער שרייבער, אפֿשר שוין דערפֿאַר ניט, ווייל אַלץ וואָס איז סיסטעמאַטיש, איינגעשלאָסן אין זיך, איז געווען ווילד־פֿרעמד זיין גאַנצער נאַטור. אין סאַמע מיטן אַנטוויקלען אַ געדאַנק, לאָזט ער זיך אַוועק אויף אַ זייטיקן וועג, כדי אַוועקצושטעלן אין אַ ריכטיקער באַלייכטונג דאָס וואָס ער פֿילט און טראַכט אויפֿן מאָמענט. אָבער גראָד אָט די געדאַנקלעכע אָפּנייגונגען פֿירן צו גלענצנדיקע מסקנות, וואָס האָבן תמיד אַ דירעקטע שייכות צום צאַפּלדיקן לעבן, און מוזן דערפֿאַר ווירקן אומוידערשטייליך. פֿון דאַנען נעמט זיך טאַקע דער זעלטענער חן פֿון זיין ליטעראַרישער ירושה, וואָס דער אינטערעס פֿאַר איר בלייבט פֿריש ביז אויף היינט.

אויך „גאָט און די מלוכה״ איז אַ פֿראַגמענט פֿון אַ גרעסערן מאַנוסקריפּט, וואָס איז אויך פֿאַרבליבן ווי אַ פֿראַגמענט. וועגן דעם האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט די מינדסטע אידעע. מיט דער באַגייסטערונג פֿון יוגנטלעכן אויפֿנעמען, האָב איך דעמאָלט דאָס ביכל ממש פֿאַרשלונגען. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער ניט געצוימטער פֿריי־הייטס־גייסט, וואָס גליט אין יעדער שורה: יעטוועדעס וואָרט אָטעמט מיטן גייסט פֿון צאָרן קעגן אַלע רעליגיעס און פּאָליטישע דאָגמעס פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהייט, קעגן אַלע פֿאַרדרייטע, אויסגעדיי‌ווערטע באַגריפֿן און אַבסאָלוטע, פֿאַרשטאַרטע אידעען, געשיכטלעכע געשפּענסטער. באַקונין איז פֿאַר מיר געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר געבראַכט צום באַוווסטזיין, אַז אַלע רעליגיעזע דאָגמעס און פּאָליטישע אינסטיטוציעס קומען פֿון איין און דעם זעלביקן שורש: פֿון דעם גלויבן אין אַ העכערער מאַכט, וואָס באַשטימט דעם גורל פֿונעם מענטשן. איך האָב דעמאָלט דערפֿילט די אינעווייניקסטע פֿאַרבונדנקייט פֿון דער „פּאָליטישער טעאָלאָגיע״, ווי זי הייסט ביי באַקונינען, מיט דער דאָגמאַטיק פֿון דער קירך. איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אַז ביידע פּירות פֿון איין און דעם זעלביקן בוים: „איך בין דער האַר דיין

גאָט״! פונעם פּריסטער און: „זייט אונטערטאַנען פון דער אויבעריקייט״, פונעם פּאָליטישן מאַכטהאָבער. דאָס זיינען נאָר פאַרשיידענע אויסדרוק־פאָרמען פונעם זעלביקן געדאַנק — די הנחה פון יעטוועדער קנעכטשאַפט. אין מיר האָט דערוואַכט דער אַנאַרכיסט, דער רעבעל קעגן דעם וואָס דאַרף כלומרשט זיין אומפאַרמיידלעך; דער אָפּפרעגער פון אַלע געשיכטלעכע דאָגמעס, געהייליקטע דורך זייער פאַרלעגערטקייט. איך בין געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ נייער דערקענטעניש. עס האָט מיר נאָר געפעלט צו צעברעכן הינטער זיך די אַלטע בריקן.

„גאָט און די מלוכה״ האָב איך אויף יענער רייזע געלייענט ווידער אַמאָל, און נאָך אַמאָל, און אַלעמאָל באַקומען פונעם לייענען נייע סטימו־לירונגען. צי אָט די שריפט וואָלט אויך אַזוי געווירקט אויף יעדן אַנדערן אין מיין לאַגע, ווייס איך ניט. אפשר איז דערצו נייטיק אַן איינגעבוירענע אויפנעמעוודיקייט, כדי צו באַגרייפן זיין אידעע, און זי תופס זיין ווי אַן אינעוויניקסטע איבערלעבונג. באַקונין אַליין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז דער פרייהייטס־אינסטינקט האָט אַ שייכות מיט טעמפּעראַמענט, און ניט מיט גייסטיקער, אָדער מאָראַלישער קולטור, כאָטש ער האָט דערביי צוגע־געבן, אַז ווי אַ כלל דאַרף מען צום אינסטינקט פאַר פרייהייט פאַרמאָגן אויך גייסטיקע קולטור און מאָראַל. איך גלייב, אַז אין אָט די ווערטער איז פאַראַן אַ טיפער אמת. ערשט ווען דער מענטש שפּרייזט אַריבער די גרענעץ פון זיינע מאַטעריעלע נויטן און שעצט די פרייהייט העכער פון דער זאַטער צופרידנקייט פונעם צעבאַלעוועטן פיליסטער, ערשט דעמאָלט ווערט ער אַן אמתער רעבעל און דער טרעגער פון אַ קומענדיקער צייט.

כמעט פיר וואָכן האָט געדויערט אונדזער וואַנדערשאַפט, ביז מיר האָבן דערזען פאַר זיך אונדזער היימשטאָט מאַינץ. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן די געגנאָסן אַן איבערראַשונג און קיינעם ניט געגעבן צו וויסן וועגן אונדזער אָנקום. מיר האָבן אויסגערעכנט אָנצוקומען אין שטאָט אַריין אין אַן אָוונט, ווען דער לייענקלוב האַלט אָפּ זיין אָרדנטלעכע זיצונג. ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך ווען מיר האָבן געקרייצט דעם בינגער טויער. מיט רוקזאַק און שטעקן אין דער האַנט, זיינען מיר אַוועק גלייך אין לאָקאַל פונעם קלוב. ס׳איז געווען אַן אמתע פרייד ווידער צו זען די אַלטע געגנאָסן. דער שטור־מישער אויפנעם וואָס מיר האָבן באַקומען האָט אונדז באַוויזן, אַז די פרייד איז געווען אַ קעגנזייטיקע.

פאַר מיר פּערזענלעך איז יענע אַוואַנטורע קיין בריסל געווען מער ווי אַ פּשוטער עפּיזאָד. ס׳איז געווען אַ ווענדפּונקט אין מיין לעבן, וואָס האָט געשטאַלטיקט מיין גאַנצע שפּעטערדיקע טעטיקייט. די וואַנדלונג אין מיר איז מיר ניט געקומען פלוצלינג. מיין וועג אין לעבן וואָלט איך זיכער געוועזן געפונען אויך אָן דער פּאַסירונג פון מיין בייזיין אויפן קאָנגרעס. די רייזע האָט אָבער פאָרט פאַרגיכערט דעם פּראָצעס פון מיין אַנטוויקלונג. אין דעם פּרט איז בריסל געווען אַן אַנטשיידנדיקע געשעעניש אין מיין לעבן. איך בין געשטאַנען אויף אַ נייעם ברייטן שליאַך. וווהין ער וועט מיך פירן, האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוווּסט. איך האָב אָבער געפילט אַז איך שטיי אויף אַ וועג, וואָס פירט צו דער פרייהייט.

דער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ערפורט און זיינע רעזולטאַטן

וועגן די פֿאַרשטייענדיקע אויפטועכישן און אויסגאַנג פונעם צוזאַמענפאָר אין ערפורט, האָב איך באַצייטנס געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, פון דעסט ווענן האָב איך געשפּאַנט אַרויסגעקוקט אויף די פאַרהאַנדלונגען. אין ערפֿורט האָט געדאַרפט באַשלאָסן ווערן ניט נאָר דער גורל פון דער אָפּאָזיציע. די פאַרטיי האָט דאָרטן אויך געמוזט נעמען שטעלונג צו דער „נייער״ טאַקטיק, וואָס וואָלמאַר איז געווען איר איניציאַטאָר. חוץ דעם האָט דער צוזאַמענפאָר אויך געדאַרפט אָננעמען אַ נייע פאַרטיי־פראָגראַם. מען האָט דערפאַר געקענט דערוואַרטן כלערליי איבערראַשונגען. נאָך דער וויסטער העצע קעגן די יונגע, וואָס מען האָט געפירט איבערן גאַנצן לאַנד, איז דער אויסגאַנג אין דעם פונקט שוין געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, נאָך איידער דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך געעפנט, און פאַרט האָט מען זיך שווערלעך געקענט פאָרשטעלן אַז דער צוזאַמענפֿאָר גופא זאָל זיך אַראָפּלאָזן צו אַזאַ נידעריקער מדרגה. ס'איז געווען גאַנץ פשוט אַ חוזק, אַ קאַריקאַטור אויף אַלץ, וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן פון אַ פאַרטיי, וואָס פרעטענדירט צו זיין דעמאָקראַטיש.

אַז די אַלטע פאַרטיי־פירער האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך אויסצושליסן די אָפּאָזיציע אויפן צוזאַמענפאָר, — דאָס איז געווען גענוג קלאָר, אָבער דער אופן ווי זיי האָבן עס דורכגעפירט וואָלט געקענט פֿאַרשאַפן כבוד און אויס־צייכענונגען אַ סך פרייסישע פראָקוראָרן. נאָר אין אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד, ווו במשך אַ לאַנגער, אומגליקלעכער געשיכטע, האָט דאָס פאָלק ניט געוווּסט אויף אַן אמת, וואָס ס'איז אַזוינס דעמאָקראַטיע, האָט געקענט מעגלעך זיין אַזאַ אומטאָלעראַנץ. אַז מען פאַרגלייכט די קריטיק מצד דער אָפּאָזיציע וואָס יעדער רעגירונג אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד מוז אַריבער־טראָגן, איז די קריטיק פֿון די יונגע געווען אַ מין קינדערשפּיל. אָבער אין קיין שום בירגערלעכער געזעלשאַפט וואָלט ניט מעגלעך געווען אַזאַ אונ־טערדריקונג פון עלעמענטאַרער וואָרט־פרייהייט, פון דער פרייהייט אַרויס־צוזאָגן אַ קעגנערישע מיינונג, — ווי דאָס האָט פּאַסירט אויפן צוזאַמענפאָר אין ערפורט.

מען קען יאָ אָדער ניט באַרעכטיקן די פאָדערונגען, וואָס די יונגע האָבן אַרויסגעשטעלט. מען האָט אָבער פאַרשפרייט ווענן זייערע פירערס

די געמיינסטע בילבולים, און געוואָרפֿן אויף זיי חשדים, אָן שום גרונט און באַוויז. וועגן אמתן ווערט פון יענע בילבולים וועט זיין גענוג אָנצוווייזן דערויף, וואָס מיט יאָרן שפּעטער, זיינען אַ סך פון די געוועזענע יונגע ניט נאָר צוריק געוואָרן אַריינגענומען אין דער פּאַרטיי, נאָר אַ סך פון זיי זיינען אַפילו אין זייער גרעסטן רוב געשטעלט געוואָרן אויף גאָר פאַראַנטוואָרט־לעכע פּאָזיציעס, ספּעציעל אין דער עפּאָכע פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק.

די פּאַרטיי־פּירערשאַפט איז געקומען צום ערפורטער צוזאַמענפאָר מיט דער אָנטשיידענער באַשטימונג אויסצושליסן די אָפּאָזיציע פון דער פּאַרטיי. צווישן די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר איז געוואָרן פאַרטיילט אַן אָנקלאַג־שריפט, וואָס איר מחבר איז געווען הער איגנאַץ מויער. אין זיין מייסטער־שטיק האָט מויער זיך ניט אָפּגעשטעלט דערפון זיך צו באַנוצן מיט בפירושע פעלשונגען. בעת די פאַרהאַנדלונגען האָט קאַרל ווילדבערגער געפּרוווט אָוועקשטעלן דעם פינגער אויף אָט די שקרים, אָבער דער מחבר פונעם פּאַמפלעט איז אים אָפּגעקומען מיטן ענטפער, אַז דאָס זיינען ניט מער ווי פראַגן פון סטיל. עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. די געטער האָבן געלעכצט נאָך בלוט. פון די קרוב צו פיר הונדערט דעלעגאַטן, האָט זיך קוים געפונען ביי אַ האַלב טוץ פון זיי, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר דער אָפּאָזיציע, און דאָס אויך מיט אַ האַלבן מויל, מחמת סע האָט זיך ניט געלוסט זיך איינצורייסן מיט די מאַכטהאָבערס אין דער פּאַרטיי.

ס׳איז באמת געווען סקאַנדאַליעז. אויב מען זאָל נאָך געווען דאַרפן אַ באַוויז דערויף ווי באַגרינדעט ס׳איז די קריטיק מצד די יונגע, וואָלטן די פאַרהאַנדלונגען אין ערפורט געווען באַדאַרפט עפענען די אויגן, אויך ביי די סאַמע קורצזיכטיקסטע צו דערזען, אַז דערווירקלעכער צושטאַנד אין דער פּאַרטיי שטייגט ווייט אַריבער די קריטיק פון דער אָפּאָזיציע. דאָס טיפערע אַריינטראַכטן זיך אין אַלע יענע פּאַסירונגען, איז דער זיכערסטער וועג בעסער צו פאַרשטיין די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען אין דייטשלאַנד. אין זיינע פאַרעפנטלעכטע מעמוארן דערקלערט דער פּרייסישער מיניסטער און ציִטווייליקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליציי־פּרעזידענט פון בערלין, הער גרעטשינסקי, אַז דאָס וואָס היטלערן איז אַזוי לייכט אָנגעקומען זיין נצחון איבער דייטשלאַנד, לאָזט זיך דערקלערן מיטן פאַקט, וואָס דעם דייטשן פאָלק פעלט דער זינען פאַר דעמאָקראַטיע. דאָס איז פאַר קיינעם ניט קיין נייעס. ניט מער וואָס ער אַליין, דער פּרייסישער מיניסטער האָט דערביי אינגאַנצן פאַרזען, אַז מיט זיין גבית־עדות האָט ער אַרויסגעגעבן אַ צעשמעטערנדיקן אַטעסטאַט זיין אייגענער פּאַרטיי. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, מיט אירע מיליאָנען מיטגלידער, האָט במשך די זיבעציק יאָר פון איר עקסיסטענץ ניט באַוויזן צו געווינען השפעה אויף דעם דייטשן אַרבעטער, אויף דעם קליינבירגער, אויף דעם אינטעליגענט — אויף די מאַסן, וואָס האָבן מאַרשירט אונטער איר פאָן. איז ווי אַזוי האָט מען געקענט דערוואַרטן אַ ווידערשטאַנד פון זייער זייט קעגן נאַציזם!

די קליינע צאָל דעמאָקראַטישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען נאָך בכלל

פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי, נאָכדעם ווי ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, זיי האָט מען אין ערפורט פאַריאָגט פון דער פּאַרטיי. דאָס דענקען זעלבסטשטענדיק, און דאָס דעמאָקראַטישע געוויסן פון די פּאַרטיי־אָנגעהעריקע, האָט געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר דער „פּאַרטיי־דיסציפּלין", וואָס מיט איר פּלעגט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זיך תמיד רימען פאַר אירע קרובהשע פּאַרטייען אין אויסלאַנד. אין אַ פּאָליציי־שטאַט ווי דייטשלאַנד איז תמיד געווען, האָט זיך אַזאַ דרעסירונג געמוזט אויסווירקן באַזונדערס פאַטאַל.

ניט געקוקט אויף אַלע מאַכינאַציעס מצד דער פּאַרטיי־פירערשאַפט, האָט די אָפּאָזיציע פּאַרט באַוויזן צו דעלעגירן קיין ערפורט אַ פינף־זעקס פאַרטרעטער. אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען אין דער אַטמאָספער פונעם צוזאַמענפאָר, האָבן אָט די דעלעגאַטן זיך דאָרטן פאַרטיידיקט מיט אַלע כוחות. גאָר גיך האָבן זיי אָבער איינגעזען, אַז מען האָט באַצייטנס גוט געזאָרגט וועגן דעם זיי זאָלן ניט קומען צום וואָרט, זיי זאָלן ניט קענען פירברענגען פאַר די דעלעגאַטן זייערע עיקרדיקע קאָנטרעדיקציעס מיט דער פירערשאַפט. די איינציקע ברירה וואָס ס'איז זיי געבליבן איז געווען צו פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר מיט פּראָטעסט. אַלבערט אויערבאַך האָט אין נאָמען פון זיינע פריינד אָפּגעגעבן אַ קורצע דערקלערונג, אַז דאָס ברעכן אַזוי אָפן אַלע דעמאָקראַטישע גרונטפּרינציפּן, באַוועגט זיי, ניט צו וועלן געהערן צו אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אָפן באַוויזן אַזאַ בלינדע אומטאָלעראַנץ אויסצוהערן אַן אַנדער מיינונג און דערלאָזן אַן אַנדער צוגאַנג צו אַקטועלע פּראָבלעמען.

נאָך אַזאַ דערקלערונג האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז לפּחות פאַר דעם קאָנגרעס איז אויס מיט דער אָפּאָזיציע. ס'איז אָבער ווייט ניט געווען אַזוי. די פּאַרטיי־באַאַמטע האָבן כלל ניט געהאַט קיין חשק זיך אָפּצוזאָגן פון זייערע „רעכט" אויף דער אויסשליסונג פון דער אָפּאָזיציע. די אַזוי אָנגערופענע „אויספאָרשונג־קאָמיסיע" האָט אויך ווייטער געטאָן איר אַרבעט, כדי דערפירן דערצו, אַז די גרופּע מיטגלידער וואָס האָבן זיך אַליין געשטעלט מחוץ דער פּאַרטיי, זאָלן ווערן אויסגעשלאָסן אויף אַ פאָרמעלן אופן. דאַרף מען דערפאַר זיך ניט חידושן, וואָס אַנגעזעענע פאַרטרעטער פונעם איירא־פּעיִשן סאָציאַליזם ווי דאָמעלע־ניאייוענהואיס האָבן באַצייכנט דעם ערפורטער קאָנגרעס ווי אַ יעזויטן־טריבונאַל.

אַ קורצע צייט נאָכן קאָנגרעס אין ערפורט איז די אָפּאָזיציע צוגעטראָטן אין בערלין צו שאַפן אַ נייע פאַראייניקונג, וואָס זאָל קיין שום שייכות ניט האָבן מיט דער אַלטער פּאַרטיי. אָנהייב נאָוועמבער 1891 איז פאָרגעקומען אין בערלין אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג פון אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע וווּ ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַראיין פון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן". די ווייטערדיקע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע איז אַרויסגענומען פון דער בראָשור וואָס די גרופּע האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט:

„מיר, די אָפּאָזיציאָנעל געשטימטע סאָציאַליסטן ווילן פאַראייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף אין אַ געשלאָסענער ריי קעגן דער בור־

זשוואַזיע. מיר באַקעמפן אָבער אויך יעדע אַרויפגעצווונגענע צענטראַלי־זאַציע, וואָס פּאַראַליזירט די פרייע אייגענע באַוועגונג פון טייל שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט. מיר האַלטן, אַז די אָרגאַניזאַציע־קערפּערשאַפטן פון די אַרבעטער, די פּאָליטישע ווי די עקאָנאָמישע, מוזן זיין גרויס און פאַרנעמיק.

אין אונדזער צייט ווען דער אַרבעטער וואַנדערט טאָג־איין, טאָג־אויס פון איין קאַזאַרמע אין אַ צווייטער — פון זיין דירה־קאַזאַרמע אין דער אַרבעט־קאַזאַרמע, ווערט זיין גאַנץ דענקען איינפאָרמיק, ווי צוגעשניטן פאַר דער קאַזאַרמע. די אינדיווידואַליטעט פונעם אַרבעטער מוז אַלץ מער און מער ווערן איינגעשרומפּן. ער מוז פאַרלירן די פעיִקייט אויפצונעמען קריטיש נייע איינדרוקן. מיר אָפּאָזיציאָנעלע סאָציאַליסטן שטעלן אַוועק אויפן ערשטן פּלאַן די אינדיווידואַליזירונג פון די אַרבעטער. מיר וועלן אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פון דער אַרבעטערשאַפט דורך מונטערע דיסקוסיעס וועגן אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַן עפנטלעכן כאַראַקטער. מיר ווילן ניט אַרויפצווינגען אויף אַנדערע פאַרטיקע איבערצייגונגען. דורך דיסקוסיעס דאַרף דער אַרבעטער אַליין שאַפן פאַר זיך זיין מיינונג און איינשטעל. אונדז גייט עס שטאַרק אין דעם גרינטלעך אויפצוקלערן די פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע אידעען.

„מיר זיינען פאַר אַ פולשטענדיק פרייען אויסבייט פון מיינונגען. אָבער דער היינטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז אַזאַ פּרינציפּ אַ ווילד פרעמדע זאַך. פאַר די אויגן פון יעדן זעלבשטענדיק דענקענדיקן סאָציאַ־ליסט שוועבט די אייביקע וואָרנונג — אויסשליסונג, אָפּגעזען פון דער ריכטונג וואָס צו איר געהערט ער. אָט דערפאַר ווילן מיר ווירקן מחוץ די ראַמען פון דער פּאַרט־אָרגאַניזאַציע. מיר זיינען סאָציאַליסטן און שטייען אויפן באָדן פון קלאַסנקאַמף. אָבער די דיקטאַטור פון דער איצטיקער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי דערשטיקט יעטוועדע זעלבשטענדיקייט פון געדאַנק. פון די גענאָסן, וואָס זיינען ניט מסכים מיט אַזאַ טאַקטיק, פאָ־דערן מיר צו שאַפן, אינאיינעם מיט אונדז דעם „פאַראיין פון אומאָפּ־הענגיקע סאָציאַליסטן". די אויפגאַבע פון אָט דעם פאַראיין וועט זיין: אַנטוויקלען אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אונדזערע איינשטעלונגען מיטן איינציקן צוועק צו באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט פון די קייטן פון קנעכטשאַפט."

אַזעלכע פאַראיינען זיינען טאַקע גאָר גיך אויפגעקומען אין אַלע וויכטיקע שטעט אין דייטשלאַנד. די באַוועגונג האָט זיך אויך פאַרשפּרייט צווישן די דייטשע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד. אין לאָנדאָן, פּאַריז, בריסל, גענף, קאָפּענהאַגען און ציריך האָט במשך לאַנגע יאָרן עקסיסטירט אַ זייער אַקטיווע און אין צאָל שטאַרקע באַוועגונג פון די אומאָפּהענגיקע. אַ באַוועגונג וואָס האָט פאַרשאַפט די אַלטע פּאַרטיי־פירער אין דער היים אַ סך זאָרג און קאָפּווייטיק. אין אויסלאַנד האָבן זיך צונויפגעטראָפן אַ צאָל פון די בעסטע דעמאָלטיקע סאָציאַליסטישע קרעפטן, ווי: האַנס מילער, פריץ קעסטער, ס. קאַהאַנע, פראַנץ בליי, אַלפרעד זאַנפטלעבן; שפּעטער זיינען צו זיי צוגע־קומען: מאַקס באַבינסקי, גוסטאַוו לאַנדאַוער און אַנדערע.

דעם 15טן נאָוועמבער 1891 איז אין בערלין אַרויס דער ערשטער נומער פונעם „סאָציאַליסט". די אויסגאַבע איז גאָר גיך געוואָרן דאָס סאַמע געררודפטע בלאַט אין דייטשלאַנד. ספּעציעל נאָכדעם ווי גוסטאַוו לאַנדאַוער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע און אָפן פּראָקלאַמירט דעם „סאָציאַליסט", ווי אַן אַנאַרכיסטישן אָרגאַן. ניט בלויז די מיטאַרבעטער, נאָר אויך דער פאַרוואַלטער און די דרוקער־אַרבעטער, האָבן דעמאָלט אויך געהאַט אויס־צושטיין די שווערסטע שיקאַנעס. דערביי האָבן זיך גאָר באַזונדער אויס־געצייכנט די פּראָקוראָרן בענדיקס און בראַוזוועטער. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער לעצטער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין אַ משוגעים־הויז. אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַלטעווען האָט אָט דער בראַוזוועטער באַוויזן צו פאַרמשפּטן ניט ווייניקער ווי זיבעצן שרייבער פונעם „סאָציאַליסט" אויף אַ טערמין פון אַ האַלב ביז אַנדערטהאַלבן יאָר תפיסה, חוץ די געלט־שטראָפן פאַר די דרוקערס און פאַרשפּרייטערס פון דער צייטונג.

וויפיל מוט, וויפיל קרבנות־גרייטקייט די גענאָסן האָבן געמוזט אויפ־ברענגען אין אָנבליק פון די אומאויפהערלעכע פאַרפאָלגונגען — דאָס דאַרף ניט זיין שווער זיך פאָרצושטעלן. ווען די פּאָליציי האָט איינגעזען, אַז אַלע אירע רעפּרעסיעס בלייבן אָן רעזולטאַטן און העלפן איר ניט אומצוברענגען די פאַרהאַסטע צייטונג, האָט זי אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיט שטאַרקערע מיטלען, כאָטש אָט די מיטלען זיינען געווען אין אַ שרייענדיקער קאָנטראַ־דיקציע צו די עקסיסטירנדיקע באַשטימונגען. אין דעצעמבער 1894 האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין דער רעדאַקציע פונעם „סאָציאַליסט" דער פּאָליציי־קאָמיסאַר בעזל מיט זעקס פּאָליציאַנטן, און אויף דער פאַראָרדענונג פונעם פּראָקוראָר בענעדיקט האָבן זיי קאָנפיסקירט ניט נאָר אַלע מאַנוסקריפּטן, בריוו, צייטונגען און בראָשורן, נאָר אויך די געשעפטס־ביכער פון דער פאַרוואַלטונג. אַז די ווייטערדיקע צוויי נומערן פונעם „סאָציאַליסט" זיינען פאַרט אַרויסגעקומען, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען פּאַסירט, האָט די פּאָליציי איבערגענומען די אַפּוטרופּסות איבער דער קאָרעספּאָנדענץ פון דער צייטונג, און האָט גאַנץ פּשוט אַוועקגעגנבעט אַלע בריוו און איבערווייזונגען אויף געלט פאַר דער צייטונג. דערמיט האָט די פּאָליציי איבערגעשניטן דער צייטונג איר לעבנס־נערוו. אַ לעצטער נומער פונעם „סאָציאַליסט" איז אַרויס דעם 12טן יאַנואַר 1895. עס האָט גענומען די גענאָסן אַ זיבן חדשים ביז זיי זיינען געווען אין שטאַנד צו מאַכן אין בערלין אַ נייעם פּרוּוו.

אויב איך פאַרלויף דאָ דעם וועג די ווייטערדיקע געשעענישן, טו איך עס דערפאַר, כדי דער לייענער זאָל אַליין זיך קענען שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן כאַראַקטער פון די פאַרדאַכטן מצד די אַלטע פּאַרטיי־פירער, לגבי דער אָפּאָזיציע. די רדיפות אויף דער יונגער באַוועגונג, וואָס האָבן ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן, זיינען דער בעסטער אָפּפרעג פון די אינסינואַציעס, וואָס מען האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו פאַרשפּרייטן, אַז די אָפּאָזיציע זאָל כלומרשט האָבן געווען ניט מער ווי אַ פּאָליציייִשע מאַכינאַציע.

באַלד נאָך מיין צוריקקומען פון בריסל האָב איך געשריבן לאַמבערטן. זינט דעמאָלט האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט

זיך אָפּגעשטעלט ערשט מיט לאַמבערטס אומגליקלעכן אַרעסט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געהאַט איבערגעגנוג ניט גאַנץ אויפגעקלערטע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס וועגן זיי האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענע מיינונג. לאַמבערט האָט זיך גענומען די גרעסטע מי צו באַזייטיקן אַלע מיינע ספקות. יעטוועדער בריוו זיינער האָט מיר געבראַכט נייע אָנרע־גונגען. ער איז געווען אַ געדולדיקער לערער און איך גלייב, אַז איך פון מיין זייט בין ניט געווען קיין שלעכטער תלמיד. ער פלעגט מיר אויך שיקן די דערשינענע נומערן פון „די אויטאָנאָמיע", „די פרייהייט" און „דער אַנאַר־כיסט", אויך אַ היפשע צאָל קלענערע בראָשורן פון קראָפּאָטקינען, מאָסטן, ע. רעקלין און פון אַנדערע. די אַלע דרוקזאַכן פלעג איך נאָכן איבערלייענען פאַרטיילן צווישן מיינע נעענטערע פריינד, וואָס איך האָב געהאַלטן, אַז יעדער נייער גייסטיקער אויסבליק איז זיי צום האַרצן.

אין זיינע בריוו האָט לאַמבערט מיר פאָרגעשלאָגן עטלעכע מאָל צו שאַפן אַ ניט־לעגאַלע גרופע, כדי צו קענען אויסברייטערן דאָס פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן דערפון אַזוי לאַנג ווי איך בין ניט געווען זיכער ביי מיר, צי די פאָר מענטשן, וואָס אויף זיי האָב איך אויסגערעכנט, זיינען שוין גאַנץ פאַסיק פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. אַזוי באַלד ווי איך האָב איינגעזען די מעגלעכקייט האָב איך אָרגאַניזירט די ערשטע אַנאַרכיסטישע גרופע אין מאַינץ. איניינעם מיט מיינע פריינד: יאָאַן מודט, לואיס גערלעך, דעם רויטן וואָלף און דעם שוסטער אבערהובער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עפנטלעך זאָלן מיר ווייטער פירן אונדזער אַרבעט אין לייענקלוב. אָבער אין געהיים זאָלן מיר אַרבעטן פאַר אַ גרעסערער פאַרשפּרייטונג פון פאַרבאָטענער ליטעראַטור.

אונדזער טעטיקייט האָט זיך גאָר גיך אָנגעהויבן אָנצוזען. אויף די שטאָטישע קיאָסקן פאַר מעלדונגען פלעגן מיר ביינאַכט אויפקלעפן נומערן פון דער אויטאָנאָמיע" און „פרייהייט"; אין די לייענזאַלן פון די ביבליאָטעקן פלעגן מיר אַריינשמוגלען נומערן פון די פאַרבאָטענע צייטונגען, און מיר פלעגן אונטערלייגן עקזעמפּלאַרן אויף ערטער וווּ עס זאָל ניט זיין שווער צו קומען איבער זיי. איניינעם מיט די צייטונגען און בראָשורן פלעגן מיר אויך פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס וואָס מיר פלעגן באַקומען פון אויסלאַנד ספּעציעל פאַר דעם צוועק. דער טאָן און סטיל פון אָט די פלוג־בלעטלעך איז תמיד געווען שאַרף און אויפרייצנדיק, און דאָס טאַקע האָט געלאָקט אַ געוויסן עולם, וואָס צו אים זיינען זיי געווען אַדרעסירט: „צו די האָרעפאַשנע און באַלאָדענע", „צו די אַרבעטער אין סאָלדאַטן־מונדיר", „צום פּראָלעטאַריאַט", „צו די ערדאַרבעטער". אין אַ פריי לאַנד וואָלטן אַזאַ סאָרט פּראָקלאַמאַציעס ניט געקאָנט מאַכן קיין איבעריק טיפן איינדרוק. אָבער אין אַ האַלב דעספּאָטיש לאַנד ווי דייטשלאַנד, איז דער אויפגערייצטער טאָן פון דער אונטערערדישער ליטעראַטור געווען אין הסכם מיט די געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן.

די פראַגע איז נאָר, צי די האַרבע אַכזריותדיקע שטראָפן, וואָס די דייטשע ריכטער פלעגן דעמאָלט צוטיילן די פאַרשפּרייטער פון דער אומלע־

גאַלער ליטעראַטור איז געווען אין פּראַפּאַרץ צו דער פּעולה, וואָס אַט די ליטעראַטור האָט געהאַט. וועגן דעם קענען זיין פאַרשיידענע מיינונגען. וואָס ס'איז שייך מיך בין איך שוין זינט לאַנג איבערצייגט, אַז די דערגרייכטע רעזולטאַטן האָבן דעמאָלט ווייט ניט געדעקט דעם אומגעהייער הויכן פּרייז, וואָס מען האָט פאַר זיי באַצאָלט. די פּראַקטיק האָט תמיד דערוויזן, אַז מענטשן וואָס האָבן אָנגענומען די פּרינציפּן פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, האָבן דאָס געטאָן ניט דווקא אַ דאַנק די אויפרייצנדיקע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיי זאָלן האָבן געלייענט. ווי באַרעכטיקט עס זאָל ניט זיין אַזאַ פּראָ־פּאַגאַנדע אין געוויסע באַדינגונגען, האָט עס זעלטן פּאַסירט, אַז אַ מאָמענ־טאַלער אויסבראָך פון צאָרן זאָל לאָזן טיפערע שפּורן.

אַ באַשולדיקטער אין פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון אויס־לאַנד פלעגט געשטעלט ווערן, כמעט אָן אויסנעם, ניט פאַר אַ לאָקאַלן געריכט, נאָר פאַר דעם מלוכה־טריבונאַל אין לייפּציק, און דער אורטייל איז תמיד געווען ניט פּשוטע תפיסה נאָר צוכטהויז. דאָס האָט אויך געפירט דערצו אַז אַפילו נאָכדעם ווי דער פאַרמשפּטער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף, האָט ער במשך לאַנגע יאָרן ניט באַקומען צוריק זיינע בירגעררעכט, און איז געווען אונטערגעוואָרפן אַ ספּעציעלן פּאָליציייִשן קאָנטראָל. אין צאַריסטישן רוסלאַנד זיינען אַפילו די מיטגלידער פון אַ טעראָריסטישער גרופּע אויך באַהאַנדלט געוואָרן ווי „פּאָליטישע פאַרברעכער.״ די רעגירונג האָט אַזוי אַרום אָנערקענט די אידעאַליסטישע מאָטיוון פון אַזעלכע אָנגעקלאָגטע. אָבער די דייטשע מאַכט האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי איר איינשטעל צו באַהאַנדלען אירע פּאָליטישע קרבנות ווי געוויינלעכע פאַרברעכער.

דעם נאָבעלן פאַרקעמפער פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, זשאַן נעווע וואָס זיין ריינעם כאַראַקטער האָבן ניט אָפּגעפרעגט אַפילו זיינע ביטערסטע קעגנער, האָבן די דייטשע ריכטער פאַרמשפּט אויף פופצן יאָר צוכטהויז און אָנווערונג צען יאָר זיינע בירגעררעכט. וויקטאָר דאַווע, יאָסעף ברוידער, אַגנעס רייכהאַלד, קאַמיען רופּ, רענטהאַלער, העפּפּע (לאַמבערט) און אַ סך אַנדערע, אַלע זיינען זיי פאַרשיקט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן צוכטהויז. דעם מוטיקן אויפטרעטן פון אַזאַ אידעאַלער פרוי ווי אַגנעס ריינהאַלד, האָט באַוווּנדערט אַפילו די בירגערלעכע פּרעסע. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די פאַרטרעטער פונעם מלוכה־טריבונאַל זי צו פאַרמשפּטן אויף זעקס יאָר צוכטהויז און זעקס יאָר אָנווער פון בירגעררעכט (1890). און פאַר וואָס פאַר אַ פאַרברעכן? פאַר פאַרשפּרייטן צוויי לאַנדאָנער פּראָ־קלאַמאַציעס, וואָס די ריכטער האָבן צוגעפּראַוועט ווי אַן אויפפאָדערונג צו הויכפאַרראַט. אויפן פּראָצעס האָט אַגנעס ריינהאַלד גענומען אויף זיך די גאַנצע שולד, און דערמיט געצוווּנגען די ריכטער זיי זאָלן צוגעבן די אומשולד פון איר מאַן און פון צוויי אַנדערע מיט־אָנגעקלאָגטע. בעת מען האָט זי נאָכן אורטייל אַרויסגעפירט פונעם געריכטזאַל, האָט זי מיט אַ קלאָרער שטים אויסגערופן אויף אַ קול צו אירע גענאָסן: „איך פריי זיך וואָס איר און באַזונדער מיין גוטער מאַן זענט פריי. איך וועל יאַקאָש אַלץ איבער־טראָגן. איך בין ניט באַגאַנגען קיין שום אומווערדיקייט. איך קום אָפּ פאַר

אַן אידעע, פאַר דער אידעע צו באַפרייען די מענטשהייט!" און דייטשע ריכטער האָבן אַזאַ פרוי פאַרשיקט אויף זעקס יאָר צוכטהויז.

ניין, יענע קערנדיקע בלעטלעך האָבן באמת ניט געהאַט די ווערט אַזעלכע קרבנות. דעמאָלט האָב איך אויף יעדן פאַל ניט אַזוי געטראַכט וועגן דעם. די בעסערע דערקענטעניש קומט תמיד אַ סך שפּעטער. אין יענע טעג איז דאָס שאַרפסטע געווען פאַר אונדז געווען פאַר אונדז גענוג גוט. מיר האָבן געגלייבט, אַז מיר טוען אויף וווּנדער מיט פאַרשפּרייטן עטלעכע הונדערט אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס. אונדז האָט געלאָקט ניט אַזוי זייער אינהאַלט ווי די סכנה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע ליטע־ראַטור. מיר האָבן געוווּסט גאַנץ גענוי אַז יעדער איינער פון אונדז ריזיקירט מיט זעקס ביז אַכט יאָר „הינטער שוועדישע גאַרדינען" פאַר פאַרשפּרייטן אַ שטייגער אַזאַ בלעטל ווי „צו די אַרבעטער אין סאָלדאַטן־מונדירן", אָבער דווקא אָט דער באַוווּסטזיין האָט פאַר אונדז געהאַט אַ צוציִענדיקע קראַפט. מיר האָבן געשפּילט מיט דער סכנה און געהאַט דערביי אונדזער סאַטיספאַקציע. די מערסטע פון אונדז האָבן אָבער געהאַנדלט זייער פאַר־זיכטיק און אויסגעפאָלגט אַלע פאַרשריפטן. עס האָבן אָבער אויך ניט געפעלט אַזעלכע וואָס האָבן עפּעס ווי זיך געריצט מיטן גורל, און ניט געלייגט קיין אַכט אויף גאַרניט. אַזאַ איינער איז געווען מיין פריינד הערמאַן טיעטצע. איינער פון די איבערגעגעבנסטע און אַנטוויקלסטע גענאָסן אין אונדזער גרופּע. איך בין איינמאָל געקומען צו אים אין שכנותדיקן שטעטל וויסבאַדען, ווו ער האָט געוווינט און האָב געטראָפן דאָס גאַנצע בעט זיינס באַדעקט מיט אומלעגאַלע צייטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים שאַרף אויסגערעדט פאַר אַזאַ ניט דערלאָזלעכער לייכטזיניקייט, אָבער ער האָט נאָר געשאָקלט מיט זיין גרויסן קאָפּ און גאַנץ רויִק זיך אַ זאָג געטאָן: איך ווייס! אָבער עס האָט ניט קיין שום צוועק אויסצומיידן די סכנה. פריִער אָדער שפּעטער וועלן זיי מיך פאַרט פּאַקן. ווער סע וועט אַריין פריִער אין תפיסה, וועט פריִער אַרויס."

ווי אַזוי אַזאַ רוח פון אַ בחור איז ניט געכאַפּט געוואָרן — איז פאַר מיר היינט נאָך אַ רעטעניש. דער פאַקט וואָס יונגעלייט אין אונדזער עלטער מיט אונדזער יוגנטלעכן ענטוזיאַזם האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין אַזאַ געפערלעכער אַרבעט — דאָס איז באַגרייפלעך. ווייניקער באַנעמיק איז די אכזריות פון די דייטשע ריכטער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפּרוווט זיך אַריינטראַכטן אין גייסטיקן צושטאַנד פון יונגע מענטשן און וואָס האָבן מיט אַזוי פיל רשעות צוגעגנבעט ביי אַ סך יוגנטלעכע זייערע בעסטע יאָרן.

אין אַ קליינער שטאָט ווי מאַינץ, האָט די אונטערערדישע טעטיקייט פון אַ קליינער גרופּע געמוזט גיכער אויפפאַלן, ווי אַ שטייגער אין אַ שטאָט ווי בערלין, אָדער אין אַנדערע גרעסערע שטעט. די אַנאַרכיסטישע ליטע־ראַטור וואָס מען האָט זיך איר אָפּט אַנגעשטויסן, האָט פּאַראַיִנטערע־סירט די לאָקאַלע פּרעסע מיט אונדזערע מאַניפּולאַציעס. אין „מאַינצער זשורנאַל" און אין „טאַגעבלאַט" האָט מען אָנגעהויבן אינפאָרמירן אין לאַנגע

קאָלומס וועגן דער קאָנטיקער אַנאַרכיסטישער פאַרשווערונג אין אונדזער שטאָט. די לייענער פון אָט די צייטונגען האָבן דערנאָך שוין געקענט דערציילן וועגן דעם די שווידערלעכסטע זאַכן. געגוג שטאָף פאַר זייער פאַנטאַזיע האָבן זיי געקענט שעפּן ביים פראַנצייזישן אַנאַרכיסט ראַוואַשאָל און זיינע גענאָסן אין פּאַריז, וואָס האָבן דעמאָלט געשמט אויך איבער פראַנקרייכס גרענעצן.

אונדזער גרופּע האָט מיט דער צייט אַריינבאַקומען אַ גוטן צוּוווּקס. צוגערייזטע גענאָסן ווי קאַרל בילער און הערמאַן טיעטצע, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער ענגערן קרייז. שפּעטער זיינען צוגעקומען זשאַן העפּנער, פריץ טוויעג און העגריך צאָהן. מיר האָבן שוין געקענט באַציען פון אויסלאַנד גרעסערע קוואַנטומס פאַרבאָטענע ליטעראַטור, און אויסשפּרייטן אונדזער טעטיקייט אויך אויף דער אַרומיקער סביבה. אונדזער רודערן האָט געשטעלט די פּאָליציי אויף די פיס. אויפן ערשטן פייער איז געגאַנגען אונדזער לייענקלוב. הויז־זוכונגען זיינען געמאַכט געוואָרן ביי אַלע באַקאַנטע קלוב־מיטגלידער. ביי העפּנערן און ביים רויטן וואָלף האָט די פּאָליציי אַפילו אויפגעריסן דעם דיל און די קישנס; די פּאָליציי האָט אָבער גאָרניט געפונען. ביי טייל גענאָסן, אויך ביי מיר, איז די פּאָליציי געקומען זוכן אַפילו אויף אונדזערע אַרבעט־פּלעצער. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אָט די גענאָסן זאָלן ווערן אָפּגעזאָגט פון זייער אַרבעט. אַ סך פון אונדז זיינען דערפאַר געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק זוכן אַרבעט אין וויסבאַדען אָדער פראַנקפורט.

אונדזער אומלעגאַלע אַרבעט איז געוואָרן אַ גאַנץ געפערלעכער ענין. אָבער דווקא דערפאַר איז ביי אונדז געשטיגן דער חשק צו דער אַרבעט. מיר האָבן פון צייט צו צייט בכיוון געמאַכט איבעררייסן, כדי איינצושלעפּערן די פּאָליציי. אָבער אַזוי באַלד ווי די לופט האָט זיך אַביסל אָפּגערייניקט, האָבן מיר אָנגעהויבן פונסניי מיט נאָך מער ברען. די פּאָליציי האָט דערויף רעאַגירט מיט נייע הויזזוכונגען, מען האָט קיינעם ניט געכאַפּט ביי דער האַנט. אַלץ איז ביי אונדז געווען אַזוי גוט איינגעשטעלט, אַז ס'איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך פאַר די היטער פון אָרדענונג צו קומען אויף אונדזערע שפּורן. די פּאַקעטן פלעגן מיר באַקומען דורך אַן עקספּעדיציע־פירמע, ווו ס'איז געווען באַשעפטיקט אַ קרוב פון אַ הויכן פּאָליציי־באַאַמטן. דער אָפּנעמער פון די פּאַקעטן איז ניט געווען אָנגעשלאָסן אין קיין שום באַוועגונג. די באַלעבאַטים פון דער פירמע האָבן ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן כאַראַקטער פון די פּאַקעטן. דער אָפּנעמער פון די פּאַקעטן איז געווען אַ געהילף־וועכטער פון גאַנזענהאַמער וואַלד. ביי אים פלעגן מיר באַקומען פון דער פאַרבאָטענער ליטעראַטור צו ביסלעכוויז, נאָר אַזוי פיל וויפל מען קען פאַרשפּרייטן אין איין נאַכט. וועגן דעם ווי אַזוי די פּאַקעטן קומען אָן, און ווער עס נעמט זיי אָפּ, האָבן געוווּסט נאָר איך און אַ צווייטער גענאָסע. די קאָרעספּאָנדענץ האָב איך געפירט, אָבער די נעמען וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן אין די בריוו זיינען אַלע געווען פיקטיווע צונעמען. אַפילו אַז איינער פון מיינע בריוו זאָל געווען אַריינפאַלן דער פּאָליציי אין די הענט,

וואָלט מען פון אים גאָרניט געקענט אַרויסלייענען. ניט געקוקט אויף אַלע הויז־זוכונגען און אויף די אומדערמידלעכע נישטערנישן מצד דער פּאָליציי, איז קיינער פון אונדז ניט אַריינגעפאַלן. די אָפּטע באַלעסטיקונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָבן געהאַט דעם איינציקן רעזולטאַט: מיר זיינען געוואָרן פלייסיקער אָבער אויך אַ סך מער פאָרזיכטיק.

ווילהעלם ווערנער אין מאינץ

דערווייל האָט אונדזער לייענקלוב אַנטוויקלט אַ רירעוודיקע טעטיקייט נאָכן צוזאַמענפאָר אין ערפורט איז עס געקומען צו שאַרפע דיסקוסיעס אין דער אָרטיקער גרופּע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ס׳איז דערגאַנגען דערצו אַז אַ צאָל עלטערע מיטגלידער האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער אָרגאַניזאַציע און הורטאָם אַריבער צו אונדז. ס׳רוב פון זיי זיינען געווען צוגערייזטע געגאָסן פון צפון־דייטשלאַנד ווי: פּ. טוויעג, ק. בילער, ה. טיעטצע, דער רויטער וואָלף און פּ. גלויבערעכט, אַן אַלטער לאַסאַלעאַנער. דער לייענקלוב האָט איצט געציילט ביי אַן ערך פופציק מיטגלידער און איז געווען אָן ספק די אַקטיוווסטע פּאָליטישע גרופּע אין אונדזער שטאָט. מיר האָבן רעגלמעסיק פאַרשפּרייט דעם „סאָציאַליסט" און די „ליכטשטראַלן", אויך נייע בראָשורן, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז פון בערלין. אונדזערע וועכנטלעכע דיסקוסיע־אָוונטן זיינען געווען זייער גוט באַזוכט. אַ היפּשער עולם איז אויך געקומען צו די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס דער קלוב פלעגט איינאָרדענען פון צייט צו צייט.

אין פרילינג 1892 האָט די רעדאַקציע פונעם „סאָציאַליסט" מיר געלאָזט וויסן, אַז ווילהעלם ווערנער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ לעקציע־טור איבער דעם אינדוסטריע־געביט פון מערב־דייטשלאַנד, און אַז ער איז גערנוויליק אויפצוטרעטן אויך אין פראַנקפורט און אין מאינץ, אויב מיר וועלן מאַכן באַצייטנס די נייטיקע צוגרייטונגען. מיר זיינען גלייך איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג, און האָבן געדונגען איינעם פון די שענסטע זאַלן אין שטאָט. אַזוי באַלד ווי אונדזער אונטערנעמונג איז באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע אָנגענומען אַ באַשלוס צו רעקאָמענדירן אירע מיטגלידער זיך צו האַלטן פונדערווייטנס פון אונדזער פאַרזאַמלונג, „וואָס איז אויסגערעכנט נאָר דערויף צו שפּאַלטן די אַרבעטער־באַוועגונג און צו נוצן די אינטערעסן פון אירע קעגנער."

ווערנער האָט געהאַט דעם שם פון אַן אויסגעצייכנטן פאָלקסרעדנער, און ס׳איז זיך ניט איבעריק שווער פאָרצושטעלן אַז דעם הער יעסט, און די אַנדערע קאָרפּנקעפּ פון דער אָרטיקער עס־דע גרופּע גייט עס ניט שטאַרק אין לעבן צו דאַרפן פעכטן מיט אים עפנטלעך. מיר זיינען דערפאַר טאַקע

געבליבן אַ שפּאַר ביסל געפּלעפּט ווען עטלעכע טעג פאַר ווערנערס לעקציע, האָט די פּאַרטיי פּאַראָרדנט אַלע אירע מיטגלידער צו קומען מאַסנווייז צום אָוונט, און ניט דערלאָזן עס זאָל זיך דאָ אין שטאָט צעפירן די הענט אַ מענטש, וואָס דער צוזאַמענפאַר אין ערפורט האָט אים דערקלערט פאַר אומווערטיק. וואָס סע האָט געקענט באַוועגן די פּאַרטיי־פירער זיי זאָלן אַזוי פון היינט אויף מאָרגן בייטן זייער איינשטעל — וועגן דעם האָבן מיר ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף. ס׳איז אָבער געווען גענוג קלאָר אַז זיי פאַר־נעמען זיך אויפצורייסן די פאַרזאַמלונג.

ווערנער איז אָנגעקומען קיין מאַינץ אַ פינף־זעקס שעה פאַר דער דער־עפענונג פונעם אָוונט. ער האָט מיך באַצייטנס פאַרשטענדיקט וועגן זיין אָנקום, כדי איך זאָל אים אָפּוואַרטן אויפן וואָקזאַל. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע באַגעגעניש, וואָס איז געוואָרן דער אָנהייב פון אַ פופציק־יאָריקער פריינדשאַפט. ווערנער איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר, אין דער גאַנצער קראַפט פון זיין פּוליעריקייט. איך בין פון דער ערשטער מינוט פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין ערנסט מענעריש פּנים מיט די גרויסע בלויע אויגן און בלאָנדער באָרד. זיין ענערגיע און שטאַרקער ווילן, האָבן זיך מיר גלייך געגעבן צו פילן. ווערדליג זיין עלטער, האָט ער גריילעך געקענט זיין מיין פאָטער, אָבער אין געציילטע שעהן זיינען מיר געוואָרן אַזוי אינטים מיטאַנאַנד, באַגלייך מיר זאָלן זיך האָבן געקענט זינט יאָרן. אַז איך האָב אים איבערגעגעבן וועגן קענטיקן באַשלוס פון דער פּאַרטיי צו מאַכן אָבסטרוקציעס און שטערן אונדזער פאַרזאַמלונג, האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט און באַמערקט, אַז מיר דאַרפן אַנטקעגנגיין די פּאַסירונגען, אַזוי ווי זיי קענען אויספאַלן, און אַז סע האָט ניט קיין שום זינען דערוויל־וואָס זיך צו ברעכן וועגן דעם דעם קאָפּ.

אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אין זאַל פון דער פאַרזאַמלונג, זיינען אַלע פּלעצער שוין געווען געדיכט באַזעצט. די טירן און פענצטער זיינען געווען ברייט צעעפנט, אַזוי אַז אויך די פּלעצער אין דערבייִיקן גאָרטן זיינען אַלע געווען פאַרנומען. דער לייענקלוב האָט מיך באַשטימט ווי דעם פאָרזיצער פונעם אָוונט. פונקט אַכט דעם זייגער זיינען מירביידע, איך און ווערנער אַרויף אויף דער טריבונע. איך האָב דערוואַרט אַ פיינדלעכע דעמאָנסטראַציע מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וויילער, וואָס זיינען געווען די מערהייט אין זאַל. מיין מורא האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אומבאַגרינדעט. איך האָב געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ קורץ אַריינפיר־וואָרט וועגן צוועק פונעם אָוונט. אָבער אין מאָמענט, ווען איך האָב געגעבן ווערנערן דאָס וואָרט, האָט זיך פון אַלע זייטן דערהערט דער אויסרוף „ביוראָוואַל״, „ביור־ראָוואַל״! איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, וואָס ס׳איז די פאַרשטעקטע כוונה פון אונדזערע קעגנער. „ביוראָוואַל״ איז דעמאָלט געווען אַ פּאַראָל, וואָס מען האָט געקענט הערן כמעט אויף אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרזאַמלונגען; עס האָט געהייסן, אַז די פאַרזאַמלטע פאָדערן אויסצוויילן דעם פאָרזיצער און בייזיצער פונעם אָוונט פון זייער אייגענער מיט. אַזוי לאַנג ווי די מערהייט פונעם עולם באַשטייט פון אייגענע מענטשן, פון פּאַרטיי־מיטגלידער, האָט

קיינער ניט געקענט האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן אַזאַ אַראַנזשירונג. אָבער גאָר עפּעס אַנדערש איז עס, אַז מען וויל אַרויפּצווינגען אַזאַ פּרעזידיום אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַן אַנדערער ריכטונג, וואָס די בעלנים אויף „ביוראָוואָל" זיינען דערצו נאָך אירע שאַרפע קעגנער. אַזאַ מכלומרשט „דע־מאָקראַטישער פּאַראַנדעק" ווערט אין אַזאַ פאַל אַ פשוטע פאַרגוואַלטיקונג פון דער מינדערהייט. יעדער פריי אַרויסגעזאָגטע מיינונג ווערט דעמאָלט געשטעלט אונטער קאָנטראָל פונעם קעגנער.

אַזאַ סאָרט האַנדלונג האָט מיט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן קיין שום שייכות ניט. אַז די אויסרופן „ביוראָוואָל" זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָב איך דערקלערט אַ הפסקה פון צען מינוט, כדי זיך צו קענען באַראָטן מיט ווערנערן. מיר האָבן געהאַט די ברירה זיך קעגנצושטעלן די שרייערס, און אַזוי אַרום דערפירן דערצו אַז די פאַרזאַמלונג זאָל ווערן אויפגעריסן, אָדער מיר טרעטן אָפּ דעם פּלאַץ די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און וואַרטן אָפּ צו זען וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. ווערנער וואָס האָט אויף קיין איין מינוט ניט פאַרלוירן זיין רו, האָט מיך געראָטן אַנצונעמען די וואָל. איך האָב אים געפאָלגט, ווייל קיין אַנדער אויסוועג איז אונדז סיי־ווי ניט געבליבן. דער סוף איז געווען אַז דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט פראַנץ יעסט איז מיט אַ גרויסער מערה־ית אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער פאָרזיצער און אונטער שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן פון זיינע אָנהענגער, האָט ער פאַר־נומען זיין פּלאַץ. די פאַרזאַמלונג איז מער ניט געווען אין אונדזערע הענט.

איך בין געווען כמעט זיכער, אַז נאָך אָט דעם אינצידענט וועט ווערנער בכלל ניט קומען צום וואָרט. מיין איבערראַשונג איז דערפאַר געווען באַ־זונדערס גרויס, ווען דער פאָרזיצער האָט זיך אין זיין קורצן אַריינפיר צופרידן געשטעלט מיט אַ פּאָר שאַרפע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון דער אָפּאָזיציע, און גלייך געגעבן דאָס וואָרט ווערנערן. מיטן מאָמענט וואָס דער רעדנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים רעדנער־פּולט, האָט מען אין עולם אָנגעהויבן צו רודערן. דער טומל האָט זיך איינגעשטילט ערשט, ווען דער הער יעסט האָט געגעבן זיינע מענטשן דעם צוזאָג אַז די „וואָס האָבן די פאַראַנטוואָרטונג", האָבן באַצייטנס צוגעגרייט זיין פאַרדינטן לוין פאַרן רעדנער פונעם אָוונט. אָט די באַמערקונג האָט געקלונגען אַ שפּאָר ביסל קאָמיש, וואָרן קיינער האָט דאָך ניט געקענט וויסן, וואָס אַזוינס בכלל האָט ווערנער צו זאָגן. ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס האָט ער אַליין, יעסט, זיך צוגעגרייט ווערנערן צו „פאַרגעלטיקן". מיך האָט דאָס היפּשלעך געחידושט, מחמת פערזענלעכער מוט איז ניט געווען יעסטס שטאַרקע זייט.

ווערנער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט אויף אַ מייסטערדיקן אופן. זיין אָנגע־נעמע, גוט־קלינגענדיקע שטים, האָט מען געקענט הערן דייטלעך ביז אין לעצטן ווינקל פונעם זאַל, און אין דרויסן אין גאָרטן. שוין נאָך זיינע ערשטע פּאָר זאַצן, זיינען די צוהערער פאַרכאַפּט געוואָרן, אַלץ מער און מער, פון זיינע רייד. ער האָט גערעדט אויף דער טעמע: „די אויפגאַבן און צילן פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן." זיין פאָרטראָג איז געווען קלאָר און פאָלקסטימלעך. מיר איז באַזונדערס געפעלן דער קאָמפּאַקטער זאַצבוי פון

זיינע אויספירונגען. קיין איין איבעריק וואָרט איז אין זיי ניט געווען. אַלץ איז געווען צום ענין. יעדער וואָרט זיינס האָט געקלונגען איבערצייגנדיק, עכט, דעם איינדרוק אויף די צוהערער האָט מען געקענט זען בחוש ממש. און כאָטש ער האָט אַן איינזעעניש אַנטבלויזט די אינעווייניקסטע צושטאַנדן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, איז ער אויף קיין איין מינוט ניט געווען אומזאַכלעך, און ניט אַריינגעפאַלן אין אַ פּערזענלעכן טאָן פון ערגערניש, אויפגערייצטקייט. זיין רעדע איז עטלעכע מאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך אַפּלאָדיסמענטן. דעם פאָרזיצער איז עס קענטיק געגאַנגען אויף די נערוון. ביי יעדער אויסבראַך פון אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער גע־מאַכט מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט ווען דעמפּן די שטימונג.

נאָכדעם ווי די פאַרזאַמלונג האָט מיך געמאַכט פאַר אויס פאָרזיצער, האָב איך פאַרלאָזט די טריבונע. די פּלעצער אין זאַל זיינען אַלע געווען באַזעצט, און איך האָב געמוזט אויסשטיין די גאַנצע צייט פון דער לעקציע. ניט ווייט פון מיר האָב איך באַמערקט אַ מיטליאָריקן פאַרשוין, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט פון אויפנעמען נאָטיצן פון ווער־נערס רייד. זיין בלייך מאָגער פּנים איז געווען באַרעמט מיט אַ קורץ טונקל בערדל, זיין אומרוקער שטעכנדיקער בליק איז געווען אַנגעשטרענגט צום פּולט ווי ער וואָלט מורא געהאָט חלילה ניט צו פאַרלירן דעם רעדנערס אַ זשעסט. פון צייט צו צייט האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מיט פאַרוואורף, און אַ געמיין שמייכעלע האָט זיך צעלייגט איבער אַלע זיינע שטריכן. איך האָב דעם מענטשן קיינמאָל פריִער ניט געזען, און האָב זיך געחידושט אויף זיין אויסטערלישן באַנעמען זיך.

ווען ווערנער האָט געענדיקט זיין פאָרטראַג איז דער עולם אַ ווײַלע געבליבן זיצן שטיל. באַלד האָט דער פאָרזיצער זיך אויפגעשטעלט און אַביסל צערעמאָניאַל דערקלערט: „נו, האָבן מיר די דעבאַטע. דער ערשטער באַקומט דאָס וואָרט דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט ריטשאַרד פּישער פון בערלין.‟ דער אומבאַקאַנטער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, און מיט איילִיקע טריט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טריבונע. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. די גאַנצע צייט האָב איך אומזיסט מיר געבראָכן דעם קאָפּ צו דערגיין די סיבה פון הער יעסטס געדולדיקייט. איצט איז אַלץ ווי אויפן טעלער. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָבן ווערנערס געלונ־גענע פאַרמולירונגען אַנגעהויבן באַאומרו:קן די פאַרטיי־פירערשאַפט אין בערלין, און מען האָט באַשלאָסן אים נאָכצושיקן פּישערן, מחמת מען האָט איינגעזען אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די אָרטיקע פאַרטיי־גדולים, זיי זאָלן אַליין זיך אָפּפאַרטיקן מיט ווערנערן.

די פאַרטיי־פירערשאַפט האָט געוווּסט וואָס זי טוט. הער פּישער איז אויף אַן אמת געווען דער לעצטער מענטש אין דייטשלאַנד, וואָס די אָפּאָ־זיציע האָט געקענט דערוואַרטן פון אים אַ זאַכלעכע אָפּשאַצונג. דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן וואָס זיינען אומבאַדינגט נייטיק צו קענען מאַכן צונישט פון אַ קעגנער אין די אויגן פון אַ מאַסע, וואָס סע פעלט איר אַבסאָלוט דער מינדסטער חוש פאַר קריטיק. מיר איז קיינ־

מאָל פריִער ניט אויסגעקומען צו הערן אַ רעדנער, וואָס זאָל אַזוי מאַכן זיין אָפּאָנענט אויסצודריייען. פון יעדער זאַץ זיינעם האָט געשטראָמט מיט אַנצוהערענישן און ניט־דערוויזענע פאַרדאַכטן, מיטן איינציקן צוועק אויפ־צורייצן די נידעריקסטע אינסטינקטן ביי די צוהערער. דער עצם ענין האָט פישערן בכלל גאָרניט אינטערעסירט. ער האָט זיך צופרידן געשטעלט דערמיט צו שטעמפּלען די יונגע ווי אַ ווערקצייג פון דער רעגירונג; ער האָט ביי זיי אַרויסגעפונען כוונות צו דערפירן צו אַן אינעווייניקסטער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי. אין פישערס גאַנצע רעדע איז ניט געווען קיין איינציק וואָרט וועגן די אמתע קאָנצעפּציעס פון דער אָפּאָזיציע.

ווערנער האָט באַגרענעצט זיין רעדנער־צייט מיט איין שעה, כדי זיינע קעגנער זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אים צו אָפּענפערן אויף אַ גרינדלעכן אופן. פישער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין אונדזער שטאָט מוז יעדער עפנטלעכע פאַרזאַמלונג זיך ענדיקן קורץ פאַר עלף דעם זייגער, האָט ער מיט אַ כיוון צעצויגן זיין רעדע מיט איבעריקע איבערחזרונגען אויף גאַנצע דריטהאַלבן שעה. פאַר ווערנערן אָדער עמעצן אַנדערש איז מער ניט גע־בליבן קיין צייט אים אָפּצוענטפערן. אַז ער האָט פאַרענדיקט אַ פערטל פאַר עלף, האָב איך געבעטן אַ וואָרט צו געשעפטס־אָרדענונג, און האָב געמאָלדן אַז די דיסקוסיע ווערט אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער אָוונט. דער פאָרזיצער האָט דערויף באַמערקט מיט אָפּענעם חוזק, אַז פישער וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום האַלטן אַ פּאַרטראַג וועגן אַנאַרכיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און דעמאָלט וועט יעדער איינער האָבן די געלעגנהייט מיט אים צו דיסקוטירן.

ווערנער האָט געמוזט אויפן צווייטן טאָג אָפּפאָרן קיין פראַנקפורט, וווּ ער האָט געדאַרפט אויפטרעטן נאָך דעם זעלביקן אָוונט. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך זאָל אים טעלעגראַפירן אַזוי באַלד ווי עס וועט ווערן באַקאַנט די דאַטע פון פישערס פאַרטראַג, כדי ער זאָל צוריקקומען קיין מאַינץ אָפּצוענטפערן פישערן. אין פראַנקפורט האָט ווערנער געהאַט אַ זייער געלונגענעם אָוונט. אַלע דאָרטיקע צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט לאַנגע באַריכטן פון זיין פאַרטראַג. פאַרשטייט זיך, אַז פישער האָט זיך אַריינגעשטעלט אויך דאָרטן, אָבער אין פראַנקפורט האָט עס אים ניט אָפּגעגליקט. דער פאַראיין פון די אומאָפּהענ־גיקע סאָציאַליסטן איז אין פראַנקפורט געווען אַן אָנגעזעענע קערפּערשאַפט, מיט אַ גרויסער צאָל מיטגלידער. חוץ דעם איז אין דער פראַנקפורטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע געווען אַ היפּשע צאָל געגנאָסן, וואָס זיינען אויפן צוזאַמענפאָר אין ערפורט געווען קעגן דעם אויסשלוס פון דער אָפּאָזיציע. ווען מען האָט אויך דאָרטן געפאָדערט „ביוראָוואַל״, איז אַן אומאָפּהענגיקער געווילט געוואָרן, ווי דער פאָרזיצער, און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט ווי ביי־זיצער. די פאַרזאַמלונג האָט אין פאָרויס באַשטימט צען מינוט צייט פאַר יעדן אָפּאָנענט. פישערן האָט מען פון דעסט וועגן באַוויליקט צוואַנציק מינוט. עס וואָלט פאַר אים בעסער געווען ער זאָל ניט געווען נעמען דאָס וואָרט. ווערנערס ענטפער צום סוף פונעם אָוונט, און אַפילו אָנהענגער פון זיין אייגענער פאַרטיי, האָבן ווייט ניט בייגעטראָגן דערצו

אַרויסצושטעלן, אין אַ בעסערער באַלויכטונג פישערס פאַרדינסטן פאַר זיין פאַרטיי.

אַזוי באַלד ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן די דאַטע פון פישערס פאַרזאַמ־לונג אין מאינץ, האָב איך וועגן דעם צוויסן געגעבן ווערנערן. ער איז אָנגעקומען קיין מאינץ עטלעכע שעה פאַרן אָוונט. מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אויך פישער זאָל האָבן צום ווינציקסטן אַזאַ עולם, ווי עס האָט געהאַט ווערנער. ס'איז אָבער אַזוי ניט געווען. דער גאָרטן איז געווען ליידיק, און אויך דער זאַל ניט גאַנץ פול. אפנים אַז פישערס אויפטרעטן אויפן ווערנער אָוונט, האָט אַפילו ביי אַ סך פון זיינע פאַרטיי אַנהענגער אָפּגע־שלאָגן דעם חשק אים צו הערן אַ צווייט מאָל. הער יעסט האָט אויך דאָס מאָל געפירט דעם פאָרזיץ. נאָכדעם ווי פישער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט זיין שיינע פּערזענלעכקייט מיט עטלעכע טעג פריער, האָט קיינער פון אונדז ניט דערוואַרט קיין ברייטערע פּערספּעקטיוון פון זיין פאָרטראַג אויף דער טעמע „סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם". דאָס וואָס ער האָט געלאָזט הערן יענעם אָוונט איז געווען פּשוט אַ חרפּה. פישער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויף ליבקנעכטס וועגן וואָס ער האָט אָנגעמערקט אויפן קאָנגרעס אין סאַנקט גאַלען (1887). ליבקנעכט האָט דעמאָלט איינגעטיילט די אַנאַרכיסטן אויף דריי קאַטעגאָריעס: „די פּאָליציי־שפּיצל, די פאַרברעכער און די צעדרייטע". וועגן אַנאַרכיזם, ווי אַ סאָציאַלע קאָנצעפּציע, האָט פישער בכלל ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווייל ער האָט קענטיק פּשוט טאַקע ניט געוווּסט וועגן דעם גאָרניט. די „דריי קאַטעגאָריעס" האָט ער באַהאַנדלט מיט יענע חנעוודיקע כוואַטסקע אַרגומענטן, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעגעבן צו זיין רשות.

פישער האָט אויספירלעך דערציילט וועגן רוסישן אַגענט באַקונין, וואָס האָט אויפן צאַרס באַפעל געפּרוּווט אויפרייסן דעם ערשטן אינטערנאַ־ציאָנאַל; וועגן דער צייטונג „פרייהייט" וואָס דערשיינט אין דער שווייץ אויף די געלטער פון דער פּרייסישער רעגירונג; וועגן אויגוסט ריינזדאָרף, וואָס האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן בלויז דערפאַר, וואָס די דייטשע פּאָליציי האָט געמוזט פּטור ווערן פון אַן אומבאַקוועמען פאַרבינדעטן, און וועגן אַ הונדערט ענלעכע זאַכן, געשעפּט פונעם אוצר אומדערוויזענע באַהויפּטונגען. קיינמאָל פריער און אויך שפּעטער האָב איך דאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו הערן פון אַ רעדנער עפּעס וואָס זאָל האָבן דעם מינדסטן פאַרגלייך מיט פישערס פּערלדיקע רייד.

פישערס רעדע האָט געדויערט דריטהאַלבן שעה. זיינע איבערחזרונגען אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס, האָבן פאַרטריבן פונעם זאַל אַ העלפט פונעם עולם, נאָך איידער דער מבול פון זיין באַרעדעוודיקייט האָט אויפגעהערט צו שטראָמען. ווילהעלם ווערנער האָט זיך געהאַט פאַרשריבן צום וואָרט דער ערשטער, כאָטש אויף אַן ענטפער, ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז דאָך געבליבן גענוג צייט. נאָך דער געוויינלעכער פּויזע האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן, אַז „אַ געוויסער הער ווערנער פון בערלין האָט געבעטן אַ וואָרט. זיין רעפּוטאַציע איז אַפילו ניט פון די בעסטע", אָבער פון דעסט וועגן, האָט ער באַשלאָסן צו באַוויליקן אָט דעם הער צען מינוט צייט, מיטן באַדינג

פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט זיך אָפּהאַלטן פון פערזענלעכע אָנפאַלן, און וועט באַגרייפן אַז דאָ איז מען ניט אין בערלין.

אַזאַ געמיין באַנעמען זיך מצד אַ פּאַרזיצער פון אַ פּאַרזאַמלונג, האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן פון אונדזער זייט. ווען ס׳איז ענדלעך געוואָרן אַביסל שטילער, האָט ווערנער אין זיין גערעכטן צאָרן אַריינגעזאָגט דעם הער יעסט, ווי ס׳איז אים געקומען. דער פּאָרזיצער האָט גלייך ביי אים צוגענומען דאָס וואָרט. אָבער ווערנערס מעכטיקע שטים האָט זיך אַרויס־געהערט אויך פונעם פּאַרזיצערס געקלינגערייי און ער האָט ווייטער גע־רעדט. דער פּאָרזיצער האָט עפּעס איינגערוימט אין אויער דעם פּאָליציי־באַאַמטן, וואָס באַוואַכט די פּאַרזאַמלונג, און יענער האָט באַפוילן דעם שוצמאַן צו אַרעסטירן ווערנערן, און אים אַרויספירן פונעם זאַל. בעת דער שוצמאַן האָט ווערנערן אַרויסגעפירט פונעם זאַל, האָט די מערהייט פון די פּאַרזאַמלטע אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן אַפּלויז. מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ ווי באַזעסענע. ס׳איז געווען אַ שענדלעכער ספּעקטאַקל, וואָס לאָזט זיך קוים באַשרייבן. און אָט די מענטשן האָבן זיך באַטראַכט ווי די פאָר־טרעטער פון דייטשלאַנדס צוקונפט. וועגן פירן ווייטער די פאַרזאַמלונג האָט פאַרשטייט זיך ניט געקענט זיין קיין רייד. דער הער יעסט האָט געשלאָסן די פּאַרזאַמלונג ווי ס׳איז דעמאָלט געווען איינגעפירט מיט „זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל, זאָל לעבן די פעלקער באַפרייענדיקע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע.״

איך און נאָך עטלעכע גענאָסן זיינען מיר גלייך אַוועק אין נאָענטן פּאָליציי־צירקל, געוויר צו ווערן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט ווערנערן. מען האָט אים דאָרטן געהאַלטן פאַרשפּאַרט. דער דעזשורנע פּאָליציי־באַאַמטער האָט אונדז דערקלערט, אַז קעגן ווערנערן איז ניטאָ קיין שום אָנקלאָג, אַז אַרעסטירט האָט מען אים צוליב זיין אייגענער זיכערקייט, כדי צו פאַרמיידן אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אָט די פאַרגעדענק־לעכע פּאַרזאַמלונג, וואָס היינט נאָך, מיט פופציק יאָר שפּעטער, שטייט זי מיר פאַר די אויגן, ווי דאָס וואָלט געווען פאַסירט ערשט נעכטן. ס׳איז באמת געווען אַן איינדרוק, וואָס ס׳איז שווער צו פאַרגעסן.

ווערנער איז נאָך פאַרבליבן צוויי טעג אין מאַינץ. דעם אָוונט פון זיין אָפּפאָרן, האָט ער גערעדט אויף אַ פּאַרזאַמלונג אין לייענקלוב. דער לאָקאַל איז געווען איבערגעפולט, אַ גאַר גרויסע צאָל בעלנים אַריינצוגיין אינע־ווייניק האָבן געמוזט בלייבן אין דרויסן. צו אָט דער פּאַרזאַמלונג זיינען געקומען אַ צאָל אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צווישן זיי אויך מיין אָנקל, זיי אַלע זיינען געווען זייער אויפגעטראָגן אויף פישערס אויפטריטן, ניט ווינ־ציקער ווי מיר אַליין. פישערס גאַסטראָלן האָט אונדז קיין שאָדן ניט גע־בראַכט. פאַרקערט, מיר האָבן צוגעקראָגן אַ צאָל נייע מיטגלידער. יעסט און זיינע אָנהענגער האָבן די ביידע אָוונטן געהאַלטן פאַר אַ געווינס, אַ נצחון וואָס ס׳איז קיינעם ניט איינגעפאַלן זיי מקנא צו זיין.

לאַמבערטס באַזוך און די געהיימע באַראַטונג אין דער קלעק

קורץ נאָך ווערנערס אַפּפאַר, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון לאַמבערטן מיט דער ידיעה, אַז ער קלייבט זיך אין גיכן מאַכן אַ רייזע אין אויסלאַנד. קיין גענויערע דאַטע האָט ער מיר ניט אָנגעגעבן, קאָנטיק מחמת אָפּגעהיטנקייט זיך ניט אַרויסצוכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָס זאָל קענען ווערן אויפפאַלנדיק דער פּאָליציי. אין אַן אָוונט, קומענדיק פון דער אַרבעט אַהיים צו מיין זיידן־באָבע, האָט איך געטראָפן לאַמבערטן וואַרטן אויף מיר. אונדזער אַנהאַלטעוודיקע קאָרעספּאָנדענץ, האָט אונדז זייער דערנענטערט צוזאַנאַנד, און מיר האָבן זיך דערפרייט איינער מיטן צווייטן, ווי אַלטע אינטימע פריינד. איך האָב באַוווּנדערט דעם מענטשן, וואָס האָט וואָך נאָך וואָך ריזיקירט מיט זיין פרייהייט ביים אַריבערפירן פאַרבאָטענע ליטעראַטור איבער דער גרענעץ, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז סע וועט אים ניט אויסמיידן דער גורל, וואָס האָט געטראָפן אַ סך אַנדערע פאַר אים, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָט דער געפערלעכער אַרבעט.

נאָכן עסן האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס הויז כדי צו קענען שמועסן אומגעשטערט. לאַמבערט האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אויפן וואָקזאַל צוויי פּעק מיט ליטעראַטור. מיר האָבן באַשלאָסן באַזאָרגן צוערשט די פּעקלעך אויף אַ זיכערן אָרט, און דערנאָך פאַרברענגען דעם רעשט פונעם אָוונט מיט די גענאָסן. ס׳איז שוין געווען טונקל, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום וואָקזאַל. לאַמבערט האָט אויסגעלייזט זיין געפּעק און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין, באַלאָדן יעדער איינער מיט אַ גרויסן רייזעטאַש. אַז מיר זיינען אָנגעקומען צום מינסטערפּלאַץ, האָבן מיר באַמערקט, אַז עמעצער גייט אונדז נאָך. אַז מען האָט צו טאָן מיט אומלעגאַלע זאַכן, באַקומט מען אַ פאַרשאַרפטן חוש־הריח, וואָס לאָזט זיך זעלטן גענאַרן.

וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווייַלע, כדי פעסטצושטעלן צי אונדזער פאַרדאַכט איז ניט קיין אומזיסטיקער. ביי אַן אָפּשטעל פון טראַמוויי, זיינען מיר געבליבן שטיין און געמאַכט דעם אָנשטעל פון וואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן. אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט גאַס האָבן מיר באַמערקט אַ פאַרשוין וואָס איז פלוצעם געבליבן שטיין, און האָט

אונדז קאַנטיק אַבסערווירט. אין דער טונקלקייט האָבן מיר געקענט זען נאָר זיין סילועט, ס'איז אָבער געווען קלאָר, אַז ער גייט אונדז נאָך. עס האָט ניט גענומען מער ווי אַ ווײַלע, און דער פּאַרשוין איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס און זיך געלאָזן דערנענטערט צו אונדז, פּאַמעלעכן פאַרבײַגעגאַנגען, אונדז אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, און זיך אַוועקגעשליכן ווײַטער. אויסגעזען האָט ער ווי אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ קורץ בערדל און נעט געקליידט. אָפּגעגאַנגען אַ פּופציק שריט, האָט ער זיך אומגעדרייט און פונדאַסניי פאַרבײַגעגאַנגען פאַרביי אונדז, זיך אָפּגעשטעלט דערנעבן און זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט פון דער גאַס, ווי ער וואָלט אויס־געקוקט אויפן טראַמוויי. עס האָט מער ניט געקענט זיין קיין שום ספק: דער פּאַרשוין גייט אונדז נאָך פּוסטריט. איך האָב אָט דעם מענטשן פריער קיינמאָל ניט געזען, און ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

„לאָמיר זיך לאָזן גיין", האָט לאַמבערט מיר איינגערוימט אין אויער, „דו קענסט די שטאָט, אפשר וועלן מיר ערגעצווו זיך אַרויסדרייען פון אים". מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט און זיך פאַרנומען אין אַן ענגער גאַס. דער פרעמדער איז אונדז נאָכגעגאַנגען. וואָלטן מיר ניט געווען באַלאָדן אַזוי שווער, וואָלטן מיר יאָקאָש זיך אויסגעדרייט פון אים, אָבער מיט אונדזער משא איז עס געווען אוממעגלעך. דער אומבאַקאַנטער האָט אונדז ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג. פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען מיר געקומען אויפן זינען. ניט־ווילנדיק האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס איך האָב זיך אָנגעלייענט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע וועגן די פאַרבינדונגען, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן מיט דער פּאָליציי. צי בין איך דאָ ניט אַריינגע־פאַלן אין אַ פּאַסטקע? איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף לאַמבערטן פון דער זייט. ביין, דאָס איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל זיין איינער פון יענע אויסוואורפן, וואָס מאַכן דעם פּאַרראַט פון זייערע מיטמענטשן פאַר זייער באַרוף. לאַמ־בערטס פּנים איז געווען רויק, קיין שפּור פון אויפרעגונג. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין חשד און געפילט ווי איך ווער רויט פאַר בושה.

אַ גוט פערטל שעה האָבן מיר אַזוי זיך געדרייט הין און הער איבער דער שטאָט, און דער פרעמדער הינטער אונדז ווי אַ יאַגדהונט, וואָס לאָזט ניט אַרויס פון אויג זיין מעגלעכן קרבן. „אפשר זאָלן מיר פאַרפירן מיט אים אַ שמועס און אים פרעגן וואָס צום טייוול וויל ער פון אונדז", האָט לאַמבערט אַ זאָג געטאָן. „נאָך ניט", האָב איך געזאָגט. „לאָמיר צוערשט זיך אַריינכאַפּן אין אַ קליין קאַפע־הויז און זען וואָס וועט ער טאָן." מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין ערשטן שענקל, וואָס איז אונדז געקומען פאַר די אויגן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַשטעלט ביר. דער אומ־באַקאַנטער איז אונדז ניט נאָכגעגאַנגען, מיר זיינען אָבער געווען זיכער אַז ער לויערט אויף אונדז אינדרויסן.

„מיר מוזן אויסגעפינען וואָס סע שטופּט אים, אָט דעם פּאַרשוין", האָב איך געזאָגט, „זאָל מען אונדז האָבן געוואָלט אַרעסטירן, טאָ זע איך ניט צו וואָס זיי דאַרפן אָט דאָס גאַנצע געיעג דורך דער שטאָט. אויך דאָס וואָס

דער חברה־מאַן איז אַליין, ווייזט ניט אויף קיין אַרעסט. דאָס בעסטע וועט זיין מיר זאָלן זיך צעשיידן. איך וועל נעמען ביידע טאַשן און זיך לאָזן גיין. גייט ער מיר נאָך, וועסטו האָבן צייט אָפּצוציִען. טוט ער עס ניט, איז אַ סימן אַז ער מיינט דיך. אין דעם פאַל וועל איך דערווייל־וואָס באַזאָרגן די זאַכן אויף אַ זיכערן פּלאַץ, און דו וועסט דאָ וואַרטן אויף מיר ביז איך וועל צוריקקומען. דאָס ווייטערדיקע לאָזט זיך זען."

לאַמבערט האָט צוגעשטימט צו מיין פּאָרשלאָג. איך האָב גענומען ביידע וואַליזעס און בין אַרויס פונעם בירשענק. אינדרויסן איז דער פרעמדער געשטאַנען האַרט ביי דער טיר. ער איז קאָנטיק געוואָרן אַביסל צעחושט ווען ער האָט מיך דערזען אַרויסגיין אַליין אָן לאַמבערטן און אַפּנים ניט געוווסט, וואָס ער זאָל אָנהייבן צו טאָן. פּאַמעלעכן איז ער מיר נאָכגעגאַנגען ביז צום ערשטן ראָג, און ראַפּטום זיך אויסגעדרייט צוריק צו זיין וואַך־פּאָסטן. אויפן עק פון אַ גרעסערער גאַס האָב איך גענומען אַ טראַמוויי און בין צוריקגעפאָרן אין דער ניי־שטאָט. דערנאָך בין איך אַ שטיקל צייט געגאַנגען הין און הער כדי זיך קלאָר צו מאַכן, צי מען גייט מיר ניט נאָך. ווען איך האָב איינגעזען אַז די לופט איז ריין, האָב איך געבראַכט מיין גע־פּערלעך געפּעק אויף אַ זיכערן אָרט, און גלייך זיך געלאָזט גיין צוריק צום בירשענק. די גרעסטע סכנה איז אויסגעמיטן. זאָלן זיי אונדז פּאַקן אָן די זאַכן, קענען זיי זיך טשעפּען צו אונדז וויפל זיי ווילן, קיין סך וועלן זיי פון אונדז ניט אַרויסבאַקומען.

לעבן בירשענק איז קיינער ניט געשטאַנען. איך האָב האַסטיק געעפנט די טיר, און וואָס האָב איך דערזען! אונדזער אומבאַקאַנטער פּאַרפּאָלגער זיצט זיך געמיטלעך לעבן לאַמבערטן און ביידע אונטערהאַלטן זיך ווי די בעסטע גוטע פריינד. מיך דערזען, האָבן ביידע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, אַפּנים אַז איך האָב אויסגעזען היפּשלעך צעטראָגן. קיין קאָמיזם האָט דער אוואַנטורע ניט געפעלט. אַרויסגעשטעלט האָט זיך אָט וואָס: ס'איז דעמאָלט געווען די צייט פונעם גרויסן שטרייק אין בוכדרוקער־פאַך. דער אומבאַ־קאַנטער וואָס האָט אונדז געשטעלט אין אַזאַ וויסטער סיטואַציע, מיט זיין נאָכשפּירן אונדז, האָט אויסגעפירט אַ מיסיע פון זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין צו שטערן דאָס אַריינפירן אין שטאָט אַריין דרוק־אַרבעטן פון אַנדערע שטעט. ער האָט געזען ווי לאַמבערט האָט אָפּגענומען זיין געפּעק, און לויט אַלע סימנים, איז ער געווען זיכער, אַז ער איז געקומען אויף די שפּורן פון אַ שטרייק־ברעכער. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן אונדז נאָכצוגיין. אונדזער באַנעמען זיך האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין חשד, ער האָט זיך אַנדערש ניט געקענט דערקלערן למאי מיר שליאָנדערן זיך איבער דער שטאָט עפּעס ווי מיר וואָלטן געוואָלט פאַרווישן אונדזערע שפּורן. דער מענטש האָט געטאָן וואָס זיין פליכט האָט פון אים געפאָדערט, אָבער אונדז האָט עס געקאָסט געזונט, און מיר האָבן זיך געפרייט ווי צעלאָזענע ייִנגלעך, וואָס אַלץ האָט זיך געענדיקט אויף אַזאַ אומדערוואַרטן גוטן אופן.

מיט זיין קומען קיין מאַינץ האָט לאַמבערט געהאַט אין אויג צו שאַפן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט די געגנאָסן אין אונדזער געגנט, און איינצושטעלן

אַ רעגולערע פאַרבינדונג אויף ווייטער. מיר האָבן געהאַט אַנאַרכיסטישע קאַמעראַדן אין עטלעכע שטעטלעך, אַרום מאַינץ, און האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אין אײלעניש אַן אַלגעמיינע באַראַטונג, מחמת לאַמבערט האָט ניט געקענט זיך פאַרהאַלטן ביי אונדז לענגער. ער האָט געמוזט וואָס פריער זיך צוריקקערן צו זיין פּלאַץ ביי דער גרענעץ. כדי ניט צו פאַרלירן קיין צייט, זיינען עטלעכע געגאַנגען אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ צו מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען. אין אַ זונטיק אינדערפרי, האָבן מיר זיך פאַר־זאַמלט אין דער „קלעק", אַ האָטעל, ניט ווייט פון דער פּרייסישער גרענעץ, אויף דער זייט וואָס האָט געהערט צו העסען. אין אַמאַליקן פירשטנטום העסען האָבן פאַראײנען זיך געקענט פאַרזאַמלען, אַן דעם מען זאָל דאַרפן וועגן דעם מעלדן דער מאַכט. אין פּרייסן אָבער האָט געמוזט בייזיין אַ באַאַמטער פון דער פּאָליציי, אַפילו אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַ פּראָפעסיאָ־נעלן פאַראיין. אויף דער טעריטאָריע פון העסען זיינען מיר געווען מער־ווייניקער זיכערער, טאָמער וואָס, האָבן מיר תמיד זיך געקענט אויסגעבן פאַר עפּעס אַ פאַראיין, וואָס באַהאַנדלט זיינע געשעפטלעכע ענינים.

מיר זיינען געווען אַ דריי צענדליגג געגאַסן. פון פראַנקפורט זיינען געקומען א. הילגער, פריץ לאַסינגער און ב. טראַוטער. פון מאַנהיים און לודוויגהאַפן זיינען געווען פ. מעלער און אַ צווייטער געגאַסע, וואָס איך געדענק ניט ליידער זיין נאָמען. וויסבאַדען האָט געשיקט די געגאַסן יאָהאַן שמיד, א. סטרופּיטסקי און ה. טיעטצע. עס זיינען געווען נאָך פאַרטרעטער פון אַן אַנדער שטאָט, וואָס איך געדענק ניט זייערע נעמען. אַלע איבעריקע זיינען געווען פון מאַינץ, צווישן זיי: לואיס גערלאַש, זשאַן מעאוד, דער „רויטער" וואָלף, קאַרל אַבערהובער, היינריך צאַן און איך.

דער צונויפקום איז געווען ביז גאָר סטימולירנדיק. די באַראַטונג האָט געדויערט פון עלף אינדערפרי ביז אַכט דעם זייגער אין אָוונט. צוערשט האָבן מיר אויסגעהערט אַן אויספירלעכן באַריכט פון לאַמבערטן וועגן מצב פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אייראָפּע און אַמעריקע. ווי אַ ניי־געשאַפענע גרופּע, האָבן מיר קנאַפּ־וואָס געוווסט וועגן דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דער וועלט. לאַמבערטס באַריכט האָט אונדז צוגעטראָפן טאָפּלט. די פראַגע וואָס האָט אונדז באַשעפטיקט גאָר באַזונדערס איז געווען, וואָס פאַר אַ שטעלונג דאַרפן מיר נעמען לגבי די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אין אָפּאָזיציע צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זינט נאָך דעם צוזאַמענפאָר אין ערפורט, און האָבן אָרגאַניזאַציעס אין כמעט אַלע שטעט אין דייטשלאַנד. אין דעם פונקט איז ביי אונדזערע געגאַסן ניט געווען קיין איינהייטלעכער איינשטעל, אַ סך האָבן געהאַלטן אַז אַנשטאָט צו פּטרן אונדזער צייט אויף צוזאַמענאַרבעט מיט די „אומאָפּהענגיקע", דאַרפן מיר צוערשט זאָרגן דערפאַר צו שטעלן אויף די פיס אונדזער אייגענע באַ־וועגונג. אין פראַנקפורט למשל ווו די „אומאָפּהענגיקע" זיינען געוואָרן אַ גוט־אָרגאַניזירטע באַוועגונג, איז די אַרבעט פון אונדזער קליינער גרופּע גאָר גיך פאַרבלאָסט געוואָרן. מער ווי פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור

קען דאָרטן אונדזער גרופּע גאָרניט אונטערנעמען. אַן ענלעכע לאַגע איז אויך אין מאַנהיים און אין אַנדערע פּונקטן.

מאַינץ האָט מיט אַ סך פּרטים זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע שכנישע ערטער. אין מאַינץ האָבן אַלע געגאַסן פון אונדזער גרופּע דורכגעמאַכט צוערשט די שול פון די „יונגע", און ערשט דערנאָך געוואָרן ביסלעכווייז דורכגעדרונגען מיט אַנאַרכיסטישע איינשטעלונגען. אונדזער מאַינצער גרופּע איז געווען דער עיקר אַן אונטערערדישע קערפּערשאַפט. אונדזער איינציקע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטן אונדזער אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד. דער מיטלפּונקט פון אונדזער עפנטלעכער אַרבעט איז געווען אונדזער לייענקלוב, וואָס איך האָב געגרינדעט אינאיינעם מיט עטלעכע גע־נאָסן. די טעטיקייט פונעם קלוב איז געווען רירעווודיק און סטימולירנדיק צו גלייכער צייט. די מערסטע מיטגלידער פונעם קלוב, האָבן אינאיינעם מיט דער איניציאַטיוו־גרופּע דורכגעמאַכט דעם זעלביקן אַנטוויקלונגס־פּראָ־צעס. אָבער צווישן די קלוב־מיטגלידער זיינען אויך געווען איבער אַ צענדלינג גענאָסן, וואָס האָבן ניט תמיד מסכים געווען מיט אַלע אונדזערע שטעלונגען, און עס וואָלט געווען אַ שלעכטער שריט פון אונדזער זייט זיך אָפּצושפּאַלטן פון אָט די גענאָסן, און זיי אינגאַנצן אָפּצופרעמדן פון אונדז. דווקא דער פאַקט, וואָס זיי זיינען ניט תמיד מסכים מיט אונדז, גיט אונדז די מעג־לעכקייט זיי צו געווינען אויף אונדזער זייט, דורך אָפטע לעבעדיקע דיס־קוסיעס. מיר האָבן דערפאַר באַשלאָסן אָנהאַלטן אויך אויף ווייטער אונדזערע פאַרבינדונגען מיט בערלין און ווי פריער, פאַרשפּרייטן דעם אָרגאַן פון די „יונגע" „דער סאָציאַליסט", וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אַ דיסקוסיע־צייטונג, אַ טריבונע פאַר אַלע שטרעמונגען אין דער באַוועגונג. ס'איז געווען די צייט פון אינעווייניקסטער אויסקריסטאַליזירונג, און די אַנאַרכיסטן האָבן פון אַזאַ אָרגאַן ווי „דער סאָציאַליסט" געהאַט אַ סך נוצן.

אויך לאַמבערט האָט געהאַלטן, אַז ביי די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען איז אונדזער איינשטעל דורכאויס דער ריכטיקסטער. לויט זיין איבערצייגונג איז די באַוועגונג פון די „אומאָפּהענגיקע" אין דייטשלאַנד געווען ניט מער ווי אַן איבערגייענדיקע דערשיינונג, וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער פירן צו אַן אָפענעם אָנשלוס אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג; ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז אַזוי לאַנג ווי די „אומאָפּהענגיקע" לייגן אונדז ניט קיין שטיינער אין וועג, דאַרפן מיר לאָזן אונדזער באַציונג צו זיי, אַזוי ווי זיי זיינען אויפן מאָמענט. די צייט וועט אין דעם פאַל ממילא ברענגען מיט זיך די געוווּנטשענע ווענדונג.

ס'איז געווען נאָך אַ פּונקט, וואָס האָט אונדז דעמאָלט זייער באַשעפ־טיקט, און איז אונדז שטאַרק אָנגעגאַנגען: די ווידעראַנאַנדן צווישן די איינשטעלונגען פון די אַזוי־גערופענע אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם. אַקטועל איז די פראַגע געוואָרן אַ דאַנק דעם ווערק פון זשאָן הענרי מאַרקעי, די אַנאַרכיסטן, וואָס איז אַרויס אין 1891, אַ ווערק וואָס איז געווען ביז גאָר פּאָפּולער אין אונדזערע קרייזן. די פּראָבלעמען וואָס מאַקעי האָט באַהאַנדלט אין זיין בוך, זיינען געווען פאַר אונדז אינגאַנצן

ניי. „די אַנאַרכיסטן‟ איז פון אַ ריין ליטעראַרישן שטאַנדפונקט טאַקע געווען אַ סאָציאַל־פּאָעטיש ווערק, פון דעסט וועגן וואָלט איך ניט געקענט באַשטיין דערויף, אַז אַט דאָס בוך האָט באמת עפּעס בייגעטראָגן צו דער אויפקלערונג פון אונדזערע דעמאָלטיקע איינשטעלונגען. ס'איז געווען אַ ווערק אַ סך מער פון אַ דיכטער ווי פון אַ דענקער, און מיר זיינען געווען גאַנץ אומבאַהאַוונט אין די פראַגן, וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעהויבן, מיר האָבן אָבער געפילט דעם מאַנגל און איינזייטיקייט פון זיינע אויספירונגען.

דער איינציקער וואָס האָט אונדז געקענט עפּעס אויפקלערן אין דעם פּרט איז געווען לאַמבערט. ער האָט אונדז אינפאָרמירט וועגן דער פּראָפּאַ־גאַנדע פון די אינדיווידואַליסטן אין אַמעריקע, וועגן בנימין ר. טוקער און זיין קרייז, און וועגן דער אויסגאַבע ליבערטי, די טריבונע פון די אינדי־ווידואַליסטן. היות לאַמבערט איז געווען אַ פאַרגלייבטער אָנהענגער פונעם קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם, איז זיין שטעלונג קעגנאיבער טוקערן און מאַקעין געווען אַ נעגאַטיווע, און מעגלעך אויך ניט גאָר קיין אָביעקטיווע, אָבער נאָך אַזוי פיל יאָרן קען איך דאָס ניט באַהויפּטן מיט דער גאַנצער זיכערקייט. איך דערמאָן זיך נאָר, אַז לאַמבערט האָט אונדז אויך איבערגעגעבן, אַז אַ האַלב יאָר לפי ערך איידער מאַקעי האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך, האָט ער צוגעשיקט זיין פּערזענלעכן פריינד, אָטאָ רינקע, אַ קאָפּיע פונעם פינפטן קאַפּיטל „די קעמפער פאַר פרייהייט‟, מיט דער בקשה אויסצובעסערן אַ פּאָר שטעלן וואָס ער, מאַקעי, האָט וועגן זיי געוויסע ספקות, אָבער רינקערס קריטישע אָנווייזונגען האָט מאַקעי שפּעטער ניט גענומען אין באַטראַכט.*

אונדזער קאָנפערענץ האָט צום סוף באַהאַנדלט וועגן די מיטלען פון דער אונטערערדישער פּראָפּאַגאַנדע אין דייטשלאַנד, און אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. לאַמבערט האָט אויך פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכן אינפאָרמאַציעס, אין דער „אויטאָנאָמיע‟ וועגן אונדזער טעטיקייט. איך בין געוואָרן באַשטימט ווי דער אויספירער פון אָט דעם אויפגאַב. איך האָב באַוויזן אָפּצודרוקן

---

* אַ יאָר פיר אָדער פינף שפּעטער האָט דער רעדאַקטאָר פון דער „אויטאָנאָמיע‟, ר. גונדערסאָן מיר דערציילט, אַז רינקע האָט אין זיינעם אַ בוך טראַקטירט מאַקעין ווי אַ ביליקן פאַרשווין און האָט צוגעשיקט דער גרופּע „אויטאָנאָמיע‟ אַן אָפּשריפט פון אָט דער שטעל. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער גענאָסע וואַלהאוזען זאָל רעדאַקטירן אַ רעזאָלוציע וועגן דער שטעלונג פון דער גרופּע צו רינקעס האַנדלונג. די רעזאָלוציע איז שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרן מאַקעין, וואָס האָט קאָנטיק זיך ווינציק־וואָס גענומען צום האַרצן רינקעס מיינונג וועגן אים, און האָט שפּעטער איבערגעדרוקט דאָס קאַפּיטל אין דער ערשטער ווערסיע. וועגן אַן ענלעכער ווענדונג מצד מאַקעין דערציילט אויך זשאָזעף פּאַאוקערט אין זיין בוך „זכרונות פון אַ פּראָ־לעטאַריער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג‟ (בערלין 1913). מאַקעי האָט אויך פּאַאוקערטן געבעטן אים אויסצובעסערן די שטעלן, וואָס וועגן זיי האָט ער געהאַט ספקות, און שפּעטער ניט גענומען אין אַכט פּאַאוקערטס באַמערקונגען. פּאַאוקערט האָט דערפאַר איבערגעריסן זיינע באַציונגען מיט מאַקעין.

אין דער „אויטאָנאָמיע" צוויי קאָרעספּאָנדענציעס. איין מאָל אונטער דער אונטערשריפט zz, דאָס צווייטע מאָל אונטער אַ נאָמען וואָס איז מיר אַרויס פון זכרון.

אונדזער באַראַטונג איז געווען צוגעגרייט אַזוי זאָרגעווודיק, אַז אַלץ איז אָפּגעלאָפן אָן שום אינצידענט. לאַמבערט איז געווען זייער צופרידן מיט די רעזולטאַטן און מיר אַלע, פאַרשטייט זיך, ניט ווינציקער.

נאָך אונדזער צונויפקום אין דער „קלעק" איז לאַמבערט נאָך פאַרבליבן אַ טאָג אין מאַינץ, און איז אָפּגעפאָרן צו דער גרענעץ. מיר האָבן נאָך געהאַט אַרומצורעדן וועגן אַ פולע זאַכן, וואָס מען האָט ניט געקענט באַהאַנדלען אויף דער קאָנפערענץ. לאַמבערטן איז עס דער עיקר געגאַנגען אין דעם, אַז די פאַרבינדונגען מיט דער גרענעץ, זאָלן ניט ווערן איבערגעריסן, טאָמער פּאַסירט עפּעס מיט אים. אָט די פראַגע האָט אים ניט געלאָזט רוען זינט לאַנגע חדשים. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך קען ניט אָנווייזן אויף אַ פּאַסיקן געגנאָסע, וואָס זאָל קומען צו דער גרענעץ אויף אַ דריי־פיר וואָכן, כדי ער זאָל אים אַריינפירן אין אַלע קאָנטאַקטן. איך האָב ניט געקענט אויסגעפינען אַזאַ איינעם. איך אַליין בין געווען גרייט צו נעמען אויף זיך די אַרבעט, אָבער ס'איז דעמאָלט גראָד געווען דער אַרבעט־סעזאָן אין מיין פאַך. און איך האָב געהאַט אַ גוטע שטעלע. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער וואָלט איך געקענט געפינען עפּעס אָן אויסרייד און נעמען וואַקאַציע אויף עטלעכע וואָכן.

לאַמבערט האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז מיין אַרבעט פאַר דער באַוועגונג אויפן אָרט איז ניצלעכער, אָבער וועגן מיין פאָרשלאַג וועט ער זיך נאָך איבערלייגן. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. אין די עטלעכע טעג וואָס לאַמבערט האָט פאַרבראַכט אין מאַינץ, זיינען מיר ביידע געוואָרן נאָך נעענטערע פריינד, ווי מיר זיינען שוין געווען פון פריִער. לאַמבערט האָט פונדאָסניי אויפגענומען זיין אַרבעט פול מיט סכנות ביי דער גרענעץ און גאָרניט אָנגעהויבן נאָכצוקלערן וועגן דעם, אַז זיין גורל איז שוין געווען געחתמעט.

קאַרל אַבערהובער און זשאַן העפּנער

איינער פון די טשיקאַוועסטע אינדיווידן אין אונדזער ענגערן קרייז, איז געווען דער שוסטער קאַרל אַבערהובער. ביי זיינע פינף־און־פערציק יאָר, וואָלט ער זיך געקענט פאַרמעסטן מיט יעדן יונגענמאַן, וואָס ס'איז שייך טעמפּעראַמענט און באַוועגלעכקייט. געשטאַמט האָט ער פון עסטרייך, פון אינסברוק. קיין מאינץ איז ער געקומען אין עלטער פון אַן אַרבעט־געזעלן, האָט שפּעטער דאָ חתונה געהאַט און באַקומען די העסעשע אונטערטאַנשאַפט. פּאַפּאַ אַבערהובער, ווי מיר האָבן אים גערופן, האָט זיך פרי אַנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אין די צייטן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ, איז ער געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די געוואַגטסטע און אומדערשראָקנסטע סאָציאַליסטישע טוער אין אונדזער געגנט. נאָכדעם ווי זיין פריינד, אַ געוויסער לייענדעקער, איז געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, האָט אַבערהובער פאַרלאָזט די באַוועגונג. עטלעכע יאָר האָט ער געלעבט אין גאַנצן צוריקגעצויגן, ביז דער קאַמף פון די יונגע האָט אים פונדאַסניי אַריינגעצויגן אין אַקטיווער אַרבעט. אַ גוטער פאַלקס־רעדנער, איז אַבערהובער גאָר גיך געוואָרן איינער פון די ריירעוודיקסטע מיטגלידער פון אונדזער לייענקלוב. מיר, די יונגערע חברים פונעם קרייז, האָבן אַרויפגעקוקט צו אים מיט רעספּעקט פאַר די קרבנות, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר דער באַוועגונג, נאָך מיט יאָרן צוריק, פאַר די רדיפות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער פּאָליציי; אונדז האָט אויך אימפּאָנירט זיין הומאָר, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט וואָס האָט צומאָל אויך געקענט זיין היפּשלעך גאַליק.

אין די צייטן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָט די פּאָליציי געהאַלטן אויף אַבערהובערן אַ שאַרף אויג. ס'איז געווען באַקאַנט אַז ער גיט זיך אָפּ פלייסיק מיט פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. אַבערהובער איז געווען אַזוי געשיקט, אַז דער מאַכט האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבן אים צו כאַפּן ביי דער האַנט. אין רעזולטאַט פון די אומאויפהערלעכע שיקאַנעס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער פּאָליציי, האָט מען אים אַלע מאָל אָפּגעזאָגט פון זיין אַרבעט־פּלאַץ, ביז ער האָט געמוזט צ׳ען זיין חיונה ווי אַ לאַטוטניק. ער האָט אויפגעהערט צו צאָלן שטייערן און האָט באַצייטנס

פאַרקויפט כמעט זיין גאַנץ מעבל, דאָס געריכט זאָל ניט האָבן וואָס צו רעקווירירן ביי אים. די הויכע מאַכט האָט ענדלעך איינגעזען אַז זי קען מיט אים גאָרניט מאַכן און אים געלאָזט לויפן. פּאַפּאַ אַבערהובער איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס די רדיפות פון דער פּאָליציי זאָלן אים קענען צוימען. פאַרקערט, איצט האָט ער ערשט רעכט אויסגענוצט יעדער געלעגנ־הייט אָפּצוטאָן די מאַכט־היטערס עפּעס אַ שפּיצל. דאָס האָט תמיד געגעבן זיינע פריינד אַ סך שטאָף צום לאַכן. וועגן איינער פון זיינע שטיקלעך וויל איך דאָ דערציילן.

איינמאָל האָט די אייזנבאַן־פאַרוואַלטונג אָפּגעליפערט ביי אַבערהובערן אַ היפּשן באַלן. געהייסן, האָט עס, אַז דאָס איז אַ פּאַק לעדער. אַבערהובער, האָט דעם באַלן ניט געעפנט און אים אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. ער האָט געוווסט, אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען, און די פּאָליציי וועט זיך צו אים אַריינשטעלן. אין יענע פיינע צייטן פון אויסנעם־צושטאַנד זיינען די פּאָסט־און באַן־באַאַמטע געווען יד־אחת מיט דער פּאָליציי, כאָטש די רעגירונג האָט עס תמיד אָפּגעלייקנט. עס האָט טאַקע ניט גענומען מער ווי אַ צען מינוט, און אין אַבערהובערס וואַרשטאַט, האָבן זיך באַוויזן אַ קאָמיסאַר מיט צוויי געהיים־אַגענטן, צו מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע. דער קאָמיסאַר וואָס אַבערהובער האָט אים שוין אַזוי פיל מאָל געמאַכט צום נאַרן, האָט דאָס מאָל אויסגעזען צו זיין באַזונדערס אויפגעלייגט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס מאָל האָט ער געפּאַקט דעם גנב ביי דער האַנט. די היטערס פון געזעץ האָבן קיין סך ניט באַלאַמוטשעט און גאָר גיך געקומען איבער דעם באַלן.

„וואָס איז עס‟, האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט אין אַ שטרענגן טאָן.

„דאָס וויס איך ניט‟, האָט דער שוסטער געענטפערט, „עס שיינט צו זיין אַ באַלן‟.

„עפנט דעם פּאַק‟, האָט דער היטער פון דער אָרדענונג באַפוילן אַבער־הובערן.

„דערויף האָב איך איצט ניט קיין צייט, הער קאָמיסאַר, ווייל איך בין זייער באַשעפטיקט.‟

„נו, וועלן מיר אַליין עפענען, באַשליסט דער קאָמיסאַר.‟

„ווי אייך איז עס ליב‟, האָט אַבערהובער געזאָגט מיט אַן אונטערטעניקן שמייכל, „ווער קען עס אייך פאַרווערן.‟

די צוויי אַגענטן האָבן זיך געשמיידיק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. זיי האָבן איבערגעשניטן דעם דראָט, אַראָפּגענומען די פאַרפּאַקונג, און דערזען פאַר זיך אַ צווייטע פאַרפּאַקונג, אַרומגענומען מיט דראָט ווי די ערשטע הילע. אָט אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער, איין פּאַקעט נאָכן אַנדערן. דער באַלן איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז די צוויי פלייסיקע אַגענטן האָבן ענדלעך דערטאַפּט אַ קליין הילצערן קעסטעלע פאַרקלאַפּט מיט טשוועקעס. אויפן דעקל פונעם קעסטעלע איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „אַכטונג ביים עפענען, מען מוז עס טאָן זייער פאַרזיכטיק‟. אין אויפגע־מאַכטן קעסטעלע, אין אַ הויפן פּאַפּיר איז געווען אַ קאַרטאָנען שאַכטעלע, מיט אַ געוויינלעך ציין־בערשטעלע. דער קאָמיסאַר איז רויט געוואָרן ווי אַן

אָפּגעקאָכטער קרעבס. עס האָט אים פּשוט אָפּגענומען דאָס לשון. אָבער אָבערהובער האָט אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער: „זע נאָר זע! איך בין אַנומלטן געווען צו גאַסט ביי אַ פריינד, און האָב ביי אים פאַרגעסן מיין צײן־בערשטעלע, נעמט ער, דער ליידאַק, און שיקט עס מיר אָפּ, און דערלויבט זיך דערביי צו טרייבן מיט מיר אַזאַ שפּאַס. נאָך אַ גליק, וואָס איך האָב ניט געמוזט אַליין פאַרלירן מיין צייט אויף אַזאַ אַרבעט.״

דער קאָמיסאַר מיט זיינע באַגלייטערס האָבן זיך אָפּגעטראָגן אָן אַ „גוטן טאָג״. די געשיכטע איז געווען אַזוי אַמוזאַנט, אַז איינער פון אָבערהוברס פריינד שפּעטער האָט דערפון געמאַכט אַ קליינע סקיצע, און זי אָפּגעדרוקט אין סאָציאַליסטישן וויצבלאַט „דער אמתער יאַקאָב״. די לייענער פונעם בלאַט האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

איינמאָל אָבער האָט קיין סך ניט געפעלט אַז דער פריילעכער שוסטער זאָל מיאוס אַריינפאַלן, און נאָר אַ גאַנץ אויסטערלישער צופאַל, האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון תפיסה. מיר האָבן איינמאָל באַקומען אַ גרויסן פּאַקעט פון לאָמבערטן. מיר האָבן אַרויסגענומען פונעם פּאַק אַ צאָל צייטונגען, פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, וואָס מיר האָבן זיך געקליבן צו פאַרשפּרייטן אויפן צווייטן טאָג. דעם רעשט האָבן מיר ווי תמיד אַוועקגעטראָגן אין וואַלד אַריין צו אונדזער פאַרבאַהאַלטעניש. אָבערהובער האָט זיך אָנגעבאָטן אַוועקצוטראָגן די אַרויסגענומענע זאַכן אויף אַ באַשטימט אָרט, וווּ מיר האָבן געזאָלט זיי אָפּנעמען אויפן צווייטן טאָג. איבער עפּעס אַ שטערונג האָט ער ניט באַוויזן אַוועקצוטראָגן דאָס פּעקל באַצייטנס. ער האָט באַשלאָסן צו לאָזן דאָס פּעקל ביי זיך און האָט עס פאַרשטעקט אין זיין קינדס בעטל. דאָס מאָל האָט ער געהאַנדלט אומפאַרגעבלעך לייכטזיניק, האָט ער דאָך גוט געוווסט אַז די פּאָליציי לאָזט קיינמאָל ניט אַרויס פון אויג זיין וווינונג.

אויפן צווייטן טאָג גאַנץ פרי האָט די פּאָליציי זיך טאַקע אַריינגעשטעלט צו אים צו מאַכן אַן אינספּעקציע. דאָס האָט מר הסתם פּאַסירט אויף גוט גליק, ווי מען זאָגט, אָן אַ ספּעציעלן מאָטיוו. מיר האָבן צו יענער צייט אָפט פאַרשפּרייט אַנאַרכיסטישע צייטונגען און פּראָקלאַמאַציעס. די בירגערלעכע פּרעסע האָט דערפון געמאַכט אַ וועזן, און די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן זיך רודערן, אינספּעקציעס ביי פאַרשיידענע מיטגלידער פונעם לייענקלוב, זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, אָבער אָן שום רעזולטאַטן. נו, האָבן די אָרדענונג־היטערס באַשלאָסן אַ פּרווו טאָן זייער גליק אַן איבעריק מאָל אויך ביי אָבערהובערן.

די אַגענטן האָבן אָנגעהויבן מיטן וואַרשטאַט, דערנאָך אַריבער אין דער וווינונג ווו אָבערהובערס טעכטערל איז נאָך געשלאָפן אין איר בעטל. אַט דאָס נײַן אָדער צעניאָריק מיידעלע איז געווען אַ גרויס אומגליק פאַר אירע עלטערן. דאָס קינד איז געווען אַ מין פאַרזעעניש, אַ קאַרליק מיט אַ פּנים פון אַ מאַלפּע, וואָס האָט קוים געקענט אַרויסברענגען געציילטע ניט־געבונדענע ווערטער, דערצו האָט זי כמעט תמיד געקרענקט, געווען איינגעניורעט אין שמוץ, ניט געקוקט אויף דער מוטערס אייביקע זאָרג זי

צו האַלטן ריין. ביי אַלץ דעם, זיינען די עלטערן אומגעגאַנגען מיט זייער אומגליקלעך קינד מיט רירעוודיקער צערטלעכקייט.

נאָכדעם ווי די אַגענטן האָבן אַדורכגענישטערט די גאַנצע וווינונג און גאָרניט געפונען, האָט דער קאָמיסאַר געהייסן דער מוטער אַרויסנעמען דאָס קינד פונעם בעטל. די פרוי איז געוואָרן מער טויט ווי לעבעדיק. זי האָט צו גוט געוווּסט אַז דאָס איז דער סוף.

„אָבער דאָס קינד שלאָפט דאָך”, האָט זי געזאָגט, „און חוץ דעם איז זי קראַנק.”

„עס מאַכט ניט אויס”, האָט דערויף באַמערקט דער היטער פון געזעץ, „עס וועט ניט נעמען מער ווי אַ פּאָר מינוט ביז מיינע לייט וועלן דורכ־קוקן דאָס בעטל.”

מעכאַניש האָט די מוטער אַ הייב געטאָן דאָס קינד. אָבער דאָס וואָס דער הויכער געביטער האָט באַקומען צו זען, אַנדערש געזאָגט, צו שמעקן, האָט ביי די באַאַמטע אין גאַנצן אָוועקגעהרגעט זייער אַרבעט־פּליים: דאָס אומנאָרמאַלע מיידעלע האָט אין שלאָף אָפּגעטאָן אַלע אירע באַדערפענישן. מער האָט דער קאָמיסאַר שוין ניט געוואָלט זען.

„לייגט צוריק דאָס קינד”, האָט ער געזאָגט, „מיר זיינען פאַרטיק.”

אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָבן די דריי פּאָליציי־לייט זיך אָפּגעטראָגן פון דער וווינונג, און ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי נאָענט זיי זיינען געווען פון זייער ציל. פּאָפּאָ אָבערהובער האָט אונדז שפּעטער אַמוזירט מיט דער אַביסל שמעקנדיקער מעשה, ווי זיין נעבעכדיקע ליזע האָט מיט איר גע־בענטשטן טינוף געראַטעוועט איר פאָטער פונעם גרויסן טינוף וואָס ס'איז די תּפיסה.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמ־לונג אויף דער טעמע: „די צילן און שטרעבונגען פון די אַנאַרכיסטן”. ביי דער געלעגנהייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט זשאַן העפנערן, וואָס איז גאָר גיך געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע גענאָסן אין אונדזער ענגערן קרייז, און האָט שפּעטער געשפּילט אַ ראָל אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. העפנער איז געוואָרן אַ קאַפּיטל פאַר זיך; אַ כאַראַקטער, וואָס לאָזט זיך דערקלערן נאָר מיט די דעמאָלטיקע פאַרהעל־טענישן אין דייטשלאַנד. ער האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל ניט ווייט פון מאַינץ, האָט זייער פרי, כמעט נאָך אַ קינד, באַקומען צו פילן דעם טעם פון אַ שווערן לעבנס־יאָך. ער איז געווען דער עלטערער פון אַכט קינדער אין דער משפּחה, און האָט פריצייטיק געמוזט ווערן אַ שטיצער פון דער פאַמיליע. פון פאַך איז ער געווען אַ מויערער. צו דער צייט וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט אים, איז ער שוין געווען אַ פאָטער פון דריי קינדער. העפנער איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון אַ פּראָלעטאַרישן רעבעל. אין זיין באַנעמען איז ער געווען האַרט, אומגעשליפן, ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ סך האַרץ און נשמה, און איז תּמיד געווען גרייט זיך טיילן מיט אַ צווייטן מיטן לעצטן ביסן.

אַ מענטש אָן קווענקלענישן, מיט אַ נייגונג צו מאַכט, האָט ער ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס פאַר טעאָרעטישע פראַגן. ער האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט אַן איינגעבוירענער אינטעליגענץ, און האָט גאַנץ גענוי געוווּסט וואָס ער וויל. אין דער באַוועגונג האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אויף פּראַקטישע אַרבעטן, באַזונדערס, מיט אַרבעטן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט איינשטעל און ריזיקע. ער האָט דערביי אָפּט אַרויסגעוויזן דערשטוינלעכן שאַרפזין, און זיך געפרייט, ווי אַ קינד, ווען עס האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצוטאָן דער פּאָליציי עפּעס אַ שפּיצל. פאַרבאָטענע ליטעראַטור, האָט ער פאַרשפּרייט, מער ווי יעדער איינער פון אונדז, און ער איז גאָר גיך אויפגעפאַלן דער פּאָליציי, ער איז אָבער קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלן. די פּאָליציי האָט אויף אים אָפּט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף. דער מאָטיוו איז תמיד געווען „פאַר קעגנשטעלן זיך דער מאַכט", קיין איינציק מאָל ניט פאַר פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

זיין באַקאַנטשאַפט האָב איך געמאַכט אויף אַ ניט־געוויינלעכן אופן. נאָך יענער פאַרזאַמלונג זיינען מיר עטלעכע פריינד אַריין אין אַ בירהויז, און פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל ביר. פּלוצעם איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ הויכער ברייטפּלייציקער פאַרשוין, פון אַ יאַר דרייסיק בערך, און מיר אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ ברייטע טאַץ באַוואַקסן מיט מאַזאָליעס. לויט זיין האַנטדרוק האָט מען גלייך געקענט איינזען, אַז דאָס איז אַ מענטש אַ גבר. פון זיין פּנים, פאַרהאַרטעוועט פון ווינט און זון, מיט די שאַרפע אויגן און צעשויבערטער באָרד האָט אַרויסגערעדט געוואַגטקייט און טראָציקייט, זיין הוט מיט די ברייטע זוימען האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט דעם איינדרוק.

איך האָב דערפילט אַז דעם מענטשן דריקט עפּעס, און האָב אים פאַרבעטן זיך צוזעצן צו אונדז. ער האָט עס געטאָן מיט קאָנטיקן פאַרגעניגן, און מיר גלייך געזאָגט, אין אַן עכטן מאַינצער דייטש, אַז מיין פאָרטראַג איז אים זייער געפעלן, און אַז ער זוכט זינט לאַנג אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די ניהיליסטן. איך האָב ניט געוווּסט וואָס אים דערויף צו זאָגן, אָבער ער האָט מיך גאָר גיך אַרויפגעפירט אויף די ריכטיקע שפּורן.

אין יענער צייט איז אין דייטשלאַנד פאַרשפּרייט געוואָרן איינער פון יענע צעצויגענע ראָמאַנען, וואָס פלעגן אַרויס קאַפּיטלעכוויז יעדער וואָך, צען פעניג אַ העפט. דער טיטל פונעם ראָמאַן איז געווען „די טויטנבילדער פון סיביר." דער העלד פונעם ראָמאַן איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי מיכאַיל באַקונין. די שילדערונג פונעם העלד איז ניט געווען קיין אומפריינדלעכע, אָבער מיטן היסטאָרישן באַקונין, האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע שייכות. וועגן היסטאָרישע פאַקטן, האָט זיך דער מחבר בכלל ווייניק־וואָס געקימערט. אַזוי למשל האָט זיך באַקומען אַז באַקונין איז געווען איינער פון דער גרופּע, וואָס האָבן אין 1881 געמאַכט דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און אים אומגעבראַכט, כאָטש באַקונין איז געשטאָרבן נאָך אין 1876. באַקונין ווערט אין אָט דעם ראָמאַן געשילדערט ניט נאָר ווי דער אומדערמידלעכער רעבעל און נקמה־נעמער פאַר אַלע געדרודפּטע, נאָר אויך ווי אַן אויסנעמיקע געשטאַלט, מיט איבערנאַטירלעכע מאַגישע

קרעפטן, וואָס שטייגן ווייט אַריבער די השגה וועגן אַ געוויינלעכן געביל־דעטן מענטשן.

אָט די מטורפדיקע מאַכערייקע האָט העפנער ממש פאַרשלונגען. אין זיין רעבעלישן געמיט האָט זיך געשאַפן אַ מיש־מאַש פון אומקלאָרע געדאַנקען און פאַרשטעלונגען. ווען ער האָט איינמאָל דורך אַ צופאַל זיך דערוווּסט וועגן אונדזער פאַרזאַמלונג, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט צו גיין הערן מיין פאַרטראַג. אויף אַזאַ אופן האָט ער געפונען דעם וועג צו דער רעוואָלוציאָנערישער באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, אַז ביי יענער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר ניט געקאָנט וויסן, וואָס פאַר אַ געווינס מיר האָבן אַריינגעקראָגן. ער האָט ביי אונדז דעמאָלט אַרויסגערופן אַ געוויסן פאַרדאַכט, מיט זיין אַביסל איבערגעטריבענער אָפּנהאַרציקייט. ער גלייבט, האָט ער געזאָגט, אַז די קראַנקע וועלט קען מען היילן נאָר מיט דינאַמיט. מיר זיינען דערפאַר געווען מיט אים אַביסל צוריקגעהאַלטן. עס האָבן אין יענער צייט ניט געפעלט קיין טונקעלע פאַרשוינען, וואָס האָבן געפּרוּווט געווינען דעם צוטרוי פון אונדזער איינעם מיט פלאַמפייערדיקע רייד, כדי שפּעטער ברענגען אויף אים אַלערליי צרות.

נאָך דער ערשטער באַגעגעניש איז העפנער געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער פון אונדזערע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין לייענקלוב. מיר זיינען אים קאָנטיק געווען צום האַרצן. מיר האָבן גאָר גיך אויסגעפונען, אַז אונדזער פאַרדאַכט לגבי אים איז געווען דורכאויס אומבאַגרינדעט. זיינע אָפענע רייד האָבן זיך געלאָזט דערקלערן, נאָר מיט זיין פּאָליטישער נאַיִוּוקייט, און מיט זיין אויפריכטיקער רעבעלישקייט. נאָכדעם ווי מיר האָבן אים גרינטלעך אויפגעקלערט וועגן אונדזערע איינשטעלונגען, האָבן מיר אים געגעבן צו לייענען פאַרבאָטענע ליטעראַטור. די פּשוטע שפּראַך אָן מליצות פון די בלעטער און בראָשורן, האָט געמאַכט אויף אים דעם שטאַרקסטן איינדרוק. מיט אַ באַזונדערן ברען האָט ער געלייענט די פרייהייט. איך גלייב קוים צי יאָהאַן מאָסט, האָט ווען ניט איז געהאַט אַ מער דאַנקעוודיקן לייענער ווי זשאַן העפנער. דער פאָלקסטימלעכער, קערנ־דיקער סטיל פונעם אַלטן רעבעל האָט געהאַט אין זיך אַן אויסנעמיקע צוציונגס־קראַפט פאַר אַ מענטשן פון העפנערס שניט. „יאָ, אָט דער מאָסט”, פלעגט ער זאָגן, „דאָס איז אַ חברהמאַן! אַז ער קלערט דיר עפּעס אויף, דרינגט עס דיר אַריין אין אַלע אברים.”

לאָמבערט האָט אונדז איינמאָל צוגעשיקט עטלעכע אַלטע יאָרגענג פון דער פרייהייט. אין איינעם פון די פאַרעלטערטע נומערן איז געווען מאָסטס אַרטיקל „סיפיליזיערט”. פאַר העפנערן איז דאָס געווען אַן אמתער אוצר. זיין באַגייסטערונג האָט גאָרניט געהאַט קיין גרענעצן. אויב איך בין זיך ניט טועה, האָט מאָסט אין יענעם אַרטיקל געטרייבערט די איטאַליענישע קעניגלעכע פאַמיליע, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט געקענט צופּאַסן די באַשרייבונג אויך צו די האָהענצאָלערנס, און צו אַנדערע געקרוינטע פאַמיליעס. העפנער האָט אויף זיינע אייגענע קאָסטן געלאָזט אָפּדרוקן ביי

א באַקאַנטן דרוקער דאָס אַרטיקל אין דער פאָרעם פון א פלוגבלעטל, און עס פאַרשפּרייט אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן.

העפנער האָט געהאַט אַ סך גוטע פריינד צווישן די מאַטראָסן אויף די רהיין־שיפן און צווישן די פליטן־טרייבערס. דאָס זיינען געווען מענטשן פון זיין שניט, וואָס דאָס האַרץ איז ביי זיי, אין העפנערס שפּראַך, אויף דער רעכטער זייט. יאַרנלאַנג האָט ער געפירט אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אָט די אַ שפּאַר ביסל אָפּגעשטאַנענע מענטשן: ער האָט פאַרשפּרייט צווישן זיי אונדזער ליטעראַטור, און געזאַמלט געלט פאַר אונדזער באַוועגונג. איך דערמאָן זיך ווי איך בין איינמאָל בייגעווען ביי אַ פּראָפּאַגאַנדע שמועס, וואָס העפנער האָט געפירט מיט אַ גרופּע פליטן־טרייבערס. ער האָט פאַר זיי געשילדערט דאָס קומען אויף דער וועלט פון אַ פאַרמעגלעכן מענטשן, און פון אַן אָרעמען אַרבעטער. ער האָט דערביי ניט אויסגעלאָזט קיין מינדסטן פּרט, ער איז געווען אַזוי קלאָר און שאַרף, אַז ס'איז גאָרניט מעגלעך געווען אים ניט צו פאַרשטיין. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויך אָקעגנגעשטעלט דאָס לעבן פונעם רייכן און דאָס לעבן פונעם אַרבעטער. מיר האָט דעמאָלט פּשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב מיר געמוזט מודה זיין אַז מיינע ווערטער זיינען ניט דערגאַנגען צו די אויערן פון אָט די פּשוטע מענטשן און האָבן ניט געווירקט ווי העפנערס גראָבקערנדיקע רעטאָריק.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי ס'איז בטל געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, האָט אין מאַינץ זיך באַוויזן אַ געוויסער הארטמאַן. ער האָט געשטאַמט פון צפון־דייטשלאַנד, און האָט שפּעטער געשפּילט אַ ראָל אין דער מאַינצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. אָט דער הארטמאַן איז געווען אַן אומדערטרעגלעכער פּלאַפּלער. מיט זיין רעדן איבער דער מאָס, איז ער דערגאַנגען די יאָרן אַפילו זיינע אייגענע גענאָסן. ביי יעדער פּאַסיקער און אומפּאַסיקער געלעגנהייט, האָט ער זיך דערקלערט פאַר אַ „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליסט“. אין דער אמתן איז ער געווען אַ פּוסטע כלי. ער האָט ניט אויפגעהערט זיך באַרימען מיט קענטעניש, וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט. פון דעסט וועגן האָבן ניט געפעלט קיין מענטשן, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ טיפן דענקער, אַפּנים דערפאַר, וואָס פון זיין גאַנצער גערעדעריי איז ניט מעגלעך געווען עפּעס צו פאַרשטיין. דער פאַרשוין האָט געהאַט אַ ספּעציעלע שוואַכקייט פאַר פרעמדווערטער, און זיך תמיד אַרויסגעשטעלט מיט זיי, צי זיי זיינען יאָ אָדער ניט געווען אויפן פלאַץ. איך האָב זיך ניט געקענט באַפרייען פונעם פאַרדאַכט, אַז זיין גאַנצע געבילדעטקייט שעפּט ער פון עפּעס אַ ווערטערבוך פון אינטערנאַציאָנאַליזמען, און אַז דאָס באַנוצן פרעמדווערטער, איז ביי אים אַ פאַרטל צו פריטשמעליען זיינע צוהערערס. דאָס וואָרט פּאַרלאַמענט האָט ער אַרויסגערעדט אויף אַ פראַנצייזישן אופן, און עס האָט זיך ביי אים באַקומען פּאַרלאַמאַנג. מיט איין וואָרט, ער האָט גערעדט אויף אַ מין קודערוועלש, וואָס ער אַליין האָט קאָנטיק ניט פאַרשטאַנען, און גראָד דאָס טאָקע האָט אים געמאַכט דעם שם פון אַ פילאָסאָף.

שפּעטער, ווען דער קאַמף צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנהענגערס פון דער אָפּאָזיציע האָט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען, האָט

האַרטמאַן זיך אויסגעצייכנט מיט די סאַמע ווילדסטע העצערייען, וואָס האָבן אַפּילו אַרויסגערופן ניט־באַגרינדעטע פּאַרדאַכטן. אַז ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז האַרטמאַן גייט האַלטן אַ פּאָרטראַג אויף דער טעמע „אַנאַרכיזם און דעמאָקראַטיע", זיינען אים געגאַנגען הערן אויך די מערסטע מיטגלידער פונעם לייענקלוב. העפּנער איז יענעם אָוונט געקומען צו מיר, מיר זאָלן אינאיינעם גיין צום פאָרטראַג. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז פעסט אַנטשלאָסן ניט צו פאַרשווייגן קיין באַליידיקונג פון אַזאַ פאַרשוין ווי האַרטמאַן און אַז ער וועט אים ברעכן אַ ביין, אויב ער וועט זיך דערוועגן צו מאַכן די וויסטע אָנצוהערעניש וועגן די באַציונגען צווישן דער פּאָליציי מיט די אַנאַרכיסטן. דאָס האָט געשמעקט מיט סכנה, ווייל אין אַזעלכע זאַכן האָט העפּנער ניט געוווּסט פון קיין שפּאַס. איך האָב געפּרוּווט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ פיזישער איבערפאַל אויף אַזאַ גאַרנישט ווי האַרטמאַן, קען אונדז ברענגען שאָדן. ער האָט עס אויך איינגעזען, און האָט זיך אַביסל באַרויִקט. אויף יעדן פאַל האָב איך זיך אין זאָל געזעצט לעבן אים.

ווי געווײנלעך, האָט האַרטמאַנס רעדע געשפּרודלט מיט פרעמדווערטער, און מיט סתם אומפאַרשטענדלעכע רייד. העפּנער האָט נאָר פון צייט אומ־געדולדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער ווען דער רעדנער האָט דערקלערט אַז „די אַנאַרכיסטן, אין רעזולטאַט פון זייער דיאַלעקטישער אינפעריאָריטעט זיינען די דירעקטע אַנטיפּאָדן פונעם סאָציאַליזם", האָט העפּנער אָנגעהויבן ווערן אומרויִק. איך האָב גלייך אָוועקגעלייגט מיין האַנט אויף זיין קני און אים איינגערוימט אין אויער, אַז האַרטמאַן האָט טאַקע געזאָגט אַן אומ־זיניקייט, אָבער קיין איבעריקע באַליידיקונג איז עס פאָרט ניט, און אים צוגעזאָגט שפּעטער אַלץ צו פאַרטייטשן. איך האָב עס אויך געטאָן אַזוי באַלד ווי האַרטמאַן האָט געענדיקט זיין רעדע, און מען האָט געמאַכט אַן איבעררייס פאַר דער דיסקוסיע. דאָס וואָרט אַנטיפּאָד האָט העפּנער באַזונ־דערס אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ געמיין וואָרט, שוין דערפאַר אַליין, וואָס קיין שום לייטישער מענטש קען ניט פאַרשטיין, וואָס ס'איז אַזוינס אַן „אַנטיבאָטער", אַז איך האָב אים ריכטיק פאַרטייטשט דאָס וואָרט, האָט ער זיך אַביסל באַרויִקט, אָבער זיך אַלץ נאָך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז ס'איז פאָרט אַ שטיק געמיינקייט צו באַצייכענען אַ קעגנער ווי אַ „קעגנפוסיקן."

די דעבאַטע נאָכן פאָרטראַג איז צוגעגאַנגען גאַנץ לעבעדיק. מיר האָבן געמאַכט האַרטמאַנען אַזוי אויסצודרייען, אַז ער האָט צום סוף געכאַפּט דעם אַנבליק פון אַן אָפּגעשוונדענער חיה. ווי ס'איז געווען דער שטייגער, זיינען מיר שפּעטער אין קליינע גרופּעס געגאַנגען אין היימישן בירהויז „צום קראָקאָדיל", ווו מען האָט ווייטער דעבאַטירט צווישן זיך. מיר זיינען געזעסן אויסגעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש. צום אומגליק האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז העפּנער איז געזעסן פונקט קעגנ־איבער האַרטמאַנען. פון מיין פּלאַץ האָב איך זיך געקענט צוהערן צו זייער דיסקוסיע. האַרטמאַן האָט צוגעדריקט העפּנערן צו דער וואַנט מיט דער באַהויפּטונג, אַז דער אַנאַרכיזם קען ניט אויפווייזן קיין וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג. געוויינלעך וואָלט דאָס העפּנערן ניט אָנגעג־

הויבן צו אָרן, וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג האָט פאַר אים קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערט געהאַט. דאָס מאָל אָבער איז עס פאַר העפנערן געווען אַ פראַגע פון זעלבסטווערדע, ניט נאָכצוגעבן האַרטמאַנען אויף אַזוי פיל. איך האָב דערפילט אַז עס רוקט זיך אָן אַ שווערער וואָלקן, ווייל האַרטמאַן האָט געוומען האָגלען אויף העפנערן מיט אַזאַ קאַנאַנאַדע פון פרעמדווערטער, אַז יענעם האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. אַז האַרטמאַן האָט ניט אָפּגעלאָזט, און געפאָדערט העפנער זאָל אים קלאָר מאַכן זיין וויסנשאַפט־לעכע באַגרינדונג, איז די מאָס געווען איבערגעפולט. העפנער האָט זיך אָנגעשפאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש און אַריינגענומען זיין קאָפּ אין זיינע מעכטיקע טאַצן. פלוצעם האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער דער גאַנצער ברייט פונעם טיש און אַראָפּגעלאָזט זיין פייניקער אַ פלאַמפייערדיקן פאַטש: „אָט האָסטו מיין וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג, דו שייסקערל!״

וואָס סע האָט דערנאָך פאַסירט איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן. דער ווירט האָט העפנערן געהייסן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל. העפנער האָט אים גע־פאָלגט אָן אַ וואָרט צו זאָגן. אָן אַנדערש מאָל וואָלט עס דעם ווירט ניט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט. איך האָב אים שפּעטער פאָרגעהאַלטן זיין באַנעמען זיך. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ס׳איז געווען אָן אומרעכט פון זיין זייט און צוגעגעבן: „רודי, איך האָב עס לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן. ווי דער קערל דרייט מיט דער צונג. איך זאָל אים ניט געווען פאַטשן וואָלט איך געווען געפּלאַצט.״

העפנער האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין בראַזיל מיט זיין פאַמיליע, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1924. מיינער אַ פריינד פון בראַזיל האָט מיר איבערגעגעבן, אַז העפנער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. פון אַ מענטשן ווי העפנער איז עס געווען צו דערוואַרטן. ער איז פאַרבליבן דער אַלטער רעבעל ביז זיין סוף, תמיד מאַרשירט אין אַלע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס דער ערשטער, מיט דער פאָן.

גייסטיקע השפעות פון פאַרשיידענע מינים

דאָס אויפטרעטן פון די „יונגע" ווי אַ זעלבסטשטענדיקע באַוועגונג, נאָך דער פאַרטיי־קאָנפערענץ אין ערפורט, האָט גורם געווען אַ מאַסע נייע אָנ־רעגונגען. מען האָט זיך שוין מער ניט געדאַרפט רעכענען מיט די אַלטע אויסגעדראָשענע פאַרטיי־שאַבלאָנען און מען האָט איצטער געקאָנט צוקומען צו אַ סך ענינים, צו וועלכע מען האָט זיך בכלל ניט געטאָרט צורירן, מחמת מען האָט זיי מיט פּחד געמוזט אויסמיידן. דערביי האָט מען אַ סך שוין פאַרגעסענע זאַכן ווידער אויפגעפרישט און זיי אויפסניי באַטראַכט און באַאורטיילט. אָן שום ספק זיינען אונדזערע השגות וועגן דעם אַנאַרכיזם דעמאָלט נאָך אַלץ געווען אומקלאָר און היפּש ווייט פון פולקום, און זיי זיינען אַדורכגעפלאָכטן מיט די געדאַנקען־גענג, וואָס מיר האָבן געהאַט איבערגענומען פון אונדזער פריערדיקער אַנטוויקלונג. דאָס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין, וואָרן די ליטעראַטור וועגן דעם ענין, צו וועלכער מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ צוטראַט, איז געווען מאָגער און באַגרענעצט, און איז באַשטאַנען דער עיקר, אָדער כמעט אויסשליסלעך, פון צייטשריפטן און בראָשורן, וואָס מיר האָבן זיי אין יענע יאָרן באַקומען פון אויסלאַנד... קראָ־פּאָטקינס „קאָנקעסט די פּאַן" איז דערשינען אין דייטש ערשט אינעם יאָר 1896, אונטער דעם נאָמען „ווילשטאַנד פאַר אַלעמען", און איז אין משך פון אַ לענגערער צייט געבליבן דאָס איינציקע אַנאַרכיסטישע ווערק פון דעם מין אין דייטשלאַנד.

איך האָב לאַמבערטן בעת זיין וויזיט אין מאַינץ געבעטן, אַז ער זאָל אונדז שיקן, אַ חוץ די געוויינלעכע ליטעראַטור און צייטשריפטן, אויך עפּעס פון די אַנאַרכיסטישע שריפטן, וואָס זאָלן אונדז קענען העלפן אין אונדזער אויסבילדונג. האָבן מיר טאַקע דורך אים געקראָגן עטלעכע עלטערע יאָרגענג פון די אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן „אַוטאָנאָמי" און „פרייהייט", אַלבערט פּאַר־סאָנס בוך „אַנאַרכיזם: זיין פילאָסאָפיע און וויסנשאַפטלעכער יסוד", די „זכרונות פון אָגוסט שפּיז", אַלע העפטן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע ביב־ליאָטעק", וואָס יאָהאַן מאָסט האָט געהאַט אַרויסגעגעבן, ווי אויך זיין קליין ביכל „אָגוסט ריינסדאָרף און די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טאַט", און אַ צאָל אַנדערע שריפטן, וואָס מיר האָבן געגעבן צום לייענען די אַלע חברים אין אונדזער ענגערן קרייז.

בדרך כלל איז אונדז, יונגע מענטשן, די „פרייהייט א סך בעסער געפעלן געוואָרן ווי די „אַוטאָנאָמי". די ערשטע צייטשריפט איז געווען אויסגעצייכנט רעדאַקטירט, און דאָס פּאַלקסטימלעכע קערנדיקע לשון פון יאָהאַן מאָסט, מיט זיינע פאַרכאַפּנדיקע וואָרט־אימאַזשן און מיט די פשוטע און שכלדיקע פאַרגלייכן, האָט צו אונדז גערעדט מער און קלאָרער ווי די לאַנגע, אויסגעצויגענע מאמרים און עסייען אין „אַוטאָנאָמי", וואָס זיינען אָפט געווען שטייף און האַרט ווי לעדער. וואָס עס האָט דער צווייטער צייטשריפט געפעלט, איז געווען אַ גוטע רעדאַקציע, וואָס זאָל די צוגעשיקטע אַרטיקלען באַלאַנסירט צעטיילן און אויך געשטאַלטיקן דעם אינהאַלט אויף אַן אינטע־רעסאַנטן אופן. די אַרויסגעבערס פון דער „אַוטאָנאָמי", וועלכע האָבן דורך גרויסע פּערזענלעכע קרבנות אין משך פון זיבן לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן דאָס דאָזיקע בלאַט ביים לעבן, האָבן זיך טאַקע באַרימט, אַז די דאָזיקע צייט־שריפט האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין רעדאַקטאָר, נאָר זי איז פון אַ קאָמיטעט פון פרייוויליקע רעדאַקטירט, צוזאַמענגעשטעלט און געשריבן גע־וואָרן. און זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מעלה, אָבער אין דער אמתן איז דאָס טאַקע געווען דער עיקרדיקער חסרון; וואָרן אַזאַ פירונג האָט באַרויבט די „אַוטאָנאָמי" פון האָבן אַן אייגענעם אינדיווידועלן אויסקוק, מיט אַ רעדאַקטאָר, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויפלייגן אויף איר זיין פּערזענלעכן חותם. און דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז איר אינהאַלט איז ניט זעלטן געווען מאַט, קאָלירלאָז און אַפילו אָפּגעשטאַנען.

אויף מיר פּערזענלעך האָבן די וויניקע שריפטן קראָפּאָטקינס, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אַריינגעקראָגן אין אונדזערע הענט אַריין, געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. און אויפן צווייטן פּלאַץ איז ביי מיר דעמאָלט נאָך תמיד געשטאַנען באַקונינס „גאָט און מלוכה". דאָס לעצטע האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און שטענדיק הנאה געהאַט דערפון. איך האָב עס שוין גע־קענט פון אויסנווייניק, און עס איז באמת געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון מיין אייגענעם טראַכטן. עס איז אין באַקונינס רייד געווען אַ זעלטענער חן, וואָס האָט מיך כסדר סטימולירט צו אַ מין דענקען, וואָס איך האָב פריער דערפון גאָר ניט געהאַט געוווּסט. און איך האָב טאַקע דערפון גאָר ניט געקאָנט וויסן, מחמת דאָס פאַרמעלע אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד, וואָס האָט דער עיקר און כמעט אויסשליסלעך אונטער־געשטראָכן די „עקאָנאָמישע נויטווענדיקייטן" און בכלל געקאָרמעט דעם לייענער מיט צעקייטע און פאַרדייטע השגות, האָט אים געגעבן קנאַפּע אינספּיראַציע צום אייגענעם טראַכטן. ווען מען געוווינט זיך צו צוערשט צו זען אין די אַלע פאַרשיידענע און תמיד זיך בייטנדיקע מאַניפעסטאַציעס אינעם לעבן די אומפאַרמיידלעכע דערשיינונגען פון אייזערנע און קיין מאָל זיך ניט ענדערנדיקע און פון פאָראויסבאַשטימטע געזעצן, פילט מען זיך אין אַזאַ מין מעכאַניסטישער וועלט־אָנשויאונג אַזוי גוט און באַקוועם, אַז מען וויל גאָר ניט אַרויס פון איר. אין אַזאַ מין פאַרמאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג איז לחלוטין ניטאָ קיין פּלאַץ משיג צו זיין יחידיש די אייגענע איינדרוקן פונעם לעבן און צו אַסימילירן זיי אין זיך און אַבסאָרבירן

זיי אויף אַ פּערזענלעכן אופן. די השגות ווערן נשמהלאָז און סכעמאַטיש און זיי פירן צו אַ מאַנאָטאָנישער איינפאַרמדיקייט פונעם טראַכטן, און דאָס טראָגט זיך אַפילו איבער אויפן סאַמע לשון, וואָס ווערט מיט דער צייט דעגענערירט צו אַ מאָדנעם ספּעציפישן זשאַרגאָן, אָן שום בילדערישקייט, אָן װעלכער עס איז אימאַגינאַציע, אָן שום אָריגינעלקייט. דאָס לעבעדיקע אין אַ מענטשנס טראַכטן שאַפט אויך דאָס לעבעדיקע אין זיין שפּראַך. בלויז די טעאָלאָגיע רעדט מיט איר אייגענעם לאַנגווייליקן זשאַרגאָן, וואָס איז אויס־געליידיקט פון איטלעכער געדאַנקען־טיפקייט און וואָס זוכט צו פאַרדעקן מיט אויסגעדראָשענע און איבערגעקייטע פראַזן די פוסטקייט פון אייגענעם טראַכטן. מען הערט די פלאַפּלעריי ווי די געקלאַפּעריי פון אַ פוסטער ווינטמיל, אָבער קיין איינציק שטויבעלע מעל קומט ניט אַרויס.

צווישן די זאַכן, וואָס לאַמבערט האָט אונדז דעמאָלט געשיקט זיינען אויך געווען צוויי קליינע שריפטן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן אויף מיר איבערגעלאָזט אַ טיפן חותם.ביידע זיינען דערשינען אָן דעם נאָמען פונעם מחבר. די ערשטע שריפט איז אַרויס אינעם פאַרלאַג פון דער „אַוטאָנאָמי" און איז געווען באַטיטלט „די טעותדיקע לערעס און די פעלערדיקע וועגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד"; די צווייטע בראָשור איז אַרויס אין אַ באַזונדער העפט פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטעק" אין ניו יאָרק, אונטער דעם נאָמען „די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פונעם אַנאַרכיזם". ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די ערשטע שריפט שטאַמט פון דער פעדער פון דעם איטאַליענישן אַנאַרכיסט סאַוועריאָ מערלינאָ, און אַז דער מחבר פון דער צווייטער בראָשור איז געווען מאַקס נעטלאַו.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין מערלינאָס בראָשור האָט אויף מיר גע־מאַכט זיין קריטיק פון דער מאַרקסיסטישער לערע. זי האָט מיך צום ערשטן מאָל געמאַכט באַוווּסטזיניק אויף דעם פאַקט, אַז די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע איך האָב שוין זינט לאַנג געהאַט געטראַכט, אַז זיי זיינען געלייזט געוואָרן, זיינען נאָך תמיד אַקטועל און אַז זיי קאָנען באַטראַכט ווערן פון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט, ווי פון דעם, פון וועלכן איך האָב זיי ביז איצטער באַטראַכט. איך האָב יענע בראָשור שפּעטער קיין מאָל מער ניט געזען און איך קאָן דעריבער ניט זאָגן וואָס פאַר אָן איינדרוק זי וואָלט אויף מיר גע־מאַכט היינט צו טאָג. אָבער דאָך גלייב איך, אַז דער איינדרוק, וואָס איך האָב מיט פופציק יאָר צוריק באַקומען פון מערלינאָס קליינער אָבער וואָגיקער אַרבעט, לאָזט זיך אויסטייטשן דורך דעם, וואָס זי האָט צעטרייסלט ביי מיר אַ צאָל הנחות, וואָס ביז דעמאָלט זיינען זיי ביי מיר געווען פעלדזנפעסט און איך האָב וועגן זיי קיין שום ספק ניט געהאַט. מען טאָר, אַגב, ניט פאַר־געסן, אַז מיר, אין דייטשלאַנד, זיינען דאָך אַלע אַדורכגעגאַנגען דורך דער מאַרקסיסטישער שול. וואָס מיר האָבן דעמאָלט דער עיקר פאַרגעוואָרפן די סאָציאַליסטן, איז געווען דאָס, אַז זיי דערוויטערן זיך, לויט אונדזער מיינונג, פון די אמתע יסודות פונעם מאַרקסיזם און אַז זיי פאַרקריכן ביסלעכוויז אין דער בלאָטע פון בירגערלעכע געדאַנקען־גענג. מיר האָבן די סאָציאַל־

דעמאָקראַטן באַשולדיקט אין זינדיקן לגבי דעם עכטן מאַרקסיזם. מען קאָן אַזעלכע טיפע השפעות ניט אָפּטרייסלען פון זיך אַזוי גיך: וואָס ערלעכער מען איז איבערגעגעבן צו אַ זאַך, אַלץ טיפער איז דער ווייטאָג ביי דער געבורט פון איטלעכער נייער דערקענטעניש, וואָס איז גראָד דער היפּוך פון דעם אין וואָס מ׳האָט געגלייבט, פון דעם, אין וואָס מ׳איז געווען אַזוי זיכער.

מאַקס נעטלאַוס בראָשור האָט מיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט זאַכן, וואָס זיינען מיר ביז דעמאָלט געווען לגמרי אומבאַקאַנט. ניט געקוקט אויף איר קליינער פאָרעם, האָט זי אַנטהאַלטן אַ סך געשיכטלעכע פאַרצייכענונגען, וועלכע האָבן אונדז דעמאָלט געגעבן די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין די היסטאָרישע שייכותן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פאַרשיידענע לענדער. מיין פריינד נעטלאַו האָט היינט ניט קיין איינציק גוט וואָרט פאַר זיין ערשטלינג, וואָס ער באַטראַכט גאָר ווי אַן „אומווירדיקע אומפולשטענדיקייט”. דאָך האַלט איך, אַז ער אורטיילט צו שטרענג, און אַז ער פאַרזעט אין גאַנצן דעם גרויסן נוצן, וואָס זיין קליין ווערקל האָט דעמאָלט געבראַכט. אין פאַרגלייך מיט זיין שפּעטערדיקער וואָגיקער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, וואָס איז אַרויס אין פינף בענד, איז טאַקע יענע ערשטע בראָשורקע אַ נעבעכדיקער פּרווו, ווי עס האָט טאַקע אַנדערש ניט געקאָנט זיין אין אַ קליינער שריפט. אָבער דאָך איז זי דעמאָלט געווען די איינציקע אויף דעם געביט, צו וועלכער מיר האָבן אין יענער יאָרן געהאַט אַ צוטראָט. דער גרויסער ווערט פון יענעם ערשטן פּרווו נעטלאַוס באַשטייט אויך אין דעם, וואָס זיין בראָשור האָט אין אונדז, יונגעלייט, דעמאָלט אויפגעוועקט אַ טיפערן אינטערעס אין דער געשיכטע פון דער געבורט און פון די היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פון די פרייהייטלעכע געדאַנקען. מצד מיר פּערזענלעך קאָן איך דאָס זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט.*

אַ חוץ די סטימולירונגען דורך אונדזער אייגענער ליטעראַטור, זיינען מיר אויך אָנגערעגט געוואָרן מצד די פאַרשיידענע אַנדערע שטרעמונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין יענער צייט און וואָס האָבן געהאַט אַ מער־ווייניקע השפּעה אויף אונדזער גייסטיקער געשטאַלטיקונג. דאָס דערשיינען פון העגרי מאַקעיס „די אַנאַרכיסטן” און באַזונדערס די נייע אַנטדעקונג פון מאַקס שטירנערס בוך „דער אייציקער און זיין אייגנטום” האָבן גורם געווען אין אונדזער לייען־קלוב לעבעדיקע דעבאַטעס איבער דער דאָזיקער פילאָסאָפיע פון דעם געלייטערטן עגאָיזם. מאַקעי האָט די צווייטע אויפלאַגע פון זיין בוך פּאָעמעס „שטורעם”, געהאַט געווידמעט צו מאַקס שטירנערן,

---

* די ערשטע דריי בענד פון מאַקס נעטלאַוס היסטאָרישן ווערק זיינען דערשינען אינעם פאַרלאַג „דער סינדיקאַליסט”, אין בערלין: „דער פאָרפרילינג פון דער אַנאַרכיע”, אין 1925; „דער אַנאַרכיזם פון פּרודאָנען ביז קראָפּאָטקינען”, אין 1927; און „אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן”, אין 1931. דאָס פאַרעפנטלעכן די צוויי לעצטע בענד האָט, ליידער, דורך די געשעענישן אין דייטשלאַנד אין יענע יאָרן געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף גינציקערע צייטן.

און מיט דעם האָט ער געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיקן מחבר און אויף זיין ווערק. דורך אַ פריינד אין פראַנקפורט האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען אַן עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן בוכס צווייטער אויפלאַגע, וואָס איז געהאַט דערשינען אין 1882. אָבער איך קאָן באמת ניט זאָגן, אַז שטירנערס בוך האָט ביי מיר שטאַרק אויסגענומען. דערצו איז דער גאַנצער אינהאַלט געווען צו פיל אַבסטראַקט, און פאַר דער יוגנט האָט ער בכלל ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. עס איז שוין תמיד די פּריווילעגיע פון דער יוגנט, אַז זי טראַכט מער מיטן האַרץ ווי מיטן מוח. און דאָס איז דווקא גוט אַזוי. שטירנערס בוך איז אַ פּרוכט, וואָס קאָן דעם לייענער ברענגען מער נוצן ווען ער לייענט עס אין זיינע צייטיקערע יאָרן. איך האָב דאָס ביי מיר גופא אויסגעפונען. וואָרן אויך מיר איז אַ סך קלאָרער געוואָרן דער עצמדיקער באַטייט פון שטירנערס אידעען ערשט נאָך דעם, ווי איך בין בעסער באַקאַנט געוואָרן מיט דער גייסטיקער סביבה, אין וועלכער דאָס דאָזיקע ווערק איז געבוירן געוואָרן, אַן איך האָב בעסער פאַרשטאַנען די פאַרשיידענע שטרע־מונגען, וואָס זיינען געווען דער פּועל יוצא פון העגעלס השפעה אין דייטשלאַנד.

אַ ביסל מער דויערהאַפטיקער און אויך עפעקטיווער איז געווען די ווירקונג אויף אונדזער יונגער באַוועגונג מצד אויגען דיהרינגן. איך האָב פון אים ביז דעמאָלט גאָר ניט געהאַט געלייענט, הגם מיין פעטער האָט ביי זיך געהאַט איינס פון דיהרינגס גרעסערע ווערק. דערפאַר אָבער האָב איך געקענט דאָס בוך, וואָס פרידריך ענגעלס האָט געהאַט אָנגעשריבן קעגן דיהרינגן, אין וועלכן דער מחבר ברענגט צום קלאָרסטן אַרויס די אינערלעכע צווישן־שייכות פון דער מאַרקסיסטישער לערע. דעם דירעקטן שטויס צו לייענען און צו שטודירן דיהרינגן האָבן מיר דעמאָלט באַקומען דורך דער בראָשור פון בענעדיקט פרידלענדער, „דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם אין קעגנזאַץ צו דער מלוכהשער קנעכטשאַפט פון די מאַרקסיסטן", וואָס איז דערשינען אין 1892, אין בערלין. די דאָזיקע אַרבעט האָט גורם געווען, אַז מיר זאָלן זיך נעמען ערנסט שטודירן דיהרינגס „קריטישע געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע און פון דעם סאָציאַליזם". פאַר מיר איז זיכער ווערט געווען די מ׳׳, וואָס איך האָב אין שטודירן דיהרינגן געהאַט אַריינ־געלייגט. אַ חוץ דעם, האָב איך באמת הנאה געהאַט פון דיהרינגס סטיל, וואָס איז געווען קלאָר און לעבעדיק, און פון זיין באַהאַנדלען דעם גאַנצן ענין אויף אַן אַלץ אַרומנעמענדיקן אופן און דאָך ניט צו ברייט און צעפלאָסן. וואָס עס האָט מיר אָבער יאָ אַ ביסל געשטערט ביים לייענען דיהרינגן, איז געווען, אַ געוויסע מאָס אַראָגאַנץ, וואָס איז ערטערווייז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון פּשוטע קאַפּריזן און האָט אפשר געהאַט צו טאָן מיט דעם מחברס טראַגישן גורל. און צו דעם איז נאָך צוגעקומען זיין קרענקלעכע שינאה קעגן יידן, וואָס איז פאַר מיר תמיד געבליבן אומפאַרשטענדלעך ביי אַ מענטש פון דיהרינגס קאַליבער און באַטייט.

אויך די פריילאַנד־באַוועגונג פון טעאָדאָר הערצקאַ, וועלכער איז געווען דער גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, איז אונדז ניט פאַרבייגעגאַנגען אָן איבערצולאָזן אירע שפורן אויף אונדז. מיר האָבן באַקומען

די צייטשריפט זיינע, „פריילאַנד“, אין אונדזער לייענקלוב. אויך זיין בוך, „פריילאַנד: אַ סאָציאַל צוקונפטסבילד“, איז דורך אונדזערע יונגע חברים אַ סך געלייענט געוואָרן און האָט אַרויסגעפירט אונדזערע דיסקוסיעס אויף דעם באַטייט און אויף דער מעגלעכקייט פון גרינדן פרייהייטלעכע קאָלאָניעס אין דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפט און עקספּערימענטירן דורך זיי וועגן דער פּראַקטישקייט פונעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. בקיצור, עס האָבן אונדז דעמאָלט ניט געפעלט קיין פאַרשיידן־מינימדיקע סטימולאַציעס, וואָס האָבן כסדר געווירקט אויף אונדזער סאָציאַל דענקען און געשפּייזט אונדזער סאָציאַלע באַוווסטזיניקייט.

איז אַזוי ווי מיר ריידן שוין דאָ, וועגן דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט באַשעפטיקט אונדזערע מוחות, מוז מען שוין אויך דערמאָנען אַ געוויסן סאָרט געדרוקטע זאַכן, וואָס הגם זיי האָבן בדרך כלל אונדז ניט אָנגערעגט צו קיין שום נייע געדאַנקען, האָבן זיי אונדז דאָך געגעבן די געלעגנהייט צו באַקומען אַ שטיקל השגה וועגן דעם מאָדנעם טראַכטן פון אַ טייל פון אונדזערע צייט־גענאָסן, וואָס גליקלעכערוויז זענען זיי ניט געווען צו פיל און מיר האָבן זיי אויך ניט אָפט באַגעגנט. איך האָב דאָ אין זינען אַזעלכע בלעטער און בלעטלעך, ווי „דער קאָמוניסט“, „די נקמה“, „דער איינברעכער“, און „דער רעוואָלוציאָנער“. זיי זיינען אַלע דעמאָלט דערשינען אין לאָנדאָן. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָבן עטלעכע נומערן פון די דאָזיקע אויסגאַבעס זיך פאַרבלאָנדזשעט קיין דייטשלאַנד. די מערסטע פון די דאָזיקע ליטעראַרישע באַשערייען זיינען געווען געדרוקט בלויז אויף, צוויי זייטלעך, און זיי האָבן זיך תמיד געמוזט באַגנוגענען מיט אַ היפּש קורצער עקסיסטענץ. אַזוי, למשל, איז „דער איינברעכער“ אַרויס אין בלויז איין נומער. „די נקמה“ און „דער רעוואָלוציאָנער“ זיינען אַרויס אין פיר אָדער אין פינף נומערן. בלויז „דער קאָמוניסט“ האָט באַוויזן צו דערלעבן גאַנצע ניינצן נומערן, צווישן וועלכע צוויי נומערן זיינען אַרויס אין איטאַליעניש, און איין נומער אין פראַנצייזיש.

דער אַרויסגעבער פון די דאָזיקע אַלע טשיקאַווע בלעטלעך איז געווען אַ געוויסער קאָנראַד פרעהליך, אַ געבוירענער שווייצאַריער, וועלכער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געלעבט אין לאָנדאָן און ער האָט אַרום זיך געהאַט געזאַמלט אַ קליינעם קרייז מענטשן, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען איטאַליענער און פראַנצויזן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אים געגעבן די פינאַנציעלע מיטלען, אויסצונוצן זיין טשיקאַווען טאַלאַנט אויף זיין אייגענעם מאָדנעם אופן. פרעהליך איז שפּעטער אָפּט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ געהיימער פּאָליציישער אַגענט. אָבער איך גלייב, אַז דער דאָזיקער חשד איז בכלל געווען אומבאַגרינדעט. איך האָב שפּעטער אין לאָנדאָן זיך פּערזענלעך מיט אים באַקענט. ער האָט דעמאָלט געלעבט אין זייער אָרעמע באַדינגונגען, און ער האָט מיט אונדזער באַוועגונג שוין מער קיין שום שייכות ניט געהאַט.

קאָנראַד פרעהליך איז געווען איינער פון יענע אַ ביסל צעדרייטע עקסצענטרישע טשודאַקעס, וואָס מען קאָן ניט זעלטן באַגעגענען אין די רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונגען. זיין תאווה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער

האָט תמיד געמוזט זיין דער ראַדיקאַלסטער צווישן די ראַדיקאַלסטע, און ער האָט געקעמפט קעגן יעדן איינעם, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז יענער גייט אים אויסכאַפּן די געגאַרטע בכורה אין רעוואָלוציאָנערישקייט. און היות ער איז, נעבעך, ניט געווען קיין צו גרויסער גייסט, הגם ער האָט וועגן זיך גופא געהאַט אַ היפּש געהויבענע מיינונג, האָט ער פּרובירט נאָכצומאַכן די אמתע גרויסע גייסטער מיט באַרימטע נעמען אין דער רעוואָלוציאָנערישער געשיכטע. אָבער ער האָט דאָס תמיד געטאָן אויף אַזאַ שטומפּיקן און אומ־געלומפּערטן אופן, אַז די רעזולטאַטן זיינען געווען גאַנץ קאָמישע. און דאָס האָט פרעהליך זיכער ניט געהאַט בדעה צו דערגרייכן.

דער אָרעמער פרעהליך האָט זיך געהאַט אַריינגענומען אין זיין צעשוי־בערטן מוח אַריין, אַז ער מוז אין דער דייטשער שפּראַך שאַפן עפּעס ענלעכס צו דעם באַרימטן אַנאַרכיסטישן פּאַלקסטימלעך סאַטירישן בלאַט „לע פּער פּענאַר" („פּאַטערל האַרעפּאַשניק"), וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין פּאַריז. דאָס לשון דאָרט איז געווען עכט פּאַריזעריש און עס האָט געצילט צו ווירקן אויף דעם פּאָלקסטימלעכן לייענער מיט אַ קערנדיקן געזונטן הומאָר און מיט אַ וואָקאַבולאַר פון ווערטער, וואָס טרעפן תמיד אינעם סאַמע פּינטל אַריין, הגם אין אַ פיינער געזעלשאַפט פון אַריסטאָקראַטישע דאַמען וועט מען אַזעלכע רייד ניט הערן. עמיל פּוזשעי, דער אַרויסגעבער פון דעם דאָזיקן בלאַט און אויסגעצייכנטן פּראָפּאַגאַנדע־וואָפן, איז געווען אַ גייסטרייכער קאָפּ און דערצו נאָך האָט ער, ווי אַ פראַנצויז, געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר סטיל. און דאָס איז גראָד געווען עפּעס אַזוינס, וואָס פרעהליך האָט לגמרי ניט געהאַט. אָבער פרעהליך איז באַזונדערס ווילגעפעלן דאָס פראַנצייזישע וואָרט „מערד" (צואה), וואָס איז אָפט, אָבער תמיד אין ריכטיקן פּלאַץ און אויף אַ ווירקעוודיקן אופן, גענוצט געוואָרן אין „לע פּער פּענאַר". האָט ער מיט דעם דאָזיקן פיינעם וואָרט באַצירט אויף אַ פאַרשוועמדערישן אופן איטלעכן שפּאַלט אין זיין בלאַט „דער קאָמוניסט". און ניט בלויז דאָס דאָזיקע וואָרט אַליין האָט אַזוי נושא חן געווען אין פרעהליכס אויגן; ער האָט אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין שום קאַרגשאַפט בנוגע די אַלע אַנדערע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין שייכות מיט דעם נייטיקן רעגולערן, פונקציאָנירן פון אַ געזונטן מאָגן. און כדי דער לייענער זאָל קריגן אַ שטיקל השגה פון פרעהליכס נאָכגעמאַכטן סטיל מיט דער הילף פון אַ וואָרט, וואָס האָט אין פראַנצויזיש שוין זינט לאַנג געהאַט פאַרלוירן אַ סך פון זיין אָריגינעלער גראָבקייט, וועלן מיר דאָ געבן עטלעכע מוסטערן פון דעם, וואָס דער בידנער מחבר האָט, נעבעך, געמיינט, אַז ער דערלאַנגט קרעפטיק לשון:

„דער ,קאָמוניסט' שייסט אויף אַלע קאָמיטעטן, אָרגאַניזאַציעס, און אויף דעם פּויפּס! דער ,קאָמוניסט' שייסט כל זמן ער האָט צו פרעסן, אָבער דאָס איז בכלל ניט זיין חוב. דער ,קאָמוניסט' גייט אַרויס אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, ווען דער נעפּל הילט איין דאָס גאַנצע לאַנד, כדי ער זאָל קאָנען באַקוועם און אומגעשטערט שייסן אויף אַלץ, וואָס געפעלט אים ניט."

איך דערמאָן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אָן אַרטיקל פון דער געוואַגטער פעדער פון קאָנראַד פרעהליכן וועגן דעם ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן מאַכן אַ

פרוי פון שוואַנגער. יענער אַרטיקל האָט געטראָגן דעם מיטן סאַמע פּינטל אַריינגעטראָפענעם פּיינעם נאָמען: „דער סטרייק פון די קינדער־פאַבריקאַנטן.“ פון די קלאָרע אומצווייטייטיקע ווערטער און פון דער טרעפלעכער שלאָפ־צימערישער טערמינאָלאָגיע אין יענעם אַנטי־פּריה־ורביהדיקן אַרטיקל האָבן זיך די האָר אויפן קאָפּ ממש געמוזט אויפשטעלן.

פון פרעהליכס שיינער שרייבערישער בילדערישקייט איז דער לייענער גאַנץ אָפט פשוט דערשטוינט און פאַרבליפט געוואָרן. אַזוי, למשל, האָט ער איין מאָל, אין אַ מאָמענט פון פּאָעטישער השתפכות הנפש זיך געגעבן אַזאַ שרייב וועגן אַ „יחיד, וואָס די קאָנספּיראַציע נאָגט אים אַזוי ווי אַ זינקענדיקע לאָדקע“. דאָס איז געווען אַן אימאַזש, צו וועלכער עס האָט זיך געפּאָדערט אַן אויסערגעוויינטלעכע פאַנטאַזיע, כדי אים צו פאַרשטיין, אָדער אַפילו בלויז צו אָנען אים. באַזונדערס האָט פרעהליך ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט הויך־קלינגענדיקע, כמעט שרייערישע „קעפּ“ איבער זיינע אַרטיקלען. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז גוסטאַוו לאַנדאוער האָט ביי עפּעס אַ געלעגנהייט פאַרלוירן דעם גאַנצן חן אין קאָנראַד פרעהליכס אויגן. האָט פרעהליך וועגן אים אָנגעשריבן אַ ליידנשאַפטלעכן מאמר מיט דעם פרעכטיקן טיטל: „די פריכאָ־קרימינאָלאָגישע אוטאָפּסיע פון דעם יעזוּיטישן גענעראַל גוסטאַוו לאַנדאַוער“.

אויך „דער איינברעכער“ און „דער רעוואָלוציאָנער“ זיינען געווען פיינע בלומען פון קאָנראַד פרעהליכס ליטעראַרישן גאָרטן. אינעם „רעוואָלוציאָנער“ האָט מען אין איטלעכן נומער געקאָנט געפינען גענויע אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו מאַכן באָמבעס. און מען האָט דאָרטן אויך געפּריידיקט די אָפּשאַפונג פונעם קאַפּיטאַליזם דורך פשוט צונעמען פון די קאַפּיטאַליסטן דאָס, וואָס איינעם ווען זיך נאָר פאַרגלוסטן. פרעהליכס באַגייסטערונג פאַר אַזאַ מין אינדיווידועלער פאָרמע פון עקספּראָפּריאַציע האָט פשוט ניט געהאַט קיין שום גרענעצן. אַזוי האָט ער איין מאָל מיט גרויס גדולה געלאָזט וויסן: „אין דער האָלענדישער שטאָט האַרלעם האָט מען צוגעגנבעט אַ באַראַן. די סאָציאַלע עקספּראָפּריאַציע מאַרשירט פאָראויס!“

און „דער איינברעכער“, ווי דער נאָמען גופא זאָגט דאָס אונדז, האָט געמאַכט פאַר זיין ציל צו באַפרייען די מענטשן, וואָס גאָט האָט זיי געהאַט געבענטשט מיט האָב־און־גוטס, פון זייערע ערדישע עשירותן. די לאָזונג פון דעם דאָזיקן בלאַט איז געווען ניט בלויז פראַסט און פשוט, נאָר אויך גע־גראַמט: שטעק אַריין דיינע פינגער ראַש אין דיין רייכן שכנס טאַשן!“ היות אָבער אַזעלכע פינגערדיקע מעשים זיינען אָפט פאַרבונדן מיט ניט קיין צו אָנגענעמע רעזולטאַטן, האָט „דער איינברעכער“ זיינע לייענערס געראָטן:

„גיי אין תפיסה ניט אַריין,
וואָרן דאָרטן איז גאָר ניט פיין.
דערלאַנג מיט קינזשאַל און מיט מעסער
דעם פּאָליצייסקן אומזיסטן פרעסער.“

דאָס דאָזיקע פיינע בלאַט, וואָס האָט געפּריידיקט מאַרעוויכעריי האָט ווי אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערישקייט, פאַרענדיקט זיין אויפפאָדערונג פאַר „אינ־דיווידועלער עקספּראָפּיאַציע" מיט אַ שוווּנגפולן אויסברוך פון דער אײדל־סטער באַגייסטערונג פאַר אַלע איינברעכערישע מכשירים, וואָס זיינען אויס־גערעכנט געוואָרן מיט אמתן פּאַטאָס איינער נאָכן אַנדערן: „צום האַמער און צו דער צוואַנג, צום בראָכשטאַנג און צום עגבער, צום וויטרעך און צום וואַקס, צום שרויפנציער און צום בליצלעמפּל, צום קינזשאַל און צו דער באָמבע, הוראַ! פייער! הוראַ!"

קאָנראַד פרעהליך איז אויך געווען אַ גרויסער פון גאָט געבענטשטער דיכטער, און ער האָט די קינדער פון זיין פּאָעטישער מוזע איינגעזאַמלט אין אַ ווערקל, אונטערן נאָמען: „דאָס יחידישע דערוואַכן." דער קליינער העפט איז טאַקע ניט געווען זייער אַרומנעמיק, דערפאַר אָבער זיינען דער טאָן און דער זינען דאָרטן געווען פול מיט טיפן תוך און גייסטרייכן תוכן. אַז ער גופא האָט ניט געהאַט קיין מינדערוויכטיקע מיינונג וועגן זיין דיכטערישער גרויסקייט, קאָן מען גאַנץ גרינג דרינגען פון דער ווייטערדיקער סטראָפע:

„איך פייף אויף שילערן און אויף געטהען,
די דיכטערס פון דער בורזשואַזיי;
איך שפּיל אויף פיינערע פלייטן,
און כ'הייב זיך אויף העכער פון זיי."

די דאָזיקע „פיינערע פלייטן" האָבן, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעגעבן פון זיך אַ סך בראַווע סטראָפעס. אָבער טראָמפּייטן מיט פויקן וואָלטן שוין געווען אַ סך בעסער פאַר אַזעלכע סטראָפעס, ווי, למשל:

„דו געפינסט אפשר מיין לשון רוי,
און גראָב און פול מיט שפּאָט?
אָ, שווייג, דו אַלטער אייזלקאָפּ!
דו ווילדער האָטענטאָט;"

און אַ נאָך דעליקאַטער מוסטער פון קאָנראַד פרעהליכס צאַרטער דיכ־טעריי איז די ווייטערדיקע סטראָפע:

„די נאַטור גופא וויל איך פאַרערן,
אָבער ניט קיין שטיקל אשר־יצר־פּאַפּיר!
די נאַטור גופא זאָל זיין מיין לערער,
אָבער ניט דעם גלחס צואה־געשמירו!"

טשיקאָווע איז געווען, אַז דער דאָזיקער הייליקער טשודאַק, וועלכער האָט אַזוי פאַרשווענדעריש געשאָסטעוועט מיט זיינע צאַרטע אָבער קרעפטיקע אויסדרוקן אין זיין פּאָעזיע און אין זיין פּראָזע, האָט אין זיין פּערזענלעכן

פאַרקער מיט מענטשן קיין איינציק מאָל זיך ניט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ גראָב וואָרט, חלילה. זיין לשון אין שמועסן מיט מענטשן איז געווען אַזוי לויטער און צניעהדיק, ווי די רייד פון אַן אַלטער בתולה. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דעמאָלט די דאָזיקע פּערל פון דעם דייטשן קינסטלערישן ליטעראַרישן סטיל, וואָס מיר האָבן טייל מאָל באַקומען פון לאָנדאָן, קיין מאָל ניט פאַרשפרייט צווישן אונדזערע חברים. אַלץ, וואָס מיר האָבן פון דעם דאָזיקן מין ליטעראַטור דערהאַלטן, האָבן מיר בכבוד גדול פאַרברענט. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט פון האָבן אויף אונדזער געוויסן, אַז מיר האָבן געהאָלפן אין דער דאָזיקער געוואַלדיקער אַטאַקע אויפן קעניגרייך פון דער שיינער ליטעראַטור. בלויז איינצלנע נומערן האָבן מיר באַהאַלטן. זיי האָבן אונדז געדינט זיך אַ ביסל פריילעך צו מאַכן אין אַן ענגערן קרייז, פון צייט צו צייט, מיט קאָנראַד פּרעהליכס ליטעראַרישע שאַפונגען. אונדזער בראַווער חבר טיטצע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דורך פאָרלייענען פאַר אונדז ספּעציעל אַרויסגעקליבענע פּערל פון פּרעהליכס פיינסטן אוצר, „דאָס אינדיווידועלע דערוואַכן." און ווען ער האָט מיט זיין אַ ביסל צו גרויסן און מעכטיקן קאָפּ אויף זיין דינעם האַלדז פאַמעלעך און ערנסט געשאָקלט אין דער ברייט, אַהין און אַהער, אַזוי ווי דער אומרו פון אַ זייגער, האָבן מיר אַלע מורא געהאַט, אַז עס זאָל, חלילה, אַ ליאַדע רגע ניט געשען קיין אומגליק.

די לעצטע חדשים אין דייטשלאַנד און מיין אַנטלויפן פון דאָרטן

דער אָביסק פון דער פּאָליציי אויף מיין אַרבעטספּלאַץ האָט גורם געווען, אַז מען האָט מיך באַלד משלח געווען פון מיין שטעלע. היות ווי איך האָב גוט געוווסט, אַז אין משך פונעם זומער וועל איך ניט קאָנען קריגן קיין שום אַנדערע באַשעפטיקונג, האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסצולאָזן אויפן וואַנדערוועג, כדי אַזוי אַרום אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין אַלערליי שטעט און אַנצוקניפּן נייע פאַרבינדונגען. ווי דעם ציל פון מיינע וואַנדערונגען האָב איך פאַר מיר געמאַכט בערלין. צוערשט בין איך געפאָרן מיט דער באַן קיין פראַנקפורט, ווו איך האָב אָפּגעהאַלטן אַן אויסגעצייכנטע פאַרזאַמלונג. פון דאָרטן בין איך אַוועק צופוס איבער גיסען, ערפורט, לייפּציג, האַללע, און מאַגדעבורג, אין דער ריכטונג פון מיין ציל, בערלין. איך האָב אין די דאָזיקע אַלע שטעט אָפּגעהאַלטן רעפעראַטן, וועלכע זיינען טייל מאָל אַראַנזשירט געוואָרן דורך דער „פאַך־פאַראייניקונג פון די אייבבינדערס" און טייל מאָל דורך דעם „פאַראיין פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן".

נאָענטערע אידעיִשע חברים, דאָס הייסט, איבערצייגטע אַנאַרכיסטן, האָב איך דעמאָלט באַגעגנט בלויז אין האַללע, ווו אין צוגאָב צום „פאַראיין פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" איז אויך געווען אַן אַקטיווע אַנאַרכיסטישע גרופּע, וועלכע האָט דער עיקר זיך פאַרנומען מיטן פאַרשפּרייטן די פריי־הייטלעך סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. די נשמה פון יענעם אַנאַרכיסטישן קרייז איז דעמאָלט געווען מאַקס מעטצנער, אַ שוסטער, וועלכער האָט גע־אַרבעט ביי זיין פאָטער. ער, צוזאַמען מיט די חברים האָפּמאַן, בראַנדט, און עטלעכע אַנדערע האָבן אָנגעפירט מיט דער עפנטלעכער און מיט דער אונטערערדישער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. אויך פריטץ קריגערן, פון בערלין, האָב איך דעמאָלט באַקענט אין האַללע. ער איז דעמאָלט נאָך געשטאַנען אין גאַנצן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די „יונגע", אָבער ער האָט שוין אָנגע־האַלטן גוטע באַציִונגען מיט די אַנאַרכיסטן. פריטץ קריגער איז געווען אַ גוטער פאָלקסרעדנער, מיט אַ לייבנשטים, מיט וועלכער קיינער האָט ניט געוואָגט זיך צו פאַרטשעפּען. ער האָט שפּעטער עמיגרירט קיין לאָנדאָן און פון דאָרטן קיין אַמעריקע. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער ווי אַ בן שמונים

געשטאָרבן אין ניו יאָרק. די חברים אין האַללע האָבן אין יענע צייטן באַ־קומען בלויז די „אויטאָנאָמי" און דעם „אַנאַרכיסט", וואָס אַ חבר פון הולל, אַ מאַטראָס, האָט כסדר אַריינגעשמוגלט קיין דייטשלאַנד. דורך מיין פאַר־מיטלונג האָבן די האַללער גענאָסן אויך אָנגעהויבן צו קריגן די „פרייהייט" און די בראָשורן פון יאָהאַן מאָסטן.

איך בין אָנגעקומען קיין בערלין אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג און איך האָב זיך גלייך איינגעקוואַרטירט אין דער אכסניה פון די געווערקשאַפטן. אויף צו מאָרגנס בין איך אַוועק צו ווילהעלם ווערנערן, אין זיין קליינער דרוקעריי, און איך האָב אים באַגעגנט גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין. ער האָט מיך באַגריסט מיט פריידיקער איבעראַשונג, און ער האָט מיך תיכף פאַרבעטן מיטצוגיין מיט אים. מיר זיינען בײדע אַוועק צו קאַרל ווילדבערגערן, אין וועמענס וואַרשטאַט מיר האָבן באַגעגנט אַלבערט אָורבאַכן, וועלכער האָט גראָד אין יענעם טאָג זיך געגרייט צו גיין אָפּזיצן אַ גרינגע תפיסה־שטראָף. באַלד דערנאָך זיינען אַריינגעקומען צוויי אַנדערע חברים, און מיר זיינען אַלע צוזאַמען אַוועק אין אַ קליינעם רעסטאָראַן. דאָרטן האָבן מיר, ווי ווילדבערגער האָט דאָס אָנגערופן, געפּראַוועט אַ „תליון־סעודה" לכבוד אָורבאַכס גיין אין תפיסה אַריין. נאָך עטלעכע לעבע־דיקע און טיילווייז הומאָרפולע שעהן האָבן מיר אַלע צוזאַמען באַגלייט דעם קליינעם און רירעוודיקן אַלבערט אָורבאַך אין תפיסה אַריין, ווו ער איז אַוועק אָפּזיצן זיין קליינע שטראָף פאַר עפּעס אַן אַנאַרכיסטישע עבירה.

ווילדבערגער האָט דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער איז געווען אַ שטאַלטנער מאַנספּערשוין, מיט אַן איינדרוקספולן קאָפּ און שאַרפגעשניטענע געזיכטשטריכן, וואָס זיינען נאָך מער בולט אַרויסגעקומען דורך זיין שוואַרצער באָרד, ער האָט אויף יעדן איינעם געמאַכט אַ גינציקן איינדרוק. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער חבר אין איטלעכער געזעל־שאַפט. זיין אופן פון רײדן האָט תיכף איך געלאָזט וויסן, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטש פון גייסט, וועלכער ווייסט גענוי וואָס ער וויל. איך האָב אים בעת מיין קורצן אויפהאַלט אין בערלין כמעט איטלעכן טאָג געזען, און ווייזט אויס, אַז אויך איך האָב ביי אים אַרויסגערופן אַ צוטרוי צו מיר, וואָרן ער האָט מיר גאַנץ אָפן איבערגעגעבן זיינע פּערזענלעכע מיינונגען וועגן די אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט פון דער רעוואָלוציאָנערישער באַווע־גונג אין דייטשלאַנד אין יענע יאָרן. ער האָט מיר אויך גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז ער טיילט ניט מיינע אַנאַרכיסטישע השגות; בכלל גלייבט ער ניט, אַז די אַנאַרכיסטן וועלן ווען עס איז קאָנען שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער דייטשער אַרבעטערישער באַוועגונג. ער האָט צוגעגעבן, אַז אין די לאַטייניש לענדער האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג טאַקע אַ געוויסע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג, מחמת די געשיכטע פון יענע פעלקער מאַכט זיי מער צוגעפּאַסט אויפצונעמען די פרייהייטלעכע אידעען. אין דייטשלאַנד, אָבער, ווו עס פעלן אַפילו די ערשטע יסודות פון אַ בירגערלעכער דעמאָ־קראַטיע, איז דער אַנאַרכיזם ניט מער ווי זייער ווייטע צוקונפטס־מוזיק, וואָס

האָט דערוויַיל אַ גאַנץ קליינעם איינפלוס אויף דעםווירקלעכן מצב אינעם לאַנד.

ווילדבערגער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז אין דייטשלאַנד איז פאַראַן פלאַץ נאָר פאַר אַ גוט־דיסציפּלינירטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישער אַרבעטאָרישער באַוועגונג, מיט די מאַרקסיסטישע ריכטליניעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און אַז די אָפּאָזיציע, אויב זי וועט דאָס ניט קאָנען דערגרייכן, וועט זי קיין מאָל ניט דערגיין צו איר ציל. אויף מיין טענה, אַז גראָד די דאָזיקע גוט־דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע האָט דאָך דערפירט צו דעם היינטיקן קלאָגעדיקן מצב פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, האָט ער מיר געענטפערט, אַז עס איז געקומען צו דער איצטיקער לאַגע דערפאַר, ווייל די אַלטע פירערס האָבן אין גאַנצן אונטערגעגראָבן די דעמאָקראַטישע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט אין דער פאַרטיי גופא. אַ גוט־דיסציפּלינירטע און שלאָגפאַרטיקע אָרגאַניזאַציע פאַרט זיך זייער גוט מיט אמתער אינערלעכער דעמאָקראַטיע, מחמת אָן דעם דעמאָקראַטישן גייסט פאַרלירט איטלעכע מאַסן־באַוועגונג איר באַטייט. וועגן יאָהאַן מאָסטן האָט ווילדבערגער בכלל געהאַט אַ געהויבענע מיינונג; ער האָט אים באַצייכנט ווי אַ פאָלקס־שרייבער פונעם ערשטן ראַנג. אָבער פאַר דער צייטשריפט „אוטאָנאָמי" האָט ער ניט געהאַט קיין איין גוט וואָרט. און כאָטש די דאָזיקע צייטשריפט פאָדערט מער קרבנות זי אַרויסצוגעבן ווי איטלעך אַנדער בלאַט, האָט זי אָבער פאַר דער דערציאונג פונעם אַרבעטער גאָר ניט בייגעטראָגן. אַזוי האָט געהאַלטן ווילדבערגער.

איך בין דעמאָלט פאַרבליבן אָן ערך צען טעג אין בערלין, און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיט די מערסטע חברים פון דער באַוועגונג פון די „יונגע". ווערנער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז איך זאָל וווינען ביי אים. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך אויך באַקענט מיט זיין בראַווער פרוי, וועלכע איז צו מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען אַזוי גוט ווי אַ מוטער.

אַנאַרכיסטישע גרופּעס זיינען דעמאָלט אין בערלין געווען פינף אָדער זעקס, און זיי האָבן בעיקר זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן די פאַרבאָטענע פרייהייטלעכע ליטעראַטור. אַ חוץ דעם זיינען אויך אינעם צפון און אינעם מזרח פון דער הויפּטשטאָט געווען אַ היפּשע צאָל כלערליי פאַראיינען, אין וועלכע עס זיינען אָנגעגאַנגען כסדרדיקע לעבעדיקע דיסקוסיעס, און ווו די אַנאַרכיסטן זיינען געווען די אָנגעבערס. בעת יענעם אויפהאַלט אין בערלין האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט בייצוזיין אַ פאַרזאַמלונג פון די דעלעגאַטן פון די אַנאַרכיסטישע גרופּעס. אויף דער טאָג־אָרדענונג איז דעמאָלט אויך געשטאַנען דער פּונקט וועגן אַרויסגעבן אָן אַנאַרכיסטישע וואָכנבלאַט אין בערלין. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט קאַרל ביסטערן, וועמענס נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט פון די אַנאַרכיסטישע צייטונגען ווי אַ רעדנער. ביסטער האָט באַזונדערס באַטאָנט די נויטווענדיקייט פון אָן אַנאַרכיסטיש בלאַט אין בערלין, מחמת, לויט זיין מיינונג, וועט די באַוועגונג פון די „אומאָפּהענגיקע", אונטער דער השפעה פון קאַרל ווילדבערגערן און

וויקטאָר ביוהרן, קיין מאָל ניט אַרויס פון איר אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג און זי וועט פריער אָדער שפּעטער צוריקקערן זיך צו דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די מערסטע אַנדערע חברים האָבן אויך פּאַרטראַטן דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט. אָבער דאָך האָב איך דערפילט פון ביסטערס אויספירונגען אַ געוויסע פּערזענלעכע פאַרביטערונג, וואָס איז מיר לחלוטין ניט געפעלן געוואָרן.

ווען מען האָט מיך געפרעגט וועגן מיין מיינונג, און ווי אַזוי די חברים אין אונדזער געגנט וועלן אויפנעמען דעם פּלאַן וועגן אַן אַנאַרכיסטישער צייטשריפט אין בערלין, און צי זיי מעגן רעכענען אויף אונדזער אונטער־שטיצונג, האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך קאָן, פאַרשטייט זיך, איצטער ריידן בלויז אין מיין אייגענעם נאָמען, מחמת מיר האָבן דאָך גאָר ניט געוווּסט וועגן דעם פּלאַן פון די בערלינער גענאָסן. איך האָב זיי אָבער יאָ איבערגעגעבן אונדזער שטעלונג צו דער באַוועגונג פון די „אומאָפּהענגיקע" און וועגן דעם באַשלוס, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנגענומען אויף אונדזער באַראַטונג, וועגן דעם ענין. פּערזענלעך בין איך געווען מיט דער מיינונג, אַז די חברים אין מיין היימשטאָט וועלן זיכער ניט אָפּזאָגן זיך צו העלפן אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטשריפט אין בערלין. אָבער דאָך האָב איך גע־האַלטן, אַז עס וואָלט דערווייל געווען בעסער ניט צו איילן זיך מיט דעם דאָזיקן פּלאַן און אַ ביסל צוּוואַרטן און זען ווי אַזוי עס וועט גיין די נאַטיר־לעכע אַנטוויקלונג פונעם גאַנצן ענין.

פון דער ווייטערדיקער דיסקוסיע איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז בכלל נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע דאַטע פאַר אַרויסגעבן אַזאַ צייטשריפט, אָבער די צוגרייטונגען דערצו זאָלן ווייטער אָנגיין, כדי צו שאַפן די מעג־לעכקייטן פאַר אַן אייגן בלאַט. מען האָט דעריבער דערנאָך געזאַמלט אין משך פון די קומענדיקע חדשים גענוג געלט, כדי צו פאַרזיכערן דאָס אַרויס־געבן פון אַן אייגענער צייטשריפט אויף וויניקסטנס זעקס ביז אַכט נומערן. שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן, אַז די צייטשריפט זאָל אָנהייבן צו דער־שיינען אין נאָוועמבער, 1892, און אַז היסן זאָל זי „אַרבייטערצייטונג" און אַז זי זאָל זיין „דער אָרגאַן פון די דייטשע אַנאַרכיסטן". אָבער די פּאָליציי האָט רעקווירירט די גאַנצע אויפלאַגע פונעם סאַמע ערשטן נומער באַלד אין דער דרוקעריי, און זי האָט פאַרבאָטן דאָס ווייטערדיקע דערשיינען פון דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט. די דאָזיקע פּאָליצייישע קאָנפיסקאַציע איז גע־ווען אומגעזעצלעך, מחמת עס איז ניט געווען קיין שום לעגאַלער פּרעצע־דענט, וואָס זאָל רעכטפאַרטיקן יענעם פּאָליצייסקען גוואַלד־אַקט. אָבער די אַנאַרכיסטן אין דייטשלאַנד, האָבן אין יענער צייט ניט געהאַט קיין שום ציווילע רעכט און זיי זיינען כסדר געווען אויסגעשטעלט צו דער פּאָליצייישער הפקרות.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאַינץ, האָט זיך מיר, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פריינד, איינגעגעבן צו באַקומען אַרבעט אין דער פירמע וואַלאַו. דאָס איז געווען די גרעסטע קונסטדרוקעריי אין מאַינץ. צו אַרבעטן ביי דער דאָזיקער פירמע האָט אין מאַינץ געגאָלטן ווי אַ גרויס גליק פאַר

אַ באַלמעלאָכע. וואָרן וואַלאַו האָט געצאָלט די העכסטע שכירות אין שטאָט, און דערצו האָט מען דאָרטן געאַרבעט בלויז 9 שעה אַ טאָג, בעת אין די אַנדערע*פאַבריקן האָט מען דעמאָלט נאָך געאַרבעט עלף שעה אַ טאָג, וואָס איז אין יענע יאָרן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאָרמאַלער אַרבעטסטאָג. אויך די אַנדערע אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען די בעסטע, וואָס אַ באַלמע־לאָכע האָט זיך אין יענע צייטן נאָר געקאָנט ווינטשן. דערפאַר אָבער איז דער באַלעבאָס פון יענער דרוקעריי געווען דער באַקאַנטסטער רעאַקציאָנער אין מאַינץ; זיין שינאה צו איטלעכן „רויטן" איז געווען אַ פּרינציפּיעלע. ער האָט נאָר געדאַרפט דערשמעקן דעם מינדסטן חשד אויף עמעצן פון זיינע אַרבעטערס, און יענער האָט זיך שוין געמעגט געזעגענען מיט דעם גוטן פּאָסטן אין דער פירמע וואַלאַו. אָבער דאָס האָב איך דאָך גאָר ניט געקאָנט ענדערן. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן דאָרטן און געהאָפט, אַז דער באַלעבאָס וועט מיך ניט אַזוי גיך אויסניוכען.

עטלעכע וואָכן נאָך מיין צוריקקער קיין מאַינץ פון בערלין האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט דאָס אָנקומען פון דער פאַרבאָטענער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס מיר פלעגן ביז דעמאָלט רעגלמעסיק כסדר באַקומען. היות איך האָב גוט געוווּסט מיט וועלכער אויסגעצייכנטער פּינקטלעכקייט לאַמבערט טוט זיין געפערלעכע אַרבעט ביים אַריבערשמוגלען די דאָזיקע ליטעראַטור איבער דער בעלגיש־דייטשער גרענעץ פון אויסלאַנד, האָב איך מורא געהאַט פאַר דעם ערגסטן. אין דער זעלביקער צייט האָבן די צייַ־טונגען געבראַכט ידיעות וועגן דעם אַרעסט פון אַ גרופּע אַנאַרכיסטן אין בערלין, וועמען מען האָט געהאַט געכאַפּט ביי דער צוגרייטונג פון אַן אומ־לעגאַלער צייטשריפט. און הגם איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי דער אַרעסט פון אונדזערע חברים אין בערלין קאָן האָבן צו טאָן מיט דער איבערגעריסענער פאַרבינדונג אויף דער גרענעץ מיט בעלגיע, איז דאָך מיין אומרו געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איך האָב געהאַט שוין צוויי מאָל געשריבן צו לאַמבערט אויף זיין בעלגישן אַדרעס אין ליעזש, אָבער איך האָב פון דעם תמיד פּינקטלעכן חבר קיין שום ענטפער ניט באַקומען. ענדלעך האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דעם געטרייען י. שיק, פון לאָנדאָן. אין יענעם בריוו האָט מיר דער חבר פון לאָנדאָן געשריבן, אַז לאַמבערט איז טאַקע אַרעסטירט געוואָרן און אויך, אַז זיין אַריינפאַלן אין די פּאָליציייִשע הענט אַריין האָט צו טאָן מיט דעם אַרעסט פון די חברים אין בערלין. די פּרטים אָבער פון ביידע געשעענישן זיינען נאָך דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט אַפילו פאַר דעם געטרייען אין לאָנדאָן.

דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ. מיך אַליין האָט די דאָזיקע שלעכטע בשורה זייער שווער געטראָפן, מחמת לאַמבערט איז מיר געהאַט געוואָרן נאָענט און ליב. עס זיינען אַדורך עטלעכע חדשים ביז מען האָט געקאָנט איינשטעלן נייע פאַרבינדונגען איבער דער בעלגישער גרענעץ. בעת דער דאָזיקער צייט האָבן מיר באַקומען צו עטלעכע נומערן פון אונדזערע אויס־לענדישע צייטשריפטן דורך לאָנדאָן. געקראָגן האָבן מיר זיי אין פאַרזיגלטע קאָנווערטן און אויף נייע אַדרעסן, וואָס די פּאָליציי האָט אויף זיי ניט געהאַט

קיין שום חשד. שפּעטער איז פאַר דעם רייכסגעריכט אין לייפּציג פאָרגעקו־מען דער פּראָצעס קעגן די חברים קאַמיען, רענטהאַלער, רופּפּ און העפער. דער לעצטער איז געווען לאַמבערט; העפער איז געווען זיין אמתער נאָמען. פון די בערלינער אַרעסטירטע גענאָסן האָט מען די מערסטע געמוזט צוריק אַרויסלאָזן אויף דער פריי, מחמת די באַשולדיקונג האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שום באַווייזן קעגן זיי. בלויז פינף חברים זיינען אָפיציעל אָנגעקלאָגט געוואָרן אין הויכפאַרראַט, מאַיעסטעטס־באַליידיקונג און אין קאָלפּאָרטאַזש מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. די אָנגעקלאָגטע זיינען אַלע פאַרמשפט געוואָרן צו פיר ביז זעקס יאָר תפיסה. לאַמבערט, וועמעס ריכטיקער נאָמען איז טאַקע צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען אויף יענעם פּראָצעס, און אַפילו איך אַליין האָב אים ביז דעמאָלט ניט געוווּסט, האָט געקראָגן פיר יאָר תפיסה.

ערשט מיט פינף און דרייסיק יאָר שפּעטער האָב איך לאַמבערטן ווידער אַמאָל באַגעגנט. דאָס איז געווען אין דיסעלדאָרף. ער האָט זיך דעמאָלט געהאַט אַזוי שטאַרק פאַרענדערט, אַז איך האָב אים גאָר ניט דערקענט. ביי יענער געלעגנהייט האָט ער מיר איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון דעם אַרעסט זיינעם. געשען איז עס אַזוי. אַ חבר פון בערלין האָט לאַמבערטן געזאָלט באַגעגענען אין דאָרטמונד און זיי האָבן צוזאַמען געזאָלט פאָרן קיין בעלגיע, ווו לאַמבערט האָט געזאָלט דעם בערלינער חבר אויסלערנען ווי אַזוי אַרי־בערצושמוגלען איבער דער גרענעץ אונדזער אומלעגאַלע ליטעראטור. פאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט לאַמבערט געלאָזט וויסן אַ חבר אין בערלין אויף וועלכן אַדרעס אין דאָרטמונד ער, לאַמבערט, וועט זיך געפינען. דער בער־לינער חבר האָט על פּי טעות לאַמבערטס בריוו אַריינגעלייגט אין קעשענע, אָנשטאָט אים צו פאַרברענען, ווי מען האָט זיך דעמאָלט נוהג געווען אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אונדזערער אין דייטשלאַנד. גלייך נאָך דעם איז יענער בערלינער חבר אַרעסטירט געוואָרן בעת אַן אָביסק אויף זיין וווינונג, און דער בריוו פון לאַמבערטן צו אים איז אַזוי אַרום אַריינגעפאַלן אין די פּאָליציישע הענט. אויף אַזאַ אופן איז לאַמבערט, מחמת דער נאַכ־לעסיקייט פון דעם בערלינער גענאָסע, אַריינגעפאַלן אין די הענט פונעם שונא.

אונדזער אַקטיוויטעט האָט דערוויל געהאַט צו פאַרצייכענען עטלעכע גוטע דערפאָלגן. די חברים ביללער און טיטצע האָבן אין וויסבאַדען געהאַט באַקומען אַרבעט און זיי זיינען דאָרטן געווען אויסערגעוויינלעך רויק. ווי אַ פועל יוצא פון דעם האָב איך אָפט געהאַט די געלעגנהייט דאָרטן צו ריידן ביי עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, ביי וועלכע עס איז כסדר געקומען צו לעבע־דיקע דעבאַטעס צווישן אונדז און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע גרופּע אין וויסבאַדען איז דעמאָלט געווען באַזונדערס שטאַרק. די אַקטיווסטע מיטגלידער דאָרטן זיינען געווען דער שניידער יאָהאַן שמידט און דער דייטשער פּאָליאַק סקרופּיצקי. ביידע האָבן געהאַט אַ היפּשן רעד־נערישן טאַלאַנט. זיי זיינען אויך ביידע געווען באַהאַוונט אין דער סאָציאַ־ליסטישער ליטעראַטור און זיי האָבן גוט און ערלעך פאַרטראָטן זייער אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. זיי האָבן גענומען זייער ערנסט זייערע סאָציאַל־

דעמאָקראַטישע אידעען, וואָס זיי האָבן געקאָנט אינטעליגענט פאַרטיידיקן און באַגרינדן. אין דיסקוסיעס מיט אידעאָלאָגישע קעגנערס האָבן זיי קיין מאָל ניט פּרובירט צו פאַררײדן די צײנער דעם אָפּאָנענט, אָדער צו מאַכן פון אים אַש און פאַרעך דורך פאַרדרייען יענעמס רייד אָדער מאַכן חוזק פונעם קעגנער. דאָס איז, נאַטירלעך, געוועזן אַ גרויסע מעלה ביי זיי און איטלעכע דעבאַטע מיט זיי איז געווען אָנרעגנדיק און באַלערנדיק און זי האָט סטימולירט ביידע צדדים צו ערנסטע מחשבות. און דאָס איז טאַקע אויך געווען אַ געווינס פאַר ביידע צדדים אין אַ דיסקוסיע מיט זיי. מיט דער צייט זיינען שמידט און סקרופּיצקי געוואָרן זייער נאָענט צו אונדז און מיר האָבן אָנגעקניפּט אַפילו פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט זיי. אויף אַזאַ שטייגער האָבן מיר אָפט געקאָנט דעבאַטירן געוויסע ענינים אויף אַ סך גרינט־לעכערן אופן, ווי אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען תמיד שטרענג באַוואַכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דאָס, וואָס מיר האָבן אויף די עפנט־לעכע פאַרזאַמלונגען געמעגט אָנרירן בלויז אויבנאויפיק און זייער פאַרזיכטיק, האָבן מיר געקאָנט פריי און פראַנק דעבאַטירן אויף אונדזערע פּריוואַטע באַגעגענישן. אונדזערע באַגעגענישן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַזוי פריינדלעך, אַז מיר האָבן זיי אַפילו געקאָנט געבן צו לייענען אונדזער פאַרבאָטענע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז געווען, אַז צום סוף האָבן מיר זיי ביידן געוווּנען פאַר אונדזערע אידעען, און זיי זיינען אָפּן אַרויסגעטראָטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי איז זייער אַרויסטריט געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. און היות די וויסבאַדענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע רעדנערס פון דעם זעלביקן קאַליבער, האָט די פּאַרטיי געמוזט שיקן עמעצן פון פראַנקפורט, כדי אָפּצוראַטעווען די גרופּע אין וויסבאַדען פון אַ לגמרידיקן פונאַנדערפאַל. מיר אָבער האָבן געהאַט געוווּנען צוויי גוטע און אויף קרבנות גרייטע חברים, וועלכע זיינען געוואָרן איבערגעגעבן צום אַנאַרכיזם מיט לייב און לעבן.

לאָמבערטס אַרעסט און תפיסה־טערמין האָבן גורם געווען, אַז די גרופּע „אַוטאָנאָמי" אין לאָנדאָן זאָל פון דאָרטן שיקן אַ חבר קיין דייטשלאַנד איינ־צושטעלן פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט די אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין פאַרשיידענע שטעט און צו אָרגאַנזשירן נייע אופנים פון אַריבערשמוגלען די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור און צייטשריפטן דורך דער בעלגישער גרענעץ קיין דייטשלאַנד. אין אַ געוויסן טאָג האָב איך פון פראַנקפורט באַקומען אַ בריוו פון דעם חבר האַנס ריפּער. אין יענעם בריוו האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז ער האָט בקרוב בדעה מיר אָפּצושטאַטן אַ וויזיט. ריפּער איז אַ צייט־לאַנג געווען דער חבר, וועמען די גרופּע „אַוטאָנאָמי" האָט געהאַט אָנפאַר־טרויט די אַרבעט פון איינשטעלן און אָנהאַלטן די געהיימע פאַרבינדונגען צווישן לאָנדאָן און דייטשלאַנד. איך האָב מיט אים אין דער דאָזיקער קאַפּאַ־ציטעט געהאַט אויסגעטוישט אַ צאָל בריוו, און איך האָב זיך דעריבער טאַקע דערפרייט צו האָבן די געלעגנהייט זיך מיט אים פּערזענלעך צו באַקענען. בעת זיין באַזוך ביי אונדז האָבן מיר פּלאַנירט צו האָבן מיט אים אַ געהיימע

פאַרזאַמלונג אינעם גאַנסענהיימער וואַלד, ווו אויך די געגאַסן פון וויסבאַדן און אַלזעי האָבן געזאַלט זיין פאַרטראַטן. ריפער איז געקומען קיין מאַינץ מיט צוויי טעג פריער פאַר דער קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג אינעם וואַלד. דאָס האָט מיר געגעבן אַ ביסל צייט צו באַקענען זיך מיט אים נענטער. ער האָט מיר דערציילט אַ צאָל אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אונדזער לאַנדאַנער באַוועגונג, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט טאַקע ניט געהאַט געוווסט וועגן זיי. אָבער וואָס איז מיר געוואָרן באַזונדערס אויפפאַלנדיק ביי אים, איז געווען זיין טרוקענער געשעפטלעכער טאָן, מיט וועלכן ער האָט מיר דאָס אַלץ איבערגעגעבן. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומאַנגענעמען איינדרוק און ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַן אמתע חברישע וואַרעמקייט צווישן אונדז ביידן.

איך האָב ניט ווילנדיק אים פאַרגליכן מיט לאַמבערטן. וואָסער גרויסער אונטערשייד צווישן זיי ביידן! פון לאַמבערטן האָט תמיד אַרויסגעשטראַלט אַזוי פיל מענטשלעכקייט און אָפנהאַרציקייט, אַז איטלעכער, וואָס איז נאָר געקומען אין דער מינדסטער באַרירונג מיט אים, איז באַלד געוואָרן אַזוי ווי געפאַנגען דורך זיין גוטברודערשאַפט. זיין רויִקער און שכלדיקער אורטייל איבער געשעענישן, זיין פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן און זייערע מעשים, וואָס איז געווען פריי פון קליינבירגערלעכער שמאָלקעפּיקייט, האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן צו אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. און דאָס אַליין האָט שוין געשאַפן עפּעס אַן אינערלעכע שייכות צווישן אים און זיינע צוהערערס. ביי ריפערן אָבער איז ניט געווען דער מינדסטער חשש אַפילו פון דעם אַלעם. ווען ער האָט גערעדט, האָט מען תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז וועגן אַלץ, וואָס ער רעדט, רעדט ער בלויז אויבערפלאַכלעך, אָן שום אינערלעכער שייכות. זיין קילער אופן פוןריידן, זיין פאַרביסנקייט פון טראַכטן, וואָס איז אָפט קאַפּויער געקומען אין אַ ניט צו שיין ליכט, האָבן ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען מיט אים צו אַ חברישער פאַרהעלטעניש, וואָס געשעט בדרך כלל אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן צווישן יונגע חברים. אָבער עס זיינען פאַראַן געוויסע נטיות ביי אַ מענטשן, איבער וועלכע ער האָט ניט קיין שום קאָנטראָל און וואָס עס איז אים שווער פּטור צו ווערן פון זיי.

אויף ריפערס בקשה אים אָפּצוגעבן אַ רעפּאָרט וועגן אונדזערע טעטיקייטן אין מאַינץ, האָב איך אים מיט פאַרגעניגן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט געהאַט אויפגעטאָן אין שייכות מיט אונדזער אַנאַרכיס־טישער אונטערערדישער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט מיך רויִק אויסגעהערט און ער האָט פאַר זיך געמאַכט עטלעכע נאָטיצן פאַר זיין באַריכט פאַר די חברים אין לאָנדאָן. דערנאָך האָט ער געוואָלט וויסן פאַר וואָס מיר אַרבעטן אַזוי שווער צו פאַרשפּרייטן יאָהאַן מאָסטס „פרייהייט". לאַמבערט איז דאָך געשיקט געוואָרן צו דער בעלגישער גרענעץ אויף די קאָסטן פון דער גרופּע „אויטאָנאָמי" און ער האָט דעריבער ניט געהאַט קיין שום רעכט צו שיקן אונדז אויך מאָסטס בלאַט, איז געווען ריפערס טענה. דער דאָזיקער שטאַנד־פּונקט ריפערס איז פאַר מיר פּשוט געבליבן אומפאַרשטענדלעך. און איך האָב אים גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז די „פרייהייט" ווערט ביי אונדז פון אַלע

חברים געלייענט מיט אַ גרעסערן חשק ווי די „אַוטאָנאָמי“. דערויף האָט ער מיר בייסיק געענטפערט, אַז די „אַוטאָנאָמי“ האָט ניט קיין באַצאָלטע שרייבערס, און אַז די גאַנצע אַרבעט פאַר דער דאָזיקער צייטשריפט ווערט דורך אַלע געגאָסן אין לאָנדאָן געטאָן אין גאַנצן פרייוויליק און בחינם. אָבער דאָס האָט, ליידער, נאָך אַלץ ניט געהאָלפן, אַז „אַוטאָנאָמי“ זאָל ווערן אַ בעסער בלאַט ווי די „פרייהייט“.

אויף אונדזער צוזאַמענקום אינעם וואַלד האָט האַנס ריפער אונדז געגעבן אַ קורצן באַריכט איבער דעם ציל פון זיין קומען צו אונדז, און ער האָט געזאָגט, אַז די פאַרבינדונגען ביים אַריבערשמוגלען די אַנאַרכיסטישע ליטע־ראַטור איבער דער בעלגישער גרענעץ קיין דייטשלאַנד וועלן בקרוב ווידער איינגעשטעלט ווערן. און דערנאָך איז ער אָבער, צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג אַריבער אויף דער טעמע וועגן די אַלטע קריגערייען און מחלוקתן אינעם לאַגער פון די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטן, וועגן וועלכע מיר, די יונגע און ניי־צוגעקומענע צו דער באַוועגונג, האָבן דעמאָלט בכלל קיין שום אַנונג ניט געהאַט. באַזונדערס שטאַרק און ביטער האָט ער אָנגעגריפן וויקטאָר דאַוועס. ער האָט אים פאַר אונדז אויסגעמאָלן אין די ערגסטע קאָלירן, און דאָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַלערליי חשדים, באַזונדערס מחמת דעם, וואָס מיר האָבן דאָך ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייטן אויסצוגעפינען אויף וויפל די אַלע מעשה נוראס זיינען טאַקע אמת. איך האָב איצטער מיט אַמאָל דערקענט פאַר וואָס ריפער האָט דאָס פאַר אונדז אויסגעפאַקט די אַלע אַלטע פאַרלעגענע מעשות. דאָס האָט ער מיר געוואָלט באַווייזן, אַז איך בין ניט געווען גערעכט מיט מיין קריטישן בליק אויף דעם בלאַט פון זיין גרופּע, אויף „אַוטאָנאָמי“. האָט דאָס מיך איצטער טאַקע פאַרדראָסן. אויך די אַנדערע חברים האָבן דעמאָלט ניט געהאַט קיין צו גרויסע הנאה פון ריפערס רעפּאָרט.

אין יעדן פאַל איז אָבער יענער צוזאַמענקום אינעם וואַלד ניט געווען אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן. עס זיינען געווען דעמאָלט נאָך עטלעכע אַנדערע פּונקטן, וואָס האָבן דערפירט צו אַ לעבעדיקער דיסקוסיע. באַזונדערס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין, וואָס האָט אונדז אין יענער צייט געהאַט שטאַרק אויפגערודערט. דאָס זיינען געווען די מעשים פון ראַוואַשאָלן און זיינע חברים, ראַוואַשאָלס בראַווע פאַרטיידיקונג פאַרן געריכט, און זיין קאַלטע אַנטשלאָסנקייט אויף זיין לעצטן וועג צו דער גיליאָטינע. יענע געשעענישן אין פּאַריז האָבן אויף אונדז, יונגע מענטשן אין מאַינץ, געהאַט געמאַכט אַ זייער שטאַרקן און טיפן איינדרוק. מיר האָבן דעמאָלט אין יענע געשעענישן דערזען דעם אָנקום פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אַזעלכע גוזמאדיקע פאָרשטעלונגען זיינען ביי אונדז, יונגע בונטאַווטשיקעס, געווען ניט מער ווי נאַטירלעך. די „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טאַט“ האָט אונדז דעמאָלט אויסגעזען צו זיין דאָס עפעקטיוווסטע מיטל און דער ווירקזאַמסטער וועג ווי אַזוי אויפ־צוטרייסלען די פאַרשקלאַפטע מאַסן פון זייער קנעכטישער גלייכגילטיקייט און ווי אַזוי זיי צו געווינען פאַר די רעוואָלוציאָנערישע מעשים אין דער צוקונפט. אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין געשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, הינטער דער טיר, אויף דעם זיינען מיר אַלע געווען זיכער און אייניק. אין

אַזאַ האַלב־דעספּאָטיש לאַנד ווי עס איז דעמאָלט געווען דייטשלאַנד זיינען אַזעלכע מחשבות און געפילן גאַנץ פאַרשטענדלעך.

עטלעכע טעג נאָך ריפּערס אַוועקפאָרן פון מאַינץ האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַ חבר אין האַמבורג. אין יענעם בריוו האָט מען אונדז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיט ריפּערן, מחמת בעת זיין אויפהאַלט אין דער אַלטער האַנזאַשטאָט האָט ריפּערס אויפפירונג בנוגע פאַרשיידענע ענינים אַרויסגערופן געוויסע חשדים. קיין גענויע פּרטים זיינען אין יענעם וואָרענענדיקן בריוו ניט אָנגעגעבן געוואָרן. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז אויך די חברים אין אַ סך אַנדערע שטעט איבערן לאַנד האָבן באַקומען די זעלביקע וואָרענונג. דער גאַנצער ענין האָט אויף מיר געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק, באַזונדערס מחמת דעם, וואָס מיר האָבן דערווייל דאָך ניט געהאַט קיין שום איינצלהייטן, וואָס זאָלן רעכטפאַרטיקן אַזאַ ערנסטן פאַרדאַכט. איך האָב געוווּסט, אַז ריפּער האָט נאָך געהאַט בדעה אָפּצושטאָטן וויזיטן אין אַ גאַנצער רייע שטעט אינעם דרומדיקן טייל פונעם רהיינלאַנד, איידער ער וועט צוריקפאָרן קיין לאָנדאָן, און אַזאַ מין אַלאַרמבריוו קאָן אַמאָל פאַר־התמעגען זיין גורל. ווען איך האָב דעם גאַנצן ענין אַדורכגעטראַכט, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די פּאָליציי זאָל זיך דערוויסן וועגן ריפּערס רייזע און אים אַרעסטירן. אויב אָבער דער חשד קעגן אים איז באַזירט אויף עפּעס ממשותדיקס, דעמאָלט קאָן אַזאַ מענטש ווי ריפּער אָנטאָן אונדז אַ געוואַלדיקן שאָדן און ברענגען אַ גרויס אומגליק אויף אַ סך חברים אונדזערע.

איז וואָס האָב איך דאָ געקאָנט טאָן? דער שרייבער פון יענעם בריוו, דער חבר טאָני פּעטערסען, אין האַמבורג, איז געווען ביי אַלעמען פון אונדז באַקאַנט ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער גוטער גענאָסע. ער האָט געפאָדערט פון אונדז, אַז מיר זאָלן לאָזן וויסן אַלע חברים פון אונדזער געגנט וועגן דער וואָרענונג זיינער בנוגע ריפּערן. אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר דאָס טאָן? מיר האָבן דאָך ניט קיין שום פּרטים וועגן זיין פאַרדאַכט, שוין אָפּגערעדט פון קאָנסטאַטירנדיקע און באַשטעטנדיקע באַווייזן. היות ווי איך האָב אויף זיך אַליין ניט געוואָלט נעמען די אחריות וועגן אַזאַ שווערן ענין, האָב איך וועגן דעם געלאָזט וויסן נאָך עטלעכע חברים, צו וועלכע איך האָב געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. מיר האָבן געוווּסט, אַז ריפּער איז געהאַט צוריקגעפאָרן קיין פראַנקפורט, און מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן איבערצושיקן דעם האַמבור־גער אַלאַרמבריוו צו אונדזער חבר הילגער, וועמען מיר האָבן געקענט ווי אַן אַלטן געניטן חבר און פון וועמען מיר האָבן דערוואַרט, אַז ער זאָל דאָרטן מאַכן זיינע אייגענע אָבסערוואַציעס און דערנאָך האַנדלען אַזוי ווי ער וועט פאַרשטיין. באַלד נאָך דעם האָב איך פון הילגערן באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז די חברים אין פראַנקפורט האָבן שוין געהאַט באַקומען אַזאַ מין התרהדיקן בריוו וועגן ריפּערן פון האַמבורג. אָבער לויט זיין, הילגערס מיינונג, איז דער חשד אויף ריפּערן אָן וועלכן עס איז יסוד. און דאָס איז טאַקע אויך געווען ריכטיק, מחמת עס האָט זיך באַלד אַזוי אַרויסגעוויזן. ריפּער איז אָן שום ספק געווען אַן ערלעכער חבר;

ער איז אָבער ניט געווען דער ריכטיקער מענטש פאַר דער אויפגאַבע, וואָס מען האָט אים געהאַט געגעבן. זיין סאַמע כאַראַקטער האָט אים געמאַכט פאַר אומטויגלעך, פאַר ניט צוגעפּאַסט צו זיין אַרבעט. ניט ער האָט געהאַט די פעיִקייט אָנצובאַטן עפּעס גייסטיקס צו די חברים, מיט וועמען ער איז געקומען אין קאָנטאַקט, און ניט ער האָט פאַרמאָגט די מעלה צוצוציען אַנדערע געגאָסן צו אונדזער אידעאָלאָגיע. הפּנים, אַז זיין אייגענע אומפאַר־זיכטיקייט האָט אַרויסגערופן דעם אומבאַגרינדעטן חשד קעגן אים. אַזעלכע זאַכן האָבן אָפט פּאַסירט אין די אונטערערדישע באַוועגונגען פון יענע צייטן.

אָבער דאָך האָט ריפער, מחמת יענע סלוכן, שוין ניט געקאָנט פאַרענדיקן די נסיעה זיינע איבער דייטשלאַנד, און ער האָט געמוזט פאַר דער צייט זיך צוריקקערן קיין לאָנדאָן. און דאָס איז גראָד געווען גוט פאַר אים, וואָרן מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט די פּאָליציי אים טאַקע געזוכט אין פראַנקפורט און מסתמא אויך אין אַנדערע שטעט איבער דייטשלאַנד. ווייזט אויס, אַז די היטערס פונעם געזעץ האָבן עפּעס דערשמעקט וועגן ריפערן און זיי האָבן אים געוואָלט אַריינקריגן אין זייערע הענט אַריין. אָבער דער חבר פון לאָנדאָן איז שוין דעמאָלט געווען אויף יענער זייט פון דער דייַ־טשער גרענעץ.

איך אַליין האָב זיך דעמאָלט כסדר אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַוועק־צופאָרן קיין אויסלאַנד. טיילווייז איז דאָס געווען מחמת דעם, וואָס איך האָב געפילט אַן אומבאַגרענעצטן דראַנג אויסצוברייטערן דעם קרייז פון מיינע דערפאַרונגען און איבערלעבענישן און אויך זיך אויסצולערנען פרעמדע לשונות און זיך צו באַקענען מיט פרעמדע לענדער, כדי צו קאָנען טיפער אַריינדרינגען אין דעם גייסט פון אונדזער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע פונעם אַנאַרכיזם, צו וואָס די דייטשע שפּראַך אַליין איז דעמאָלט ניט געווען גענוג. אָבער אין צוגאָב צו דעם אַלעם איז געווען נאָך אַ גרונד פאַר מיין וועלן פאָרן קיין אויסלאַנד, און דער דאָזיקער גרונד איז שוין געווען נאָך מער דרינגלעך. איך בין דעמאָלט אַלט געווען שוין כמעט צוואַנציק יאָר. אין עטלעכע חדשים אַרום האָב איך געמוזט צושטעלן זיך צום מיליטערישן דינסט. אָבער דערצו האָב איך ניט געהאַט דעם מינדסטן חשק. צו שפּילן זיך אין סאָלדאַטן איז ניט געווען פאַר מיר שוין דער סאַמע געדאַנק דערפון האָט אין מיר אָנגעצונדן אַ כעס. עס איז געווען ניט בלויז מיין פרייהייטלעכע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט מיך געמאַכט האַסן זעלנעריי, נאָר אויך און אפשר טאַקע נאָך מער, מיינע אַלע איבערלעבענישן זינט מיינע פריסטע קינדער־יאָרן. מאַינץ איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע מיליטערישע פעסטונגען פונעם דייטשן רייך, מיט אַ שטאַרקן גאַרניזאָן. דאָס האָט מיר אין משך פון אַלע מיינע יאָרן געגעבן אַ סך געלעגנהייטן צו זען פון דער נאָענט די שענדלעכע דערנידערונגען צו וועלכע עס זיינען תמיד געווען אויסגעשטעלט די יונגעלייט, וואָס האָבן געמוזט טראָגן די סאָלדאַטסקע שינעלן, די „ערב־בגדים פונעם קייזער". די אידיאָטישע מיליטערישע טרענירונג, וואָס איז געווען אויסגערעכנט מיט דער כוונה צו דערשטיקן ביי די רעקרוטן איטלעך

געפיל פון ווידערשטאַנד און צו פאַרוואַנדלען לעבעדיקע מענטשן אין טויטע אויטאָמאָטן; די גראָבע באַליידיקונגען און די שווערע קערפּערלעכע שטראָפן צו וועלכע עס זיינען כסדר געווען אויסגעשטעלט די יונגע רעקרוטן, — דאָס אַלץ האָט ביי מיר געהאַט זינט מיינע יינגסטע יאָרן אַנטוויקלט אַ שרעקלעכן עקל און אומגעהייערן ווידערווילן צו דער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג פון יונגע מענטשן צום מאַסנמאָרד. איך האָב געפילט מיט אַלע מיינע רמ״ח אברים, אַז איך וועל קיין מאָל אין מיין לעבן ניט קאָנען זיין קיין זעלנער.

איך בין דעמאָלט געווען געזונט און שטאַרק און אויך אַ בעל כוח, און איך האָב דעריבער ניט געהאַט דעם מינדסטן שאַנס צו ווערן אָפּגעוואָרפן ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג דורך דעם מיליטערישן דאָקטאָר. ניט געקוקט אויף דעם, האָב איך דאָך באַשלאָסן ניט אַדורכצולאָזן אַפילו אָט דעם מינדסטן שאַנס און זיך צו לאָזן אונטערזוכן פונעם מיליטערישן דאָקטאָר ביים פּריזיוו. אפשר וועט ער ערגעץ ביי מיר געפינען עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם מיחוש? אַ חוץ דעם, האָב איך דאָך ניט געהאַט גאָר ניט צו פאַרלירן. וואָרן אַפילו נאָך דעם, ווי מען וועט מיך שוין האָבן דערקלערט מיליטער־פעיִק און מיליטער־פליכטיק, וועל איך נאָך אַלץ האָבן גענוג צייט צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, איידער מ׳וועט מיר אָנטאָן דעם „קייזערס ערנבגדים״. און ביז דעמאָלט האָב איך געהאַט בדעה צו ווידמען מיינע כוחות צו דער אַרבעט פאַר אונדזער באַוועגונג און ניט צו אַנטלויפן פונעם סאָציאַלן שלאַכטפעלד ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען איך וועל שוין מוזן מאַכן אַ ויברח. אָבער אַלע מיינע פּלענער פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט זיינען דעמאָלט לגמרי צעשטערט געוואָרן דורך געשעענישן, וואָס איך האָב קיין מאָל זיי ניט געקאָנט פאָראויסזען.

די פאַרבינדונגען אויף דער בעלגישער גרענעץ זיינען זינט אַ קורצער צייט שוין ווידער געווען איינגעשטעלט, און מיר האָבן אויפסניי כסדר און רעגלמעסיק באַקומען אונדזער אַריינגעשמוגלטע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון אויסלאַנד. די לאַנדאַנער גרופּע „אויטאָנאָמי״ האָט צו דער בעלגישער גרענעץ געהאַט געשיקט אַ יונגנמאַן מיטן נאָמען סעפּ ערטער, וועלכער האָט ווידער איינגעשטעלט דעם איבערגעריסענעם פאַרקער, וואָס לאַמבערט האָט געהאַט אָנגעהאַלטן רעגולער אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר. סעפּ ערטער איז דעמאָלט אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. מיט אַן אַכצן חדשים פריער האָט ער געהאַט עמיגרירט קיין אַמעריקע, ווו ער איז צוגע־צויגן געוואָרן אין ניו יאָרק צו דעם קרייז פון עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן און די דייטשע „אויטאָנאָמיסטן״ און ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַן איבערגעצייגטער אַנאַרכיסט. מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג האָט ער אויפגענומען די נייע לערע. און היות ער איז פון דער נאַטור געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער, האָט ער באַלד גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע. נאָך אַלעקסאַנדער בערקמאַנס אַטענטאַט אויף דעם שטאָל־מאַגנאַט פריק, בעת אַ ביטערן סטרייק פון די שטאָל־אַרבעטער אין פּיטסבורג, האָט סעפּ ערטער באַשלאָסן, אַז עס וועט פאַר אים זיין געזינטער זיך אָפּצוטראָגן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ חוץ דעם,

האָט ער געדרעכנט, אַז אין דייטשלאַנד, ווו ער האָט געהאַט בדעה צוריק־צופאָרן, וועט אויך זיין אַרבעטספעלד פאַר אונדזער באַוועגונג זיין גרעסער און בעסער, מחמת ער וועט ניט האָבן פאַר זיך די שוועריקייטן פון אַ פרעמד לשון, וואָס לייגט תמיד אַרויף געוויסע פענטעס אויף דער אַרבעט פאַר אַ סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע צווישן די מאַסן. מיט דעם דאָזיקן פּלאַן איז ער פון אַמעריקע אַוועק קיין לאָנדאָן, פון וואַנען ער האָט געהאַט בדעה צוריקצופאָרן קיין דייטשלאַנד. אָבער דאָרטן האָט אים דערווייל די גרופּע „אַוטאָנאָמי" געמאַכט דעם פאָרשלאָג איבערצונעמען לאַמבערטס אי־בערגעריסענע אַרבעט אויף דער בעלגישער גרענעץ.

סעפּ האָט תיכף אָנגענומען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, וואָס האָט שטאַרק אַפּעלירט צו זיין יוגנטלעכער געוואַגטקייט און איינשטעלערישקייט. צי ער איז טאַקע געווען דער פּאַסיקער מענטש פאַר אַזאַ געפערלעכן און פאַר־אַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, — דאָס איז שוין, נאַטירלעך, געווען אַ גאַנץ אַנדערע פראַגע. עס האָט אים טאַקע ניט געפעלט קיין מוט און ניט קיין באַגייסטערונג פאַר דעם דאָזיקן ענין. עס האָבן אים אָבער יאָ אויסגעפעלט די פעיִקייטן צו דערקענען די מענטשן, מיט וועמען עס וועט אים אויסקומען צו האָבן צו טאָן ביי זיין אַרבעט, און דער עיקר דער טאַלאַנט צו שוויגן, וואָס איז אַ נויטווענדיקער פאַרבאַדינג פאַר אַזאַ מין קאָנספּיראַטיווער אַקטיוויטעט ווי אַריינשמוגלען אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור קיין דייטשלאַנד. דאָס איז זיכער ניט געווען זיין שולד; ניט איטלעכער מענטש פּאַסט זיך אַריין צו טאָן קאָנספּיראַטיווע אַרבעט. און נאָך מער אומפאַרשטענדלעך איז געווען די האַנדלונג פון דער גרופּע „אַוטאָנאָמי", ווען מען האָט אין זינען, אַז די מיטגלידער פון דער לאָנדאָנער גרופּע האָבן דאָך דעם יונגנמאַן בכלל ניט געקענט, און דאָך האָבן זיי אים אָנפאַרטרויט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס ביי דער מינדסטער אומפעהיקייט האָט ער געקאָנט ברענגען אַן אומגליק ניט בלויז אויף זיך אַליין און אויף זיי, נאָר אויך אויף אַ סך אַנדערע חברים. נאַטירלעך, האָבן מיר, אין דייטשלאַנד, דעמאָלט פון דעם אַלעם, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין לאָנדאָן נאָך ניט געהאַט געוווסט. מיט דעם גאַנצן ענין בין איך ערשט אַ סך שפּעטער גענוי באַקאַנט געוואָרן. עס האָט אָבער דערווייל ניט לאַנג געדויערט און אַלץ איז געשען טאַקע אַזוי ווי עס האָט געמוזט פּאַסירן.

מיר זענען, נאַטירלעך, געווען צופרידן מיט דעם, וואָס מיר האָבן ווידער געקראָגן רעגלמעסיק אונדזערע צייטשריפטן און בראָשורן, און מיר האָבן ווידער געקאָנט אָנגיין מיט אונדזער אונטערערדישער פּראָפּאַגאַנדע אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אין משך פון עטלעכע וואָכן ביז צו אונדזער גאַנצער גדולה איז געקומען אַ פּלוצעמדיקער און שרעקלע־כער סוף.

אין יענער צייט איז אין אונדזער געגנט פאַרגעקומען אַ שטאַרקער עקאָנאָמישער קריזיס. האָבן מיר אין מאַינץ דעריבער פאַררופן אַ פאַר־זאַמלונג פון אַרבעטסלאָזע, אויף וועלכער איך בין באַשטימט געוואָרן צו זיין דער רעדנער. איך בין שוין געווען אַוועק צו יענער פאַרזאַמלונג, ווען

עס האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגעלייט ביי מיין זיידע־באָבע אין הויז און זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. די ביידע יונגעלייט האָבן אויך אויף זיך געטראָגן צוויי שווערע פעק, און מען האָט אויף זיי באַלד געקאָנט דער־קענען, אַז זיי קומען פון אַ ווייטן וועג. מיין באָבע האָט זיי געזאָגט, אַז איך בין אַוועק רעדן צו דער פאַרזאַמלונג און זי האָט זיי אָנגעגעבן דעם פּלאַץ, ווו זיי קאָנען מיך געפינען.

איך בין שוין געווען אויפן וועג צום רעדנערס שטענדער, ווען די צוויי חברהלייט זיינען אַריינגעקומען אינעם זאַל און זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. אַ חבר האָט מיר דאָס איבערגעגעבן און איך בין צוריק אַוועק אינעם זאַל צווישן עולם, כדי אויסצוגעפינען וואָס זיי ווילן פון מיר. ביידע האָבן מיך האַרציק באַגריסט און זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי די ברידער סעפּ און פריטץ ערטער. און סעפּ האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָר וואָס געקומען פון דויסבורג, און אַז מיין באָבע האָט זיי איבערגעגעבן ווו איך בין. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך האָב אַלץ געוווּסט גענוי און פּאָדראָבנע און מיט אַלע פּרטים.

„און וואָס האָט איר אין די דאָזיקע גרויסע פּעק, וואָס איר האָט דאָ מיטגעשלעפּט מיט זיך?״ — האָב איך געפרעגט סעפּן. „פאַרבאָטענע סחורה״ — האָט ער מיר אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין. ניט־ווילנדיק האָבן מיינע אויגן געוואָרפן אַ גיכן בליק אויף די צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרנומען זייערע שטענדיקע פּלעצער ביים רעדנער־טיש אויף דער בינע. דער קלענסטער חשד מצד זיי וואָלט דאָ איצטער געקאָנט האָבן די ערגסטע רעזולטאַטן. איך האָב די ביידע ברידער ערטער פאַרבעטן צו פאַר־נעמען פּלעצער אינעם סאַמע הינטערגרונט פונעם זאַל, ביז נאָך דער פאַר־זאַמלונג. דערנאָך האָב איך אויסגעזוכט זשאַן העפּנערן און איך האָב אים איבערגעגעבן די אַרבעט פון אַרויסטראָגן פונעם זאַל די ביידע פּעק אַנאַר־כיסטישע ליטעראַטור אַזוי אומאויפפאַלנדיק ווי נאָר מעגלעך און זיי צו באַהאַלטן אויף אַ זיכערן פּלאַץ. קיין אַנדערער פון די מאַינצער חברים האָט אַזאַ זאַך ניט געקאָנט מאַכן מיט דער זעלביקער געניטקייט ווי זשאַן העפּנער; ער איז געווען אַ מזיק אויף אַזעלכע זאַכן. עס האָט טאַקע ניט לאַנג געדויערט און ביידע פּעק ליטעראַטור זיינען געווען שטיל און שפּורלאָז פאַרשוווּנדן.

דערווייל האָט דער פאַרזיצער שוין געהאַט געעפנט די פאַרזאַמלונג, און איך האָב ווידער אַ מאָל פאַרנומען מיין פּלאַץ ביים רעדנערטיש. און הגם איך האָב זיך געהאַט צוגעגרייט מיט אַ לענגערער רעדע, האָב איך גערעדט בלויז דריי פערטל שעה צייט. איך האָב עפּעס דערפילט אַ דרינגנ־דיקע באַדערפעניש צו פאַרענדיקן יענע פאַרזאַמלונג אַזוי גיך ווי מעגלעך. נאָך מיר האָבן נאָך גענומען דאָס וואָרט די חברים היינריך צאַהן און פריטץ טוויג. אויך זיי האָבן געהאַלטן קורצע רעדעס, הגם איך האָב מיט זיי ניט געהאַט זיך אָפּגערעדט וועגן דעם. און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען אין דער בעסטער אָרדענונג, און דער פאַרזיצער האָט זיך שוין געגרייט צו שליסן די פאַרזאַמלונג. אָבער פּלוצעם, פון דער העלער הויט, האָט סעפּ ערטער אומגעריכטערהייט געפאָדערט צו נעמען אַ וואָרט. מיין ערשטער אימפּולס

איז געווען אַראָפּצולויפן פון דער בינע אינעם זאַל אַריין און אים אָפּצורייִדן פון נעמען דאָס וואָרט. אָבער איך האָב זיך באַלד געכאַפּט, אַז מיט דעם אַליין וואָלט איך שוין געמוזט אַרויסרופן אַן ערנסטן פּאַרדאַכט ביי די צוויי פּאָליציאַנטן ביים רעדנערטיש. און דאָס, פאַרשטייט זיך, האָב איך דאָך גראָד ביי יענער פאַרזאַמלונג געמוזט אויסמיידן. וואָלט איך פון פריִער אויס געווען געוווּסט, אַז דער גוטער נאַיִווער סעפּ איז פעיִק צו אַזאַ מין אומאָפּגע־היטענעם שריט, וואָלט איך אים זיכער געווען אָפּגערעדט פון נעמען אַ וואָרט דעמאָלט. אָבער אַז ער וועט וועלן האַלטן אַ רעדע גראָד אויף יענער פאַרזאַמלונג, וואָלט מיר אַפילו אין חלום ניט געווען איינגעפאַלן. נאָר איצטער איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו טאָן אים אָפּצושטעלן. מען האָט אים געמוזט לאָזן ריידן און האָפן, אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום.

סעפּ ערטער האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער דעם גאַנצן פאַרלויף פון יענער גורלדיקער פאַרזאַמלונג זייער בילדעריש און געטריי געשילדערט אין זיין בוך „אַכט יאָר אין דער תפיסה״. נאַטירלעך האָט ער שפּעטער שוין משיג געווען דעם גרויסן פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער היצקאָפּ, און פאַר וועלכן ער האָט געמוזט באַצאָלן מיט אַזאַ גרויזאַמער און אומפאַרדינטער שטראָף. לויט ווי ער האָט געשריבן שפּעטער אין זיין דערמאָנטן בוך, האָט ער בכלל ניט געהאַט בדעה צו ריידן אויף יענער פאַרזאַמלונג. דאָך, ווען ער האָט געזען ווי אַלע רעדנערס זיינען אַזוי פריי און די צוויי פּאָליציאַנטן טשעפּען זיי ניט, איז ער געווען זיכער, אַז ביידע פּאָליציאַנטן זיינען גאַנץ ווילע חברהלייט, און ער האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון אויסנוצן די גינציקע געלעגנהייט מזכה צו זיין דעם עולם אַרבעטסלאָזע מיט דער חכמה פון אַן עקסטרע רעדנער. וואָלט ער זיך נאָר געווען כאָטש בלויז אַ ביסל פאַרטראַכט, וואָלט סעפּ ערטער מסתמא אַליין באַלד איינגעזען, אַז אין זיין ראָלע פון אַ שמוגלער פון אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור מוז ער פאַרמיידן מיט אַלע כוחות זיינע צו ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. אָבער זיין יוגנטלעכע התפעלות האָט אים אָפּגעטאָן אַ שווידערלעך שפּיצל. וואָרן אַפילו די בעסטע רעדע זיינע איז ניט ווערט געווען דעם ברוטאַלן פּרייז, וואָס ער און אויך אַנדערע האָבן פאַר איר דעמאָלט געמוזט באַצאָלן.

עס איז טאַקע געווען אמת, אַז מיר, אין העססען און אין באַדען, האָבן זיך אין אונדזערע רעדעס געקאָנט טייל מאָל דערלויבן צו זאָגן זאַכן, וואָס אין פּרייסן איז דאָס טאַקע דעמאָלט געווען שטרענג פּאָליצייִש פאַרבאָטן. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט די רעדנער־פרייהייט אויך ביי אונדז געהאַט אירע באַשטימטע גרענעצן, וואָס מען האָט זיי ניט געטאָרט איבער־טרעטן אומבאַשטראָפטערהייט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער אומשטאַנד, וואָס מיר, די היימישע רעדנערס, זיינען געווען שוין גוט באַקאַנט מיט די אָרטיקע פאַרהעלטענישן און מיר האָבן אין משך פון דער צייט געהאַט אַנטוויקלט עפּעס אַ מין געשיקטקייט אין אונדזער קונסט פונעם עפנטלעכן ריידן, אַז מיר האָבן שוין געוווּסט ווי אַזוי מרמז צו זיין אויף געוויסע ענינים בלשון סגי נהור און אויסצודריקן אונדזערע געדאַנקען אויף אַזאַ אופן, אַז

דער עולם האָט שוין געוווּסט וואָס מיר מיינען. וואָרן אַפילו אין העססען זיינען געווען געדאַנקען, וואָס מען האָט זיי ניט געטאָרט אויסדריקן, ווען עס זיינען געווען אַנגעשטעלט פּאָליציייִשע אויערן. דאָס איז געווען אַזאַ מין אייביק היטן זיך און באַלאַנסירן זיך מיט ווערטער ווי אַן אַקראָבאַטישער צירק־טענצער מיט דער באַלאַנסיר־שטאַנג אויף דער אָנגעצויגענער דראָט. דאָס האָט פּאַר אַ געניטן רעדנער טייל מאָל אויך געהאַט אַ באַזונדערן רייץ, מחמת ער האָט געפילט ווי ער גיט איבער דעם עולם די פּאָליציייִש פּאַר־באָטענע געדאַנקען איבער די סאַמע קעפּ פון די בייזיצנדיקע פּאָליציאַנטן. אָבער דער גוטער סעפּ ערטער האָט פון דער דאָזיקער ספּעציפישער רעד־נערישער קונסט אונדזערער גאָר ניט געוווּסט.

ווען ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אויף דער בינע און ער האָט אַ צעפּאַכע געטאָן מיט זיינע ביידע שטאַרקע אָרעמס באַלד ביי די ערשטע ווערטער זיינע, האָב איך תיכף געהאַט דאָס פאָרגעפיל, אַז גלאַטיק וועט שוין זיין רעדע ניט אַדורך. אָבער געשען איז נאָך אַ סך ערגער ווי איך האָב מורא געהאַט, אַז עס וועט פּאַסירן. סעפּ האָט אָנגעהויבן מיט דערציילן וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. דאָס האָט, נאַטירלעך, באַלד צוגעצויגן די אויפמערקזאַם ניט בלויז פונעם עולם, נאָר נאָך מער פון די צוויי פּאָליציאַנטן ביים רעדנער־טיש. זיי האָבן ביידע תיכף אָנגעשפּיצט זייערע אויערן, כדי ניט צו פאַרלירן, חלילה, קיין איינציק וואָרט פון סעפּס רעדע. אָבער ווען סעפּ האָט קליפּ און קלאָר אַוועקגעשטעלט פאַרן עולם דאָס רעכט צום לעבן העכער איבער דעם רעכט פון אייגנטום, און ער האָט די פאַרזאַמלטע אַרבעטסלאָזע אָן שום שהיות געעצהט צו נעמען דאָס, וואָס זיי דאַרפן צום לעבן דאָרטן, ווו די אַלע גוטע זאַכן זיינען פאַראַן, אַנשטאָט צו זיצן דאָ מיט פאַרלייגטע הענט און אַזוי אָפּשטאַרבן ביסלעכווייז פון הונגער, האָט ער אין די אויגן פון די צוויי פּאָליציייִשע אָפיצירן געהאַט איבערגעכאַפּט די מאָס. וואָרן דאָ האָט דער פּאָליציייִשער קאָמיסאַר געגעבן זיך אַ שטעל אויף פון זיין פּלאַץ, גיך אָנגעטאָן זיין שטאָלענע קאַסקע אויפן קאָפּ, און הויך אויסגערופן:

„אין דעם נאָמען פונעם געזעץ דערקלער איך די פאַרזאַמלונג פאַר פונאַנדערגעלאָזט, און איך פאָדער אויף דעם עולם תיכף צו פאַרלאָזן דעם זאַל!"

דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף סעפּס אַקסל און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער, סעפּ, איז איצטער שוין אונטער אַרעסט. סעפּ האָט איצטער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן. הפנים, אַז ער האָט דאָס לגמרי ניט דערוואַרט.

בעת די מערסטע פון די פאַרזאַמלטע האָבן פּאַמעלעך און ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך אַרויסצושאַרן פונעם זאַל, איז פּלוצעם געוואָרן אַ סומאַטאָכע אינעם הינטערגרונד פון דעם פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ. געשען איז דאָס דעמאָלט, ווען די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן געהאַלטן אין אַרויספירן דעם אַרעסטירטן סעפּ ערטער. פריטץ ערטער, זיין ברודער, האָט געטאָן אַ שפּרונג אַרויף אויף אַ שטול און ער האָט געגעבן אַ געשריי אויס:

„חברים! דערלאָזט ניט, אַז מיין ברודער זאָל גיין אין תפיסה אַריין!“
כהרף עין איז געוואָרן אַ מעכטיקער טומל. סעפּ האָט געפּרוּווט זיך אַרויסצורייסן פון דעם פּאָליציאַנטס הענט. אָבערביידע פּאָליציאַנטן האָבן איצטער זייער אַרעסטאַנט אַזוי פעסט געהאַלטן, אַז זיין רעקל און אַפילו זיין העמד איז גיך געוואָרן צעריסן אויף שטיקער. ביידע פּאָליציאַנטן האָבן איצטער אויך געפּרובירט אַרויסצוציִען זייערע בלאַנקע שווערדן. אָבער דאָס געדרענג אַרום איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט קיין ריר טאָן מיט קיין האַנט. ווען איינער פונעם עולם האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קיווער פון איין פּאָליציאַנטס קאָפּ, האָט ער שוין געמוזט אָפּלאָזן סעפּן און גיין זוכן זיין העלם. אין דער רגע האָט סעפּ זיך געגעבן, מיט אַלע זיינע כוחות, אַ ריס אַרויס פון דעם צווייטן פּאָליציאַנטס הענט, און ער איז ווי אַ בליץ אַרויס דורך דער טיר און פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער נאַכט. דערווייל אָבער איז דער ערשטער פּאָליציאַנט אַרויס דורך אַ הינטערטיר אויף דער גאַס און ער האָט מיט זיין שאַרף פּאָליציייִש פייפל פאַרהילכט די גאַנצע געגנט. באַלד דערויף האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פרישע פּאָלי־ציאַנטן. אָבער איצטער איז דער זאָל שוין געווען כמעט אין גאַנצן ליידיק. פריטץ ערטער, וועלכער איז געהאַט נאָכגעלאָפן זיין ברודער, האָט סעפּן גיך פאַרלוירן אין דער פינצטערער נאַכט אויף די פּאָר אים אומבאַקאַנטע גאַסן. איז ער, מיט דער זעלביקער נאַיִוויטעט ווי זיין ברודער, צוריקגעקומען אין דעם פאַרזאַמלונגס־זאַל. און פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט אים תיכף אַרעסטירט.

סעפּ ערטער וואָלט זיכער געקאָנט אַנטלויפן און זיך אַזוי אַרום ראַטעווען פון די פּאָליציייִשע הענט, אויב ער וואָלט געקענט די שטאָט. עטלעכע חברים האָבן זיך תיכף אַרויסגעלאָזט אים זוכן, כדי צו קאָנען אים באַהאַלטן, אָבער זיי האָבן אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען. דאָס אומגליק איז געווען, וואָס סיי זיין רעקל און סיי זיין העמד זיינען געהאַנגען אויף אים אין צויטן, און דאָס אַליין האָט דאָך שוין ביי איטלעכן איינעם געמוזט אַרויסרופן אַ שווערן פאַרדאַכט אויף אים. אין דער זעלביקער צייט האָט אים אויך די פּאָליציי אַרומגעזוכט איבער גאַנץ מאַינץ, אין אַלע עקן פון דער שטאָט און אין יעדן ווינקל, ביז עטלעכע פּאָליציאַנטן האָבן אים נאָך צוויי שעה זוכן געפונען אונטער דער רהיינבריק. און איצטער האָבן זיי סעפּן שוין געהאַלטן אַזוי, אַז ער זאָל מער ניט קאָנען זיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט.

אויף צו מאָרגנס האָבן די מאַינצער צייטונגען געבראַכט גלותלאַנגע באַריכטן וועגן דער אויפפירונג פון די צוויי ברידער ערטער, וועלכע זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַרן עולם לייענערס ווי צוויי שרעקלעך געפערלעכע לאַנדאַנער אַנאַרכיסטן. אגב, איז פריטץ ערטער קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געהאַט געווען אין לאָנדאָן. סעפּ האָט אים דורך אַ בריוו געלאָזט וויסן, אַז ער קומט צוריק קיין דייטשלאַנד, און ער האָט אים פאַרבעטן צו קומען קיין באָכום. פריטץ איז טאַקע אַוועק באַגעגענען זיין ברודער אין באָכום, און פון דאָרטן זיינען זיי ביידע געקומען קיין מאַינץ, ווו פריטץ איז אַריינגעפאַלן אין די פּאָליציייִשע הענט אַריין בלויז צוליב זיין ברודערס אומגעלומפּערט־

קייט און ניט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ „געפערלעכער לאַנדאַנער אַנאַרכיסט". צום גליק האָבן מיר געהאַט די צוויי גרויסע געפערלעכע פּעק מיט אַריינגעשמוגלטער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור גוט באַהאַלטן, אַזוי, אַז פון דאָ האָבן מיר ניט געהאַט וועגן וואָס זיך צו דאגהן. עס איז אָבער ניט געווען אויסגעשלאָסן, אַז דער אומגעניטער סעפּ זאָל ניט האָבן געהאַט אין זיינע קעשענעס בריוו מיט אַדרעסן און מיט נעמען פון חברים, וואָס די פּאָליציי ווייסט איצטער וועגן זיי. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מעגלעכקייט האָט אונדז דעמאָלט פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל דאגות. אָבער נאָך דעם, ווי עס זיינען אַדורך צוויי טעג אָן נייע אַרעסטן פון מאַינצער חברים, האָבן מיר זיך אַ ביסל אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן דעם.

אָבער דאָך, לשם זיכערקייט, האָב איך העפנערן איבערגעגעבן באַלד אין דער נאַכט נאָך יענער פאַרזאַמלונג אַלע מיינע פאַרבינדונגען מיט לאָנדאָן און מיט בעלגיע. געטאָן האָב איך דאָס, כדי ער זאָל האָבן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס ווייטער אָנצוגיין מיט דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אונדזערער אין פאַל איך וועל ווערן אַרעסטירט, אַ זאַך, וואָס איז איצט געוואָרן ניט בלויז אַ מעגלעכקייט, נאָר אויך אַ וואָרשיינלעכקייט. אויפן דריטן טאָג נאָך יעדער פאַרזאַמלונג האָט די פּאָליציי אַרעסטירט היינריך צאַהנען און נאָך עטלעכע חברים. אין דעם זעלביקן פרימאָרגן האָב אויך איך געזאָלט אַרעסטירט ווערן. בלויז אַ גליקלעכער צופאַל האָט מיר געהאָלפן ניט אַריינ־צופאַלן אין דער פּאָליציי־ישער נעץ, וואָס איז אויך פאַר מיר שוין געווען אויסגעשפּרייט. איך האָב דעמאָלט נאָך אַלץ געאַרבעט אויף מיין אַלטער שטעלע אין דעם נייעם טייל פון דער שטאָט. די גרויסע רחבותדיקע אַרבעטס־זאַלן האָבן זיך געפונען אין אַ באַזונדערער הויכער געביידע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם אַדמיניסטראַציע־בנין דורך אַ ברייטן הויף. ווען עס זיינען אין יענעם פרימאָרגן געקומען אין דער געשעפטס־ביוראָ צוויי פּאָ־ליציי־ישע באַאַמטע כדי מיך צו אַרעסטירן ביי דער אַרבעט, האָט דער אַד־מיניסטראַטאָר געשיקט איינעם פון די ביוראָ־אָנגעשטעלטע מיך צו רופן. אָבער יענער אָנגעשטעלטער, אַ מין הויזדינער, איז געווען אַן אַלטער סאָ־ציאַליסט און אַ זייער איבערגעגעבענער חבר. האָט ער מיר שטיל איינגע־רוימט אין אויער אַריין, אַז די פּאָליציי וואַרט אויף מיר אין דער ביוראָ, און בעת ער איז צוריק אַוועק אין דער ביוראָ אָנזאָגן אַז איך וועל באַלד קומען אַהין, האָב איך גיך געגעבן אַ רייס אַראָפּ פון זיך מיין אַרבעטס־פאַרטעך, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך מיין רעקל, און איך בין באַלד פאַרשוווּנדן דורך אַ זייטיקן אַרויסגאַנג אין דעם היגטערשטן טייל פון דער געביידע.

איך בין מיט גיכע טריט אַוועק צום רהיין און זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ קליין שיפל, וואָס פירט פּאַסאַזשירן אַריבער דעם טייך קיין קאַסטהיים. אין מיין קעשענע האָב איך דעמאָלט געהאַט בלויז עטלעכע מאַרק, און מיין ערשטע דאגה איז געווען ווי אַזוי צו קריגן געלט צו קאָנען אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. מיינע קליינע אָפּשפּאָרונגען, וואָס איך האָב געהאַט געמאַכט טאַקע פאַר אַזאַ מין נויטפאַל ווי איצטער, האָב איך געהאַט געגעבן צו מיין פעטער, אַז ער זאָל דאָס געלט באַהאַלטן פאַר מיר. אָבער איצטער האָט דאָך ניט געקאָנט זיין קיין רייד

וועגן גיין צו אים, מחמת די פּאָליציי וועט מיך דאָרטן זיכער געפינען. האָב איך ניט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי גיין צופוס קיין האָכהיים. אָבער פון דאָרטן האָב איך שוין גענומען די באַן קיין פראַנקפורט. ווען איך בין אָנגעקומען קיין פראַנקפורט, בין איך גלייך אַוועק צו מיין חבר הילגער, וועלכער האָט מיר נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט פאַרשאַפט דאָס נייטיקע געלט צו קאָנען פאָרן קיין פּאַריז. לשם זיכערקייט האָב איך מיך אויף עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן אין פראַנקפורט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז נאָך עטלעכע טעג וועט די פּאָליציי אויפהערן מיך צו זוכן אויף די באַנען, וואָס גייען קיין אויסלאַנד. נאָך עטלעכע טעג האָב איך גענומען די באַן קיין פּאַריז. דערמיט האָט זיך אָפּגעשטעלט מיין ערשטע טעטיקייט אין דייטש־לאַנד, ווו איך האָב זי ווידער געקאָנט אויפנעמען ניט פריער ווי נאָכן ערשטן וועלטקריג.

די חברים, וועלכע האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין יענע געשעענישן אין מאַינץ, זיינען שוין אַלע טויט. היינריך צאַהן איז דעמאָלט געוואָרן פאַר־משפּט צו 9 חדשים געפענגעניש, און בלויז אַ יאָר נאָך זיין באַפרייונג איז ער געשטאָרבן. פריטץ טוויג, וועלכער איז אויך נאָך יענער פאַרזאַמלונג געהאַט אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, איז שפּעטער געשטאָרבן אין שווייצאַריע. סעפּ ערטער איז אין מאַינץ פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי יאָר תּפיסה. היות אָבער ער האָט אין אָכום זיך געהאַט באַרימט פאַר אַ פלאַפּלער, אָדער פאַר אַ מסור, אַז ער איז געווען אַ גאַנצער צעלייגער ביים אַריינשמוגלען פאַרבאָטענע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, איז זיין באַרימערײ באַלד דער־גאַנגען צו דער פּאָליציי. האָט מען אים ווידער אַמאָל געשלעפּט אין געריכט אַריין, אָבער דאָס מאָל אין אַ רייכסגעריכט, ווו מען האָט אים דערלאַנגט אַן עקסטרע זעקס יאָר תּפיסה פאַר אַריינשמוגלען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד איבער דער בעלגישער גרענעץ. ביידע פּסק־דינים זיינען צוזאַ־מענגערעכנט געוואָרן צו אַכט יאָר געפענגעניש.

סעפּ ערטער איז אָפּגעקומען פאַר זיינע זינד דורך באַצאָלן זיין שטראָף ביז צום לעצטן טאָג פון די אַכט יאָר תּפיסה. נאָך זיין באַפרייונג האָט ער אין משך פון עטלעכע יאָר זיך באַטייליקט אין אונדזער באַוועגונג ווי דער רעדאַקטאָר פון אונדזער צייטשריפט אין בערלין, „דער פרייער אַרבעטער". שפּעטער האָט ער דורכגעמאַכט כלערליי אידעאָלאָגישע אומבייטן, וועגן וועלכע מיר וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַפילו געוואָרן דער מיניסטער־פּרעזידענט פון דער דייטשער פּראָווינץ בראַונשווייג. געשטאָרבן איז ער עטלעכע יאָר פאַר היטלערס פאַרכאַפּן די מאַכט אין דייטשלאַנד. זיין ברודער פריטץ האָט זיך אַנטוויקלט צו ווערן אַ טאַלאַנטירטער שרייבער אין דער דייטשער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, צו וועלכער ער איז געבליבן געטריי און איבערגעגעבן ביז צו זיין לעצטן אָטעם. ער איז געווען איינער פון די ריינסטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פונעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד. געשטאָרבן איז ער קורץ נאָכן אויסבראָך פון דער נאַצישער מגיפה און נאָכן איינשטעלן פון דריטן רייך אין דייטשלאַנד.

דריטער טייל

פאריז

אינעם האַרץ פון דער וועלטשטאָט

עס איז געווען אַ קלאָרער, ביטער־קאַלטער טאָג אין נאָוועמבער, ווען אונדזער צוג איז אַרום 9 אַ זייגער אין דער פרי אָנגעקומען אין דעם וואָקזאַל פון גאַר ד'לעסט אין פּאַריז. די ווינטערס אין פּאַריז זיינען בדרך כלל מילדע. אָבער יענער ווינטער אינעם יאָר 1892—1893 איז געווען אויסער־געוויינלעך קאַלט.

פּאַריז! ענדלעך האָב איך דערגרייכט די שטאָט, וועגן וועלכער איך האָב זיך אַזוי פיל געהאַט אָנגעהערט, און וואָס איך האָב אַזוי פיל געלייענט און געחלומט וועגן איר. דאָס בונטע געווימל פאַר דעם וואָקזאַל, דאָס פרעמדע לשון, די אומפאַרשטענדלעכע אויסרופן פון די גאַסן־הענדלערס און צייטונגס־פאַרקויפערס, — דאָס אַלץ האָט מיך געהאַלטן ווי געפאַנגען. איך האָב זיך ניט געקאָנט געבן אַ פאַרנעם אָנקוקן אויף דעם דאָזיקן טומלדיקן פאַרקער און אויף דעם כסדר זיך בייטנדיקן גאַסנבילד. אַלץ איז דאָ געווען אין גאַנצן אַנדערש ווי אין דער קליינער שטאָט, פון וועלכער איך בין געקומען דאָ אַהער. עס איז מסתמא ניטאָ קיין אַנדערע שטאָט אין דער וועלט, וואָס זאָל דעם פרעמדן ביים ערשטן אָנבליק אַזוי שטאַרק אַריינצי:ען אין איר רייץ, ווי פּאַריז. מען פילט ווי מען איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ נייער וועלט, און מען זופּט די קאַלירפולע איינדרוקן פון דעם נייעם לעבן ווי אַ באַרוישנדיק געטראַנק, פון וואָס מען קאָן זיך גאַר ניט אָנזעטיקן. דער דאָזיקער ערשטער איינדרוק איז מיר געבליבן תמיד אומפאַרגעסלעך. אין לויף פון די יאָרן האָט אָט דער איינדרוק זיך בלויז פאַרטיפט, אָבער קיין מאָל ניט געענדערט. איך האָב די דאָזיקע מעכטיקע שטאָט ליב באַקומען ווי קיין שום אַנדערע שטאָט, און איך האָב זי נאָך ליב ביזן היינטיקן טאָג מיט דער זעלביקער התלהבות ווי אין די טעג פון מיין יוגנט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָב איך געהאַט בלויז איין איינציק אַדרעס. דאָס איז געווען דער אַדרעס פון לעאָפּאָלד זאַק. ער איז אין יענער צייט געווען דער פאַרטרעטער פון דעם דייטשן „פאַראיין פון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" אין פּאַריז. אין אַ פּערטל שעה האָט מיך אַ דראָזשקע געבראַכט צו דער ר׳ סאַנט אַנאָרעי. לעאָפּאָלד זאַק האָט דאָרטן געוווינט אויפן זעקסטן שטאָק פון אָרעמען האָטעל, וואָס איז געווען באַוווינט נאָר פון אַרבעטערס

און קליינע באַלמעלאָכעס. פאַמעלעך האָב איך געטאַפּט מיין וועג אַרויף אויף די פינצטערע, משופּעדיקע טרעפּ. נאָך דעם, ווי איך האָב אין דעם לאַנגן, שמאָלן קאָרידאָר אַנטדעקט די ריכטיקע טיר, בין איך אַריינגעטראָטן אין אַן ענג צימערל, וואָס די קלענערע העלפט דערפון איז געווען פאַרנומען מיט אַ ברייט בעט. ביי אַ פענצטער, וואָס איז אַרויס אויף דער גאַס, איז גע־שטאַנען אַ שוסטערישער וואַרשטאַט, אַרום וועלכן עס זיינען אויף נידעריקע בענקלעך געזעסן צוויי מענער און זיי האָבן געאַרבעט.

איינער פון די צוויי איז געווען לעאָפּאָלד זאַק. ער איז געווען אַ פריי־לעכער ווינער, פון מיטעלן וווקס, מיט אַ געדיכטער ברוינער טשופּרינע, און מיט אַ פּאָר גרויסע העלבלויע אויגן. נאָך דעם, ווי איך האָב זיך געהאַט פאַר אים פאָרגעשטעלט, האָט ער מיר פריינדלעך געדריקט די האַנט און ער האָט פאַר מיר אָפּגערייניקט דעם איינציקן שטול, וואָס איז געווען באַלייגט מיט מכשירים און שטיקלעך לעדער. זיין אַרבעטס־חבר פראַנץ צאָקאָפּ, אַ הויך־געוואַקסענער מאַן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, איז געווען אַ דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַט געקומען קיין פּאַריז.ביידע האָבן זיי געוווינט צוזאַמען; זיי זיינען געשלאָפן און האָבן געאַרבעט אין דעם ענגן, שטיקנדיקן צימערל אַזוי ווי אַ סך אַנדערע באַלמעלאָכעס האָבן אין יענע יאָרן געמוזט לעבן און אַרבעטן אין דער שיינער שטאָט פּאַריז.

לעאָפּאָלד זאַק האָט פאַר מיר געדונגען אין דעם זעלביקן האָטעל אַ בוידעם־שטיבל אויפן זיבעטן שטאָק. אין דעם זעלביקן הויז האָבן דעמאָלט געוווינט נאָך עטלעכע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַלע שוסטערס, מיט וועמען איך האָב זיך אין דעם זעלביקן טאָג באַקענט. איך האָב אַזוי אַרום באַלד געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט מענטשן. דאָס איז פאַר מיר, דעם פרעמדן, געווען זייער וויכטיק, מחמת איך האָב ניט געקאָנט דאָס לשון פונעם לאַנד.

מיין ערשטע וווינונג אין פּאַריז האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן, אינעם האַרץ, פון דער אַלטשטאָט, אַזוי, אַז אין עטלעכע מינוטן האָב איך פון מיין היים געקאָנט צוקומען צו אַ גאַנצער רייע וויכטיקע פּונקטן אין דער שטאָט. קעגנ:בער מיין האָטעל איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הייך איינער פון די עלצטע פּראָטעסטאַנטישע קלויסטערס אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט, מיט אַ מאָנומענט נאָך דעם גרויסן הוגענאָטישן פירער קאָליני. ניט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ קליינער קאַטוילישער קלויסטער, וועמעס קליינער גלאָק האָט געגעבן דעם סיגנאַל אָנצוהייבן די באַרטהאָלאָמעוס־נאַכט, מיט דער בלוטיקער שחיטה אויף די פראַנצייזישע פּראָטעסטאַנטן. אויף דער אַנדערער זייט האָט זיך געצויגן די מאַסיווע לאַנגע געביידע פונעם פונעם וועלט־באַרימטן מוזיי לואוור. דורך דעם פּרעכטיקן גאָרטן פון די טיערי האָט מען געקאָנט צוקומען צו דעם טייך סען, וואָס צעשניידט פּאַריז אין צוויי טיילן. אויף רעכטס האָט די ברייטע גאַס געפירט צום אַלטן פּאַלעי ראָיאַל, פון וואַנען עס איז שוין ניט געווען ווייט צום פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, און צו די שאַן ז׳עליזעי. אויף לינקס האָט מען אין עטלעכע מינוטן געקאָנט צוקומען צו די האַלעס, צו דעם „בויך פון פּאַריז“, וואָס איז מיר געווען

אַזוי גוט באַקאַנט פון עמיל זאָלאַס בילדערישער באַשרייבונג. אויך צו דעם אינדזל איל דע לאַ סיטעי, מיט דעם אַלטן קלויסטער פון נאָטר דאַם, און צום לאַטייַנישן קוואַרטאַל איז ניט געווען ווייט. איך האָב דעריבער טאַקע געהאַט די בעסטע מעגלעכקייט באַלד באַקאַנט צו ווערן מיט אַ גאַנצער רייע היסטאָרישע פלעצער און געבײַדעס אין מײַן נאָענטסטער סביבה.

עטלעכע טעג נאָך מײַן אָנקום האָב איך אין אַן אָוונט באַגלייט לעאָפּאָלד זאַקן צו „פּאָטער" (אַזוי האָבן מיר אים גערופן) מאַיערן, וועמעס וווינונג איז דעמאָלט געווען דער טרעפפּונקט פון אַלע דײַטשע און עסטרײַכישע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז. ער האָט געוווינט אויף דער רי דע טרואַ באָרן, אין דער פאָרשטאָט די טאַמפּל. כּמעט איטלעכן אָוונט האָט מען געקאָנט בײַ אים אָנטרעפן אַ צאָל חברים, וועלכע האָבן געוווינט ניט ווייט און זיי האָבן גערן פאַרבראַכט עטלעכע שעה, שמועסנדיק מיט דעם וווּנדערלעכן אַלטיטשקן, וועלכער איז באמת גאָר ניט געווען אַזוי אַלט. פּאָטער מאַיער איז פון די אַלע דײַטש־ריידנדיקע אַנאַרכיסטן פון פּאַריז, וואָס איך האָב דעמאָלט באַגעגנט, געווען אָן שום ספק דער אינטערעסאַנטסטער חבר און די אָנציִע־דיקסטע פּערזענלעכקייט צווישן זיי. ער איז דאָס געווען ניט בלויז מחמת זײַנע גרויסע קענטענישן, נאָר אויך צוליב זײַן פּרעכטיקן כאַראַקטער. ער איז אין יענער צייט געווען אַן ערך פינף און פופציק יאָר אַלט און לגבי די מערסטע פון אונדז, יונגנטלעכע, איז ער געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי מיר. אָבער ער האָט שוין הינטער זיך געהאַט אַ זייער גרויסע פאַרגאַנגענהייט. זײַן אמתער נאָמען איז געווען האַלבעדל, אויב איך מאַך ניט קיין טעות. אָבער מיר אַלע האָבן אים גערופן „פּאָטער" מאַיער. ער איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעסט. אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין עסטרײַך, איידער די דאָזיקע באַוועגונג איז נאָך די אַקטן פון קאַמערערן און שטעלמאַכערן דורך דער רעגירונג ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן. אין ווין האָט ער געהערט צו דעם אינערלעכן קרייז פון די ראַדיקאַלן. באַזונדערס נאָענט און חבריש איז ער געווען מיט יאָזעף פּייקערטן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט".

ווען עס האָט אים געדראָאַט אַ שווערע אָנקלאָגע נאָך דעם, ווי די ווינער פּאָליציי איז געקומען אויף די שפּורן פון זײַן געהיימער דרוקערײַ, האָט זיך מאַיערן נאָך אין דער לעצטער מינוט אײַנגעגעבן זיך אַרויסצודרייען פון אַרעסט און צו אַנטלויפן קיין שווייץ. דאָרטן האָט ער געלעבט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געטיילט מיט אים זײַן פּאָליטישע איבערצײַגונג. בײַם סוף פון די אַכציקער יאָרן האָט אים די שווייצאַרישע רעגירונג דעפּאָרטירט פון לאַנד, און ער איז אַוועק קיין פּאַריז. דאָ האָט ער שוין געלעבט כסדר, ביז ער איז קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן.

פּאָטער מאַיער איז געווען אַ זייער טאַלאַנטירטער מענטש. ער איז געווען אַ שטילער פילאָסאָף, און ער האָט מיך דערמאָנט אין מײַן פעטער, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ סך שייכותדיקע מעלות. פון פאַך איז ער געווען אַ שוסטער. אין זײַן צימער האָט ער געהאַט אַ וואַרשטאַט, בײַ וועלכן

ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין פריינד נידערלע, אַ טשעכישער אַנאַרכיסט. אָבער ער האָט אויסגענוצט איטלעכע פרייע מינוט זיך אַליין צו לערנען. באַזונדערס האָט ער שטודירט די נאַטור־וויסנשאַפט, און ער האָט זיך דערוואָרבן כעמישע קענטעניש, וואָס מען געפינט זעלטן ביי אַר־בעטערס. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די בעסטע וויסנשאַפטלעכע ווערק. איינער פון מיינע שפּעטערדיקע פריינד אין פאַריז, אַ בעלגישער ביאָלאָג, וועלכער האָט מאַיערן גוט געקענט, האָט מיר אַמאָל, בעת מיר האָבן גערעדט וועגן פּאָטער מאַיער, געזאָגט, אַז אָט דער אַנאַרכיסטישער שוסטער איז געווען אַ געבוירענער וויסנשאַפטלער, און אַז ער וואָלט אָן שום ספק אַ סך גרויסע זאַכן געקאָנט אויפטאָן אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט, אויב דער גורל וואָלט געווען צו אים אַ ביסל גינציקער. אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט אפשר דאָך אַדורכגעבראָכן פאַר זיך אַ וועג צו דער וויסנשאַפט, טראָץ אַלע שוועריקייטן. אָבער פּאָטער מאַיער איז געווען אַ זייער באַשיידענער מענטש. ער האָט תמיד אויסגעמיטן זיך צו שטופּן צום אויבנאָן און זיך אַרויסצוווייזן מיט זיינע באמת וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע קענטענישן.

שוין דאָס אויסערלעכסטע אויסזען פון דעם דאָזיקן מענטש האָט געמאַכט אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק. אויף דעם ניט צו שטאַרקן גוף איז געזעסן אַ קאָפּ, וואָס וואָלט געווען אַ כבוד פאַר איטלעכן פילאָסאָף. דאָס בלאַסע, גייסטפולע פּנים איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ פעף־שוואַרצער באָרד אין וועלכער עס האָבן זיך שוין געזילבערט די סימנים פון די רייפערע יאָרן. פון די גרויסע טונקעלע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַ לאַשטשענדיקע וואַרעמקייט און אַ האַרציקע גוטסקייט. מען האָט דערפילט אויף דעם ערשטן בליק, אַז דעם דאָזיקן מאַן איז קיין שום מענטשלעכע זאַך ניט פרעמד. און אַז די שווערע איבערלעבונגען זיינע האָבן אים ניט האַרטער געמאַכט, נאָר גאָר געמאַכט אים מילדער און וויכער. זיין שטים איז געווען רויק און מיט אַן אָנגענעמען קלאַנג. איטלעך וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל, איז געווען געמאָסטן און געוויגן, באַשיידן און אויפריכטיק, און עס האָט באַלד אַריבערגעוווּנען דעם צוהערער אויף דעם רעדנערס צד. זינט איך האָב זיך דורך לעאָפּאָלד זאַקן באַקענט מיט מאַיערן איז זעלטן אַדורך אַ וואָך, אַז איך זאָל אים ניט האָבן געזען, וואָרן מיר זיינען גיך געוואָרן זייער גוטע פריינד און מיר זיינען דאָס פאַרבליבן ביז דער טויט האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן. איך האָב אים קיין מאָל ניט געזען אין אַן אויפגערעגטער שטימונג. תמיד האָט ער אָנגעהאַלטן זיין שטענדיקע געלאַסנקייט, און ער איז געבליבן געטריי צו זיין אינערלעכן וועזן.

פּאָטער מאַיער האָט זיך זייער אַקטיוו באַטייליקט אין אונדזער באַוועגונג און ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט אין דעם גורל פון זיינע פריינד. מען האָט געקאָנט זען, אַז די וואַרעמע באַטייליקונג אין דעם אַלעם רירט אים טיף אָן. אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע זעלבסט־באַהערשונג, וואָס האָט ניט דערלאָזט אים אָפן אַרויסצוווייזן זיינע געפילן. אין דעם דאָזיקן פּרט איז זיין פרוי געווען אין גאַנצן אַנדערש. זי האָט געקאָנט,

טראָץ איר קלאָרן און אַנאַליטישן שכל, אָפּן באַהערשט ווערן פון איטלעכן געמיט־צושטאַנד. זי האָט ליב געהאַט אירע קינדער מיט אַ גרויסער צערט־לעכקייט, כמעט מיט אַ פּאַטאַליסטישער ליידנשאַפט. די קלענסטע קראַנקייט ביי איינעם פון אירע קינדער האָט זי, דער מאַמען, געקאָנט אַריינטרייבן אין אַ משוגענעם פּחד. מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן דעם היפוך צווישן דעם דאָזיקן מאַן־און־ווייב. בעת פּאָטער מאַיער איז געווען די רו גופא און ער האָט זיך דורך גאָר ניט קיין מאָל ניט געלאָזט אַרויספירן פון זיין נשמהדיקער גלייכוואָג, האָט זיין פרוי אַריינגעבראַכט, קעגן איר אייגענעם ווילן, אומרו אין אַלץ, וואָס זי האָט אָנגערירט. זי איז לחלוטין ניט געווען קליינלעך. אָבער זי האָט געהאַט די טבע צו מאַכן פון איטלעכער קלייניקייט אַ גרויסע געשעעניש. ווען זי איז טייל מאָל אין גאַנצן אַרויס פון די ראַמען, האָט געשוועבט אַ שטילער שמייכל איבער איר מאַנס פּנים. אָבער ער האָט קיין מאָל איר ניט אויסגערעדט; ער האָט געוואַרט געדולדיק, אַז דער שטורעם ביי זיין ווייב זאָל זיך אַליין איינשטילן. ביי אַזאַ מין געלעגנהייט האָט ער מיר איין מאָל אויף זיין שטילן אופן געזאָגט:

„דאָ קאָן מען גאָר ניט טאָן. זי איז ווי אַ לויערנדיקע ערדציטערניש. איך האָב איר אַ סך צו פאַרדאַנקען. זי האָט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי אויפצוהיטן מיין רויִקייט אין סאַמע מיטן פון אַ כאַאָס.“

פּאָטער מאַיער איז ניט געווען קיין טרוקענער פּרינציפּן־רייטער. ער האָט פאַרמאָגט אַ דערשטוינלעכע אָבסערוויר־פעיִקייט און ער האָט ליב געהאַט זיך צו דערגראָבן ביז צום סאַמע תוך פון זאַכן און געשעענישן. און כאָטש דער גורל האָט פאַר אים געהאַט צוגעגרייט אַ סך ביטערע איבערלע־בונגען, האָט ער דאָך אויפגעהיטן אין זיך זיין איינגעבוירענע האַרציקע גוטסקייט. ער האָט ניט געהאַט די מינדסטע נייגונג צו ווערן אַ ציניקער. עס איז געווען עפּעס צניעותדיקס אין דעם דאָזיקן מענטש. ער האָט פאַר־מאָגט אַן איינגעוואָרצלטע ריינקייט פון געפילן, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרלייקענען. אין פּאָטער מאַיערס גרויסן וואַרשטאַט איז מען תמיד געווען זיכער צו באַגעגענען אין די אָוונטן עטלעכע חברים, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט איבער פאַרשיידענע ענינים. און היות די צייט דעמאָלט איז געווען זייער אַן אומרויִקע, האָבן ניט געפעלט קיין געלעגנהייטן און ניט קיין פראַגעס, איבער וואָס זיך צו אַמפּערן. איך האָב דאָרטן באַלד בעת מיין ערשטן באַזוך זיך באַקענט מיט אַ צאָל חברים, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן מיינע פּערזענלעכע פריינד און מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען זיך ווידער און אָבער צו באַגעגענען דאָ און דאָרטן אין מיין לעבן.

צו די רעגולערע געסט ביי פּאָטער מאַיער האָט אויך געהערט אַלעק־סאַנדער בעער, וועלכער איז שוין זיבט יאָרן געווען נאָענט באַפריינדעט מיט מאַיערן. בעער איז געווען אַ זייער פריילעכער און ליבלעכער מענטש. ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט זיך ביי אים צעשפּילט זיין גראָטעסקער הומאָר אויף די הויכע אָקטאַוועס. ער האָט געשטאַמט פון ערגעץ אַ קליינער שטאָט אין איינעם פון די באַלטישע לענדער. ער האָט פרי פאַרלוירן זיינע עלטערן, און ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט טיילוויז אין דייטשלאַנד און

טיילווייז אין פראַנקרייך. דעריבער טאָקע האָט ער בײדע לשונות גערעדט גאַנץ פליסיק. אין פראַנקרייך האָט ער זיך געהאַט אויסגעלערנט שניידעריי. איידער עס איז אַריין אין קראַפט דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ אין דײטשלאַנד, איז ער ווידער אַמאָל געקומען דאָרטן אַהין, און ער האָט זיך באַקענט מיט דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נאָך דעם, ווי יאָהאַן מאָסט האָט געהאַט געגרינדעט די „פרייהייט" אין לאָנדאָן, האָט אַלעקסאַנדער בעער זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישער ריכטונג, און ער האָט צוזאַמען מיט דער דאָזיקער באַוועגונג זיך אַנטוויקלט ביז צום אַנאַרכיזם.

אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן איז אַלעקסאַנדער בעער געקומען קיין בריסל. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט דזשאָהאַן נעווען. בעער איז דעמאָלט געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד פון דעם דאָרטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לייענקלוב, און ער האָט אויך זיך אָנגעשלאָסן אין אַ געהיימער גרופּע חברים, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט באַשעפטיקט מיט שמוגלען אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערישע צייטשריפטן און בראָשורן איבער דער דײטשער גרענעץ. אין יענער צייט האָט זיך אַרומגעדרייט אין די קרייזן פון די דײטשע סאָציאַליסטן אין בריסל דער געוועזענער בייערישער אָפיציר מאַקס טראַוט־נער, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון דעם באַקאַנטן סאָציאַ־ליסטישן פירער און דעפּוטאַט אינעם דײטשן רייכסטאַג קאַרל גרילענבערגער.

טראַוטנער איז באַקאַנט געוואָרן צווישן די דײטשע חברים דורך זיין איבערזעצונג פון סטעפּניאַקס בוך „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד". אויך זיין נאָענטע באַציונג מיט גרילענבערגערן האָט פאַר אים געעפנט דעם אַריינגאַנג צו דער געהיימער גרופּע צו וועלכער בעער האָט געהערט. יענע גרופּע האָט ביז דעמאָלט געהאַט דורכגעפירט איר געפערלעכע אַרבעט מיט גרויס געניטקייט. אָבער מיט איין מאָל זיינען פלוצים צוויי חברים פון דער געהיימער גרופּע אַרעסטירט געוואָרן דורך דער דײטשער פּאָליציי. בעער גופא האָט בעת יענעם אַרעסט זיך קוים געראַטעוועט פון די דײטשע זשאַנ־דאַרן דורך אַנטלויפן אין צייט צוריק צו דער בעלגישער טעריטאָריע. יענע געשעעניש האָט ביי די דײטשע סאָציאַליסטן אין בריסל אַרויסגערופן אַ טיפע זאָרג, וואָרן איטלעכער האָט געפילט, אַז דאָ איז געשען אַ מסירה און אַ פאַרראַט.

בעער איז דורך פאַרשיידענע זאַכן געקומען כמעט צו דער איבער־צייגונג, אַז נאָר טראַוטנער האָט געקאָנט האָבן געמסרט די חברים צו דער דײטשער פּאָליציי. בעת אַ געהיימער פאַרזאַמלונג פון אַ קליינער צאָל פאַר־טרויענסווערטע חברים האָט בעער אָפן אויסגעדריקט זיין פאַרדאַכט אויף טראַוטנערן. היות אָבער עס זיינען ניט געווען קיין דירעקטע באַוויזן אונ־טערצושטיצן בעערס חשד, האָט די גרופּע אים געהייסן שרייבן צו גרילענ־בערגערן און אים, גרילענבערגערן, וואָרענען, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר טראַוטנערן, אויף ווען עס איז דאָ אַן ערנסטער פאַרדאַכט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט יענע גרופּע פון גרילענבערגערן באַקומען אַ גרוביאַנסקען בריוו, אין וועלכן ער האָט די מיטגלידער געזידלט מיט אַזעלכע נעמען ווי

„נאַרישע יונגען" און „פּאָליטישע אײזלען". גלײכצײטיק האָט ער זײ מודיע געװען, אַז ער האָט בעערס בריװ איבערגעשיקט צו טראַוטנערן.

מיט עטלעכע װאָכן שפּעטער איז בעער אַרױסגעשיקט געװאָרן דורך דער בעלגישער פּאָליצײ פונעם לאַנד. צי די דאָזיקע דעפּאָרטאַציע פון בעערן האָט געהאַט צו טאָן מיט טראַוטנערס מאַכינאַציעס, האָט נאַטירלעך, קײנער ניט געקאָנט פעסטשטעלן. דער פאַקט אָבער איז געװען, אַז טראַוטנער, געשטיצט פון גרילענבערגערס השפּעה, האָט נאָך אין משך פון אַ גאַנץ יאָר צײט װײטער געקאָנט שפּילן זײן טרויעריקע ראָלע, ביז אַ בראָשור פון דעם שװײצאַרישן אַדװאָקאַט מעלער האָט עפנטלעך דעמאַסקירט טראַוט־נערן װי אַ פּאָליצײישן אַגענט פון דער דײטשער רעגירונג. טראַוטנער איז אָבער שפּעטער װידער קאַפּויער געקומען. דאָס איז געװען נאָך דער שענד־לעכער אױסליפערונג פון דעם אַנאַרכיסט דזשאָהן נעװען מצד דער בעלגישער רעגירונג צו דער דײטשער פּאָליצײ. טראַוטנער האָט אין דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" פאַרעפנטלעכט כלומרשטע „רעװעלאַציעס" איבער דזשאָהן נעװעס אַרעסט. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט טראַוטנער געפּרובירט צו װאַרפן אַ חשד אויף יאָזעף פּויקערטן אין שײכות מיט דעם פאַרראַט לגבי נעװען. נאָך דעם, װי ער האָט נאָך אַמאָל געמאַכט די זעלביקע באַשולדיקונג אין אַ באַזונדערער בראָשור, „װי אַזױ דזשאָהן נעװע איז אַרעסטירט געװאָרן", איז טראַוטנער אין גאַנצן פאַרשװוּנדן און מען האָט מער פון אים ניט געהערט.

נאָך דעם, װי מען האָט בעערן געהאַט אַרױסגעשיקט פון בעלגיע, איז ער אַװעק קײן פּאַריז, װוּ ער האָט גענומען אַן אַקטיװן אָנטײל אין דער דאָר־טיקער אַנאַרכיסטישער באַװעגונג. פון צײט צו צײט האָט ער געשריבן קלײנע מאמרים אין דער „פרײהײט" און אין דער „אַוטאָנאָמי", אָבער קײן מאָל ניט אונטער זײן אמתן נאָמען. אין 1892 האָט ער פאַרפאַסט אַ קלײן ביכל „דער מאָדערנער ספינקס", אין װעלכן ער האָט אין דער פאָרם פון פאַנטאַסטישע מעשהלעך געשילדערט די חסרונות פון פעלערן פון אונדזער הײנטיקער געזעלשאַפט. דאָס דאָזיקע ביכל האָט אָבער אויך קלאָר באַװיזן, אַז דער מחבר האָט געהאַט אַ רײכע פאַנטאַזיע און אַ שרײבערישן טאַלאַנט. לײדער איז דאָס דאָזיקע ביכל געװאָרן געזעצט פון אַ פראַנצױזישן שריפט־זעצער, װעלכער האָט קײן אײנציק װאָרט דײטש ניט פאַרשטאַנען. און אַזױ װי בעער האָט מחמת עפּעס אַ סיבה ניט געקאָנט לײענען אַלײן די קאָרעקט־טורן פון זײן קלײן װערקל, איז דאָס ביכל אַרױס מיט שװידערלעכע דרוק־פעלערן, װאָס האָבן פּשוט עס געמאַכט אומלײענעװדיק.

בעער האָט אָן שום ספק געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ דיכטער. קודם כל האָט ער געהאַט אַ רײכע פאַנטאַזיע. אָבער לײדער האָט ער זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו װערן שעפעריש, מחמת ער האָט זיך תמיד געמוזט ראַנגלען מיט דער נויט. ער איז געװען אַ גרויסער פאַרערער פון זשאַן פּאָל'ן. דאָס האָט זיך קלאָר אַרױסגעװיזן אין דעם אופן פון זײן רײדן. די לעצטע יאָרן פון זײן לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין ענגלאַנד, װוּ איך האָב זיך מיט אים שפּעטער אָפט באַגעגנט. געפּלאָגט פון קראַנקהײטן און פון עקאָנאָמישע

דאגות, האָט ער צום סוף געמוזט אַריין אין אַ מושב זקנים אין מאַנטשעסטער, ווו ער איז אין 1927 געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר.

עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט האָט בעער מיר נאָך אָפּגעטאָן אַ משוגע שפּיצל, וואָס האָט מיך לכתחילה אַ היפּש ביסל פאַרדראָסן, אָבער שפּעטער האָב איך אַליין אויך געמוזט מיטלאַכן, מחמת אַזעלכע שפּיצלעך זיינען געווען אַ טייל פון בעערס כאַראַקטער. אין יאַנואַר פון יאָר 1927 ווען איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פונעם „סינדיקאַליסט" אין בערלין, האָב איך פון אַן אומבאַקאַנטן חבר אין מאַנטשעסטער דערהאַלטן אַ קורץ בריוול, אין וועלכן ער האָט מיר מודיע געווען, אַז אַלעקסאַנדער בעער איז געשטאָרבן. היות איך האָב געוווסט, אַז בעער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן און אַז זינט יאָרן האָט ער געליטן פון אַלערליי חולאתן, האָב איך אויף קיין איינציקער מינוט ניט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טרויעריקער ידיעה. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין דער זעלביקער וואָך אָפּגעדרוקט אַ נעקראָלאָג אינעם בערלינער „סינדיקאַליסט" און אויך אַ לענגערן הספד, אין וועלכן איך האָב איבערגעגעבן פאַר די לייענערס דאָס, וואָס עס איז מיר געווען באַקאַנט פון בעערס לעבן און פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

מען קאָן זיך אָבער פאָרשטעלן מיין איבעררראַשונג ווען איך האָב מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער באַקומען פון דעם „נפטר" אַ לענגערן הומאָריסטישן בריוו, מיט דעם קעפּל „אַ קול פון יענער וועלט". ער האָט מיר דאָרטן איבערגעגעבן, אַז אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט איז אים אַריין דער געדאַנק אין קאָפּ אַריין מיר דורך עמעצן צו לאָזן וויסן וועגן זיין „טויט". געטאָן האָט ער דאָס, כדי צו קאָנען לייענען וואָס איך וועל שרייבן וועגן אים נאָך זיין „טויט", און אויב עס וועלן זיך אינעם הספד אַריינכאַפּן עטלעכע אומפּינקטלעכקייטן, זאָל ער זיי קאָנען קאָרעגירן. ער ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן ערלעכער און אָפּגעהיטער שרייבער, איז ער דעריבער זיכער, אַז איך וועל אָפּשאַצן זיינע תיקון טעותן און דערמיט ראַטעווען מיין שיינע רעפּוטאַציע וועגן פּינקטלעכקייט ביים שרייבן, דערצו נאָך וועגן אַזאַ גוטן חבר ווי ער איז געווען. אַ חוץ דעם, וועט אים מיין הספד אויך קאָנען דינען ווי אַ דאָקומענט ביים טויער פונעם גיהנום, אַז מען זאָל אים דאָרטן אַריינלאָזן אָן שום שוועריקייטן, וואָרן זיין אייגענעם פּאַספּאָרט האָט ער שוין זינט לאַנג געהאַט פאַרלוירן און ער האָט דעריבער מורא געהאַט אַז אָן דאָקומענטן וועט מען אינעם גיהנום ניט אַריינלאָזן. מיינע פריינדלעכע ווערטער אינעם הספד איבער אים וועלן אים טאַקע בקרוב גוט צונוץ קומען, מחמת ער האָט שוין זיך איינגעהאַנדלט דעם בילעט פאַר דער רייזע צו יענער וועלט און אויב דאָס וועטער וועט זיין גינציק האָט ער בדעה זיך אַרויסצולאָזן אויף דער לאַנגער ווייטער נסיעה אַ ליאַדע טאָג. זיין פאַרגעפּיל האָט אים טאַקע ניט אָפּגענאַרט. ער איז געשטאָרבן אין דעם זעלביקן יאָר. און דאָס מאָל אויף אַן אמת. און כאָטש דאָס מאָל האָט ביי מיר שוין ניט געקאָנט זיין קיין שום ספק וועגן דעם, וואָרן בעער האָט געהאַט אַראַנזשירט, אַז מען זאָל מיר איבערשיקן דעם אָפּיציעלן סערטיפיקאַט וועגן זיין טויט,

האָב איך דאָך לשם זיכערקייט קיין איינציקע שורה וועגן אים מער ניט פאַרעפנטלעכט אינעם „סינדיקאַליסט". און אַזוי איז טאַקע געשען, אַז אַלעק־סאַנדער בעער, דער אייביקער חוזק־טרייבער און שפּיצל־אַפּטוער, האָט טראָץ זיינע קראַנקהייטן און יסורים ביז צום סאַמע סוף אָנגעהאַלטן זיין אומצע־שטערעוודיקן הומאָר, און ער איז מיט פינף אָדער זעקס חדשים פריער „נפטר" געוואָרן איידער ער איז באמת געשטאָרבן.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען אין פּאַריז באַלד נאָך מיין אָנקום דאָרטן קריגן אַרבעט. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער ענין איז ניט אַזוי גרינג ווי איך האָב געמיינט. אַ באַזונדערע שוועריקייט איז פאַר מיר געווען מיין לחלוטין ניט קאָנען פאַרשטיין דאָס גערעדטע פראַנ־צויזישע לשון. שוין אין דער היים, אין דייטשלאַנד, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו לערנען פראַנצויזיש. איך האָב שוין אַפילו געקאָנט די וויכטיקסטע גראַמאַטישע כללים און איך האָב שוין אויך פאַרמאָגט אַ היפּשן אוצר פון פראַנצויזישע ווערטער. מיט דער הילף פון אַ ווערטערבוך האָב איך אויך שוין גרינג געקאָנט לייענען פראַנצויזישע צייטונגען. דאָס אַלץ האָב איך גאַנץ גיך דערגרייכט. אָבער די שוועריקייטן זיינען געקומען ווען איך האָב געדאַרפט ריידן און פאַרשטיין דאָס, וואָס מען רעדט צו מיר. וואָרן פאַרן פרעמדן אויער איז ניט אַזוי גרינג אויפצוכאַפּן דעם קלאַנג פון די פראַנ־צויזישע ווערטער. באַזונדערס שווער איז דאָס ווען עס רעדט צו אייך אַ פּאַריזער, מיט זיין טיפּישער בחפזונדיקייט און מיט דעם כאַראַקטעריסטישן צוזאַמענשמעלצן פון עטלעכע ווערטער אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען איין וואָרט, וואָס איז אַזוי ספּעציפיש פאַר דעם גערעדטן פראַנצויזיש און אַזוי שווער אויפצוכאַפּן פאַרן פרעמדן אויער.

צווישן מיינע דייטשע חברים אין פּאַריז איז דעמאָלט ניט געווען קיין איינציקער אײַנבינדער. די מערסטע מיטגלידער פון דעם „פאַראיין פון אומ־אָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" און פון דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לייענקלוב" זיינען געווען שניידערס און שוסטערס. אַ חוץ אַן ערך אַ טוץ סטאָלערס, זיינען קיין אַנדערע פאַכלייט צווישן יענע חברים ניט געווען. די מערסטע סטאָלערס צווישן אונדז האָבן געאַרבעט אין די קליינע וואַרשטאַטן פון פאָבור סאַנט אַנטואַן, ווו עס זיינען געווען באַשעפטיקט אַ סך פראַנצויזישע חברים. עס איז דעריבער געווען לפי־ערכדיק גרינג פאַר אַ צוגערייזטן אויסלענדישן חבר צו קריגן אַרבעט צווישן יענע חברים. די שניידערס און די שוסטערס, ווידער, זיינען געווען כאַלופּניקעס, קאָנטראַקטאָרס; זיי האָבן אַהיימגענומען די אַרבעט פון די גרויסע געשעפטן צו זיך אַהיים, און דאָס האָבן זיי געקאָנט טאָן אָן צו קאָנען גוט די לאַנדשפּראַך.

דעריבער טאַקע בין איך געווען אין גאַנצן אָנגעוויזן אויף זיך גופא און איך האָב אַפילו ניט געהאַט ווּעמען, וואָס זאָל מיר העלפן מיט אַן עצה. עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקום אין פּאַריז האָט מיר מיין פריינד האַרניאַק, אַן אונגאַרישער חבר, פאַרגעשלאָגן אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ביי דעם פראַנצויזישן חבר זשאַן גראַוו, דעם רעדאַקטאָר פון „רעוואָלט", וועלכער

וועט מיר אפשר קאָנען העלפן קריגן אַרבעט ביי אַ באַקאַנטן איינבינדער. אַזוי האָט האַרניאַק געגלייבט. ער האָט אַ לאַנגע צייט געוווינט אין פּאַריז, און ער איז געווען גוט באַפריינדעט מיט זשאַן גראַוון. האָבן מיר ביידע אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צו דער ר׳ מופטאַר, די גאַס, אויף וועלכער עס איז געווען די רעדאַקציע פון „רעוואָלט״.

די ר׳ מופטאַר איז אַ שמאָלע און היפש משופּעדיקע באַרגאַרויפיקע גאַס אין דעם אַלטן שטאָטטייל פון פּאַריז, ניט ווייט פון דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל, ווו עס באַגעגענען זיך די צוויי פּאַרשטעט קולבאַרד און סאַל־פּעטריער. די דאָזיקע אַלטע גאַס איז אין יענער צייט געווען זייער טומלדיק, ווייל דאָרט איז דעמאָלט געווען אַן אָפענער מאַרק, ווו די אַרבעטערס פון יענער געגנט האָבן איינגעקויפט פאַרשיידענע זאַכן. דאָס הויז נומער 140 איז געווען זייער אַן אַלטס; עס איז געווען אַן אָפּגעלאָזטע געביידע פון פינף שטאָק, אין וועלכער די אונטערשטע צימערן זיינען געווען פאַרנומען מיט אַ ווײַנשענק. דורך אַ שמאָלן האַלב־פינצטערן קאָרידאָר זיינען מיר צוגעקומען צו די שטאָציקע טרעפּ. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו די אייבערשטע גאָרנס האָבן מיר שוין געמוזט קלעטערן אויף אַ מין לייטער, וואָס האָט געפירט צום בוידעמשטיבל אונטערן דאַך. דאָרטן האָבן די אַרויסגעבערס פון רעוואָלט״ געהאַט אָפּגעדונגען דעם פּלאַץ מחמת דאָס דירה־געלט איז געווען ניט צו הויך פאַר זיי. די אַנאַרכיסטישע צייטשריפט האָט אין יענעם דאַכשטיבל אין משך פון לאַנגע יאָרן געהאַט איר רעדאַקציע און אַדמיניס־טראַציע. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט „רעוואָלט״ זיך איבערגעצויגן אין אַ באַקוועמער וווינונג אויף דער שכנותדיקער ר׳ בראָקאַ.

ווען מיר זיינען אַריין אין דער מאַנסאַרדע, האָבן מיר פאַר זיך געזען אַ מאָדנע בילד. די פּאַציאַטקע האָט געקראָגן איר ליכט פון אַ דאַכפענצטער אין סאַמע מיטן פונעם צימער, אָבער אין ביידע עקן איז דאָס דאַכשטיבל געווען פאַרזונקען אין טיפע שאָטנס. די ווענט פון דעם שמאָלן אָבער לאַנגן פּלאַץ זיינען געווען אָנגעלייגט מיט גרויסע שטויסן צייטשריפטן און בראָ־שורן ביז צו דער סטעליע. און דאָס ביסל פּלאַץ אויף די דאָזיקע ווענט איז אויך געווען באַקלעפּט מיט צייטונגס־אויסשניטן, אילוסטראַציעס, און מיט פּלאַקאַטן און אַפישן. אויף איין זייט איז געשטאַנען אַ קליין אייוועלע מיט לאַנגע רערן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער דאַכקאַמער. דירעקט אונטער דעם איינציקן דאַכפענצטער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן און אָנגעשטעלט מיט שרייבגעצייג. דאָרטן זיינען געזעסן צוויי מענטשן און זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט.

ווען מיר זיינען אַריין האָט זיך איינער פון זיי אויפגעהויבן. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע שוואַרצע בלוזע פון אַ דרוקער איבער זיינע בגדים, און ער איז געקומען אונדז אַנטקעגן. דאָס איז געווען זשאַן גראַוו. אַזוי ווי ער האָט האַרניאַקן גוט געקאָנט, האָט ער אונדז ביידן פריינדלעך דערלאַנגט די האַנט און געבעטן זיצן. נאָך דעם, ווי האַרניאַק האָט גראַוון איבערגעגעבן וועגן וואָס מיר זיינען געקומען צו אים, האָט גראַוו באַלד געזאָגט, אַז ניט

ווייט וווינט אַ פראַנצויזישער חבר, וועלכער האָט טאַקע אַן אייגענע איינ־בינדעריי און וועלכער וועט אונדז זיכער קאָנען געבן די אינפאָרמאַציע וועגן אַן אַרבעטספּלאַץ פאַר מיר אין מיין פאַך. גראַוו האָט אויך תיכף אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער מיך צו רעקאָמענדירן צו יענעם פראַנצויזישן חבר. מיר האָבן אים האַרציק געדאַנקט, און אַזוי ווי מיר האָבן אים ניט געוואָלט ווייטער שטערן אין זיין אַרבעט, וואָס מיר האָבן דורך אונדזער באַזוך געהאַט איבערגעריסן, האָבן מיר זיך געגרייט אַוועקצוגיין.

אָבער זשאַן גראַוו האָט אונדז ניט געוואָלט אַוועקלאָזן. ער האָט געבעטן, אַז מיר זאָלן בלייבן ביי אים און אַ ביסל שמועסן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען גערן פאַרבליבן. און אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַט דערוווּסט, אַז איך בין ניט לאַנג צוריק געקומען פון דייטשלאַנד, האָט ער, פּונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע אויסלענדישע חברים, געוואָלט וויסן פּרטים וועגן דער אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג דאָרטן. ער האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט וועגן באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, און ער האָט אויך געוואָלט וויסן פּרטים וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין מיין היימלאַנד. מיט דער הילף פון האָרניאַקס דאָלמעטשעריי האָב איך גראַוון איבערגעגעבן די אינפאָרמאַציע וואָס ער האָט געוואָלט פון מיר קריגן, און איך האָב אים אויך אויפגעקלערט מיין פּערזענלעכע מיינונג וועגן דער צוקונפט פון דער יונגער דייטשער באַוועגונג אונדזערער. גראַוו האָט כסדר געמאַכט נאָטיצן פון דעם, וואָס איך האָב אים געזאָגט, און ער איז הפנים געווען זייער צופרידן פון מיין קורצן באַריכט. ווען מיר האָבן זיך סוף כל סוף געזעגנט מיט אים, האָט ער אונדז ביידן ווידער אַמאָל פריינדלעך געדריקט די האַנט, און מיך האָט ער געבעטן, אַז איך זאָל זיין ביי אים אַן אָפטער גאַסט.

זשאַן גראַוו איז דעמאָלט געווען אַ מאַן אין די פערציקער יאָרן. דער איינדרוק, וואָס איך האָב וועגן אים ביי יענעם ערשטן באַזוך באַקומען, האָט זיך אויך שפּעטער אין תוך ניט געענדערט. דער אָפענער בליק פון זיינע קלוגע אויגן און דער ברייטער שטערן האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ מאַן פון רויִקן טראַכטן און גרייטקייט צו גרויסע מעשים. ער איז בעצם געווען אפשר אַ ביסל שטרענג, אָבער דאָך פּשוט און צוגעלאָזן. ער איז תמיד געווען אַ מענטש פון רויִק איבערלייגן זיך וועגן ערנסטע ענינים, און ער האָט קיין מאָל זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פון מאָמענטאַנע שטימונגען. און דאָך האָט ער תמיד געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר יענעמס מיינונגען, כל זמן ער איז געווען איבערצייגט, אַז די דאָזיקע מיינונגען זיינען אַ פּועל יוצא פון ערלעכן נאָכטראַכטן. זיין אינערלעכע ערלעכקייט און די לויטערקייט פון זיינע סאָציאַלע איבערצייגונגען זיינען אַפילו פון זיינע קעגנערס ניט אָפּגעפרעגט געוואָרן. און עס איז געווען גרינג משיג צו זיין פאַר וואָס אַזעלכע מענטשן ווי קראָפּאָטקין און רעקלי האָבן אַזוי פיל דרך אַרץ אים אַנטקעגן געטראָגן.

אין משך פון די לאַנגע יאָרן פון זיין טעטיקייט איז זשאַן גראַוו געבליבן דער געטרייער פּרינציפּן־אָפּהיטער פון דער פראַנצויזישער באַוועגונג, וועלכע האָט אין אים געהאַט געוווּנען אַן אומאָפּשאַצעוודיקע קראַפט. זיינע כמעט

דרייסיק יאָר פון אַקטיוויטעט ווי דער רעדאַקטאָר פון „רעוואָלטעי״, פון „רעוואָלט״, און צום סוף פון „טאָן נואוואָ״, האָבן פאַרקערפּערט אין זיך אַזאַ סכום פון ווילנס־קראַפט, פון התלהבותדיקער איבערצייגונג און גייס־טיקע פעיִקייטן, וואָס מען געפינט ניט אָפט אין סאָציאַלע באַוועגונגען. זיינע פילע ביכער און די קלענערע שריפטן זיינע געהערן צו די מערסטנס גע־לייענטע ווערק אין דער רייכער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור אין פראַנקרייך. אַ סך פון זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל פרעמדע לשונות. די דאָזיקע אינטענסיווע טעטיקייט האָט גראַווו אָנגעהאַלטן ביז צום סוף פון זיין לאַנג און כסדר אַקטיוו לעבן, הגם נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך ביי אים איינגעשטעלט אַ באַשטימטע פאַרביטערונג, וואָס אין די פריערדיקע יאָרן פון זיין לעבן האָט זי זיך ביי אים קוים אַרויסגעוויזן.

דער חבר דיראַן, צו וועמען גראַווו האָט מיך געהאַט רעקאָמענדירט וועגן געפינען ביי אים אַרבעט אין מיין פאַך, איז געווען אַן אַלטער מאַן. ער האָט, צוזאַמען מיט אַ פריינד זיינעם, געהאַט אַ קליינע איינבינדעריי. ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך, אָבער ער האָט מיר ניט געגעבן קיין צו גרויסע האָפענונגען וועגן געפינען אַרבעט, מחמת די גוטע צייטן אין אונדזער פאַך זיינען שוין געווען זינט לאַנג פאַרביי. דאָס בעסטע, וואָס ער האָט מיר געקאָנט ראָטן, איז געווען, אַז ער וועט פאַר מיר איינקויפן די נייטיקע מכשירים פאַר מיין פאַך און אַז איך זאָל אָנהייבן צו אַרבעטן ביי זיך אין דער היים אויף מיין אייגענעם חשבון. „אין פאַריז״ — האָט ער מיר געזאָגט — „זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע קליינע באַלמעלאָכעס און גלייכצייטיקע באַלע־באַטים וועלכע פאַרדינען אין זייערע אייגענע היימען זייער שטיקל ברויט״.

און פאַקטיש איז פאַריז נאָך פון די אַלטע צייטן געווען דער גרויסער צענטער פון אַלע מעגלעכע הויז־אינדוסטריעס, און זי איז דאָס אין אַ גע־וויסער מאָס פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. און אויב איך בין גענייגט אָנצונעמען זיין עצה, איז דער חבר דיראַן גרייט געווען מיר אויך אויסצו־באָרגן אַן אַלטע האַנטפּרעס, וואָס איך וועל אויך קאָנען נוצן אָרומצושניידן די ביכער ביים איינבינדן זיי. איך וועל אָבער מוזן אינוועסטירן עטלעכע פראַנק כדי צו מאַכן די אַלטע פאַרזשאַווערטע מאַשין ווידער אַרבעטס־פעיִק.

קיין סך ברירות און וועגן וואָס זיך איבערצולייגן האָב איך דעמאָלט פאַקטיש ניט געהאַט. היות איך האָב דערווייל ניט געהאַט קיין שום שאַנסן צו קריגן אַן אַרבעטספּלאַץ, און איך האָב דאָך געמוזט עפּעס טאָן כדי צו פאַרדינען אויף פרנסה, ווי באַשיידן מיינע באַדערפעגישן זאָלן ניט זיין געווען אין יענע יאָרן, האָב איך אָן שום קווענקלענישן אָנגענומען דעם חבר דיראַנס פאָרשלאַג. ער האָט מיר געגעבן עטלעכע רעקאָמענדאַציעס צו זיינע באַקאַנטע בוכהענדלערס אינעם לאַטיינישן קוואַרטאַל און אויך אַ קליינע פרייזליסטע פאַר די פאַרשיידענע איינבינדערישע אַרבעטן, לויט וועלכער איך זאָל וויסן וויפיל צו פאָדערן פאַר מיין אַרבעט. און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך קאָן זיך ווענדן צו אים תמיד ווען נאָר איך וועל זיך נייטיקן אין אַן עצה. און כדי ניט צו פאַרלירן קיין צייט האָבן מיר באַלד צענומען די

אַלטע האַנטפּרעס און מיר האָבן די פונאַנדערגעשרויפטע טיילן איבערגעטראָגן אין מיין דירה. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיר אַ חבר אַ סטאָלער געהאָלפן צוזאַמענצוקלאַפּן פון אַלטע ברעטער אַן איינבינדערישן וואַרשטאַט. דערנאָך האָב איך זיך פון אַ צאָל חברים צוזאַמענגעבאָרגט עטלעכע פּערציק פראַנק איינצוקויפן די נייטיקע מכשירים און מאַטעריאַלן און אויך כדי צו האָבן אַ ביסל אַרבעטס־קאַפּיטאַל. און איצטער בין איך געווען גרייט אָנצו־הייבן צו אַרבעטן פאַר זיך. אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפט, איז געווען קריגן ביכער איינצובינדן. מיין גליק האָט מיר טאַקע צוגעשפּילט. צוויי פון די בוכהענדלערס, וואָס דיראַן האָט מיך געהאַט רעקאָמענדירט צו זיי, האָבן מיר ביידע געגעבן צו ביסלעך אַרבעט. דאָס איז געווען גענוג צו האַלטן מיך באַשעפטיקט אויף די ערשטע פּאָר וואָכן.

דאָס איז געווען אַ גוטער אָנהייב. איך האָב פאַר די ביידע פראַנצויזישע מוכרי ספרים, וועלכע זיינען, אגב, זייער נאָענט צו אונדזערע אַנאַרכיסטישע אידעען, געאַרבעט אַ לאַנגע צייט. און הגם איך האָב פון זייער אַרבעט ניט געקאָנט פאַרדינען גענוג אויף אַן אָנשטענדיק לעבן, איז דאָס אָבער דאָך געווען אַ גוטער אָנשפּאַר. אין פראַנקרייך, ווו כמעט אַלע ביכער דערשיינען אומגעבונדן אַפילו ביזן היינטיקן טאָג, האָט אַן איינבינדער אויף אַ יחידישן אופן תמיד געהאַט מער שאַנסן אויף פּרנסה ווי אין אַנדערע לענדער, ווו איינבינדעריי איז אַ רעגולערע אינדוסטריע. אָבער מיין אַרבעט איז געווען זייער אומרעגולער. עס זיינען געווען צייטן, ווען איך האָב געמוזט אַרבעטן צו גאַנצע נעכט, כדי צו קאָנען צושטעלן די איינגעבונדענע ביכער אין דער באַשטימטער צייט. אָבער דערנאָך זיינען ווידער געקומען וואָכן גאַנצע, אין וועלכע איך האָב זיך אַרומגעדרייט אָן אַ שטאָך אַרבעט. דערפאַר אָבער האָט מיין באַשעפטיקונג געהאַט די גרויסע מעלה וואָס איך בין געשטאַנען אויף מיינע אייגענע פיס און איך האָב געהאַט אַ געוויסע מאָס פּערזענלעכע אומ־אָפּהענגיקייט און איך בין געווען אין אַ באַשטימטן זינען מיין אייגענער באַלעבאָס. דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וועגן וועלכע איך וואָלט אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן אויב איך וואָלט געאַרבעט אין אַ גרויסער איינבינדעריי ביי יענעם. אָבער פאַר דער דאָזיקער אומאָפּהענגיקייט מיינער האָב איך אָפט געמוזט שווער באַצאָלן. איך האָב זייער גיך אויסגעפונען, אַז דורך אַזאַ מין אַרבעט ווי מיינער קאָן מען אַזוי גרינג ניט ווערן קיין מיליאָנער. אָבער דאָס פרייע אומגעבונדענע לעבן מיינס איז מיר זייער ווילגעפעלן געוואָרן, און איך בין געווען גרייט גערן צו באַצאָלן דערפאַר דעם געפאָדערטן פּריז אין עקאָנאָ־מישער אומזיכערקייט. כל זמן איך האָב מער ווייניקער זיך געקאָנט ווי עס איז אַדורכשטופּן אינעם לעבן.

קודם כל האָב איך דורך מיין אופן לעבן געפונען גענוג צייט ווייטער צו שטודירן און צו אַרבעטן אויף מיין אייגענער אינטעלעקטועלער אַנטוויק־לונג. אין דעם דאָזיקן פּרט האָב איך פאַריז אַ סך צו פאַרדאַנקען. זינט באַלד נאָך מיין אָנקום האָב איך איטלעכע פרייע שעה פאַרבראַכט זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער שטאָט. גאַנץ פאַריז איז ווי אַ גרויסער היס־טאָרישער מוזיי, וואָס איז באַזונדערס רייצנדיק אינטערעסאַנט פאַר אַזאַ יונגן

בונטאָוושטשיק ווי איך בין דעמאָלט געווען. איך האָב שוין געהאַט אין מיין היימלאַנד געשטודירט די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פון דער פעברואַר־איבערקערעניש, פון דעם יוני־אויפשטאַנד, און פון דער פּאַריזער קאָמונע. איך בין דאָך, אַזוי צו זאָגן, מיט די דאָזיקע אַלע געשעענישן אין דער רעוואָלוציאָנערישער געשיכטע פון פראַנקרייך אויפגעוואָקסן. יענע מעכטיקע געשעענישן האָבן מיין יונגע נשמה אָנגעפילט מיט אַ פייערדיקער התלהבות און מיט אַן אומבאַגרענעצטן גלויבן אין דער קומענדיקער באַפרייונג פון אַלע האַרעפּאַשניקעס און אונטערדריקטע מענטשן. איך דאַרף דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס דאָזיקע בילד, וואָס איך האָב זיך געשאַפן וועגן די געשעענישן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אין יענע יאָרן מיינע לגמרי ניט געשטערט געוואָרן דורך וועלכע עס איז קריטישע באַטראַכטונגען. איך האָב געזען בלויז די העראָישע זייט פון דער רעוואָלוציע, בלויז די געוואַלטיקע אויפטרייסלונגען, פון וועלכע די אַלטע וועלט צעפאַלט זיך אויף שטיקער. דער רעוואָלוציעס דעמאָנישע זייט, דער מבול פון די מענטשלעכע פאַסירונגען, פון די ניט־העלדישע אָבער טאַקע דערפאַר זייער מענטשלעכע האַנדלונגען בעת די געמיטער ווערן אויפגעבראַוזט, — וועגן דעם איז מיר אַפילו ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן. דאָס האָט, נאַטירלעך, ביי מיר אין יענע יאָרן אַנדערש ניט געקאָנט זיין. וואָרן ערשט די דערפאַרונג פון אַ רייפער דערקענטעניש, וואָס קומט מיט דער צייט, שאַפט בהדרגהדיק אַנדערע בילדער און אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר די געשעענישן פון די פאַרגאַנגענע צייטן.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס איך האָב געשטאַמט פון אַ לאַנד, וואָס האָט ניט געוווסט פון קיין שום רעוואָלוציאָנערישע טראַדיציעס. און דאָס טאַקע האָט מיך געמאַכט מער אויפנעמעריש אין יענע יאָרן מיינע פאַר די גרויסע געשעענישן אין פראַנקרייך, וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק אַפּעלירט צו מיין דעמאָלטיקער יוגנטלעכער ליידנשאַפט. פּאַריז איז געוואָרן פאַר מיר אַ ריזיקער היכל, פול מיט גלאָריפיצירטע דערמאָנונגען און גע־דענקווערדיקייטן פון דער רעוואָלוציע. אין דעם דאָזיקן פאַר מיר הייליקן היכל בין איך תמיד געגאַנגען זוכן די שפורן פון דער גרויסער רעוואָלוציע, מיט מיין גאַנצער יוגנטלעכער אמונה, ווען נאָר איך האָב געהאַט די געלעגנ־הייט דאָס צו טאָן. דאָס, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געלייענט נאָר אין ביכער, האָב איך איצטער געזען לעבעדיק פאַר מיינע אויגן, און דאָס האָט מער צערייצט מיין פאַנטאַזיע, און געהאַט אויף מיר אַ טיפערע השפעה. איך האָב אָפט אַרומגעוואַנדערט די גאַנצע טעג איבער דער ריזיקער שטאָט, כדי צוצוקומען צו די באַזונדערע פּלעצער, וואָס זיינען ביי מיר דורך דער רעוואָלוציע געוואָרן פאַרהייליקט. דערביי האָב איך זיך זייער זעלטן באַנוצט מיט די מיטלען פונעם עפנטלעכן גאַסן־פאַרקער, נאָר איך בין כסדר געגאַנגען צופוס, ווי לאַנג דער וועג זאָל ניט זיין געווען. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך גרינטלעך און בהדרגהדיק באַקענט מיט פּאַריז. איך גלייב קוים, צי עס איז פאַרבליבן דערמאָלט עפּעס אַ פּלאַץ אין דער שטאָט, מיט היסטאָרישן באַטייט, אַז איך זאָל ניט זיין געווען דאָרטן און אים ניט האָבן גוט אויס־

געפּאַרשט. איך האָב דאָס אַלץ אַדורכגעפירט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. נאָך דעם, ווי איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט די וויכטיקסטע געדענקפּלעצער, האָב איך אויסגעמאַרקירט מײנע אַנטדעקונגס־נסיעות אויף באַשטימטע שטאָט־טײלן און זיך באַגרענעצט צו אײנצלנע מאָנומענטן פון דער רעוואָלוציאָנערישער פאַרגאַנגענהייט.

זייער אָפט האָב איך געמאַכט מײנע פּאַריש־אויספלוגן אין דער באַגלײטונג פון אַנדערע יונגע חברים, וועלכע האָבן אויך געהאַט אַן אינטערעס פאַר אַזעלכע ענינים. נאַטירלעך האָבן מיר בעת די דאָזיקע עקסקורסיעס אויך ניט פאַרגעסן די מוזייען און קונסט־גאַלעריעס, מיט וועלכע פּאַריז איז דאָך אַזוי רייך. די באַזוכן אין די פאַרשיידענע קונסט־גאַלעריעס זײנען פאַר מיר געוואָרן באַזונדערס אָנרעגנדיק נאָך דעם, ווי איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט אַ יונגן פּוילישן קונסטמאָלער, באַראַנאָווסקי. איך האָב אים אָפט באַגלייט אויף זיינע וויזיטן אין די קונסט־גאַלעריעס און בילדער־אויסשטעלונגען, און דורך אים האָב איך געקראָגן אַ טיפערע פאַרשטענ־דעניש פאַר דער פּלאַסטישער קונסט. דער דאָזיקער באַראַנאָווסקי איז געווען אַן אומגעווייינלעך סימפּאַטישער מענטש, און ער האָט אין מיר, ווייזט אויס, געפונען אַן אויפמערקזאַמען צוהערער, און זיך געלאָזט פון מיר אויספרעגן וועגן אַלע אַספּעקטן פון קונסטמאָלעריי. איך האָב זיך מיט אים באַקענט דורך דער רעקאָמענדאַציע פון אַ רוסישן פריינד, פאַר וועמען איך האָב אָפט אייגעבונדן פאַרשיידענע ביכער. אַזוי זײנען מיר מיט דער צייט געוואָרן גוטע פריינד. ער האָט אין מיר, ווייזט אויס, אַנטדעקט אַ דרימלדיק געפיל פאַר קונסט, און עס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן דאָס דאָזיקע געפיל אויפצוּוועקן אין מיר. און אויך איך האָב געהאַט הנאה פון דער נייער קונסטוועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר מיר.

וואָס מער איך האָב אויף אַזאַ אופן זיך באַקענט מיט פּאַריז, אַלץ ליבער איז מיר געוואָרן די דאָזיקע איינציקאַרטיקע שטאָט, וואָס איטלעכער אײנער, וועלכער קומט אין באַרירונג מיט איר, מוז פאַרכאַפּט ווערן פון איר זעלטענעם און איינציקמיניקן גייסט. מיין לעבן אין פּאַריז איז ניט געווען אויסגעבעט מיט רויזן. בעת מיין זיין דאָרטן האָב איך מער ווי איין מאָל געמוזט ליידן פשוטן הונגער און נויט, פון וואָס איך האָב פריער ניט געהאַט געוווּסט. אָבער די מעכטיקע אייגדרוקן, וואָס פּאַריז האָט אויף מיר געמאַכט, זײנען געווען אַ רייכע אַנטשעדיקונג פאַר אַלע מײנע פּערזענלעכע צרות, וואָס איך האָב אין יענער שטאָט געמוזט אַדורכמאַכן. איך גלייב אַפילו, אַז אין פּאַריז איז אַ סך גרינגער איבערצוטראָגן אַלע טאָג־טעגלעכע דאגות און מאַטערנישן ווי ערגעץ אַנדערשוו. וואָרן מען פילט זיך אין דער דאָזיקער איינציקער שטאָט כמעט אומעטום כסדר אַרומגערינגלט מיט אַן אַלטער קולטור פון יאָרהונדערטער, וואָס שפּראָצט אַרויס ווי לעבעדיק אויף יעדן טריט און שריט, און מיט וואָס עס איז פול די סאַמע לופט, מיט וועלכער מען אָטעמט דאָרטן. אַפילו דאָס צוגעווינען זיך צו דער דאָזיקער סביבה האָט ניט געקאָנט אָפּשוואַכן אָט דעם גרויסן אײנדרוק. ער איז שוין תמיד פאַרבליבן ביי מיר טיף אין דער נשמה, ווי אַ חלום פון אַ לאַנג־פאַרשוווּנדענער צייט.

דייטשע סאָציאַליסטן אין פּאַריז

די מערסטע דייטשע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז האָבן דעמאָלט געהערט צו דעם „פּאַראַיין פון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן". זייערע זיצונגען זיינען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין אַ קאַפע אויף דער רו פּאָבור די טאַמפּל, אינטעלעכן מאַנטיק אָונט נישט ווייט פון דעם פּלאַס דע לאַ רעפּיבליק. צו דעם דאָזיקן פּאַראַיין האָבן געהערט אַן ערך זעכציק מיטגלידער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַ זייער רירעוודיקער טעטיקייט. די מערסטע פון זיי זיינען געווען יונגעלייט, וואָס פלעגן קומען אויף עטלעכע יאָר קיין פּאַריז און דערנאָך צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. עס זיינען אָבער דאָרטן אויך געווען עטלעכע עלטערע חברים, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן געהאַט געוווינט אין פראַנקרייך און פאַר וועמען דער וועג צוריק אַהיים איז געווען אָפּגעשניטן מחמת זייערע פריערדיקע אַקטיוויטעטן אין דייטשלאַנד אָדער אין עסטרייך. די חברישע באַציונגען אין יענעם פריינדלעכן קרייז זיינען געווען די בעסטע וואָס מען קאָן זיך נאָר ווינטשן. מיר זיינען געווען, ווי געזאָגט, כמעט אַלע יונגע מענטשן, אין וועמען עס האָט נאָך געברענט די ערשטע יוגנטלעכע התלהבות, און דער רעוואָלוציאָנערישער גייסט, וואָס האָט דעמאָלט גע־שוועבט איבער פראַנקרייך, האָט ניט ווייניק צוגעטראָגן, אַז אונדזערע פריי־הייטלעכע דערוואַרטונגען זאָלן זיין אָנגעשפּאַנט ביז צו דער העכסטער מדרגה.

דעמאָלט איז געווען אין אונדזער פּאַראַיין אַ גאַנצע רייע פעיִקע רעד־נערישע חברים. דאָס האָט גורם געווען, אַז אונדזערע וועכנטלעכע דיסקוסיעס און רעפעראַטן זאָלן זיין זייער אָנרעגנדיק. דער פּאַראַיין האָט אונטערגע־שטיצט אונדזערע יונגע באַוועגונגען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך כמעט יעדן חודש מיט ממשותדיקע סומעס געלט, וואָס האָבן געהאָלפן דער אונ־טערערדישער פרעסע אין יענע לענדער און אויך די דאָרטיקע אַרעסטירטע חברים. אין צוגאָב צו דער „פרייהייט" און „אַוטאָנאָמי" האָבן מיר פאַרשפּרייט רעגולער דעם בערלינער „סאָציאַליסט" און די „צוקונפט" פון ווין. אַזוי ווי די לעצטע צוויי צייטשריפטן האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך רדיפות פון די רעגירונגען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, האָט די אונטערשטיצונג פאַר זיי מצד אונדז געפאָדערט ניט קיין גרינגע מאָס פון סאָלידאַריטעט

צו יענע חברים. די מערסטע חברים, די שוסטערס און די שניידערס, זיינען בדרך כלל געווען ערשטקלאַסיקע באַלמעלאָכעס אין זייערע פאַכן און זיי האָבן פאַרדינט דעמאָלט די העכסטע לוינען. זיינען זיי טאַקע געווען בכוח צו שטיצן אונדזערע חברים אין די הימלענדער מיט גרעסערע סומעס געלט. און זיי האָבן דאָס טאַקע גערנווייליק געטאָן, ניט קאַרגנדיק קיין מאָל זייער חברישע הילף. איך האָב דעמאָלט געקאַנט אַ היפּשע צאָל יונגע חברים אין אונדזער קרייז, וואָס האָבן אַ חוץ דעם געוויינלעכן מיטגלידס־אָפּצאָל בייגעטראָגן איטלעכע וואָך ניט ווייניקער ווי צען פראַנק צו העלפן אונדזערע באַוועגונגען אין אונדזערע הימלענדער. באַזונדערס דערשטוינלעך ממש איז געווען די איבערגעגעבנקייט בנוגע דער דאָזיקער שטיצע מצד צוויי יונגע שוסטערס, גוסטאַוו קראַוזע און קאַרל דיהרינג.

איינער פון די פּרעכטיקסטע חברים אינעם קרייז פון די יינגערע גענאָסן איז אין יענע יאָרן געווען אַ יונגער ווינער, וועמעס פּאָטער האָט געהערט צו די וועטעראַנען פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין עסטרייך. ער איז געווען אַ יונג אַ ריז, מיט אַן אייזערנעם כוח, פון וואָס מיר זיינען זייער אָפּט פשוט נשתומם געוואָרן. מיר האָבן אים בדרך הלצה גערופן „האַניבאַל", און דער דאָזיקער צונאָמען איז אים שוין פאַרבליבן. האַניבאַל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער חברהמאַן. ניט בלויז איז ער געווען גרייט צו מעשים, נאָר ער איז אויך געווען אַ טאַלאַנטירטער יונג. אַזוי ווי ער האָט געוווינט נאָענט פון מיר, האָבן מיר זיך כמעט איטלעכן טאָג געזען און מיר זיינען געוואָרן זייער באַפריינדעט. האַניבאַל איז געהאַט אַנטלאָפן פון זיין הימלאַנד דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט גיין דינען דעם עסטרייכישן קייזער. אָבער ער איז געווען צוגעבונדן צו זיינע עלטערן מיט אַ רירנדיקער ליבשאַפט, און דאָס איז טאַקע געווען אָפּט די סיבה פון זיין טיפער בענקעניש נאָך זיין היים. ווען נאָר עס איז אים באַפאַלן די דאָזיקע בענקעניש, האָט שוין יעדער פון אונדז געוווּסט ניט צו שטיין אים אין וועג, ביז דער נאָסטאַלגישער אָנפאַל איז ביי אים אַריבער. איין מאָל, בעת ער האָט אין אַזאַ מין גייסטיקער בענקענדיקער דעפּרעסיע אין מיטן דער נאַכט געוואַנדערט אַליין אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט פון פאַריז, איז אים באַפאַלן אַ גאַסןרויבער מיט אַ מעסער אין דער האַנט. דורך אַ גיכער באַוועגונג האָט האַניבאַל זיך אַרויסגעדרייט פון אַ טויטקלאַפּ און ער איז אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער וווּנד אויף זיין אָרעם. אָבער איצטער האָט ער מיט זיין מעכטיקער פויסט דערלאַנגט דעם באַנדיט אַ זעץ איבערן קאָפּ. ווען יענער איז געלעגן אַ פּריטשמעליעטער אויפן טראָטואַר, האָט אים האַניבאַל אַרויסגעריסן דאָס מעסער פון דער האַנט. און דער כוליגאַן האָט זיך איצטער געבעטן ביי האַניבאַלן ניט צו רופן די פּאָליציי.

„ניין" — האָט האַניבאַל געזאָגט — „די פּאָליציי וועל איך ניט רופן. אָבער צי באַגרייפסט דו ניט, דו אייזל, אַז צוליב אַ פּאָר לומפּיקע פראַנקן טאָר מען ניט דערהרגענען קיין מענטש? נאַ! אָט האָסטו אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג!"

און האַניבאַל האָט צוגעוואָרפן דעם איבערגעשראָקענעם באַנדיט זיינע

לעצטע פּאָר פראַנקן, און ער איז אַוועק אויף זיין ווייטערדיקן וועג אין דער שטילער נאַכט אַריין.

שפּעטער האָט האַניבאַל עמיגרירט קיין אַמעריקע, און מען האָט מער פון אים אין אונדזער באַוועגונג ניט געהערט.

פון צייט צו צייט האָבן מיר צוגעקראָגן נייע מיטגלידער אין אונדזער פאַראיין דורך דעם, וואָס זיי זיינען געהאַט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון שווייצאַריע און פון בעלגיע. אין יענע יאָרן האָבן אַלע רעגירונגען זיך זייער אָפט באַנוצט מיט דעפּאָרטירן יונגע אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערן פון די לענדער, אין וועלכע אונדזערע חברים האָבן געהאַט געזוכט צו געפינען אַ שטיקל מקום מקלט. אָפט זיינען אויך געקומען באַקאַנטע חברים פון דייטשלאַנד, ווי, למשל, וויקטאָר בוהר און אַלבערט אַווערבאַך, וועלכע האָבן אָפּגעשטאַט קורצע אָדער לענגערע וויזיטן אין פּאַריז. אין יאַנואַר, 1893, זיינען אויך געקומען קיין פּאַריז די חברים מאַקס באַגינסקי און זשאַן ווילקעי. דער לעצטער איז, פּונקט אַזוי ווי איך, געהאַט געבוירן געוואָרן אין מאַינץ. אָבער איך האָב אים דאָרטן ניט געקאַנט, מחמת ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געוווינט אין שווייצאַריע. ער איז, ווי אַ סך אַנדערע חברים, דעמאָלט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דאָרטן צוזאַמען מיט מאַקס באַגינסקין. דער לעצטער האָט געהאַט בדעה צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, אָבער פון צירין קיין פּאַריז זענען ביידע אָנגעקומען צוזאַמען. מיט באַגינסקין בין איך שוין אין דייטשלאַנד געהאַט געשטאַנען אין אַ בריוו־אויסטויש. אָבער דאָך האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט דאָרטן מיט אים פּערזענלעך באַקאַנט צו ווערן. ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין בערלין, איז באַגינסקי שוין געזעסן אין דער תפיסה פון שווידניץ.

מאַקס באַגינסקי איז אין דער באַוועגונג פון די „יונגע" געוועזן איינער פון די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן. ער האָט אין די צייטן פון דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ" געהאַט אַ סך אָנהענגערס צווישן די בערלינער אַרבעטערס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־פירערשאַפט האָט אים נאָך פאַר דער אָנטשיידונג אין ערפורט אָנפּאַרטרויט די רעדאַקציע פון דער צייטשריפט „דער פּראָלעטאַריער אויס דעם אוילענגעבירגע". דאָס איז געוועזן אַ פּראָפּאַגאַנדע־צייטונג פאַר דער שלעזישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהערט צו די אָרעמסטע שיכטן אין דייטשלאַנד. אַז די פּאַרטיי־פירערשאַפט זאָל באַגינסקין, טראָץ זיין שטעלונג, אָנפּאַרטרויען אַזאַ הויכן פּאָסטן, לאָזט זיך דערקלערן נאָר דורך דעם, וואָס מען האָט פון אים געוואָלט פּטור ווערן אין בערלין, ווו ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אָפּאָזיציע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

באַגינסקי האָט אַנטוויקלט אין זיין נייעם ווירקונגסקרייז אַן אומדערמידלעכע טעטיקייט. זיין גלענצנדיקע רעדנערישע קראַפט און קודם כל זיין ערלעכער און באַשיידענער כאַראַקטער האָבן אים באַלד פאַרשאַפט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט צווישן די ממש פון הונגער שטאַרבנדיקע וועבערס אין יענער געגנט. ער האָט באַלד געקאַנט יעדעס דאָרף, איטלעך פאַרוואָרפן ווינקל אין יענעם קעניגרייך פון שלעזישן הונגער און פון דער בלייכער

בויט. ווען דער יונגער געריהאַרד האָופּטמאַן האָט זיך אין יענע יאָרן צוגע־גרייט צו זאַמלען מאַטעריאַלן און איינדרוקן פאַר זיין אויפטרייסלענדיקער דראַמע „די וועבערס“, האָט ער אין מאַקס באַגינסקין דעמאָלט געפונען אַן אויסגעצייכנטן וועגווייזער און פירער, מיט וועמען דער יונגער דראַמאַטורג איז אַרומגעגאַנגען איבער יענע מקומות פון טיפסטן עלנט, וואָס ער האָט דערנאָך אַזוי אימפּרעסיאָניסטיש געשילדערט אין זיין באַרימט געוואָרענער דראַמע.

אָבער די מאַכטאָרגאַנען אין שלעזיע האָבן, נאַטירלעך, געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף מאַקס באַגינסקיס אויפרודערנדיקער אַקטיוויטעט צווישן יענע וועבערס. זיין צייטשריפט איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ גאַנצן האָגל מיט אָנקלאַגעס. איין באַשולדיקונג האָט ער קעגן זיך געהאַט צוליב אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט זייער בילדעריש געשילדערט די דעמאָלטיקע דערציִונגס־מעטאָדן פון די פאָלקסשולן אין זיין מזרח־פּרייסישן היימלאַנד. ווען דער ענין איז געקומען פאַרן געריכט, האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט:

„דער אָנגעקלאָגטער גופא איז דאָך אַ לעבעדיקער מוסטער, אַז דאָס, וואָס ער האָט דערציילט אין יענעם אַרטיקל האָט גאָר ניט צו טאָן מיטן אמת. ער אַליין איז דאָך דערצויגן געוואָרן אין יענע פאָלקסשולן, אָבער ער שרייבט מיט אַן אויסגעצייכנטן סטיל. זיין ביטערן וויץ האָט ער זיך אויס־געלערנט ביי היינע. זיין בייזע שאַרפקייט האָט ער איבערגענומען פון בערנען“.

און דאָס איז טאַקע געווען אמת. דער דאָזיקער פּשוטער שוסטער האָט געהאַט אַזאַ פיינעם דייטשן סטיל אין שרייבן, אַז אַ סך פּראָפעסיאָנעלע שרייבערס האָבן אים מקנא געווען. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס ניט געלערנט אין דער מזרח־פּרייסישער פאָלקסשול, ווי יענער פּראָקוראָר האָט דאָס געוואָלט איינריידן דעם ריכטער, נאָר דורך זיינע אייגענע פּערזענלעכע אָנשטרענגונגען און מחמת ער האָט אויך געהאַט אַ נאַטירלעכן שרייבערישן טאַלאַנט. יענער פּראָקוראָר איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון באַגינסקיס טאַלאַנט, אַז ער האָט אים דערנאָך אָפּט אָפּגעשטאַט לאַנגע וויזיטן אין דער תפיסה און פאַרברענגט מיט אים צו גאַנצע שעהן אין אַלערליי ליטעראַרישע שמועסן. ער האָט באַגינסקין אויך אַריינגעשיקט אין תפיסה אַריין פון זיין אייגענער פּריוואַטער ביבליאָטעק די ווערק פון געטהע, לעסינג, און פון די אַנדערע דייטשע קלאַסיקערס. אַזאַ באַציִונג צווישן אַ פּראָקוראָר און אַן אַרעסטאַנט, וועמען ער האָט געהאַט אַריינגעזעצט אין תפיסה אַריין, איז געווען אַ זעלטענע זאַך אין יענעם דייטשלאַנד.

מאַקס באַגינסקי איז דעמאָלט פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי און אַ האַלב יאָר טורמע פאַר אַ גאַנצער ריי פאַרלעצונגען פונעם פּרעסע־געזעץ. בעת ער האָט באַצאָלט זיין תפיסה־שטראָף אין דער שווידניצער טורמע, האָט דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ערפורט אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל איבער דער אָפּאָזיציע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פאַרשיידענע אַלטע פּאַרטיי־פירערס האָבן אַפילו נאָך דעמאָלט געפּרובירט צו ראַטעווען באַגינסקין, אַז ער זאָל בלייבן אין דער פּאַרטיי. בעבעל און אַוער האָבן אים אַפילו

באַזוכט אין דער תפיסה. באַזונדערס האָט אָוער זיך באַמיט, אַז באַגינסקי זאָל ניט אַרויס פון דער פּאַרטיי. ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ הויכער פּאַרטיי־פּאָסטן נאָכן אַרויסקומען פון דער טורמע. אָבער באַגינסקי איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל פאַרלאָזן זיינע פריינד און חברים. ער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט ווערנערן און מיט ווילדבערגערן, און ער איז צוזאַמען מיט זיי, אַרויס פון דער פּאַרטיי, פאַר וועלכער ער האָט, אונטער דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ" געהאַט אַזוי שווער און אומדערמידלעך געאַרבעט. וואָרן מאַקס באַגינסקי איז געווען אַ געבוירענער אַנאַרכיסט. די אומאָפּהענ־גיקייט פון זיין דענקען איז ביי אים געווען וויכטיקער פון אַלץ. זיין גאַנצער כאַראַקטער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם פּאַרטייישן שאַבלאָן און קעגן אַ טויטער דיסציפּלין, מיט וואָס זיין געוויסן האָט קיין מאָל ניט געקאָנט מאַכן קיין שלום. ער איז דעריבער געווען איינער פון די ערשטע פון די „יונגע", וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן אין די אַנאַרכיסטן.

בעת זיין זיצן אין תפיסה האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ בייז געשוויר אינעם האַלדז, וואָס איז דורך דער שלעכטער באַהאַנדלונג פונעם תפיסה־דאָקטאָר געוואָרן אַ סכנה פאַר באַגינסקיס לעבן. און היות ער איז שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעזעסן צוויי יאָר פון זיין תפיסה־טערמין, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פריִער, נאָך דעם, ווי די דייטשע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט וועגן דעם דאָזיקן פאַל אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער עפנטלעכקייט. איז ער צוערשט אַוועק קיין צירין, ווו ער איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך. און ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין פּאַריז, איז ער נאָך אַלץ ניט געווען צוריק אין גאַנצן געזונט. אָבער זיין שפּרודלדיקער הומאָר און זיין לעבהאַפּ־טיקער גייסט זיינען געבליבן אומגעבראָכן.

מאַקס באַגינסקי איז געווען אַ זעלטענער מענטש, איינער פון די זעלטנ־סטע, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. ער איז געווען אַ חבר מיט אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן און מיט אַ גרויסער שטאַרקייט פון כאַראַקטער, אָבער אָן שום וועלכע עס איז פּערזענלעכע אַמביציעס. ער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכן טאַלאַנט פון אַ גוטן שריפטשטעלער. ער האָט געהאַט אַ פיינע פאַנטאַזיע און אַ פּרעכטיקן הומאָר. ער גופא האָט אָבער ניט געמאַכט קיין גרויס וועזן פון זיינע נאַטירלעכע פעיִקייטן, און ער איז געבליבן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן אַ שטילער אָבסערווירער פון דער וועלט און פון די גרויסע נאַרישקייטן פון זיינע מיטמענטשן.

באַגינסקי איז דעמאָלט געבליבן בלויז עטלעכע וואָכן אין פּאַריז און דערנאָך איז ער אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט אַ שיפסקאַרטע קיין אַמעריקע. אָבער דאָך האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע. ער האָט געוואָלט זיך בלויז באַקענען מיט דעם לאַנד און מיט די מענטשן דאָרטן, און דערנאָך צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. ער איז דער עיקר נאָכגעקומען די בקשה פון זיין עלטערן ברודער, ריכאַרד, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט זיין משפחה, מיט אַ צייט פריִער, געהאַט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און איצטער האָט ער אויך אַרויסגעפאָדערט זיין יינגערן ברודער מאַקס. ווען ניט זיין ברודער אין

אַמעריקע, וואָלט מאַקס באַגינסקין קיין מאָל ניט געווען איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן אייראָפּע. עס איז אים אָבער דעמאָלט געגאַנגען אַזוי ווי אַ סך אַנדערע אימיגראַנטן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן תמיד געחלומט וועגן צוריקפאָרן אַהיים, אָבער זיי זיינען קיין מאָל ניט געקומען דערצו. פאַר מאַקס באַגינסקין איז דאָס זיכער געווען אַן אומגליק. וואָרן ער האָט געהערט צו יענע מענטשן, וואָס קאָנען ניט געדייען אויף פרעמדער ערד. ער איז אויך אין אַמעריקע געווען טעטיק אין אונדזער באַוועגונג, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געהאַט באַפריינדעט מיט יאָהאַן מאָסטן. אין משך פון זיבן יאָר צייט איז ער געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער „אַרבייטער ציימונג״, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אין שיקאַגאָ. אַ געוויסע צייט האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטשריפט, „די שטורם־גלאָקן״, אין 1896, פון וועלכער עס זיינען אַרויס בלויז עטלעכע נומערן. נאָך יאָהאַן מאָסטס טויט האָט באַגינסקי איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער „פרייהייט״, ביז אויך די דאָזיקע צייטשריפט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אויך געשריבן אָפט פאַר „מאַדהער אוירטה״, וואָס עמאַ גאָלדמאַן האָט שפּעטער רעדאַקטירט, און צייטנווייז פאַר אונדזער פּרעסע אין דייטשלאַנד.

דאָך האָט ער קיין מאָל זיך ניט געקאָנט צוגעוווינען צו אַמעריקע און ער האָט תמיד געהאַט אַן אינערלעכן ווידערווילן צו דעם דאָרטיקן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אויך געווען אָן שום ספק די סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו דער גרויסער איינזאַמקייט אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. ווען ער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד אויף עטלעכע חדשים, איז ער אויך דאָרטן שוין געווען אַן אויסגעוואָרצלטער. ער האָט זיך אין ערגעץ דעמאָלט ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. אומעטום האָט ער זיך געפילט פרעמד, זוכנדיק כסדר עפּעס אַ היימיש ווינקל אין יענער אינערלעכער וועלט, וואָס ער האָט פאַר זיך אַליין געהאַט געשאַפן. איך האָב פון אים דעמאָלט באַקומען אַ סך בריוו, אין וועלכע איך האָב געקאָנט קלאָר נאָכפאָלגן דעם אינערלעכן גורל פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן מענטש. ליידער זיינען אויך די דאָזיקע מייסטערהאַפטיק געשריבענע בריוו, ווי אַ סך אַנדערע פון מיינע אייגענע כתבים און מאַטעריאַלן פון מיין אַרכיוו, געפאַלן ווי קרבנות פון דעם צעשטער־שגעון פון די היטלעריסטישע באַרבאַרן.

די אינערלעכע געשעענישן אין אונדזער באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָבן, נאַטירלעך, געפונען זייער אָפּקלאַנג אויף אַ לעבהאַפטן אופן אין אונדזער פאַראיין אין פּאַריז. באַזונדערס האָבן מיר זיך געקאַכט וועגן דעם נאָמען פאַר דער נייער באַוועגונג, און מיר האָבן דעם ענין גרינטלעך דעבאַטירט. ווען די אָפּאָזיציע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז דורך די באַשלוסן פון דעם ערפורטער פּאַרטיי־קאָנגרעס אַרויס פון דער פּאַרטיי, איז דער נאָמען „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן״ אפשר טאַקע געווען דער בעסטער, וואָס מען האָט דעמאָלט געקאָנט געפינען. און הגם דער דאָזיקער נאָמען איז ניט געווען אין גאַנצן קלאָר, מחמת ער האָט בלויז אויסגעדריקט די אומאָפּהענגיקייט מצד דער נייער באַוועגונג פון דער אַלטער פּאַרטיי, האָט ער דאָך פולשטענדיק קלאָר אויסגעדריקט דעם צושטאַנד דעמאָלט פון דער

נייער באַוועגונג, וועלכע האָט כולל געווען אין זיך די פאַרשיידנסטע שאַטי־רונגען פונעם סאָציאַליזם. ווען עס האָט אָבער שפּעטער, נאָך פאַרשיידענע ענדערונגען, איבערגענומען די רעדאַקציע פונעם „סאָציאַליסט" גוסטאַוו לאַנדאַוער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינערלעכע דיפערענצירונג אין דער באַוועגונג. די צייטונג האָט אַלץ מער און מער זיך באַשעפטיקט מיט די פרייהייטלעכע געדאַנקען־ריכטונגען פונעם סאָציאַליזם. און דאָס, וואָס לאַמ־בערט האָט נאָך מיט עטלעכע יאָר פריִער געהאַט פאַראויסגעזאָגט, האָט זיך איצטער אנגעהויבן צו באַווייזן וואָס אַמאָל בולטער. די אומשטענדן גופא האָבן צוגעהאָלפן, אַז די באַוועגונג זאָל בהדרגהדיק אַריין וואָס אַמאָל טיפער אין דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנקען־גאַנג. גוסטאַוו לאַנדאַוער גופא איז דורך דער דאָזיקער אַנטוויקלונג כסדר געשטויסן געוואָרן, ביז ער האָט זיך סוף כל סוף עפנטלעך דערקלערט ווי אַן אַנאַרכיסט.

דידאָזיקע אינערלעכע ענדערונג איז, פאַרשטייט זיך, ניט צוגעגאַנגען אָן פאַרשיידענע ווידערשטאַנדן אין דער באַוועגונג גופא. אַ טייל פון די אַלטע וואָרטזאָגערס פון די „יונגע", באַזונדערס ווילדבערגער און בוהר, האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער נייער געשטאַלטיקונג מיט זייער גאַנצן כוח. אָבער עס האָט זיי ווייניק וואָס געהאָלפן. וואָרן די מערסטע פון די אַנדערע וואָרטזאָגערס, צווישן זיי ווילהעלם ווערנער, ברונאָ ווילע, מאַקס באַגינסקי, אַלבערט ווײַדנער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די אַנאַרכיסטן. נאָך אַנדערע, ווי פּאַול קאַמפּמאַיער, לינק, שווייצער, אויגען ערנסט, זיינען שפּעטער צוריק אַריין אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָדער זיי זיינען ביסלעכווייז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פון דער באַוועגונג, ווי אָוערבאַך, האַנס מילער, פראַנץ בליי, און אַ צאָל אַנדערע.

לאַנדאַוער האָט אין דעם „סאָציאַליסט" רעקאָמענדירט צו די חברים, אַז זיי זאָלן ביי אַלע מעגלעכקייטן זיך אָפן דערקלערן ווי אַנאַרכיסטן, כדי עס זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר ווערן פאַר אונדז אַליין און פאַר אונדזערע קעגנערס אויף וועלכן וועג מיר זיינען אַרויף. דער דאָזיקער פאָרשלאַג לאַנדאַוערס האָט געפירט צו אַ לעבעדיקער דעבאַטע אויף די שפּאַלטן פונעם „סאָציאַליסט". אין אָט דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט ניט בלויז די חברים פון די מערסטע גרופּעס אין דייטשלאַנד גופא, נאָר אויך די אויס־לענדישע גענאָסן. אויך יאָהאַן מאָסט האָט אין זיין „פרייהייט" זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע און די חברים אין דייטשלאַנד געעצהט אָנצונעמען לאַנ־דאַוערס פאָרשלאַג. דער „סאָציאַליסט" איז דאָך שוין סיי ווי, דורך זיין אינהאַלט, אין גאַנצן אַנאַרכיסטיש, האָט מאָסט דעמאָלט אַרגומענטירט, איז פאַר וואָס זאָל די גאַנצע באַוועגונג ניט אַרויסקומען און זיך אָפן דערקלערן ווי אַן אַנאַרכיסטישע באַוועגונג? די מערסטע גרופּעס האָבן טאַקע פאַרטראָטן דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט. נאָך דעם ווי ווילדבערגער און בוהר האָבן געפּרו־בירט אַריינצוקריגן די צייטונג אין זייערע הענט אַריין און זיי זיינען דערביי אָדורכגעפאַלן, האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו זייערע אָנהענגערס צו געבן געלט צו שאַפן אַ ניי בלאַט, מחמת דער „סאָציאַליסט" איז דאָך שוין ניט מער דער אָרגאַן, וואָס דריקט אויס די שטרעבונגען פון דער סאָציאַל־

דעמאָקראַטישער באַוועגונג. אָבער דער דאָזיקער קול קורא האָט געפונען אַ שוואַכן אָפּקלאַנג, און דער פּלאַן וועגן אַ נייער צייטונג איז באַלד אויפגעגעבן געוואָרן.

אונדזער גרופּע אין פּאַריז האָט אויך דעמאָלט אָנגענומען אַ שטעלונג צו דעם דאָזיקן ענין. דער רוב פון אונדז האָט זיך גלייך אַרויסגעזאָגט פאַר לאַנדאַוערס פאַרשלאַג. אַפילו די דריי אָדער פיר חברים, וועלכע האָבן מחמת פּראַקטישע טעמים זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איבערלאָזן דעם אַלטן נאָמען פון דער צייטונג, זיינען אויך געבליבן אין אונדזערע רייען און זיי האָבן בכלל ניט געטראַכט אונדז צו פאַרלאָזן. אונדזער גרופּע האָט מיך דעמאָלט געהייסן אויסאַרבעטן אַ קורצע באַגרינדונג פון אונדזער שטאַנדפּונקט, וואָס איך האָב גלייך איבערגעשיקט אין דער רעדאַקציע פונעם „סאָציאַליסט“.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז געקומען וויקטאָר בוהר קיין פּאַריז און מיר האָבן אים, ניט געקוקט אויף זיין קעגנערשאַפט צו אונדזער שטעלונג, גאַנץ פריינדלעך אויפגענומען. ער איז געווען אַ זייער געשיקטער רעדנער. אויך זיין אויסזען האָט אויף איטלעכן פון אונדז געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. בוהר, וועלכער האָט גוט געוווסט וועגן אונדזער שטעלונג, האָט ביי אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן אים געבן די געלעגנהייט צו ריידן צו אונדז וועגן די לעצטע געשעענישן אין דער דייטשער באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונדז איז ניט געווען קעגן דעם. זיין רעפעראַט וועגן דעם ענין איז באַשטימט געוואָרן אויף דער נאָכפאָלגנדיקער וואָך. מיר האָבן אַלע דערוואַרט צו הערן פון אים עפּעס ממשותדיקס, אָבער מיר האָבן באַלד איינגעזען אונדזער טעות. איבער דעם תמצית פון דער פראַגע האט ער קוים געהאָט עפּעס צו זאָגן. זיינע אויספירונגען וועגן דעם אַנאַרכיזם זיינען געווען ניט בלויז אומבאַדייטנדיקע, נאָר זיי זיינען אויך געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פאַלשע באַהויפּטונגען, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט זיי שוין געקאָנט פון אויסנווייניק. ער האָט בכלל ניט פאַרשטאַנען די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזערע אידעען. און טאַקע דערפאַר האָט ער אַזוי שאַרף און ביטער אַטאַקירט פּערזענלעך לאַנדאַוערן און אויך ווילהעלם ווערנערן, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם צושטאַנד אין דער באַוועגונג פון דער אָפּאָזיציע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ באַהויפּטונג אָן שום דעקונג, וואָרן אַפילו אָן לאַנדאַוערן וואָלט די דייטשע באַוועגונג געמוזט דעמאָלט אַוועק אין דער ריכטונג פונעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. הגם קיינער האָט ניט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז גוסטאַוו לאַנדאַוער האָט מיט זיינע גרויסע גייסטיקע פעיִקייטן צוגעיאָגט צו דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

דער ביליקער פּערזענלעכער טאָן אין בוהרס רעדע האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. די לעבעדיקע דיסקוסיע נאָך זיין רעפעראַט האָט בוהרן באַלד איבערגעצייגט, אַז ער האָט געטאָן אַ בערישע טובה צו זיין שטאַנדפּונקט מיט דעם פּערזענלעכן אָנפאַל אויז לאַנדאַוערן. אָבער אַזוי ווי ער איז, אָן שום ספק, געווען אַ מענטש מיט אַ הערשערישן כאַראַקטער, וועלכע קאָן ניט פאַרטראָגן קיין שום ווידערשפּעניקייט, האָט ער זיין דורכפאַל ביי אונדז געמאַכט נאָך ערגער מיט דעם, וואָס ער האָט

זיך אין גאַנצן פאַרגעסן און ער האָט פאַר אונדז אויסגעטייטשט לאַנדאַוערס שטעלונג ווי אַ פּועל יוצא פון זיין, לאַנדאַוערס, „עכט יידישער חוצפּה". מיט דעם האָט ער פאַר אונדז אַרויסגעלאָגט די קאַץ פון זאַק. יעדער איינער פון אונדז האָט איצטער דערקענט, אַז מיט אַ מענטש מיט אַזאַ השגה איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט צו דעבאַטירן דעם ענין. און מיר האָבן אים דאָס טאַקע אַלע באַלד געלאָזט וויסן. ער איז נאָך דעם נאָך געקומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען אַ צוויי־דריי מאָל, און נאָך דעם איז ער אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז בוהר אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרטן האָט ער אין משך פון יאָרן זיך באַטייליקט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די דייטשע הויזמאָלערס, וועלכע האָבן אים אָנפאַרטרויט די רעדאַקציע פון זייער צייטונג. אָבער צום סוף האָט מען פון אים אין גאַנצן אויפגעהערט צו הערן.

קאַרל ווילדבערגער איז שוין געווען אַ מענטש פון אַ גרעסערן פאַרנעם. אויך זיינע קענטעניש זיינען געווען ברייטערע. ער האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין גאַנצן צוריקגעצויגן, מחמת ער האָט ניט געקאָנט נאָכפאָלגן די נייעסטע אַנטוויקלונג פון אונדזער באַוועגונג. ער האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווידער אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז אָבער שוין קיין מאָל מער ניט אויפגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט. מיט דעם האָט זיך געענדיקט די באַוועגונג פון די „יונגע" אין דייטשלאַנד. איר געשיכטלעכע באַדייטונג, וואָס מען טאָר בשום אופן ניט אונטערשאַצן, האָט זיך געענדיקט מיט דעם עפנטלעכן אויפקום פון דעם אַנאַרכיזם אין דייטשלאַנד. די דאָזיקע באַוועגונג פון די „„יונגע" איז אין אָנהייב געווען אַ מין איבערגאַנגס־פּעריאָד, און זי האָט דערפילט די אויפגאַבע פון אינערלעכער אויפקלערונג. איר אייגנטלעכע געשיכטע איז דערוויל נאָך ניט אָנגעשריבן געוואָרן. אַלבערט ווידנער האָט צוזאַמענגעקליבן אַ סך מאַטעריאַלן, כדי צו דערפילן די אויפגאַבע פון אָנשרייבן די געשיכטע פון דער באַוועגונג פון די „יונגע", אָבער ער איז שפּעטער דורך דער אַזויגערופענער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע" אין דייטשלאַנד געשטערט געוואָרן אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינער.

אין דעם „פאַראיין פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" אין פּאַריז, האָב איך זיך אויך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט בערנאַרד קאַמפּמאַיערן, וועלכער האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין פּאַריז. ער און זיין ברודער פּאָול האָבן ביידע געהאַט דורכגעמאַכט די גאַנצע באַוועגונג פון די „יונגע" אין דייטשלאַנד, און זיי זיינען געווען נאָענט באַפריינדעט מיט די באַקאַנטע חברים אין בערלין. ווילהעלם ווערנער האָט מיר זייער וואַרעם געשריבן וועגן קאַמפּמאַיערן, און אַזוי אַרום האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ באמת פריינדשאַפטלעכע פאַרבינדונג. בעת זיין אויפהאַלטן זיך אין פּאַריז האָט בערנאַרד זיך נענטער באַקענט מיט די אַנאַרכיסטישע לערעס, און ער האָט זינט דעמאָלט געווידמעט זיינע טעטיקייטן צו דער פרייהייטלעך סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער גראָד געווען פאַרנומען מיט איבערזעצן פון פראַנצויזיש אין דייטש קראָפּאָטקינס „דער־

אַבערונג פון ברויט״, וואָס איז שפּעטער דערשינען אין ציריך אונטער דעם נאָמען „ווילשטאַנד פאַר אַלע״. קאָמפּמאַיער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ליבלעכער און הילפסגרייטער מענטש. ער האָט אַוועקגעגעבן אַ היפּשן טייל פון זיין באַשיידענעם פאַרמעגן פאַר אונדזער באַוועגונג. ער האָט תמיד געהאַט אַן אָפענע האַנט פאַר נויטבאַדערפטיקע חברים. אָבער זייער אָפט האָבן דאָס אויסגענוצט ניט קיין שיינע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט צו פּראָפיטירן פון בערנאַרד קאָמפּמאַיערס גוטהאַרציקייט.

איינער, וועלכער האָט דעם גוטהאַרציקן בערנאַרד אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, איז געווען דער האָלענדישער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער קאָהען. דורך מיין פאַרבינדונג מיט קאָמפּמאַיערן בין איך מיט קאָהענען באַלד גוט באַקאַנט געוואָרן, מחמת ער איז געווען בערנאַרדס שטענדיקער באַגלייטער אין פּאַריז. דער דאָזיקער קאָהען איז געווען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. און הגם ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו פירן אויף יענעמס קאָסטן אַ היפּש פריי און אומגעבונדן און זאָרגלאָז לעבן, האָט מען אָבער דאָך געמוזט צוגעבן, אַז זיין פריינדשאַפט האָט אַ ביסל פאַרגיטיקט פאַר די הוצאות אים אויסצוהאַלטן. אַלעקסאַנדער קאָהען איז געווען אַ טאַלאַנטירטער און גייסט־רייכער מענטש. ער האָט פולשטענדיק באַהערשט דאָס פראַנצויזישע לשון אין ריידן און אין שרייבן, אַ זאַך, וואָס מען האָט דעמאָלט זעלטן געקאָנט געפינען אין די רייען פון אונדזערע חברים אויסלענדער. ער האָט געהאַט איבערגעזעצט פון דייטש אויף פראַנצויזיש גערהאַרד האַופּטמאַנס „איינזאַמע מענטשן״ און אויך, אויב איך האָב ניט קיין טעות, „די וועבערס״, פון דעם זעלביקן מחבר. די אויסגעצייכנטקייט פון זיינע איבערזעצונגען האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ גוטן נאָמען, אַז ער וואָלט גרינג געקאָנט האָבן זיין אויסקומעניש ווי אַ שריפט־שטעלער, אָן צו דאַרפן אַנצוקומען צו יענעם. אָבער קאָהען איז געווען אַ געבוירענער ציגיינער, אָן דעם מינדסטן חוש פאַר פּראַקטישקייט און אָן שום זעלבסט־דיסציפּלין. און הגם ער האָט אַ חוץ זיין האָלענדיש לשון אויך געקאָנט גוט פראַנצויזיש, דייטש, איטאַליעניש, שפּאַניש, און אַפילו אויך מאַלאַיִש, האָט ער זעלטן ווען אויסגענוצט זיינע גרויסע קענטעניש. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און צו פאַרדינען עפּעס נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט ניט געקאָנט געפינען עמעצן, וואָס זאָל אים אויסהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט. ער האָט פאַר דעם דאָזיקן לעבנס־שטייגער געהאַט אַנטוויקלט זיין אייגענע פילאָסאָפיע, וואָס ער איז געווען געגוג אָפנהאַרציק יעדן איינעם פון זיינע מעצענאַטן אויפצוקלערן.

אַלעקסאַנדער קאָהען איז געווען אַ קליינער פלינקער יאַט, מיט אַ פיינגעשניצט פּנים, בלאָנדע האָר און העלבלויע, אַ ביסל כיטרע אויגן. קיינער וואָלט פון זיין אויסזען ניט געקאָנט טרעפן, אַז ער איז אַ ייִד. און ער האָט אויך ניט געהאַט אין זיך דעם מינדסטן סימן פון דער אָנגענומענער שווערער ערנסטקייט פון אַ האָלענדער. ער איז אין זיין סאַמע וועזן געווען אַ ציגיינער פון דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל אין פּאַריז, און אויך זיינע בגדים האָבן דאָס הויך פּראָקלאַמירט. פּאַריז איז פאַר אים געווען דאָס האַרץ פון דער וועלט. נאָר דאָרטן, אין יענער סביבה, האָט ער געקאָנט געדייען. אין גרונט גענומען

איז ער קיין מאָל ניט געווען מער ווי אַ גייסטרייכער אַוואַנטוריסט, וועלכער האָט זיינע זאָרגלאָזע יאָרן אויסגעלעבט אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

ווען איך האָב זיך מיט קאָהענען באַקענט איז ער געווען אַ מאַן פון אַן ערך דרייסיק יאָר, מיט אַ היפּש קאָלירפולער פאַרגאַנגענהייט הינטער זיך. ווי אַ גאָר יונגער חברהמאַן איז ער קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן אַריינגעטראָטן אין דער האָלענדישער קאָלאָניאַלער אַרמיי און ער האָט געדינט ווי אַ פּראָסטער סאָלדאַט ערגעץ אין סומאַטראַ אָדער אין יאַוואַ, אין האָלאַנדס גרויסער אַזיאַטישער קאָלאָניע. איין מאָל איז קאָהענען דער ענין פון זעלנערישן דינסט מיאוס געוואָרן. האָט ער זיך אַליין פּרייוויליק אויסגעשלאָסן פון דער אַרמיי, פּונקט אַזוי ווי ער האָט פריִער געהאַט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן. ער האָט אָבער ניט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך זיין געווער, וואָס ער האָט נאָך טאַקע געהאַט מיט זיך אין פּאַריז. ווען איך פלעג אים באַזוכן אין זיין דירה, אויף דער רי לעפּיק, האָט דאָס דאָזיקע געווער, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער זיין בעט, תמיד אַראָפּגעגלאַנצט צו מיר און געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. זיין וווינונג איז פאַר זיך אַליין געווען עפּעס זעלטענס, וואָס איז ווערט געווען צו זען. עס האָט דאָרט געהערשט אַזאַ וווּנדערלעכע אומאָרדענונג, וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט באַשרייבן. דער שרייבטיש זיינער, די שטולן, דאָס בעט, אונטער די האָלענדישע כלי זין, דער גאַנצער דיל, אַלץ איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דיקער שיכט פון ביכער, בראָשורן און צייטשריפטן. אָבער צווישן די ביכער זיינען אויך געלעגן פאַרשיידענע מלבושים, העמדער, אַלטע שיך, צעריסענע זאָקן, און אַלערליי הויז־מכשירים, ווי טעפּלעך, גלעזער, טעלערס, גאָפּל־מעסער, און דאָס גלייכן. אויף די ווענט פון דעם גרויסן צימער זיינען געווען אויסגעהאָנגען די בילדער פון ראַוואַשאָל, וואַיאַן, ווי אויך קינסטלערישע און ווערטפולע צייכענונגען פון שטיינלען, לוטשע, פּיסאַראָ, און אַנדערע, וואָס קאָהען האָט געהאַט געקראָגן פון די דאָזיקע קונסט־מאָלערס, מיט וועמען ער איז געווען נאָענט באַפריינדט. קאָהען איז בכלל געווען גוט באַקאַנט אין דער פּאַריזער קינסטלערישער וועלט.

דער גוטער קאַמפּמאַיער האָט פון צייט צו צייט געפּרובירט איינצושטעלן אַ ביסל אָרדענונג אין קאָהענס קאָלירפולן היימישן כאַאָס. קאַמפּמאַיערס דייטשע ליבע פאַר אָרדענונג האָט ניט געקאָנט תמיד פאַרטראָגן קאָהענס קינסטלערישע אָנגעוואָרפנקייט אָבער בלויז איין טאָג נאָך דעם, ווי קאַמפּמאַיער האָט איינגעשטעלט אַ שטיקל סדר אין זיין האָלענדישן פריינדס דירה, האָט זי ווידער אַמאָל אויסגעזען ווי נאָך אַ שרעקלעכן מבול. וואָרן ניט קאָהען און אויך ניט זיין פראַנצויזישע געליבטע, גאַיאַ, וועלכע האָט געהאַט די זעלביקע ציגיינערישע נאַטור ווי איר אויסדערווילטער, האָבן געהאַט די מינדסטע פאַרשטענדעניש פאַר די שווערע באַמיִונגען פון זייער דייטשן פריינד. ביידע האָבן זיך, ווייזט אויס, געפילט גוט און וווּל אין זייער היימישן משוגענעם מישמאַש, וואָס אַפילו די פאָרמען זיינע האָבן זיך געהאַלטן אין איין ענדערן מיט איטלעכן נייעם טאָג. און דערצו האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע כאַאָטישע צימער איז געווען

שמוציק. איך האָב זייער אָפט באַגעגנט גאַיאַן ווי זי האָט גאַנץ פיין געאַרבעט ביים האַלטן ריין דאָס צימער זייערס. אָבער ווי אַזוי זי האָט דאָס געטאָן, איז פאַר מיר געווען דער גרעסטער ווונדער. קודם כל האָט זי אָפּגערייניקט איין ווינקל פון דעם גרויסן צימער. דערנאָך, כדי צו קאָנען אָפּרייניקן אַ צווייט שטיקל פלאַץ, האָט זי דאָס נאָר וואָס אָפּגערייניקטע ווינקל ווידער אַמאָל אָנגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן מישמאַש. אַזוי האָט זי געאַרבעט כסדר, ביז זי האָט געהאַט אָפּגעוואַשן און אָפּגעשייערט דאָס גאַנצע צימער, אָבער דער אַלטער כאַאָס איז געבליבן אַזוי ווי פריער.

נאָך דעם ווי קאַמפּמאַיער האָט זיין האָלענדישן פריינד געהאַט אויסגע־האַלטן חדשים לאַנג מיט היפּשע סומעס געלט, און קאָהען האָט אַפילו ניט געטראַכט וועגן איינטונקען זיין פען און זיך נעמען צו דער אַרבעט, אויף וועלכער עס האָבן שוין געוואַרט עטלעכע פראַנצויזישע פאַרלעגערס און רעדאַקטאָרן, האָט קאַמפּמאַיער אים מילד פאַרגעשלאָגן, אַז עס וואָלט אפשר שוין געווען צייט, אַז ער, קאָהען, זאָל זיך אָוועקשטעלן אויף זיינע אייגענע פיס. דערויף האָט אים קאָהען גאַנץ רויק און געלאַסן געענטפערט:

„דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, מיין טייערער בערנאַרד, אַז נאָך דעם פאַר־לוירענעם קריג מצד פראַנקרייך האָט ביסמאַרק פון די פראַנצויזן אַרויס־געצויגן זעקס מיליאַרד פראַנקן. איז עס דעריבער ניט מער ווי יושרדיק, אַז דו, ווי אַ דייטש, זאָלסט איצטער העלפן יענעם שאַדן צו פאַרגיטיקן און דורך מיר אומקערן צו פראַנקרייך כאָטש אַ טייל פון יענעם אַנגערויבטן פראַנצייזישן געלד. ערשט ווען דו וועסט האָבן דערליידיקט, וועל איך נאָך אַלץ האָבן גענוג צייט צו טראַכטן וועגן נעמען זיך אַרומצוקוקן, צי עס זיינען פאַראַן פאַר מיר פּאַסיקע מעגלעכקייטן צו קאָנען אָנהייבן עפּעס צו טאָן.“

קאָהען האָט געהאַט אַן אָפענעם ווידערווילן קעגן אַלע דייטשן. דער דייטש איז פאַר אים געווען אַ געבוירענער קליינבירגער, מיט קליינלעכע השגות, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ שלאָפמיצל אויפן קאָפּ און מיט פאַנטאָפל אויף די פיס.

„די דייטשן וועלן קיין מאָל ניט מאַכן קיין רעוואָלוציע“ — האָט ער געהאַלטן — „דערפאַר ווייל דאָס איז דאָך פאָליציייִש פאַרבאָטן...“

דאָס וואָרט „פאַרבאָטן“ איז ביי אים געווען דער וויכטיקסטער באַשטאַנד־טייל פון זיין ווערטער־אוצר פון דער דייטשער שפראַך, און ער האָט געהאַלטן, אַז די גאַנצע דייטשע געשיכטע לאָזט זיך תופס זיין דורך דעם דאָזיקן איינציקן וואָרט. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם גלויבן אין אויטאָ־ריטעט מצד די דייטשן, וואָס ער האָט דאָס באַטראַכט ווי דעם סימן מובהק פון דער דייטשער גייסטיקער צוריקגעשטאַנענקייט.

„רעד צום דייטש וועגן פרייהייט“ — פלעגט ער ליב האָבן צו טענהן —
„און ער שטעלט זיך תיכף פאַר עפּעס מיט אַ גרויסן צוים אַרום דעם.“

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך ניט צו הויך אָפּגעשאַצט די דייטשע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, מחמת ער האָט געהאַלטן, אַז אַפילו „אין זייער פּראָלעטאַרישקייט האָבן די דייטשן אַריינגעבראַכט זייער קליינבירגערלעכקייט.“

דער שקלאַפישער פערזאָנען־קולט מצד די דייטשן צו זייערע פירערס,

וואָס איז אויך אַזוי כיטרע עקספּלואַטירט געוואָרן דורך די דייטשע געשעפטס־לייט אויף אַ ברייטן אופן, האָט דערפירט דעם שפּיצל־אַפּטועריש קאָהען צו אַ טשיקאַווען איינפאַל. ער האָט אָרגאַניזירט אין דער סטודיאָ פון אַ באַוווסטן קונסטמאָלער אינעם לאַטייניש קוואַרטאַל אַן אויסשטעלונג פון די אַלע זאַכן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דייטשלאַנד און זיי ווערן אויך רעקלאַמירט דורך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען, כדי צו העלפן פאַר־שטאַרקן דעם פערזאָנען־קולט לגבי די פּראָלעטאַרישע פירערס. דאָס איז געווען אַ היפּש רייכע זאַמלונג פון אַלערליי זאַכן. דאָס איז געווען אַ מין צוניפקלייב פון סאָציאַליסטישע רעליקוויעס, וואָס האָבן מיך גופא דערפירט צום שטוינען און מיר ווי צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן אויף זאַכן, וואָס איך האָב פריִער גאָר ניט געהאַט באַמערקט. עס זיינען דאָרטן געווען אויסגעשטעלט קראַוואַטן־נאָדלען מיט מאַנזשעטן־ספּינקעס מיט די קעפּ פון בעבעלן, ליבקנעכטן, און אַנדערע דייטשע סאָציאַליסטישע פירערס. מען האָט דאָרטן געקאָנט זען פּאַנטאָפל, שפּאַצירשטעקנס, קאַוועטאַסן, בירקופלעס, אַשבעכערס, בירקרוגן, ניישאַכטלען, צירונגסקעסטלעך, אַנדענק־מטבעות, בלומען־וואַזעס, שנאַלן צו פּאַסקעס, שירעמס, ליולקעס, ציגאַר־שפּיצלעך און סיגאַרעטן־האַלטערס, בערשטן, קעשענע־מעסערלעך, טאַבעק־שקעטעלעך, אַבאַ־זשורן, בראָשקעס, טאַשנטיכלעך, נאָטיצביכלעך, שוועבעלעך, פּסוקים און שפּרוכן אויפצוהענגען אויף די ווענט, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, אַלע באַצירט מיט די בילדער פון מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, און אַנדערע באַ־רימטע דייטשע סאָציאַליסטישע פירערס. די גאַנצע אויסשטעלונג האָט מיט זיך פאַרבעשטעלט אַ שוידערלעכן שונד פון ביליקע צאַצקעס מיט שרייענדיקע קאָלירן. באַזונדערס העסלעך און אָפּשטויסנדיק איז געווען אַ גראָבע שנאַפּס־פלאַש מיט אַן אויסגעבויכטן באַרעליעף פון מאַרקסעס פּנים, מיט צוויי צוזאַמענגעפלאָכטענע הענט, און אונטער זיי די ווערטער: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!‟

אויף דער זעלביקער אויסשטעלונג האָט מען אויך געקאָנט זען די באַ־רימטע „דעמאָקראַטישע הוטן‟, וואָס אַן אונטערנעמערישער פאַבריקאַנט און דעפּוטאַט אין רייכסטאַג, פון האַלבערשטאַט, מיטן נאָמען היינע, האָט פאַברי־צירט, און אין וועלכע די פאַדשעווקע איז געווען באַצירט מיט די בילדער פון די סאָציאַליסטישע פירערס. עס זיינען אויך געווען אויסגעשטעלט בילדער און צייכענונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע אין דייטשלאַנד. די מערסטע פון די דאָזיקע מכלומרשטע „קונסטווערק‟ האָבן געמאַכט אַן עקלדיקן איינדרוק. עס איז, למשל, דאָרטן געווען אַ „קונסטבילד‟ פון לאַסאַלן, ווי אַזוי ער שעכט דאָס „גאָלדענע קאַלב‟, און דערביי איז זיין פּנים אויס־געקרימט פון אַ פּיינלעכער גרימאַסע, אַזוי ווי ער וואָלט געליטן פון שרעקלעכע צאָנווייטאָגן. אויף אַ ספּעציעל פּאָסטקאַרטל איז געווען אָפּגעדרוקט מאַרקסעס געשטאַלט אין גלאַנציק גאָלד, ווי ער קומט אַראָפּ, ווי אַ מאָדערנער משה רבנו, פון דעם באַרג סיני און ער גיט איבער צו זיין פאָלק אַ פּאָר גאָלדענע לוחות מיט שפּאָגל־נייע צען געבאָט. באַזונדערס איינפאַלעריש זיינען געווען צוויי צייכענונגען וואָס האָבן געזאָלט מיט זיך פאָרשטעלן דעם

גרויסן אונטערשייד צווישן דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. אויף דעם ערשטן בילד האָט מען געקאָנט זען האַלב־אויסגעהונגערטע חזירים, וועלכע האָבן מיט סלינעדיקע שנוקן און מיט גיריקע אויגן אַריבערגעקוקט צו אַ פולער קאָריטע, צו וועלכער מען האָט זיי אָבער ניט צוגעלאָזט, בעת בלויז עטלעכע פעטע חזירים זיינען דאָרטן געשטאַנען שוין היפש אָנגעפרעסענע. און דאָס צווייטע בילד האָט שוין געוויזן אַ שיינעם, ריינעם, פיינעם חזירשטאַל, אין וועלכן איטלעך חזיר שטייט זיך באַזונדער ביי זיין יחידישע פולער קאָריטע און ער פרעסט כיד המלך. די דאָזיקע צוויי בילדער האָבן געגעבן דער פּאַריזער ציַיטונג „פיגאַראָ“ אַ פיינע טעמע אָנצושרייבן אַ הומאָריסטישן מאמר וועגן „לע סאָסיאַליסט דע קאָשאָן“, דער סאָציאַליזם פון חזירים.

קאָהען האָט פאַר זיין אויסשטעלונג אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערן העקטאָ־גראַפירטן קאַטאַלאָג, אין וועלכן ער האָט זיך געלאָזט ווילגיין מיט זיין גאַנצן גאַליקן הומאָר קעגן דער דייטשער שקלאַפישער קריכערישקייט לגבי הויכע לייט. די פּאַריזער טעגלעכע ציַיטונגען האָבן מיט וויציקע קאָמענטאַרן רעקלאַמירט קאָהענס אויסשטעלונג, וואָס איז זייער גוט באַזוכט געוואָרן און האָט געגעבן דעם פּאַריזער עולם אַ פיינע געלעגנהייט אָפּצושפּעטן און אָפּצו־שפּאָטן דעם דייטשן פערזאָנען־קולט.

נאָך קאַזעריאָס אַטענטאַט איז קאָהען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנק־רייך, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע פון אונדזערע חברים אין יענער שווערער ציַיט. אָבער פאַר אים איז דאָס געצוווּנגענע פאַרלאָזן פראַנקרייך באמת געווען אַ שווערער קלאַפּ, וואָרן פּאַריז איז דאָך פאַר אים געווען דער איינציקער פּלאַץ אויף דער וועלט, ווו ער האָט געקאָנט לעבן אויף זיין אייגענעם אופן. איך האָב שפּעטער עטלעכע מאָל זיך באַגעגנט אין לאָנדאָן מיט אים און מיט גאַיאַן, אָבער ענגלאַנדס הויפּטשטאָט איז ניט געווען קיין פּאַסיקע סביבה פאַר אים. ער האָט פיינט געהאַט די פּראָזאַישע ענגלענדער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ער. ער האָט געהאַלטן, אַז די ענגלענדער זיינען פאַר אים נאָך גראָבער ווי די דייטשן. דורך גוטע פאַרבינדונגען מיט די פראַנצייזישע מאַכט אָרגאַנען האָט זיך זיינע פריינד אין פּאַריז איינגעגעבן ארויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש פאַר אים צוריקצו־קערן זיך קיין פּאַריז. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט צוערשט געמוזט מסכים זיין צו אַ צאָל קאָמפּראָמיסן בנוגע זיין אויפפירונג. ער איז אַפילו שפּעטער געוואָרן אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז. זינט דעמאָלט איז ביי אים פאָרגעקומען דער גרויסער בייט. פון דעם גרויסן אַנאַרכיסט האָט זיך מיט דער ציַיט אַנטוויקלט ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פראַנצויזישער מאָנאַרכיסט. אָבער איך גלייב קוים, צי ער האָט זיך אין תוך געענדערט. אויב ער האָט נאָך געלעבט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, וואָלט ער אפשר אויך געפּרו־בירט צו דינען די היטלערן, אויב זיין ייִדישער אָפּשטאַם וואָלט אים נישט געשטאַנען אין וועג. וואָרן ער איז אין תוך פון זיין וועזן געווען ניט מער ווי אַ גייסטרייכער ציניקער, וועלכער האָט קיין מאָל גאָר ניט גענומען ערנסט. אונטער דער השפּעה פון דער גרויסער גייסטיקער באַוועגונג, וואָס האָט

אין יענע יאָרן אַרומגענומען די פראַנצויזישע אינטעליגענציע, איז דער אַנאַרכיזם פאַר קאַהענען געוואָרן אַ מין מאָדעזאַך, אָבער קיין מאָל ניט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אינערלעך דערפילט און איבערגעלעבט. וואָס עס האָט אים שפּעטער געפירט אויפן וועג צום מאַנאַרכיזם, זיינען מסתמא געווען פּערזענלעכע סיבות, וואָרן ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין מענטש מיט גרויסע דאגות וועגן זיין אייגן געוויסן, אויב עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן זיין פּערזענלעכער וויכטיקייט. אין 1936 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַמסטערדאַם זיינע זכרונות אין האָלענדיש, אונטער דעם טיטול: „פון אַן אַנאַרכיסט ביז צו אַ מאָנאַרכיסט". זיין בוך האָט מיך איבערצייגט, אַז ער איז געבליבן דער זעלביקער קאַהען, ווי אַמאָל, ווי ווען איך האָב זיך מיט אים געהאַט באַקענט מיט אַ פופציק יאָר פריער. ער איז געבליבן וויציק, ציניש, געוויסנלאָז, תמיד אָפּגעהיטן מיט זיין גוטן סטיל שרייבן, אָבער אָן שום אינערלעכער וואַרעמקייט, אָן שום גייסטיקער טיפקייט, און דער עיקר אָן שום סאָציאַל געפיל.

זייט ביי זייט מיט דעם „פאַראיין פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן" איז פּאַריז האָט דאָרטן אויך עקזיסטירט דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לייענקלוב", וועלכער האָט געהאַט זיינע וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען איטלעכן שבת אין אָוונט אינעם קעלער פון דעם קאַפעי אין „פּאַלעי ראָיאַל", אויף דער רו סאַנט אָנאָרעי. דער דאָזיקער קלוב האָט געהאַט אַ נישקשהדיק גרויסע מיטגלידערשאַפט, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געווען אין די רייפערע יאָרן, וועלכע זיינען שוין געווען אַלטע פאַריזער תושבים. מיר זיינען אָפט געגאַנגען צו די פאַרזאַמלונגען פון דעם דאָזיקן לייענקלוב, ווען נאָר עס זיינען דאָרטן פאָרגעקומען עפנטלעכע רעפעראַטן, און מיר האָבן זיך אויך אָפט אָנטייל גענומען אין די דיסקוסיעס. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך אויך אָפט און לעבהאַפטיק באַטייליקט אין די דיסקוסיעס, וועלכע זיינען טאַקע דורך אונדזער אַריינמישן זיך תמיד געווען אינטערעסאַנטער ווי די רעפעראַטן גופא. בדרך כלל זיינען די פאַרבינדונגען צווישן אונדז און די מיט־גלידער פונעם לייענקלוב געווען דורכאויס חברישע, און אונדזערע אַנטקעגנ־געזעצטע מיינונגען האָבן לגמרי ניט געשטערט אונדז אין די קעגנזייטיקע מענטשלעכע באַציִונגען אונדזערע.

די נשמה פונעם לייענקלוב איז געווען דער שניידער טראַפּ. ער איז געווען אַ דאָקטרינערישער געניגטער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אָבער אַ חוץ דעם אַן ערלעכער און גלייכער כאַראַקטער, וועלכער האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ אַפילו ביי זיינע פּאָליטישע קעגנערס. טראַפּ איז ניט געווען קיין גרויסער רעדנער, און עס איז אים געפאַלן שווער צו אַנטוויקלען פאַרן עולם זיינע געדאַנקען און אַרויסצוברענגען קלאָר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אָבער דאָך איז ער תמיד געווען אויפריכטיק און ער האָט שטענדיק אויסגעמיטן צו גיין אויף קרומע וועגן אין די עפנטלעכע דיסקוסיעס מיט אונדז. און הגם ער איז געבליבן געטריי צו זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געדאַנקען, האָט ער דאָך ניט באַרעכטיקט די שטעלונג פון די אַלטע פירערס לגבי די „יונגע" אין דער פּאַרטיי, און ער האָט גאַנץ אָפן צוגעגעבן, אַז די

באַשלוסן פון דעם ערפורטער פּאַרטיי־קאָנגרעס האָבן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אָנגעטאָן אַ סך מער שאָדן ווי די „אָפּאָזיציע" וואָלט דאָס געקאָנט טאָן ווען זי בלייבט אין דער פּאַרטיי. ער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט נאָך פונעם אַלטן חדר, פון יענע, וועמעס רעוואָלוציאָנערישע איבערצייגונגען זיינען אויסגעפּרובירט געוואָרן אין די צייטן אונטער דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ". שפּעטער אָבער, אונטער דער פּאַראַליזירנדיקער השפּעה פון דער נייער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד, זיינען די דאָזיקע אַלטע רעוואָלוציאָנערן אָפּגעשטופּט געוואָרן אינעם הינטערגרונט.

איינער פון די רעגולערע געסט ביי די זיצונגען פונעם לייענקלוב איז געווען דער באַקאַנטער אונגאַרישער סאָציאַליסט לעאָ פרענקעל, וועמעס נאָמען איך האָב שוין געהאַט געהערט אין דייטשלאַנד. פרענקעל איז דעמאָלט געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק. ער איז געווען איינער פון די גרינדערס פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין ליאָן, פראַנקרייך. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פונעם צווייטן קייזעררייך אין דייטשלאַנד, און ער איז אויך געווען פאַרוויקלט אין דעם גרויסן פּראָצעס קעגן די פראַנצויזישע אינטערנאַציאָנאַליסטן. אין 1871 איז ער געוואָרן אויסגעוויילט ווי אַ מיטגליד פון דער פּאַריזער קאָמונע. אָבער נאָך דער „בלוטיקער וואָך" איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, ווו ער איז געוואָרן דער קאָרעספּאָנדיר־סעקרעטאַר אינעם אינטערנאַציאָנאַל פאַר עסטרייך־אונגאַרן.

לעאָ פרענקעל איז אויף אַזאַ אופן געקומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט מאַרקסן און מיט ענגעלסן און ער האָט אַ חוץ זיי אויך געקאָנט די מערסטע פון די עלטערע סאָציאַליסטישע פירערס אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד. איז טאַקע אַזוי געשען, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט אַ סך זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס מען געפינט זיי ניט אין קיין שום ביכער, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן אויף אַ געשיקטן אופן זיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען. און הגם ער איז ניט געווען קיין אויסערגעוויינלעכער רעדנער, איז אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, תמיד געווען גוט אַדורכגעטראַכט און עס האָט אויך עדות געזאָגט אויף זיין באַדייטנדיק וויסן, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט דערוואָרבן אין משך פון די יאָרן. בטבע איז ער געווען אַ ליבלעכער מענטש, און ער איז אַפילו לגבי זיינע קעגנערס תמיד געווען טאַקטפול און ער האָט קיין מאָל ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען דערצו, אַז ער זאָל אַרויס פון די כלים.

ווען איך האָב איין מאָל אין אַן אָוונט, ביי א רעפעראַט אינעם לייענקלוב, געהאַט מיט פרענקלען אַ לעבהאַפטיקן וויכוח, איז ער נאָכן שלוס פון דער פאַרזאַמלונג צוגעקומען צו מיר און ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דורך טראַפּן איז ער געוויר געוואָרן, אַז איך אַרבעט ביי איינבינדעריי. און אַזוי ווי ער האָט פאַרשיידענע אַרבעטן פאַר מיר, האָט ער מיר געבעטן, אַז איך זאָל קומען צו אים, און ער האָט מיר געגעבן זיין אַדרעס. אויף אַזאַ אופן בין איך מיט אים געוואָרן פּערזענלעך באַקאַנט. ער האָט מיר שפּעטער אַפילו אויך געגעבן עטלעכע רעקאָמענדאַציעס צו זיינע פראַנצויזישע פריינד,

פון וועמען איך האָב אויך געקראָגן אַ ביסל איינבינדערישע אַרבעט, וואָס איז מיר דעמאָלט גראָד זייער צונוץ געקומען. יעדעס מאָל ווען איך האָב ביי אים געגומען ביכער איינצובינדן אָדער צוריקגעבראַכט זיי איינגעבונדענערהייט, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיצן אַ ביסל ביי אים; און עס איז ביי מיר תמיד געווען אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אים אַ שעה אָדער צוויי, וואָרן ער איז תמיד געווען אַן אינטערעסאַנטער מיטשמועסער און ער האָט געהאַט צו דערציילן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן אַזאַ יונגן מענטש, ווי איך בין דעמאָלט געווען, געהאַלטן ממש געשפּאַנט.

ביי אַזאַ געלעגנהייט טאַקע האָט ער מיר איין מאָל דערציילט, אַז דער אַנאַרכיזם ווי אַן אידעע איז אים זייער סימפּאַטיש. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער פעלער פון די אַנאַרכיסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי גלייבן, אַז זיי וועלן קאָנען געבן דער רעוואָלוציע אַן אַנאַרכיסטישן כאַראַקטער. דאָס איז אָבער ניט אין הסכם מיט אַלע געשיכטלעכע פאַקטן, וואָרן איטלעכע רעוואָלוציע איז דאָך אין איר סאַמע תוך פון אַן אויטאָריטאַרישן און דיקטאַ־טאָרישן כאַראַקטער, מחמת מען מוז דאָך אַרויפצווינגען אויף מענטשן מיט געוואַלט די אָנערקענונג פאַר דער נייטיקייט פון נייע לעבנספאָרמען. אויף מיין איינווענדונג, אַז גראָד רעוואָלוציעס זיינען דאָך די רעזולטאַטן פון דעם, וואָס מענטשן אָנערקענען אַליין, אַז די אַלטע לעבנספאָרמען טויגן שוין מער ניט, און אויף מיין טענה אַז בלויז די מאַכט־באַשטרעבונגען פון די פּאָליטישע פּאַרטייען פירן דערצו, אַז די אַלטע הערשערישע רעזשימען זאָלן תמיד פאַרטראָטן ווערן מיט נייע דיקטאַטאָרישע רעגירונגס־פאָרמען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס, וואָס איך זאָג, איז אמת בלויז בנוגע פּאָליטישע איבער־קערענישן, אָבער וואָס שייך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין וועלכער עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן פּריוואַט־אייגנטום, דאַרטן וועט פון זיך גופא די אַנטוויקלונג מוזן פירן צו דער באַזייטיקונג פון אַלע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע הערשאַפטס פאָרמען. עס וואָלט געווען טשיקאַווע צו הערן וואָס דער דאָזיקער אַלטיטשקער וואָלט געזאָגט ווען ער וואָלט דערלעבט צו דער באָלשעוויקישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד.

איין מאָל, ביי אַזאַ שמועס מיט אים, האָב איך פרענקלען אָנגעוויזן אויף אַ גרינטלעך פאַלשער און לחלוטין טעותדיקער רעדע פון ליבקנעכטן אינעם דייטשן פּאַרלאַמענט. דערויף האָט פרענקעל מיר געזאָגט, אַז ליבקנעכט האָט שוין מער ווי איין מאָל גערעדט אויף אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן אופן. און ער האָט צוגעגעבן, אַז סיי מאַרקס און סיי ענגעלס האָבן קיין מאָל ניט צו פיל געהאַלטן פון ליבקנעכטס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָנשויונגען, און אַז זיי האָבן אין אים געזען מער אַ סאָציאַליסטיש געפאַרבטן דרום־דייטשן אויטאָנאָמיסט, ווי אַן אמתדיקן פאַרטרעטער פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אַ גליק איז געווען, וואָס דער דאָזיקער אַלטיטשקער האָט ניט דערלעבט צו לייענען דאָס, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געשריבן אין זייער בריוו־אויסטויש וועגן דעם „יידל פרענקעל" און וועגן זיינע ווירט־שאַפטלעכע טעאָריעס, פון וועלכע זיי האָבן ביידע פשוט חוזק געמאַכט, פונקט אַזוי ווי פון אים גופא (זע: „קאַרל מאַרקס פרידריך ענגעלס בריפוועקסעל",

אין דייטש, בערלין 1931, פערטער באַנד, זייטן 302, 305 און 338). עס וואָלט אים זיכער געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן פון זייער אָפּשאַצונג וועגן אים און וועגן זיינע טעאָריעס.

אינעם לייענקלוב האָב איך אויך צום ערשטן מאָל געזען דעם פירער פון די פראַנצייזישע בלאַנקיסטן, עדואַר וואַיאַן, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער פּאַריזער קאָמונע און אויך פון דעם לאָנדאָנער גענעראַל־ראַט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. ער איז פון צייט צו צייט געקומען צו די פאַרזאַמלונגען אינעם לייענקלוב, וואָרן ער האָט גוט פאַרשטאַנען דייטש. אָבער זיינע אייגענע רעפעראַטן האָט ער תמיד געהאַלטן אין פראַנצייזיש.

אַ ביסל אַ סודותפולער אַריינגייער אין דעם לייענקלוב איז געווען דער אונגאַרישער סאָציאַליסט שאַפּאַ, וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט ווי אַן איבערזעצער פון פּאָליטישע ידיעות אין דער פּאַריזער בירגערלעכער צייטונג „לע דיזנעוויעם סיעקל” („דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט”). אייניקע האָבן דע־מאָלט באַהויפּטעט, אַז זיין אמתער נאָמען איז געווען הוט, און אַז ער האָט אים דעריבער איבערגעזעצט אויף פראַנצייזיש שאַפּאַ. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען אים נאָך פון בודאַפּעסט, און אַז זיין אמתער נאָמען איז דאָרטן געווען פרענקעל. אָבער וואָס עס איז געווען אמת און וואָס ניט אין די אַלע סברות וועגן זיין נאָמען, האָב איך קיין מאָל ניט אויסגעפונען, און דאָס האָט מיך אויך קנאַפּ וואָס אינטערעסירט. שאַפּאַ האָט געהאַט פשוט דערשטוינלעכע שפּראַכן־קענטענישן און ער איז אויך געווען אַ מייסטער פון פראַנצייזיש. אָבער אַ חוץ דעם האָט ער אויך פולשטענדיק באַהערשט מינדסטנס נאָך אַ האַלב טוץ לשונות, און צווישן זיי רוסיש און דייטש. ער איז געווען אַ שלאַנקער, הויך־געוואַקסענער מאַן, מיט פעך־שוואַרצע האָר און אַ ברייטער באָרד, און מיט טונקעלע, אַ ביסל שפּיזלדיקע אויגן. אין זיין באַציִונג צו מענטשן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ חנעוודיקע העפלעכקייט, און בכלל זיין גאַנצע אויפפירונג האָט עדות געזאָגט אויף אַ זייער גוטע דערציִונג. וואָס ער האָט געהאַט באַקומען. באַזונדערס איז ער געווען זייער גוט באַהאַוונט אין דער עלטערער ליטעראַטור פונעם פראַנצייזישן סאָציאַליזם. עס האָט מיר דעריבער טאַקע תמיד פאַרשאַפט אַן אמתן נחת רוח מיט אים צו ריידן וועגן דעם דאָזיקן ענין, וועגן וועלכן איך האָב גראָד ניט צו פיל געוווּסט.

שאַפּאַ איז דעמאָלט געווען אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַלע ריכטונגען פונעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם אין יענע יאָרן, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פראַנק־רייך. אָבער ער האָט אויך אָפּגעשטאַט אָפטע וויזיטן צו אַלע אויסלענדישע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין פּאַריז פון אַלע שאַטירונגען און לשונות. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע דעבאַטעס, און ער האָט אָפט אַליין אָפּגעהאַלטן גייסטרייכע רעפעראַטן. אָבער דאָך האָט קיינער פון זיינע צוהע־רערס פון זיינע רייד און אַרגומענטן ניט געקאָנט אַרויסדרינגען צו וועלכער סאָציאַליסטישער ריכטונג ער גופא באַלאַנגט, אָדער מיט וועלכער ער סימ־פּאַטיזירט. און אין דעם איז באַשטאַנען די מיסטעריע אַרום אים. וואָרן

אַפילו ווען עמעצער האָט אים אָפּן און דירעקט געפרעגט צו וועלכער סאָציאַליסטישער ריכטונג ער פילט זיך נאָענט, האָט ער תמיד זיך אַרויס־געדרייט פון געבן אַ קלאָרן ענטפער מיט דעם זאָג, אַז פאַר אים איז דער נאָמען „סאָציאַליסט" גוט גענוג.

איין מאָל האָב איך מיט אים גערעדט וועגן דער עלטערער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז, ווי געזאָגט, געווען גוט באַהאַוונט. האָט ער מיר דעמאָלט איבערגעגעבן, אַז ער באַטראַכט פּרודאָנען ווי דעם גרעסטן גייסט אינעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם, אָבער אויך ווי זיין גרעסטע סכנה. היות איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם טייטש פון די דאָזיקע ווערטער, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דאָס מאַכן קלאָרער. דערויף האָט ער מיר געענטפערט, אַז די גייסטיקע השפעה פּרודאָנס איז געווען דער עיקרדיקער גורם פון דעם, וואָס אַלע באַמיִונגען צו פאַראייניקן דעם פראַנ־צויזישן סאָציאַליזם זיינען דורכגעפאַלן. און אַפילו ווען עס וועט שוין יאָ אַמאָל, פריִער אָדער שפּעטער, קומען צו אַזאַ נייטיקער פאַראייניקונג, וועט די זעלביקע השפעה פּרודאָנס תמיד מוזן גורם זיין צו נייע שפּאַלטונגען. ווען איך האָב אים געפרעגט, צי ער האַלט, אַז פּרודאָנס לערעס זיינען באַזירט אויף פאַלשע יסודות, האָט ער מיר גלייך געענטפערט:

„דורכאויס ניט! אָבער דאָס, וואָס איז טעאָרעטיש ריכטיק, ווערט אָפט אַ גרויסער שטער פאַר אַ באַוועגונג."

לויט זיין מיינונג איז די גאַנצע סאָציאַלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אייראָפּע דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז פאַר די סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען איז ניט פאַרבליבן קיין אַנדערער אויסוועג ווי זיך צו באַנוצן מיט די מעטאָדן פון אונדזערע קעגנערס, כדי צו דערגרייכן צו נייע צילן.

קאָן זיין, אַז אָט די טשיקאַווע שטעלונג זיינע האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל חשד צו שאַפּאָן מצד אַ סך חברים. דער פאַקט איז געווען, אַז ניט בלויז מיינע אייגענע גענאָסן, נאָר אויך אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע חברים האָבן מיך כסדר געוואָרנט קעגן אים. מען האָט דעמאָלט פאַרשפּרייט קעגן אים אַלערליי מיאוסע סלוכעס, אָבער מען האָט קיין מאָל ניט געקאָנט געפינען קיין קאָנקרעטע באַווייזן קעגן אים. וועגן זיין פּערזענלעך לעבן האָט קיין מאָל קיינער גאָר ניט געוווּסט. ער האָט קיין מאָל קיינעם ניט פאַרבעטן צו זיך אַהיים, און ער האָט אויך קיינעם פון אונדזערע קרייזן קיין מאָל ניט אָפּגע־שטאַט קיין פּריוואַטע וויזיטן, הגם ער איז מיט אַלעמען, ווי שוין דערמאָנט, געווען זייער פריינדלעך. זיין גאַנצע פאַרבינדונג מיט אונדזערע קרייזן איז געווען באַגרענעצט בלויז אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. אין זיין גאַנצער אויפפירונג איז, לויט מיין מיינונג, ניט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַ־רעכטיקן דעם מינדסטן חשד קעגן אים. אָבער דאָך האָבן די אַלערליי רכילותן וועגן אים קיין מאָל ניט אויפגעהערט. איך האָב שאַפּאָן שפּעטער שוין קיין מאָל מער ניט געזען, און איך ווייס אַפילו ניט וואָס עס איז פון אים געוואָרן. ער איז פאַרשוווּנדן פון אונדזערע קרייזן פונקט אַזוי פּלוצימדיק ווי ער האָט זיך געהאַט באַוויזן, דער מיסטעריעזער שאַפּאָ.

מיין באַזוך ביי עליזעי רעקלי

דאָס איז געווען אַרום סוף אַפּריל, 1893, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען פּערזענלעך מיט עליזעי רעקלין. איינער פון אונדזערע יונגערע דייטשע חברים, פּאָול אַנהויזער, האָט דעמאָלט געהאַט דערפונדן אַ קליינעם אָפּטישן אַפּאַראַט, פון וועלכן ער האָט דער־וואַרט פאַר דער צוקונפט זייער אַ סך. היות ער האָט ניט געהאַט קיין שום אויסזיכטן צו קריגן עמעצן מיט געלט, וואָס זאָל אים העלפן אַנטוויקלען זיין דערפינדונג אָדער אָפּקויפן זי פון אים, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, וואָס זאָל פּראָדוצירן זיין דערפינדונג, און אַז די רווחים דערפון זאָלן גיין פאַר אונדזער באַוועגונג. אָבער צו דעם האָט מען דאָך קודם כל געמוזט האָבן אַ ביסל געלט, אַ קאַפּי־טאַל פון מינדסטענס אַ זעקס הונדערט פראַנק, וואָס איז דעמאָלט ביי אונדז געווען אַזאַ גרויסער מאַיאָנטיק, אַז אין אונדזערע אייגענע רייען האָט מען די דאָזיקע סומע געלט זיכער ניט געקאָנט צונויפזאַמלען. ער האָט וועגן דעם דאָזיקן ענין עטלעכע מאָל גערעדט מיט פּעטער מאַיער, אָבער ניט ער און ניט קיין אַנדערער פון אונדז האָבן געקאָנט העלפן דעם יונגן דערפינדער.

דורך מיין פריינד ראַדינסאָן האָב איך מיט אַ שטיקל צייט פריִער זיך געהאַט באַקענט מיט דער יידישער חברטע פון רוסלאַנד מאַריאַ גאָלדשמידט. זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטע פרוי. זי האָט דעמאָלט גע־ווינט צוזאַמען מיט איר אַלטע מוטער און זי האָט זיך באַשעפטיקט מיט שטודירן די נאַטור־וויסנשאַפטן. מאַריאַ איז געווען גוט באַפריינדט מיט קראָפּאָטקינען און מיט די אַנדערע רוסישע חברים אין משך אַ סך יאָרן האָט זי, אונטער דעם פּסעוודאָנים „קאָרן" געשריבן פאַר די רוסישע, פראַנ־צויזישע און אַנדערע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, און אירע אַרטיקלען זיינען תמיד געלייענט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זי, צוזאַמען מיט דעם פראַנצויזישן פּראָפעסאָר אַ׳. דעלאַזש, פאַר־עפנטלעכט אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון די פאַרשיידענע עוואָלוציאָנערישע טעאָריעס. דאָס דאָזיקע ווערק איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן אין די וויסנשאַפטלעכע קרייזן און עס איז גלייך געוואָרן איבערגעזעצט אין דייטש און אין אַנדערע לשונות. אויך מאַריאַס מוטער איז געווען אַן אַלטע אַנאַר־

כיסטקע, וואָס האָט אין אירע יונגע יאָרן געהאַט געלעבט אין דער פראַנ־צויזישער שווייצאַריע און זי איז דאָרטן געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט מיכאַאיל באַקונינען. עס איז דעריבער טאַקע תּמיד געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין דער אַנרעגנדיקער געזעלשאַפט פון די דאָזיקע ביידע פרויען, מוטער און טאָכטער. זייער אָפט זיינען אין זייער שטוב אויך געקומען צו גאַסט אַנדערע חברים, און די שמועסן זיינען שטענדיק געווען לעבעדיק און גייסטרייך.

ווען איך בין איין מאָל אין אַן אָוונט ווידער געווען צו גאַסט ביי מאַריאַן און איר מוטער, איז אונדזער שמועס צופעליק אַרויף אויף מיין יונגן חבר מיט זיין דערפינדונג. מאַריאַ האָט זיך באַלד פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין, און זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל דאָס צווייטע מאָל מיטברענגען אַנהויזערן, כדי זי זאָל זיך מיט אים קאָנען געניוער דורכריידן וועגן זיין דערפינדונג. האָב איך דאָס טאַקע אַזוי געטאָן, און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר ביידע אָפּגעשטאַטעט מאַריאַן אַ וויזיט. נאָך דעם ווי אַנהויזער האָט איר געוויזן זיינע צייכענונגען און איר איבערגעגעבן די נייטיקע דערקלע־רונגען וועגן זיין דערפינדונג, האָט מאַריאַ געהאַלטן, אַז אפשר וועט עליזעי רעקלי עפּעס קאָנען טאָן וועגן דעם ענין. זי האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן צו אים צו שרייבן, כדי אויסצוגעפינען פון אים זיין מיינונג וועגן דעם ענין. אַנהויזער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט אומזיסט געהאַט אַרומגעזוכט עמעצן, וואָס זאָל אים וועלן העלפן פינאַנציעל צו אַנטוויקלען זיין דערפינדונג, איז, נאַטירלעך, געווען זייער צופרידן און ער האָט מאַריאַן האַרציק געדאַנקט פאַר איר שתדלנות.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר דערהאַלטן אַ פּאָר פריינדלעכע שורות פון רעקלין מיט דער פאַרבעטונג צוצוקומען צו אים. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין סעוור, ניט ווייט פון פּאַריז, און מיר ביידע האָבן זיך אין אַ שפּעטן אַפּריל־נאָכמיטאָג אַרויסגעלאָזט אויפן וועג אַהין. דאָס קליינע הויז, אין וועלכן ער האָט געוווינט, האָט זיך געפונען אין אַ שטילער געגנט און עס האָט געמאַכט אַ פריינדלעכן איינדרוק. רעקלי אַליין האָט פּאַר אונדז געעפנט די טיר און אונדז ביידן באַגריסט מיט דער שטילער האַרציקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנץ וועזן. ער האָט תּיכף אָנגעהויבן צו ריידן דייטש מיט אונדז. ער האָט די שפּראַך זייער גוט באַ־הערשט, מחמת ער האָט געהאַט געשטודירט אין דייטשלאַנד, און עס איז אים דעריבער אָנגעקומען גרינג צו ריידן מיט אונדז אין אונדזער לשון. מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען אין זיין אַרבעטס־צימער. דאָס איז געווען אַ שיינע ליכטיקע שטוב, אין וועלכן עס האָט אין איטלעכן ווינקל געהערשט אַ זויבערקייט און אַן אָרדענונג. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער גלאָבוס. די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט אַלערליי געאָגראַפישע מאַפּעס, צווישן וועלכע עס זיינען געשטאַנען אָנגעפּאַקטע ביכער־שאַפעס און פּאָליצעס. די ביידע שרייבטישן דאָרטן זיינען געווען באַלייגט מיט צייכענונגען, מעסט־אינסטרומענטן און שרייב־מכשירים. מען האָט זיך תּיכף גוט געפילט

אין דער דאָזיקער אָנגענומער שטוב, ווו עס האָט פון יעדן ווינקעלע אַרויס־געשטראַלט אַ היימישע וואַרעמקייט.

עליזעי רעקלי איז דעמאָלט געווען שוין אַ מאַן פון דריי און זעכציק יאָר, אָבער ער איז נאָך געווען היפש לייכט אויף זיינע פיס, און אַלע זיינע באַוועגונגען זיינען געווען גרינג און פריי. איך האָב געהאַט אזוי פיל געהערט וועגן דעם דאָזיקן זעלטענעם מענטש און איך בין געווען מיט זיינע שריפטן אַזוי גוט באַקאַנט, אַז עס איז פאַר מיר באמת געווען אַ באַזונדער געשעעניש אים פלוצים צו זען פאַר מיינע אויגן און זיך צוצוהערן צו זיינע רייד.

אויב עס איז אַמאָל געווען אַ מענטש אַ פולשטענדיק האַרמאָנישער, איז דאָס געווען עליזעי רעקלי. זיין טיפע מענטשלעכקייט איז געווען דער קענציייכן פון אַלע זיינע האַנדלונגען און זי האָט אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערע חתימה אויף זיין פערזענלעכקייט. די דאָזיקע טיפע מענטשלעכקייט האָט באַלד דערפילט יעדער איינער, וואָס איז מיט אים געקומען אַפילו אין דער גרינגסטער באַרירונג. אין דעם דאָזיקן מענטשן האָט די נאַטור געשאַפן אַן אינערלעך גלייכגעוויכט, וואָס מען געפינט זייער זעלטן ביי מענטשן, אַפילו זיין אויסערלעך אויסזען איז געווען האַרמאַניש מיט דעם, וואָס מען שטעלט זיך פאַר, אַז אַזאַ מאַן דאַרף אויסזען. זיין פרעכטיקער קאָפּ מיט די לאַנגע האָר, דער הויכער דענקערישער שטערן, די פיינגעשניצטע געזיכטשטריכן און די נשמהדיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַ סענסיטיווע גוטסקייט, וואָס לאָזט זיך תיכף דערפילן, הגם עס איז שווער זי צו באַשרייבן, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַן איינדרוק, וואָס קיינער, וועלכער האָט דעם דאָזיקן מאַן בלויז איין מאָל געזען, האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרגעסן. מען האָט ממשותדיק דערפילט די וואַרעמע מענטשלעכקייט, וואָס האָט פון דעם דאָזיקן מענטש אַרויסגעשטראַלט און איז טיף אַריינגעדרונגען אין אייער נשמה. איך גלייב קוים, צי עס איז אַמאָל געווען אַ מענטש, וועלכער זאָל האָבן עפּעס אויסצוזעצן קעגן רעקלין. דער איינציקער אויסנאַם איז אפשר געווען דער טרויעריק־באַרימטער פּראָקוראָר בולאָ, בעת דעם באַרימטן „פּראָצעס פון די דרייסיק" אין 1894, וועלכער האָט געוואָרפן עטלעכע גראָביונגערישע באַשולדיקונגען קעגן רעקלין, וועלכער איז אגב, גאָר ניט געווען דערביי. אָבער באַלד אויף צו מאָרגנס האָט כמעט די גאַנצע פראַנ־צויזישע פּרעסע שאַרף דערלאַנגט יענעם פּראָקוראָר פאַר באַליידיקן רעקלין.

נאָך דעם, ווי אַנהויזער האָט פאַר רעקלין פאַרגעלייגט זיינע צייכענונגען און אויפגעקלערט אים זיינע פּלענער, האָט רעקלי אים געשטעלט עטלעכע פראַגעס און ער האָט פאַר זיך פאַרשריבן עפּעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. דערנאָך האָט ער אים געזאָגט, אַז ער קאָן אים, נאַטירלעך, גאָר ניט צוזאָגן קיין שום באַשטימטס, אָבער אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר, אַז פון דעם ענין זאָל עפּעס אַרויסקומען, מחמת ער האַלט, אַז עס לוינט זיך אין דעם אַריינצולייגן אַ ביסל אַרבעט. ער גופא, האָט ער אונדז דערקלערט, איז גראָד איצטער ניט אין שטאַנד פערזענלעך עפּעס צו טאָן וועגן דעם, מחמת אין עטלעכע וואָכן אַרום מוז ער אָנהייבן אַ געאָגראַפישע נסיעה איבער דרום־אַמעריקע און ער איז איצטער שטאַרק פאַרנומען מיט די

נייטיקע צוגרייטונגען צו דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער רייזע. אָבער דאָך וועט ער דעם ענין איבעררײדן מיט זיין פּלימעניק פּאָל, וועלכער וועט בכלל קאָנען מער אויפטאָן אין שייכות מיט אָנהויזערס דערפינדונג ווי ער גופא, און ער, רעקלי, וועט אונדז שוין לאָזן וויסן וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם ענין.

מיר האָבן אים האַרציק באַדאַנקט. אָבער ווען מיר האָבן זיך געגרייט אַוועקצוגיין, מחמת מיר האָבן ניט געוואָלט אָוועקנעמען זיין טייערע צייט, האָט ער אונדז ניט געלאָזט גיין. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער האָט בכיוון זיך איבערגעלאָזט עטלעכע שעה, כדי צו קאָנען ריידן מיט אונדז דייטש, אַ זאַך, וואָס ער האָט ליב, אָבער ער האָט אַזוי ווייניק געלעגנהייטן דאָס צו טאָן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין מאַינץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט ווי אַ יונגערמאַן געהאַט באַזוכט מיין היימשטאָט נאָך איידער איך בין דאָרטן געבוירן געוואָרן. מיר האָבן געשמועסט וועגן דער יונגער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע דאָרטן, וועגן וועלכער ער איז, צו מיין איבעררעשונג, געווען גאַנץ גוט אינפאָרמירט. איך האָב אים אויך איבערגעגעבן וועגן אונדזער פּראָפּאַגאַנדע אין דעם דרום־מערבדיקן טייל פון דייטשלאַנד און אויך וועגן מיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן. און ווען איך האָב אים אין שייכות מיט דעם דערציילט וועגן דער געהיימער פאַרשפּרייטונג פון אונדזערע אויסלענדישע צייטשריפטן, האָט ער אַרויסגעוויזן דערביי אַ באַזונדערן אינטערעס, וואָרן ער פלעגט רעגולער לייענען די „פרייהייט" זינט איר גרינדונג. ער האָט נאָר באַדויערט וואָס יאָהאַן מאָסט האָט געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד, מחמת ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז פאַר אונדזער באַוועגונג געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. יאָהאַן מאָסטס „פרייהייט" איז, האָט עליזעי רעקלי געהאַלטן, אין אַ סך פּרטים דער בעסטער אָרגאַן אין אונדזער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. יאָהאַן מאָסט איז אַן אויסער־געוויינלעך באַגאַבטער פאָלקסשרייבער, האָט רעקלי אים געלויבט, ער פאַר־שטייט די קאָמפּליצירטסטע ענינים אויפצוקלערן אין אַ פאָלקסטימלעך לשון, אַזוי אַז איטלעכער לייענער זאָל דאָס קאָנען פאַרשטיין. אָבער דאָס איז אַ גרויסע קונסט, וואָס מען קאָן זיך ניט אויסלערנען, נאָר מען מוז מיט אַזאַ מין טאַלאַנט געבוירן ווערן.

טעאַריעס, האָט רעקלי געזאָגט, זיינען טאָקע נייטיקע זאַכן, בתנאי אַז זיי זאָלן גייסטיק כולל זיין אין זיך דאָס, וואָס דאָס פאָלק פילט. אָבער ביי אונדז ווערן די טעאָריעס אָפט דערפירט צו דאָקטרינערישע לערעס און זיי פאַרלירן טייל מאָל דעריבער זייער נאַטירלעכע ווירקונג. די „פרייהייט" איז צווישן אַלע אַנאַרכיסטישע צייטונגען אפשר דאָס איינציקע בלאַט, וואָס איז טראָץ איר לאַנגיאָריקער עקסיסטענץ געבליבן ניט דאָקטרינעריש. און טאָקע דעריבער איז זי נאָך תמיד לייענעוודיק און זי ווירקט אָנרעגנדיק.

אין שייכות מיט דעם פּרט האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם „פּער פּעינאַר" („האַרעפּאַשניק), דעם פאָלקסטימלעכן אָרגאַן פון די פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז, און איך האָב באַמערקט, אַז אָט דעם דאָזיקן אָרגאַן קאָן מען

דאָך זיכער ניט פאַרוואָרפן, אַז ער איז דאָקטרינעריש. דערויף האָט רעקלי לאַכנדיק געזאָגט, אַז זיכער קאָן מען ניט באַשולדיקן דעם דאָזיקן אָרגאַן אין דאָקטרינערישקייט. דער „פער פעינאַר" איז אָן שום ספק אַ זייער פאָלקסטימלעכע צייטשריפט, און מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע זיין דער־פאָלג. אָבער די דאָזיקע צייטונג באַשעפטיקט זיך בלויז, כמעט אויסשליסלעך, מיט ענינים פונעם טעגלעכן לעבן, און זי לייגט צו ווייניק אַכט און קיין שום וואָג ניט אויף דער גייסטיקער אויסבילדונג פון אונדזערע אידעען. אין פראַנקרייך, האָט רעקלי געהאַלטן, ווו אַ חוץ דער צייטשריפט „לע רעוואָלט" גייען נאָך אַרויס אַ היפּשע צאָל אַנדערע אַנאַרכיסטישע בלעטער, דערפילט „פער פעינאַר" אומבאַדינגט אַ וויכטיקע אויפגאַבע. אָבער אָן די אַנדערע צייטונגען וואָלט „פער פעינאַר" אַליין ניט געווען גענוג. אָבער יאָהאַן מאָסט האָט פאַרשטאַנען אין זיין „פרייהייט" ביידע זייטן פון אונדזער פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרבינדן אין איין צייטשריפט. און דאָס איז טאַקע זיין גרויסער אויפטו און פאַרדינסט. באַזונדערס האָט רעקלי זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּלויבן פון יאָהאַן מאָסטס שעפערישע שפּראַך־פעיִקייטן. די באַרייכערונג פון לשון איז צו אונדז געקומען דער עיקר דורך די עסטעטיקערס און ליטעראַטן. און היות זיי האָבן תמיד געוואָרצלט אין זייער אייגענער סביבה, האָט זייער ווירקונג שטענדיק אָנגערירט בלויז אַ קליינעם שיכט פון דער באַפעלקערונג. אין מאָסטן אָבער איז די פאַרשטעלונגס־קראַפט פונעם פאָלק לעבעדיק אזוי ווי ביי אַלע אמתע וואָרטבויערס און שפּראַכפאָרשערס. דעריבער דערגרייכט ער מיט זיין וואָרט ניט בלויז צום אויער, נאָר נאָך מער צום האַרץ פון דעם פשוטן מענטש. פאַר אַזאַ לערע ווי דער אַנאַרכיזם איז דאָס באַזונדערס וויכטיק. וואָרן עס איז דאָך געווען דאָס גרויסע פאַרדינסט פון די אַנאַרכיסטן, וואָס זיי האָבן אָנערקענט, אַז מען קאָן די מענטשן און זייערע געזעלשאַפט־לעכע באַציִונגען ניט אַריינקוועטשן אין פון פאָראויס באַשטימטע נאָרמעס, מחמת דער גרעסטער טייל פון אונדזערע לעבנס האָט זיך אַליין געשאַפן דורך כסדר זיך בייטנדיקע פאָרמעס, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן כדי צו באַ־פרידיקן די טאָג־טעגלעכע נויטן און אָנטקעגנצוקומען די טעגלעכע באַדער־פעניש. און דאָס אַלץ איז געשען דורך פריוווילליקע הסכמות און איז מיט דער צייט געוואָרן א געוווינהייט און אַ טייל פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. די כסדרדיקע שטערונגען פון דעם סאָציאַלן גלייכגעוויכט זיינען כמעט תמיד דער פועל יוצא פון פאַרכאַפּערישע פּריווילעגיעס און פון די מאַכט־אַפּעטיטן פון פּאַראַזיטישע מינדערהייטן. כדי דאָס אַלץ קלאָר צו מאַכן פאַר די פאָלקסמאַסן, מוז מען צו זיי ריידן מיט זייער לשון און זיך תמיד רעכענען מיט זייערע נאַטירלעכע געפילן און גייסטיקע השגות.

רעקלי האָט גוט געוווסט וועגן די גרויסע שוועריקייטן, מיט וועלכע די יונגע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָט זיך דעמאָלט געמוזט ראַנגלען. עס איז ניט גרינג, האָט ער געזאָגט, צו קעמפן קעגן די אַלטע טראַדיציעס פון אַ פאָלק, וואָס האָט די דאָזיקע מסורות טיף פאַראַנקערט אין זיין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. איך בין געווען ממש איבערראַשט פון רעקלי'ס גרויסער פאַרשטענדעניש פאַר דער דעמאָלטיקער לאַגע אין דייטש־

לאַנד. ער האָט בכלל געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן די דייטשן, און להיפוך צו מיינע אויסזעצונגען האָט ער געהאַלטן, אַז די דייטשע אַנאַרכיסטן מוזן פאַרבינדן זייערע באַשטרעבונגען מיט די צילן פון אַזעלכע דייטשע אויפ־קלערערס ווי לעסינג, הערדער און אַנדערע, וועלכע זוכן כסדר אונטערצו־גראָבן די שעדלעכע אויסווירקונגען פון דער פּרייסישער מלוכהשער ביוראָ־קראַטיע. רעקליס מיינונג איז געווען, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז די גרעסטע מחלה פון די זיגרייכע פעלקער, און אַז זיין ערגסטע השפעה באַשטייט אין דעם, וואָס עס שטופּט צוריק אַלץ, וואָס דער גרויסער פּעריאָד פון דער איראָפּעישער אויפקלערונג האָט שוין געהאַט פּראַקטיש אַדורכגעפירט נאָך שווערע פיאָנערישע אָנשטרענגונגען.

ווען מיר האָבן זיך ענדלעך געגרייט אַוועקצוגיין, האָט רעקלי אַריינ־געבראַכט פון אַ דערבייִיקן צימער די ערשטע פינף פיין איינגעבונדענע יאָרגענג פון דער „פרייהייט". ער האָט זיי מיר געגעבן מיט די ווערטער:

„נעמט דאָס, מיין יונגער פריינד. עס וועט אייך בעסער צונוץ קומען ווי מיר, ביי וועמען דאָס האָט דאָך שוין זיין ציל דערגרייכט".

איך האָב אים געדאַנקט מיט פריידיקער איבערראַשונג. יענע ערשטע יאָרגענג זיינען שוין דעמאָלט געוואָרן אַ יקר המציאות. איך האָב זיי קיין מאָל פריִער אין ערגעץ ניט געהאַט געזען. רעקלי האָט אונדז באַגלייט צו דער טיר, און ער איז מיט אונדז אויך מיטגעגאַנגען ביז צום וואָקזאַל, ווו מיר האָבן זיך מיט אים זייער פריינדלעך געזעגנט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער זיך טאַקע אַרויסגעלאָזט אויף זיין גרויסער נסיעה אין שייכות מיט דעם לעצטן באַנד פון זיין מאָנומענטאַל פילבענדיק געאָגראַפיש ווערק „זשעאָגראַפי איניווערסעל" („אוניווערסאַלע געאָגראַפיע"), וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אַ יחיד במינו.

איך האָב רעקלין פון יענעם וויזיט ביי אים געזען נאָך צוויי מאָל. איין מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין פּאַריז, קורץ פאַר זיין אָפּפאָר קיין בריסל, ווו ער האָט אין 1894 אָנגענומען דעם פּאָסטן פון פּראָפעסאָר פאַר פאַרגלייכנ־דיקער געאָגראַפיע; און דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען ביי אַ רעפעראַט אין לאָנדאָן. אָבער דאָס בילד פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן און אינטערעסאַנטן מענטש איז מיר תמיד געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. ער איז אָן שום ספק געווען איינע פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן, מיט וועמען איך האָב זיך געהאַט באַגעגנט אין מיין גאַנץ לעבן. ער איז געווען פון די מענטשן, וואָס דאָס לעבן ברענגט זיי אַרויס אַזוי זעלטן. ער איז געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע פאָרשטייערס פון אַ צייט, וואָס וועט ערשט קומען.

עליזעי רעקלי האָט אויפגעטאָן אַן אומגעהייער גרויס לעבנסווערק. זיינע צאָלרייכע געאָגראַפישע אַרבעטן האָבן אים פאַרשאַפט אַ נאָמען ווי דעם גרעסטן אויף דעם דאָזיקן געביט, און ער איז געווען באַרימט איבער דער גאָרער וועלט. אָבער דער דאָזיקער גרויסער געלערנטער מאַן האָט טראָץ זיינע אומגעווייִנלעכע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען און זיינע רייכע ליטעראַרישע דערגרייכונגען געמוזט אָפט זיך ראַנגלען מיט די טעגלעכע דאגות פּרנסה.

דאָס איז געווען דערפאַר ווייל עס האָט אים לחלוטין געפעלט דער חוש פאַר געשעפט. ער איז ביז צו זיין לעצטן אָטעם פאַרבליבן איינער פון די ערלעכסטע און גייסטרייכע פאַרקעמפערס פאַר דער סאָציאַלער באַפרייונג פונעם מענטשן. אין דעם דאַזיקן שווערן קאַמף איז פאַר אים קיין שום קרבן ניט געווען צו גרויס. ער איז געווען אַ פערזענלעכער פריינד פון באַקונינען, וועגן וועמען ער האָט תמיד גערעדט מיט גרויס דרך ארץ. ער האָט זיך אויך שטאַרק באַטייליקט אין די גרויסע קאַמפן פון דער פאַריזער קאָמונע. מען וואָלט אים דעמאָלט, נאָכן פאַלן פון דער פאַריזער קאָמונע, זיכער פאַרשיקט מיט די אַלע אַנדערע קאָמונאַרן קיין ניי־קאַלעדאָניע אויף קאַטאָרגע. נאָר דאָס אַריינמישן זיך פון אַ גרויסער צאָל געלערנטע און וויסנשאַפטלערס אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע האָט רעקלין געראַטעוועט פון קאַטאָרגע. אָבער אין גאַנצן פריי האָט מען אים דאָך ניט אַרויסגעלאָזט. נאָך אַ יאָר אָפּשמאַכטן אין תפיסה האָט מען אים אויף צען יאָר צייט אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך.

זיינע צאָלרייכע קלענערע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך לשונות, און זיי זיינען שוין געוואָרן דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. זיין ווערק פון אַ גרעסערן פאַרנעם, „ל'אָם ע לאַ טער" („דער מענטש און די ערד"), אין וועלכן ער גיט איבער אין זעקס גרויסע בענד די רעזולטאַטן פון זיינע פילע געאָגראַפישע און היסטאָרישע פאַרשונגען, איז איינס פון די פראָמינענטסטע שאַפונגען אויף דעם געביט פון דער פרייהייטלעכער באַטראַכטונג פון דער געשיכטע פון מענטש און וועלט. און דאָס דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק צייכנט זיך אויס מיט דער קלאָרקייט פון געדאַנק און מיט דער שיינקייט פון סטיל, וואָס גיבן צו אַזאַ אויסערגעוויינלעכן חן צו אַלץ, וואָס עליזעי רעקלי, האָט אָנגעשריבן אין זיין רייך שעפעריש לעבן.

די אַלטע הוגענאָטישע פאַמיליע פון די רעקליס אין פראַנקרייך איז בכלל געווען איינע פון די זעלטנסטע אין יענעם לאַנד. ניט בלויז האָט די דאָזיקע משפחה אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן ווי עליזעי און זיין פראָמינענטער ברודער עלי, ווי אויך די אַנדערע רעקליס, אָנעסים, פאָל און נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן אַזוי פיל אויפגעטאָן אויף אַלערליי וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע געביטן אין פראַנקרייך, נאָר זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט דער קעמפערישער אומאָפּהענגיקייט פון זייער טראַכטן און דער עיקר מיט אַ טיף אַנטוויקלט סאָציאַל געפיל פאַר יושר און אמתע פרייהייט. אַ סך פון זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג פון זייער לאַנד, און זיי האָבן אויך געמוזט טייער באַצאָלן מיט תפיסה־טערמינען און דורך ווערן פאַרפאָלגט מצד דער הערשנדיקער מאַכט. און קיין איינער פון זיי איז ניט געווען קיין רעאַקציאָנער. אין דער דאָזיקער גרויסער אויסערגעוויינלעכער משפחה האָט תמיד געהערשט אַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע פון ערלעכער איבערצייגונג, וואָס מען האָט כסדר געמוזט באַוווּנדערן. באַזונדערס האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין די דריי

בענד פון עליזעי רעקליס „קאָרעספּאָנדאַנס“ („בריוו“), וואָס זיינען פאַר־
עפנטלעכט געוואָרן נאָך זיין טויט. ווען מען לייענט אַדורך די דאָזיקע איג־
טערעסאַנטע בריוו צווישן אים און זיינע קרובים, מוז מען קומען צום אויספיר,
אַז אין דער משפחה רעקלי איז באמת ניט געווען קיין איינציקער „שוואַרצער
שעפּס.“

די געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן אין פראַנקרייך

מיין אויפהאַלטן זיך אין פּאַריז איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ זייער אומרויִקער צייט אין פראַנקרייך. עס האָט געקאָכט און געזאָטן און געצישעט זייער קריטיש אין דעם ריזיקן קראַטער פון דער רעוואָלוציע. אַלץ האָט בפירוש אָנגעוויזן, אַז עס רוקט זיך אָן אַ נייער אויסבראָך, וועמעס נאָכפאָלגן קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגן, אָבער וועמעס אָנקום ווערט פון כמעט אַלע שיכטן פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג באַטראַכט ווי אומפאַרמיידלעך. און ווי סימנים פונעם אָנקומענדיקן שטורעם האָבן אין משך פון צוויי יאָר צייט זיך געצויגן אַ היפשע צאָל רעוואָלוציאָנערישע אַקטן, איינער נאָכן אַנדערן, נאָך וועלכע עס זיינען געקומען מאַסן־אַרעסטן און אַ גאַנצע רייע פון סענסאַציאָנעלע פּאָליטישע פּראָצעסן. דאָס אַלץ האָט אָנגעיאָגט אַ פּחד אויף געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, בעת ביי אַנדערע האָט דאָס אַרויסגערופן אַן אומבאַגרענעצטע פרייד און גרויסע האָפענונגען. מען קאָן יענע געשעענישן היינט קוים פאַרשטיין, ווען מען לאָזט אַרויס פון אויג דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן הינטערגרונט זייערן.

די דריטע רעפּובליק האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ ניט צו פריילעכן צושטאַנד. זי איז לכתחילה געבוירן געוואָרן ניט אין קיין מזלדיקער שעה. זי איז געקומען אויף דער וועלט ווי אַ פּועל יוצא פון דער צווייטער פראַנ־צייזישער אימפּעריעס מיליטערישער מפּלה, און זי האָט אין זיך געטראָגן אַ ירושה, מיט וואָס קיינער האָט זי ניט געקאָנט מקנא זיין. זי האָט איר קיום באַפעסטיקט דורך שוידערלעך דערשטיקן די פּאַריזער קאָמונע, און דערמיט אַליין האָט זי זיך אָפּגעפרעמדט פון די ברייטע פראַנצייזישע פאָלקסמאַסן, וואָס וואָלטן דאָך יאָ געקאָנט ווערן אַ מעכטיקע שטיצע פאַר איר. דאָס בלוט פון פינף און דרייסיק אויסגעקוילעטע זין און טעכטער פונעם לאַנד און די ברוטאַלע רעאַקציע נאָך יענעם שוידערלעכן בלוטבאַד האָבן געהאַט אויס־געגראָבן אַ טיפן רויטן תהום צווישן די בירגערלעכע שיכטן פון דער באַ־פעלקערונג און די אַרבעטאַרערישע קלאַסן. און דער דאָזיקער תהום פון קעגנזייטיקער שינאה האָט ניט געקאָנט אַזוי גרינג אָנגעפילט ווערן. די פּאַריזער קאָמונע, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ פעדעראַציע פון פרייע געמיינדעס איבערן גאַנצן לאַנד און געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דער פּאָליטישער צענ־

טראַליזאַציע, האָט געצילט צו גיין אויפן וועג פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך און אַפילו אויך אין די צוויי אַנדערע לאַטייניש לענדער, אין איטאַליע און אין שפּאַניע, ווו עס האָבן שוין עקסיסטירט שטאַרקע ראַיאָנע פעדעראַליסטישע באַוועגונגען, וואָס זיינען געווען אין פולן הסכם מיט די באַשטרעבונגען פון דעם אויפגעשטאַנענעם פאָלק אין פּאַריז. אָבער נאָך דעם, ווי דער גורל פון דער פּאַריזער קאָמונע איז אַזוי ברוטאַל פאַרחתמעט געוואָרן אין דער בלוטיקער וואָך פון מאַי, 1871, איז שוין ניט געווען קיין אַנדערער אויסוועג ווי ווייטער צו ציִען די פּאָליטישע און סאָציאַלע טראַדיציעס פונעם לאַנד אויף אַן אַנדערן אופן.

אונטער די דאָזיקע אומשטאַנדן האָט אַפילו „די רעפּובליק פון די אַנשטענדיקע לייט" געמוזט תמיד זיין אויסגעשטעלט צו די סכנות, אין וועלכע אירע אייגענע שאַפערס און פאַרטיידיקערס זיינען זיך אַליין געווען שולדיק. און די גרעסטע סכנה איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע רעפּובליק איז תמיד געווען אָפּהענגיק פון דעם חסד און גענאָד פון דער פראַנצייזישער מיליטערישער פירערשאַפט. די דאָזיקע מיליטאַריסטן זיינען געווען ניט בלויז רעאַקציאָנעריש, נאָר אין זייער שויס האָבן זיך אויך אויסבאַהאַלטן די פינצטערסטע מאָנאַרכיסטן, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געקראָגן די פולע אונטערשטיצונג פונעם הויכן קאַטוילישן קלער און פון די באָנאַפּאַרטיסטישע און אָרלעאַניסטישע און אַנדערע לעגיטימיסטישע פּרעטענדירנדיקע יורשים צום פראַנצייזישן טראָן. דער גאַנצער פּעריאָד פון דער פּרעזידענטשאַפט פון מאַק מאַהאָנען איז געווען אַ לאַנגע קייט פון געפערלעכע קריזיסן, וואָס די מאָנאַרכיסטישע רעאַקציע האָט כסדר פּראָוואָצירט, כדי צו קאָנען געבן דער יונגער רעפּובליק ביי דער ערשטער געלעגנהייט דעם אמתן טויטקלאַפּ. בלויז דער אומגעריכטער טויט פון דעם דריטן נאַפּאָלעאָן אין ענגלאַנד האָט צעשטערט דעם שוין פאַרטיקן פּלאַן איינצופירן אין פראַנקרייך מיט דער הילף פון דער אַרמיי אַ נייע אימפּעריע. אָבער די אונטערערדישע רעאַקציאָנערישע מאַכינאַציעס זיינען אַלץ ווייטער אָנגעגאַנגען. דעם 16טן מאַי, 1877, האָט מאַק מאַהאָן געפּרובירט איינצושטעלן אַ נאַציאָנאַליסטישע דיקטאַטור אינעם לאַנד, וואָס זאָל זיין אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פונעם פּאַרלאַמענט. דער פּועל יוצא איז געווען די דעמיסיע פון סימאָנס מיניסטאַרן־קאַבינעט און אַן אומצוטרוי־אָפּשטימונג אינעם פּאַרלאַמענט קעגן דעם פּרעזידענט מאַק מאַהאָן. דערויף האָט מאַק מאַהאָן פונאַנדערגעלאָזט דעם פּאַרלאַמענט און דער נייער רעאַקציאָנערישער מיניסטאַרן־קאַבינעט פון בראָלין האָט בכיוון אָפּגעשלעפּט די נייע וואַלן אויף פינף חדשים צייט, כדי צו געבן די מאָנאַרכיסטישע און קלעריקאַלע רעאַקציאָנערן גענוג צייט אָנצופירן אַ שוידערלעכע העצע קעגן דער דריטער רעפּובליק. ווען די רעפּובליקאַנער האָבן דאָך בעת די וואַלן געקראָגן אַ היפּשע מערהייט, איז מאַק מאַהאָן שוין געווען געצוווּנגען צו רעזיגנירן, און ער האָט דאָס טאַקע געטאָן אין יאַנואַר פון 1879.

אָבער אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון דעם נאָכקומענדיקן פּרעזידענט גרעווי, האָט די מאָנאַרכיסטישע רעאַקציע זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. דער

פעריאָד פון דעם אַזויגערופענעם „בולאַנזשיזם" האָט געבראַכט דאָס לאַנד צום ראַנד פון אַ מיליטערישן פוטש. בלויז דער אומשטאַנד, וואָס בולאַנזשעי איז פּאָליטיש געווען אַ זעראָ און ער האָט זיך בכלל ניט אויסגעטויגט צו ווערן אַ דיקטאַטאָר, האָט דעמאָלט געהאָלפן פאַרמיידן אין פראַנקרייך אַ בירגערקריג, וואָס וואָלט זיכער געווען דערפירט צו דער אָפּשאַפונג פון דער דריטער רעפּובליק.

אַפילו די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דרייפוס־אַפערע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסע סענסאַציע און מיטגעצויגן מיט זיך אַזוי פיל קרייזן, צווישן דעם פראַנצייזישן פאָלק און דער אַרמיי אינעם לאַנד, האָט אויפגעדעקט בלויז אַ קליינעם טייל פון די שמוציקע מאַכינאַציעס פון דער פראַנצייזישער מיליטערישער פירערשאַפט, וועלכע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר די געמיינסטע פאַרברעכנס, כדי אַנצוהאַלטן איר רעאַקציאָנערישע פּאָזיציע אינעם לאַנד. די באַשיידענע רעפאָרמען אין דער אַרמיי, וואָס די רעגירונג האָט דעמאָלט, אונטערן דרוק פונעם פאָלק, געהאַט איינגעפירט, האָבן ניט אָנגערירט דעם רעאַקציאָנערישן גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן די שפּיצן פונעם גענעראַל־שטאַב, און דאָרטן האָט זיך גאָר ניט געענדערט. נאָר דורך דעם האָט זיך געלאָזט דערקלערן די שפּעטערדיקע שענדלעכע שטעלונג פון דער ווישי־רעגירונג, וואָס האָט געטרעמפּלט מיט אירע סאָלדאַטסקע שטיוול אויף אַלע טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנ־צייזישער רעוואָלוציע און האָט זיך אַזוי עקלדיק שקלאַפיש דערנידעריקט צו ווערן היטלערס אַ ווערקצייג. יעדער איינער, וואָס איז געווען נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון פראַנקרייך אין אונדזערע צייטן, האָט גע־וווּסט אַז די פּעטענס, די דאַרלאַנס, די וועיגאַנס און זייערע משרתים האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט די פאַשיסטישע רעאַקציע נאָך לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, און זיי זיינען תמיד גרייט געווען מקריב צו זיין דאָס אייגענע לאַנד אַבי צו דערגרייכן זייערע פינצטערע צילן.

נאָר דעמאָלט, ווען מען שאַצט ריכטיק אָפּ די פאַרהעלטענישן אין דער אַרמיי־פירערשאַפט און איר גורלדיקע שטעלונג אונטער דער דריטער רעפּובליק, קאָן מען משיג זיין דעם שענדלעכן אונטערגאַנג פון דער ביר־גערלעכער דעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך בעת דעם צווייטן וועלט־קריג. דאָס איז טאַקע אויך געווען אַן איבעריקער באַווייז פון דער טעותדיקער טעאָריע, וואָס איז באַזירט אויף דער איבערפלאַכלעכער השגה פון אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז די אַרמיי איז קיין מאָל ניט מער ווי אַ ווילדער ווערקצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן. שטאַרקע און גוט־דיסציפּלינירטע אַרמייען, אונטער דער אָנפירונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטאַריסטישער קאַסטע, זיינען זיינט תמיד אַן אַ סכנה פאַר די נאָרמאַלע אַנטוויקלונגען פון איטלעכן לאַנד. די מאַכט־אַפּעטיטן פון די פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן זיינען אַ שטענדיקע סכנה פאַר די פּאָליטישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונגען פון איטלעכן פאָלק. דער געדאַנק פון דעם ערשטן נאַפּאָלעאָן, אַז דער סאָלדאַט האָט פאַר זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו באַשטימען דעם גורל פון דער נאַציע דורך דעם, וואָס ער איז גרייט מיט זיין לעבן צו באַשיצן דאָס לאַנד, איז פאַר די

מיליטאַריסטישע אַוואַנטוריסטן פון כלערליי שאַטירונגען געוואָרן אַ זייער צוצ׳יענדיקער ציל, פאַר וועלכן אַ סך פעלקער האָבן גאַנץ אָפט געמוזט טייער באַצאָלן. וואָס טיפער אַ נאַציע ווערט פאַרפלאָנטערט אין די נעצן פונעם מיליטאַריזם, אַלץ גיכער דערנענטערט זי זיך צום טאָטאַלן שטאַט, וועלכער באַשטימט ווי אַזוי עס זאָלן לעבן ניט בלויז די אַרבעטער, נאָר אויך די קאַפּיטאַליסטן, און וועלכער ווערט סוף כל סוף פאַרוואַנדלט אין אַ סיסטעם פון מלוכה־קאַפּיטאַליזם.

עס איז דעריבער בכלל ניט קיין צופאַל וואָס פּאָליטיש באַוווסטזיניקע גענעראַלן פילן זיך תמיד צוגעצויגן צום געדאַנק פונעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם. זייער שטענדיקע געוווינהייט צו באַטראַכטן מענטשן ווי נשמהלאָזע פיגורן אויף אַ שאַכברעט, וואָס מוזן זיך באַוועגן לויטן ווילן פונעם מייסטער, פירט זיי מיט אַן אינערלעכער קאָנסעקווענץ צו קוקן אויף יעדן איינעם, וואָס וויל זיך באַוועגן לויט זיין אייגענעם ווילן, ווי אויף אַ באַדויערנדיקן שטערער, וועלכער מוז אומבאַדינגט באַזייטיקט ווערן, כדי צו קאָנען איינשטעלן די גאַנצע געזעלשאַפט אויף דער מדרגה פון אַ קאַזאַרמע. און אין אַזאַ מין קאַזאַרמע־מלוכה וועט איטלעכער בירגער שוין מוזן ווערן דאָס בלינדע ווערקצייג פון דעם מיליטערישן „העכערן ווילן״. די טרעגערס און וואָרט־זאָגערס פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט מעגן זיך גאַנץ פיין איינריידן, אַז אויפן סמך פון זייער עקאָנאָמישער סופּעריאָריטעט וועלן זיי תמיד זיין אין דער לאַגע אונטערצוואַרפן צו זייער ווילן די מיליטערישע פירערשאַפטן אין זייערע לענדער, אָבער זיי וועלן דאָך קיין מאָל ניט קאָנען פאַרמיידן, אַז אונטער געוויסע געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן זאָלן זיי אַליין, די קאַפּיטאַ־ליסטן גופא, ניט צעריבן ווערן אונטער די רעדער פון דער מיליטערישער מאַשין, וואָס זיי האָבן געשאַפן פאַר זייער אייגענער באַשיצונג. די דאָזיקע מאַשין, די דינערן פונעם קאַפּיטאַליזם, ווערט גאַנץ אָפט די הערשערין אויך איבער די קאַפּיטאַליסטן גופא. די שפּעטערדיקע מוראדיקע דערפאַרונגען אין דייטשלאַנד, פּוילן, איטאַליע, אונגאַרן, רומעניע, שפּאַניע און פראַנקרייך גופא, מיט זייערע מיליטערישע דיקטאַטורן, האָבן אַלע געריידט אַ צו קלאָר לשון, אַז מען זאָל ניט קאָנען פאַרשטיין זייער באַטייט און זייער וואָרענונג.

אָבער די דריטע רעפּובליק איז געווען אויסגעשטעלט ניט בלויז צו די סכנות פון די טונקעלע מאַכינאַציעס מצד דער מיליטערישער פירערשאַפט; זי איז אויך געוואָרן צעפרעסן פון אַן אינערלעכער קרענק, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ גרעסערער געפאַר ווי די אַלע אַנדערע סכנות. דאָס איז געווען די מאָראַלישע צעפוילטקייט, וואָס האָט געהאַט אָנגעגריפן די דריטע רעפּובליק, און וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ לאַנגער רייע פון די ערגסטע און מיאוסטע פּאָליטישע סקאַנדאַלן. די העכסטע כבוד־טרעגערס פון דער מלוכה זיינען אַריינגעשלעפט געוואָרן אינעם זומפּ פונעם מאָראַלישן פונאַנדערפאַל. דאָס האָט אונטערגעגראָבן דעם גאַנצן צוטרוי מצד דעם פאָלק צו זיינע רעגירערס. איין עפנטלעכער סקאַנדאַל האָט נאָכגעפאָלגט דעם צווייטן. די מיאוסע נאָכווייען פון איין עקלדיקער פאַסירונג האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעהיילט איידער עס זיינען שוין

אונטערגעקומען די סלוכן פון אַ נייעם שווינדעלעכן סקאַנדאַל, וואָס האָט ביים אויסברעכן אין דער עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען די צייט ווען פראַנקרייך איז ווי באַפאַלן געוואָרן פון אַ סאָציאַלער צרעת און פון אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרפוילטקייט, וואָס האָט זי געהאַלטן ביים גאַרגל ווי צום דערשטיקן. פאַר יענעם סאָציאַלן מצב האָט זיך טאַקע גוט צוגעפּאַסט גוסטאַוו פלאָבערס טרעפלעכער זאָג: „מיר טאַנצן ניט אויף קיין ווולקאַן, נאָר אויפן צודעק פון אַ בית הכיסא...״

און עס איז פאַקטיש טאַקע געווען ניט אַזאַ שיינע מעשה ווען דער פּרעזידענט גרעווי איז געווען געצוווּנגען צו רעזיגנירן, מחמת זיין איידעם, ווילסאָן, איז געוואָרן עפנטלעך פאַרמשפּט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַר שווער געלט פאַרקויפט פלעצער אין דעם פראַנצויזישן ערנלעגיאָן צו כלערליי פאַרשוינען, וואָס האָבן דעם לאַנד קיין שום כבוד ניט געהאַט געבראַכט, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן חשק צו קריגן דעם אָנגעזעענעם טיטול פון ערנלעגיאָנער. און זיי האָבן געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר דער צופרידנשטעלונג פון אַלע זייערע אַפּעטיטן. הגם די אַזויגערופענע „ווילסאָן־אַפערע״ איז קיין מאָל ניט אויפגעדעקט געוואָרן מיט אַלע אירע מיאוסע איינצלהייטן, האָט דאָך קיינער ניט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז אַ קליינע קליקע פון פּיפּיקע געשעפטסלייט און פּאָליטיקערס האָבן אין משך פון יאָרן אָנגע־טריבן אַ פּראָפיטירנדיקן מסחר מיט פראַנקרייכס העכסטע ערנפּאָסטנס, און דערביי האָבן זיי אויסגענוצט זייערע קרובישע באַציִונגען מיט די העכסטע כבוד־טרעגערס פון דער רעפּובליק פאַר זייערע אייגענע אומזויבערע צוועקן.

גרעוויס דעמיסיע האָט דערפירט צו דער אויסוויילונג פון סאַדי־קאַרנאָ, ווען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו ראַטעווען די רע־פּובליק פון די אַטאַקעס מצד דעם בולאַנזשיזם און אויסצוקערן דעם גאַנצן מלוכה־שטאַל פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח ניחוח, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פאַרפּעסטן דאָס עפנטלעכע לעבן אינעם לאַנד. אָבער דאָס איז געווען אַ ריזיקע אויפגאַבע, און דער נייער פּרעזידענט קאַרנאָ איז ניט געווען קיין הערקולעס; ער איז געווען אַ מיטלמעסיקער פּאָליטיקער, וועלכער איז טאַקע דערפאַר אויסגעוויילט געוואָרן. ער איז געווען ניט מער ווי אַ ווערקצייג אין די הענט פון אַן איינפלוסרייכער קאַסטע, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער אונטערדריקונג פון דער בולאַנזשיסטישער באַ־וועגונג, מחמת די דאָזיקע קאַסטע האָט געפילט, אַז אירע אייגענע פּריווילע־גיעס שטייען אין אַ סכנה, אָבער עס איז איר בכלל ניט געגאַנגען אין לעבן אָפּצושטעלן דעם אינערלעכן צעפאַל, ביי וואָס זי האָט צום בעסטן געקאָנט געדייען.

בולאַנזשעי איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרמיי. ער איז אַנטלאָפן מיט כאַשפּאָרן און מיט דיאַנען און מיט אַ צאָל אַנדערע מיליטערישע פירערס קיין בעלגיע. דאָרטן האָט ער מיט אַכצן חדשים שפּעטער זיך גענומען דאָס לעבן. די אינערלעכע צעפוילטקייט אין פראַנקרייך איז אָבער ווייטער אָנגע־גאַנגען און זי האָט דערגרייכט גראַד אונטער קאַרנאָס רעגירונג צו אַזאַ מדרגה, ווי קיין מאָל ניט פריִער. עס איז פּשוט אוממעגלעך אויסצורעכענען

די אומצאָליקע קליינע אינטריגעלעך און קליינלעכע קאָנספּיראַציעלעך און בלויז זיי אָנצורופן ביי די נעמען, מיט וועלכע זיי זיינען געוואָרן באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט. ווער עס איז געניויער פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון קליינלעכע סקאַנדאַלן, קאָן זיי געפינען אין די יאָרביכער פון אַ. האַמאַן און מ. ג. באַשאַ, אונטער דעם טיטול: „לאַ פראַנס סאָסיאַל ע פּאָליטיק". דאָרטן האָט מען געהאַלטן אַ געניויעם בוכהאַלטערישן חשבון וועגן דעם אַלעם.

נאָך דער אויפדעקונג פון די קלעפּיקע מאַכינאַציעס פון די באַנקן „קרעדי פאָנסיעי" און „קאָנטואַר ד'עסקאָנט", דורך וועלכע די קאָרפּנקעפּ פון די פּאַריזער ריכטערס זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן עולם ווי הפקרדיקע הולטייעס, איז גלייך געקומען דער עיפּושדיקער מבול פונעם פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל און האָט פאַרפּלייצט דאָס גאַנצע לאַנד. דער דאָזיקער רינשטאָקישער סקאַנדאַל האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע פראַנצייזישע עפנטלעכע לעבן מיט דער נבלהדיקער געסרחהּ פון מאָראַלישער צעפוילונג. מען האָט געמוזט יענע צייט אַליין דורכלעבן, כדי צו האָבן אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג אין וואָסערע טיפע אָפּגרונטן עס איז אַריינגעשליידערט געוואָרן דעמאָלט די גאַנצע פראַנצייזישע געזעלשאַפט דורך יענעם ריזיקן שווינדל און אָפּנאַרערישער אָפּערע. איינע פון די אָנגעזעענסטע בירגערלעכע פּאַריזער צייטונגען האָט דעמאָלט געשריבן: „עס איז געווען אַ גרויסער שטורעם. אָבער דאָס וואָס עס האָט אַראָפּגענידערט פונעם הימל, איז ניט געווען קיין גאָסרעגן, נאָר אַ מבול פון צואה..."

אַז דער דאָזיקער סקאַנדאַל מיט דעם אומגעהייער ריזיקן שווינדל האָט געקאָנט אָנגיין אין משך פון צען יאָר צייט אָן דעם, אַז ער זאָל אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט, איז נאָר געווען מעגלעך דורך דעם, וואָס זיינע מאַכערס זיינען אַלע גוט געדעקט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער רעגירונג גופא. אין 1878 האָט אַ פראַנצייזישע געזעלשאַפט אַרויסגעקראָגן פון דער רעגירונג פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנישער רעפּובליק קאָלאָמביאַ אַ דער־לויבעניש צו בויען אַ קאַנאַל דורך דעם שמאָלן פּאַס לאַנד, וואָס הייסט פּאַנאַמאַ. אַזאַ קאַנאַל האָט פאַר דעם שיפספאַרקער דעם זעלביקן באַטייט וואָס דער סועץ־קאַנאַל. די אויסזיכטן, אַז אַזאַ מין קאַנאַל וועט קאָנען אַריינברענגען אַ סך רווחים, האָט באַוויזן הונדערטער טויזנטער פראַנצויזן אַריינצוברענגען זייערע קליינע אָפּשפּאָרונגען אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געזאָלט בויען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. עס איז דעריבער געווען אַ שווערער קלאַפּ ווען די פּאַנאַמאַ־געזעלשאַפט האָט אין 1889 אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון גראָבן דעם דאָזיקן קאַנאַל, מחמת זי האָט ניט געהאַט גענוג געלט צו פאַרענדיקן די אַרבעט. אָבער אַפילו נאָך דעם האָט נאָך געדויערט גאַנצע דריי יאָר ביז די אמתע סיבות זיינען אויפגעדעקט געוואָרן און די גאַנצע וועלט האָט פּלוצים דערזען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ גיגאַנטישן שווינדל און וועגן אַן אָפּ־נאַרעריי מיט צענדלינגער טויזנטער קרבנות, די מערסטע פון זיי קליינע אינוועסטירערס. דער פאַקט, וואָס פון אַ ביליאָן מיט 340 מיליאָן פראַנק האָט מען אויסגעגעבן פאַר דער אַרבעט פון גראָבן און בויען דעם פּאַנאַמאַ־

קאַנאַל בלויז 560 מיליאָן פראַנק, אַ סך ווייניקער ווי אַ העלפט פון דעם געלט, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט קלאָר באַוויזן, אַז יענער אומגעהייער גרויסער שווינדל האָט אַזוי לאַנג געקאָנט בלייבן אומאויפגעדעקט נאָר דער־פאַר, ווייל די שווינדלערס האָבן פאַר גוט געלט זיך געהאַט באַצייטנס איינגעקויפט דאָס שוויגן פון די באַקאַנטע רעגירונגס־פּאַרטרעטערס, ווע־מעס אויפגאַבע עס איז גראָד געווען צו האַלטן אַן אויג אויף די מאַכערס, אַז זיי זאָלן ניט באַשווינדלען דעם עולם, וואָס האָט אַהיינגעבראַכט זיינע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע פראַנקען. עס האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, אַז געוועזענע מיניסטאָרן און אַ גאַנצע רייע געזעצגעבערס זיינען געווען טיף פאַרוויקלט אין דעם פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל. און הגם מען האָט אַפילו אין דעם דאָזיקן סקאַנדאַל אויפגעדעקט אַלע קונצן, וואָס עס זיינען גענוצט געוואָרן אין דעם גרויסן שווינדל, זיינען דאָך קאַפּויער געקומען אַזוי פיל פאַלן פון כּאַבאַר, אינטריגעס, קאָנספּיראַציעס און אָפּנאַרערישע מאַכינאַציעס, וואָס מען האָט דאָס ביז דעמאָלט קיין מאָל פריִער אין ערגעץ ניט געהאַט געזען.

די מאָראַלישע אויסווירקונג פון יענע געשעענישן איז געווען אומבאַ־שרייבלעך. קיין שום רעוואָלוציאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט דאָך קיין מאָל ניט געקאָנט אויפטאָן דאָס, וואָס די שענדלעכע גניבות פון די פּאַנאַמאַ־מאַרעוויכערס האָבן געהאַט אויפגעטאָן. ניט בלויז איז די פּערזענלעכע ערע פון אַזוי פיל „שיינע באַלעבאַטים“ געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט, נאָר דער גאַנצער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם מיט די אָפּנאַרערישע גזלנטע־מאַכערס האָט באַקומען אַ שווערן קלאַפּ. קיינער האָט מער ניט געוואָלט גלייבן אין דער ריינקייט און אין דער ערלעכקייט פון די אַזוי־גערופענע פאָלקס־פאַר־טרעטערס. די דריטע רעפּובליק האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין צו גוטן נאָמען ביי די פאָלקסמאַסן. אָבער דער פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל האָט איר שוין דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז זי האָט אין גאַנצן פאַרלוירן דעם אָנזען אין די אויגן פונעם פאָלק. דער אַלגעמיינער אומצוטרוי, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע נאַציע, האָט צעשטערט דעם באַוווסטזיין פון יושר און האָט זיך פאַרברייטערט איבערן לאַנד ווי א קריכנדיקע עפּידעמיע. אַ טיפער ווידער־ווילן, אויב ניט אַן אָפענע פּראָטעסטירונג, קעגן די שענדלעכע מעשים פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקערס איז געקומען צו אַן אָפענעם אויסדרוק אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צום בולטסטן האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין דער ליטעראַטור און אין דער זשורנאַליסטיק. די דאָזיקע פּאַראַכטונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין די ווערק פון זאָלאַ, פראַנס, מירבאָ, אַדאַם, דאַריאָן, באַרעס, דעקאַוו, לעמאַניעי, רעטעי, טאַיאַד, מאַקלעיר, ווערידאַ, און פון אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע פאַרטרעטערס פון דער פראַנצייזישער ליטע־ראַטור אין יענער צייט. די זעלביקע פאַראַכטונג קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקערס האָט אויך אַרויסגערעדט דורך די מאָלערייען און צייכענונגען פון אַזעלכע קינסטלערס ווי, סטיינלען, ליס, איבעלס, וויאָן, וועבער, וויעט, גראַנזשואַן, מאָרען, הערמאַן־פּאָל, און אַנדערע. אין זייערע דעמאָלטיקע ווערק איז דאָמיעס רעבעלישער גייסט אויפגעשטאַנען צו תחית המתים און ער

האָט מיט דער גאַנצער שניידיקער שאַרפקייט ווידער אַמאָל באַוויזן זיין שטאַרקן כוח.

אין די רייען פון דער פראַנצייזישער אַרבעטערשאַפט איז דעמאָלט שוין זינט לאַנג אָנגעגאַנגען אַ טיפע יערונג, אַ שטילע ברויזונג, וואָס איז דורך די כסדרדיקע סקאַנדאַלן פון דער בירגערלעכער רעפּובליק געוואָרן נאָך שאַרפער און ברויזנדיקער. עס זיינען שוין ניט געווען קיין סך אַרבעטער אינעם לאַנד, וואָס האָבן נאָך געגלייבט אין אַ פרידלעכן אויסגלייך פון די שרייענדיקע געזעלשאַפטלעכע סתירות. די האָפענונג צו קאָנען דורך דעם דרוק פון די ווילערס אַדורכפירן יסודותדיקע סאָציאַלע געזעצן, וואָס זאָלן פאַרבעסערן די לאַגע פונעם אַרבעטער, האָט שוין געהאַט פאַרלוירן איר צוציִונגס־קראַפט, און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ דערשטיקטער צאָרן, וועלכער האָט געזען בלויז אין אַ געוואַלדיקן אויפשטאַנד דאָס איינציקע מיטל ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם אינערלעכן מאָראַלישן חורבן און פירן דאָס לאַנד צו אַ בעסערער צוקונפט. די דאָזיקע שטימונג האָט אַריינגעדרונגען טיף אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, הגם דאָס איז אָפט געשען קעגן דעם ווילן פון די פירערס פון אויבן. דער גלויבן אינעם דער־פאָלג פון אַ פאַרלאַמענטאַרישער מיטאַרבעט מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זיין כישוף. די אַזויגערופענע „אַלעמאַניסטן“, פון דער „פּאַרטי אואווריער סאָסיאַליסט רעוואָלוסיאָנעיר“ (סאָציאַליסטיש רעוואָלוציאָנערישע אַרבעטער־פּאַרטיי“), האָבן שוין געהאַט אין גאַנצן אויף געגעבן זייער פאַרלאַמענטאַרישע מיטאַרבעט, און זיי האָבן גערעדט וועגן שאַפן רעוואָלוציאָנערישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט סאָציאַליסטישע צילן אין אויג. ענלעכע באַשטרעבונגען האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די רייען פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, הגם ניט תמיד מיט דער זעלביקער שאַרפקייט און קלאָרקייט פון געדאַנק.

די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו דערפילן דעם וואַקסנדיקן צאָרן פונעם פאָלק, און זי איז טאַקע דעריבער געוואָרן אומרויִק. וואָרן זי האָט דאָך ניט געקאָנט קעגנווירקן דעם דאָזיקן צאָרן מיט וואָסער עס איז מאָראַלישער השפּעה. די דריטע רעפּובליק האָט געהאַט געביטן אירע מיניסטאָרן אַזוי אָפט אָן צו דערגרייכן וועלכע עס איז בעסערע רעזולטאַטן, אַז אַפילו אַ בלינדער האָט מיט דער צייט געמוזט איינזען, אַז די צרה איז געלעגן פאַר־וואָרצלט אַ סך טיפער, אַזוי טיף, אַז מען האָט זי ניט געקאָנט באַזייטיקן בלויז דורך אַן איבערבייט פון מיניסטאָרן. גראָד די דאָזיקע הילפלאָזיקייט האָט אָוועקגערויבט פון דער רעגירונג איר גאַנצן מאָראַלישן פּרעסטיזש. שוואַכקייט אין האַנדלונגען אָבער איז תמיד דער סימן מובהק פון אַן אָנקומענ־דיקן פּחד, וואָס ווערט כסדר גרעסער וואָס מער עס וואַקסט די מאַכטלאָזיקייט. די מורא ווייסט בלויז פון איין אויסוועג: די ברוטאַלע געוואַלד ווי דאָס לעצטע רעטונגסמיטל. וואָס מער די רעגירונג האָט פאַרלוירן איר מאָראַלישן אָנזען אין די אויגן פונעם פאָלק, אַלץ גרינגער איז פאַר איר געוואָרן צו רודפן אירע קעגנערס, כדי מיט געוואַלד צו דערגרייכן דאָס, וואָס זי האָט ניט געקאָנט געווינען דורך אַן ערלעכער עטישער השפּעה.

אָבער אַזאַ מין מצב קאָן לאַנג ניט אָנהאַלטן, וואָרן גאָר ניט רייצט אַזוי אויף דעם מענטש צו ברעכן דאָס געזעץ, ווי זיין באַליידיקט געפיל פאַר יושר. אַפילו די מורא פאַר דער רעאַקציע פאַרלירט צו ביסלעך איר קראַפט און זי פירט די פאָלקסמאַסן פריִער אָדער שפּעטער צו אַן אָפענעם ווידערשטאַנד. נאָך דער בלוטיקער דערשטיקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע און נאָך דער ברוטאַלער פאַרשיקונג פון אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערן קיין ניי־קאַלעדאָניע איז די רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונג געווען אין גאַנצן אָפּגע־שוואַכט, און אין משך פון יאָרן האָט זי געהאַט פאַרלוירן יעדע פעִיקייט צו וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. אָבער דאָס האָט זיך מיט דער צייט דאָך געענדערט, וואָרן די פאַרהעלטענישן גופא האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די אַרבעטנדיקע מאַסן זאָלן אָנגעפילט ווערן מיט אַ נייעם סאָציאַלן צאָרן. די דריטע רעפּובליק האָט לגמרי ניט געטאָן צו פאַרבעסערן די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די אַרבעטער. זי האָט אַפילו צוגע־נומען פון די אַרבעטער די רעכט, דורך וועלכע זיי אַליין וואָלטן געקאָנט פּרובירן צו פאַרבעסערן זייער טרויעריקן מצב דורך אויסקעמפן פאַר זיך בעסערע אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען. די רעפּובליק האָט געהאַט איבער־גענומען פון דער אימפּעריע די אַלע אַנטי־אַרבעטאַרערישע געזעצן און די פאַרבאָטן קעגן אָרגאַניזירן זיך, און זי האָט אַפילו ניט געטראַכט וועגן מאַכן ענדערונגען לטובת די אַרבעטער אין די דאָזיקע געזעצן.

ביז צום יאָר 1884 איז פאַר די פראַנצייזישע אַרבעטער געווען געזעצלעך פאַרבאָטן צו גרינדן גרעסערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָרן דאָס געזעץ האָט בפירוש פאַרבאָטן איטלעכע פאַראייניקונג פון מער ווי צוואַנציק מענטשן און עס האָט ניט אָנערקענט קיין שום לעגאַלע פאַרטרעטערשאַפט פון וועלכער עס איז אַרבעטאָרערישע אָרגאַניזאַציע. ערשט נאָך דער דעמיסיע פון דעם פּרעזידענט מאַק מאַהאָן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פון אַ נייער אויפלעבונג ביי דער פראַנצייזישער אַרבעטערשאַפט. די אַרבעטער האָבן זיך מער ניט געהאַלטן שטרענג לויטן געזעץ און זיי האָבן זיך פאַר־אייניקט אין גרעסערע פאַרבאַנדן. אַפילו די שווערסטע פאַרפאָלגונגען און שיקאַנעס האָבן איצטער שוין מער ניט געקאָנט אָפּשטעלן די דאָזיקע אַנט־וויקלונג. צום סוף האָט די רעגירונג, ווערנדיק אַוועקגעשטעלט דורך די אַרבעטער פאַר געשעענע פאַקטן, ענדלעך געמוזט באַשליסן איינצופירן ענדע־רונגען אין די אַלטע אַנטי־אַרבעטאָרערישע געזעצן און אָנערקענען ווי לעגאַל די עקסיסטירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אָן דעם כסדרדיקן און עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצד די אַרבעטער וואָלט די רעפּובליקאַנישע געזעצגעבונג קיין מאָל ניט געענדערט געוואָרן לטובת די אַרבעטער. דאָס נייע געזעץ פון 1884 האָט נאָך אַלץ איבערגעלאָזט געוויסע פענטעס אויף דעם אַרבעטערס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך, אָבער דער אַרבעטער האָט דאָך שוין געהאַט אויסגעקעמפט פאַר זיך באַשטימטע רעכט מיט זיין אייגענעם כוח, און די שענדלעטע ירושה, וואָס די דריטע רעפּובליק האָט געהאַט אַן שום חרפה איבערגענומען פון נאַפּאָלעאָנען, איז ענדלעך באַזייטיקט געוואָרן.

אָבער נאָך דעם, ווי די געזעצגעבערס האָבן געמוזט נאָכגעבן די אַרבע־

טער דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן, האָבן זיי כסדר נאָך אַלץ געפּרוּווט די דאָזיקע רעכט אויף איטלעכן אופן צו באַגרענעצן. דאָס הפקרדיקע אַריינמישן זיך מצד דער פּאָליציי ביי די מינדסטע קאַמפן פאַר אַ העכערן אַרבעטסלוין האָט קלאָר געוויזן, אַז די רעגירונג זוכט אָפּצוסטראַשען די אַרבעטער אין זייערע ראַנגלענישן פאַר זייער טעגלעך שטיקל ברויט, און אַז זי פּרובירט נאָך אַלץ צו האַלטן די אַרבעטער אין די אַלטע פּענטעס. אין אַזאַ אויפגע־רודערטער צייט אָבער האָבן די כסדרדיקע פּאָליציייִשע אַטאַקעס אויף די שטרייקנדיקע אַרבעטער געמוזט דערפירן צו פונקט די היפּוכדיקע רעזולטאַטן, ווי די וואָס די רעגירונג האָט געהאַט דערוואַרט. די אָפטע צוזאַמענשטויסן צווישן די קעמפנדיקע אַרבעטער מיט די „קאָזאַקן פון דער רעפּובליק”, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די רעפּובליקאַנישע פּאָליציאַנטן, זיינען געווען כסדרדיקע עדות, אַז דעם פראַנצייזישן אַרבעטערס קעמפערישקייט וואַקסט.

דעם 1טן מאַי, 1891, זיינען אין ליאָן, מאַרסעי, נאַרבאָן, שאַרלוויל, נאַנט, קאַלעי, סאַן קענטין, באָרדאָ, און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט, פאָרגעקומען גרעסערע שטרייקן. די צוגרייטונגען, די רעגירונג האָט געהאַט אַדורכ־געפירט, האָבן בפירוש געוויזן, אַז מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַן אַרויסרופערישן מאַכטפאַרמעסט. אין עטלעכע שטעט איז תיכף דערקלערט געוואָרן אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און די אויפהאַלטונג פון דער עפנטלע־כער אָרדענונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער אַרמײ. עס איז דערביי געקומען צו שענדלעכע סצענעס פון ברוטאַלער געוואַלד און פון פּילצאָליקע אַרעסטן. אין דעם שטעטל פורמי אָבער האָט די הפקרדיקע בלוטבאָד, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון צאָרן איבערן גאַנצן לאַנד, און זי האָט אַריינגעטריבן די רעגירונג גופא אין אַ גרויסער צעטומלעניש.

פורמי איז אַ קליין שטעטל אין דעם גרויסן אינדוסטריעלן געביט פון צפון־פראַנקרייך. די אַרבעטער דאָרטן האָבן געלעבט אונטער קלאָגעדיקע פאַרהעלטענישן, סיי ביי דער אַרבעט און סיי אין זייערע וווינונגען. דעם 1טן מאַי זיינען די שפּינערס און די גלאָזבלאָזערס אַרויס אין אַ שטרייק פאַר העכערע לוינען און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דאָס האָט דעם פּאָלי־צייִשן אונטערפּרעפעקט פּ. איסאַאַק, אין דער דערבייִיקער שטאָט אַווען, אַריינגעבראַכט אין אַזאַ גרויסן גרימצאָרן, אַז ער האָט געשיקט קיין פורמי אַזש אַ גאַנצן רעגימענט פיעכאָטע, כדי דאָרטן צו ראַטעווען די אָרדענונג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סכנה. דער דאָזיקער חוצפּהדיקער פּאָליצייִשער אַרויסרוף האָט גורם געווען ביי דער באַפעלקערונג גרויס פאַרביטערונג, וואָס איז געוואָרן נאָך שאַרפער נאָך דעם, ווען אַ היפּשע צאָל שטרייקערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דער בירגערמייסטער גופא האָט אָפן דערקלערט, אַז עס איז ניט געווען קיין שום גרונט פאַר וואָס מען האָט די דאָזיקע אַרבעטער אַרעסטירט, און ער האָט צוגעזאָגט די שטרייקערס, אַז די אַרעסטירטע חברים זייערע וועלן באַלד ווערן אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ. האָט זיך באַלד פאָרמירט אַ מאַרש פון שטרייקערס, מיט אַ 19יאָריקן אַרבעטער אין דער שפּיץ. און געטראָגן האָט דער פירער פון יענעם מאַרש ניט קיין רויטע פאָן, חלילה, נאָר דווקא די דריי־קאָלירטע פאָן פון דער רעפּובליק. מאַרשירט

האָבן יענע שטרייקערס צום שטאָטראַט, כדי דאָרטן אויפצונעמען זייערע באַפרייטע חברים, וואָס דער בירגערמייסטער האָט געהאַט צוגעזאָגט זיי אַרויסצולאָזן. אָבער איידער זיי זיינען צוגעקומען צום מאַגיסטראַט, האָבן סאָלדאַטן און זשאַנדאַרן זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

ווי תמיד ביי אַזעלכע געלעגנהייטן איז אויך דאָ געקומען צו קליינע צוזאַמענשטויסן. אָבער פלוצים האָט דער מאַיאָר שאַפּי געגעבן אַ באַפעל צו זיינע סאָלדאַטן צו שיסן אויף די אַרבעטער. דער פועל יוצא איז געווען אַ שוידערלעכער. ווען די סאָלדאַטן האָבן נאָך עטלעכע סעקונדן אָפּגעשטעלט זייער פייער, זיינען אויפן פלאַץ געלעגן צען טויטע שטרייקערס און איבער פערציק פאַרוואונדעטע, צווישן זיי יונגע מיידלעך און אויך מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט. די מערסטע קרבנות זיינען געווען יוגנטלעכע, אונטער צוואַנציק יאָר אַלט. צווישן די פאַרוואונדעטע האָט זיך אויך געפונען אַ 2־יאָריק קינד. צווישן די דערשאָסענע זיינען געווען צוויי קינדער, איינער פון עלף יאָר און דער צווייטער דרייצן יאָר אַלט. דער פאַקט, אַז דער מאַרש פון די שטרייקערס איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון יונגע מיידלעך און קינדער, האָט קלאָר באַוויזן, אַז די אַרבעטער האָבן דאָ זיך ניט געגרייט אויף קיין שום געוואַלד־מעשים.

ווען די פּרטים פון דער דאָזיקער בלוטיקער שחיטה זיינען באַקאַנט געוואָרן איבערן לאַנד, האָט זיך ביים גאַנצן פראַנצייזישן פאָלק אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי פון צאָרן און פיין. ניט בלויז די רעוואָלוציאָנערישע פּרעסע איז אַרויס מיט שטאַרקע אַטאַקעס אויף דער רעגירונג, נאָר אַפילו די גרעסטע בירגערלעכע טעגלעכע צייטונגען אין פּאַריז און אין די גרויסע פּראָווינץ־שטעט האָבן ביטער אינקרימינירט און באַשולדיקט די מיליטערישע אינ־סטאַנצן אין פּשוטן מאָרד, און זיי האָבן אַלע געפאָדערט אַ גרינטלעכע אונ־טערזוכונג פון די שוידערלעכע געשעענישן. אינעם פּאַרלאַמענט גופא איז געקומען צו גרויסע קריגערייען און זידלערייען. דער דעפּוטאַט גראַנזשעי האָט אָנגערופן דעם פּרעמיער־מיניסטער קאָנסטאַן מיטן נאָמען: „מערדער פון אַרבעטער!" אַ צווייטער דעפּוטאַט, ע. ראַש, וועלכער איז תיכף אַוועק קיין פורמי, כדי אויסצוגעפינען דעם אמת פון די בלוטיקע געשעענישן גלייך אויפן אָרט, האָט דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ קאַלטבלוטיק געפּלאַנטן מאַסנמאָרד מצד דער אַרמיי, און אַז דער גאַנצער פּאַרלאַמענט, אויב ער איז טאַקע די פאַרטרעטערשאַפט פונעם פאָלק, האָט דעם חוב „זיך אָנצונעמען פאַר די דערמאָרדעטע און צו זען, אַז די מערדערס זאָלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף."

די טיפע אויפגעבראַכטקייט ביים פאָלק האָט דערגרייכט זיין הויכפּונקט, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט דעם 4טן מאַי, כדי צו ראַטעווען קאָנסטאַנס מיניסטאָרן־קאַבינעט, אָפּגעוואָרפן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע אינטערפּעלאַציע צו דער רעגירונג מכוח די געשעענישן אין פורמי און זיך באַגנוגנט מיט אַ גאָר ניט זאָגנדיקער רעזאָלוציע, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פּאַרלאַמענטס מיטגעפיל ניט בלויז צו די אַרבעטער נאָר אויך צו דער אַרמיי, און האָט אויך

צוגעזאָגט אויף להבא אַדורכצופירן אויף אַ פרידלעכן אופן סאָציאַלע רע־פאָרמען לטובת די אַרבעטער. די דאָזיקע היפּאָקריטישע רעזאָלוציע האָט געפירט אינעם פּאַרלאַמענט צו שטורעמדיקע סצענעס. דער דעפּוטאַט ראָש האָט צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט אויסגעשריגן:

„איר זענט אַלע שקלאַפּישע משרתים פון אייערע אומווערדיקע מייס־טערס און האַרן!"

און קלעמאַנסאָ, וועלכער האָט באַשולדיקט די רעגירונג אין מאָנאַר־כיסטישע באַשטרעבונגען, האָט פאַרענדיקט זיין דענונצירנדיקע רעדע מיט דער וואָרענונג:

„געדענקט! האָט עס גוט אין זינען! די דאָזיקע טויטע זיינען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן!"

אַנרי ראָשפאָר האָט אין זיין צייטונג „ל'אַנטראַנסיזשאַן" אָנגערופן דעם פּאַרלאַמענט „די פּאַרטרעטערשאַפט פון מערדערס". זשעראָ רישאַר האָט געשריבן אין „באַטאַי", אַז נאָך דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענטאַרישן זיג מצד דער רעגירונג הענגט דער גורל פונעם פאָלק אויף דעם חסד פון די זעלנערישע באַיאָנעטן און אויף דעם גענאָד פון די ביקסנקוילן; אַז די אַרמיי, אַנשטאָט צו באַשיצן די גרענעצן פונעם לאַנד, וועט פון איצטער אָן זיין פאַרנומען מיט פאַרטיידיקן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום־רעכט פון די מאָנאָפּאָליסטן קעגן די באַרעכטיקטע און גערעכטע פאָדערונגען מצד די אַרבעטער. די צאָלרייכע אַרטיקלען און דערקלערונגען אין די אַלע אַנדערע צייטונגען האָבן גערעדט מיט אַן ענלעך לשון. אַ גרויסע צאָל פאַראַנטוואָרטלעכע שרייבערס און באַקאַנטע זשורנאַליסטן זיינען שפּעטער פאַר זייערע רייד געשטעלט געוואָרן צום געריכט און אויך פאַרמשפּט געוואָרן צו אַלערליי שטראָפן פאַר „באַליידיקן די אַרמיי, די רעגירונג און פאַר אויפהעצן דעם עולם."

די שטאָטישע פאַרוואַלטונג אין פורמי האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן עפנטלעכע לוויה פון די קרבנות אויף קהלשע קאָסטן. די דאָזיקע לוויה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער אַרבעטער פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. אַ גלח, וועלכער איז זיכער ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, מיטן נאָמען מאַרזשערען, האָט דעמאָלט אויסגעדריקט די אַלגעמיינע שטימונג ניט בלויז ביי די טויזנטער מלווים, נאָר אויך ביים גאַנצן פראַנצייזישן פאָלק, ווען ער האָט אין זיין הספּד געזאָגט:

„ווען אַ סאָלדאַט פאַלט טויט אויפן שלאַכטפעלד, באַוווּנדערן מיר אים. ווען אַן אַרבעטער ווערט דער קרבן פון אַן אַקצידענט אין דער פאַבריק, באַדויערן מיר אים מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער די קרבנות, וואָס ליגן דאָ פאַר אונדזערע אויגן, האָבן געמוזט שטאַרבן ווייל זיי האָבן געפאָדערט אַ גרעסער שטיקל ברויט. יונגעלייט, וועלכע וואָלטן דאָך באַלד אַליין געמוזט ווערן סאָלדאַטן; יונגע מיידלעך, וואָס האָבן נאָך געחלומט פון אַלע פריידן פונעם לעבן; יונגע קינדער, מיט די שפּילצייג אין זייערע הענטלעך — האָבן

געמוזט שטאַרבן ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ גרעסער שטיקל ברויט.
אָ, איך וועל קיין מאָל ניט אויפהערן איבערצוחזרן דאָס, וואָס איך האָב תמיד אין דעם ענגערן קרייז פון די פאַבריקאַנטן געזאָגט צו זיי: איר האָט ניט בלויז דעם חוב צו צאָלן אייערע אַרבעטער אָנשטענדיקע לוינען, איר מוזט אויך זען, אַז זיי זאָלן זיין פאַרזיכערט מיט אַ מענטשלעכער עקסיסטענץ, כדי אַזעלכע גרויזאַמע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַזוי טראַגיש אָפּגע־שפּילט פאַר אונדזערע אויגן, זאָל זיך קיין מאָל מער ניט איבערחזרן!"

די מעשה ראַוואַשאָל

בעת עס זיינען פאָרגעקומען די בלוטיקע געשעענישן אין פורמי, האָט אין קלישי, אַ פאָרשטאָט פון פאַריז, זיך אָפּגעשפּילט אַן אַנדערער צוזאַמענ־שטויס צווישן שטרייקנדיקע אַרבעטער און פּאָליציאַנטן. און הגם דער דאָ־זיקער צוזאַמענשטויס איז געווען ניט אַזוי בלוטיק ווי די מיליטערישע שיסעריי אויף די אַרבעטער אין פורמי, זיינען אָבער די רעזולטאַטן פון דעם צוזאַמענשטויס אין קלישי געווען פון אַ גרעסערן באַטייט, מחמת זיי זיינען געווען די דירעקטע סיבה פון אַ גאַנצער רייע יחידישע טעראָריסטישע אַקטן, וואָס האָבן אין משך פון גאַנצע צוויי יאָר געהאַלטן געשפּאַנט גאַנץ פראַנקרייך, באַזונדערס פאַריז. אין לעוואַלוואַ, אַ קליין שטעטעלע, ניט ווייט פון פאַריז, האָבן די אַנאַרכיסטן דעם 1טן מאַי אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט די אַנאַרכיסטישע גרופּע פון אַרום צוואַנציק מענטשן, מיט אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן די רויטע פאָן אין דער שפּיץ, אַוועקגעמאַרשירט קיין קלישי, כדי דאָרטן אָפּצוהאַלטן אַ צווייטע פאַרזאַמלונג לכבוד דעם 1טן מאַי. גראָד דעמאָלט ווען די קליינע אַנאַרכיסטישע מחנה איז אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט, איז זי באַפאַלן געוואָרן פון זעקס פּאָליציאַנטן, וועלכע האָט דווקא געוואָלט אַרויסרייסן די רויטע פאָן פון דער פרויס האַנט. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. אָבער תיכף האָט די פּאָליציי צוגעקראָגן פאַרשטאַרקונגען מצד אַ צאָל זשאַנדאַרן. באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ שיסעריי פון ביידע צדדים.

עטלעכע פּאָליציאַנטן זיינען לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. די אַנאַרכיסטן דעקאַם, דאַרדאַר און לעוועיע, וועלכע האָבן זיך מוטיק פאַרטיידיקט ביז צו דער לעצטער מינוט, זיינען פאַרבלוטיקטע און פאַרוווּנדעטע סוף כל סוף אַרעסטירט געוואָרן. אויף דער פּאָליציי־סטאַנציע האָט מען די פאַרוווּנדעטע אַנאַרכיסטן ניט געוואָלט געבן קיין שום מעדיצינישע הילף. נאָך ערגער: די פּאָליציאַנטן האָבן זיך איבער די אַרעסטירטע בעסטיאַליש איזדיעקעוועט נאָך דעם, ווי זיי האָבן געהאַט די פאַרוווּנדעטע אַנאַרכיסטן געבונדן און אומגעוואָרפן אויפן דיל.

דעם 28סטן אויגוסט איז פאָרגעקומען די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונג קעגן די דריי אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן. דער פאָרזיצער איז געווען דער

ריכטער בענוא. דער באַשולדיקער קעגן די אָנגעקלאָגטע איז געווען דער פּראָקוראָר בולאָ. ביידע זיינען געווען באַוווּסט ווי די ערגסטע רעאַקציאָנערן. די דריי אָנגעקלאָגטע האָבן זיך מוטיק און ענערגיש פאַרטיידיקט, נעמענדיק פאַר זיך דאָס רעכט צו זעלבסטפאַרטיידיקונג בעת זייערע לעבנס און זייער פרייהייט זיינען געווען אין סכנה. די מעדיציניש פעסטשטעלונג מצד די דאָקטוירים וועגן די פּייניקונגען, וואָס די פאַרוווּנדעטע געפאַנגענע האָבן געמוזט ליידן פון די פּאָליציייִשע מערדערישע הענט, האָט געמאַכט אַן טיפן איינדרוק. לאַגאַס, דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַרטיידיקט די אָנגעקלאָגטע, האָט מיט זיינע שאַרפע רייד ווי מיט אייזערנע ריטער געריסן פּאַסן פון די פּאָליציאַנטן און געשטעלט צום שאַנדסלופּ זייער ברוטאַליטעט לגבי די אין זייער אייגן בלוט אָפּגייענדיקע פאַרוווּנדעטע און געבונדענע געפאַנגענע אַנאַרכיסטן. „אויב מען גיט איבער”, האָט ער געזאָגט, „די פאַרטיידיקונג פון דער עפנטלעכער אָרדענונג אין די הענט פון אַ באַנדע ווילדע באַרבאַרן, דאַרף מען דערנאָך זיך בכלל ניט וווּנדערן, אַז דער אַלגעמיינער ווידער־שטאַנד לגבי אַזאַ מין אָרדענונג ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער און שאַרפער.”

„איך אַליין בין טאַקע אַ בורזשוי” — האָט לאַגאַס דערקלערט אין געריכט — ‚אָבער אויב איך וואָלט, אַזוי ווי דעקאַם געבוירן געוואָרן אין אָרעמקייט און געלעבט אַזאַ שווער לעבן ווי ער, וואָלט איך מסתּמא געהאַט דעם זעלביקן האַס, וואָס ער האָט, צו דער שטיפמוטערישער געזעלשאַפט, און איך וואָלט איר אַנטקעגן געטראָגן די זעלביקע שינאה.”

די געשווירענע ריכטערס האָבן אָפּגעוואָרפן די שולד קעגן לעוועיען און זיי האָבן רעקאָמענדירט דעם ריכטער, אַז ער זאָל נעמען אין אָנבאַטראַכט די אומשטאַנדן ביים אַרעסטירן דעקאַמען און דאַרדאַרן און אַרויסטראָגן אַ מילדן פּסק דין קעגן די צוויי אַנאַרכיסטן. אָבער דער פּראָקוראָר האָט נאָך אַלץ געפאָדערט טויטשטראָף פאַר די צוויי אָנגעקלאָגטע. דער פאַקט, וואָס די געשווירענע ריכטערס האָבן זיך אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט פאַר די צוויי אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט געווער אין זייערע הענט קעגן דער פּאָליציי, באַווייזט, אַז דער אַרגומענט פון די אַנאַרכיסטן, אַז זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרטיידיקן זייערע לעבנס און זייער פרייהייט, האָט געווירקט אויף יענעם פּראָצעס לטובת די אָנגעקלאָגטע און אַוועקגעשטעלט די פּאָליציי, די פאַרטרעטערס פון געזעץ און אָרדענונג, אין אַ זייער טונקל ליכט. אָבער דאָך איז דעקאַם פאַרמשפּט געוואָרן צו פינף יאָר תּפיסה און דאַרדאַר האָט געקראָגן דריי יאָר טורמע. און לעוועיעי איז אַרויס אין גאַנצן פריי. דער גאַנצער פּראָצעס איז געוואָרן געפירט אַזוי אָפן פאַרטייִיש, אַז מען האָט קיין אַנדערן פּסק דין ניט געקאָנט דערוואַרטן. באַזונדערס קלאָר האָט די רעדע פונעם פּראָקוראָר בולאָ באַוויזן, אַז אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק ביי יענעם פּראָצעס זיינען ניט געזעסן מענטשן, וואָס מען האָט געמשפּט פאַר זייערע האַנדלונגען, נאָר עס איז אָנגעקלאָגט געוואָרן די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע. די אָנגעקלאָגטע זיינען דעמאָלט באַשטראָפט געוואָרן ניט פאַר זייערע האַנדלונגען, נאָר פאַר זייער אַנאַרכיסטיש טראַכטן און פרייהייטלעך דענקען.

ווען די פֿאַרמשפּטע זיינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן פֿונעם געריכטזאַל, איז געקומען צו אַן עפֿנטלעכער דעמאָנסטראַציע. די געפֿאַנגענע האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע חברים, וואָס זיינען דאָרטן געווען, און די לעצטע האָבן אויסגערופֿן:

„זאָל לעבן די אַנאַרכיע! מירן זיך זען אינעם טאָג פֿון דער רעוואָלוציע!“

טשיקאָווע איז דעמאָלט געווען דאָס, וואָס יענער פּראָצעס איז כמעט ווי אין גאַנצן שטילגעשוויגן געוואָרן מצד דער גרויסער טעגלעכער פּרעסע אין פֿראַנקרייך. קאָן זיין, אַז די צייטונגען האָבן דערמיט ניט געוואָלט אויפֿוועקן די אכזריותדיקע זכרונות פֿון די בלוטיקע געשעענישן אין פֿורמי. צווישן די אַרבעטער אָבער, באַזונדערס צווישן די אידישע חברים פֿון די פֿאַרמשפּטע, האָט דער דאָזיקער שווערער פּסק דין אַרויסגערופֿן אַ טיפֿע פֿאַרביטערונג. אָבער דאָך האָט קיינער דעמאָלט ניט געקאָנט פֿאָרויסזען וואָסערע קאָנסעקווענצן עס וועלן פֿון יענעם שטילגעשוויגענעם פּראָצעס אַרויסקומען.

אין מערץ 1892 זיינען אין פּאַריז פֿאָרגעקומען דריי באָמבע־אויפֿרייסן איינער נאָכן אַנדערן. די גאַנצע באַפֿעלקערונג איז פֿון זיי געוואָרן אויפֿגעציטערט. דעם 11טן מערץ האָט געפּלאַצט אַ באָמבע אויפֿן צווייטן גאָרן פֿון אַ הויז אויף בולוואַר סאַן זשערמאַן, פֿאַר דער טיר פֿון דער דירה פֿונעם ריכטער בענואַ. דעם 18טן מערץ איז אַן ענלעכע עקספּלאָזיע געשען אין דער קאַזאַרמע לאָבאָ. דעם 27טן מערץ האָט געקראַכט אַ באָמבע אינעם הויז פֿון דעם פּראָקוראָר בולאָ אויף דער רי קלישי. דער לעצטער אויפֿרייס האָט חרוב געמאַכט אַ גרויסן טייל פֿון דער געבײַדע. אָבער פֿון אַלע דריי עקספּלאָזיעס איז ניט געווען קיין איינציקער מענטשלעכער קרבן, הגם זיי האָבן דאָך אָנגעמאַכט גרויסע שאָדנס. דער עיקר אָבער האָבן די דאָזיקע אויפֿרייסן ניט איבערגעלאָזט קיין שום ספֿק ביים ברייטן עולם אין פֿראַנקרייך וואָסערע סיבות עס האָבן גורם געווען די דאָזיקע עקספּלאָזיעס. וואָרן איצטער האָט שוין דער עולם אויסגעפֿונען, אַז דער ריכטער בענואַ און דער פּראָקוראָר בולאָ האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלעס אינעם פּראָצעס קעגן די דריי אַנאַרכיסטן און אַז ביידע זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די שווערע שטראָפֿן, וואָס עס האָבן געקראָגן דעקאָם און דאַרדאַר.

די פּאָליציי האָט באַלד נאָך יענע עקספּלאָזיעס אַרעסטירט אַ גרויסע צאָל אַנאַרכיסטן אין סאַן דעני, סאַן טוען, ליאָן, און אין עטלעכע אַנדערע שטעט. אַ גרויסע צאָל אויסלענדישע חברים זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון פֿראַנקרייך. די הייזער און היימען פֿון באַקאַנטע פּאָליציישע און גע־ריכטלעכע פּערזענלעכקייטן זיינען געוואָרן שטאַרק באַוואַכט טאָג און נאַכט. אָבער דאָך האָט די פּאָליציי ניט געקאָנט כאַפּן די באָמבע־אונטערלייגערס. ערשט אַ מערקווירדיקער צופֿאַל האָט אַריינגעשפּילט דער פּאָליציי אין די הענט אַריין. קורץ נאָך דעם באָמבעקראַך אויף דער רי קלישי איז אין דעם קליינעם רעסטאָראַנדל „וועריי“, אויף דעם בולוואַר מאַזשענטאַ אַריינגעקומען אַ גאַסט, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט דעם קעלנער להעראַ. ווען דער אומבאַקאַנטער האָט דעם קעלנער געפֿרעגט, צי ער איז

אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט, האָט אים יענער געענטפערט, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געטראָגן קיין זעלנערישן שינעל, און אַז ער האָט דאָס אויך קיין מאָל ניט באַדויערט. דער פרעמדער האָט מיט אים מסכים געווען, און ער האָט אים געזאָגט, אַז די אַרמיי טוט אויף בלויז איין זאַך: זי דערלאָזט ניט צו דער באַפרייונג פון די אַרבעטער און זי העלפט האַלטן דאָס גאַנצע פאָלק געשמידט אין קייטן. דערביי האָט ער צוגערעדט להעראַן, אַז ער זאָל לייענען אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, אין וועלכע ער וועט אַ סך מער אויסגעפינען וועגן דעם גאַנצן ענין. דערנאָך איז, נאַטירלעך, דער שמועס אַרויף אויף די לעצטע באָמבע־אויפרייסן, און דער פרעמדער האָט דעם קעלנער איבער־געגעבן, אַז ער האָט נאָר וואָס אויף דער גאַס געהערט וועגן אַ נייעם באָמבעקראַך אויף דער רי קלישי, און אַז דער שאָדן דאָרטן זאָל זיין גאָר אַ גרויסער.

באַלד נאָך דעם, ווי דער פרעמדער האָט פאַרלאָזט יענעם קליינעם רעס־טאָראַן, האָבן די צייטונגס־פאַרקויפערס אויסגעשריגן דעם נייעם באָמבע־אויפ־רייס אינעם הויז פון דעם פראָקוראָר בולאָ. דער קעלנער להעראַ האָט באַלד גענומען חושד זיין דעם גאַסט, מיט וועמען ער האָט נאָר וואָס געהאַט געשמועסט, און ער האָט וועגן זיין פאַרדאַכט געלאָזט וויסן דעם באַלעבאָס פונעם רעסטאָראַן און אים איבערגעגעבן וועגן וואָס ער האָט גערעדט מיט דעם פרעמדן מאַן. האָט דער באַלעבאָס אָפּגעמאַכט מיט זיין קעלנער, אַז אויב יענער פרעמדער וועט זיך נאָך אַמאָל באַווייזן אינעם רעסטאָראַן, זאָלן זיי באַלד לאָזן וויסן וועגן אים דער פאָליציי.

עס זיינען פאַרביי עטלעכע וואָכן און דער פרעמדער האָט זיך ווידער אַמאָל באַוויזן אין יענעם קליינעם רעסטאָראַן, אין אַן אָוונט, און ער האָט דאָרטן באַשטעלט זיין וועטשערע. להעראַ האָט תיכף געלאָזט וויסן דעם באַלעבאָס, און דער לעצטער האָט זיך באַלד פאַרשטענדיקט מיט דער פאָליציי. ווען די פאָליציי איז אָנגעקומען, האָט זי דעם פרעמדן גלייך אַרעסטירט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די פאָליציי האָט אויסגעפונען דעם אמתן נאָמען און דעם אַדרעס פון דעם אַרעסטירטן. אין זיין דירה האָט די פאָליציי געפונען עטלעכע דינאַמיטישע פּאַטראָנען און אַ גאַנצע אויסשטאַ־טונג צו מאַכן אויפרייס־מאַטעריאַלן. זיין אמתער נאָמען איז געווען פראַנסיס אַגוסט קעניגשטיין. ער איז געווען דער זון פון אַ דייטשן פאָטער און אַ פראַנצייזישער מוטער, וועמעס מיידלשער נאָמען איז געווען ראַוואַשאָל. און קעניגשטיין האָט אָנגענומען זיין מוטערס מיידלשן פאַמיליע־נאָמען פאַר זיך. ראַוואַשאָל איז דעמאָלט געווען אַ מאַן פון 32 יאָר, פון מיטעלן וווּקס, אָבער מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פיזישן כוח. ער האָט הינטער זיך שוין געהאַט אַ שטורעמדיקע פאַרגאַנגענהייט, און ער איז אין משך פון אַ סך יאָרן אַרומ־געזוכט געוואָרן מצד דער פאָליציי פאַר פאַרשיידענע שווערע עבירות. דעריבער טאַקע האָט ער תמיד געלעבט אונטער פאַלשע נעמען.

אָבער דאָס מערסטע וועגן ראַוואַשאָלן האָט די פאָליציי אויסגעפונען דורך זיינעם אַ באַקאַנטן פריינד, אַ געוויסן שאָמאַרטען. ער איז שפּעטער אויך געוואָרן דער הויפּט־עדות פאַר דער באַשולדיקונג, כדי דערמיט צו

ראַטעווען זיין אייגענע פּחדנישע הויט. ער האָט אַפילו אויך איבערגעגעבן דער פּאָליציי, אַז ראַוואַשאַל איז באַגאַנגען עטלעכע מאָרדן מיט יאָרן פריִער, אָבער די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שום אונטערשטיצנדיקע באַווייזן וועגן זיי. ראַוואַשאַל גופא האָט די דאָזיקע מאָרד־מעשים געלייקנט ביז צום סאַמע סוף, הגם ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אַפילו אָן זיי איז זיין לעבן פאַרשפּילט. ער האָט אָן שום געפיל פון חרטה צוגעגעבן, אַז ער איז געווען אַ שמוגלער, אַ מאַכער פון פאַלש געלט און אַפילו אַן אַריינברעכער. ער האָט ניט געלייקנט, אַז ער איז אַמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט אַריין אין דעם אוהל פונעם פאַמיליע־קבר פון דעם גראַף ראַשטאַיעי, ווייל ער האָט געמיינט, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן דאָרטן צוצורויבן טייערע צירונג. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דערשטיקט און דערנאָך באַרויבט דעם אַלטן פּרוש ברונעל אין זיין אָרעמער כאַטע ווייל ער האָט געגלייבט די מעשות פון די אַרומיקע פּויערים, אַז דער אַלטער ערעמיט האָט באַהאַלטן ביי זיך אַ מאַיאַנטיק. ער האָט אָפן צוגעגעבן, אַז ער האָט געמאַכט און אונטערגעלייגט די באָמבעס ביי דעם ריכטער בענואַ און ביים פּראָקוראָר בולאָ. אָבער ראַוואַשאַל האָט ביז צו דער לעצטער מינוט זיך בשום אופן ניט מודה געווען אין די אַלע אַנדערע מעשים, וואָס עס האָט וועגן אים געהאַט אויסגעטראַכט זיין נאָענטער פריינד שאַמאַרטען. דער פאַקט איז טאַקע געווען, אַז ראַוואַשאָלס אַדוואָקאַט, לאַגאַס, האָט אין משך פונעם פּראָצעס געכאַפּט שאַמאַרטענען ביי פערצן פאַרשיידענע ליגנס, וואָס זיינען געווען געבויט איטלעכן איבערצוציי‎גן, אַז מען דאַרף שאַמאַרטענס עדות זאָגן אָננעמען מיט גרויסע רעזערוואַציעס.

פון די אַלע אַזוי־גערופענע „פּראָפּאַגאַנדיסטן דער טאַט" אין יענער שטורעמדיקער צייט איז ראַוואַשאַל זיכער געווען די קאָמפּליצירטסטע פּער־זענלעכקייט. עס זיינען געווען אינעם לעבן פון דעם דאָזיקן מענטש מאָמענטן פון אָפּשטויסנדיקער האַרטקייט, וואָס האָבן אים געמאַכט פעיִק אויסצופירן מעשים, קעגן וועלכע די נאַטור פונעם מענטש שטעלט זיך אַנטקעגן. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ מילדקייט און אַ גוטהאַרציקייט, באַזונדערס לגבי פרויען און קינדער, וואָס האָבן אָפט מרמז געווען אויף ראַוואַשאָלס פּשוטער ווייכהאַרציקייט און אָפענער סענטימענטאַלקייט. זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן די אומגליקלעכע און די אָרעמע אין זייער נויט האָט אים אָפט דערפירט אַוועקצוגעבן ממש דעם לעצטן גראָשן און דאָס לעצטע שטיקל ברויט. זיין גרויסמוטיקע אויפפירונג לגבי שאַמאַרטענען, דעם פריינד זיינעם, וואָס האָט אים אַזוי מיאוס פאַרראַטן, און זיין גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד פאַר די מעשים, וואָס אַנדערע זיינען באַגאַנגען, כדי צו ראַטעווען זיינע מיטאָנגעקלאָגטע חברים, — דאָס אַלץ האָט דעמאָלט געמאַכט אַן איינדרוק, וואָס עס איז ניט אַזוי גרינג צו פאַרגעסן. די אומבאַרמהאַרציקע לאָגיק, מיט וועלכער ער האָט געפּרובירט צו באַגרינדן זיינע מעשים; די תמימות, מיט וועלכער ער האָט געבעטן, אַז די אומשולדיק פאַרוווּנדעטע פון זיינע באָמבע־אויפרייסן זאָלן אים מוחל זיין; די אויסערגעוויינטלעכע רו מיט וועלכער ער איז אין זיין לעצטער

מינוט געגאַנגען צו דער גיליאָטינע; און אַ היפּשע צאָל אַנדערע דראַמאַטישע מאָמענטן ביים פּראָצעס, — דאָס אַלץ האָט געוועבט אַ טיפן שלייער אַרום דעם מענטש ראַוואַשאָל, וועמעס נאָמען האָט אַפילו לאַנג נאָך זיין טויט באַשעפטיקט די עפנטלעכע מיינונג און צעשפּילט דעם פאָלקס פאַנטאַזיע.

אין פריִערדיקע צייטן וואָלט אַזאַ ראַוואַשאָל אפשר געוואָרן איינער פון יענע פאָלקסטימלעכע באַנדיטישע פירערס, וועמעס אָנדענק עס האָבן לאַנג אויפגעהאַלטן די פאָלקישע טראַדיציעס. וואָרן די דאָזיקע באַנדיטן האָבן דאָך אויף זייער אייגענעם אופן געוואָלט אויסגלייכן דעם סאָציאַלן אומיושר אין דער געזעלשאַפט דורך באַראַבעווען די רייכע פריצים און צעטיילן דאָס צוגערויבטע האָב־און־גוטס צו די אָרעמע פּויערים. ראַוואַשאָל האָט אויף אַזאַ ריטעריש־באַנדיטישן אופן אויפגענומען דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזער געזעלשאַפט נאָך איידער ער האָט געהאַט וועלכע עס איז סאָציאַלע אידעען. אין דעם דאָזיקן זינען האָט ער טאַקע פאַר די ריכטערס דערקלערט:

„איך האָב געלעבט כדי צו לעבן און כדי צו באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן די יעניקע, וועלכע האָבן זייערע לעבנס אָנפאַרטרויט צו מיר. כל זמן איך און די, פאַר וועמען איך האָב געטראָגן די אחריות, האָבן ניט געמוזט ליידן צו שווער, בין איך פאַרבליבן דאָס, וואָס איר רופט אָן „ערלעך“. אָבער דערנאָך האָב איך פאַרלוירן מיין אַרבעטספּלאַץ. און מיט דער געצוווּנגענער ליידיקגייעריי איז אויך געקומען דער הונגער. און דעמאָלט טאַקע איז געקומען דאָס גרויסע אייביקע געזעץ פון דער נאַטור, די אינערלעכע שטים, וואָס לאָזט זיך ניט אונטערדריקן, די שטים פון זעלבסט־אויפהאַלטונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק און האָט מיך גערופן צו באַגיין יענע פאַרברעכנס, וואָס איר וואַרפט מיר היינט פאָר, און צו וועלכע איך בין זיך אָפן מודה. איך לייקן ניט, אַז איך בין יענע מעשים באַגאַנגען. איך באַרים זיך אָבער אויך ניט מיט זיי. וואָרן עס איז דאָך אין לעצטן סך הכל אייער אייגענע געזעלשאַפט, מיינע חשובע הערן, וואָס האָט מיך געטריבן דערצו“.

זיין בונטאַרישע נאַטור האָט רעבעלירט קעגן דעם גורל, וואָס אַנדערע האָבן פאַר אים געהאַט באַשטימט. עס איז בכלל ניט געווען דער אַנאַרכיזם, וואָס האָט אים געשטויסן צו זיינע מעשים. ערשט שפּעטער האָט ער זיך מיט אים באַנוצט ווי מיט אַ באַשטימטער אינדיווידועלער ריכטליניע פאַר זיינע געוואַלדאַקטן.

דאָס, וואָס די פּאָליציייִשע אונטער־זוכונג האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט פון ראַוואַשאָלס פאַרגאַנגנהייט און פאַרעפנטלעכט וועגן זיין לעבן, האָט גורם געווען, אַז מען האָט אין גאַנץ פראַנקרייך מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען. דער ערשטער פּראָצעס וועגן די באָמבעקראַכן אין פּאַריז איז געווען באַשטימט זיך אָנצוהייבן דעם 26סטן אַפּריל. אָבער אין דעם זעלביקן טאָג איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס אין דעם רעסטאָראַנדל „קאַפע וועריִ“, אין וועלכן ראַוואַשאָל איז געהאַט אַרעסטירט געוואָרן, און דער באַלעבאָס מאָנסיע וועריִ, איז אומגעקומען. דער דאָזיקער געוואַלדאַקט האָט אויפסניי אויפגעשטורעמט די גאַנצע באַפעלקערונג. נאָך מער איז געווען די אויפרודערונג צוליב דעם, וואָס מען האָט דעם באָמבע־

שליידערער ניט געהאַט געכאַפּט, הגם די פּאָליציי האָט תיכף געהאַט אַדורכ־געפירט אַ מאַסן־אַרעסט און געפאַנגען אין אירע נעצן אַ סך אומשולדיקע מענטשן. מיט דעם איז אויך אויסגערונען די האָפענונג, אַז דורך דעם אַרעסט פון ראַוואַשאָלן זיינען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן די באָמבע־אויפרייסן אין פּאַריז. דאָס האָט אויך אַלעמען געוויזן, אַז ראַוואַשאָל און זיינע אַרעסטירטע חברים האָבן נאָך געהאַט אויף דער פריי פריינד, וואָס מען האָט נאָך ניט געהאַט געכאַפּט, הגם עס זיינען פאַרגעקומען אַזוי פיל אַרעסטן. די דאָזיקע מורא פאַר ווייטערדיקע באָמבעקראַכן איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען מען האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך פאַר ראַוואַשאָלס באָמבע־אויפרייסן איז געהאַט פאַרגעקומען אַ גרויסע גניבה פון הונדערטער דינאַ־מיטישע פּאַטראָנען בעת אַן אַריינברעך אין אַן אויפרייס־לאַגער ביים בויען אַ טונעל אין סוואַזי־סור־ז׳עטואַל, ניט ווייט פון פּאַריז. און פּאַריז האָט געציטערט אויפן בלויזן געדאַנק, אַז דער גרויסער רויב פון יענעם אַריינברעך געפינט זיך איצטער אין די הענט פון די באָמבע־וואַרפערס, וואָס זיינען ראַוואַשאָלס פריינד.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פּראָצעס קעגן ראַוואַשאָלן און זיינע חברים פאַר דעם געריכט פון די געשווירענע אין פּאַריז, איז די גאַנצע געריכטס־געביידע געווען געגליכן צו אַ שווער באַלאַגערטער פעסטונג. אַלע אַריינגענג, אַ חוץ בלויז איינעם, זיינען געווען פאַרבאַריקאַ־דירט. אַ גאַנצע אַרמיי ממש פון פּאָליציאַנטן און געהיים־אַגענטן האָט אַרומגערינגלט די געריכטס־געביידע און איז געווען גרייט צו כאַפּן יעדן איינעם, וואָס וועט נאָר וואַגן אויפצוהייבן זיין האַנט קעגן די פּאַרטרעטערס פון דער עפנטלעכער יוסטיץ. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיינען געזעסן ראַוואַשאָל, סימאָן, שאָמאַרטען, בעאַלאַ און זיין געליבטע מאַריעט סובער. אַלע זיינען זיי אָנגעקלאָגט געוואָרן אין די באָמבע־אויפרייסן אין פּאַריז. אָבער ראַוואַשאָל האָט באַלד פונעם ערשטן טאָג אָן גענומען די גאַנצע שולד אויסשליסלעך אויף זיך אַליין. ער האָט דערקלערט, אַז די אַנדערע מיטאָנגע־קלאָגטע זיצן אויף דער באַשולדיקונגס צוזאַמען מיט אים בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן געהאַט דאָס שלעכטע מזל צו קענען אים פערזענלעך, אָבער זיי זיינען אַלע אומשולדיק. איינגעשלאָסן שאָמאַרטען, וועלכער איז פּאַקטיש געווען דער הויפּט־עדות קעגן ראַוואַשאָלן.

ווי אַ סיבה פאַר זיינע לעצטע מעשים האָט ראַוואַשאָל אָנגעגעבן דעם אומגערעכטן פסק דין קעגן דעקאַמען און דאַרדאַרן, וואָס דער פּראָקוראָר האָט פאַר זיי אַפילו געפאָדערט טויטשטראָף, הגם די געשווירענע ריכטערס האָבן רעקאָמענדירט אַ מילדן אורטייל. דער שווערער פסק דין קעגן צוויי חתונה־געהאַטע מענער, וועמעס פרויען און קינדער זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער ביטערסטער נויט, און קודם כל די ברוטאַלע פּאָליציי־שע קלעפּ, וואָס יענע צוויי אַרעסטירטע האָבן געמוזט אויסשטיין, האָבן ראַוואַשאָלן דערפירט צום פונקט פון נעמען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענט אַריין.

„איך האָב געוואָלט די אָנקלאָגערס ווייזן" — האָט ראַוואַשאָל געזאָגט צו די ריכטערס — „אַז מען קאָן ניט אומבאַשטראָפטערהייט באַליידיקן דאָס

געפיל פון יושר, און אַז זיי מוזן אָנערקענען ווי זייער חוב בעסער צו פאַר־שטיין אַלע מעשים פון זייערע מיטמענטשן".

אויף דער פראַגע מצד דעם געריכטס־פּאַרזיצער ווו ער, ראַוואַשאָל, האָט באַהאַלטן די פיר הונדערט געגנבעטע דינאַמיטישע פּאַטראָנען, האָט דער לעצטער בשום אופן ניט געוואָלט ענטפערן. דער פּראָצעס האָט זיך פאַרענ־דיקט מיט פאַרמשפּטן ראַוואַשאָלן און סימאָנען. דער לעצטער איז געווען אַ ייִנגל פון בלויז אַכצן יאָר. ביידע האָבן געקראָגן אייביקע קאַטאָרגע. די אַנדערע אָנגעקלאָגטע זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי. (דער יונגער סימאָן איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דערשאָסן געוואָרן בעת אַן אויפשטאַנד פון די געפאַנגענע אויף דעם פאַרשיקונגס־פּלאַץ קאַיען, אין דער פראַנצייזישער גויאַנאַ).

יענער אורטייל האָט אַרויסגערופן ביטערע דעבאַטעס אין דער פראַנ־צייזישער פּרעסע. די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען האָבן באַשולדיקט דאָס געריכט, באַזונדערס דעם געריכטס־פּאַרזיצער, אין פּחדנות, אין מורא האָבן פאַר נקמה־אַקטן נאָך דעם באַמבעקראַך אין דעם „קאַפע וועריי", ווו דער באַלעבאָס איז אומגעקומען דערפאַר ווייל ער האָט איבערגעגעבן ראַוואַשאָלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. כדי צו ראַטעווען זייערע אייגענע לעבנס, האָבן די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען געטענהט, האָבן די ריכטערס ניט גע־וואָלט אַרויסגעבן דעם טויטאורטייל. די דאָזיקע באַהויפּטונג האָט מען ניט געקאָנט אין גאַנצן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. וואָרן דער געריכטס פּאַרזיצער האָט טאַקע ביים פּראָצעס אַרויסגעוויזן אַן איבערראַשנדיקע מילדקייט. דאָס האָט מען אין יענער צייט זייער זעלטן געקאָנט באַגעגענען מצד ריכטערס לגבי רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געווען באַשולדיקט אין פאַרלעצן דאָס געזעץ. ווען מען פאַרגלייכט דאָס אויפפירן זיך פון די ריכטערס לגבי דעקאַמען און דאַרדאַרן מיט דעם אויפפירן זיך פון דעם געריכטס־פּרעזידענט בעת דעם פּראָצעס קעגן ראַוואַשאָלן, דערזעט מען תיכף דעם גרויסן אונ־טערשייד.

דער צווייטער פּראָצעס קעגן ראַוואַשאָלן האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר דעם געריכט פון געשווירענע פון דעם דעפּאַרטאַמענט פון לואַר, אין דער שטאָט מאָנבריסאָן. אויך דאָרטן האָט די פּאָליציי אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען אַרום דער געריכטס־געביידע, אַז עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין שום אומאָנ־גענעמע אינצידענטן. די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרפּלייצט מיט געהיים־אַגענטן. די פּאָליציישע באַלאַגערונג אַרום דער געריכטס־געביידע איז אויך אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף די רעסטאָראַנען, אין וועלכע עס האָבן געגעסן די געריכטס־אָנגעשטעלטע, און אויף די וווינונגען זייערע. די גאַנצע שטאָט איז געווען באַלאַגערט פון דער פּאָליציי.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, צוזאַמען מיט ראַוואַשאָלן, זיינען אויך געזעסן בעאַלאַ און מאַריעט סובער. די אָנקלאַגע איצטער האָט באַשולדיקט ראַוואַשאָלן אין עטלעכע מאָרדן און אין דעם אַריינברעך אינעם פאַמיליע־קבר פון דעם גראַף ראַשאַיעי אין לערנואַר. דעם ערשטן מאָרד זאָל ראַוואַשאָל האָבן דורכגעפירט אויף דעם פּריץ ריווקליעי אין לאַ וואַריזעל, אינעם יאָר

1886,ביים צווייטן פאַרברעכן האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מאָרד איבער דער 76־יאָריקער פרוי מאַרקאַן און איר טאָכטער, אין יולי, 1891, אין סאַנט עטיען, ווו ביידע פרויען האָבן אַנגעפירט מיט אַ קליין געשעפט. אין דריטן פאַל האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם מאָרד איבער דעם פרוש ברונעל, אין יוני, 1891, אין דער געגנט פון שאַמבאָל. בלויז ביים מאָרד איבער ברונעלן האָבן די, אָדער דער, מערדער אַריינגעקראָגן אַ גרעסערע סומע געלט אין זייערע הענט אַריין. ראַוואַשאָל האָט אָן שום שהיות זיך מודה געווען אינעם אַריינברעך אין דעם גראַפס פאַמיליע־קבר. אָבער אין פאַל פון ברונעלן האָט ראַוואַשאָל דערקלערט, אַז ער האָט דעם ערעמיט ניט באַרויבט, אָבער ער האָט אים דערוואָרגן, כדי אָפּצושטעלן די געשרייען, וואָס וואָלטן אַלאַר־מירט די פּאָליציי און גורם געווען ראַוואַשאָלס אַריינפאַלן אין די פּאָליציייִשע הענט אַריין. אָבער ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט וועלכן עס איז חלק אין די אַלע אַנדערע מאָרדן, וואָס דער פּראָקוראָר האָט געוואָלט צושרייבן צו ראַוואַשאָלס חשבון. ווען דער געריכטס־פּאַרזיצער האָט ראַוואַשאָלן גע־פרעגט פאַר וואָס ער וויל זיך ניט מודה זיין אין די אַלע אַנדערע פאַרברעכנס, אין וועלכע ער ווערט באַשולדיקט, וואָרן ער וועט דאָך דורך אָפּלייקענען זיי סיי ווי סיי זיין לעבן ניט קאָנען ראַטעווען, האָט ראַוואַשאָל געענטפערט:

„איך האָב בכלל ניט בדעה צו ראַטעווען מיין לעבן. איך בין גרייט צו באַצאָלן דעם פולן פּרייז פאַר אַלע מיינע מעשים. אָבער איך קאָן דאָך זיך ניט מודה זיין צו פאַרברעכנס, וואָס עס איז מיר קיין מאָל אַפילו ניט איינגעפאַלן זיי צו באַגיין.

און פאַקטיש האָט דער פּראָקוראָר אויך ניט געקאָנט ברענגען דעם קלענסטן באַווייז וועגן די אַנדערע מאָרדן, אַז ראַוואַשאָל איז געווען פאַרמישט אין זיי. ער האָט אויסשליסלעך זיך געמוזט שטיצן בלויז אויף דעם עדות זאָגן פון שאַמאַרטענען, אַז ראַוואַשאָל גופא האָט אים, שאַמאַרטענען, דער־ציילט וועגן די אַנדערע צוויי מאָרדן, און אַז בעאַלאַ און זיין געליבטע מאַריעט סובער האָבן ראַוואַשאָלן געהאָלפן דורכפירן די דאָזיקע צוויי פאַר־ברעכנס. אָבער אַפילו דאָס געריכט האָט געמוזט אָנערקענען, אַז בעאַלאַ און מאַריעט זיינען ערלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן קיין מאָל אין זייער גאַנץ לעבן ניט געהאַט פאַרלעצט דאָס געזעץ, שוין אָפּגערעדט פון זיין באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. און שאַמאַרטען גופא האָט זיך געהאַט אַזוי פיל פאַרפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע ליגנס, אין זיין שענדלעכע ראָלע ווי דער הויפּט־עדות קעגן זיין אַמאָליקן פריינד ראַוואַשאָל, אַז די גאַנצע פראַנצייזישע פּרעסע האָט ניט געהאַט קיין איינציק גוט וואָרט פאַר אים און זי האָט ניט באַהאַלטן איר עקל לגבי אים. דער דאָזיקער עקל איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען שאַמאַרטען האָט וועגן ראַוואַשאָלן געזאָגט אין געריכט, אַז „ראַוואַשאָל איז געווען מיין גרויסהאַרציקער פריינד; ער האָט זייער אָפט געהאָלפן מיר און מיין ווייב און קינדער אין אונדזער נויט. ער האָט מיינע קינדער אויס־געלערנט לייענען און שרייבן. ער איז צו מיין גאַנצער משפחה געווען ווי אַ געטרייער טאַטע."

ראַוואַשאָל האָט זיך פאַרטיידיקט אין מאַנבריסאַן מיט דער זעלביקער

רו:קייט און מיט דער אייזערנער אַנטשלאָסנקייט, ווי אין פּאַריז, ביים ערשטן פּראָצעס. ווי מען זאָל ניט טראַכטן וועגן די מעשים פון דעם דאָזיקן מענטש, מוז מען צוגעבן, אַז עס איז אין אים געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ סך העכערער מדרגה ווי אַ געוויינלעכן פאַרברעכער. ער האָט זיך ניט באַמיט צו פאַרשענערן זיינע מיאוסע מעשים און אויך ניט צו ראַטעווען זיין לעבן. ער איז געבליבן רו:יק און געלאַסן ביז צו דער לעצטער רגע. בעאַלאַ און מאַריעט זיינען אין מאָנבריסאָן געוואָרן באַפרייט, מחמת דאָס געריכט האָט קעגן זיי ניט געקאָנט געפינען אַפילו דעם מינדסטן שאָטן פון אַ חשד. ראַוואַשאָל איז געוואָרן פאַרמשפט צום טויט. און ער האָט דעם פסק דין באַגריסט מיט דעם אויסרוף: „וויוו ל'אַנאַרשי!״ („זאָל לעבן די אַנאַרכיע!״)

אַ בקשה צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק פאַר באַגנעדיקונג האָט ראַוואַשאָל זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגעבן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין גלח אינעם טאָג פון דער עקזעקוציע. ווען דער תליון האָט אים אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ, האָט ראַוואַשאָל צו אים געזאָגט: „דו האָסט דיר אויסגעקליבן אַ זייער פּאַסקודנע פּראָפעסיע.״

דעם 10טן יולי, 1892, איז ראַוואַשאָל אומגעקומען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע. ביז צו דער לעצטער רגע האָט ער אָנגעהאַלטן זיין סטאָ:ישע רו. אַפילו אינעם סאַמע אָנבליק פון דער טויטמאַשין, מיט געבונדענע הענט און אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן, האָט ראַוואַשאָל זיך נאָך אַלץ אויסגעלאַכט פונעם טויט דורך זינגען אַ סטראָפע פון דעם אַלטן רעוואָלו־ציאָנערישן פראַנצייזישן פאָלקסליד „לע פּער דישען.״

אָבער מיטן טויט פון ראַוואַשאָלן האָט זיך בכלל ניט געענדיקט דער אינטערעס איבער פראַנקרייך אין דעם לעבן און אין די מעשים פון דעם דאָזיקן מענטש. זיין עקזעקוציע האָט גורם געווען אַ שלל פון כלערליי באַטראַכטונגען אין דער פּרעסע און אין דער ליטעראַטור איבער די מאָטיוון פון זיינע מעשים און וועגן די סיבות, פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעוואַקסן זיינע האַנדלונגען, און וואָס, אייגנטלעך, האָט אים באַוויזן צו זיינע געוואַלד־אַקטן. אַ גאַנצע רייע פּראָמינענטע פראַנצייזישע שריפטשטעלערס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דעם ענין ראַוואַשאָל און מיט פּרובירן זיך צו דערגרונ־טעווען צו דעם זינען פון אַלע זיינע האַנדלונגען. דאָס האָט דעם גאַנצן ענין צוגעגעבן אַ געזעלשאַפטלעכן באַטייט, וואָס איז היפּש ווייט איבערגע־שטיגן די געוויינלעכע גרענעצן פון פּסיכאָלאָגישן פאָרשן די מעשים פון אַ פּשוטן פאַרברעכער. אָקטאַוו מירבאָ, דער באַרימטער מחבר פון נאָוועלן און דראַמאַטורג, האָט אָנגעשריבן אין דעם אַנאַרכיסטישן אינדיווידואַליסטישן זשורנאַל „ל'אַן דעאָר״ („אין דרויסן״) זיין „אַפּאָלאָגיע פאַר ראַוואַשאָלן״. פּאָל אַדאַם, דער באַקאַנטער מחבר פון „ראָוב רוזש״ („רויטע מלבושים״) און פון אַ צאָל אַנדערע ווערק, האָט אין דעם זשורנאַל „אַנטרעטיאַן פּאָליטיק ע ליטערעיר״ („פּאָליטישע און ליטעראַרישע שמועסן״) פאַרעפנטלעכט זיין „הספד איבער ראַוואַשאָלן״, אין וועלכן ער האָט געשריבן וועגן דעם „מאַרטירער פון מאָנבריסאָן״ ווי וועגן אַן אָנזאָגער און פאָרלויפער פון אַ

נייער עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַ. גולעי האָט געשריבן אין דעם זשורנאַל „ל׳אַר סאָסיאַל״ („סאָציאַלע קונסט״) אַ לענגערן מאמר אין שייכות מיט ראַוואַשאָלס מעשים. דער יונגער היסטאָריקער אַ. טאַבאַראַן, דער פּראָפעסער פון דעם באַרימטן ווערק „ל׳אַב״ („דער קאַיאַר״), האָט אָנגעשריבן אַ מיט פונקן שפּריצנדיקן עסיי וועגן ראַוואַשאָלן אין זאַ ד׳אַקסאַנס פּרײַער־דערמאָנטן זשורנאַל „ל׳אַן דעאַר״.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז איז שוין געווען אַן ערך דריי חדשים נאָך דער גיליאָטינירונג איבער ראַוואַשאָלן. אָבער דער וויכוח איבער אים און זיינע מעשים איז נאָך געווען אין פולן גאַנג. אין נאָוועמבער, 1892, האָט די צייטשריפט „אַרשיוו דע ל׳אַנטראָפּאָלזשי קרימינעל״ („אַר־כיוון פון דער פאַרברעכערישער אַנטראָפּאָלאָגיע״) וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ד״ר לאַקאַסאַן, געבראַכט אַן עסיי פון דעם יוריסט אַ. בעראַר, אונטערן נאָמען „לע ז׳אַם ע לעי טהעאָרי דע ל׳אַנאַרשי״ („די מענטשן און די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס״). אין דעם דאָזיקן לענגערן עסיי האָט דער געלערנטער יוריסט זיך דער עיקר באַשעפטיקט מיט די מעשים פון ראַוואַ־שאָלן אין שייכות מיטן געזעצלעכן יושר. אים האָט געענטפערט דער סאָציאָלאָג אַ. האַמאָן מיט אַ לענגערער דיסערטאַציע אינעם פּרײַער־דערמאָנטן זשורנאַל „ל׳אַר סאָסיאַל״, אונטער דעם זעלביקן נאָמען, וואָס אַ. בעראַרס עסיי. דער דאָזיקער ענטפער איז געווען אַ מייסטערווערק פון לאָגיק, מיט אַזאַ שניידנ־דיקער שאַרפקייט און אומברחמנותדיקער קריטיק, אַז דער פּראָקוראָר בעראַר האָט פשוט ניט געוווּסט ווי זיך אַהינצוטאָן מיט זיין גאַנצער געזעצלעכער געלערנטקייט און מיט זיינע לעגאַליסטישע פּילפּולים. האַמאָנס ענטפער איז באַלד דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור, און זי איז גיך פאַרשפּרייט געוואָרן. אויף מיר האָט דער דאָזיקער ענטפער האַמאָנס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איך האָב אים תיכף איבערגעזעצט אויף דייטש. דאָס איז, אגב, געווען מיין ערשטע איבערזעצונג פון פראַנצייזיש.

נאָר אין די געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די דעמאָלטיקע אַלגעמיינע צערודערונג אינעם לאַנד, אין שייכות מיט די מיאוסע אויפדעקונגען פון די שווינדלערייען און גניבות דורך דער אַפּערע פונעם פּאַנאַמאַ־סקאַנדאַל, האָט געקאָנט געשען, אַז די מעשים פון אַ ראַוואַ־שאָל און זיינע דערשטוינלעכע דערקלערונגען פאַר די ריכטערס זאָלן גורם זיין אַזאַ סאָציאַלע אויפטרייסלונג אין פראַנקרייך. אַנטקעגן די ריזיקע אַפּנאַרערייען און הונדערטער מיליאָנען פראַנקנדיקע מאַניפּאָרגעס בעת דעם פּאַנאַמאַ־שווינדל, וועמעס קרבנות האָבן זיך געציילט אין די צענדליגער טויזנטער, אָבער וועמעס הויכגעשטעלטע מאַרעוויכערישע פּראָפּיטירערס זיינען געבליבן באַשיצט און געדעקט, באַהיט און באַשירעמט דורך אונטער־געקויפטע און פאַרקויפטע ריכטערס, האָט מען איצטער אַנטקעגן געשטעלט די מעשים פון ראַוואַשאָלן, וועלכער האָט אָפּגעטאָן אַלע זיינע געוואַלדאַקטן נאָר כדי צו העלפן אַנדערע נויטבאַדערפטיקע, און געטאָן האָט ער דאָס אַלץ, הגם ער האָט כסדר געמוזט זיין גרייט צו באַצאָלן מיט זיין לעבן פאַר אַלע זיינע האַנדלונגען. די דאָזיקע סתירה האָט אויך צוגעטראָגן אַ סימבאָלישן

באַטייט, ווען עס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, אַז דער געריכטס־פּאָרזיצער דאַריגראַן, וועלכער האָט אין מאָנבריסאָן אַרויסגעגעבן דעם טויטאורטייל איבער ראַוואַשאָלן, איז ווי אַ פּראָקוראָר געהאַט געווען פּאַרמישט אין 1883 אויף דעם אינדזל גוואַדעלופּ, אין געמיינע אינטריגעס, דורך וועלכע ער האָט אויסגענוצט זיין הויכן אַמט רייך צו ווערן אויף אַ שענדלעכן אופן על חשבון הקהל.

„מאָנסיע דאַריגראַן" — האָט א. האַמאָן שפּעטער געשריבן — „איז געווען אַזוי שווער אָנגעלאָדן מיט זינד אין די קאָלאָניעס און אַזאַ קרישטאָל־ריינער ריכטער אין מאָנבריסאָן, איז געשטאָרבן אין מאַי, 1893, אין ליאָן, אויף אַ זייער סודותדיקן אופן."

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז האָט אַרום דעם נאָמען ראַוואַשאָל זיך שוין געהאַט אַרומגעוועבט אַ גאַנצע לעגענדע. זיין בילד איז אין פּאַר־שיידענע אויסגאַבעס געהאַט פּאַרשפּרייט געוואָרן אין די צענדליקער טויזנטער. עס איז דעמאָלט אויך געווען פּאָפּולער אַ האָלצשניט, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, פון דעם קינסטלער ל. מאָרען. דאָס בילד האָט פּאָרגע־שטעלט ראַוואַשאָלס ביוסט אַרומגערעמט מיט דער גילאָטינע. אינעם הינ־טערגרונט האָבן שווערע וואָלקנס פּאַרצויגן אַן אויפגייענדיקע זון. דאָס דאָזיקע בילד איז געצייכנט געוואָרן אין געציילטע שטאַרקע שטריכן און עס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך טיפן איינדרוק. אַ ניי ליד איז אויפגעקומען און איז גיך געוואָרן פּאָפּולער. דאָס איז געווען „לאַ ראַוואַשאָל", און געזונגען האָט מען עס מיט דעם גרינגן ניגון פון „לאַ קאַראַמאַניאָל" און פון „סאַ איראַ", וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון דער גרויסער פּראַנצייזישער רעוואָ־לוציע. „לאַ ראַוואַשאָל" האָט מען איצטער געזונגען אויף כמעט אַלע רעוואָ־לוציאָנערישע פּאָלקס־פּאַרזאַמלונגען, און די צווייטע סטראָף פון דעם נייעם שטורמישן ליד גייט אַזוי:

Il y a des magistrats vendus (bis);
Il y a des financiers ventrus (bis);
Il y a des argousins;
Mais pour tous ces coquins
Il y a d'la dynamite!
Vive le son, vive le son;
Il y a d'la dynamit!
Vive le son
D'l'explosion!

Dansons la Ravachole!
Vive le son, vive le son!
Dansons la Ravachole!

Vive le son
D'l'explosion!

Ah, ça ira, ça ira, ça ira,
Tous les bourgeois,gout'ront la bombe,
Ah, ça ira, ça ira, ça ira,
Tous les bourgeois on les saut'ra,
On les saut'ra! *

פאַראַן ריכטערס פאַרקויפטע
און שופטים קאָרופּטע;
פאַראַן פינאַנצירן גראָבבייכיקע
און באַנקירן קאָרפּולענטע;
און פאַראַן אויך טורמע־וואַכן.
אָבער אויף די אַלע אַכברויִשים
וואַרטן שוין באָמבעקראַכן!
זאָל לעבן דער קלאַנג,
דער אָפּהילך און דער קראַך,
דאָס קול פון דינאַמיט!
זאָל לעבן דער קלאַנג,
דער הילך פון די קראַכן!
לאָמיר טאַנצן די ראַוואַשאָל!
זאָל לעבן דער קלאַנג;
זאָל לעבן דאָס קול!
לאָמיר טאַנצן די ראַוואַשאָל!
זאָל לעבן דער אָפּהילך
און פון קראַכן דאָס קול!
אָ, ס׳וועט שוין גיין אַ גאַנג,
און אַלע בורזשויעס
וועלן מוזן פאַרזוכן
פון קראַכן דעם קלאַנג.
אָ, ס׳וועט שוין גיין אַ גאַנג,
ס׳וועט שוין גיין אַ גאַנג;
און אַלע בורזשויעס
וועלן פליִען אין די לופטן
צום קראַך און צום קלאַנג.

(א. ט.)

---

* אין אַ פרייער ייִדישער איבערזעצונג פונעם פראַנצייזישן טעקסט קאָן מען דאָס דאָזיקע דעמאָלט פּאָפּולערע ליד איבערגעבן אַזוי:

מיט דער עקזעקוציע איבער ראַוואַשאָלן האָט זיך אָנגעהויבן אַ זייער שטורמישער פּעריאָד אין דער רעוואָלוציאָנערישער באַוועגונג אין פראַנק־רייך. די רעגירונג האָט שוין אין אַפּריל, 1892, באַלד נאָך די ערשטע באָמבעקראַכן מצד ראַוואַשאָלן, געהאַט דורכגעפירט שטרענגע שטראָפן, לויט וועלכע יעדער איינער, וועלכער פּרובירט בלויז אויפצורייסן אָן עפנטלעכע געביידע אָדער אַ פּריוואַט הויז, קאָן פאַרמשפּט ווערן צום טויט אַפילו דעמאָלט, ווען עס זיינען ביי אַזאַ באָמבעקראַך, אָדער ביי אַזאַ פּרווו, ניט פאַראַן קיין מענטשלעכע קרבנות. הונדערטער אַנאַרכיסטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. די מערסטע פון זיי זיינען שפּעטער באַפרייט געוואָרן, מחמת אַ חוץ זייערע אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיעס און געדאַנקען, האָט מען ביי זיי קיין שום פאַרברעכערישעס ניט געקאָנט געפינען. באַזונדערס שווער האָט פון יענע פּאָליציייִשע רדיפות געמוזט ליידן די אַנאַרכיסטישע פּרעסע. אָבער די צאָלרייכע פאַראורטיילונגען פון די אַנאַרכיסטישע רעדאַק־טאָרן האָט דאָך ניט געקאָנט צוימען די שאַרפקייט פון זייער לשון, וואָס האָט געשניטן ווי מיט שאַרפע מעסערס. די אַנאַרכיסטישע צייטשריפט „פּער פּענאַר" („פּאַטערל האָרעפּאַשניק") האָט איטלעכן מאָנטיק און דאָנערשטיק געהאַט קעגן זיך אַ נייעם פּראָצעס. אָבער דאָס בלאַט האָט ניט אויפגעהערט צו דערשיינען און צו געדיינען און צו פאַרגרעסערן דעם פאָרמאַט זיינעם און אַפילו אויך זיין טיראַזש. אויך די אַרויסגעבערס פון „לאַ רעוואָלט", פון „ל'אַן דעאָר", און פון אַ צאָל אַנדערע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן אין פּאַריז און אין די פּראָווינץ־שטעט זיינען אָפּט און שווער באַשטראָפט געוואָרן פאַר דעם לשון, מיט וועלכן זיי האָבן גערעדט וועגן אַלע סאָציאַלע צרות אינעם לאַנד. עס איז אין יענער אויפגעשטורעמטער צייט ניט פאַרבייגעגאַנגען קיין איינציקע וואָך, אַז עס זאָל אין דער „סאַן פּעלאַזשי", אין דער תפיסה פאַר פּאָליטישע געפאַנגענע, ניט זיצן אַ צאָל פון די פּראָמינענטסטע וואָרטזאָגערס פונעם פראַנצייזישן אַנאַרכיזם.

נאַטירלעך האָבן יענע כסדרדיקע רדיפות אויף די אַנאַרכיסטן ניט גע־בראַכט די רעזולטאַטן, וואָס די פּאָליציי האָט דערוואַרט. אַדרבה, פאַרקערט. די פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען האָבן כסדר גורם געווען נייע אָנהענגערס פון די אַנאַרכיסטישע אידעען, און דער ווידערשטאַנד מצד די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. די גרויסע פּרעסע האָט כמעט יעדן טאָג מודיע געווען וועגן נייע אינצידענטן און געוואַלדאַקטן. די מערסטע צייטונגען האָבן דעמאָלט געהאַט אַ ספּעציעלע רובריק, אונטערן קאָפּ „לאַ דינאַמיט", און דאָרטן האָבן זיי איבערגעגעבן אויסשליסלעך וועגן דעם מינדסטן פּרווו אַפילו פון די אַזוי־גערופענע „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טאַט" אינצידענטן. דערמיט האָבן זיי קעגן זייער ווילן געהאָלפן אין דער פאַר־שפּרייטונג פון די אַנאַרכיסטישע אידעען און געדאַנקען צווישן די ברייטע מאַסן פונעם פראַנצייזישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט קיין מאָל ניט געקאָנט פעסטשטעלן גענוי וויפל פון די אַלע קלענערע אינצידענטן און בריוו מיט סטראַשונקעס צו די מאַכטהאָבערס זיינען טאַקע געקומען פון פאַרבי־טערטע אַנאַרכיסטן אָדער פון פּאָליציייִשע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן. אָבער

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די דאָזיקע חשדים זיינען ניט אויסגעזויגן געוואָרן פון די פינגער. זשאַן גראַוו, אין זיינע זכרונות, דערציילט וועגן דעם דאָזיקן ענין אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. (זע: „לע מוומאַן ליבערטעיר סו לאַ טרואַזיעם רעפּיבליק — סוווענירז ד׳אַן רעוואָלטע!״ — („די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אונטער דער דריטער רעפּובליק; זכרונות פון אַ רעוואָלטירטן״, פון זשאַן גראַוו, פּאַריז, 1930).

דעם 25סטן יולי, 1892, איז פאָרגעקומען דער גרויסער פּראָצעס קעגן די אַנאַרכיסטן פּאַגו, דרועי, עטיעוואַן און שעווענעי. זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן צוזאַמען מיט ראַוואַשאָלן צוגעגנבעט די פּריער־דערמאָנטע פיר הונדערט דינאַמיטישע פּאַטראָנען אין סוואַזי־סור־ז׳עטואַל. ווי דער הויפּט־עדות קעגן די אָנגעקלאָגטע איז אויך דאָ אויפגעטראָטן דער אַלט־באַקאַנטער פּאָליציייִשער יאַר עדות שאַמאַרטען. היות אַלע פיר אָנגעקלאָגטע האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט מודה צו זיין אין דעם, אין וואָס מען האָט זיי געהאַט באַשולדיקט, האָט דער גאַנצער פּראָצעס געמוזט ווערן באַזירט אויף שאַמאַרטענס עדות זאָגן. די פיר אַנאַרכיסטן האָבן געקוקט אויף שאַמאַרטענען מיט ביטול און מיט עקל. דער פּאָרזיצער פונעם געריכט האָט געהאַט אַ באַזונדערס שווער שטיקל אַרבעט מיט פּאַגון און עטיעוואַנען, וועלכע האָבן אויפן גאַנצן געריכט געקוקט מיט דער זעלביקער פאַראַכטונג ווי אויף דעם פּאָליציייִשן יאַר־עדות. די צוויי אַנאַרכיסטן האָבן דערקלערט דעם ריכטער, אַז אַ חוץ זייערע אייגענע געוויסנס, גיבן זיי קיינעם ניט דאָס קלענסטע רעכט צו משפּטן זייערע מעשים. פון די פיר אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן איז עטיעוואַן זיכער געווען דער אינטעליגענטסטער און באַוווסטזיניקסטער. און היות דער געריכטס־פּאָרזיצער האָט אים ניט דערלויבט צו מאַכן אַ לענגערע דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען און באַגרינדן זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען, האָט זשאַן גראַוו פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע אומגעהאַלטענע געריכטס־רעדע צוערשט אין „לאַ רעוואָלט״ און דערנאָך אין אַ באַזונדערער בראָשור, וואָס האָט דערלעבט צו אַ סך אויפלאַגעס, און וואָס איז אויך גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אין כמעט אַלע אייראָפּעיִשע לשונות. און הגם עס זיינען ביי יענעם פּראָצעס בכלל ניט געווען קיין שום ערנסטע באַווייזן קעגן די פיר אַנאַרכיסטן, האָט דאָס געריכט דאָך פאַרמשפּט פּאַגון צו צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע, שעווענעין צו צען יאָר און דרועין צו זעקס יאָר קאַטאָרגע. און עטיעוואַן, קעגן וועמען עס איז אַבסאָלוט ניט געווען אַפילו דער מינדסטער באַווייז, אַ חוץ זיין אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס ער האָט אָפן זיך מודה געווען וועגן איר, האָט געקראָגן פינף יאָר תפיסה.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר ע. רעינאַ האָט שפּעטער אין זיינע „זכרונות״ געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז פּאַגו איז געווען אַ פּאָליציייִשער מסור און אַז ער איז געשטאַנען אין דעם געהיימען דינסט פון אַ צווייטן הויכן פּאָליציייִשן באַאַמטן. אָבער דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט ניט געבראַכט קיין שום באַווייזן דערויף. אויף דער דאָזיקער דערקלערונג מצד דעם פּאָליציי־באַאַמטן האָט ריכטיק געענטפערט זשאַן גראַוו, ווען ער האָט שפּעטער געשריבן:

„איך ווייס ניט פון וואַנען דער מאַנסיע רעינאַ נעמט זיין באַהויפּטונג וועגן פּאַגון. איך בין זיכער, אַז אויב עס איז ניט קיין בכיוונדיקער ליגן, איז דאָס אַ טעות. פּאַגו איז נאָכן פּסק דין געוואָרן פאַרשיקט אין אַ שטראָף־קאָלאָניע אויף קאַטאָרגע. דאָרטן האָט ער אויך פאַרענדיקט זיין לעבן. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ער דערשאָסן געוואָרן מיט אַ צאָל אַנדערע אַנאַרכיסטן בעת אַ בונט פון די קאַטאָרזשניקעס. וואָלט פּאַגו טאַקע געווען אַ פּאָליציייִשער דאָנאָסטשיק, וואָלט ער דאָך זיכער ניט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף קאַטאָרגע.

יענער פּראָצעס פון די פיר אַנאַרכיסטן איז געווען דער געריכטלעכער אָפּקלאַנג פון דער מעשה ראַוואַשאָל.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך

אָן שום ספק האָט די אינערלעכע צעטרייסלונג פון דער דריטער רע־פובליק זייער אַ סך צוגעהאָלפן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. דאָס דאָזיקע לאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע ווי דייטשלאַנד און ווי די מערסטע אַנדערע לענדער אין דעם מזרחדיקן טייל פון אייראָפּע. אין די לעצטע לענדער האָט מען אין יענע יאָרן נאָך ניט געוווּסט פון קיין בירגערלעכער דעמאָקראַטיע און אויך ניט פון קיין אמתדיקע פּאַרלאַמענטאַרישע רעזשימען. האָט מען דאָרטן נאָך אַלץ געקאָנט האָפן אויף גרויסע ענדערונגען דורך אַן אומבייט אין די פּאָליטישע רעגירונגס־פאָרמען. דאָס פראַנצייזישע פאָלק, אָבער, האָט זינט די צייטן פון זיין גרויסער רעוואָלוציע געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט פאַרשיידענע פאָרמען פון רעגירונגס־רעזשימען: מיט דער דיקטאַטור פון די יאַקאָבינער; מיט דער סאַמאָדיערזשאַוויע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן; מיט דעם צוריקקער פון דער בורבאָנישער דינאַסטיע דורך די אָרלעאַניסטן; מיט די אָפּגענאַרטע האָפענונגען און דעם שנעלן אונטערגאַנג פון דער צווייטער רעפובליק; מיט דער נייער אויפלאַגע פונעם באָנאַפּאַרטיזם; און מיט דער אינערלעכער צעפוילטקייט פונעם פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם אונטער דער דריטער רעפובליק. אונטער די דאָזיקע אומשטאַנדן איז גרינג צו פאַרשטיין פאַר וואָס מען האָט אין די פאַרגעשריטענע פּאָליטישע קרייזן געהאַט פאַרלוירן דעם גאַנצן צוטרוי צו די אַלטע הערשערישע פאָרמען און מען האָט זיך אַרומגעקוקט וועגן נייע אופנים פונעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

אין פראַנקרייך, ווו, אגב אין אַלע לאַטייניש לענדער אין אייראָפּע, איז תמיד געווען ביים פאָלק אַ שטרעבונג, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום אַנאַרכיזם. די מעכטיקע השפעה פון פּרודאָנען האָט נאָך אַלץ געווירקט שטאַרק אויף דעם פּאָליטישן טראַכטן פון די ברייטע מאַסן און אויך היפּש משפּיע געווען גרויסע שיכטן פון דער פראַנצייזישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער איינפלוס איז נאָך גאַנץ אָנזעעוודיק ביזן היינטיקן טאָג. די אידעען, וואָס דער גרויסער פראַנצייזישער סאָציאַלער דענקער האָט אַרויס געבראַכט אין זיין ווערק „אידעי זשענעראַל דע לאַ רעוואָלוסיאָן אַ דיזנעוויעם סיעקל" („די אַלגעמיינע אידעע פון דער רעוואָלוציע אינעם נײַנצטן יאָרהונ־

דערט"), און אין די צאָלרייכע אַנדערע ווערק זיינע, האָבן געוואָרצלט טיף אין די געזעלשאַפטלעכע השגות פון יענער צייט טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון די אידעען און געדאַנקען־גענג פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע. פאַר פרודאָנען איז דער קאַמף קעגן דעם אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן מיט דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, נאָך לאַנג ניט געווען געענדיקט. ער האָט קלאָר באַגריפן, אַז דער אַבסאָלוטיזם, דער אייביקער פּרינציפּ פון אַפּיטרופּסות פאַר אַ צוועק, וואָס דער רבונו של עולם אַליין האָט געהאַט באַשטימט, און וואָס דערלאָזט ניט צו קיין שום אָפּווייכונג אָדער גאָר אויסזעצונג מצד מענטשן, שטייט תמיד אין וועג פון דעם מענטשנס שטרעבן צו העכערע פאָרמען פון אַ סאָציאַל צוזאַמענלעבן.

פאַר פרודאָנען איז דער סאָציאַליזם געווען ניט בלויז אַ פראַגע פון עקאָנאָמיע, נאָר אויך אַן ענין פון קולטור, וואָס מוז אַרומנעמען אַלע געביטן פון די מענטשלעכע טעטיקייטן. ער האָט געוווסט, אַז מען קאָן ניט די אויטאָריטאַרישע טראַדיציעס פון דעם מאָנאַרכיסטישן געדאַנקען־גאַנג באַ־זייטיקן בלויז אויף איין געביט, אָבער איבערלאָזן זיי אויף אַלע אַנדערע געביטן, אויב מען וויל ניט מיט דעם ענין פון סאָציאַלער באַפרייונג אַריינ־שפּילן אין די הענט אַריין פון אַ נייעם דעספּאָטיזם. פאַר פרודאָנען זיינען עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע, פּאָליטישע אונטערדריקונג און גייסטיקע גע־בונדנקייט ניט מער ווי פאַרשיידענע פועל יוצאס פון דער זעלביקער סיבה. ער האָט געזען אין דער מאָנאַרכיע דעם סימבאָל פון איטלעכער מענטש־לעכער פאַרשקלאַפונג. די מאָנאַרכיע איז ניט געווען בלויז אַ פּאָליטישע איינריכטונג, נאָר אויך אַ סאָציאַלער צושטאַנד מיט באַשטימטע אומפאַר־מיידלעכע גייסטיקע און נשמהדיקע אויסווירקונגען, וואָס לאָזן זיך בולט אָנזען אין אַ באַשטימטער מאָס אויף אַלע געביטן פונעם מענטשלעכן צוזאַ־מענלעבן. אין דעם דאָזיקן זינען האָט פרודאָן אָנגערופן דעם קאַפּיטאַליזם „די מאָנאַרכיע אין דער עקאָנאָמיע", וועלכע מאַכט דעם קאַפּיטאַל און די אַרבעט פאַר אונטערטאַנען, וואָס מוזן צאָלן צינדזן, פּונקט אַזוי ווי די געזעל־שאַפט בכלל מוז דאָס טאָן צום שטאַט, און דער גייסט צו דער אָרגאַניזירטער רעליגיע, צום קלויסטער.

די שטרעבונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע קעגן דער פּאָליטישער צענטראַליזאַציע און פאַר אַ פרייער פעדעראַציע פון געמיינדעס זיינען אויף אַן אָנזעעוודיקן אופן באַפרוכפּערט געוואָרן פון פרודאָנס געדאַנקען־גענג. די באַזייטיקונג פון דער פּאָליטישער מאַכט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דורך דער אויף פרייע אָפּמאַכן באַזירטער פאַרוואַלטונג פון דעם סאָציאַלן אייגנטום, און דער נצחון איבער די ווירטשאַפטלעכע מאָנאָפּאָלן דורך קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט לטובת אַלעמען, האָבן אין די אויגן פון אַ סך מענטשן דעמאָלט אויסגעקוקט ווי דער אויסגאַנגספּונקט פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג. וואָרן דער אָפענער אומבייט פון בלויז די פּאָליטישע פאָרמען האָט דאָך ניט געפירט צו קיין ממשותדיקע ענדערונגען, נאָר עס האָט בלויז געמיינט

דער אַלטער המשך פון די זעלביקע סאָציאַלע צרות אונטער אַנדערע פירמעס און אונטער נייע שילדן.

עס איז דעריבער געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ווען די פּאַרער־גערונג פון דעם עפנטלעכן לעבן האָט דערגרייכט די מדרגה פון טאָפּטשען זיך אין שטינקנדיקע בלאָטעס, זאָלן די אידעען פונעם אַנאַרכיזם געפינען פאַר זיך אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר זייער פאַרשפּרייטונג אין אַזאַ לאַנד ווי פראַנקרייך. די אַנאַרכיסטן האָבן ניט פאַרמירט קיין געשלאָסענע פּאָליטישע פּאַרטיי אַזוי ווי די מערסטע אַנדערע ריכטונגען אינעם סאָציאַליזם, מחמת זיי האָבן דאָך ניט אין זינען געהאַט צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, וואָס האָט פאַר זיי ניט געהאַט קיין שום באַטייט. וואָרן איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט מיינט דאָך ווידער אויפסניי אַנהייבן זיך דרייען אינעם בלינדן סאָציאַלן קרייז אָן אַן אויסגאַנג. וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן יאָ געוואָלט, איז געווען אַ לגמרי נייע געשטאַלטיקונג פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן יסוד פון יחידישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכבאַרעכטיקונג. און זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס קאָן מען ניט דערגרייכן דורך פּאָליטישע פּאַראָרדע־נונגען און רעגירונגס־באַשלוסן. די דאָזיקע סאָציאַלע ענדערונגען מוזן פונעם פּאָלק גופא געמאַכט ווערן און פון אים אַרויסקומען און דורך אים צייטיק ווערן, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע אמתע קולטורעלע און דויערהאַפטיקע דערגרייכונגען אין דער געשיכטע פון פעלקער.

עס זיינען דעמאָלט געווען הונדערטער אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין פּאַריז און אין די פּראָווינץ־שטעט. זיי האָבן אַלע אָנגעפירט מיט אַן אומדער־מידלעכער פּראָפּאַגאַנדע און בלויז דורך דער געמיינשאַפטלעכקייט פון זייערע שטרעבונגען זיינען זיי געווען פאַרבונדן צווישן זיך. אַ סך פון די דאָזיקע גרופּעס האָבן אָפן סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערישע מעשים, וואָס אַ צאָל יחידים זיינען באַגאַנגען. זיי האָבן אין די דאָזיקע יחידים געזען די פּאַרלויפערס פון אַ נייער רעוואָלוציע, הגם זיי אַליין האָבן ניט געהאַט די מינדסטע שייכות צו די יחידישע געוואַלדאַקטן. די מענטשן פון יחידישע מעשים זיינען, נאַטירלעך, געווען באַקאַנט צו אַ גאַנץ קליינעם קרייז, מחמת עס איז דאָך געלעגן אין דער סאַמע טבע פון די געוואַלדאַקטן, אַז די דאָזיקע יחידים זאָלן זיך האַלטן אָפּגעזונדערט, כדי ניט צו ציִען אויף זיך דעם חשד פון דער פּאָליציי. עס איז אויך געווען פּאַלש אָנצונעמען, אַז יענע מעשים, וואָס האָבן דעמאָלט אויפגערודערט גאַנץ פראַנקרייך, זיינען געווען אַ דירעק־טער פועל יוצא פון די אַנאַרכיסטישע אָנשויונגען; זיי זיינען גיכער געווען די רעזולטאַטן פון דער אינערלעכער צעפוילטקייט פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע צושטאַנדן אין יענעם פּעריאָד. די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע האָט געהאַט אין גאַנצן אונטערגעגראָבן דעם גלויבן ביי די ברייטסטע שיכטן פונעם פראַנצייזישן פּאָלק, אַז די טיפע געזעלשאַפטלעכע סתירות קאָנען אויסגעגליכן ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן. דעריבער טאַקע האָט דאָס פּאָלק געגלייבט אין דעם כוח פון די פּראָטעסטירנדיקע געוואַלדאַקטן מצד יחידים.

גראָד דער אומשטאַנד, וואָס די רעגירונג האָט כסדר געפּרובירט צו מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך די אָנשויונגען פון אַ גאַנצער באַוועגונג פאַר די מעשים

פון אַ צאָל יחידים, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די עקסיסטירנדיקע סתירות און האָט אויפגערייצט אַ סך מענטשן צו אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד, מחמת זיי האָבן סוף כל סוף דערפילט, אַז זיי ווערן גערודפט בלויז פאַר זייערע אידעען. אין אַזאַ לאַנד ווי פראַנקרייך, וווּ די מענטשן זיינען אויפן יסוד פון זייער געשיכטע און פון זייערע טראַדיציעס געווען אַ סך מער געניגט צו אַן אינדיווידועלן ווידערשטאַנד ווי, למשל, אין דייטשלאַנד, זיינען די ברוטאַלע פּאָליציי־שע אַריינמישונגען אין די לעבנס פון איינצלנע בירגער געוואָרן טאָפּלט פאַטאַל.

די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטן האָבן אין די אַכצן־אַכציקער און אין די אַכצן־ניינציקער יאָרן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע אַ היפּש פאַרשפּרייטע אייגענע פּרעסע. דער צענטראַלער פּונקט פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז, נאַטירלעך, געווען פּאַריז, וווּ זינט די אַכצן־אַכציקער יאָרן זיינען אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנצע רייע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן. די באַדייטנדיקסטע און ווייטפאַרשפּרייטסטע בלעטער צווישן זיי זיינען געווען „לאַ רעוואָלט" און „לע פּער פּענאַר". די דאָזיקע צוויי צייטשריפטן זיינען דערשינען אַ לענגערע צייט, ביז צו די שווידערלעכע רדיפות אין 1894, נאָכן מאָרד איבער דעם פּרעזידענט קאַרנאָ, ווען אויך זיי זיינען געוואָרן די קרבנות פון יענע מוראדיקע פאַרפאָלגונגען. אָבער דאָך זיינען זיי ביידע, מיט בלויז אַ יאָר שפּעטער, ווידער דערשינען אונטער אַנדערע נעמען.

דער עלטסטער אַנאַרכיסטישער אָרגאַן אין פראַנקרייך איז געווען „לאַ רעוואָלט". די דאָזיקע צייטשריפט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1879 דורך קראָפּאָטקינען און אַ גרופּע חברים אין זשענעווע, שווייצאַריע, אונטער דעם נאָמען „לע רעוואָלטעי" („דער בונטאָווטשיק"). נאָך זעקס יאָר אַרויסגיין אין זשענעווע, איז דאָס בלאַט איבערגעטראָגן געוואָרן קיין פּאַריז. ווען די דאָזיקע צייטשריפט איז אין 1887 פאַרמשפּט געוואָרן צו באַצאָלן אַ געלט־שטראָף פון פינף הונדערט פראַנק, האָט זי זיך געמוזט פאַרמאַכן. אָבער באַלד אין דער צווייטער וואָך איז זי ווידער אַרויס אונטער דעם געענדערטן אָבער דאָך ענלעכן נאָמען פון „לאַ רעוואָלט". און מיטן נייעם נאָמען האָט זי אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. דער רעדאַקטאָר פון דעם בלאַט איז דעמאָלט געווען זשאַן גראַוו, איינער פון די פעיִקסטע און צו קרבנות־גרייטסטע מענטשן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. ער איז געבליבן דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן בלאַט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.* „לאַ רעוואָלט" האָט דעמאָלט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן שטאַב פון מיטאַרבעטער און די צייטשריפט איז אָן שום ספק געווען דער בעסטער אָרגאַן פון דער פראַנצייזישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. עליזעי רעקלי און אַ גאַנצע רייע פון די פיינסטע אינטעלעקטועלע כוחות פונעם

---

* „לאַ רעוואָלט" איז נאָך דער דערמאָרדונג פון דעם פּרעזידענט קאַרנאָ געוואָרן אונטערדריקט פון דער רעגירונג אין 1894, אויפן סמך פון די אַזוי גערופענע „קרימינעלע געזעצן". דאָס בלאַט איז אָבער דערשינען שפּעטער, זינט מאַי, 1895, ביז צום אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דעם נאָמען „לע טאַן נואוואָ" („די נייע צייטן").

פראַנצייזישן אַנאַרכיזם האָבן כסדר בייגעשטייערט זייערע בעסטע מאמרים און עסייען. קראָפּאָטקין, וועלכער האָט געהערט צו די רעגולערע מיט־אַרבעטערס, האָט אין „לאַ רעוואָלט" פאַרעפנטלעכט אַ סך פון זיינע ווערטיקסטע אַרבעטן. אַ סך באַקאַנטע חברים פון אַנדערע לענדער, ווי, מערלינאָ, מאַלאַטאַסטאַ, מעיאַ, ד'אַנדזשיאַ, טאַרידאַ דעל מאַרמאָל, נעטלאַו, און שפּעטער ניאייווענהואיס, קאָרנעליסען, מעניל, און אַ היפּשע צאָל אַנדערע האָבן אָפט געשריבן אין דעם דאָזיקן בלאַט. „לאַ רעוואָלט" האָט אויך געהאַט קאָרעספּאָנדענטן אין אַ סך אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע לענדער, און די אַקטועלע באַריכטן פון דער סאָציאַלער באַוועגונג אין אַלע טיילן פון דער וועלט זיינען באמת געווען אַן אוצר פאַר יעדן איינעם וועלכער האָט געוואָלט וויסן עפּעס וועגן דער געשיכטע פון די פרייהייטלעכע שטרעבונגען אין יענע יאָרן.

אַ פיינער איינפיר פון „לאַ רעוואָלט" איז געווען דער „סופּלעמאַן ליטערעיר", די וועכנטלעכע ליטעראַרישע ביילאַגע, וואָס האָט געהאַט אויס־געצייכנטע און באַזונדערס געקליבענע אַרטיקלען, אַפּאָריזמען, מאמרים, ביב־ליאָגראַפישע באַריכטן, אויסצוגן פון ווערק פון דער עלטערער און נייערער ליטעראַטור פון אַלע לענדער. אין די דאָזיקע אַלע ליטעראַרישע שאַפונגען זיינען געקומען צום אויסדרוק די פרייהייטלעכע השגות און אַנאַרכיסטישע אויפפאַסונגען. דער „סופּלעמאַן ליטערעיר" האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט בלויז אויף אַ באַשטימט געביט, נאָר ער האָט אויך געבראַכט מאמרים און עסייען פון אַלע וויסנשאַפטלעכע געביטן, ווי אויך פון דער פילאָסאָפישער און בעלעטריסטישער ליטעראַטור. די געזאַמלטע יאָרגענג פון „לאַ רעוואָלט" זיינען אַן אמתער אוצר פון אַלץ, וואָס די גרויסע אויסדערוויילטע גייסטיקע כוחות האָבן געשאַפן, געטראַכט און געשריבן. עס איז אין דער גאַנצער צייטונגס־ליטעראַטור פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם קוים פאַראַן אַן אַנדערע צייטשריפט, אין וועלכער די וועלט־אַנשויונג פונעם אַנאַרכיזם איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַזאַ פילזייטיקן און אַלץ אַרומנעמענדיקן אופן.

„לאַ רעוואָלט" האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ לייענערשאַפט פון אַכט ביז צען טויזנט. זי האָט אַן שום ספק געהערט צו די באַטייטיקסטע און אייגנאַרטיקסטע צייטשריפטן, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פראַנקרייך. איך גופא האָב דעם דאָזיקן בלאַט געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען, און איך בין פאַרבליבן ביז צו זיין פרייווילליקן אָפּשטעלן זיך, ביים אָנהייב פונעם ערשטן וועלטקריג, איינער פון זיינע שטענדיקסטע לייענערס. דאָס דאָזיקע בלאַט האָט זיכער צום מערסטן בייגעטראָגן צו דער קלאָרמאַכונג פון מיינע אַנאַרכיסטישע אויפפאַסונגען, און עס האָט מיר אויך געגעבן אַ ברייטערע באַזע פאַר מיינע פרייהייטלעך סאָציאַליסטישע אידעען. איך ווייס אויך פון פערזענלעכער דערפאַרונג, אַז אַ סך חברים אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געקאָנט פראַנצייזיש, האָבן אויך אַזוי פיל ווי איך געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע סאָציאַלע קענטענישן און זייער אַנאַרכיסטיש וויסן דער דאָזיקער צייטשריפט.

אין גאַנצן אַנדערש איז געווען דאָס בלאַט „לע פּער פּענאַר". די דאָזיקע

צייטונג איז געשריבן געוואָרן אין אַ פאַלקסטימלעכן פּאַריזער פראַנצייזיש. אַרויסגעגעבן האָט זי עמיל פּוזשעי מיט זיין גרופּע חברים, פּוזשעי איז זיכער געווען איינער פון די גייסטרייכסטע קעפּ פונעם פראַנצייזישן אַנאַרכיזם. צוזאַ־מען מיט פּעלוטיעין האָט ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דעם פראַנצייזישן סינדיקאַליזם. „לע פּער פּענאַר" האָט זיך פאַרנומען ווייניקער מיט טעאָרעטישע פּראַגעס, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין „לאַ רעוואָלט". דער אינהאַלט פון „לע פּער פּענאַר" איז געווען מער צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס דאָזיקע בלאַט האָט דערפילט זיין אויפגאַבע, וואָס בעסער האָט מען דאָס קוים געקאָנט מאַכן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אין פעברואַר, 1889, און עס איז פון אָנהייב געווען אַ קליין בלעטל, וואָס זיין פּשוט לשון, אָן שום שמינקע, האָט באַלד אַרויסגערופן אויך אָן אָנזען ביי די מאַכט־אָרגאַנען. די כסדרדיקע פּראָצעסן און די שווערע שטראָפן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן פון דער דאָזיקער צייטשריפט האָבן געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם ווידערשטאַנד מצד די אַרויסגעבערס און צוזוקריגן וואָס אַ מאָל מער לייענערס. אין משך פון בלויז קנאַפּע דריי יאָר צייט זיינען אָן ערך אַ טוץ פאַראַנטוואָרטלעכע רע־דאַקטאָרן פון אָט דעם בלאַט געזעסן אין תפיסה. אָבער דאָך האָבן קיין מאָל ניט געפעלט קיין חברים, וואָס זענען געווען גרייט תיכף אויסצופילן די ליידיק געוואָרענע רעדאַקטאָרישע פּלעצער, און עס זיינען אויך געווען אַ סך חברים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם אַמט פון פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר, ניט בלויז כדי צו זיין גרייט אָפּצוזיצן די לאַנגע תפיסה־טערמינען, נאָר אַפילו אויך אָפּצוזיצן די שווערע געלטשטראָפן. אין משך פון דריי יאָר האָט די דאָזיקע צייטשריפט פאַרגרעסערט איר פאָרמאַט דריי מאָל, און אַזוי האָט „לע פּער פּענאַר" בהדרגהדיק זיך אַרויפגעאַרבעט צו ווערן דאָס פאַרשפּרייט־סטע וואָכנבלאַט פונעם פראַנצייזישן סאָציאַליזם פון אַלע ריכטונגען אין יענע יאָרן.

דער שאַרפער וויץ, דער בייסיקער הומאָר, די אָראַפּרייסערישע סאַטירע, זיינען געוואָרן די וואָפן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אַזוי געשיקט באַנוצט די אַרויסגעבערס פון יענעם אייגנאַרטיקן בלאַט; דאָס פראַנצייזישע ווערטל „חוזק דערהרגעט" איז געוואָרן דער אויסגאַנגספּונקט פון זייער פּראָפּאַגאַנדע. „לע פּער פּענאַר" האָט אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אינעם עפנטלעכן לעבן זיך בכלל ניט באַמיט צו זיין צירלעך־מאַנירלעך, מחמת עס האָט אים לחלוטין געפעלט דער יראת הכבוד פאַר די גרויסע לייט פון דער עפנטלעכער מאַכט. ער האָט בכלל זיך ניט זשענירט אַריינצוזאָגן די רעגירונגס־אויטאָריטעטן דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן זיי. ער האָט ניט געהערט צו די שטאַטנע צייטונגען און ניט צו די שטייפע בלעטער מיט אָנגעבלאָזענע פּנימער און מיט פאַרריסענע נעזער, וואָס קרימען זיך לויט אַ גרימירטער מאָראַל און וואָס האָבן מורא צו לאַכן ווייל די פאַר־טריקנטע שמינקע קאָן נאָך, חלילה, פּלאַצן און אַנטפּלעקן די מיאוסקייט, וואָס ליגט הינטער דער פאַראַדנער פּאָמפּע. ער איז געווען איינער פון יענע

פרייע אָפּלאַכערס און פריילעכע אָפּשפּעטערס, וואָס ציטערן ניט און פלאַטערן ניט פאַר די גרויסע טראַדיציאָנעלע געצן און וואָס וואַלגערן זיך ניט אינעם שטויב פון די געטלעכע פיס. ער האָט געוויזן דעם פאָלק ווי אַזוי עס זעען אויס זיינע מאַכטהאָבערס ניט אין מונדירן מיט גאָלדענע שליפעס, נאָר אין די נאַכטהעמדער, מיט אַלע זייערע פּראָסטע און בשר־ודמישע שוואַכקייטן און אויך מיט אַלע זייערע מיאוסע חסרונות און שוידערלעכע באַרבאַרישקייטן.

די באַריכטן אינעם „לע פּער פּענאַר" פונם „פּאַלאַץ פון אומגערעכ־טיקייט", ווי ער האָט אָנגערופן דעם „פּאַלעי דע לאַ זשיסטיס", דאָס פּאַריזער הויפּטגעריכט, אָדער פון דעם „אַקוואַריום", ווי ער האָט באַטיטלט דעם פּאַרלאַמענט, מיט די אַלערליי העכט און גרויסע קאַרפּנקעפּ, און זיין אומבּרחמנותדיקע קריטיק אויפן חשבון פון די פּאַרטרעטערס פון דער אַרמיי, פון די גרויסע לייט פונעם קלויסטער און פון קאַפּיטאַל, — דאָס אַלץ איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אַן אויפרייסערישער אָפּשפּעטערישקייט און מיט אַן אַראָפּרייסערישן חוזק. אין יענע יאָרן, ווען דער צוטרוי מצד דעם פאָלק צו די פאַרטיידיקערס פון דער בירגערלעכער אָרדענונג איז געהאַט אַראָפּ־געזונקען אַזוי טיף, האָט אַזאַ סאַטיריש לשון געמאַכט אַ נאָך טיפערן איינדרוק.

„לע פּער פּענאַר" האָט געאַרבעט ניט בלויז מיטן מיטל פונעם געשריבענעם וואָרט, נאָר ער האָט אויך פּרובירט צו האָבן אין איטלעכן נומער אַ בילד, אַ צייכענונג, אַ קאַריקאַטור, וואָס זאָל דעם לייענער קלאָרער מאַכן אַ געדאַנק, אָדער אַ שטאָכווערטלדיקן אַריינזאָג. אין דער דאָזיקער אַרבעט איז דאָס בלאָט געשטיצט געוואָרן מצד אַ צאָל באַטייטיקע קינסטלערס אויף אַ היפּש רחבותדיקן אופן. „לע פּער פּענאַר" איז געוואָרן דער פּאַקטישער שאַפער פון דער אַנאַרכיסטישער קאַריקאַטור אין פראַנקרייך. אַ סך פון די דאָזיקע קינסטלערישע צייכענונגען האָבן געהאַט אַן אומפאַרגלייכלעכע ווירקונג, מחמת זיי זיינען געווען דער אויסדרוק פון גרויסע גייסטיקע כוחות און זיי האָבן טיפער אָנגערעגט די נשמות ווי עס האָט דאָס געקאָנט טאָן דאָס געדרוקטע וואָרט. ניט ווייניק פון די פאַרעפנטלעכטע צייכענונגען האָבן תיכף געפונען זייער וועג צו דער רעוואָלוציאָנערישער פּרעסע אין אַלע לענדער. אַזוי, למשל, איז אין דער גאַנצער וועלט איבערגעדרוקט געוואָרן דאָס בילד „לע בורזשואַ", וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גראָבן באַנקיר, אַרומגערינגלט מיט זיינע גאָלד־אוצרות, וועלכער קניט פאַר דער „הייליקער מוטער גיליאָטינע" און ער איז אויף זיינע קני מתפלל צו איר: „הייליקע גיליאָטינע, בעט פאַר אונדז צו גאָט! הייליקע גיליאָטינע, לייז אונדז אויס!" עס איז אויך זייער פּאָפּולער געוואָרן אַזאַ צייכענונג ווי „דאָס פאָטערלאַנד", וואָס האָט געוויזן דעם רוימישן אָפּגאָט סאַטורן, ווי ער שלינגט איין זיינע אייגענע קינדער. זייער אָפט זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן די צוויי צייכענונגען, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט אַ פּאָליטישן קאַנדידאַט, וואָס אויף איין קאַריקאַטור זאָגט ער צו פאַר די וואָלן זיינע ווייילערס דאָס טעלערל פון הימל, און אויף דער צווייטער קאַריקאַטור, שוין נאָך די וואָלן, שטייט דער זעלביקער קאַנ־דידאַט שוין אויסגעדרייט צו די ווייילערס מיטן הינטן, און ער זאָגט צו זיי: „נאָט אייך ס'טעלערל פון הימל!"

דאָס דאָזיקע רייכע בילדערישע מאַטעריאַל, וואָס אָפּט איז עס געקומען פון ערשטקלאַסיקע קינסטלערס, וועלכע האָבן ניט געפּאָדערט פון „לע פּער פּענאַר" קיין האָנאָראַר, האָט דער דאָזיקער צייטשריפט צוגעגעבן אַ באַזונדערן ווערט, און עס איז אויך פאַר דעם קולטור־היסטאָריקער פון אַן אומאָפּ־שאַצעוודיקן באַטייט. דאָס, וואָס דער באַרימטער פראַנצייזישער קונסטמאָלער און קאַריקאַטוריסט נאַרעי דאָמיעי האָט אויפגעטאָן מיט זיינע סאַטירישע שאַפונגען אין די צייטן פון דעם קעניג לואי פיליפּ, האָבן די מיטאַרבעטערס פון „לע פּער פּענאַר" דערגרייכט מיט זייערע צייכענונגען, וואָס האָבן חוזק געמאַכט פון די סאָציאַלע צושטאַנדן אין דער צייט פון דער דריטער רעפּוב־ליק. אַ פולשטענדיקע זאַמלונג פון דעם דאָזיקן בלאַט, איינגעשלאָסן די קאָנפיסקירטע נומערן, וועלכע זיינען, אגב, געווען צווישן די בעסטע, באַטיר־לעך, איז היינט צו טאָג אַ יקר המציאות.

אַ זייער אינטערעסאַנטע אַנאַרכיסטישע צייטשריפט איז אין יענע יאָרן אויך געווען „ל'אַן דעאָר", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן, אין 1891, פון זאָ ד'אַקסאַן די דאָזיקע צייטונג, אַ וואָכנבלאַט, האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן מיטאַרבעטאַרערישן שטאַב. אַ חוץ די מאמרים פון אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַר־כיסטן, ווי שאַרל מאַלאַטאָ, סעבאַסטין פאָר, בערנאַר לאַזאַר, אַ. קאַהען, עמיל אַנרי, זש. אַזשאַלבער, אַ. האַמאָן, און אַ צאָל אַנדערע, האָט „ל'אַן דעאָר" אויך געבראַכט רעגולער די אָריגינעלע אַרטיקלען און עסייען פון אַזעלכע פּראָמינענטע פאָרטרעטערס פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, ווי מירבאָ, פּאָל אַדאַם, אַלקען, טאַבאַראַן, דאַריאַן, ווערהאַראַן, מאַקלעיר, זשיל קריסטאָף, ס. פּענעאָן, און אַ צאָל אַנדערע וועלכע זיינען דעמאָלט אַלע געווען די טרעגערס פון די פרייהייטלעכע געדאַנקען־גענג און כמעט אַנאַרכיסטישע וועלט־אָנ־שויונגען.

„ל'אַן דעאָר" האָט זיך פאַרנומען ווייניקער מיט פּראָגעס פון טעאָריע, ווי זיי זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף די שפּאַלטן פון „לאַ רעוואָלט", און אויך ניט מיט דער פּראַקטישער פאָלקסטימלעכער פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט לע פּער פּענאַר". דאָס וואָכנבלאַט „ל'אַן דעאָר" האָט באַלויכטן אַלע פּראָבלעמען פון דעם אַקטועלן לעבן, באַזונדערס די פּראָגעס פון דער נייער קונסט און פון דער נייער ליטעראַטור, אָבער פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז ניט געווען באַאיינפלוסט פון אַלטע פּאַרטייאישע שאַבלאָנען און אויסגעדראָשענע קלישעען. שוין דער נאָמען אַליין „ל'אַן דעאָר", „פון דרויסן", האָט איבערגעגעבן דעם כאַראַקטער פונעם בלאַט. דער אַרויסגעבער, זאָ ד'אַקסאַן, איז געווען איינער פון יענע אימפּולסיווע רעוואָלוציאָנערן מיט אַ שטאַרקער קינסטלערישער טרייבקראַפט, וואָס האָט געפירט אַ כסדרדיקע מלחמה קעגן אַלע טראַדיציאָנעלע גלייבענישן אויף אַלע געביטן. באַקונינס באַקאַנטער זאָג „דער גייסט פון צעשטערונג איז אויך אַ שעפערישער גייסט" וואָלט געקאָנט דינען ווי אַ מאָטאָ פאַר דער דאָזיקער צייטשריפט. זאָ ד'אַקסאַן האָט באַלד אינעם ערשטן נומער פון „ל'אַן דעאָר" קליפּ און קלאָר אַרויסגעבראַכט זיין שטאַנדפּונקט, וועלכע לאָזט זיך בקיצור פאָרמולירן אין די ווייטערדיקע ווערטער:

מיר האָבן ליב דעם קאַמף אַפילו בלויז לשם קאַמף, אָן צו רעכענען זיך מיט דער מעלה, וואָס אַ נצחון פון אַן אידעע ברענגט מיט זיך מיט. עס איז ביז איצטער נאָך אַלץ ניט פאַראַן קיין אַבסאָלוט זיכערער פּרובירשטיין פאַרן אמת. דער אמתער אידעאַל פון דער קומענדיקער גאָלדענער תקופה איז נאָך ניט אין גאַנצן אַנטפּלעקט געוואָרן. דאָס לעבן גופא איז דאָך אַן אייביקער אומבייט פון אידעען און דערשיינונגען, וועלכע מען קאָן ניט צובינדן צו איין באַשטימטער סאָציאַלער אויפפאַסונג. מיר פילן זיך היינט צו טאָג ווי אָנגעגריפן פון נייע געדאַנקען־שטרעמונגען, אָבער מיר ווייסן ניט וווהין זיי וועלן אונדז דערטראָגן. עס איז דעריבער די באַוועגונג גוטא, וואָס ענדערט די אַלע פאָרמען פון דעם איצטיקן דאַזיין, און וואָס עפנט נייע פּיאָנירישע מעגלעכקייטן. גאָר ניט איז ערגער ווי דער אַבסאָלוטיזם פון אידעען וואָס באַצוועקן איבערצומאַכן די וועלט לויט באַשטימטע פּלענער און מאָדעלן. איטלעכער אַבסאָלוטיזם איז רעאַקציאָנעריש און אַ זינד קעגן דעם פרייען גייסט. דעריבער טאַקע לעבן מיר נאָר מיטן היינט און מיר פרעגן ניט, ווייל מיר ווייסן ניט און קאָנען ניט וויסן, וואָס די צוקונפט וועט פאַר אונדז ברענגען. מיר ווייסן אָבער יאָ וועגן די קייטן, וואָס האַלטן אונדז געשמידט היינט צו טאָג. און די דאָזיקע קייטן ווילן מיר אויפרייסן, צעשמעטערן. ניט צו טראַכטן מיט די געדאַנקען־גענג פון דער פאַרגאַנגענהייט און ניט צו קוקן אויף וועלט און מענטש מיט די אַלטע אָנשויונגען, נאָר צו זיך גופא צו זיין ערלעך און געטריי און נאָכצופאָלגן די אייגענע אינערלעכע איבערצייגונגען — דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן זיך אַליין, פאַר זיך גופא, געשטעלט.

דאָס לשון פון „ל'אַן דעאָר" איז, נאַטירלעך געווען אין הסכם מיט דער גייסטיקער קולטור פון זיינע אַרויסגעבערס. די שפּראַך איז געווען רייך און בילדעריש און זי האָט פאַרמאָגט אַלע שיינע מעלות, וואָס האָבן געבענטשט די פראַנצייזישע ליטעראַטור מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן חן. דערביי זיינען אַלע געדאַנקען איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַזאַ קלאָרער חריפות, וואָס בעסער האָט גאָר ניט געקאָנט זיין. און דער סוד, וואָס די רעגירונג האָט אַזוי לאַנג טאָלערירט די דאָזיקע צייטונג, איז טאַקע געלעגן אין דעם, וואָס זי האָט פשוט מורא געהאַט זיך איינצורייסן מיט די דאָזיקע שאַרפע שאַפערס פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, מחמת די פראַנצייזישע מאַכטהאָבערס האָבן געהאַלטן, אַז עס איז געזינטער פאַר זיי ניט אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון ליטעראַרישער שעפערישקייט. אין „ל'אַן דעאָר" זיינען דערשינען מירבאָס און טאַבאַראַנס אַרטיקלען, וואָס האָבן צעגלידערט די מעשים פון ראַוואַשאָלן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן געמוזט אַרויסברענגען פונעם גלייכגעוויכט די געמיטלעכע בירגערס פון פראַנקרייך. די רעגירונג האָט דערויף עטלעכע מאָל פּרובירט צו רעאַגירן דורך אומדירעקטע וואָרע־נונגען צו די אַרויסגעבערס פונעם וואָכנבלאַט, אַז זיי זאָלן ניט ריידן מיט אַזעלכע הויכע טענער. אָבער ווען דאָס האָט, נאַטירלעך, ניט געהאָלפן, האָט מען זאָ ד'אַקסאָן געשלעפּט פאַרן געריכט און מ'האָט אים פאַרמשפּט צו צוויי יאָר תפיסה. האָבן זיך באַלד פאַר אים איינגעשטעלט אַ גאַנצע רייע

באַטייטיקע שריפטשטעלערס, צווישן זיי מיט אַזעלכע נעמען, ווי זשאַרזש קלעמאַנסאָ, אַנרי באָער, לוסיאַן דעקאַוו, לאַראַן טאַיאַד און זשאַן דע מיטי. און אַלע האָבן דעמאָלט געפאָדערט די תיכפדיקע אַנולירונג פון דעם פסק דין איבער זאָ ד'אַקסאַן, וועמען זיי האָבן באַטראַכט ווי איינעם פון די בעסטע פאָרשטייערס פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור.

„לאַ רעוואָלט", „לע פער פּענאַר" און ל'אַן דעאָר" זיינען אָן שום ספק געווען די באַטייטיקסטע בלעטער פון דער פראַנצייזישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין יענער צייט, אָבער זיי זיינען בכלל ניט געווען די איינציקע. אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן און צייטשריפטן זיינען דעמאָלט דערשינען אין אַזעלכע שטעט ווי אין מאַרסעי, ליאָן, באָרדאָ, אַמיאַן, דיזשאָן, לע האַוור, אַלזשעי, און אין אַ צאָל אַנדערע. די מערסטע פון זיי האָבן ניט לאַנג אָנגעגעהאַלטן, מחמת זיי זיינען אָפט געוואָרן די קרבנות פון פּאָליציייִשע רדיפות. אָבער נאָך יעדער קאָנפיסקאַציע פון אַן אַנאַרכיסטיש בלאַט איז באַלד אויפגעקומען אַ צווייטס אויף זיין אָרט, אונטער אַ נייעם נאָמען, וואָס האָט ווייטער ממשיך געווען דעם קאַמף. דאָס איז באַזונדערס געווען דער פאַל אין ליאָן, ווו די פּאָליציייִשע רדיפות זיינען געווען שווערער ווי אין די אַנדערע שטעט. אָבער אַזוי גיך ווי די ליאָנער פּאָליציי האָט געהאַט אָפּגעשטעלט איין אַנאַרכיסטישע צייטשריפט איז שוין געווען אויף די גאַסן פון יענער שטאָט אַ צווייטע. אַזוי איז געשען, אַז אין משך פון ווייניק יאָרן זיינען אין ליאָן אַרויס איבער אַ טוץ אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך נאָכגעפאָלגט איינע נאָך דער אַנדערער אַזוי ווי רינגען פון אַ קייט. אַפילו אין פּאַריז גופא זיינען דעמאָלט אַרויס עטלעכע אַנאַרכיסטישע בלעטער אין צוגאָב צו די דריי דערמאָנטע צייטשריפטן. און איטלעך בלאַט האָט זיך געהאַט איר אייגענעם אַנאַרכיסטישן ציל און איז געווען באַשטימט פאַר פאַרשיידענע לייענערס. אַזוי, למשל, זיינען דערשינען עטלעכע אַנאַרכיסטישע בלעטער פאַר די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָדער פאַר אַרבעטער פון באַשטימטע פאַכן, ווי, למשל, „לע ריפלאַר" („דער הובל"), („לע פּאַט'אַקאָל" („דער קליטאָפּ"), „לעי קרי טיפּאָגראַפיק" („דאָס זעצערישע געשריי"), און אויך אַזעלכע צייטשריפטן ווי „לאַ רעווי אַנאַרשיסט", וואָס איז שפּעטער געוואָרן לאַ רעווי ליבערטעיר". און אין צוגאָב צו זיי אַלע זיינען נאָך דערשינען באַזונדערע אויסגאַבעס, וואָס האָבן זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אויף איין איינציק געביט, ווי, למשל, אויף אַנטי-פּאַטריאָטיזם, אָדער אויף אַנטי-מיליטאַריזם.

אַ חוץ די דאָזיקע אַלע בלעטער און צייטשריפטן, האָבן די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין יענע יאָרן אויך אַרויסגעגעבן אַ סך בראָשורן. אויף דעם געביט פון דער בראָשורן-ליטעראַטור זיינען די אַנאַרכיסטן אין פראַנקרייך געווען אַ סך שעפערישער ווי וועלכע עס איז אַנדערע סאָציאַלע באַוועגונג. זשאַן גראַוו דער לאַנגיאָריקער אַרויסגעבער פון „לאַ רעוואָלט" און פון דעם נאָכפאָלגנדיקן בלאַט „טאַן נוווא", האָט וועגן דעם דאָזיקן ענין דערציילט אינטערעסאַנטע זאַכן אין זיינע „זכרונות". אין משך פון דער עקסיסטענץ פון די צוויי דערמאָנטע צייטשריפטן האָבן זייערע אַרויסגעבערס

אויך אָפּגעדרוקט ניט ווייניקער ווי אַכט און אַכציק פאַרשיידענע אַנאַרכיס־טישע בראָשורן מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון איבער צוויי מיליאָן מיט 236 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַזוי איז מאַלאַטעסטאַס „אַנטער פּעיזאַן" („צווישן פּויערים") דערשינען אין 95 טויזנט עקזעמפּלאַרן, און קראָפּאָטקינס „רוף צו דער יוגנט" אין אַכציק טויזנט. אָבער די דאָזיקע בראָשור קראָפּאָטקינס, „אַ זשאַן זשאַן" אין פראַנצייזיש, איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַנדערע אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין פראַנקרייך, ווי אויך אין בעלגיע און אין דער פראַנצייזישער שווייצאַריע, און זי איז אַזוי אַרום געוואָרן די ווייט־פאַר־שפּרייטסטע שריפט אין דער גאַנצער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטע־ראַטור בכלל. קיין שום אַנאַרכיסטישע בראָשור איז אין יענע יאָרן ניט געדרוקט געוואָרן אין ווייניקער ווי אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן. און דאָ רעדט זיך בלויז וועגן די אויסגאַבעס, וואָס זשאַן גראַוו און זיינע חברים האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן. און אויב מען רעכנט נאָך אויך צו די אַלמאַנאַכן פון „לע פּער פּענאַר" און די בראָשורן פון די אַנדערע גרופּעס אין פּאַריז און אין די פּראָווינץ־שטעט, ווו זיי האָבן זיך געדרוקט, באַקומט מען ערשט דעמאָלט די פולע השגה וועגן דער גרויסער טעטיקייט פון די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטן אויף דעם דאָזיקן פּראָפּאַגאַנדע־געביט אין יענע יאָרן.

אַ סך פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, באַזונדערס די שריפטן פון קראָפּאָטקין, רעקלי, מאַלאַטעסטאַ, גראַוו, און אַנדערע, זיינען אָפט איבערגעזעצט געוואָרן אין מער ווי אין צוואַנציק פאַרשיידענע לשונות, דערונטער אויך אין אַרמעניש, כינעזיש און יאַפּאַניש. דער עיקר זיינען אין שפּאַניע, איטאַליע און אין דרום־אַמעריקע אין יענע יאָרן כסדר אַרויס נייע אויפלאַגעס פון די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן, וואָס די צאָל פון זייערע עקזעמפּלאַרן לאָזט זיך גאַרניט אָפּשאַצן.

הגם די ענערגישע אַרויסגעבערס פון „טאַן נוווא" האָבן אויך אַרויס־געגעבן עטלעכע ביכער פון אַ גרעסערן פאַרנעם, זיינען דאָך די מערסטע ביכער פון די באַקאַנטע אַנאַרכיסטישע שריפטשטעלערס אין פראַנקרייך דערשינען אין פּריוואַטע בירגערלעכע פאַרלאַגן. און אַזוי איז דאָס אויך געווען סיי אין שפּאַניע און סיי אין איטאַליע. די גרויסע פאַרשפּרייטונג פון די אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען אין די לאַטיינישע לענדער האָט אויך גורם געווען, אַז אַנאַרכיסטישע ווערק האָבן געפונען אַ סך קונים, און די פּריוואַטע פאַרלעגערס האָט קנאַפּ וואָס געאַרט ווער די מחברים זיינען, כל זמן זיי, די פאַרלעגערס, האָבן געמאַכט רווחים. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל אין די ניט־לאַטיינישע לענדער, ווו די פאַרלעגערס האָבן זיך דעמאָלט יאָ געקווענקלט אַרויסצוגעבן די ווערק פון אַנאַרכיסטן. אַלע ווערק, באַזונדערס די גרעסטע און מער באַקאַנטע, פון קראָפּאָטקין רעקלי, גראַוו, פאָר, מאַלאַ־טאַ, האַמאָן, לאַזאַר, דאָמעלאַ־ניאַייווענאַוהיס, רעטעי, לואיז מישעל, מערלינאָ, טאַיאַד, טאַרידאַ דעל מאַרמאָל, און פון אַ סך אַנדערע, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די בירגערלעכע פאַרלאַגן און פאַרקויפט געוואָרן אין די אַל־געמיינע בוכהאַנדלונגען, און זיי האָבן זוכה געווען צו צאָלרייכע אויפלאַגעס. קראָפּאָטקינס „לאַ קאָנקעט די פּאַן" („די איינשאַפונג פון ברויט") איז דער־

שינען אין ניט ווייניקער ווי אין דרייצן אויפלאַגעס בלויז אין פּאַריז. זשאַן גראַווס בוך „לאַ סאָסיעטעי מוראַנט ע ל׳אַנאַרשי״ („די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע״), וואָס איז אונטערדריקט געוואָרן דורך דער רעגירונג, איז געוואָרן פאַרקויפט אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן אין די ביכער־קראָמען. דערנאָך איז נאָך צוגעקומען אַ ביליקערע פאָלקס־אויסגאַבע אין דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס בוך „ל׳אַנאַרשי, סאָן בי, סע מואַיאַן״ („די אַנאַרכיע, איר ציל, אירע מיטלען״), פון דעם זעלביקן מחבר, איז אַרויס אין צוועלף אויפלאַגעס, און זיין ווערק „לאַ סאָסיעטעי פיטיר״ („די קומענדיקע געזעלשאַפט״) איז אַרויס אין צען אויפלאַגעס. די דאָזיקע אַלע צאָלן באַווייזן בולט ווי גרויס עס איז דעמאָלט געווען דער אַלגעמיינער אינטערעס אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך.

אין צוגאָב צו די צייטונגען, בראָשורן און ביכער האָבן אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פראַנצייזישער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע פלוגבלעטער און פּלאַקאַטן אויף די מויערן פון די געביידעס. עס איז קיין מאָל ניט פאַרפעלט געוואָרן די געלעגנהייט צו לאָזן וויסן אויף אַזאַ אופן די וויכטיקע פּאַסירונגען צו די פאָלקסמאַסן. אַ סך פון די דאָזיקע פלוגבלעטער און פּלאַקאַטן האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון מאַניפעסטן, ווי, למשל, דינאַמיט און פּאַנאַמאַ!״, אָדער די „דעקאָראַציע פון די אַנאַרכיסטישע סאָל־דאַטן!״, אָדער „נידער מיטן צאַר!״, וואָס איז אין געהיים פאַרשפּרייט געוואָרן אין אָקטאָבער, 1893, אין שייכות מיט דעם דעמאָלטיקן אָפיציעלן וויזיט פונעם רוסישן קייסער אין פּאַריז.

דער דאָזיקער אופן פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז באַזונדערס ענערגיש אָנגעפירט געוואָרן אין ציטן פון וואַלן, און ער האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען דורך דער אָנווענדונג פון אַ ביטערן סאָרט הומאָר, פון אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס, און פון אַ בייסנדיקער סאַטירע. דער אָנזען פון דער אַזוי גערופענער פאָלקס־פאַרטרעטונג אינעם פּאַרלאַמענט איז אין יענע יאָרן, מחמת די אָפּטע עפנטלעכע סקאַנדאַלן, געהאַט אַזוי טיף געזונקען, אַז גראָד די שאַרפע קריטיק מצד די אַנאַרכיסטן האָט געמאַכט אַ גינציקן איינדרוק אויף די אָפּשפּעטערישע פּאַריזער פאָלקסמאַסן. דאָס האָבן קלאָר אַרויסגעוויזן אַזעלכע אַרבעטן, ווי, למשל מירבאָס בלוטיקע סאַטירע „לאַ גרעוו דע ז׳עלעקטעיר״ („דער שטרייק פון די ווילערס״), וואָס איז צוערשט דערשינען אין דער גרויסער בירגערלעכער טאָגצייטונג „פיגאַראָ״, און איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין די אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, און זי האָט אויך געפונען אַ ווייטע פאַרשפּרייטונג דורך פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פאָרעם פון אַ פלוגבלאַט. אַ באַזונדערס אַריינזאָגערישן און פאָלקסטימ־לעכן כאַראַקטער האָט געהאַט דער וואַל־מאַניפעסט פון „לע פּער פּענאַר״, וואָס איז זייער טרעפלעך געווען געבויט אויף דער פעפערישער וויציקייט פון דעם פּאַריזער פאָלקסמענטש. איך דערמאָן זיך נאָך היינט ווי דער דאָזיקער וואַל־מאַניפעסט אין דער פאָרעם פון אַ פּלאַקאַט אויף די מויערן פון פּאַריז איז געלייענט געוואָרן פון צענדלינגער טויזנטער פּאַריזער פאַר־בייגייערס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן די זייטן פון געלעכטער און זיך

געקוויקט מיט דעם בייסיקן הומאָר אויפֿן חשבון פֿון זייערע פּאַרלאַמענטאַרישע טאַטעס און גרויסע שווינדלערישע פֿאַרזאָרגערס.

„לע פּער פּענאַר", „דער האָרעפּאַשנער טאַטע", איז דורך זיינע אַרויס־געבערס פֿאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פּאַריזער שוסטערישער לאַטוטניק, ווי ער האָט אין אַן אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג פּראַצע, געכאַפּט אַ שפּאַצירל אויפֿן ברעג פֿונעם טייך סען. דאָרטן האָט ער געזען אַ מאַן, וועלכער האָט שווער געאַרבעט צו דערטרינקען אַן אַלטן קרעציקן הונט. די אָרעמע באַ־שעפֿעניש האָט פֿאַרשפּרייט אַרום זיך אַ מיאוסן ריח, און דער דאָזיקער הונט איז, ווייזט אויס, אויך געווען בלינד אויףביידע אויגן און ער האָט אויך אַ היפּש ביסל צוגעהינקט אויף די הינטערשטע פֿיס. דער מאַן, וואָס דערטרינקט אַזאַ מין באַשעפֿעניש, איז כשר גערעכט. צו וואָס זאָל זיך אַזאַ אָרעמע באַשעפֿעניש נאָך מוטשען אויף גאָטס וועלט? אָבער פּלוצים איז אים, דעם האָרעפּאַשנעם טאַטן, איינגעפֿאַלן אַ געניאַלער געדאַנק. האַלט!" — האָט ער אויסגערופֿן צו דעם מאַן ביים ברעג טייך — „איך וועל דיר פֿאַרשפּאָרן די אַרבעט צו דערטרינקען דיין הונט! לאָז אים איבער צו מיר. לויט דעם ריח ניחוח זיינעם פּאַסט ער זיך צום בעסטן אַריין אינעם פּאַרלאַמענט. בייסן קאָן ער שוין ניט, און דאָס איז טאַקע נאָך אַ גרויסע מעלה. און בלינד איז ער דאָך ווי די אַלע פֿאָלקס־פֿאַרטרעטערס, וואָס זיצן אינעם פּאַרלאַמענט. ער הינקט אויף צוויי פֿיס און די דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט הינקען אויף זייער געוויסן. און צוויי לאָמע פֿיס זיינען נאָך תמיד אַ סך בעסער ווי אַ לאָם יאָנדעס." און אַזוי האָט דער האָרעפּאַשנער טאַטע פֿאַרגליכן אַלע מעלות פֿון דעם אַלטן קרעציקן הונט מיט די קוואַליפֿיקאַציעס פֿון די פּאַרלאַמענ־טאַרישע דעפּוטאַטן. און געטאָן האָט ער דאָס אין אַ לשון, וואָס האָט זיך בשום אופֿן ניט געלאָזט אויסטייטשן אויף צוויי אופֿנים, מחמת אַלץ איז דאָ געווען קלאָר און איינטייטיק. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער סך הכל פֿון די אַלע פֿאַרגלייכן איז אויסגעפֿאַלן לטובת דעם אַלטן הונט, ווען ער האָט טאַקע פֿאָרגעשלאָגן ווי אַ קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט און ניט דערטרונקען צו ווערן אינעם טייך סען.

אַן ענלעכן געדאַנק, אָבער אויף אַ ראַפֿינירטערן אופֿן, האָט אויך שפּעטער אַנטוויקלט זאָ ד'אַקסאָן אין איינעם פֿון זיינע באַרימטע „פּעי" („בלעטער"), אין וועלכן אַן אייזל, דער „בירגער נול", ווערט פֿאָרגעשטעלט און רעקאָ־מענדירט ווי אַ קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט פֿאַר די וויילערס פֿון דעם לאַנד, וואָס האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן אַ ראַבעלעי און אַ פֿאָנטען. דער דאָזיקער פּרעכטיקער וואָלרוף, געשריבן אין אַ געשליפֿענעם פֿראַנצייזיש, איז געוואָרן אַ קלאַסיש מייסטערווערק אין דער פֿראַנצייזישער סאַטירישער ליטעראַטור.

אַן אַנדער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל זיינען געווען די רעוואָלוציאָנערישע לידער. פֿון דעם דאָזיקן מין אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־לידער האָט פֿראַנק־רייך געהאַט מער ווי וואָסער אַנדער לאַנד. און די מערסטע פֿון זיי האָבן געהאַט אַזעלכע זינגעוודיקע מעלאָדיעס, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע צו־ציִונגס־קראַפֿט, אַז זיי זיינען באַלד געוואָרן פּאָפּולער איבערן גאַנצן לאַנד. און אַ טייל פֿון זיי, ווי, למשל דער „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס איז אַ דורכאויס

אַנאַרכיסטיש געזאַנג, האָבן געפונען זייער וועג צו די הערצער פון די מאַסן איבער דער גאָרער וועלט. און די פּאָפּולערסטע פון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערישע לידער זיינען געשאַפן געוואָרן אין יענע יאָרן דורך די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטן.

ווען איך האָב געלעבט אין פּאַריז זיינען די אַזוי גערופענע גאַסן־זינגערס נאָך געווען זייער פּאָפּולער איבער דער גאַנצער שטאָט. מען האָט זיי געקאָנט באַגעגענען אומעטום, און זייער זינגען און שפּילן האָט צוגעגעבן דעם פּאַריזער גאַסן־לעבן אַ באַזונדערן חן. דער כסדר וואַקסנדיקער גאַסן־פאַרקער אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט האָט מיט דער צייט די דאָזיקע פרייּלעכע זינגערס און זינגערינס פאַרטריבן פון די גאַסן, אַזוי, אַז מען באַגעגנט זיי היינט זייער זעלטן. די דאָזיקע טרובאַדורישע גאַסן־קופּלעטיסטן זיינען געווייינלעך אויפגעטראָטן אין צווייען אָדער אין דרייען. זיי האָבן זיך בדרך כלל אַוועקגעשטעלט אין אַ ראָג גאָס און געזונגען פאַרן פאָלק זייערע לידער, וואָס זיינען אָפט אויך באַגלייט געוואָרן מיט אַ פידלער, און נאָכן אָפּזינגען האָבן זיי דאָס נאָר וואָס געזונגענע ליד פאַרקויפט, דעם טעקסט מיט די נאָטן, פאַר אַ סו, אָדער צוויי. אין די אַרבעטאָרערישע פאָרשטעט, באַזונדערס אין דעם פאָבור סאַנט אַנטואַן, אין בעלוויל, אָדער אין סאַן דני, האָט מען אין יענע יאָרן זייער אָפט געהערט די רעוואָלוציאָנערישע, און באַזונדערס די אַנאַרכיסטישע, לידער, וועלכע זיינען פון אַזעלכע וואַנדערנדיקע וואָקאַליסטן געזונגען געוואָרן פאַרן עולם, וואָס האָט זיי אָפט מיטגעזונגען אין די ספּאָנטאַנע גאַסנכאָרן.

צווישן די פּאָפּולערע און פּראָמינענטע „דיכטערס פון דער אַנאַרכיע", ווי מען האָט זיי דעמאָלט גערופן, זיינען געווען צוויי, וועמעס לידער מען האָט צום אָפטסטן געזונגען. דאָס זיינען געווען פּאָל פּאַיעט און „לע פּער לאַפּורזש". מען האָט זייערע לידער געהערט אויף אַלע רעוואָלוציאָנערישע פאַרזאַמלונגען און ביי די פייערלעכע אונטערנעמונגען פון די פראַנצייזישע חברים. ניט זעלטן זיינען די דיכטערס אַליין אויפגעטראָטן ביי אַזעלכע צוזאַמענקומען און זיי האָבן אַליין פאָרגעלייענט זייערע נייעסטע שאַפונגען. פון פּאַיעטן, וועלכער האָט די קינדער פון זיין מוזע איינגעזאַמלט אין זיין בוך „טאַבלעט ד'אַן לעזאַר" („די לוחות פון אַ יאַשטשערקע"), שטאַמט דאָס ליד „ערעי טאַן" („גליקלעכע צייטן"), וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

Quand nous en serons au temps d'anarchie,
Les humains joyeux auront un gros coeur
Et légère panse.
Heureux, on saura, sainte récompense,
Dans l'amour d'autrui doubler son bonheur!
Quand nous en serons au temps d'anarchie,
Les humains joyeux auront un gros Coeur. *

* ווען מיר וועלן האָבן דערלעבט די אַנאַרכיסטישע צייטן,
וועלן מענטשן פריילעכע האָבן הערצער גוטע

סעבאַסטיאַן פאַר האָט געהאַט אַ באַזונדערע ליבשאַפט פאַר דעם דאָזיקן ליד. איך האָב אים אָפט געהערט דאָס ליד פאַרזינגען אויף אַנאַרכיסטישע אונטערנעמונגען. זיין קלאָרע פיין־קלינגנדיקע שטים האָט געוווּסט ווי אַזוי אַריינצוּלייגן אַ סך געפיל אין דער דאָזיקער אַ ביסל עלעגישער מעלאָדיע.

פון אַ מאַסיווערער פאָרעם זיינען שוין געווען די לידער פון דעם דיכטער „לע פער לאַפּורזש". סיי אין פאָרעם און סיי אין אינהאַלט זיינען זיי געווען געבויט לויטן מוסטער פון די רעוואָלוציאָנערישע פאָלקסגעזאַנגען פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, און זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דעם ריטעם פון אַזעלכע פּאָפּולערע לידער ווי די „קאַרמאַניאָל" און „סאַ איראַ", ווי, למשל, זיין פּאָפּולער ליד „גאַר לאַ באָמב!", אָדער „לאַ דינאַמיט!". דאָס לעצטע ליד איז אויך, פונקט אַזוי ווי די „קאַרמאַניאָל", געטאַנצט געוואָרן, און נאָך איטלעכער סטראָפע איז געקומען דער רעפריין:

Danse, Dynamite,
Que l'on danse vite
Danson et chantons
Et dynamitons! *

אויף אַלע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען האָט מען אין יענע יאָרן געזונגען רעוואָלוציאָנערישע לידער. די דאָזיקע מאַסן־געזאַנגען מיט זייערע תמיד לעבעדיקע און אויפרודערנדיקע מעלאָדיעס, וואָס האָבן אַרויסגעשאַלט פון די טויזנטער העלדזער פון באַגייסטערטע מענטשן, האָבן תמיד געמאַכט אַ מעכטיקן איינדרוק, באַזונדערס אויף אַזאַ יונגן מענטש ווי איך בין דעמאָלט געווען און וועלכער האָט פריִער אין זיין לעבן דאָס קיין מאָל ניט געהאַט געהערט, אָפילו ניט עפּעס ענלעכס צו דעם. און פאַקטיש האָבן טאַקע די אַלע לידער, מיט די שטורמישע טענער און אויפּבּרויזנדיקע קלאַנגען פון „לאַ מאַריאַן", למשל, אָדער פון „דעבו פרער דע מיזער" („שטייט אויף איר ברידער פון נויט"), געהאַט אַ כמעט פאַרשיכורנדיקע ווירקונג. דער רעפריין פון דעם לעצטן ליד קלינגט ווי דער מלחמה־מאַרש פון אַן אַנקו־מענדיקער קאַמפּס־מחנה, וואָס איז אַנטשלאָסן צו צעשמעטערן אירע קייטן

און געדאַנען לייכטע.
אַליין גליקלעכע, וועלן זיי וויסן, אַז דער געבענטשטער שכר
און דאָס טאָפּלטע גליק ליגן אין ליב האָבן דיין חבר!
ווען מיר וועלן דערלעבן די צייטן פון אַנאַרכיע,
וועלן מענטשן פריילעכע אויך זיין גרויסהאַרציקע.
(א. ט.)

* טאַנץ, דינאַמיט,
לאָמיר גיך שפּרינגען;
לאָמיר טאַנצן און זינגען,
און אונטערלייגן דינאַמיט!
(א. ט.)

און איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך צו באַפרייען פון זיי. אָט איז דער אויפ־ברויזנדיקער רעפריין:

Debout frères de misère
Debout, et plus de frontière:
Révoltons-nous contre les affameurs!
Pour écraser la bourgeoisie
Et supprimer la tyrannie,
Il faut lutter encore
Pour l'anarchie! *

אַן ענלעכע אויפרייצנדיקע ווירקונג האָט געהאַט דאָס אַלטע ליד „זשיראַסיען" מיט דעם אַרויסרופערישן רעפריין:

Nègre de l'usine,
Forçat de la mine,
Ilote du champ,
Lève-toi, peuple puissant:
Ouvrier, prends la machine!
Prends la terre, paysan! *

אַן אויפרודערנדיקן און גלייכצייטיק פריילעכן איינדרוק האָט געמאַכט סיי מיט זיין אינהאַלט און סיי מיט זיין מעלאָדיע דאָס ליד „שאַן דע ד'אַנטי־פראָפּריאַ", „דאָס געזאַנג פון די אַנטי־באַלעבאַטים." די „ליגע פון די אַנטי־באַלעבאַטים" איז געווען אַ פאַראייניקונג פון גרופּעס, וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אין די פאַרשטעט פון פּאַריז, אָבער זיי האָבן אויך אָנגעפירט מיט זייערע פריילעכע אַקטיוויטעטן אין די אַנדערע טיילן פון דער

---

* שטייט אויף, איר ברידער פון נויט;
שטייט אויף און שאַפט אָפּ אַלע גרענעצן!
לאָמיר אויפשטיין קעגן די אויסהונגערערס!
לאָמיר צעמורשטן די בורזשואַזיע
און דערשטיקן די טיראַניי!
מיר מוזן קעמפן און כסדר זיך ראַנגלען
פאַר דער אַנאַרכיע!

(א. ט.)

* שקלאַף פון דער פאַבריק,
קאַטאָרזשניק פון דער מינע,
און קנעכט פון דער ערד,
שטיי אויף, מעכטיק פאָלק!
אַרבעטער, נעם די מאַשין!
נעם די ערד, פּויער!

(א. ט.)

שטאָט. ווען אַ חבר, אָדער סתם אַזוי אַן אָרעמער אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען אידעאָלאָגיש נאָענט צו די „אַנטי־באַלעבאַטים“, איז געבליבן הינטערשטעליק מיט זיין דירה־געלט צום באַלעבאָס פונעם הויז און ער האָט געוואָלט זיך אַריבערקלייבן אין אַ נייער וווינונג אָן צו סילוקן דעם חוב צום אַלטן הויזווירט, האָבן זיך פּלוצים באַוויזן די „ריטערס פונעם הילצערנעם גלאָק“, מיט קליינע האַנטוועגעלעך פאַר דעם באַשטימטן הויז. (אַרויסצי:ען זיך פון אַ דירה „אַ לאַ קלאָש דע בואַ“, מיטן הילצערנעם גלאָק, האָט געמיינט מאַכן אַ ויברח בשתיקה, אַזוי שטיל ווי עס קלינגט אַ הילצערנער גלאָק, כדי ניט צו דאַרפן באַצאָלן קיין דירה־געלט). און בעת עטלעכע געזונטע חברהלייט זיינען געווען גרייט תמיד ,איינצושטילן דעם הויז־פאַרוואַלטער אָדער דעם סטרוזש, אויב ער וועט מאַכן אַ טומל, האָבן די אַנדערע „ריטערס פונעם הילצערנעם גלאָק“ אַרויסגעטראָגן דאָס ביסל מעבל און די אַנדערע מטלטלין און בעבעכעס אויף דער גאַס אַרויס און אויפגעלאָדנט די רוכאָמאָשטשעס אויף די וואַרטנדיקע האַנט־וועגעלעך. לויט דעם פראַנצייזישן געזעץ, האָט דער הויז־אייגנטימער פאַרלוירן דאָס רעכט אויף דעם האָב־און־גוטס פון דעם פאַרשולדיקטן שכן אַזוי גיך ווי דעם לעצטנס זאַכן זיינען שוין געווען אויף דער גאַס, אַרויס פונעם רשות פון דער דירה. און בעת די „ריטערס פונעם הילצערנעם גלאָק“ זיינען געצויגן איבער די פּאַריזער גאַסן און האָבן געשלעפּט אָדער געשטופּט זייערע באַלאָדנטע האַנטוועגעלעך, האָבן זיי פריילעך געזונגען זייער „געזאַנג פון די אַנטי־באַלעבאַטים“, וואָס איז געגאַנגען אַזוי:

Aux ventrus déclarant la guerre
Nous avons pour enn'mis: patrons, curé, soldats.
Mais c'est contr' le propiétaire
Que nous livrons gaiement nos plus joyeux combats.

C'est nous qu'on voit, à l'approche du terme,
A l'aapel des copains accourir d'un pied ferme,
Puis entonner, avec les meubl's su' l'dos,
A la barbe du pip'let le chant des anti-propios:

Ohé les zigs!
A bas les flics!

Refrain:

Un, deux, trois,
Marquons l'pas,
Les chevaliers, d'la cloch' de bois.
Un, deux, trois,
Marquons l'pas,
C'est la terreur des bourgeois!
Serrons les rangs
Et portons crânement

Le gai drapeau
Des anti-propios! *

דערצו זיינען נאָך אין פּאַריז געווען אַ היפּשע צאָל קאַבאַרעטן, אין וועלכע דאָס רעוואָלוציאָנערישע ליד און די אַנאַרכיסטישע סאַטירע זיינען געווען די הויפּט־אַטראַקציעס, באַזונדערס איז דאָס געווען דער פאַל אין דער געגנט פון מאָנמאַרטר. אָבער אויך אין די אַנדערע קאַבאַרעטן, ווו די אַרבעטער פלעגן זיין די שטאַמגעסט, זיינען די אַנאַרכיסטישע לידער געווען פּאָפּולער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט פון יענער צייט איז דער אומשטאַנד, וואָס אַ גאַנצע צאָל אָנגעזעענע ליטעראַרישע צייטשריפטן, וועלכע האָבן דירעקט ניט געהערט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון עפענען ברייט זייערע שפּאַלטן פאַר פּראָמינענטע אַנאַרכיסטישע שרייבערס, וועלכע האָבן געקאָנט אָן שום רעדאַקציאָנעלע באַוואָרעניש פאַרעפנטלעכן דאָרטן זייערע מאמרים איבער דעם גייסטיקן מהות פונעם אַנאַרכיזם און וועגן די אַנאַרכיסטישע שטרעבונגען און צילן. צו אַזעלכע פּראָמינענטע ליטעראַרישע צייטשריפטן האָבן געהערט: „לאַ רעווי בלאַנש“, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער רעדאַקציע פון פאָל אַדאַם; „ל׳ערמיטאַזש“, „לאַ מערקירי דע פראַנס“, „לאַ פּלים“, און „ל׳אַנטרעטיאַן פּאָליטיק ע רעוואָלוסיאָנעיר.“ דער לעצטער זשורנאַל איז אַפילו אַ צייטלאַנג געווען

* קעגן די גראָבבייכיקע דערקלערן מיר מלחמה
אונדזערע שונאים זיינען: באַלעבאַטים, גלחים, סאָלדאַטן;
אָבער קעגן די הויזווירטן
פירן מיר די פריילעכסטע שלאַכטן.
וועןעס ענדיקט זיך דאָס קוואַרטל,
אויפן רוף פון חבר קומען מיר צולויפן
און מיטן מעבל אויף אונדזער רוקן זינגען מיר
אינעם פּרצוף פונעם שומר, פונעם סטרוזש
אָהאַ, די מיאוסע יאַטן!
אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן!
נידער מיט די פּאָליציאַנטן!
רעפריין: איינס, צוויי, דריי
מאַרשירן מיר אין טראָט,
די ריטער פונעם גלאָק פון האַלץ
מאַרשירן מיר מיט שטאָלץ!
איינס, צוויי, דריי,
מאַרשירן מיר אין טראָט.
מיר דערשרעקן דעם בורזשואַ!
ענגער די רייען און מיט געהויבענע קעפּ
מאַרשירן מיר מיט דער פריילעכער פאָן
פון די אַנטי־באַלעבאַטים!

(א. ט.)

אין גאַנצן אונטער דער השפּעה פון די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען־גענג. „לאַ פּלים״ האָט אין מאַי, 1893, געווידמעט דעם אַנאַרכיזם אַ גאַנצן נומער, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פון אַנדרעי וואַדאָן. אויך די זשורנאַלן „ל׳אַנקלאַ״ און „לע ליוור ד׳אַר״ האָבן זייער אָפט זיך פאַרנומען אויף זייערע שפּאַלטן מיט דער פראַגע פון אַנאַרכיזם. אויך דער גרויסער בעלגישער חודשלעכער זשורנאַל „לאַ סאָסיעטעי גואוועל״ מוז דאָ דערמאָנט ווערן, מחמת ער האָט אין יענע יאָרן זייער אָפט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און עסייען פון אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַרכיסטן ווי קראָפּאָטקין, רעקלי, האַמאָן, מעניל, נעטלאַו, ניאַיי־ווענהואיס און אַ צאָל אַנדערע. דער פרייהייטלעכער גייסט וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יענעם פּעריאָד, איז געווען שטאַרק אַנזעעוודיק אין דעם אינטעלעקטועלן לעבן פון פראַנקרייך, און א. האַמאַן האָט דעמאָלט מיט רעכט געשריבן:

„לייענט אין די בלעטער, וועלכע זיינען די ערגסטע שונאים פונעם אַנאַרכיזם, ווי „פיגאַראָ״, „לע זשורנאַל״, „זשיל בלאַ״, אָדער „עקאָ דע פּאַרי״, די קורצע דערציילונגען, די סקיצן און אַרטיקלען פון מירבאָ, באָועי, דעקאַוו, פּאָל אַדאַם, בערנאַר לאַזאַר, אַזשאַלבער, מאַדאַם סעווערין, און אַ צאָל אַנדערע, און איר וועט אין זיי געפינען בלויז אַנאַרכיסטישע באַשטרעבונגען און בענקשאַפטן. נעמט די צייטשריפטן פון די יונגע שרייבערס אין דער האַנט אַריין און איר וועט דאָרטן געפינען לידער, דערציילונגען, עסייען און אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַרישער שעפערישקייט, וואָס צילן צו צעשטערן דאָס, וואָס אַנאַרכיסטן רופן אָן סאָציאַלע פאָראורטיילן, ווי די טראַדיציאָנעלע השגות פון פאָטערלאַנד, אויטאָריטעט, פאַמיליע, רעליגיע, געריכטן, געזעצ־געבונג, מיליטאַריזם, און דאָס גלייכן. אַלע דענקענדיקע מענטשן פון יענער תקופה, געלערנטע, ליטעראַטן, קינסטלערס, — אָדער כמעט אַלע, וואָרן זייער קליין איז געווען די צאָל פון די יעניקע, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגע־שלאָסן פון דער וועלט, אָדער זיי האָבן פאַרטיידיקט די עקסיסטירנדיקע סאָציאַלע אָרדענונג, — אַלע פאַרהעלטענישמעסיק יונגע און טראַכטנדיקע מענער און פרויען, וואָס זיינען געהאַט אויפגעוואַקסן זינט 1870, זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען און אַנשויאונגען.״

די דאָזיקע ווערטער זיינען בשום אופן ניט געווען איבערגעטריבן. אַפילו בלויז אַן אויבנאויפיקער בליק אין דער פראַנצייזישער ליטעראַטור פון יענער צייט וועט זיין גענוג זיך איבערצוציגן אין דער ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער. אין דער פראַנצייזישער בעלעטריסטיק איז תמיד געווען בולט אַ רעוואָלוציאָנערישער גייסט, וואָס האָט געוואָרצלט אין די געשיכט־לעכע טראַדיציעס פונעם לאַנד. אַלע פולסירונגען פונעם פראַנצייזישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט פון איר זייט אָפט צוריק משפּיע געווען די מענטשן און זיי אָנגערעגט צו באַשטימטע מעשים. די גאַנצע תקופה פון מיטן די אַכצן־זיבעציקער יאָרן ביז צום אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען די צייט פון אַן אמתער רעוואָלוציאָנערישער אַנטוויקלונג אין דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, ווי אין אַלע אַנדערע געביטן פון דער קונסט בכלל. די אַנט־

ווייקלונג פונעם נאַטוראַליזם, וואָס האָט געפונען זיין מעכטיקן אויסדרוק אין די ווערק פון עמיל זאָלאַ, איז שוין אין זיך גופא געווען אַן איבערקערעניש אין דער פראַנצייזישער ליטעראַטור. און די אומפּאַרמיידלעכע אויסווירקונגען פון דער דאָזיקער איבערקערניש האָבן זיך אויך געלאָזט בולט פילן אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. די גאַנצע סעריע ראָמאַנען וועגן דער משפחה רוגאָן־מאַקאַר, וואָס איז געווען די נאַטוראַליסטישע און סאָציאַלע געשיכטע פון אַ משפחה אין דער תקופה פון דער דריטער פראַנצייזישער אימפּעריע, איז אויך געווען עמיל זאָלאַס באַוווסטזיניק טרייסלען די זיילן פון דער עקסיס־טירנדיקער געזעלשאַפט און זיין אויפרודערן די יסודות פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט און פון איר פאַרגאַנגנהייט. די דאָזיקע נייע קונסט איז געווען באַזירט אויף גאַנץ אַנדערע עסטעטישע הנחות, ווי אויף דעם פּרינציפּ פון „קונסט לשם קונסט" און אויף די אַנשויאונגען, וואָס דרינגען פון אים אַרויס. דאָס איז געווען אַ קונסט, וואָס האָט געזוכט אירע טעמעס אין די דערשיי־נונגען פון דעם סאָציאַלן לעבן. דאָס איז געווען אַ קונסט, וואָס האָט אַן שום איינזעעניש און אָפט מאָל פשוט ברוטאַל, אַזוי ווי דאָס לעבן גופא, געזוכט צו געפינען איר אויסדרוק; און זי האָט דאָס געטאָן אָן שום קאָמ־פּראָמיסן, ניט לאָזנדיק זיך אונטערקויפן פון קיין שום אַלטע עסטעטישע השגות.

אין די הענט פון קליינע טאַלאַנטן און פאַנטאַזיעלאָזע נאָכמאַכערס האָט די נייע קונסט אָפט אַרויסגעבראַכט מיטלמעסיקע רעזולטאַטן, אָבער אין די הענט פון אַזאַ אמתן מייסטער ווי עמיל זאָלאַ האָט די נייע קונסט געבוירן אַזעלכע ווערק פון אַן עפּישער גרייס ווי „זשערמינאַל" און „לאַ דעבאַקל" („די מפּלה"). מען האָט אָפט די נייע קונסט אָנגערופן ווי אַ „קונסט אָן אידעאַלן", אָבער דאָס איז געווען ניט ריכטיק. די געשיכטע פון דער משפחה רוגאָן־מאַקאַר איז טאַקע אָן שום ספק, אַ טרויעריקע, און דאָס בילד, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, איז אַ פינצטערס. אָבער די אַנטוויקלונגען אין דעם לעצטן באַנד פון דער דאָזיקער סעריע ראָמאַנען, אין „לע דאָקטעיר פּאַסקאַל", דערפירן צו אַ דעמאָנסטראַציע פון אמתער מענטשלעכקייט, וואָס כאָטש עס איז אַזוי אָפט פאַרגעוואַלדיקט און געשענדט געוואָרן, איז עס דאָך ניט אין גאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן. די דריי שטעט, לורד, רוים און פּאַריז, און באַזונדערס די פיר עוואַנגעליעס, פּרוכטבאַרקייט, אַרבעט, אמת און יושר, וועלן עפּעס אַ נייעם ליכטיקן אויסקוק אויף די קומענדיקע צייטן, פאַר וועלכן דער אידעאַליזם פון דעם גרויסן מייסטער האָט אַזוי פייערלעך עדות געזאָגט. וואָלטעיר האָט אַמאָל אָנגערופן די פראַנצויזן אַ „נאַציע פון טיגערס און מאַלפּעס", כדי אָנצווייזן דורך די דאָזיקע האַרבע שטראָפרייד צו דער אַנטפּלעקונג פון זייער פאַרבאָרגענער טיפער מענטשלעכקייט. אויך עמיל זאָלאַ האָט דורך דער משפחה רוגאָן־מאַקאַר געהאַלטן אַ שפּיגל פאַר דעם פראַנצייזישן פאָלק, כדי עס צו שטויסן צו אַ נייעם אויפשטייג.

און צוזאַמען מיט עמיל זאָלאַן איז געקומען דער פיינער אָפּלאַכער און ראַפינירטער סאַטיריקער אַנאַטאָל פראַנס, פאַר וועמעס אויפגעקלערטער לעבנס־חכמה עס האָט ניט געקאָנט עקסיסטירן קיין שום „אַבסאָלוטער אמת."

מיט דער גאונות פון זיין שטילער אָבער טיף־שניידנדיקער איראָניע האָט ער שטום געמאַכט די אַלטע פאַרשטויבטע טראַדיציאָנעלע באַגריפן און די פּאַראַדנע און פּאָמפּעזע השגות. מען לייענט די שמועסן צווישן דעם גלח קואַניאַר מיט זיין תלמיד טורנבראַש אין „לאַ ראָטיסרי דע לאַ רען פּעדאָק" וועגן די פּאָליטישע און סאָציאַלע פירונגען און וועגן די טראַדיציאָנעלע געזעצן און אַלטע דאָגמעס פון מענטשן, וואָס וואַרפן טויטע שאָטנס אויף דער לעבעדיקערווירקלעכקייט און זיינען משפּיע דעם נאַטירלעכן וווקס פון נייע לעבנס־אויפפאַסונגען, וואָס רייסן זיך צו גיין אויף נייע וועגן. אַזוי זאָגט דער גלח צו זיין תלמיד:

„מיין זון, איך האָב ביז איצטער תמיד געקאָנט אָבסערווירן, אַז אַלע צרות און אומגליקן פונעם מענטש שטאַמען פון זיינע טראַדיציאָנעלע פאָר־אורטיילן, וואָס קריכן איבער אים אַזוי ווי שפּינען און סקאָרפּיאָנען און עקדישן פון די פינצטערע קעלערס פונעם עבר און זיי טראָגן מיט זיך דעם ריח פון פאַרפוילטן שימל פון אַלטע קברים."

מען האָט זיך אויך געקאָנט פאַרטיפן אין די באַטראַכטונגען פון אַנאַטאָל פראַנסעס „מאָנסיע בערזיקרעי", ווו דער הונט פילאָסאָפירט איבער דעם גורל פונעם מענטש, אָדער אין דער קליינער אומשולדיקער דערציילונג „קרענקעבי", וועלכע גיט איבער ווי אַזוי דאָס געזעץ מישט זיך ברוטאַל אַריין אינעם לעבן פונעם אָרעמען גאַסנהענדלער און פאַרחתמעט דערמיט די טראַגעדיע פון אַ מענטשנס לעבן. און אַזוי האָט מען געקאָנט לייענען הונדערטער אַנדערע זאַכן פון דעם גרויסן סקעפּטיקער און ווערן אַ סך טיפער באַאיינדרוקט פון די אינערלעכע וויברירונגען פון יענער מיט שטורעם און דראַנג שוואַנגערער צייט, ווי דורך לייענען די טרוקענע פאַרצייכענונגען פון אַ קאַלטן היסטאָריקער.

עס איז ניט געווען צווישן די אַלע פראָמינענטע פאַרשטייערס פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור פון יענער תקופה קיין איינציקער, וואָס זאָל ניט ווערן באַוווסטזיניק געטראָגן פון פרייהייטלעכע געדאַנקען און זאָל ניט האָבן פּרובירט איבערצוגעבן זיינע לייענערס די ברוטאַליטעט און די חניפה און דעם אינערלעכן צעפאַל און צעפויל פון די עקסיסטירנדיקע סאָציאַלע פירונגען און ניט האָבן פּרובירט צו מאַכן אויך זיינע לייענערס באַוווסטזיניק וועגן דעם טיפן אינערלעכן חורבן אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט. אָקטאַוו מירבאָ, וועלכער איז פּונקט אַזוי ווי עמיל זאָלאַ, אַנאַטאָל פראַנס און גי דע מאָפּאַסאַן, געווען איינער פון דער דעמאָלטיקער פּלעיאַדע פראַנצייזישע פּרוכפּערדיקסטע און געשטאַלטיקונגס־פעיִקסטע שריפטשטעלערס, האָט זיך אָפן דערקלערט ווי אַן אַנאַרכיסט. מיט דער שניידנדיקער שאַרפקייט פון זיין סטיל, מיט וועלכן ער האָט געשילדערט דאָס סאָציאַלע לעבן, האָט ער זייער שטאַרק געווירקט אויף זיינע לייענערס, באַזונדערס מיט זיינע רעאַליסטישע און אומגעשמינקטע בילדער וועגן דעם דעמאָלטיקן לעבן פון די פאָלקסמאַסן אין פראַנקרייך. מען האָט אים טאַקע דערפאַר גערופן דער „דיהן סוויפט פון פראַנקרייך", מחמת פּונקט אַזוי ווי דער ענגלישער סאַטיריקער האָט ער מיט זיין אַרונטעררייסערישן שפּאָט און ביטערן חוזק, וואָס איז דער עיקר

געקומען אין זיין באַרימטן „זשורנאַל ד'אין פאַם דע שאַמבר" („טאָגבוך פון אַ דינסטמיידל"), אויפגעטאָן דאָס זעלביקע פאַר פראַנקרייך, וואָס דהין סוויפט פאַר ענגלאַנד; ער האָט אַרונטערגעריסן דעם שלייער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פאַר אַלעמען אויפגעדעקט איר מיאוסן פּרצוף. אָבער דער פאַרגלייך מיט סוויפטן איז ניט אין גאַנצן ריכטיק. וואָרן בעת ביי סוויפטן באַמערקט מען אַ קאַלטע פאַראַכטונג צום מין מענטש בכלל, איז ביי מירבאָן, אין אַלע זיינע ווערק, תמיד קאָפּויער אויף דער אייבערפלאַך אַ טיף און וואַרעם געפיל צום ליידנדיקן מענטש. דאָס איז אָן שום ספק געווען אַ פועל יוצא פון אָקטאַוו מירבאָס אַנאַרכיסטישע געדאַנקען־גענג. אַפילו אין אַזעלכע אויפטרייסלענדיקע ביכער, ווי „לע קאַוויאַר", אָדער „סעבאַסטיאַן ראָש", און אין זיינע דראַמעס, ווי, „ל'עפּידעמי", „לע ז'אַפּעיר סאָן לע ז'אַפּעיר", אָדער „לע מאָוועי בערזשעי" („דער שלעכטער פּאַסטעך"), וואָס אַלע זיינען זיי געשריבן ניט מיט טינט, נאָר מיט בלוט און מיט גאַל, פאַרלייקנט ער קיין מאָל ניט זיין מענטש־גליבערישן אידעאַליזם, וועלכער פאַרצווייפלט ניט אינעם מענטשנס פעיקייט צו לעבן שענער, און איז זיך קיין מאָל ניט מיאש אינעם מענטשנס העכערע שטרעבונגען און אין דער מעגלעכקייט צו דער־גרייכן די העכערע לעבנסצילן. דאָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין זיין „אַפּאָלאָגיע פאַר ראַוואַשאָלן", אין וועלכער ער זאָגט:

„איך שווידער אויף ווען איך הער וועגן בלוט־פאַרגיסונגען, מענטשלעכע ליידן און טויט. איך האָב ליב דאָס לעבן. איטלעך לעבן איז ביי מיר הייליק. דאָס איז טאַקע די סיבה פאַר וואָס איך האָב אין דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל געפונען דאָס, וואָס קיין שום רעגירונגס־פאָרעם, אַפילו די בעסטע, קאָן מיר ניט געבן. דאָס זיינען: ליבע, שיינקייט, שלום צווישן מענטשן. ראַוואַשאָל מיט זיינע מעשים שרעקן מיך ניט אָפּ. ער איז בלויז אָן איבערגאַנגס־דער־שיינונג, ווי די מורא, וואָס ער וויזט טייל מאָל אַרויס."

די גאַנצע פראַנצייזישע ליטעראַטור אין יענער צייט איז געטראָגן געוואָרן דורך דעם זעלביקן גייסט. דער פרייהייטלעכער געדאַנק האָט געפונען זיין אויסדרוק אין פאָל אַדאַמס „ריאָב רוזש" („רויטע בגדים"), אין מאָוריס באַרעסעס „ל'ענעמי דע לואַ" („דער שונא פון געזעצן"), אין אַנרי פעוורס „אַ פאַר ד'אַרם" („ביים וואָפנפאַרט") און „ל'אַנעיר" („די ערע"), אין מאַדאַם סעווערינס „פּאַזש רוזש" („רויטע בלעטער"), אין זשאַרזש קלעמאַנסאָס „לע וואָל דע באַנעיר" („דער שלייער פון גליק"), „לאַ מעלעי סאָסיאַל" („דאָס סאָציאַלע געראַנגל") און אין „לע גראַן פּאַן" („דער גרויסער אָפּגאָט"), אין בערנאַר לאַזאַרס „לע מירואַר דע לעזשאַנד" („דער שפּיגל פון לעגענדעס") און „לע פּאָרטעיר דע טאָרש" („די פאַקל־טרעגערס"), אין פּאָל בוליטס „לאַ פּעזעס דע גלואַר" („די מאַכערין פון גלאָריע"), אין זשאַרזש דאַריאַנס „בירי־בי", „באַלע לע קעיר" („בידער מיט די הענקער") און ל'אָמי דע ל'אַרדיר („דער פריינט פון אָרדענונג"), אין לוסיאַן דעקאַווס „סו דאָפּס" („אונ־טעראָפיצירן"), „לע ז'אַנמירעי" („די איינגעמויערטע") און „לאַ קאַזש" („די פּאַסטקע"), אין אַדאָלף רעטעיס „לע רעזשיסיד" („דער קיניגמאָרד") און „פּראָמענאַד סובווערסיוו" („איבערקערערישע שפּאַצירן") אין זשאָרזש

עקהוס „בורש מיטאָ“, „לע קאָק רוזש“ („דער רויטער האָן“) און „מע קאַמיניאַן“, אין מאָריס דאָנעיס „פּאַנסיאָן דע פאַמי“ און „לאַ דולורעז“ („די ליידנדיקע“), אין א. טאַבאַראַנס „ל׳אַר“ („דער קאַיאַר“), און אין אַ הונדערט אַנדערע ווערק, פון וועלכע מיר האָבן נאָר דערמאָנט בלויז אַ קליינע צאָל. מיר באַגעגענען אויך דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנקען־גאַנג אין די בעסטע שריפטן, דראַמעס און עסייען פון אַזעלכע שרייבערס און דראַמאַטורגן, ווי: וויקטאָר באַרוקאַן, שאַרל אַלבער, קאַמי וואַנקלעיר, פעליקס פענעאָן, אַנדרעי וועידאַ, פּאָל רעקלי, זשאַן גראַוו, א. ראַמאַן, טהעאָדאָר זשאַן, אַנרי גאַש, שאַרל שאַטעל, זשאַרזש פּיאַש, לודאָוויק מאַלקין, מאָוריס פּוזשאַ, פּיער קיאַר, טריסטאַן בערנאַר, גאַבריעל ראַנדאָן, לואי מאַרסאָלאַ, א. פּ. הערמאַל, זשיל מערי, רענעי גהיל, זשיל קריסטאָף, קאַמי לעמאָניעי, אורבען גאָהיעי, אַגיסט לינער, פּיער וועבעי, זשיל רענאַר, זשאָרזש קורטעלין, זשאַן זשיליאַן, עמיל דע סאַנט אָבאָן, איזשען בריע, לעאָן קלאַדעל, עדמאָן קורטיעי, זאַ ד׳אַקסאָן, און אַ סך אַנדערע.

צו זיי זיינען נאָך צוגעקומען אַ היפּשע צאָל דיכטערס מיט גרויסע נעמען, ווי זשאַן רישפּאַן, וועמעס „בלאַספּעם“ („לעסטערונג“) און „שאַנסאָן דע גע“ („דאָס געזאַנג פון די שנאָרערס“) האָבן פאַרשאַטנט אַלץ, וואָס איז ביז דעמאָלט געהאַט געשאַפן געוואָרן און וואָס זיינען געקומען פון די טיפעניש פון אַ נשמה, וועלכע האָט זיך געראַנגלט נאָך פאַרעם און אינהאַלט; פּאָל ווערלעין, וועמען די יונגע דיכטערס פון יענער צייט האָבן באַטיטלט מיטן נאָמען „פּרינץ פון די פראַנצייזישע פּאָעטן“; לאָראַן טאַיאַד, וועלכער האָט, ווי זשאַן רישפּאַן, געזונגען וועגן יענע רעוואָלוציאָנערישע מעשים, וואָס האָבן דעם באַלעבאַטישן קליינבירגער געשטערט דעם שלאָף, און וועלכער איז פאַר זיינע פייערדיקע דיכטערישע רייד געגאַנגען אַפילו אין תפיסה אַריין; זשאַן ריקטוס, דער מחבר פון „סאָלילאָק די פּאַוור“ („מאָנאָלאָגן פון אַ קבצן“); און דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר פון די באַקאַנטע דיכטערס אין יענער צייט, וועמעס שאַפונגען זיינען געווען אַנאַרכיסטיש אין תוך און אין תוכן.

און ניט בלויז די ליטעראַטור און די פּאָעזיע אין יענער צייט האָט אָפּגעשפּיגלט דעם אַנאַרכיסטישן גייסט און די פרייהייטלעכע שטרעבונגען אין דעם דעמאָלטיקן פראַנקרייך. די אַנאַרכיסטישע לעכצונגען האָבן אויך געפונען זייער אויסדרוק אין דער מוזיק פון אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי אַלפרעד ברינאָ און גוסטאַוו שאַרפּאַנטיעי, און דער עיקר אין דער קונסט פון מאָלעריי. די גאַנצע נעאָ־אימפּרעסיאָניסטישע שול אין דער קונסט־מאָלעריי איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער השפעה פון אַנאַרכיסטישע געדאַנקען־גענג. אַזעלכע טאַלאַנטירטע קינסטלערס, ווי סטיינלען, סיניאַ, זשעאָנעי פּיסאַראָ, נאָדען, מאַקסימיליאַן ליס, איבעל וואַלאָטאָן, זשורדען, וואַן ריסעלבערג, וויעט, נעניעי, ערמאַן־פּאָל, ראָפּס, לעפעוור, גראַנזשואַן, און אַ היפּשע צאָל אַנדערע האָבן אַ סך פון זייערע בעסטע צייכענונגען און בייסיקסטע קאַריקאַטורן פאַרעפנטלעכט אין אַזעלכע אַנאַרכיסטישע צייטונגען און זשורנאַלן ווי אין דע פּער פּענאַר“, אין „לע טאַן נועוואָ“ און אין זאַ ד׳אַקסאַנס „פּעי“ („בלעטער“).

אַפילו אַזאַ ביטערער קעגנער פון די אַנאַרכיסטן ווי פּיעראַן־געוועה האָט געמוזט אין זיין ווערק „לאַ טריסטעס קאָנטעמפּאָרען״ („דער היינט־צייטיקער טרויער״) מודה זיין:

„עס זיינען אויך פאַראַן די אומבאַוווסטע אַנאַרכיסטן, וועלכע לאָזן זיך פירן כסדר פון זייערע אינערלעכע פרייהייטלעכע נייגונגען און טענדענצן. און זייער צאָל איז גרויס. מען באַגעגנט זיי אין די העכסטע קרייזן פון דער געזעלשאַפט. זיי שטעלן מיט זיך פאָר, אָן שום ספק, די גייסטיקע עליטע פון אונדזער צייט. איטלעכער פילאָסאָף, נאָוועליסט, דראַמאַטורג, דיכטער, און קינסטלער איז היינט צו טאָג אַ באַהאַלטענער אַנאַרכיסט, און אַ סך פון זיי באַרימען זיך נאָך אַפילו דערמיט.״

אַ גאַנצע צאָל באַקאַנטע שריפטשטעלערס, דיכטערס און קינסטלערס האָבן אָבער ניט באַהאַלטן זייערע פרייהייטלעכע טענדענצן; זיי זיינען געווען אָפענע און אַקטיווע אַנאַרכיסטן. און אַפילו ביי די אַנדערע האָט מען בולט אַרויסגעפילט זייערע אַנאַרכיסטישע גאַרונגען. אַ סך פון זיי האָבן זיך אַפילו אַקטיוו באַטייליקט אין די סאָציאַלע קאַמפן פון זייער צייט, באַזונדערס שפּעטער, אין דער דרייפוס־אַפערע, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו וואַרפן איר לאַנגן שוואַרצן שאָטן איבערן לאַנד און וואָס האָט שפּעטער אַזוי ברוטאַל געשפּאָלטן גאַנץ פראַנקרייך אין צוויי פיינדלעכע לאַגערן, וואָס זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן איבער דעם אַנדערן ווי צוויי שונאימדיקע אַרמייען. די כסדר וואַקסנדיקע אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער אַרמיי, קעגן מלחמה, קעגן דעם מיליטאַריזם, צו וועלכער עס זיינען אויך צוגע־שטאַנען די אַנדערע רעוואָלוציאָנערישע ריכטונגען אין פראַנקרייך, און וואָס האָט דער עיקר געצילט צו אַנטפּלעקן די מיאוסקייטן אונטער דעם פאַלשן פּאַטריאָטישן גלאַנץ און די שקרדיקע פּאַטערלענדישע השגות, האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן איר ווירקונג. די דאָזיקע אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויך עדות געזאָגט ווי טיף עס איז אַריינגעדרונגען אין די ווייטסטע שיכטן פונעם פראַנצייזישן פאָלק די נייע דערקענטעניש פון די סאָציאַלע צושטאַנדן אין זייער לאַנד און ווי גרויס עס איז געווען די ענדערונג אין זייער שטעלונג צו סאָציאַלע ענינים און אין זייערע סאָציאַלע שטרעבונגען. די מיליטערישע אַליאַנץ צווישן פראַנקרייך און רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט צו שטאַנד געקומען, האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויף דער אינערלעכער פּאָליטיק פון דער פראַנצייזישער רעגירונג. און דאָס האָט, נאַטירלעך, נאָך מער פאַרשאַרפט די אינערלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע סתירות אינעם לאַנד.

די דאָזיקע מעכטיקע אַנטוויקלונג וואָלט זיכער געקאָנט פירן צו אַ נייער געשטאַלטיקונג פון גאַנץ אייראָפּע, אויב דייטשלאַנד וואָלט זי דעמאָלט אויך מיטגעמאַכט אין דער זעלביקער מאָס ווי די לאַטיינישע לענדער אין אייראָפּע. אָבער די אַגרעסיווע אויסערן־פּאָליטיק פונעם פרייסישן יונקערטום האָט זיך וואָס אַמאָל געלאָזט אַלץ שטאַרקער פילן און זי האָט געדריקט ווי אַ שווערע משא איבער די אייראָפּעישע פעלקער. האָט עס טאַקע אַזוי פּאַסירט, אַז אַ סך פון די יעניקע, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם נייעם אַנאַרכיסטישן גייסט, זיינען שפּעטער, אונטערן דרוק פונעם

פרייסישן מיליטאַריזם איבער גאַנץ אייראָפּע, אַוועק אויף לחלוטין אַנדערע וועגן. באַזונדערס בולט איז דאָס געוואָרן ווען די סימנים פונעם אָנקומענדיקן קריג זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפער און זיי האָבן אַריינגעטריבן אַזעלכע מענטשן ווי באַרעס און קלעמאַנסאָ און אַנדערע אינעם נאַציאָנאַליסטישן לאַגער אַריין, מחמת זיי האָבן דערשפּירט אַז פראַנקרייכס אומאָפּהענגיקייט שטייט אין אַ גרויסער סכנה.

און ווי עס געשעט אָפט אין דער געשיכטע, איז אויך יענע רעוואָלוציאָנערישע אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך געקומען צו שפּעט, אַז זי זאָל קאָנען אָפּשטעלן די זיך אָנרוקנדיקע קאַטאַסטראָפע דורך אַן אינערלעכער רעוואָלוציאָנערישער איבערגעשטאַלטיקונג. דער היינטיקער צושטאַנד אין אייראָפּע און דער מצב איבער דער גאָרער וועלט זיינען די דירעקטע פועל יוצאס פון יענעם געשיכטלעכן פאַקט און פון זיינע גורלדיקע אויסווירקונגען.

די באָמבע אין פּאַרלאַמענט

דאָס יאָר 1893 איז געווען אַ צייט פון שווערע פּאָליטישע רדיפות. די פּראָצעסן קעגן אַנאַרכיסטן אין אַלע טיילן פון פראַנקרייך זיינען שוין געהאַט געוואָרן אַ שטענדיקע דערשיינונג. אַנאַרכיסטישע רעדנערס און די אַרויס־געבערס פון אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן זיינען אונטער די קלענסטע תירוצים און מחמת די נישטיקסטע אויסריידן אָנגעקלאָגט געוואָרן אין די געריכטן, און בדרך כלל האָבן די ריכטערס זיי געפונען שולדיק און אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע שטראָפן. די רעגירונגען האָבן זיך נאָכגעפאָלגט איינע דער אַנדערער אַזוי ווי די ראָלעס פון אַ געניטן אַקטיאָר אויף דער בינע. איטלעכע נייע רעגירונג האָט באַלד מיט זיך מיטגעבראַכט אַ נייעם קריזיס אינעם מיניס־טאָרן־קאַבינעט, און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איז געווען אַ נייע רעגירונג. אָבער קיין שום מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט זיך ניט אָפּגעגעבן אין דעמיסיע, איידער ער האָט פריִער ניט געהאַט אָוועקגענומען אַ ביסל פון דעם פראַנ־צייזישן בירגערס פרייהייט און פון זיינע געזעצלעך עטאַבלירטע רעכט. דער עיקר האָט איטלעכע רעגירונג אויף איר אייגענעם אופן אַרומגעשניטן דאָס רעכט פון דעם פראַנצייזישן בירגער אויף דער פרייהייט פון וואָרט. און געטאָן האָבן דאָס די אַלע זיך כסדר בייטנדיקע רעגירונגען, כדי צו „באַשיצן די עפנטלעכע זיכערקייט.“

נאָך דער גרויסער דינאַמיט־גניבה אין סואַזי־סו־ז׳עטואַל האָט די רע־גירונג אונטער דעם פרעמיער לובעי, אין מערץ, 1892, אַדורכגעפירט אַזאַ גרויסע פאַרשאַרפונג פון די שטראָפן, אַז פאַר איטלעכן געוואַלדאַקט, אפילו אין די פאַלן ווו עס זיינען ניט געווען קיין מענטשלעכע קרבנות, האָט דער באָמבע־וואַרפער געקאָנט קריגן טויטשטראָף. דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון די געשעעענישן, ווי די באָמבע־עקספּלאָזיע אויף דער גאָס „רי דע באָן ז׳אַנפאַן“ („גאַס פון גוטע קינדער“), דער אַטענטאַט פון לעאָטיעין אויף דעם סערבישן אַמבאַסאַדאָר, דער אָנפאַל פון וואַיאַנען אויף דעם פּאַרלאַמענט, דער באָמבע־אויפרייס אינעם האָטעל „טערמינוס“, און אַ צאָל אַנדערע אָנגריפן פון דעם זעלביקן מין, האָבן באַלד באַוויזן, אַז די נייע געזעצן האָבן לגמרי ניט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף די אַדורכפירערס פון די אַלע דערמאָנטע געוואַלדאַקטן און אַטענטאַטן. אדרבה, פאַרקערט. די דאָזיקע מעשים האָבן

זיך גאַר געמערט. האָט די רעגירונג דעריבער געפּרובירט צו דערגרייכן איר צוועק דורך דערשטיקן די פּרעסע־פרייהייט און באַגרענעצן דאָס געזעץ פון אַרבעטאָרערישע פאַראיינען. שוין אין נאָוועמבער, 1892, האָט דער פּרעמיער־מיניסטער לובעי געהאַט דערקלערט אינעם פּאַרלאַמענט, אַז די רעגירונג זיינע איז אַנטשלאָסן שאַרף צו באַגרענעצן די פּרעסע־פרייהייט. אמת, לובעי מיט זיין מיניסטאַרן־קאַבינעט האָבן באַלד דערנאָך געמוזט זיך אָפּגעבן אין דעמיסיע. אָבער דער נאָכפאָלגנדיקער מיניסטאַרן־קאַבינעט, מיטן פּרעמיער ריבאָ, בראש, האָט ממשיך געווען די פיינע אַרבעט, וואָס די פריִער־דיקע רעגירונג האָט געהאַט אָנגעהויבן אין דעם פּרט פון פאַרשטאָפּן דאָס מויל דער פּרעסע. דעם 6טן מערץ, 1893, האָט דער פּאַרלאַמענט באַשלאָסן, מיט 266 שטימען קעגן 222, צו ענדערן דאָס פּרעסע־געזעץ פון יולי, 1881. דאָס איז געווען די הקדמה צו די נאָכקומענדיקע אַזוי־גערופענע „לואָ סעלע־ראַט" („קרימינעלע געזעצן"), צו די דריי געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אונטערן דורק פון די געוואַלדאַקטן, און זיי האָבן זיך נאָכגעפאָלגט מיט קורצע אינטערוואַלן איינער נאָכן אַנדערן, און זיי האָבן פּשוט פאַרטיליקט די רעכט, וואָס די פראַנצייזישע קאָנסטיטוציע האָט געהאַט גאַראַנטירט צו אירע בירגער.

דאָס ערשטע פון די דאָזיקע געזעצן, פון דעם 12טן דעצעמבער, 1893, איז געווען אַ דראַקאָנישע באַגרענעצונג פון דער פּרעסע־פרייהייט. דאָס צווייטע געזעץ, פון דעם 18טן דעצעמבער, איז געווען געצילט קעגן די אַזוי־גערופענע „אַסאָסיאַסיאָן דע מאַלפעטעיר", קעגן די „פאַראייניקונגען פון פאַרברעכערס". דאָס האָט געמיינט קעגן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די רעגירונג האָט זיי באַטראַכט, אַז זיי צילן מיט געוואַלד צו ענדערן די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט. דאָס דריטע געזעץ, פון דעם 28סטן יולי, 1894, איז שוין געווען דירעקט געצילט קעגן דער פּראָ־פּאַגאַנדע פון די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטן און עס האָט טאַקע געפירט צו דער אונטערדריקונג פון אַלע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן אין פראַנקרייך.

דער מיניסטאַרן־קאַבינעט אונטער דעם פּרעמיער ריבאָ האָט זיך גע־האַלטן ביי דער רעגירונגס־מאַכט קוים דריי חדשים צייט, און ער האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דער רעגירונג פון דעם פּרעמיער דיפּי. אָבער אויך ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ רעאַקציאָנערישער פּאָליטיקער און אַן אָפענער שונא פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. און טאַקע דערפאַר איז אויך זיין רעגירונג געפאַלן ווי אַ פּועל־יוצא פון די וואַלן אין אויגוסט און אין סעפּטעמבער, 1893, און זי האָט געמוזט מאַכן פּלאַץ פאַר דער נייער רעגירונג פון קאַזימיר־פּעריעי, אונטער וועמען עס זיינען טאַקע דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע צוויי געזעצן פון די דערמאָנטע „לואָ סעלעראַט", די „קרימינעלע געזעצן". קאַזימיר־פּעריעי איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים־אַדירים אין פראַנקרייך. זיינע נאָענטע באַציִונגען מיט די ראָיאַליסטן און מיט דעם הויכן קלער זיינען געווען אַן אָפענער סוד פאַר גאַנץ פראַנק־רייך. ער איז געווען דער באַלעבאָס פון די גרעסטע קוילנגרובנס אינעם לאַנד. און טאַקע אין זיינע מינעס זיינען פאָרגעקומען די ביטערסטע קאַמפן

צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, צווישן אים און זיינע שאַכטיאָרן. אין דער רעוואָלוציאָנערישער פּרעסע האָט מען אים תמיד גערופן „דער מאַן מיט די פּערציק מיליאָן", אָדער דער „בלוטזייגער פון אַנזען". אַנזען איז געווען דער נאָמען פון דער געגנט, ווו קאַזימיר־פּעריעי האָט געהאַט זיינע רייכע קוילנגרובנס אין פראַנקרייך. עס איז דעריבער געווען קלאָר, אַז דאָס פּאַר־שטאָפּן דאָס מויל דער פּרעסע איז ניט געשען בלויז כדי „אָפּצוהיטן דעם עפנטלעכן ווילזיין", נאָר דער עיקר כדי צו באַשיצן די פּערזענלעכע אינ־טערעסן פון דעם רייכן פּרעמיער, וועלכער האָט געוואָלט שטום מאַכן די אַלע צייטשריפטן, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרשווייגן דעם נייעם פּרעמיערס שיינע מעשים לגבי זיינע קוילנגרעבערס.

אין אַזאַ צערודערטער צייט זיינען יענע רעאַקציאָנערישע שריט מצד דער רעגירונג געווען די לעצטע מיטלען אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון דער אַלגעמיינער אויפרעגונג און פון דעם עפנטלעכן צאָרן. אַ סך מעשים, וואָס די גאַנצע וועלט איז דורך זיי אויפגעבראַכט געוואָרן, וואָלטן זיכער געקאָנט פאַרמיטן ווערן, אויב די אויפריכטיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג וואָלט זיי דעמאָלט ניט ממש דירעקט אַרויסגעפאָדערט און ניט פּראָוואָצירט דערצו, אַז זיי זאָלן געשען. איטלעכער מענטש, מיט דעם מינדסטן פּאָליטישן אַריינ־בליק, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט צווישן די פראַנצויזן און אויך געהאַט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן די אַנטוויקלונגען אין פראַנקרייך פון דער נאָענט, וועט זיכער מוזן מסכים זיין, אַז אַזוי איז טאַקע געווען דער דעמאָלטיקער מצב אינעם לאַנד. דער פאַקט גופא וואָס נאָך כמעט אַ גאַנץ יאָר פון די ערגסטע רדיפות מצד דער רעגירונג אויף דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע, האָט די רעגירונג געמוזט פאַרגעסן אין די טרויעריק באַרימטע „קרימינעלע געזעצן", מיט וועלכע זי האָט זיך געהאַט באַנוצט קעגן דער דאָזיקער פּרעסע און דערלויבן דאָס אַרויסגיין פון אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן, איז אַ דערשיינונג, וואָס צווינגט צו פאַרטראַכטן זיך. קעגן די מעשים פון יחידים קאָן מען זיך באַנוצן מיט איטלעכער געזעצגעבונג, אָבער קעגן דעם גייסטיקן שטרעבן, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דעם סאָציאַלן מצב און פון די לעבנס־באַדינגונגען און געזעלשאַפטלעכע שייכותן פון דער צייט, העלפט, נאָך אַלעמען, ניט קיין שום געזעץ. וואָרן די ברוטאַלע אונטערדריקונג פאַרשטאַרקט בלויז דעם ווידערשטאַנד און צערייצט נאָך מער די מענטשן מיט אַ באַזונדערער רעבעלישער נטיה צו אַזעלכע מעשים, וואָס אונטער נאָר־מאַלע פאַרהעלטענישן וואָלטן די זעלביקע מענטשן קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן זיי, שוין אָפּגערעדט וועגן באַגיין געוואַלדטאַטן.

דעם 9טן דעצעמבער, 1893, האָבן די פּאַריזער אָוונטבלעטער געבראַכט די שרייענדיקע ידיעה וועגן אַ באָמבע־אַטענטאַט אויף דעם פּאַרלאַמענט. די גאַנצע שטאָט איז תיכף אַרומגענומען געוואָרן פון אַ גרויסער צערודערונג. איך דערמאָן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג זייער גוט דעם איינדרוק, וואָס די דאָזיקע אומגעריכטע נייעס האָט אויף יעדן איינעם געמאַכט. איך האָב וועגן דעם געהערט אויף מיין וועג פון דער אַרבעט, גייענדיק אַהיים, ווען די צייַ־טונגס־פאַרקויפערס האָבן די דאָזיקע ידיעה אויסגעשריגן אויף די העכסטע

קולות אין די גאַסן. דער ערשטער באַריכט וועגן דעם ענין איז געווען אַ מאָגערער. ער האָט בלויז דערציילט פון אַ צאָל פאַרווונדעטע, אָבער עס זיינען ניט געווען קיין טויטע, און אַז דער אַטענטאַטאָר איז אויף דער גאַ־לעריע פאַר געסט אינעם פּאַרלאַמענט תיכף אַרעסטירט געוואָרן.

ווען איך בין באַלד דערנאָך אַריין אין דעם קליינעם רעסטאָראַן, אין וועלכן איך פלעג יעדן אָוונט עסן מיין וועטשערע, און ווו עס האָבן געווײנלעך אויך געגעסן אַנדערע אַרבעטער און קליינע האַנטווערקערס האָב איך דאָרטן געפונען דעם גאַנצן עולם אַן אויפגעקאָכטן. מען האָט דאָרטן געלאַכט און געשריבן און געמאַכט כלערליי בייסיקע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פונעם פּאַרלאַמענט אַזוי ווי דער וויציקער פאַריזער אַרבעטער קאָן דאָס אַזוי גוט. אָבער איך האָב פון קיין איינעם ניט פון זיי אַלע געהערט דאָס מינדסטע וואָרט פון טאַדל אָדער פון צאָרן קעגן דעם אַטענטאַט. מיין טיש־שכן אין יענעם רעסטאָראַן, אַ פראַנצייזישער זייגערמאַכער, מיט וועמען איך פלעג תמיד שמועסן ביים עסן, האָט זיך שפּאַטיש אויסגעדריקט, אַז „די פּאַנאַמאַ־גנבים וועט גאָר ניט שאַטן דאָס אַפּפיר־מיטל, וואָס זיי האָבן דאָרטן, אינעם פּאַרלאַמענט, איינגענומען.״ דער דאָזיקער זייגער־מאַכער האָט ניט געהערט צו קיין שום פּאָליטישער ריכטונג. ער האָט זיך בכלל ניט פאַראינטערעסירט אין קיין שום עפנטלעכע ענינים. איז טאַקע זיין צוגאַנג צום אַטענטאַט אינעם פּאַרלאַמענט געווען נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלטיקער שטימונג צווישן דעם ברייטן עולם אין פראַנקרייך.

נאָך וועטשערע בין איך גלייך אָוועק צו פּאָטער מאַיער, וועלכער האָט געוווינט ניט ווייט פון דאָרטן. איך האָב דאָרטן שוין אָנגעטראָפן אַ צאָל חברים. אַלע האָבן, נאַטירלעך, גערעדט וועגן דער לעצטער געשעעניש פון טאָג. היות ווי מיר זיינען אַלע, פאַרשטייט זיך, געווען היפּש אויפגערעגט און מיר האָבן שטאַרק באַגערט צו וויסן מער פּרטים וועגן דעם באָמבעקראַך, אינעם פּאַרלאַמענט, האָבן מיר זיך אָוועקגעלאָזט צו אַ קאַפעי אויף דעם „פּלאַס דע לאַ באַסטיי״ (פּלאַץ פון דער באַסטיליע), ווו מיר פלעגן אָפט פאַרברענגען. די קאַפעי איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. נאַטירלעך איז דער שמועס אַרום אַלע טישלעך געווען וועגן דעם באָמבע־אויפרייס אינעם פּאַר־לאַמענט. אָבער אויך דאָרטן האָט מען ניט געהערט קיין איינציק וואָרט פון באַדויער, נאָר בלויז שאַרפע באַמערקונגען וועגן די לייט אינעם פּאַרלאַמענט. פון די דאָזיקע באַמערקונגען איז געווען גרינג אַרויסצודרינגען, אַז די אַזוי־גערופענע פאַרטרעטערס פונעם פאָלק האָבן ניט געהאַט קיין צו גרויסן אָנזען אין די אויגן פון די פאָלקסמענטשן. מיר האָבן זין דעמאָלט געפונען אין יענער קאַפעי זייער נאָענט פון דער רעוואָלוציאָנערישער פאָרשטאָט סאַנט אַנטואַן, ווו מען האָט בכלל געהאַט קנאַפּ דרך ארץ פאַר דער רעגירונג. יעדע פּאָר מינוט איז אַריינגעקומען אַן אַנדערער צייטונגס־פאַרקויפער מיט נייע עקסטרע־בלעטער, וואָס זיינען צעכאַפּט געוואָרן ווי הייסע בייגל, אָבער קיין סך נייע פּרטים וועגן דעם באָמבעקראַך אינעם פּאַרלאַמענט איז אין זיי ניט געווען.

מער און גענויערע פּרטים זיינען געקומען ערשט אויף צו מאָרגנס. עס

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באָמבע־וואַרפער איז געווען אַ שוסטער מיטן נאָמען אָגיסט וואַיאַן. ער האָט זיך תיכף אָפּן דערקלערט ווי אַן אַנאַרכיסט. ווען מען האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט דערמיט געוואָלט אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן דעם סיסטעם, וועמענס פּאָליטישע פירערס פאַרטרעטן תמיד בלויז זייערע אייגענע פּער־זענלעכע אינטערעסן, הגם זיי ריידן שטענדיק, אַז זיי האָבן נאָר אין זינען די אינטערעסן פונעם פאָלק. און קודם כל האָט ער געוואָלט פאַר די אַזוי־גערופענע פאָלקס־פאַרטרעטערס קלאָר מאַכן, אַז „ווען זיי קאָנען ניט געפינען דעם וועג צו די אומגליקלעכע און אָרעמע מענטשן אינעם פאָלק, מוזן זיי רעכענען אויף דעם, אַז די אומגליקלעכע וועלן דאַרפן געפינען זייער וועג צו די פאָלקס־פאַרטרעטערס זייערע".

אָגיסט וואַיאַן האָט אויף קיין איינציקן מאָמענט ניט געלייקנט, אַז ער האָט געהאַט בדעה אויפצורייסן די באָמבע דירעקט פאַר די פלעצער פונעם פרעמיער קאַזימיר־פּעריעי און פון די מיטגלידער פון זיין מיניסטאָרן־קאַ־בינעט. אָבער דורך אַ פּלוצימדיקער אומגעריכטער באַוועגונג פון אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אין דער גאַלעריע פאַר געסט נעבן אים, האָט די געוואָרפענע באָמבע זיך אָנגעשטויסן אין אַ זייל און זי האָט אויפגעריסן אין דער לופט. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס דער אויפרייס האָט געטראָפן מער געסט אין דער גאַלעריע ווי דעפּוטאַטן אינעם פּאַרלאַמענט. און דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז דער באָמבע־וואַרפער גופא איז דערביי פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין דער אמתן האָט דער גאַנצער באָמבע־אויפרייס גורם געווען בלויז לייכט פאַרוווּנדעטע. דאָס וואָלט מסתמא אויך געווען דער פאַל אַפילו ווען די באָמבע וואָלט געהאַט דערגרייכט איר באַשטימטן ציל, וואָרן דער אויפרייסשטאָף, וואָס וואַיאַן גופא האָט געהאַט צוזאַמענגעשטעלט און די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון דער באָמבע איז געווען אַזאַ אַמאַטאָרישע, אַז זי וואָלט סיי ווי סיי קיין גרעסער אומגליק ניט געקאָנט אָנטאָן. ווען וואַיאַן האָט שפּעטער, אין גע־ריכטס־זאַל דערקלערט, אַז ער האָט ניט געהאַט בדעה קיינעם צו דער־הרגענען, נאָר בלויז צו דערמאָנען די דעפּוטאַטן אינעם פּאַרלאַמענט אין די אומגליקלעכע און אָרעמע מענטשן אינעם פאָלק; און אַז אויב ער וואָלט טאַקע געהאַט געוואָלט עמעצן טויטן, וואָלט ער זיכער גענוצט אַ שטאַרקערן אויפרייסשטאָף — האָט מען אים דאָס אָן שום ספק געמעגט גלייבן. וואָרן ער האָט דאָס ניט געזאָגט, כדי צו פאַרענטפערן זיך אָדער צו מאַכן אויסזען זיין אַטענטאַט מילדער. אדרבה, ער האָט אין דעם זעלביקן געריכט זיך מודה געווען אין זאַכן, וואָס האָבן אים נאָר געקאָנט ברענגען שאָדן. און ער האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט.

זייער ווייניק מענטשן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן געקענט וואַיאַנען. פון דער גאַנצער אונטערזוכונג איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין שום מיטהעלפערס, און אַז ער האָט זיין אַטענטאַט אַליין אויסגעפּלאַנירט און אים אויך אַליין אויסגעפירט. דערצו האָט זיך ביי דער אונטערזוכונג אַנטפּלעקט אַ גאַנצע מאַסע מיט מאַטעריאַלן וועגן וואַיאַנס פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן אומבאַדינגט געמוזט זיין לטובת דעם אָנגעקלאָגטן.

וואַיאַן איז געווען פון יענע אומגליקלעכע, וואָס זיינען פונעם גורל אַזוי שווער געשלאָגן געוואָרן, אַז אַפילו אין די סאַמע אָרעמסטע שיכטן פון דער געזעל־שאַפט באַגעגנט מען זיי ניט צו אָפט. ער איז געווען אַן אומגעזעצלעך קינד. דאָס אַליין האָט אים שוין פאַרמשפּט צו אַ ביטערער, פריידלאָזער קינדהייט און צו אַ טרויעריקער פינצטערער יוגנט, אין וועלכער עס האָט זיך זייער זעלטן אַדורכגעריסן אַ ליכטיקער שטראַל. זיין פאָטער איז געווען אַ קאָרסי־קאַנער זשאַנדאַר. באַלד נאָך דעם ווי וואַיאַן איז געבוירן געוואָרן האָט דער פאָטער פאַרלאָזט די אומגעזעצלעכע פרוי זיינע. ווען איר אומגעזעצלעך יינגל איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר האָט זי חתונה געהאַט. אָבער דער נייער מאַן אירער האָט דאָס יינגל פּשוט אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס אַרויס. דאָס יינגל, געטריבן פון הונגער, האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה פּשוט שנאָרן. מיט דער צייט האָט זיך אים איינגעגעבן צו געפינען אַרבעט דאָ און דאָרט און ער האָט זיך פאַרדינט זיין שטיקל ברויט דורך שווערער פּראַצע. אָבער דאָך האָט אים דאָס שווערע לעבן ניט געמאַכט פאַר אַ ביטערן מענטש. ער האָט ניט פאַרמאָגט די ווילדע ענערגיע פון ראַוואַשאָל, וואָס דאָס שווערע לעבן האָט אים ראַוואַשאָלן געהאַט אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז ער איז אַפילו טייל מאָל געוואָרן פּשוט אַכזריותדיק. פון וואַיאַנס גאַנצן כאַראַקטער האָט אַרויסגעשטראַלט אַ מין אינערלעכע וואַרעמקייט, וואָס האָט אים ניט פאַרלאָזט אַפילו דעמאָלט ווען ער האָט זיך געפונען אינעם ערגסטן מצב פון זיין שווער און אָרעם לעבן. די דאָזיקע נאַטירלעכע וואַרעמקייט זיינע איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק דורך זיין רירנדיקער צערטלעכקייט פאַר זיין טעכטערל סידאַני. ער האָט בכלל געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע רחמנות פאַר אַלע, וועלכע האָבן געמוזט, פונקט ווי ער, אַזוי שווער ליידן אונטער דער ברוטאַלער משא פון זייער אָרעם לעבן. זייער אָפט האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, כדי אַ ביסל גרינגער צו מאַכן דאָס דאָזיקע שווערע משא פאַר אַנדערע.

אַלע עדות פאַרן געריכט, אָן שום אויסנאַם, האָבן באַצייכנט וואַיאַנען ווי אַ פלייסיקן ניכטערן אַרבעטער, ווען מען האָט זייער זעלטן געקאָנט צוריידן, אַז ער זאָל מיט זיינע חברים מיטגיין אין אַ שענק אַריין אויסצו־טרינקען אַ מאָל אַ גלאָז וויין. ער האָט בעסער געוואָלט אויסנוצן איטלעכע פרייע מינוט צו לייענען און זיך צו לערנען. וואַיאַן איז געווען אַ טאַלאַנ־טירטער מענטש, מיט אַ פילאָסאָפיש געניגטן קאָפּ. ער וואָלט זיכער, אונטער אַנדערע אומשטאַנדן, דערגרייכט צו אַ סך העכערס ווי צו שוסטעריי. ער האָט זייער אַ סך געלייענט. דאָס האָט מען גלייך דערקאָנט אין זיין לשון אַפילו. און מער ווי איין מאָל האָט ער געמוזט זיך קאַרגן דעם ביסן פון מויל, כדי צו קאָנען נאָכקומען זיין אייביקן דאָרשט צום לערנען, צום וויסן.

וואַיאַן איז צוערשט באַקאַנט געוואָרן מיט די געדאַנקען־גענג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דורך לייענען און שטודירן זייערע פּראָגראַמען. אָבער זיין אינערלעך געמיט און זיין סאַמע כאַראַקטער האָבן אים באַלד דערנאָך אַרויפגעפירט אויפן וועג פונעם אַנאַרכיזם. אינעם יאָר 1890 האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו זיינע פרייהייטלעכע אָנשויונגען זיינען

ביי אים געוואָרן נאָך קלאָרער און בולטער. ער איז געפאָרן קיין אַרגענטינע דער עיקר דערפאַר ווייל ער האָט דאָרטן געוואָלט פאַר זיך אויפבויען אַ ניי פריי לעבן ווי אַ קאָלאָניסט, אויף דעם שויס פון דער נאַטור, אויסער די גרענעצן פון דער גרויסשטאָטישער ציוויליזאַציע, כדי צו קאָנען באַפריי־דיקן זיין אינערלעכן דראַנג צו אַ פריי און אומאָפּהענגיק לעבן. אָבער די דאָזיקע אַלע האָפענונגען זיינען אין אַרגענטינע ניט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיִונגען, צערונען געוואָרן. צוערשט איז אים געשטאָרבן זיין פרוי. און ווען ער האָט נאָך אַלע אָנשטרענגונגען דאָך ניט געקאָנט געפינען קיין פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס, האָט ער נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר אין אַרגענטינע זיך צוריקגעקערט מיט זיין טעכטערל קיין פראַנקרייך.

ווען וואַיאַן איז צוריקגעקומען קיין פאַריז, ווו ער האָט געהאָפט צו באַקומען אַרבעט, האָט אים דאָס אומגליקלעכע מזל פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט. נאָך לאַנגע זוכעניש האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן צו באַקומען אַ שטיקל שטעלע אין אַ קליין געשעפט. זיין געהאַלט איז דעמאָלט געווען אַכציק פראַנק אַ חודש. מיט דעם האָט ער גערדאַרפט מפרנס זיין זיך און זיין טעכטערל. דערדריקט פון אייביקע זאָרגן, איז ער פריצייטיק געוואָרן אַלט און מיד פון לעבן. און ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין דעם אַטענטאַט, וואָס אונטער אַנדערע פאַרהעלטענישן וואָלט ער אַפילו ניט געטראַכט וועגן אים. לויט ווי ער אַליין האָט שפּעטער איבערגעגעבן, האָט ער אין משך פון צוויי חדשים צייט זיך באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן פּלאַן. און דאָס, וואָס ער האָט דווקא אויסגעקליבן דעם פאַרלאַמענט פאַר זיין אַטענטאַט, האָט געהאַט צו טאָן מיט די פּאָליטישע און פינאַנציעלע סקאַנדאַלן, וואָס האָבן געהאַט אַזוי טיף אונטערגעגראָבן דעם אָנזען ביים פאָלק פון די אַזוי־גערופענע פאָלקס־פאַרטרעטערס און פון דער רעגירונג. אַזאַ ביטול און פאַראַכטונג צו דער רעגירונג מצד דעם פאָלק האָט אין פראַנקרייך עקסיסטירט נאָר אין די קאָרופּטע צייטן פון דעם קיניג לואי־פיליפּ. אַלע באַהויפּטונגען וואַיאַנס האָבן געצילט קלאָר צו מאַכן, אַז ער האָט געהאַט בדעה דורכצופירן אַן אַקט, וואָס זאָל טראָגן אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. און דערויף האָט ער ניט געקאָנט אויסקלייבן קיין בעסערן פּלאַץ ווי דעם פאַרלאַמענט. ער האָט געהאַט באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון דער וועלט. אָבער איידער ער פאַרלאָזט זי, האָט ער געוואָלט אויפטרייסלען די עפנטלעכע מיינונג ביז צו אירע טיפסטע יסודות, כדי אָנצווייזן אויף דעם אומזיסטן און אומפאַרדינטן עלנט פון יענע, וועלכע זיינען, פונקט אַזוי ווי ער אַליין, באַהאַנדלט געוואָרן ווי שטיפקינדער מצד דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפט. לויט ווי ער האָט אַליין דערקלערט, האָט ער געהאַט בדעה צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער טאַקע אין דעם זינען, באַלד נאָך זיין אַטענטאַט, צו די מיטגלידער פונעם פאַרלאַמענט. נאָר דער פאַקט, וואָס ער אַליין איז פון דעם באַמבעקראַך פאַרוואונדעט געוואָרן און דאָס בלוט איז אים געשטאַנען אין דער קעל, האָט אים געשטערט צו האַלטן זיין קורצע רעדע אין פאַרלאַמענט.

אַפילו דאָס אויסערלעכע אויסזען פון דעם דאָזיקן 33־יאָריקן מאַן האָט ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומנאָרמאַלן מענטש. אַפילו דער פּסי־

כיאַטער לאָמבראָזאָ, דער דערפירנדער פון דעם אַזוי־גערופענעם „פאַרברע־כערישן טיפּ", האָט דעמאָלט צוגעגעבן, אַז וואַיאַנס אויסזען האָט לחלוטין ניט געוויזן קיין שום סימנים פון אַ געוויינלעכן קרימינאַלניק. דאָס מאָגערע און בלאַסע פּנים זיינס, וואָס איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ שוואַרצער באָרד, און דער הויכער שטערן, מיט די גרויסע אַ ביסל פאַרחלומטע אויגן, האָבן אים געמאַכט אויסזען גיכער ווי אַ גייסטיקער אַרבעטער און ניט ווי אַ פון לעבן אַרויסגעשטויסענער אָרעמאַן. עס איז בכלל שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ אין תוך גוטמוטיקער מענטש, און אַפילו אַ ווייכהאַרציקער, האָט ביי זיך געקאָנט באַשליסן צו מאַכן דעם אַטענטאַט. נאָר אַ טיף אָנגע־ווייטאָגט יושר־געפיל, אָדער, ווי לאָמבראָזאָ האָט דעמאָלט דאָס אויסגעטייטשט, „זיין טיפער און ליידנשאַפטלעכע אַלטרויִזם", האָט געקאָנט פּסיכאָלאָגיש אויסטייטשן און אויפקלערן וואָס עס האָט וואַיאַנען געטריבן צו באַגיין זיין אַטענטאַט.

צוויי טעג נאָך וואַיאַנס אַטענטאַט האָט דער פאַרלאַמענט אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען די מצד דער רעגירונג פון קאַזימיר־פּעריעי פאָרגעשלאָגענע אויסנאַם־געזעצן, כדי אונטערצודריקן די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין פראַנקרייך. אין בלויז עטלעכע טעג זיינען אין אַן אַטמאָספערע פון היסטעריע גיך אַדורכגעיאָגט געוואָרן די געזעצן קעגן דער פרייהייט פון דער פּרעסע און קעגן די אַזוי־גערופענע „אַסאָסיאַסיאָן דע מאַלפעטעיר", קעגן די „פאַראייניגן פון די רשעים". ווי תמיד אין אַזעלכע פּאַנישע סיטואַציעס, האָט די רויִקע איבערגעלעגנקייט און געלאַסענע איבערטראַכטונג בכלל ניט געשפּילט קיין שום ראָלע. אונטער די דירעקטע ווירקונגען פון די געשעענישן האָבן די דעפּוטאַטן אינעם פאַרלאַמענט זיך געלאָזט מיטרייסן אָנצונעמען געזעצן, וואָס קיינער וואָלט זיי אין אַנדערע צייטן ניט געקאָנט פאַרענטפערן און וואָס האָבן, לויט אַלע ביז דעמאָלטיקע דערפאַרונגען, געמוזט נאָך מער פאַרשאַרפן די סאָציאַלע סתירות. די פּאָליציי האָט תיכף קאָנפיסקירט אַלע אַנאַרכיס־טישע צייטונגען און זשורנאַלן ביי די קיאָסקן און אין די בוך־געשעפטן. אַ מאַסע אויסלענדער זיינען ווי אַנאַרכיסטן דעמאָלט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך. דער פּראָקוראָר פון דעם סען־דעפּאַרטאַמענט, וואָס איז כולל פּאַריז, האָט אונטערגעשריבן ניט ווייניקער ווי צוויי טויזנט אינדי־ווידועלע באַפעלן צו אַרעסטירן און צו מאַכן אָבלאַוועס ביי די יעניקע, וואָס ער האָט אָנגערופן „פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען". און ווער איז דעמאָלט אין די אויגן פון דער פּאָליציי ניט געווען אונטער אַ חשד? מאָנסיע רעינאַל, דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער, וועלכער איז געווען אויך דער ממונה איבער דער פּאָליציי, האָט אָפּגעגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַז די רעגירונג פאַרנעמט זיך זייער פלייסיק מיט צונויפשטעלן אַ פולשטענדיקע ליסטע פון אַלע מענטשן, וואָס „הגם זיי אַליין זיינען ניט קיין אַנאַרכיסטן, האָבן זיי אָבער פריינדלעכע באַציִונגען מיט באַקאַנטע אַנאַרכיסטן." אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז שוין קיין שום פראַנצויז ניט געווען דעמאָלט זיכער זיך צו קאָנען אַרויסדרייען פון קליינלעכע נקמות מצד פערזענלעכע שונאים, וועלכע האָבן געטראָגן מסירהלעך צו דער פּאָליציי, און פון פּראָפעסיאָנעלע

שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם גינציקן פּאָר זיי מצב צו מאַכן אַ פּאָר פראַנק דורך בלויז סטראַשען מיט מסירות צו דער פּאָליציי. און די פּאָליציי האָט זיך דעמאָלט אַריינגעריסן אין די וווינונגען פון מענטשן, וואָס די שאַרפסטע פאַנטאַזיע האָט זיי ניט געקאָנט פאַרבינדן אַפילו ניט מיט ווייטסטער און מינדסטער שייכות צו וואַיאַנס אַטענטאַט.

דעם 1טן יאַנואַר, 1894, האָבן די פּאָליציייִשע אינסטאַנצן אַרויסגעגעבן אַ מאַסן־באַפעל צו אַרעסטירן הונדערט באַקאַנטע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז. אָבער בלויז פיר און צוואַנציק פון די דאָזיקע פּאָליציייִשע אַרעסט־באַפעלן האָבן געקאָנט דורכגעפירט ווערן. צווישן די אַרעסטירטע דעמאָלט האָט זיך אויך געפונען דער באַקאַנטער געלערנטער עלי רעקלי, דער עלטערער ברודער פון עליזעי רעקלי. עליזעי רעקלי גופא איז דעמאָלט ניט אַרעסטירט געוואָרן. אָבער די פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף זיין וווינונג און דאָרטן געמאַכט אַזאַ שטרענגן אָביסק, אַז זי האָט אַפילו גענישטערט אין די טעפּ אויף דער קיך. דער אַרעסט פון דעם עלטערן רעקלי האָט באַלד אויף צו מאָרגנס אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם קעגן די פּאָליציייִשע אינסטאַנצן, אַז זיי האָבן אים תיכף געמוזט פריי לאָזן. דער גאַנצער אַרעסט איז געווען אויס־גערעכנט צו שיקאַנירן די גאַנצע משפחה פון עליזעי רעקלין.

דעם 3טן יאַנואַר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּאַריזער טאָג־צייטונג „לאַ פּטיט רעפּיבליק פראַנסעז" אַ געהיימער אוקאַז מצד דער רעגי־רונג צו אַלע פּאָסטאַמטן, אַז די קאָרעספּאָנדענץ פון אַן ערך הונדערט מענטשן אין פראַנקרייך און אין אויסלאַנד מוז תיכף געשטעלט ווערן אונטער אַ גענויער צענזור און איטלעכער בריוו פון און צו זיי מוז צוערשט אַדורכגע־לייענט ווערן איידער ער ווערט אָפּגעשיקט. אויף דער לאַנגער ליסטע פון די דורך דער געהיימער צענזור געטראָפענע מענטשן האָבן זיך געפונען פון אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַרכיסטן, ווי: זשאַן גראַוו, סעבאַסטיאַן פּאָר, עמיל פּוזשעי, שאַרל מאַלאַטאַ, זשאַרזש ברינעי, אַרמאַן מאַטהאַ, עלי רעקלי, עליזעי רעקלי, פּאָל רעקלי, לואיז מישעל, עריקאָ מאַלאַטעסטאַ, פּיאָטר קראָפּאָטקין און עליזעי באַטאַר. פון דעם איז געווען קלאָר, אַז די רעגירונג האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט רדיפות אויף די יעניקע, קעגן וועמעס מעשים זי האָט געהאַט עפּעס אויסצוזעצן, נאָר אַז זי איז פּשוט געווען אַנטשלאָסן אונטערצודריקן אַ גאַנצע אידעאָלאָגישע ריכטונג, וואָס די רעגירונג האָט זי פּרובירט צו שטעמפּלען ווי אַ פאַרברעכערישע.

מיט דער זעלביקער היסטעריע, מיט וועלכער די רעגירונג האָט געהאַט דורכגעפירט אין פּאַרלאַמענט דאָס געזעץ אַרויפצולייגן אַ מוילשלאָס אויף דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע, האָט זי אויך איצטער אָנגעפירט מיט דעם פּראָצעס קעגן וואַיאַנען. ווי איינער זאָל ניט קוקן אויף וואַיאַנס אַטענטאַט, וואָלט ער דאָך געמוזט צוגעבן, אַז וואַיאַן האָט געהאַט דאָס זעלביקע רעכט אויף אַ געריכטלעכן פּאַרטיידיקער ווי דער ערגסטער פאַרברעכער, וועמען מען האָט דאָך אַזאַ מין רעכט קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט. מען קאָן פאַרשטיין, אַז די רעגירונג איז דווקא קעגן וואַיאַנס אַטענטאַט געווען שטאַרק אויפ־געבראַכט. אָבער דאָס האָט איר דאָך נאָך אַלץ ניט געקאָנט געבן קיין מאָ־

ראַלישן גרונט אָוועקצונעמען פון וואַיאַנען אַ רעכט, וואָס אַפילו דער ערגסטער באַנדיט האָט בלויז דערפאַר ווייל וואַיאַן איז געווען אַן אַנאַרכיסט. דער אָנגעקלאָגטער איז באַגאַנגען זיין אַטענטאַט דעם 9טן דעצעמבער, און דעם זעלביקן טאָג האָט מען אים, אַ פאַרוווּנדעטן, איינגעזעצט אין דער תפיסה. דער מעדיצינישער באַריכט פונעם דאָקטער, פון דעם 20סטן דעצעמבער, האָט דערקלערט, אַז וואַיאַן וועט ניט קאָנען אַרויסגעפירט ווערן פון זיין תפיסה־צעלע ווי ערשט אין פערצן טעג אַרום. ניט געקוקט דערויף, האָט דער פּראָקוראָר באַשטימט, אַז דער פּראָצעס זאָל זיך אָנהייבן דעם 5טן יאַנואַר. וואַיאַן האָט פאַרלאַנגט, אַז זיין פאַרטיידיקער אין געריכט זאָל זיין דער באַקאַנטער אַדוואָקאַט און יוריסט זשאַן אַזשאַלבער. אָבער דער אויס־פאָרש־ריכטער האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דעם אַדוואָקאַט ניט פריִער ווי דעם 27סטן דעצעמבער. דאָס מיינט, אַז ער האָט דעם אַדוואָקאַט געגעבן ניט מער ווי אַ וואָך צייט צוצוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון אַ מענטש, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט זיין קאָפּ. האָט דעריבער זשאַן אַזשלאַבער תיכף פאַר־לאַנגט, אַז דער פּראָצעס זאָל אָפּגעלייגט ווערן. ווען זיין פאָדערונג איז מצד דעם פּראָקוראָר אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט דער אַדוואָקאַט דערקלערט, אַז אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן קאָן ער בשום אופן ניט אָננעמען די פאַרטיי־דיקונג, וואָרן ער וועט דאָך אין דער קורצער צייט קיין מאָל ניט קאָנען צוגרייטן אויף אַ געהעריקן און ווירקזאַמען אופן די פאַרטיידיקונג פון דעם באַשולדיקטן.

האָט וואַיאַן זיך געוואָנדן צו דעם אַדוואָקאַט לאַבאָרי, וועלכער איז שפּעטער, בעת דער דרייפוס־אַפערע, געוואָרן וועלט־באַרימט. אָבער אויך לאַבאָרי האָט געפאָדערט, אַז דער פּראָצעס זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ שפּעטערדיקן טערמין. האָט מען אים באַוויליקט ניט מער ווי פינף עקסטרע טעג, און דער פּראָצעס איז באַשטימט געוואָרן זיך אָנצוהייבן דעם 10טן יאַנואַר. און אַזוי איז געשען, אַז נאָך איידער וואַיאַן האָט זיך געהאַט אויס־געהיילט פון זיינע וווּנדן האָט ער שוין געמוזט שטיין פאַר זיינע שופטים. נאָר איין דערקלערונג איז פאַראַן פאַר דער דאָזיקער פּאַנישער האַנדלונג מצד דער רעגירונג; זי האָט געוואָלט אונטער אַלע אומשטאַנדן אַדורכשמוגלען אַ טויטאורטייל און זי האָט מורא געהאַט, אַז אַ לענגערע אָפּלייגונג פונעם פּראָצעס וועט געבן צו פיל צייט דער עפנטלעכקייט נאָכצוטראַכטן און וועט קאָנען גורם זיין אַ באַרויִקונג פון די היסטערישע געמיטער ביים ברייטן עולם. און דעמאָלט וועט שוין זיין שווערער אַרויסצוקריגן אַ טויטאורטייל פונעם געריכט פאַר וואַיאַנען, דורך וועמעס אַטענטאַט עס איז דאָך קיינער ניט אומגעקומען.

די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען זיינען פאָרגעקומען פאַר די געשווירענע ריכטערס פונעם סען־דעפּאַרטאַמענט. דערביי האָט מען געהאַט געמאַכט אַלע צוגרייטן, ווי עס האָט זיך דעמאָלט, אין יענע אומרויִקע צייטן געפירט, אַז מען זאָל זיין גוט געשיצט און געהיט קעגן אַלע איבערראַשונגען. דער פּראָצעס האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום נייעס, וואָס מען האָט שוין פון פריִער ניט געהאַט געוווּסט, וואָרן וואַיאַן האָט דאָך אַלץ געהאַט דערציילט

שוין ביי די פּאָליציייִשע אויספאָרשונגען, און אין געריכט האָט ער בלויז איבערגעחזרט דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט געהאַט געזאָגט דער פּאָליציי. ער האָט זיך אָפן מודה געווען צום אַטענטאַט, אָן שום קווענקלעניש. ער האָט אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געהאַט ווער עס איז הילף ביים צוגרייטן אָדער ביים וואַרפן די באָמבע. ער האָט באַדויערט דעם פאַקט, וואָס דורך דעם פּריצייטיקן אויפרייס זיינען עטלעכע אומשולדיקע מענטשן פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת ער האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט. ער האָט דערקלערט, אַז אים איז ניט געגאַנגען אין דערהרגענען וועמען עס איז, נאָר בלויז צו ציִען די עפנטלעכע אויפמערקזאַמקייט אויף דער סאָציאַלער פאַרברעכערישקייט מצד דעם שווינדלערישן פאַרלאַמענט. וואָרן וואָלט ער געוואָלט דערהרגענען מענטשן, וואָלט ער דאָך זיין באָמבע ניט אָנגעפילט מיט קליינע נעגעלעך, נאָר מיט שווערע שטיקער אייזן און מיט לעבעדיקע קוילן. עס איז אין די אַלע רייד וואָס פאַר די ריכטערס ניט געווען קיין איינציקע אָפענע אָדער באַהאַלטענע סתירה, וואָס וואָלט געקאָנט געבן דעם מינדסטן חשד, אַז דער אָנגעקלאָגטער זאָגט ליגנס. אַלע זיינע דערקלערונגען און ענטפערס אויף די פראַגעס פונעם פּראָקוראָר זיינען געווען קלאָר, באַשטימט, איבערצייגנדיק, און זיי האָבן אויף איטלעכן מענטשן אינעם געריכט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט אין יעדן פּרט דערציילט נאָר דעם אמת.

צווישן די ווייניקע עדות זיינען אויך געווען צוויי אַמאָליקע חברים אַרבעטער, מיט וועמען ער האָט אַ צייטלאַנג געאַרבעט צוזאַמען, און צוויי באַלעבאַטים, פאַר וועמען וואַיאַן האָט געהאַט געאַרבעט. זיי אַלע האָבן געשוווירן, אַז וואַיאַן איז געווען „אַן ערלעכער, בכבודער, געשיקטער און פלייסיקער אַרבעטער", און זיי האָבן אַלע אונטערגעשטראָכן זיין פּאַטערלעכע צערטלעכקייט לגבי זיין טעכטערל, וואָס איז ביי אים געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ. און וואַיאַן גופא האָט צו זייער עדות זאָגן צוגעגעבן:

„איר האָט דאָ אַלע געהערט, אַז איך בין ניט קיין אוממענטש. איך וואָלט זייער גרינג געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַנדערע עדות לטובת מיר און מיין אויפפירונג. אָבער אַזוי ווי עס איז אין די היינטיקע צייטן אַ פאַר־ברעכן בלויז צו זיין אַן אַנאַרכיסט, אָדער אַפילו בלויז צו קענען אַן אַנאַר־כיסט, האָב איך ניט געוואָלט רופן קיינעם, וואָס זיין פרייהייט וואָלט געשטעלט געוואָרן אין אַ סכנה דורך זיין עדות זאָגן לטובת מיר."

די פאַרטיידיקונג וואַיאַנס פאַר זיינע שופטים איז געווען פּראָסט און פּשוט. טייל מאָל זיינען געווען קורצע סענטימענטאַלע מאָמענטן בעת זיין פאַרטיידיקן זיך, מחמת ער איז אין תוך געווען אַ סענטימענטאַלער מענטש. אָבער בדרך כלל איז די פאַרטיידיקונג זיינע מצד אים אַליין געווען אַ ווערדיקע און אַן איינדרוקספולע. ער האָט אָבער אין איר קוים אָנגערירט זיין אייגענעם גורל, נאָר ער האָט כסדר געהאַלטן אין אויג און פאַרגלייכט פאַר די ריכטערס די גרויסע נויט און די ליידן פון די מאַסן, די שווערע ליידן, וואָס זיינען אויך געווען אַ טייל פון זיין אייגן שווער און האַרעפּאַשנע

לעבן, אויך די רעדע פון וואַיאַנס אַדוואָקאַט, לאַבאַרי, וואָס האָט פונאַנדער־געוויקלט דעם גאַנצן לעבנסוועג וואַיאַנס פון פּיין און צרות, און האָט אָנגעוויזן, אַז דעם באַשולדיקטנס גורל איז באַלד פונעם ערשטן טאָג פון זיין לעבן פאַרחתמעט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט, וואָס זיצט דאָ איצט ווי אַ מיטשולדיקע אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף אַלעמען אינעם געריכט. אָבער די אָנקלאָגערס האָבן שוין פון פריִער געהאַט גוט אויסגעקליבן די ריכטיקע געשווירענע ריכטערס. דאָס זיינען געווען האַרטע מענטשן, פון וועמענס שטיינערנע הערצער די אַלע אַרגומענטן מצד די עדות פאַר וואַיאַנען און מצד זיין אַדוואָקאַט זיינען אָפּגעשפּרונגען ווי רויע אַרבעס פון אַ וואַנט. גיכער האָט מען געקאָנט רירן אַ שטיין ווי זייערע הערצער. דער פּראָקוראָר האָט זיי אויפגעפאָדערט אַרויסצוגעבן זייער פּסק דין „אָן שום מורא און אָן שום רחמנות”. און דאָס האָבן די געשווירענע ריכטערס טאַקע געטאָן. אָבער וואַיאַן האָט כסדר אָנגעהאַלטן זיין רויִקייט ביז צו דער לעצטער מינוט. נאָך דעם ווי די געשווירענע ריכטערס האָבן געהאַט אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל „שולדיק!”, האָט וואַיאַן קאַלט געשמייכלט און געלאָסן אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז דער טויט. איך דאַנק אייך...”

נאָך דעם, ווי דער פּראָצעס האָט זיך געהאַט געענדיקט און דער ריכטער האָט געהאַט אַרויסגעטראָגן דעם טויטאורטייל, איז וואַיאַנס לעבן געווען אין גאַנצן אין די הענט פון דעם פּרעזידענט קאַרנאָ. די רעאַקציאָנערישע צייטונגען, וועלכע האָבן געאַרבעט אַזוי אינטענסיוו פאַר דעם פּראָצעס אויפצוהעצן דעם עולם קעגן וואַיאַנען און צו שאַפן די גינציקע היסטערישע אַטמאָספערע פאַר אַ טויטאורטייל קעגן אים, האָבן איצטער ווידער געאַרבעט מעשים, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז דער פּרעזידענט זאָל אים באַגנעדיקן. די דאָזיקע צייטונגען האָבן כסדר געסטראַשעט דעם עולם, אַז דאָ שטייען אין קאָן אַזעלכע וויכטיקע ענינים ווי די עפנטלעכע זיכערקייט, געזעץ און אָרדע־נונג פאַר דעם פרידלעכן בירגער, און אַפילו די סאַמע זיכערקייט פון דער מלוכה און די עצמדיקע עקסיסטענץ פון פראַנקרייך. גאָר ניט האָט געקאָנט זיין שענדלעכער ווי דאָס דאָזיקע ווילדע בלוטדאָרשטיקע געוואָי נאָכן קאָפּ פון אַ מענטש, וואָס וועגן אים האָט זיין אַדוואָקאַט לאַבאַרי מיט רעכט געזאָגט: „אויב עס זיינען היינט צו טאָג פאַראַן אַזוי פיל אומגליקלעכע מענטשן, איז דאָס קודם כל אונדזער אַלעמענס שולד. וואַיאַן איז ניט דער איינציקער שולדיקער דאָ.” מען קאָן דאָ אַפילו ניט באַהויפּטן, אַז דאָס גאַנצע געהייל פון דער בירגערלעכער פּרעסע איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּערזענלעכער גרויזאַמקייט אָדער פון רויע גראָבע געפילן מצד די היסטערישע זשורנאַליסטן. גיכער איז דאָס געווען דער פּועל יוצא פון יענעם פאַרשאָל־טענעם גלויבן, אַז דער כבוד פון דער אויטאָריטעט מוז אונטער אַלע אומ־שטאַנדן אָפּגעהיט ווערן און פאַר איטלעכן פּרייז געראַטעוועט ווערן. דער דאָזיקער אומגליקלעכער גלויבן האָט ביז איצטער גורם געווען אַלע רעוואָ־לוציעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. וואָרן די מלוכה האָט תמיד אָוועקגעשטעלט דאָס טויטע וואָרט פונעם געזעץ איבער די אמתדיקע יסודות פון מענטשלעכקייט און איבער דער רויִקער איבערגעלייגטקייט פונעם שכל

הישר. די פֿאַרשטיינערטע פֿאָרעמס פֿון אַבסאָלוטע אידעען זיינען תמיד גרויזאַמער ווי די טיפֿע געפֿילן פֿון פֿערזענלעכער נשמהדיקער שפּירונג.

דאָך זיינען נאָך דעמאָלט געווען עטלעכע בירגערלעכע צייטונגען, וועלכע האָבן נאָך דעם טויטאורטייל איבער וואַנצעטי דערפֿילט די טראַגעדיע פֿון דעם דאָזיקן סענסיטיוון מענטש און זיי האָבן געפּרובירט אים צו ראַטעווען פֿון דעם הענקערס הענט. אַזוי האָט די „פֿיגאַראָ" געבראַכט אַ מאמר פֿון דער פֿיינער פֿעדער פֿונעם באַקאַנטן זשורנאַליסט מאַניאַר, וועלכער האָט פֿאַר זיינע לייענערס געשילדערט מיט רירנדיקע ווערטער די אומגליקלעכע קינדהייט און יוגנט פֿון וואַנצעטי, און ער האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאַטאָסדיקן אַפּיל צו דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיך בעסער צוהערן צו דער אינערלעכער שטים פֿון מענטשלעכקייט ווי צום טויטן וואָרט פֿונעם געזעץ.

און אַ צווייטער זשורנאַליסט, הענרי ראַשפּאַר, האָט געשריבן אין אַ צווייטער בירגערלעכער צייטונג, אין „אַנטראַנסיזשאַן", אַזוי: „צי ער וועט אין דעם מודה זיין, צי ניט, פּרעזידענט קאָרנאָ ווערט איצטער דער אייגנט־לעכער אויספֿירער פֿון דער עקזעקוציע איבער וואַנצעטי. און היות ער איז איצטער דער איינציקער, וועלכער נעמט איבער דורך זיין אַנטשיידונג די פּערזענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז עס טאַקע דעריבער ניט מער ווי יושרדיק, אַז ער זאָל אויך טראָגן אויף זיך דעם חוב און די שולד פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון זיין אַנטשיידונג." דאָס זיינען געווען פּראָפֿעטישע ווערטער, וועמענס נביאות איז מקוים געוואָרן אַ סך גיכער ווי מען האָט דאָס געקאָנט דעמאָלט זיך פֿאָרשטעלן.

נאָך קלאָרער און שאַרפֿער איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען די סאָציאַליס־טישע פּרעסע. אַזוי האָט זש. ברעטאָן אין דער צייטונג „לע פּאַרטי סאָסיאַליסט" געשריבן אַזוי: „ווידער אַמאָל האָט אונדזער עלנטע געזעלשאַפֿט אַריינגעלייגט דאָס לעבן פֿון איין מענטש אין די הענט פֿון אַן אַנדערן מענטש. דאָס גיט קאָרנאָן דעם אויסוואַל צו ווערן אַ מערדער, אָדער צו בלייבן אַ מענטש. וועלכע ראָלע וועט ער אויף זיך נעמען? מיר ווייסן ניט. אָבער זאָל ער זיך קאַלטבלוטיק אַנטשיידן צו ווערן אַ מערדער, וועט זיך זיכער אין גאַנץ פֿראַנקרייך ניט געפֿינען קיין איינציקער מענטש, וואָס וועט זיך באַקלאָגן אויף דעם, וואָס דער פּרעזידענט גופֿא וועט אַמאָל געטראָפֿן ווערן דורך אַ באָמבע." די דאָזיקע קלאָרע דיבורים האָבן דעם מחבר שפּעטער אָפּגעקאָסט צוויי יאָר תּפֿיסה און אַ געלטשטראָף פֿון טויזנט פֿראַנק.

אין דער קורצער צייט צווישן דעם פּראָצעס און דער דורכפֿירונג פֿון דער עקזעקוציע האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע באַוועגונג, וואָס האָט זיך ענערגיש איינגעשטעלט פֿאַר וואַנצעטי באַגנעדיקונג. דעם 12טן יאַנואַר זיינען אַלע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן פֿונעם פּאַרלאַמענט אַוועק צום פּרעזידענט, כדי ביי אים צו פּועלן אַז ער זאָל פֿאַרבייטן די טויטשטראָף איבער וואַנצעטי אויף אַ תּפֿיסה־שטראָף. דאָס זעלביקע האָבן געפּרובירט אויסצופּועלן אַנדערע דעלעגאַציעס פֿון די דעפּוטאַטן פֿון אַנדערע פֿאַרשיידענע פּאַרטייען אינעם פּאַרלאַמענט, קעגן וועמען וואַנצעטי באָמבע איז דאָך, אייגנטלעך, געוואָרפֿן געוואָרן. אויך דער גלח לעמיר, איינער פֿון די ווייניקע פֿאַרוווּנדעטע מיט־

גלידער פונעם פּאַרלאַמענט, וואָס איז געטראָפן געוואָרן דורך וואַיאַנס באַמבע־קראַך, האָט אין אַ ספּעציעלן בריוו צו לאַבאָרין זיך איינגעשטעלט פאַר דער פּרעזידענטישער באַגנעדיקונג פאַר וואַיאַנען. אַ גרופּע פון סאָציאַליסטישע סטודענטן אינעם לאַטייניש קוואַרטאַל פון פּאַריז האָט אַוועקגעשיקט אַ פּעטיציע פאַר וואַיאַנס לעבן צו דעם פּרעזידענט קאַרנאָ. אין דער סטודענ־טישער פּעטיציע איז געווען אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז אַזעלכע מעשים ווי וואַיאַנס טאָרן ניט באַטראַכט ווערן ווי קיין פּאַרברעכנס, מחמת זיי זיינען גיכער סאָציאַלע אומגליקן, און אַז די נקמה מצד דעם געזעץ איבער אַזאַ אומגליקלעכן מאַן וועט קיין שום ערלעכן מענטש ניט פאַרשאַפן קיין פאַר־זענלעכע באַפרידיקונג. דער „סינדיקאַט פון די סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן״ האָט פולשטענדיק אונטערשטיצט יענע סטודענטישע פּעטיציע, און ער האָט נאָך דערצו אונטערגעשטראָכן, אַז מען קאָן ניט דערשטיקן דעם האַס דורך פאַרגרעסערן נאָך מער די פאַרביטערונג.

דעם 18טן יאַנואַר האָט סידאָני וואַיאַן, דאָס קליינע טעכטערל פון דעם פאַרמשפּטן, געשריבן אַ קינדיש בריוול צו פּרעזידענט קאַרנאָס ווייב. מיט רירנדיקע ווערטער האָט זי זיך געבעטן, אַז מען זאָל איר טאַטן ניט דער־הרגענען. דאָס דאָזיקע אומבאַהאָלפענע קינדישע בריוול איז אין דער גאַנצער פראַנצייזישער פּרעסע געוואָרן פאַרעפנטלעכט, און קיינער האָט עס ניט געקאָנט לייענען אָן דעם, אַז די טרערן זאָלן אים ניט שטיקן אין האַלדז.

וואַיאַן גופא האָט אין דער תפיסה דערהאַלטן אַ ים מיט בריוו און הונדערטער קליינע געלט־מתנות, וואָס זיינען געקומען פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג ניט געהאַט די מינדסטע שייכות. דער סך הכל פון די דאָזיקע קליינע נדבות פון מענטשן, וועמעס הערצער האָבן געוויינט פאַר וואַיאַנען, האָט באַטראָפן איבער 7500 פראַנק. דאָס איז געווען אַ היפּשע סומע געלט אין יענע יאָרן און אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג אַפילו פאַר אַזאַ לאַנד ווי פראַנקרייך, ווו אַזעלכע זשעסטן קומען בדרך כלל אָפּטער צום אויסדרוק ווי אין אַנדערע לענדער. און דאָס איז טאַקע פאַרבליבן אַן אויסנעמלעכער פאַל, און עס האָט אויך געוויזן ווי גערירט עס איז געוואָרן דאָס געוויסן פונעם פראַנצייזישן פאָלק.

אָבער דער פּרעזידענט קאַרנאָ איז פאַרבליבן אומבאַרירט פון דעם אַלגעמיינעם רחמנות־געפיל. ווי וויט ער איז געפירט געוואָרן פון זיינע אייגענע געפילן אָדער דורך דעם דרוק פון זיינע מיניסטאָרן, איז געווען שווער צו זאָגן. אָבער מען האָט דעמאָלט בכלל באַהויפּטעט, אַז דער עיקר זיינען פאַר דער אויספירונג פון דעם טויטאורטייל איבער וואַיאַנען געווען דער מיניסטער ציפּי און דער פּרעמיער קאַזימיר־פּעריעי; זיי האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים, אַז דער פּרעזידענט זאָל דעם פאַרמשפּטן ניט באַגנעדיקן. די איילעניש, מיט וועלכער עס איז דורכגעפירט געוואָרן די עקזעקוציע, האָט ביי קיינעם ניט איבערגעלאָזט דעם מינדסטן ספק, אַז די רעגירונג איז באַלד לכתחילה געווען אַנטשלאָסן צו איגנאָרירן די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג אינעם לאַנד און אַוועקצושטעלן וואָס גיכער דאָס פראַנצייזישע פאָלק פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער פּרעזידענט קאַרנאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט ענדגילטיק זיך צו באַנוצן מיט זיין פּרעראָגאַטיוו צו באַגנעדיקן וואַיאַנען, האָט דאָס דער רעאַקציאָנערישער פּרעסע אינעם לאַנד געגעבן אַ געלעגנהייט אָפּצושפּילן אַן אומווערדיקע קאָמעדיע. די זעלביקע צייטונגסלייט, די פּען־פאַרשווינען, וואָס האָבן כסדר געדרעוועט מיט באַנומענע קולות, פאַדערנדיק אומבאַדינגט טויטשטראָף פאַר וואַיאַנען, האָבן זיך איצטער, דערשפּירנדיק דעם אַלגעמיינעם סענטימענט ביים ברייטן עולם, איינגע־שטעלט מיט קראָקאָדילישע טרערן פאַר דעם פאַרמשפּטנס טעכטערל, נאָך דעם ווי זיי האָבן געהאַט געוווּנען דעם קאָפּ פון דעם קינדס טאַטן. די באַרמהאַרציקע הערצאָגין ד׳איזעס האָט געלאָזט וויסן אין דער פּרעסע, אַז זי איז גרייט אַריינצונעמען די קליינע סידאָני וואַיאַן אין איר אייגענער משפּחה און זי אויפצוהאָדעווען ווי אַן אייגן קינד. אָבער וואַיאַן גופא האָט תיכף געמאַכט אַ גיכן סוף צו די פּראָפּעסיאָנעלע רחמנות־אויסגוסן פון די דאָזיקע נאָבעלע אַריסטאָקראַטישע נשמות דורך באַשטימען סעבאַסטיאַן פאַרן ווי דעם צוקונפטיקן דערציער פון זיין קינד און ער האָט אים אויך איבערגעגעבן די פולשטענדיקע דורכפירונג פון זיין צוואה.

אין אַ רירנדיקן געזעגענונגס־בריוו צו זיין טעכטערל, וואָס ער האָט אים געהאַט אָנגעשריבן בלויז עטלעכע טעג פאַר זיין טויט, האָט וואַיאַן איר אָנגעזאָגט, אַז די גאַנצע ליבשאַפט, וואָס זי האָט צו אים, זאָל זי איבערטראָגן צו זיין פריינד סעבאַסטיאַן פאַר, און וואַיאַן האָט צוגעגעבן: „גיב דיין לעבן אַ ציל, מיין קליינע. און דער ציל דיינער דאַרף זיין דאָס גליק פון דער מענטשהייט. אַרבעט איבער זיך, אַזוי, אַז די יעניקע, וואָס וועלן זיך צוהערן צו דיינע ווערטער און אָבסערווירן דיינע מעשים, וועלן זיך פילן פאַרבונדן מיט דיר. דעמאָלט וועט דיין לעבן זיין פולשטענדיק און עס וועט האָבן אַ זינען. און ווען עס וועט קומען פאַר דיר דיין לעצטע שעה, וועסטו דערפילן די זעלביקע פרייד, וואָס דיין פאָטער פילט איצטער אין דער שעה פון זיין טויט. וואָרן איך שטאַרב איצטער פאַר די אַלע, וועלכע זיינען היינט צו טאָג די פאַרשאָלטענע און פאַרמשפּטע אינעם גיהנום פון דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפט.״

אַגיסט וואַיאַן האָט אָנגעהאַלטן זיין רויִקייט און געלאַסנקייט ביז צו זיין לעצטן אָטעם. עס איז לגמרי ניט געווען קיין שום גוזמא אין די ווייַ־טערדיקע ווערטער, וואָס ער האָט צו פּאָל רעקלין געהאַט געשריבן: „איך קוק דעם טויט מיט רו אין די אויגן. צי איז ער דען ניט דער גרויסער פּאָרט פון אַלע אַנטוישטע? איך וועל לכל הפּחות שטאַרבן מיט דער סאַטיס־פאַקציע, אַז איך, פון מיין זייט, האָב געטאָן אַלץ, וואָס כ׳האָב נאָר געקאָנט, כדי צוצואיילן דעם אָנקום פון דער נייער צייט.״

ווען איך בין דעם 4טן פעברואַר, אין אָוונט, געזעסן מיט נאָך עטלעכע חברים אין פּאַטער מאַיערס וואַרשטאַט, איז פּלוצים דאַרטן אַריינגעפאַלן אַלעקסאַנדער בעער און ער האָט אונדז מודיע געווען, אַז אויף צו מאָרגנס אין דער פרי וועט וואַיאַן מוזן אָוועקגעבן זיין יונג לעבן. ער האָט די דאָזיקע נייעס געקראָגן פון זיינעם אַ פראַנצייזישן פריינד, וועלכער אַרבעט

אינעם קריגס־מיניסטעריום און וועלכער האָט דאָרטן גוטע און וויכטיקע פאַרבינדונגען. און הגם מיר האָבן געהאַט דערוואַרט וואַיאַנס עקזעקוציע יעדן טאָג, האָב איך דאָך מיט אַמאָל דערפילט ווי עס ווערט מיר ענג ביים האַרצן. מיר האָבן אין יענעם אָוונט זייער ווייניק גערעדט אין אונדזער קליינעם קרייז. ווען מיר האָבן היפּש שפּעט זיך געלאָזט גיין אַהיים, האָט מיך בעער באַגלייט, מחמת ער האָט דעמאָלט געוווינט ניט ווייט פון מיר. אויפן וועג אַהיים האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן אויף צו מאָרגנס אין דער פרי צוצוגיין צום פּלאַס דע לאַ ראָקעט, און ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט אים מיטגיין. לכתחילה האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, מחמת איך האָב ניט געהאַט קיין שום חשק דערצו, וואָרן עס איז מיר געלעגן אַ שווערע משא אויף דער נשמה. אָבער צום סוף האָב איך זיך געלאָזט פון אים צוריידן מיטצוגיין מיט אים.

לויט דעם פראַנצייזישן געזעץ, מוז איטלעכע עקזעקוציע אַדורכגעפירט ווערן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער דאָס דאַרף ניט גענומען ווערן אַזוי ווערטערלעך, ווי עס זאָגט זיך אינעם געזעץ. דער עשאַפאָט איז אויפגעבויט געוואָרן כמעט דירעקט פאַר דעם אַריינגאַנג צו דער תפיסה „לאַ ראָקעט", אַז די פאַרמשפּטע זאָלן ניט האָבן ווייט צו גיין צום טויט. דער עקזעקוציע־פּלאַץ איז ביי אַזעלכע געלעגנהייטן געוואָרן אַרומגערינגלט אין אַ ווייטן קרייז דורך דער מוניציפּאַלער גוואַרדיע, וועלכע האָט ניט צוגעלאָזט קיינעם, אַ חוץ די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע קאַרטלעך, אַזוי, אַז די אומאויטאָריזירטע מענטשן האָבן זייער ווייניק געקאָנט זען. די גיליאָטינירונג איז תמיד געשען בעלות השחר. און היות דער טאָג פון דער עקזעקוציע איז קיין מאָל ניט עפנטלעך באַקאַנט געמאַכט געוואָרן, זיינען תמיד ביי אַ קעפּונג געווען ניט קיין סך מענטשן.

אַזוי ווי עס איז איצטער שוין געווען היפּש שפּעט ביינאַכט, האָט בעער פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן ניט אַהיימגיין, נאָר מיר זאָלן פאַרברענגען די איבערגעבליבענע פאַר שעה אין איינעם פון די ווינקעלערס ניט ווייט פון די האַלעס, פון דעם „בויך פון פּאַריז", וועלכע זיינען אָפן די גאַנצע נעכט. עס איז געווען אַן ערך פיר אַזייגער פאַרטאָגס, ווען מיר האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צו דער תפיסה „לאַ ראָקעט." די נאַכט איז געווען שוואַרץ, נאַס, קאַלט און אומפריינדלעך. און הגם מיר זיינען אָנגעקומען צו אונדזער ציל גאַנץ פרי, זיינען שוין אַלע גאַסן און וועגן אַרום דער תפיסה געווען פאַרשפּאַרט דורך דער מוניציפּאַלער גוואַרדיע. בלויז אַ שמאָלער וועג צו דעם עקזעקוציע־פּלאַץ איז נאָך געהאַט געבליבן פריי. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען טונקל באַלויכטן און האָט אויף מיר געמאַכט אַ שדישן איינדרוק. פון דעם אַריינגאַנג צו דער תפיסה, וועמעס טונקעלע קאָנטורן מען האָט קוים געקאָנט דערקענען, האָבן זיך דערטראָגן דערשטיקטע האַמערקלעפּ. עס איז פאַר אונדז געווען קלאָר, אַז מען האָט דאָרטן געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען. אומהיימלעך און אימהדיק האָט זיך הויך געשטרעקט די גיליאָטינע אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין. מיר וואָלטן זי קוים געקאָנט דערזען אין דער געדיכטער פינצטערניש, אָבער אַ קליין ליכט, געקירעוועט

פון אַן אומגעזעענע האַנט, האָט זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ צווישןביידע זיילן. ווייזט אויס, אַז דער תליון האָט דאָרטן דעמאָלט נאָכקאָנטראָלירט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג מיט זיין שרעקלעכער מאַשין.

פּאַמעלעך האָט דער הינטערגרונט פון דעם פּלאַץ, ווו מיר זיינען געשטאַנען, זיך אָנגעפילט מיט מענטשן, וועלכע זיינען ווי שאָטנס אַרויסגעשוווּמען פון דער נאַכט. אַ דערדריקנדיק שווייגן, וואָס איז דאָ און דאָרטן איבערגעריסן געוואָרן דורך דערשטיקטע שטימען אָדער דורך אַ ווייט גערויש, האָט געהויערט ווי אַ שווערער באַרג איבער דער פינצטערער סצענע. מיד און שווער זיינען געקראָכן די מינוטן. די צייט איז געוואָרן ווי אַן אייביקייט. ווי אַ מין דערלייזונג האָט עפּעס אין דער ווייטקייט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. קורצע קאָמאַנדע־רופן האָבן אָפּגעהילכט אין דער פינצטערניש. איצטער האָבן מיר דערהערט ווי דאָס שווערע טויער האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּעריי. אַ טעמפּ גערויש האָט זיך צו אונדז דערטראָגן פון אַנטקעגנאיבער. עס האָט געקלונגען ווי געמורמלטע רייד, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין. פּלוצים האָבן מיר דערזען אַ ווייסע געשטאַלט מיט אומקלאָרע קאָנטורן אויפטויכן אויף דער באַלוסטראַדע. דערנאָך אַ געשריי, וואָס איז מיר אַדורך אַלע אברים מיינע: „אַ טויט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט! זאָל לעבן די אַנאַרכיע!” און מיט אַ רגע שפּעטער — דער טעמפּער פאַל פון דער האַק. וואַיאַן האָט אָפּגעליטן. דאָס געזעץ האָט געקראָגן זיין סאַטיספאַקציע.

מ׳ינע גלידער האָבן זיך אָנגעפילט מיט בליי. אַ קאַלטער שוויס איז מיר אַרויס אויפן שטערן. דערנאָך זיינען מיר ביידע געגאַנגען אַהיים אין דעם מאַטן בין־השמשותדיקן ליכט פונעם גרויען פרימאָרגן. די מוראדיקע איינדרוקן פון יענעם פינצטערן פאַרטאָגס האָבן מיך געהאַלטן אין זייער קלעם אַ לאַנגע צייט נאָך דעם. ווען איך פרעג זיך היינט פאַר וואָס איך בין בכלל געגאַנגען זען אַ סצענע, וואָס איז מיר אין תוך אַזוי שוידערלעך דערווידער, האָב איך אויף דעם בלויז איין ענטפער: מיר, יונגעלייט, זיינען דעמאָלט כמעט אַלע געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ מין קולט פאַר די מאַרטירערס פון אונדזער באַוועגונג. אַזאַ מין קולט איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אַזעלכע אויפגערודערטע צייטן, אין וועלכע מיר האָבן דעמאָלט געלעבט. עס איז אפשר גוט צו באַקענען זיך מיט אַזעלכע שטימונגען און אַדורכצומאַכן אַזעלכע שפּירונגען. אָבער דאָך גלייב איך, אַז די פרייד פון לעבן און דער נאַטירלעכער חשק צום לעבן זיינען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן גייסט אַ סך געזונטער, ווי דער שיין פון גלאָריע, וואָס שוועבט איבער די קברים פון די מאַרטירערס. אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען וועלן שוין תמיד האָבן זייערע אייגענע מאַרטירערס. אָבער מען טאָר ניט מאַכן פון דער מאַרטירעריי אַ הייליקן קולט, וועלכער קאָן זייער אָפט פירן צו קרענקלעכע געמיט־צושטאַנדן און אומגעזונטע שטימונגען.

אויב די פראַנצייזישע רעגירונג האָט דעמאָלט געגלייבט, אַז דורך איר אַדורכפירן די קעפּונג איבער וואַיאַנען האָט זי געמאַכט אַ סוף צו דער אַלגעמיינער סאָציאַלער שפּאַנונג איבערן לאַנד, האָט זי זיך באַלד געמוזט

איבערציייגן, אַז זי האָט דערגרייכט גראָד דעם היפּוך. שוין אַ טאָג נאָך וואַיאַנס טויט זיינען צאָלרייכע מאַסן אַוועק צום בית עלמין אין איווּרי און זיי האָבן דאָרטן באַדעקט וואַיאַנס קבר מיט בלומען און מיט קראַנצן. אַ סך פון די בלומענקראַנצן האָבן געהאַט ספּעציעלע נעקראָלאָגן צוגעטשעפּעט צו זיך. אויף איינעם אַזאַ קראַנץ האָט מען געקאָנט לייענען די ווייטערדיקע ווערטער:

Puisqu'ils ont fait boire la terre,
A l'heure du soleil naissant,
Rosée auguste et salutaire,
Les saintes gouttes de ton sang,
Sous les feuilles de cette palme,
Que t'offre le Droit outragé,
Tu peux dormir ton sommeil calme,
O Martyre!... tu sera vengé. *

און עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז די וויזיטן אויפן קבר פון דעם גע־קעפּטן וואַיאַן האָבן זיך אַנטוויקלט צו עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס. טויזנטער מענטשן זיינען טאָג־טעגלעך עולה רגל געווען צום קבר פון דעם גיליאָטינירטן אַנאַרכיסט ווי צו אַ הייליקן אָרט. די צייטונגען האָבן איטלעכן טאָג געבראַכט אַנדערע נייעס וועגן די זעלטענע און רירנדיקע סצענעס, וואָס האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשפּילט. דער טויטער וואַיאַן האָט איצטער באַאומרויִקט די רעגירונג נאָך מער ווי ביי זיין לעבן. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס אויפן בית עלמין אין איווּרי זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַזוי גרויס און זיי האָבן אַנגעיאָגט אַזאַ שרעק אויף די מאַכטהאָבערס, אַז אינעם פּאַרלאַמענט האָט מען אָנגעפרעגט די רעגירונג וואָס זי האָט בדעה צו טאָן אָפּצושטעלן די מאַניפעסטאַציעס, וואָס ווערן אַ סכנה פאַר דער עפנטלעכער רו און אָרדענונג. דער אינערן מיניסטער האָט געענטפערט, אַז די רעגירונג האָט ביז איצטער זיך ניט אַריינגעמישט, מחמת לויט דעם געזעץ, איז אַ בית עלמין אַ נייטראַלע טעריטאָריע, און איטלעכער בירגער האָט דאָס רעכט דאָרט אַהין צו גיין צו אַ קבר. אָבער אַזוי ווי די איצטיקע באַזוכן נעמען שוין אָן דעם כאַראַקטער פון אויפרודערישע מאַניפעסטאַציעס, איז די רעגירונג פעסט אַנטשלאָסן צו באַפעלן דער פּאָליציי אָפּצושטעלן די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זיינען

---

* הערפאַר ווייל זיי האָבן אָנגעטרונקען די ערד
אין דער שעה פון דער אויפגייענדיקער זון
און איר ראָזען שיין פון געזונט און לעבן,
מיט די הייליקע טראָפּנס פון דיין בלוט
אונטער די בלעטער פון דער דאָזיקער פּאַלמע,
וואָס די באַליידיקטע יוסטיץ האָט דיר אָנגעבאָטן,
קאָנסטו איצטער שלאָפן דיין רויִק שלאָף,
אַ מאַרטירער!... מ'וועט שוין נעמען נקמה פאַר דיר.
(א. ט.)

שוין געוואָרן אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל. אויף צו מאָרגנס איז יענער טייל פונעם בית עלמין אין איוורי, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס געפּערלעכע קבר, געוואָרן אָפּגעצוימט דורך אַ פּאָליציייִשן קאָרדאָן. דער אָפיציעלער תירוץ איז געווען, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן דאָרטן, ביים קבר פון וואַיאַנען, געהאַט פונאַנדערגעטיילט אַ געהיים פלוגבלעטל, מיטן טיטל „צו קאַרנאָן, דעם מערדער!״; און אין דעם דאָזיקן פלוגבלעטל האָט מען דעם פראַנצייזישן פּרעזידענט צוגעזאָגט, אַז זיין טויט איז נאָענט.

די עקסטרעמען באַרירן זיך

די מורא, אַז די גיליאָטינירונג איבער וואַיאַנען וועט זיין דער סיגנאַל פאַר ווייטערדיקע געוואַלדאַקטן, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכ־טיקט. בלויז איין וואָך נאָך וואַיאַנס טויט איז פאַריז געוואָרן אויפגעטרייסלט דורך דער ידיעה פון אַ נייעם אַטענטאַט, וואָס איז בעצם געווען פון אַן אַנדערן מין ווי דער געוואַלדאַקט פון וואַיאַנען, אָדער אַפילו ווי די מעשים פון ראַוואַשאָלן. דעם 12טן פעברואַר האָט אין דעם רייכן קאַפעי פונעם האָטעל „טערמינוס", ביים וואָקזאַל סאַן לאַזאַר געפּלאַצט אַ באָמבע. דורך דעם דאָזיקן באָמבעקראַך איז באַלד אויפן אָרט איין מענטש דערהרגעט געוואָרן און אַן ערך צוואַנציק מענטשן זיינען שווער אָדער לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. דער אַטענטאַטאָר איז געווען אַ יונגער מענטש פון קוים צוואַנציק יאָר. ער האָט פּרובירט צו אַנטלויפן אין דער אויפרודערונג. אָבער עמעצער האָט אים דערקענט. נאָך אַ ווילד געיעג איבער די גאַסן פון פאַריז האָט מען אים סוף כל סוף געכאַפּט. ער האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות. ער האָט געשאָסן אויף זיינע נאָכיאָגערס. ערשט מיט שווערע קלעפּ האָט מען אים געקאָנט איבערגעוועלטיקן.

דער אַרעסטירטער האָט צוערשט ניט געוואָלט אָנגעבן זיין אמתן נאָמען. ערשט שפּעטער האָט ער אָנגעגעבן זיין ריכטיקן נאָמען, עמיל אַנרי, און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זיין געוואַלדאַקט באַגאַנגען, כדי צו נעמען נקמה פאַר וואַיאַנס טויט. ער האָט אָפן צוגעגעבן, אַז ער האָט געצילט צו טרעפן די בורזשואַזיע ווי אַ קלאַס, און אַז ער האָט געהאַט בדעה צו דערהרגענען אַזוי פיל בורזשויעס ווי נאָר מעגלעך. בעת דער פּאָליציייִשער אויספאָרשונג האָט ער אַליין זיך מודה געווען, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם באָמבעקראַך אויף דער רי דע באָן ז'אַנפאַן. דעם 18טן נאָוועמבער, 1892, איז אין דעם פּאָליציייִשן אַמט אויף יענער גאַס אויפגעריסן געוואָרן אַ באָמבע, וואָס האָט דערהרגעט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר און פיר פּאָליציאַנטן. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן יענע באָמבע געהאַט געפונען בעת זייער דיזשורירן אין דער צענטראַלער ביוראָ פון דער „סאָסיעטעי דע קאַרמאָ", אויף דער אַוועני דע ל'אָפּעראַ. די באָמבע איז דאָרטן געלעגן באַהאַלטן אין אַ נישע. האָבן די צוויי פּאָליציאַנטן זי אַוועקגעטראָגן צו דעם פּאָליציי־אַמט, וואָס

איז געווען בשכנות. און דאָרטן טאַקע האָט די באָמבע געפּלאַצט. דער אונ־טערלייגער פון יענער באָמבע איז קיין מאָל ניט געכאַפּט געוואָרן, און ווען עמיל אַנרי וואָלט זיך ניט פריייוויליק מודה געווען, אַז ער האָט די באָמבע אונטערגעלייגט אין דער הויפּט־ביוראָ פון יענער באַלעבאַטישער אָרגאַני־זאַציע, וואָלט מען טאַקע קיין מאָל ניט געוווּסט ווער עס האָט דאָס געטאָן.

אַנרי האָט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געהאַט עמעצענס הילף. בכלל האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין געהאַט געמאַכט דעם סך הכל מיטן לעבן, און ער האָט דעריבער ניט געהאַט קיין שום סיבות זיך צוריקצוהאַלטן מיט עפּעס. זיין אייזקאַלטע, שניידנדיקע לאָגיק, זיין געפּרווירענע גלאַסנקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען זיין גורל, און קודם כל זיינע גייסטיקע פעיִקייטן, האָבן עדות געזאָגט אויף אַ מענטש, וואָס גייט צו זיין ציל מיט אַן אייזערנעם כוח און וואָס קיין שום רעזולטאַטן פון זיינע מעשים קאָנען אים ניט אָפּשרעקן אָדער צוריקהאַלטן. זיין שינאה קעגן דער בירגערלעכער געזעלשאַפט האָט אין זיך ניט געהאַט דעם מינדסטן שמץ פון רחמנות. אָבער דאָס איז געווען אַן אומפּערזענלעכער האַס, וועלכע איז ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פון קיין שום פּריוואַטע מאָטיוון. קאָן זיין, אַז דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם, וואָס עמיל אַנרי גופא האָט געשטאַמט פון דעם בירגערלעכן קלאַס, און ער איז צו זיינע מעשים ניט געטריבן געוואָרן דורך דער נויט און אויך ניט דורך דיליידן אינעם לעבן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל ביי אַזעלכע אַטענטאַטאָרס, ווי ראַוואַשאָל, מעניע, לעאָטהיעי, וואַיאַן, און אַנדערע. די אַלע זיינען געקומען פון די רייען פונעם פּראָלעטאַריאַט. עמיל אַנרי איז געווען דער ערשטער באָמבע־אונטערלייגער, וואָס איז געקומען פון דער בורזשואַזיע. זיין ביטערער ביטול קעגן זיין איי־גענעם קלאַס, וואָס איז געוואָרן באַזונדערס בולט ביים פּראָצעס, מיט זיין גאַנצער גרויזאַמער האַרטקייט, איז אָן שום ספק געווען דער פּועל יוצא פון זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט די מאָראַלישע יסודות פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקאָנט פון אינעווייניק. דער זעלביקער ביטול צו זיין קלאַס איז אויך געווען דער פּועל יוצא פון זיין מיטגעבוירענעם ווידערווילן קעגן יעדער פאָרעם פון חניפה.

מען קאָן, פאַרשטייט זיך, פונעם שטאַנדפּונקט פון פּשוטער מענטש־לעכקייט פאַראורטיילן אַזאַ געוואַלדאַקט ווי עמיל אַנריס. אָבער זיין אַטענטאַט וועט קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען ווערן, אויב מיר וועלן ניט פּרובירן אַריינ־צודרינגען אינעם נשמהדיקן לעבן פון אַזאַ מענטש, וועלכער האָט אָן שום שהיות אַוועקגעוואָרפן זיין יונג לעבן דערפאַר, ווייל זיין אינערלעכער דראַנג האָט אים ניט געגעבן דעם אויסוואַל צו האַנדלען אַנדערש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט אַזוי גרינג צו טאָן, וואָרן מיר זיינען דאָך אַלע געניגט צו אורטיילן מעשים און געשעענישן לויט די אויסערלעכע איינדרוקן, וואָס זיי מאַכן אויף אונדז. מען קאָן דאָך ניט דערוואַרטן פון אונדז, אַז מיר זאָלן זיך באַמיִען אַריינצודרינגען, ווי עס טוען דאָס פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגן, אין דער צערודערטער אינערלעכער וועלט פון אַ מענטש, וועמעס מאָטיוון פאַר זיינע מעשים ליגן ניט פון אויבנאויף. דאָס איז אויך געווען די סיבה

פאַר וואָס עמיל אַנריס אַטענטאַט האָט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסע מורא ביי אַ סך מענטשן, און פאַר וואָס נאָר די יעניקע, וועלכע זיינען געווען אַזוי שטאַרק פאַרביטערט ווי ער, האָבן אים געקאָנט פאַרשטיין און אפשר אויך מסכים זיין מיט אים. אַפילו די מעשים פון ראַוואַשאָלן האָבן געפונען אַ פאַרשטענדעניש ביי אַזעלכע שרייבערס און דענקערס ווי פאָל אַדאַם, מירבאָ, און טאַבראַן. אויך מיט דעם גורל פון וואַיאַנען האָבן אינערלעך מיטגעפילט טויזנטער מענטשן. אָבער פאַר דעם אַטענטאַט פון עמיל אַנרין האָט קיינער נית געהאַט קיין וואַרעם, סימפּאַטיש וואָרט. ערשט זיין האַלטונג אינעם געריכט האָט דערוועקט אַן אָנזעעוודיקן אינטערעס אין דעם דאָזיקן מענטש. אָבער דאָס האָט ניט געמיינט, אַז דער עולם האָט געהאַט געענדערט זיין מיינונג וועגן עמיל אַנריס אַטענטאַט. אַ געוואַלדאַקט, אָן וועלכן עס איז דערקלערלעכן מאָטיוו, וואָס איז געצילט קעגן מענטשן בלויז דערפאַר ווייל זיי געהערן צו אַ באַשטימטן קלאַס אין דער געזעלשאַפט, וועט פאַר דעם גרעסטן רוב מענטשן תמיד בלייבן אומפאַרשטענדלעך. דער אַבסטראַקטער באַגריף פון דער אַזוי־גערופענער „קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט", וואָס איז פונקט אַזוי פאַלש ווי איטלעכע פאַראַלגעמיינערונג, און וואָס טרעפט קיין מאָל ניט אינעם סאַמע יאָדער פון אַן ענין, איז אויך קיין מאָל ניט קיין רעכטפאַרטיקונג אויסצולעשן די לעבנס פון אומבאַקאַנטע מענטשן. די על פּי צופאַל אָנגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן סאָציאַלן קלאַס איז נאָך ווייט ניט קיין מאַסשטאַב פאַר דעם ווערט אָדער אומווערט פון אַ מענטשנס לעבן.

און פונקט אַזוי וויניק קאָנען אונדז געוויסע מעשים מצד יחידים דינען ווי אַ מאָסשטאַב צו משפּטן אַ גאַנצע באַוועגונג. אָבער דאָס איז גראָד עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרעקשנטע רעאַקציאָנערן פון דעם קאַליבער פון אַ דיפּי, אָדער פון אַ קאַזימיר־פּעריעי האָבן קיין מאָל ניט געקאָנט משיג זיין. דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַ גרויסע גייסטיקע אידעאַליסטישע שטרעמונג געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון יחידים, האָבן זיי בלויז פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון אַלגעמיינער רעכטלאָזיקייט, וואָס גיט דווקא דעם שטויס צו אַזעלכע געוואַלדאַקטן. עטלעכע טעג נאָך דעם אַרעסט פון עמיל אַנרין האָט די פּאָליציי געמאַכט הונדערטער אָבלאַוועס און אָביסקן און מאַסן־אַרעסטן איבער גאַנץ פראַנקרייך. אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַרכיסטן ווי סעבאַסטיאַן פאָר, דיפּראָ, קאָנסטאַן, מאַרטען, און אַ סך אַנדערע, וואָס מען האָט צו זיי, אויסער זייער אידעאָלאָגיע, גאָר ניט געקאָנט האָבן, זיינען אַריינגעוואָרפן אין די תפיסות איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס דאָזיקע ווילדע פּאָליציישע געיעג, אַזוי ווי אויף מכשפות אינעם מיטלאַלטער, האָט געפירט צו נייע באָמבע־קראַכן, וואָס האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט דאָס געיעג אויף די אַנאַרכיסטן. דעם 19טן פעברואַר האָבן צוויי באָמבעס אויפגעריסן, איינער אויף פּאָבור סאַן זשאַק און די צווייטע אויף דער רי סאַן מאַרטען. דעם 15טן מאַרץ איז אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן אויפגעריסן געוואָרן דורך זיין אייגענער באָמבע אין דעם אַריסטאָקראַטישן קלויסטער „לאַ מאַדלען". די פּאָליציי האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט, אַז דער אומגעקומענער איז געווען אַ בעלגישער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען זשין פּאַוועל, וועלכער איז געהאַט געשטאַנען אין פאַרבינדונג

מיט עמיל אַנרין. דעם 4טן אַפּריל איז פאַרגעקומען אַן עקספּלאָזיע אין דעם קאַפעי פוֹאַיאָ. און הגם די דאָזיקע אַלע געוואַלדאַקטן האָבן ניט אָנגעמאַכט קיין גרויסע שאָדנס, האָבן זיי אָבער דאָך בייגעטראָגן צו דעם, אַז די אַלגע־מיינע פּאַניק זאָל ווערן נאָך גרעסער, און אַז די רעגירונג זאָל האָבן בייע אויסריידן צו פאַרשטאַרקן אירע רדיפות אויף די אַנאַרכיסטן.

צווישן דעם אַרעסט פון עמיל אַנרין און זיין פּראָצעס, האָבן די געריכטן געאַרבעט אינטענסיוו און איין משפט האָט געיאָגט דעם צווייטן. די אָנגע־קלאָגטע זיינען אָפט אונטער די נישטיקסטע תירוצים פאַראורטיילט געוואָרן, און די עפנטלעכקייט, וואָס הגם זי איז דעמאָלט געווען אַזוי איבערגעשראָקן, האָט איטלעכן אומבאַרעכטיקטן שטרענגן פּסק דין באַטראַכט ווי אַן אָפיציעלע פאַרגוואַלדיקונג פון דעם פראַנצייזישן בירגערס רעכט. באַזונדערס שרייענדיק אין דעם דאָזיקן פּרט איז געווען דער פאַל רוסעי. ער איז דאָס געווען דער אַראַנזשירער פון די אַזוי־גערופענע „זופּן־קאָנפערענצן". דאָס איז געווען אַ היפּש אייגנאַרטיקע אונטערנעמונג, וואָס איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן איבער גאַנץ פּאַריז. רוסעי האָט פאַר זיין אונטערנעמונג געהאַט אָפּגעדונגען אַ גרויסן זאַל, ווו אָרעמע מענטשן האָבן בחינם געקאָנט קריגן אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. נאָכן עסן זיינען פאָרגעקומען דעבאַטעס און רעפעראַטן איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, כדי אויפצוקלערן יענע אומגליקלעכע אָרע־מעלייט די אמתע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען זייער נויט און עלנט. פון צייט צו צייט זיינען דאָרטן אויך געגעבן געוואָרן פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע באַקאַנטע קאַבאַרעט־אַרטיסטן זיינען אויפגעטראָטן אַן שום האָנאָראַר. און כדי צו קאָנען אויפהאַלטן זיינע „זופּן־קאָנפערענצן", האָט רוסעי זיך געוואָנדן צו אַ צאָל באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, אַז זיי זאָלן שטיצן זיין אונטערנעמונג. צווישן די דאָזיקע אונטערשטיצערס זיינען געווען אַזעלכע פּראָמינענטע מענטשן, ווי עמיל זאָלאַ, אַנאַטאָל פראַנס, זש. אָהענט, אַ. נאַנקעי, סאַן מאַלאַרמעי, אַלפאָנס דאָדעי, ס. דוסעי, און די באַרימטע שוישפּילערין סאַראַ בערנאַר. יענע „זופּן־קאָנפערענצן" האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. איך אַליין האָב זייער אָפט באַזוכט די דאָזיקע אונטערנעמונגען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. עס זיינען דאָרטן אויסגעטיילט געוואָרן פון דריי ביז פינף טויזנט זופּן אַ טאָג. עס זיינען ביי יענע „זופּן־קאָנפערענצן" תמיד געווען מענטשן פון אַלע שיכטן און קלאַסן. זיי האָבן דערמיט געוואָלט אונטערשטרייכן זייער אָנערקענונג פאַר רוסעי און פאַר זיין פיינעם אויפטו, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין צוגאָב צו דער גייסטיקער שפּייז, וואָס איז סערווירט געוואָרן דורך די דעבאַטעס און רעפעראַטן, האָבן די אָרעמעלייט אויך געקאָנט קריגן אַ ביסל מזונות פאַרן הונגעריקן גוף, און אפשר אויך אַ ביסל פאַרגעסנקייט פון זייער עלנט.

ווען עס האָבן זיך איבער גאַנץ פראַנקרייך, אָנגעהויבן די מאַסן־אַרעסטן, איז רוסעי געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן מצד דער שווערער האַנט פונעם געזעץ. היות אָבער זיין אַרעסט האָט דאָך דורך גאָר ניט געקאָנט גערעכטפאַרטיקט ווערן, האָט זיך דער פּראָקוראָר באַמיט מיט אַלע זיינע כוחות צו באַווייזן, אַז רוסעי האָט אַראַנזשירט און אָנגעפירט

מיט זיין טשיקאַווער אונטערנעמונג פאַר זיינע אייגענע פּערזענלעכע צוועקן. אָבער רוסעי האָט זיך קעגן אַזאַ אומגעלומפּערטער באַשולדיקונג שוין געהאַט באַוואָרנט אין פאַראויס, און ער האָט דעריבער זיינע ביכער געהאַט געפירט אין בעסטן אָרדענונג, און ער האָט געקאָנט אָפּגעבן אַ גענויען חשבון וועגן איטלעכן גראָשן, וואָס איז אַריינגעקומען און וואָס ער האָט געהאַט אויס־געגעבן. ער האָט אַפילו געבראַכט באַווייזן, אַז די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון די „זופּן־קאָנפערענצן" האָט געאַרבעט בחינם, אָן שום באַלוינונג, אַזוי, אַז דאָס געזעץ האָט גאָר ניט געקאָנט געפינען קעגן אים. אָבער אַזוי ווי די פּאָליציי און דאָס געריכט זיינען געווען אַנטשלאָסן אונטערצוגראָבן רוסעיס אַרבעט פאַר איטלעכן פּרייז, האָט אַ ריכטער אים פאַרמשפּט צו זעקס חדשים תּפיסה, מיט דעם תּירוץ, אַז „רוסעי האָט שלעכט אויסגענוצט דעם עפנטלעכן צוטרוי", מחמת אַ סך פון די מנדבים פאַר די „זופּן־קאָנפערענצן" האָבן ניט געוווּסט גענוי ווי אַזוי און אויף וואָסער צוועק זייער געלט וועט אויסגענוצט ווערן, דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אַ „גונב את דעת הקהל." די דאָזיקע באַהויפּטונג איז געווען ניט בלויז פאַלש, נאָר אויך אומגעלומפּערט, ווײַל רוסעי גופא האָט אַזוי פיל געשריבן וועגן זיינע „זופּן־קאָנפערענצן" אין דער פּרעסע, אַז עס איז דעמאָלט ניט געווען קיין איינציקער לייענער פון צייטונגען אין פראַנקרייך, וואָס זאָל ניט וויסן פאַר וואָסער צוועק רוסעי זאַמלט געלט. אָבער ווער האָט אין יענער אונטערדריקערישער צייט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַזעלכע קלייניקייטן?

עס וואָלט אונדז צו וויט פאַרפירט דאָ אויסצורעכענען די אַלע קלענערע פּראָצעסן קעגן „אַנאַרכיסטישע רשעים", וואָס האָבן זיך תּמיד געענדיקט, אין איטלעכן פאַל, מיט דער פאַראורטיילונג פון די אָנגעקלאָגטע, אַפילו דעמאָלט ווען מ'האָט געמוזט בייגן דאָס געזעץ אַזוי שטאַרק, אַז עס איז אַליין צעבראָכן געוואָרן און די געזעץ־היטערס זיינען פאַקטיש געוואָרן די פאַרברעכערס פונעם געזעץ. אויך לעאָטהיעי, אַ יונגערמאַן פון קוים ניינצן יאָר, וועלכער האָט דעם סערבישן אַמבאַסאַדאָר געאַרגעוויטש בלויז לייכט פאַרוווּנדעט, איז אין יענע וואָכן געשטאַנען פאַר זיינע שטרענגע ריכטערס. דער פּראָקוראָר האָט דעמאָלט געפאָדערט פאַר דעם אָנגעקלאָגטן די טויט־שטראָף, הגם עס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר און בולט, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ יונגן און אומדערוואַקסענעם און אומצייטיקן מענטש, וואָס איטלעך אַנדער געריכט, אונטער נאָרמאַלע ניט היסטערישע פאַרהעל־טענישן, וואָלט אָן שום שוועריקייטן געפונען מילדערנדיקע אומשטאַנדן פאַר דעם אָנגעקלאָגטן. אָבער דאָך איז דער מינדעריאָריקער לעאָטהיעי, וועלכער האָט בלויז לייכט פאַרוווּנדעט אַ מענטשן, פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלאַנגער תּפיסה, מיט בלויז עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ער אויך דערשאָסן געוואָרן. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַן אויפשטאַנד פון די קאַטאָרזשניקעס אין דער שטראָף־קאָלאָניע אויף דעם פאַרשיקונגס־אינדזל איל דע סאַלי.

דעם 26סטן פעברואַר איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן זשאַן גראַוון פאַר זיין בוך „די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע". זשאַן

גראַוו איז געהאַט געוואָרן אַרעסטירט תיכף נאָך וואַיאַנס געוואַלדאַקט, און ער האָט ביז צום טאָג פון זיין פּראָצעס געמוזט זיצן אין תפיסה בעת עס איז אָנגעגאַנגען די אויספאָרשונג וועגן אים און מען האָט צוגעגרייט זיין משפט איבער אים. די באַשולדיקונג קעגן אים איז געווען, אַז ער האָט „געהעצט און אויפגערייצט צו מאָרד, רויב און אונטערצינדן" דורך דעם דערמאָנטן בוך, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט. די גאַנצע באַשולדיקונג איז געווען אַזוי אויסטערליש און אַבסורדיש, אַז אַזעלכע בירגערלעכע ציטונגען ווי „ל'אַנטראַנסיזשאַן" און אַנדערע האָבן דעם דאָזיקן פּראָצעס באַטראַכט ווי אַ געפערלעכע אַטאַקע אויף דער קאָנסטיטוציאָנעל גאַראַנטירטער פריי־הייט פון וואָרט. זשאַן גראַווס בוך איז געהאַט דערשינען אין 1892, אין אַן אָנגעזעענעם פאַרלאַג, און די מלוכה־אינסטאַנצן זיינען דעמאָלט בכלל ניט אַלאַרמירט געוואָרן. עס זיינען אויך דערשינען אַ צאָל איבערזעצונגען פון דעם דאָזיקן ווערק, און אויך אין יענע לענדער האָבן די מלוכות ניט גע־קלאָפּט קיין טרעוואָגעס. דאָס דאָזיקע בוך גראַווס איז געווען אַ טעאָרעטיש ווערק, צו וועלכן אָקטאַוו מירבאָ האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ לענגערע הקדמה, און איטלעכער האָט געוווּסט, אַז אָקטאַוו מירבאָ וועט ניט שרייבן קיין פאָרוואָרט צו אַ בוך, וואָס „העצט צו רויב, מאָרד און בראַנד". אָבער די ציטן איצטער זיינען געווען אַנדערע און פול מיט פּאַניק און היסטעריע. נאָך דעם, ווי דאָס דאָזיקע בוך איז אין משך פון אַ גאַנץ יאָר אומעטום עפנטלעך פאַרקויפט געוואָרן פראַנק און פריי, האָט די פּאָליציי פּלוצים זיך געכאַפּט אַז עס איז אַ געפערלעך ווערק און זי האָט עס קאָנפיסקירט ביז צום לעצטן עקזעמפּלאַר, און דעם מחבר גופא האָט מען פאַרשפּאַרט אין תפיסה און אים געשטעלט צום משפט אונטער דעם פריער־דערמאָנטן אַבסורדישן אָנקלאָג.

דער פּראָצעס קעגן זשאַן גראַוון האָט דעמאָלט אַרויסגערופן גרויס אָנזען, באַזונדערס מחמת דעם, וואָס עס זיינען געווען געוואָרן ווי עדות אַ גאַנצע רייע פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין דער פראַנצייזישער ליטע־ראַטור. דער ערשטער אויפן עדות־שטול איז געווען עליזע רעקלי, וועלכער האָט פאַר גראַוון דעם מענטש און דענקער אָפּגעגעבן די בעסטע דערקלערונג. שוין דאָס סאַמע ווערדיקע אויסזען פון דעם גרויסן געלערנטן מאַן האָט ניט פאַרפעלט צו מאַכן אַ זייער גינציקן איינדרוק אויף די ריכטערס. אָבער דער פּראָקוראָר בולאָ — דער זעלביקער טרויעריק באַרימטער בולאָ, וועלכער האָט אַרויסגעקראָגן דעם אורטייל איבער דעקאַמען און דאַדאַרן און קעגן וועמען ראַוואַשאָל האָט אויסגעפירט איינעם פון זיינע אַטענטאַטן — האָט פּרובירט דעם דאָזיקן גינציקן איינדרוק אָפּצושוואַכן דורך פרעגן דעם אָנגע־זעענעם עדות, צי ער איז דער זעלביקער רעקלי, וועלכער האָט אין 1883 באַקומען פינף יאָר תפיסה אין ליאָן, בעת דעם דאָרטיקן גרויסן פּראָצעס קעגן אַ צאָל אַנאַרכיסטן. יענע פראַגע בולאָס האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַ ניט־גלייבערישן טרייסלען מיט די קעפּ און אַ געמורמל ביי די פאַר־שטייערס פון דער פּרעסע אינעם געריכט. אָבער רעקלי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז ער ווייסט ניט פון אַזאַ פּסק דין קעגן אים. דער הער

בולאָ האָט אין זיין גרויסן חשק צו דיסקרעדיטירן רעקליס עדות זאָגן לטובת גראַוון געהאַט פאַרביטן די יוצרות דורך מיינען על פּי טעות, אַז די פינף יאָר תּפיסה, וואָס קראָפּאָטקין האָט געהאַט באַקומען אויף דעם גרויסן ליאָנער פּראָצעס קעגן די אַנאַרכיסטן, האָט גאָר געקראָגן רעקלי. אָבער מיט דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער פראַגע האָט דער פּראָקוראָר זיך אַליין דער־לאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. און דאָך איז דער דאָזיקער פּאַרשוין — וועלכער איז בכלל ניט געווען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אַ פּראָצעס, וואָס ער האָט באַדאַרפט וויסן וועגן אים אַלע פּרטים, און וועלכער איז געווען אַ סך ווייניקער באַקאַנט מיט דעם געדאַנקען־גאַנג פונעם אַנאַרכיזם, וואָס וועגן אים האָט זיך דאָ געהאַנדלט — געוואָרן דער ספּעץ צו אורטיילן איבער אַ באַוועגונג, וואָס וועגן איר האָט אים געפעלט ניט בלויז די מינדסטע פאַרשטענדעניש, נאָר אַפילו אויך די פּשוטסטע אינפאָרמאַציע.

ווי דער צווייטער עדות איז גערופן געוואָרן אָקטאַוו מירבאָ, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן זשאַן גראַוון און זיין ווערק. ער האָט גראַוון באַצייכנט ווי אַ פּראָמינענטן דענקער, וועלכער פאַרשטייט ווי אַזוי צו אַנאַ־ליזירן זיינע אידעען ביז צו די לעצטע לאָגישע שלוסן; און ער האָט דערקלערט, אַז עטלעכע פונעם קאָנטעקסט אַרויסגעריסענע זאַצן זיינען בפירוש ניט גענוג צו קאָנען אורטיילן דעם כּוללדיקן ווערט פונעם גאַנצן בוך. ווען דער פּראָ־קוראָר האָט געפּרוווט פאַרדרייען דעם טייטש פון אַ פּאַסאַזש אין מירבאָס הקדמה צו גראַווס בוך, האָט מירבאָ מיט דעם דאָזיקן פּראָקוראָר געקנעלט אַזוי:

„איך האָב תּמיד אויפגעשווידערט קעגן איטלעכן געוואַלדאַקט, מחמת איך פּיל אין זיך אַ מעכטיקע ליבע צום לעבן און אַן איבּיקן האָס צום טויט. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די געשעענישן אין דער געשיכטע פאַרלירן דורך דעם זייער גוטסקייט. אַלע רעוואָלוציעס און אַלע רעגירונגען האָבן פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט. זיכער קאָן מען דאָס באַדויערן. אָבער דאָס איז די געשיכטע פון רעוואָלוציעס און רעגירונגען.“

פּאָל אַדאַם איז געווען דער דריטער עדות לטובת גראַוון, און אויף דער פראַגע וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט פון זשאַן גראַווס ווערק, האָט ער גע־ענטפערט: „ס'איז אַ גלעצנדיק ווערק. איך וואָלט געווען שטאָלץ, אויב איך וואָלט אַזאַ בוך אָנגעשריבן.“ און בערנאַר לאַזאַר האָט אויסגעדריקט אַן ענלעכן געדאַנק, זאָגנדיק, אַז זשאַן גראַווס ווערק איז איינס פון די שענסטע ביכער, וואָס אים איז בכלל אויסגעקומען צו לייענען.

אָבער די אַלע מיינונגען פון מענטשן, וועלכע זיינען דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי די בעסטע פאַרטרעטערס פון פראַנקרייכס ליטעראַטור, האָבן אויף אַזאַ פּאַרשוין ווי בולאָ ניט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. פאַר אים איז זשאַן גראַווס בוך געווען אַ געפערלעך ווערק שוין בלויז דערפאַר ווייל עס האָט דאָס אָנגעשריבן אַן אַנאַרכיסט. „אַט אַזעלכע ביכער“ — האָט דער פּראָקוראָר דערקלערט, „האָבן באַשאַפן אַ ראַוואַשאָל, אַ וואַיאַן, אַ לעאָטהיעי. דעריבער טאַקע איז עס דער חוב פונעם געזעץ אַזעלכע ביכער אונטערצו־דריקן און זייערע מחברים שווער צו באַשטראָפן.“ פאַרשטייט זיך, אַז נאָך

אַזאַ מיר פּראָקוראַטאָרישער לאָגיק איז דאָך שוין בכלל ניט געווען מעגלעך קיין שום זיכערקייט פאַר דער פרייהייט פון וואָרט, און דאָס געזעץ וועט דעמאָלט גרינג קאָנען ווערן אַ שפּילפּילקע אין די הענט פון שמאָלקעפּיקע זעלאָטן און בלינדע פאַנאַטיקערס, וועלכע וועלן דאָס טראַכטן גופא שטעמפּלען ווי אַ פאַרברעכן און זיי וועלן פּרובירן דאָס אין גאַנצן צו פאַרבאָטן, אויב זיי וועלן נאָר אַריינקריגן די מאַכט אין זייערע הענט אַריין און די מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן.

סאַנט־אַבאַן, דער פאַרטיידיקער פון זשאַן גראַוון, האָט טאַקע גערעדט אין דעם דאָזיקן זינען. אין אַ גלענצנדיקער רעדע, וואָס האָט געהערט צו זיינע בעסטע, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געהאַט געהאַלטן ביי אַזעלכע גע־לעגנהייטן, האָט זשאַן גראַווס אַדוואָקאַט דעמאָלט דערקלערט, אַז אויב די געשווירענע ריכטערס וועלן אָננעמען דעם פּראָקוראָרס אַרגומענטן, וועלן זיי אויך מוזן פאַראורטיילן און פאַרבאָטן די ווערק פון אַזעלכע ליטעראַרישע שאַפערס ווי וואָלטעיר, רוסאָ, דיבראָ, לאַמענעי, פלאָבער, באַלזאַק, וויקטאָר הוגאָ, און הונדערטער אַנדערע, וואָרן דער גייסט פון סאָציאַלן צאָרן לעבט אויך אין זייער אַלעמענס ביכער, וואָס לויט דער השגה פונעם פּראָקוראָר קאָנען זיי דאָך פירן צו סטימולירן צו מעשים, וואָס זאָלן שטעלן אין סכנה די רו און אָרדענונג פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. סאַנט־אַבאַן האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז ניט די ווערק פון דענקערס און פילאָסאָפן באַשאַפן אַזעלכע מענטשן ווי ראַוואַשאָל, וואַיאַן, אָדער עמיל אַנרי, נאָר די האָפענונגסלאָזיקייט פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן, און דער אומברחמנותדיקער קאַמף פאַרן הוילן לעבן פירן אַזעלכע סענסיטיווע און טיף־פילנדיקע נאַטורן אַראָפּצוואַרפן פון זיך מיט געוואַלד די שווערע משא, וואָס קיין שום מילדע האַנט שטרעקט זיך ניט אויס צו זיי צו העלפן זיי טראָגן די דאָזיקע שווערע לאַסט. און זשאַן גראַווס אַדוואָקאַט האָט דערקלערט:

„פאַרטיידיקט אייער געזעלשאַפט פון היינט. דאָס איז אייער רעכט. אָבער אונטערדריקט ניט דאָס, וואָס עס געהערט צו דער צוקונפט. וואָרן אויף דעם האָט איר דאָך ניט קיין שום רעכט! דאָס, וואָס איר גייט היינט פאַרמשפּטן, קאָן דאָך ווערן דער אמת און דיווירקלעכקייט פון מאָרגן. פון די חלומות פון די דענקערס ווערט געבוירן די צוקונפט. אייער אייגענע היינטיקע עקסיסטענץ איז דאָך דער פּועל יוצא פון אַזעלכע טרוימען, וואָס מענטשן פאַר אונדז האָבן מיט יאָרן צוריק געחלומט. פאַרגעסט ניט, אַז דער מענטש־לעכער געדאַנק שטייט העכער און איבער אייער פּסק דין. און פרייט זיך מיט דעם, וואָס אַזוי איז טאַקע דער גאַנג פון דער געשיכטע און דער גאַנג פון איר אַנטוויקלונג."

די דאָזיקע גייסטרייכע רעדע סאַנט־אַבאַנס האָט זיכער ניט פאַרפעלט צו מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער זי האָט קיין שום ווירקונג ניט געהאַט אויף די געשווירענע ריכטערס, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל אויסגעקליבן פאַר דעם דאָזיקן פּראָצעס. עס איז אויך ניט געווען סתם אַזוי אַ צופאַל, וואָס דער פּראָצעס קעגן זשאַן גראַוון האָט זיך אָנגעהויבן גראָד קוים צוויי וואָכן נאָך עמיל אַנריס אַטענטאַט, ווען די שטימונג

איבערן לאַנד איז געווען אַזאַ וואָס קיין בעסערע האָט דער פּראָקוראָר זיך גאָר ניט געקאָנט ווינטשן. און כאָטש די געשווירענע האָבן רעקאָמענדירט צום ריכטער, אַז ער זאָל לגבי דעם אָנגעקלאָגטן נעמען אין באַטראַכט מילדערנ־דיקע אומשטאַנדן, האָט דער ריכטער דאָך גראַוון פאַרמשפּט צו ניט ווייניקער ווי צוויי יאָר תּפיסה. צוויי יאָר תּפיסה פאַר אַרויסגעבן אַ בוך, וואָס איז אין משך פון אַ גאַנץ יאָר אומגעשטערט און פריי פאַרקויפט געוואָרן און וואָס איז בלויז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווידער פראַנק און פריי פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ פראַנקרייך!

דעם 27סטן אַפּריל איז עמיל אַנרי געשטאַנען פאַר די געשווירענע ריכטערס פון דעם סען־דעפּאַרטאַמענט, ווו ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר די באָמבע־אַטענטאַטן אין דעם קאַפע „טערמינוס״ און אויף דער רי דע באָן ז'אַנפאַן. עמיל אַנרי האָט שוין בעת דער פּאָליציי־שער און געריכט־לעכער אויספאָרשונג געהאַט געמאַכט אַזעלכע קלאָרע דערקלערונגען און ער האָט זיך צו אַלץ געהאַט אַזוי אָפן מודה געווען, אַז ער האָט שוין קיין שום נייעס ניט געקאָנט ברענגען אין געריכט אַריין. עס איז דעריבער געווען נאָר די האַלטונג פון דעם אָנגעקלאָגטן שטייענדיק פּנים על פּנים אַנטקעגן זיינע ריכטערס, און זיין אייגענע פאַרטיידיקונג, וואָס האָבן אַרויסגערופן די אַלגע־מיינע אויפמערקזאַמקייט פונעם ברייטן עולם און געהאַלטן געשפּאַנט די גאַנצע עפנטלעכקייט ביז צו דער לעצטער רגע. קיינער וואָלט לויט דעם אויסערלעכן אויסזען פון דעם דאָזיקן יונגעמאַן, מיט זיין שיינער געשטאַלט און איידעלן גייסטפולן פּנים, ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אָט דער מענטש איז טאַקע באַגאַנגען די געוואַלדאַקטן, אין וועלכע דער אָנקלאָג האָט אים באַשולדיקט און אין וועלכע ער האָט זיך טאַקע אויך אַליין מודה געווען. זיין האַלטונג אין געריכט איז געווען פריי און אומגעצוווּנגען, און ער האָט אויף קיין איינציקער רגע ניט פאַרלוירן זיין אייזערנע ווילנסקראַפט, וואָס איז געווען דאָס עצמדיקע אין זיין גאַנצן כאַראַקטער. זיין שפּראַך איז געווען קלאָר; זיינע ווערטער געקליבענע; און זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ רעדט אַ מענטש, וועלכער האָט געגאָסן פון אַ זאָרגעוודיקער און פיינער דערציִונג. איטלעכע באַמערקונג זיינע האָט תּמיד אַריינגעטראָפן אינעם סאַמע פּינטל פון דעם ענין, ווען וועלכן ער האָט גערעדט. ער האָט קיין מאָל ניט פּרובירט זיך אַרויסצודרייען פון אַן ענטפער דורך אַן אויסרייד אָדער דורך פאַררייִדן די ציינער. טייל פון זיינע זאַצן האָבן אין זיך פאַרמאָגט אַ ממש עפּיגראַמאַטישע שאַרפקייט. און הגם ער האָט פון דער ערשטער מינוט אָן ניט פּרובירט צו באַהאַלטן זיין אָפענעם ביטול לגבי זיינע שופטים, האָט ער דאָך תּמיד אָפּגעהיטן די פיינע אויפפירונג פון אַ געבילדעטן מענטש, וואָס עס איז אים אינסטינקטיוו דער־ווידער די מינדסטע גראָבקייט פון לשון אָדער האַלטונג. אויף דער באַמער־קונג פונעם געריכטס־פּאָרזיצער, אַז זיינע, עמיל אַנריס, הענט זיינען רויט פונעם בלוט פון די קרבנות, וואָס ער האָט דערהרגעט, האָט דער אָנגעקלאָגטער מיט אַן אייזקאַלטער שאַרפקייט דעם ריכטער אין פּנים אַריין גלייך צוריק־געשליידערט: „מיינע הענט זיינען ניט בלוטיקער ווי די רויטע ריכטערישע טאָגע, וואָס איר טראָגט, הער פּרעזידענט...״

עס איז בלויז געווען איין מאָמענט אין דעם גאַנצן פּראָצעס, בעת וועלכן עמיל אַנרי האָט אויף אַ רגע פאַרלוירן זיין קאַלטע געלאַסנקייט. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען דער פאַמיליע־דאָקטאָר פון דער משפחה אַנרי האָט דערקלערט פאַרן געריכט, אַז לויט זיין מיינונג איז דער אָנגעקלאָגטער ניט נאָרמאַל, און ער האָט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אויך דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ ירושה־זאַך ביי דעם יונגן עמיל, מחמת זיין פאָטער איז געווען אַ קרבן פון אַ מוח־פּאַראַליז. דער יונגער עמיל האָט תיכף דערקאַנט, אַז דער דאָקטאָר זיינער וויל אים דורך דעם ראַטעווען זיין לעבן. אָבער עס האָט אים אַ ברי געטאָן דער געדאַנק, אַז מען גייט אים דערקלערן ווי אַ משוגענעם. בלויז אַ רגע האָט דער כעס זיינער אָנגעהאַלטן. ער האָט זיך כהרף עין צוריק באַרויִקט, און ער האָט געלאָזן געזאָגט: „איך דאַנק אייך, ד״ר גופּיל. אָבער איך פיל ניט קיין שום באַדערפעניש צו ראַטעווען מיין קאָפּ דורך אייער עדות זאָגן. איך בין ניט קיין משוגענער. איך בין מיינע געוואָלדאַקטן באַגאַנגען מיט דעם פולסטן באַוווסטזיין און מיט דעם גאַנצן זאַפּאַס פון מיינע גייסטיקע פעִיקייטן. און איצטער בין איך גרייט צו נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע מיינע מעשים.״

ווען עמיל אַנריס אַדוואָקאַט האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דאָס געריכט זאָל אויסהערן דעם אָנגעקלאָגטנס מוטער, איז דער באַשולדיקטער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ ווי אַן אונטערגעשאָסענער, און ער האָט עמפּאַטיש דערקלערט: „איך בין אַנטשלאָסן קעגן דעם מיט מיין גאַנצער אַנטשיידנקייט! איך וויל ניט דאָ זיין קיין עדות פון דעם דראַמאַטישן שוישפּיל ווען מיין מוטער וועט צוזאַמענברעכן פאַרן געריכט!״

צווישן די עדות, וואָס עמיל אַנריס אַדוואָקאַט האָט געהאַט אַרויסגערופן, זיינען אויך געווען עטלעכע לערערס פון די שולן, אין וועלכע דער אָנגע־קלאָגטער איז אין זיין יוגנט געגאַנגען, ווי אויך עטלעכע באַלעבאַטים, פאַר וועמען ער האָט שפּעטער געאַרבעט. זיי אַלע האָבן וועגן אים געהאַט די בעסטע מיינונגען און זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטן יונגענמאַן, מיט זעלטענע פעִיקייטן און מיט גיך צייטיק־געוואָרענע געדאַנקען.

אָבער דער יאָדער פון דער גאַנצער געריכטלעכער פאַרהאַנדלונג איז געווען די פאַרטיידיקונגס־רעדע פון עמיל אַנרין גופא. דאָס איז פאַקטיש אַ דאָקומענט, וואָס איז איינציק אין זיין מין אין דער גאַנצער געשיכטע פון פּאָליטישע פּראָצעסן. עס איז אין דער דאָזיקער רעדע ניטאָ דער מינדסטער חשש פון אַן אינערלעכער געמיטס־אויפרודערונג. אָט די רעדע איז ניט געשריבן געוואָרן מיט הארץ, ווי וואָיאַנס פאַרטיידיקונג, נאָר זי איז אַ פּועל יוצא פון אייזקאַלטער לאָגיק, פון טרוקענעם שכל, פון דעם ריינעם כמעט סטערילן פאַרשטאַנד, אָן דעם קלענסטן צומיש פון וועלכע עס איז געפילן. זי איז באַזירט בלויז און אויסשליסלעך אויף דער גייסטיקער דערקענטעניש. עס זיינען פאַראַן זייער ווייניק אָנגעשריבענע זאַכן, אין וועלכע עס זיינען אין אַזאַ צימצומדיקן קיצור און מיט אַזאַ קלאַסישער שלימות אויסגערעכנט געוואָרן די סאָציאַלע זינד פון די טרעגערס און פירערס פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. מען קאָן עמיל אַנריס מעשים פאַראורטיילן אַזוי

שטאַרק ווי מען וויל, אָבער זיין פאַרטיידיקונג פאַר די ריכטערס, וואָס האָבן אים געמשפּט, וועט דערפון לגמרי ניט ליידן. זי איז אַ מייסטערווערק פון לאָגישע שלוסן, גרויזאַם און אומברחמנותדיק אין אירע גוט־אַדורכגעטראַכטע שייכותן צווישן סיבות און פועל־יוצאס, און זי פאַרמאָגט דעריבער אַלע מעלות און חסרונות פון אַ מענטשלעכן געדאַנקען־בוי, וואָס איז באַזירט נאָר און אויסשליסלעך אויף ריין־לאָגישע און קאַלט־שכלדיקע הנחות. וואָרן דאָס מענטשלעכע לעבן גייט ניט אָן און אַנטוויקלט זיך ניט לויט ריין־לאָגישע געזעצן. עס איז דאָך פול מיט אינערלעכע סתירות, וואָס לאָזן זיך אויס פון די קאַלט־שכלדיקע הנחות. די דאָזיקע סתירות קאָן מען אין בעסטן פאַל בלויז משיג זיין מיט דער נשמה, אָבער מען קאָן זיי בשום אופן ניט דערקלערן לאָגיש אָדער וויסנשאַפטלעך. דער באַרימטער זאָג „אַלץ פאַרשטיין מיינט אַלץ מוחל זיין" איז ניט באַזירט אויף די פּרינציפּן פון לאָגיק. און דאָך ליגט אין אים אַ טיפערע אינערלעכע באַרעכטיקונג, וואָס איז מער שכלדיק ווי די פיינסטע רעזולטאַטן פונעם לאָגישסטן טראַכטן.

עמיל אַנריס פאַרטיידיקונגס־רעדע גיט אונדז דעם שליסל צו פאַרשטיין זיינע מעשים; זי קלערט אונדז אויף די מאָטיוון פון זיין האַנדלונג, הגם זי קאָן זיי בשום אופן ניט רעכטפאַרטיקן.

„איר פרעגט מיך, מיינע הערן" — האָט עמיל אַנרי געזאָגט — „פאַר וואָס איך האָב אַטאַקירט פרידלעכע געסט, וואָס האָבן געמיטלעך זיך צוגע־הערט צו מוזיק, און צווישן וועלכע עס האָט דאָך געקאָנט זיין ניט קיין איינציקער ריכטער, קיין איינציקער דעפּוטאַט פונעם פּאַרלאַמענט, קיין איינ־ציקער פאַרטרעטער פון דער מלוכהשער אויטאָריטעט. מיין ענטפער איז פשוט. די בורזשואַזיע האָט פאַראורטיילט הורטאָוונע אַלע אַנאַרכיסטן. וואַיאַן האָט געשליידערט אַ באָמבע. ניין צענטל פון די חברים האָבן אים בכלל ניט געקענט. דאָס איז ניט געווען אייער דאגה. פאַר דעם געוואַלדאַקט פון איין איינציקן מענטש האָט איר גערודפט אַלע אַנאַרכיסטן; אפילו די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט בלויז די וויטסטע שייכות צום אַנאַרכיזם אָדער צו אַנאַרכיסטן, זיינען דאָך געפאַלן ווי קרבנות פון אייער בלינדן היסטערישן כעס. איר האָט דאָך דאָס אָנגעהויבן, איר זענט דאָך געווען די ערשטע צו מאַכן אַ גאַנצע באַוועגונג פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון איין איינציקן יחיד. נו, גוט, האָב איך אייך אָפּגעצאָלט מיט דעם זעלביקן, מיט מידה כנגד מידה."

עס איז געלעגן עפּעס גרויליקס אין דער דאָזיקער שאַרפער חריפותדיקער לאָגיק פון אַ טאַלאַנטירטן יונגנמאַן, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין יונג בלי־ענדיקן לעבן, כדי אָפּצוצאָלן פאַר אַ שווערער עוולה קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער דאָס איז דאָך סוף כל סוף געווען די זעלביקע לאָגיק, מיט וועלכער די רעגירונג האָט זיך געהאַט באַנוצט קעגן די אַנאַרכיסטן. אויך זי האָט זיך בלינדערהייט געוואָרפן אויף אומשולדיקע מענטשן, וואָס זי האָט זיי געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון אַ יחיד. זי, די רעגירונג, האָט בלויז אָנגעהויבן דאָס, וואָס עמיל אַנרי האָט אויף זיין אייגענעם אופן ממשיך געווען. די עקסטרעמען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און באַרירט.

זאָ ד'אָקסאָן, וועלכער האָט עמיל אַנרין געקאָנט פּערזענלעך, האָט וועגן אים שפּעטער געשריבן אַזוי:

„איך זע אים נאָך תּמיד פאַר מיינע אויגן. ער איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, אָבער דאָך שוין אַזוי שטרענג, באַוווּסטזיניק, און מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן. ער איז געווען אַ סעקטאַנט, און ווי אַלע מיט זיך זיכערע סעקטאַנטן האָט ער ניט פאַרמאָגט קיין שום אינערלעכן ספק. ווי היפּנאָטיזירט, האָט ער פאַר זיך געזען בלויז איין באַשטימטן ציל, און צו דעם דאָזיקן ציל איז ער געגאַנגען מיט אומברחמנותדיקער מאַטעמאַטישער אויסגערעכנטקייט און מיט אַן עקשנותדיקער אַנטשלאָסנקייט. ער האָט אייזנשטאַרק געגלייבט אין דעם אָנקום פון אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט זיין געבויט אויף לאָגישע פּרינציפּן און פול מיט אַ האַרמאָנישער שיינקייט. ער האָט מיר אָפט פאַרגעוואָרפן, אַז איך גלייב ניט גענוג שטאַרק אין דער ווידער־געבורט פון דער מענטשלעכער ראַסע, און אַז איך משפּט ניט איטלעכע זאַך פון דעם אַנאַרכיסטישן קוקווינקל. ער האָט פּשוט ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש קאָן דערפילן די גאַנצע שווידערלעכקייט פון דער איצטיקער עפּאָכע, פון דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפט, און דאָך זיך ניט וועלן אָפּזאָגן פון די פריידן, וואָס זיינען נאָך אַלץ אין איר פאַראַן."

זשאַן גראַוו האָט מיט זעקס און דרייסיק יאָר שפּעטער איבערגעגעבן אין זיינע „זכרונות", אַז פאַרטינעי אַנרי, עמילס ברודער, וועלכער איז אויך געווען אַן אַנאַרכיסט, האָט אים, גראַוון, דערציילט אין דער תּפיסה פון קלעירוואָ, אַז דער טויט פון זיין ברודער איז געווען אַ מין זעלבסטמאָרד. עמיל אַנרי איז דעמאָלט געווען פאַרליבט אין אַ חתונה־געהאַטער פרוי. אָבער ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער וועט קיין מאָל זיך ניט קאָנען מיט איר פאַר־אייניקן. איז ער באַגאַנגען זיין געוואַלדאַקט, כדי אויף אַזאַ אופן צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. אָבער גראַוו גופא האָט פאַרטינעי אַנרין באַצייכנט ווי אַ פלאַפּלער, וועלכער האָט ליב געהאַט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ וויכטיקן מענטש. עס איז דעריבער שווער צו זאָגן וויפל אמת עס איז געווען אין זיינע רייד וועגן זיין ברודער. אָבער דאָך ווייזט די עקשנותדיקייט, מיט וועלכער עמיל אַנרי האָט געקעמפט קעגן דעם מינדסטן פּרווו מצד דעם אַדוואָקאַט זיינעם צו ראַטעווען דעם אָנגעקלאָגטנס קאָפּ, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ מעג־לעכקייט, אַז פאַרטינעי האָט דערציילט דעם אמת וועגן זיין ברודערס אומ־גליקלעכע ליבע. פון דער אַנדערער זייט, איז שווער צו דערקלערן בלויז מיט דעם עמיל אַנריס כאַראַקטער און זיינע מעשים און זיין גאַנצע עקשנותדיקע האַלטונג, וואָס מוזן גיכער באַטראַכט ווערן ווי רעזולטאַטן פון אַ טיפן אינערלעכן נשמה־צושטאַנד.

וועגן עמיל אַנרין גופא האָט זשאַן גראַוו געשריבן: „איך האָב עמיל אַנרין קיין מאָל ניט באַגעגנט. ווען איך האָב שפּעטער געלייענט די דערקלע־רונג זיינע פאַר דעם געריכט, האָב איך זיך געפילט געטראָפן דורך דעם טרוקענעם, קאַלטן און אומברחמנותדיקן טאָן פון זיינע אויספירונגען. זיי האָבן געשניטן ווי מיט אַ שאַרפן חלף. זיכער האָט ער געהאַט קוראַזש. אָבער דאָך

קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פילנדיקער נשמה און מיט אַ סענסיטיוון געמיט־צושטאַנד״.

מען האָט עמיל אַנרין אויך אָנגערופן „דער סאַן־זשיסט פון דער אַנאַר־כיע״. און מען קאָן טאַקע ניט לייקענען, אַז עס איז געווען אין אַנרין עפּעס ענלעכס צו יענעם אומבּרחמנותדיקן יונגן פריינד ראָבּעספּיערס, אַפילו אויך אויסערלעך. ער האָט פאַרמאָגט די זעלביקע אומקאָמפּראָמיסלעכע אויסגע־האַלטנקייט פונעם טראַכטן, די זעלביקע אייזערנע לאָגיק, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּשרעקן פון קיין שום רעזולטאַטן, און דעם זעלביקן אומפּערזענלעכן האָס, וואָס זעט ניט קיין מענטשן, קעגן וועמען עס איז געצילט אָט די שינאה, נאָר דאָס גרויסע אומרעכט, וועמעס טרעגערס די דאָזיקע מענטשן זיינען. אין יעדן פאַל, פאַרשטייט זיך, איז עס אַן אַבּסורד צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם אַמביציעזן און דאָמינירנדיקן סאַן־זשיסט, פון דער גרויסער פראַנ־צייזישער רעוואָלוציע, אין שייכות מיט דעם פראַנצייזישן אַנאַרכיזם אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דער דאָזיקער סאַן־זשיסט, וועלכער האָט, פּונקט אַזוי ווי רוסאָ, געגלייבּט, אַז די אויפגאַבּע פון די געזעצגעבּערס איז אונטערצו־דריקן דאָס פּרימיטיווע טראַכטן פונעם מענטשן און אים אויסצולערנען צו דענקען אינעם זינען פון דער מלוכה־מאַכט, האָט קוים געקאָנט האָבּן עפּעס שייכותדיקס מיטן אַנאַרכיזם, וועלכער פאַרטרעט דאָך גראָד דעם היפּוך פון אַלץ, צו וואָס עס האָבּן געשטרעבּט סאַן־זשיסט און זיינע פריינד, די יאַקאָבּינער.

עמיל אַנרי האָט אָנגענומען דעם טויטאורטייל מיט דער זעלביקער אייזקאַלטער רו, וואָס האָט פון אים זיך ניט אָפּגעטאָן אין משך פון דער גאַנצער צייט בעת דעם פּראָצעס. ווען דער פאָרזיצער פונעם געריכט האָט דעם פאַרמשפּטן געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז ער האָט דאָס רעכט אין משך פון דריי טעג אַריינצוטראָגן אַ בקשה צום פּרעזידענט פון דער רעפּובּליק וועגן באַגנעדיקונג, האָט עמיל אַנרי קאַלט געענטפערט: „איך דאַנק אייך. איך וועל זיך מיטן דאָזיקן רעכט ניט באַנוצן.״ עטלעכע טעג נאָכן פּסק דין איבּער אים האָט ער פון דער תפיסה „לאַ ראָקעט״ אָנגעשריבּן אַ רירנדיקן בריוו צו זיין מוטער. אין יענעם געזעגענונגס־בריוו האָט זיך פּלוצים אַנט־פּלעקט, אַז הינטער דער קאַלטער מאַסקע, וואָס ער האָט געטראָגן ווי אָפּצו־גענאַרן עמעצן האָט אויך געלעבּט אַ וואַרעמער מענטש, וועלכער האָט געקאָנט ליבּ האָבּן אַנדערע מענטשן, אויבּ ער האָט נאָר געהאַלטן, אַז ער מוז זיי ניט האָסן. ער האָט אַ סך געלייענט אין זיינע לעצטע וואָכן אין תפיסה. מיט אַ באַזונדערער הנאה האָט ער געלייענט דאָן קיכאָטע.״ אין יענע לעצטע טעג, פאַר זיין גיליאָטינירונג, האָט ער אָנגעשריבּן אַ צאָל קורצע געדאַנקען, וועלכע זיינען סיי מחמת זייער סטיל און סיי מחמת זייער אינהאַלט נאָך היינט אינטערעסאַנט. דורך די דאָזיקע פאַרן טויט אָנגעשריבּענע געדאַנקען קריגן מיר אַן אַריינבּליק אין דער גייסטיקער טרייבּ־קראַפט פון דעם דאָזיקן מענטש, וועמען די נאַטור האָט געהאַט אַזוי רייך באַשאָנקען, און וואָס דער טויט האָט אים אַזוי יונג אונטערגעהאַקט, אַז ער האָט ניט געהאַט די מעג־לעכקייטן צו אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט און זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן.

דער לעצטער פון די דאָזיקע אַפּאָריסטישע געדאַנקען זיינע האָט זיך גע־לייענט אַזוי:

איך האָב ליב אַלע מענטשן פאַר דעם, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט זיין, אָבער איך האָס זיי אַלעמען פאַר דעם, וואָס זיי זיינען. סוף כל סוף האַלט איך, אַז איך האָב דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, ווען די פּיעסע איז מיר אַזוי דערווידער, און אַז איך מעג ביים אַוועקגיין גיבן אַ טראַסק מיט דער טיר און שטערן דערמיט די רו פון יענע, וועלכע קוויקן זיך אַזוי שטאַרק מיט דער דאָזיקער פּיעסע..."

עמיל אַנרי איז געשטאָרבן דעם 21סטן מאַי אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע. ער איז געבליבן קאַלט און רויק ביז צו דער לעצטער רגע. אָבער דאָך, ווען ער האָט פאַר זיינע אויגן דערזען דעם עשאַפאָט, האָט אים ווי אַ פלוצעמדיקער פראָסט אַרומגעכאַפּט און געטרייסלט מיט אַלע זיינע אברים. עס איז געווען ווי אין דעם לעצטן אויגנבליק האָט די יוגנט זיך אַ בונטעווע געטאָן קעגן דעם טויט. זיינע לעצטע ווערטער, „קוראַזש, חברים! זאָל לעבן די אַנאַרכיע!" זיינען שוין אַרויסגעקומען פון אַ טרוקענער קעל, און נאָר די, וועלכע זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט פון אים, האָבן געקאָנט דערהערן עמיל אַנריס לעצטע זעקס ווערטער.

באַטראַכטונגען און איבערלעבענישן

אין האַרבסט פון 1893 זיינען די חברים ראַדעל און טומאַר געקומען קיין פּאַריז. זיי האָבן ביידע דעמאָלט געמוזט אַנטלויפן פון ווין, ווו זיי זיינען געווען טעטיק אין משך פון אַ לאַנגער צייט אין דער דאָרטיקער אונטערער־דישער באַוועגונג. די ווינער פּאָליציי האָט אין ראַדעלס וווינונג געהאַט אַנטדעקט אַ געהיימע דרוקעריי. אָבער אַזוי ווי ער איז גראָד ניט געווען אין דער היים בעת דעם אָביסק, און מען האָט אים נאָך געקאָנט וואָרענען אין צייט, האָט זיך אים איינגעגעבן זיך אַרויסצודרייען פון די פּאָליציייִשע הענט. עטלעכע טעג נאָכן אָנקום פון די צוויי ווינער חברים האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דעם געניאַלע מאַטצינגער, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", וואָס איז אין יענע יאָרן אַרויס אין ווין. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט ער אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן העלפן מיט אַלץ, וואָס מיר קאָנען נאָר, די חברים טומאַר און ראַדעל, וואָס האָבן געהאַט אַ סך אויפגעטאָן פאַר אונדזער באַוועגונג אין עסטרייך. ביידע זיינען טאַקע געווען צוויי אויסגעצייכנטע מענטשן. און היות ביידע זיינען אויך געווען גוטע שוסטערס, איז אונדז אין פּאַריז ניט אָנגעקומען שווער צו געפינען פאַר זיי פּאַסיקע אַרבעטספּלעצער. ראַדעל האָט באַלד נאָך עטלעכע וואָכן שוין גע־קאָנט אַריבערברענגען צו זיך זיין משפחה פון ווין, און טומאַר, וועלכער איז געווען אַ בחור, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט ראַדעלן. איך בין מיט זיי ביידן גיך געוואָרן גוט באַקאַנט, און איך האָב דורך זיי אויסגעפונען אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אונדזער באַוועגונג אין עסטרייך, וואָס ביז דעמאָלט זיינען זיי פאַר מיר געווען אומבאַקאַנט.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין עסטרייך איז אין יענע יאָרן כּסדר און שווער גערודפט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. נאָך דער אומברחמנותדיקער אונטערדריקונג פון דער אַלטער ראַדיקאַלער באַוועגונג, וואָס וואָלט זיכער געקאָנט פירן צו אַ שטאַרקערער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי האָבן די ראַדיקאַלן געקאָנט אַרבעטן בלויז אין געהיימע גרופּעס, ביז זיי האָבן נאָך דער אָפּשאַפונג פון די אויסנאַם־געזעצן אין עסטרייך ווידער אַמאָל געקאָנט פונקציאָנירן אין דער עפנטלעכקייט. אין אויגוסט, 1892, האָט די „צוקונפט" אָנגעהויבן צו דערשיינען אין ווין, און

זי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל געוואָגט צו באַנוצן זיך מיט דעם וואָרט „אַנאַרכיזם" אין שייכות מיט דער יונגער באַוועגונג. די אַלטע ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט ביז דעמאָלט תמיד אויסגעדריקט אירע אַנאַרכיסטישע שטרע־בונגען אונטער דעם נאָמען פונעם „פעדעראַליזם", מחמת די עסטרייכישע רעגירונג וואָלט קיין מאָל ניט טאָלערירט קיין אָפענע באַקענונג צום אַנאַרכיזם.

די נייע באַוועגונג האָט כמעט פון אָנהייב אָן זיך געמוזט ראַנגלען מיט אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן. ניט בלויז האָט זי געמוזט אויסשטיין די ערגסטע רדיפות מצד דער רעגירונג, נאָר זי האָט זיך אויך געמוזט פאַר־טיידיקן קעגן דער ביטערער שינאה מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע כשרע און ניט־כשרע מיטלען, כדי צו שטערן דעם אויפקום פון דעם פּאָליטישן ראַדיקאַליזם אין עסטרייך. און ווען די ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט דאָך אָנגעהויבן צו שלאָגן וואָרצלען אינעם באָדן פונעם לאַנד, האָט די רעגירונג זיך אויך אויף איר פאַרלייגט, אַז זי זאָל ניט קאָנען וואַקסן. די „צוקונפט" איז כמעט איטלעכן חודש באַשטראָפט געוואָרן מיט דעם פאַרבאָט אויף איינצלנע נומערן, ביז זי האָט ענדלעך, אין 1895, אין גאַנצן געמוזט אויפהערן צו דערשיינען. אויך די אַנדערע צייט־שריפטן פון דער באַוועגונג, ווי די „פרייהייט" אין גראַץ און די „אַלגעמיינע צייטונג" אין זאַלצבורג, האָבן ניט געהאַט קיין לאַנגן קיום. עס זיינען אויך געפאַלן אונטער די פּאָליציייִשע קלעפּ די אַנאַרכיסטישע בלעטער אין דער טשעכישער שפּראַך, ווי די „וואָלנע ליסטי" אין ווין און אַ גאַנצע רייע אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען אין בעהמען. די דאָזיקע כסדרדיקע פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, באַזונדערס קעגן דער טשעכישער אַנאַרכיסטישער פּרעסע, האָבן געצוווּנגען די טשעכישע חברים צו ווערן אָנגעוויזן בלויז אויף דער געהיימער פאַרשפּרייטונג פון די אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען, וואָס זיינען דעמאָלט אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין עסטרייך פון אויסלאַנד.

ראַדעל און טומאַר האָבן געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן צו דערציילן וועגן די לעצטע געשעענישן פון אונדזער באַוועגונג אין עסטרייך, ווו נאָר די באמת העלדישע קרבנות־גרייטקייט פון אונדזערע חברים דאָרטן האָט די דאָזיקע באַוועגונג אויפגעהאַלטן ביים לעבן. ביידע ווינער חברים זיינען געווען מאַטצינגערס פערזענלעכע פריינד, און לויט זייערע שילדערונגען איז דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט" באמת געווען אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט. מאַטצינגער איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַן אַקטיווער אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ער האָט אָבער ניט לאַנג געקאָנט זיך האַלטן אין דער אַרמיי, מחמת זיינע נאַטירלעכע נייגונגען און זיין גאַנצער כאַראַקטער זיינען געווען לגמרי להיפוך פון דער קאַזאַרמע־דיסציפּלין. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך פאַרשיידענע קענטענישן. ער האָט באַהערשט אַ גאַנצע צאָל פרעמדע לשונות, און ער איז בהדרגהדיק אַריינגעטראָטן אין דער עלטערער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין עסטרייך. מחמת פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען און פּאָליטישע רדיפות, האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון זיין היימלאַנד. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט ער געלעבט

אין אַמעריקע, ווו אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי כלערליי מלאכות. אין אַמעריקע האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרויסער באַוועגונג פאַר דעם 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, אין די יאָרן 1886 און 1887. ער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט שפיז, פּאַרסאָנסן און מיט פילדענען, און ער האָט יאָרנלאַנג מיטגעאַרבעט אין יאָהאַן מאָסטס „פרייהייט" און אין דער „שיקאַגער אַרבעטער־צייטונג". נאָך דער אָפּשאַפונג פון די אויסנאַמס־געזעצן אין עסטרייך, האָט מאַטצינגער זיך צוריקגעקערט קיין ווין, ווו מען האָט אים שפּעטער איבערגעגעבן די רעדאַקציע פון דער „צוקונפט". לויט ווי ראַדעל און טומאַר האָבן אונדז דעמאָלט איבערגעגעבן, האָט מאַטצינגער פאַר זיין רעדאַקטירן די דאָזיקע צייטשריפט גענומען בלויז אַזוי פיל געלט, וויפל ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיין באַשיידן אויסקומעניש. און דאָס איז געווען זייער ווייניק. געשלאָפן איז ער אויף אַ פעלדבעטל אינעם צימערל פון דער רעדאַקציע. זיינע מאָלצייטן האָט ער זיך אַליין געקאָכט אויף אַ ברענשפּירט־מאַשינקע. ער האָט געצירעוועט זיינע זאַקן ווען ער האָט גע־שמועסט מיט חברים. ער איז געווען זיין אייגענער שוסטער, און ער האָט פאַר זיך אַליין אויפגענייט זיינע בגדים. ער האָט בכלל אַליין פאַרריכט פאַר זיך אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געדאַרפט פאַר זיין אָרעם לעבן.

די כסדרדיקע רדיפות און קודם כל די קליינלעכע שיקאַנעס מצד דער רעגירונג קעגן די אַלע אָנהענגערס פון דער נייער באַוועגונג האָבן אָנגעטאָן געבערענטע צרות צו הונדערטער ערלעכע אַרבעטער און אַ סך פון זיי אַפילו געמאַכט ברויטלאָז. די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ סך פון די חברים האָבן בכלל אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער צוועקמעסיקייט פון ווייטער אָנפירן מיט אַן אָפענער טעטיקייט. דער סוף איז געווען, אַז אונדזער באַוועגונג איז געוואָרן אונטערערדיש אין עסטרייך. אויך ראַדעל און טומאַר זיינען געוואָרן איבערצייגט, אַז דאָס איז דער בעס־טער וועג אָנצופירן מיט דער אַנאַרכיסטישער טעטיקייט דעמאָלט אין זייער היימלאַנד, און זיי זיינען געוואָרן טאַקע אַקטיוו אויף דעם דאָזיקן געביט. האָבן מיר טאַקע וועגן דעם דאָזיקן ענין פון אונטערערדישער אַרבעט אָפּט געשמועסט אין אונדזער ענגערן קרייז, באַזונדערס אין שייכות מיט די דעמאָלטיקע כסדר וואַקסנדיקע רדיפות אויף אונדזערע פראַנצייזישע חברים איבערן גאַנצן לאַנד.

ביי איינעם פון די דאָזיקע שמועסן איז אויך פּאַטער מאַיער אַריינגעצויגן געוואָרן דורך ראַדעלן אין דער דיסקוסיע וועגן אונטערערדישער אַרבעט פאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין שום חשק אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם ענין. ער האָט בכלל געהאַלטן, אַז זיין השגה וועגן דעם וועט אונדז סיי ווי סיי ניט קאָנען משפּיע זיין. ער אַליין, האָט ער געזאָגט, האָט אין זיין יוגנט פאַרטראָטן אַזאַ ענלעכן שטאַנדפּונקט ווי די איצטיקע חברים אין עסטרייך. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מען קאָן אונטערן דרוק פון באַשטימטע אומשטאַנדן דערגרייכן צו פאַלשע הנחות. אָבער ער האָט אויך געהאַלטן, אַז בדרך כלל לערנען מענטשן זייער זעלטן פון יענעמס דערפאַרונגען: זיי מוזן תמיד

האָבן זייערע אייגענע איבערלעבונגען, וואָס זאָלן זיי עפענען די אויגן; זיי קאָנען נאָר לערנען פון זייערע אייגענע טעותים.

מאַיער האָט אַמאָל געהאַט באַלאַנגט צו דער אַלטער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין עסטרייך, און ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין איר אַרבעט, ביז די דאָזיקע באַוועגונג איז אַן שום איינזעעניש ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן נאָך די אַטענטאַטן פון שטעלמאַכערן און קאַמערערן. מאַיער האָט זיך געהאַט פּערזענלעך באַקענט מיט שטעלמאַכערן און קאַמערערן אין ציריך. באַזונדערס באַפריינדעט איז ער געווען מיט קאַמערערן, וועלכער האָט אַ צייטלאַנג ביי אים געהאַט געוווינט. זיין מיינונג וועגן דעם דאָזיקן ענין איז דעריבער פאַר אונדז געווען וואַגיקער, מחמת ער האָט היגטער זיך געהאַט אַ סך איבערלעבונגען און געניטשאַפט אויף דעם דאָזיקן געביט, וואָס האָבן אים זיכער געקאָנט געבן אין משך פון די אַלע יאָרן אַ בעסערן אינערלעכן אַריינבליק און אַ מער אַביעקטיווע אויפקלערונג. טאָקע דערפאַר זיינען מיר דעמאָלט צו אים אַזוי צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיך אַרויסזאָגן בכלל וועגן דעם ענין פון אונטערערדישער אַרבעט פאַר אונדזער באַוועגונג.

דער אַלטער אַנאַרכיסט האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז אונטערערדישע באַוועגונגען זיינען אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַ צרהדיקע נויטווענדיקייט. אָבער דער גלויבן, אַז דורך געהיימע באַוועגונגען וועט מען קאָנען מאַכן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש, איז אַ געפערלעכע אילוזיע. איטלעכע גייסטיקע און ווירטשאַפטלעכע איבערשיכטונג פון דער געזעלשאַפט מוז צוערשט און קודם כל צוגעגרייט ווערן דורך אַ ווייט־פאַרצווייגטער און אין דער פולסטער עפנטלעכקייט אָנגעפירטער פּראָפּאַגאַנדע. און דאָס קאָן קיין מאָל קיין שום אונטערערדישע באַוועגונג בשום אופן ניט דערגרייכן. די געהיימע טעטיקייט פון געוויסע גרופּן איז אונטער באַשטימטע ספּעציפישע אומשטענדן טייל מאָל אפשר דער איינציקער מיטל צו באַשיצן אַ באַוועגונג פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג דורך דער טיראַניי פון אַן אונטערדריקערישער רעגירונג. אָבער מיט דעם ענדיקט זיך די נוצלעכקייט און דער באַטייט פון דער אונטערערדישער טעטיקייט. אַזאַ מין אַקטיוויטעט איז תמיד ניט מער ווי אַ מיטל זיך אַרויסצוהעלפן אין אַ נויט, און מען מוז כסדר אַרבעטן אויף דעם, אַז עס זאָלן ווידער איינגעשטעלט ווערן נאָרמאַלע פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען אַזוי נייטיק פאַר דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע באַוועגונגען ווי לופט און זון זיינען נייטיק פאַר פלאַנצן.

גראָד דער אַנאַרכיזם האָט מער סיבות מורא צו האָבן פאַר אַ לאַנגיאָריקער אונטערערדישער טעטיקייט, ווי איטלעכע אַנדערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָרן קיין שום אַנדערע פאַרעם פון רעוואָלוציאָנערישער פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דער אונטערערדישער, באַגינציקט ניט אַזוי גוט און אַזוי שטאַרק די אַנטוויקלונג פון אויטאָריטאַרישע געדאַנקענגענג. שוין דער עצם־פאַקט אַליין, וואָס די אונטערערדישע טעטיקייט איז דאָך לגמרי פריי פון דער נאַטירלעכער השפעה פון דער עפנטלעכער מיינונג, מוז מיט דער צייט פירן צו מיאוסע און שלעכטע רעזולטאַטן. און מאַיער האָט אונדז דעמאָלט געוויזן ווי אַזוי די מוראדיקע מעשים פון

שטעלמאַכערן און קאַמערערן האָבן ניט בלויז געגעבן דער רעגירונג די מצד איר זינט לאַנג געזוכטע געלעגנהייט צו פאַרניכטן מיט איין קלאַפּ די גאַנצע ראַדיקאַלע באַוועגונג אין עסטרייך, נאָר אַפילו די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג אינעם לאַנד זיינען אונטער דעם מאָראַלישן דרוק פון די באַגאַנגענע געוואַלדאַקטן געוואָרן אָפּגעפרעמדט פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג, און זייער ווידערשטאַנדס־קראַפט לגבי דער אונטערדריקערישער רעגירונג איז אַזוי אַרום לגמרי פּאַראַליזירט געוואָרן. מען קאָן פאַרשטיין ווי אַזוי כסדרדיקע און זינלאָזע רדיפות מצד דער רעגירונג קאָנען טרייבן אַ יחיד צו אַזאַ טיפער פאַרביטערונג, אַז ער זאָל אין גאַנצן פאַרלירן איטלעכע מענטשלעכע איינזעעניש. אָבער פּערזענלעכע יחידישע פאַרביטערונג טאָר קיין מאָל ניט ווערן דער מורה דרך פאַר אַ גאַנצער באַוועגונג.

אונטער דער כסדרדיקער וואַקסנדיקער השפעה פון דער שטייגנדיקער רעאַקציע אין אייראָפּע און אירע צרהדיקע אויסווירקונגען אין פאַרשיידענע לענדער האָט זיך ביי אַ סך פון אונדזערע חברים אַנטוויקלט די פאַלשע הנחה, אַז געוואַלדאַקטן פון יחידים זיינען אַן עצמדיקער פּרינציפּ פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דאָס איז טאַקע באַזונדערס געווען דער פאַל ביי שטעלמאַכערן, וועלכער האָט פאַרביטן דעם אַנאַרכיזם מיטן טעראָריזם, און ער האָט דורך זיין אויסטערלישן איינפלוס אויף אַזאַ סענסיטיוון און אידעאַליסטישן געמייגטן יוגנטלעכן ווי קאַמערער אים דערפירט צו אַזעלכע מעשים, וואָס קיין שום באַוועגונג, וועלכע איז געבויט אויף די יסודות פון פּערזענלעכער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, קאָן טאָלערירן שוין אָפּגערעדט פון רעכטפאַרטיקן. צווישן דעם אַנאַרכיזם און דעם טעראָריזם איז קיין שום גייסטיקע שייכות ניט פאַראַן, מחמת ביידע גייען אַרויס פון לחלוטין היפּוכ־דיקע הנחות. וואָס עס אונטערשיידט דעם אַנאַרכיזם פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, איז דער עיקר דער געדאַנק, אַז מען קאָן אויף דעם מענטש ניט אַרויפצווינגען די פרייהייט מיט געוואַלד. מען קאָן אים בלויז ווייזן, אַז די פרייהייט איז אַ בעסערער וועג ווי די בלינדע אונטער־טעניקייט און די ברוטאַלע אונטערדריקונג, וואָס ווערט אויף אים אַרויפגע־צווונגען פון דרויסן. אַן אומפאַרטראַגלעכע טיראַניי וועט תמיד פּראָוואָצירן מענטשן, אַז זיי זאָלן נעמען דעם גורל אין זייערע הענט אריין און באַגע־גענען די געוואַלד פון אויבן מיט דער געוואַלד פון אונטן. אָבער מען טאָר קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז אַזעלכע געוואַלדאַקטן זיינען תמיד דער פּועל יוצא פון פּערזענלעכע נטיות און יחידישע נייגונגען, אויף וועלכע מען קאָן קיין מאָל ניט אויפבויען קיין באַוועגונג.

ווען מיר האָבן מאַיערן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז אַ גאַנצע רייע פּראָמינענטע שריפטשטעלערס האָבן אַרויסגעוויזן זייער באַוואונדערונג פאַר ראַוואַשאָלן, און אַז דאָס באַווייזט טאַקע, אַז די מעשים פון אַ יחיד זיינען טייל מאָל יאָ ביכולת אויפצוטרייסלען די עפנטלעכע מיינונג לטובת די אונטערדריקטע, האָט דער אַלטער דערקלערט, אַז איבער ראַוואַשאָלס מעשים איז נאָך לאַנג ניט געזאָגט געוואָרן דאָס לעצטע וואָרט. ווען אַזעלכע גע־וואַלדאַקטן ווי ראַוואַשאָלס רופן אַרויס אַזאַ גרויס און אויסערגעוויינלעך

אַנזעץ און זיי צווינגען אַ סך מענטשן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן די אַנאַר־כיסטישע געדאַנקען־גענג, וועגן וועלכע זיי האָבן ביז דעמאָלט קיין שום אָנונג ניט געהאַט, מיינט דאָס בלויז, אַז די פּאַרוואָרלאָזיקייט פון די סאָציאַלע צושטאַנדן האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז דער צוטרוי פון דער באַ־פעלקערונג צום סיסטעם פון פּאַרלאַמענטאַריזם איז שוין לגמרי אונטער־געגראָבן געוואָרן. וואָרן די זעלביקע מענטשן וואָלטן דאָך אין גאַנצן אַנדערש געטראַכט וועגן די געוואַלדאַקטן אונטער אַנדערע פאַרהעלטעניש. און גראָד דעם אומשטאַנד, וואָס די פראַנצייזישע רעגירונג וואָגט נאָך ניט צו אונטער־דריקן אומברחמנותדיק אַלע פּאָליטישע רעכט און בירגערלעכע פרייהייטן, אָן שום איינזעעניש, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ניט בלויז די אַנאַרכיסטן, נאָר אויך די אַנדערע מענטשן מיט דער פעיִקייט פונעם אומאָפּהענגיקן דענקען, וועלכע האָבן אָנגעבאָטן צו זייערע מיטבירגערס די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן ראַוואַשאָלס געוואַלדאַקטן אין אַן אַנדער ליכט ווי אין דעם, אין וועלכן די רעגירונג האָט זיי אָוועקגעשטעלט, און צו פאַרשטיין די טיפערע סיבות, וואָס האָבן ראַוואַשאָלן געפירט דערצו. און דאָס איז לחלוטין אַ גאַנץ אַנדער בילד ווי דער בירגער קריגט געוויינלעך פון די פּאָליציייִשע באַריכטן.

אויף מיר האָבן די דאָזיקע אויספירונגען פון דעם אַלטן מאַיער געמאַכט אַ סך טיפערן איינדרוק, ווי איך האָב דעמאָלט געוואָגט מודה צו זיין פאַר זיך גופא און הגם מיין יוגנטלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך געבונטעוועט קעגן די מסקנות פון דעם אַדורכגעטראַכטן שכל פון אַ רויִקן און דורך לאַנגע דערפאַרונגען אויפגעקלערטן גייסט, וועלכער איז דאָ געקומען צום אויסדרוק, האָב איך דאָך ניט געקאָנט פאַרפעלן איינצוזען, אַז פאַטער מאַיער האָט דאָ באַרירט אַ פּונקט, וואָס האָט פאַר איטלעכער פרייהייטלעכער באַוועגונג אַ דעצידירנדיקן באַטייט. אין אַן אַנדערער צייט וואָלטן זיינע ווערטער אויף אונדז געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק. אָבער אונטער די טעגלעכע השפעות פון יענעם שטורעמדיקן פּעריאָד, אין וועלכן גאַנץ פראַנקרייך איז אויפגערודערט געוואָרן ביז צו אירע סאַמע טיפענישן, זיינען אונדזערע געדאַנקען כסדר געקירעוועט געוואָרן אויף גאַנץ אַנדערע זאַכן. מיר האָבן אַלע דעמאָלט דערזען אין די שווערע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען פון יענער צייט דעם קלאָרן אָנזאָג פון אַ נייער רעוואָלוציע, וואָס וועט מוזן, פּונקט אַזוי ווי די גרויסע געשעענישן אין פראַנקרייך אין די יאָרן פון 1789 ביז 1793, אַריינציִען אין איר שטראָם אַלע אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. און עס איז בכלל ניט געווען בלויז די יוגנט, וואָס האָט דעמאָלט אַזוי געגלייבט. אַ נייער גייסט האָט גענומען באַהערשן די גאַנצע רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונג. עס איז געווען אַזוי ווי אַ טויזנט פאַרלוירענע האָפענונגען וואָלטן פּלוצים אויפגע־שטאַנען צו תחית המתים, און זיי האָבן זיך מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם גלויבן. מיר אַלע האָבן דעמאָלט געפילט אַזוי ווי אולריך פאָן הוטטען: „די גייסטער האָבן אויפגעוואַכט! דאָס איז די נייע תאווה צום לעבן!"

עטלעכע וואָכן נאָך דער גיליאָטינירונג איבער וואַיאַנען האָב איך זיך אַריבערגעצויגן קיין סאַן דני. אַ מיטגליד פון אונדזער דייטשער גרופּע אין

פּאַריז האָט מיר געהאַט פאַרגעשלאָגן אַ העלפט פון זיין וווינונג אין סאַן דני פאַר אַ זייער ביליקן פּרייז. זיין דירה איז פּלוצים אים געוואָרן צו גערא̈ם, מחמת זיין פרוי האָט אים געהאַט פאַרלאָזט. היות אָבער זיין קאָנטראַקט מיטן באַלעבאָס פונעם הויז איז נאָך געווען גילטיק אויף אַ גאַנץ יאָר, האָט ער ניט געקאָנט אויפגעבן זיין דירה פאַרן טערמין. און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט בלייבן וווינען אַליין, האָט ער מיר אָנגעבאָטן זיך אַרי־בערצוציען צו אים. איך האָב דעמאָלט גראָד ווידער געאַרבעט פאַר זיך, ניט ביי יענעם. מיינע הויפּט־קונים זיינען אין יענער צייט געווען עטלעכע בוכהענדלערס אינעם לאַטיינישן קוואַרטאַל. אין צוגאָב צו דעם האָב איך אויך אַריינגעקראָגן קלענערע באַשטעלונגען אין דעם קרייז פון מיינע באַ־קאַנטע, און איטלעכע פאַר חדשים איז מיר אויך אַריינגעפאַלן אַ ביסל אַרבעט פון דער „רוסישער פאָלקס־ביבליאָטעק". איך האָב דעמאָלט פאַר־דינט ניט קיין סך, אָבער עס איז געווען גענוג פאַר מיר אַדורכצוקומען מיט דעם באַשיידענעם לעבן, וואָס איך האָב דעמאָלט געפירט. פון סאַן דני קיין פּאַריז איז ניט געווען ווייט, און די פאַרבינדונגען זיינען אויך געווען גוטע. האָב איך דעריבער אָן שום שהיות אָנגענומען מיין פריינדס פאָרשלאָג. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ זייער שיינע וווינונג פון פיר צימערן אויף דעם פּלאַס וויקטאָר הוגאָ, פּונקט אַנטקעגנאיבער דער אַלטער קאַטעדרע, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. איך האָב מיר באַלד אויסגעשטאַט מיין צימער ווי אַ וואַרשטאַט, און מיר האָבן אַזוי צוזאַמען געהויזט ביז איך בין שפּעטער אַוועק קיין לאָנדאָן.

מיין פריינד זשאַן וואַלמאַן איז געווען אַן עלזאַסער פון געבורט. ער איז זייער יונג געהאַט געקומען קיין פּאַריז, און ער האָט דערפאַר גערעדט בעסער פראַנצייזיש ווי דייטש. ער האָט געאַרבעט ווי אַ טאַפּעטן־דרוקער אין אַ קליינער פאַבריק אין סאַן דני. אָבער זיין פאַך האָט אין יענער צייט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס, אַזוי, אַז ער האָט דעמאָלט געאַרבעט ניט מער ווי אַ דריי־פיר טעג אַ וואָך. מיר האָבן געפירט אונדזער באַלעבאַ־טישקייט בשותפות און מיר האָבן געלעבט אַזוי שפּאַרעוודיק ווי עס איז נאָר געווען מעגלעך. אָבער קיין בפירושע נויט האָבן מיר דאָך ניט געליטן. זשאַן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מענטש, מיט וועמען עס איז געווען זייער גרינג גוט אויסצוקומען. ער האָט געהאַט אַ סך געלייענט און ער האָט פאַרמאָגט אַ געזונטן שכל ביים אורטיילן איבער מענטשן און זאַכן. איך פלעג אים שוין פריער, ווען ער האָט נאָך געלעבט מיט זיין פרוי, גאַנץ אָפט באַזוכן. ער איז געווען אַ דריי אָדער פיר יאָר עלטער פון מיר און ער האָט זיך אויפגעפירט לגבי מיר ווי אַן עלטערער ברודער. דורך אים בין איך געוואָרן באַקאַנט מיט אַ צאָל פראַנצייזישע חברים אין סאַן דני, צווישן זיי מיט עליזעי באַטאַר, איינער פון די באַקאַנטסטע אַנאַרכיסטישע רעדנערס אין יענער צייט, און אַן אויסערגעוויינלעך גוטער חבר.

יענע פראַנצייזישע חברים האָבן געהאַט דעמאָלט געגרינדעט ביים קאַנאַל פון סאַן דני אַ מין קאָלאָניע, וואָס האָט געמאַכט אַ ספּעציפישן איינדרוק. די הייזער זיינען באַשטאַנען פון אַלטע באַנוואַגאָנען, וואָס מען האָט זיי פון

אינעווייניק געהאַט איבערגעבויט ווי ווױנונגען. אין זומער האָט דאָרטן יעדן זונטיק זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. עס זיינען תמיד דאָרטן אַהין געקומען עטלעכע הונדערט מענטשן פון דער אומגעגנט. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט זייער עסן און זיך געטיילט מיט די מאַלצייטן מיט די חברים. אָבער דאָך איז אַלץ צוגעגאַנגען היפּש געמיטלעך. מען האָט דעבאַטירט וועגן אַלע מעגלעכע ענינים, און מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערישע לידער צוזאַמען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. אָפט זיינען אויך געקומען צוגאַסט אַזעלכע באַקאַנטע אַנאַרכיסטישע פּאָעטן ווי פּאָל פאָיעט און פּער לאַפּורזש וועלכע האָבן פאַר די חברים פאַרגעלייענט די בייעסטע שאַפונגען פון זייער דיכטערישע מוזע. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און קאָלאָ־ריט צו די דאָזיקע זונטיקדיקע צוזאַמענקומען. סאַן דני און די אינדוסטריעלע געגנטן אַרום זיינען שוין זינט אַלטע צייטן געווען פעסטונגען פון דער רעוואָלוציאָנערישער באַוועגונג אין פראַנקרייך, און איך האָב זיך תמיד געפילט זייער גוט אין יענעם קרייז.

אין דעם הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, האָט אויך געלעבט אַ געוויסער פעראַן מיט זיין פרוי. ער איז געווען אַ מאַן פון אַן ערך פופציק יאָר, וועלכער האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין דעם פראַנצייזיש־פרייסישן קריג פון 1870־1871, אין וועלכן ער האָט געהאַט פאַרלוירן זיין לינקן אָרעם. ער האָט געהאַט אַ קליינעם שלעכט־באַלוינטן פּאָסטן ווי אַ שטאָטישער שרייבער. אָבער אַזוי ווי ער האָט אויך, ווי אַ קריגס־אינוואַליד, באַקומען אַ קליינעם יערלעכן געהאַלט פון דער רעגירונג, האָט ער געלעבט אין גאַנץ פאַרטראָגלעכע אומשטאַנדן. דער דאָזיקער פעראַן איז געווען אַ קאָמישער חברהמאַן. ער פלעגט זינט יאָרן מינדסטנס איין מאָל אַ וואָך אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי זשאַנען, הגם ביידע האָבן זיך תמיד אַרומגעריסן וועגן אַלץ און אַלעמען, מחמת זיי האָבן וועגן קיין שום ענין ניט געהאַט די זעלביקע מיינונג. פעראַן איז געווען אַ פייערדיקער פראַנצייזישער פּאַטריאָט, וועלכער האָט פּרינציפּיעל געהאַסט די דייטשן. אַזוי האָט ער דאָס תמיד באַטאָנט ביי איטלעכער געלעגנהייט. זשאַן, ווי אַן עלזאַסער, איז, נאַטירלעך, פאַר אים ניט געווען קיין דייטש, נאָר אַן עכטער פראַנצויז. דעריבער טאַקע האָט עס פעראַנען אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן דאָס, וואָס זשאַנען האָט געפעלט דער אמתער פראַנצייזישער פּאַטריאָטיזם פון די אַנדערע עלזאַסער, וואָס וועגן זיי האָט פעראַן געוווסט אויף זיכער, אַז זיי אַלע וואַרטן שוין מיט גרויס בענקשאַפט אויף דער שעה ווען די פראַנצייזישע פאָן וועט ווידער אַמאָל פלאַטערן הויך פונעם שפּיץ פון דעם מינסטער אין שטראַסבורג. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן ניט תמיד גערעדט בלויז וועגן פּאָליטיק און פעראַן איז געווען אַ גאַנץ צוגעלאָזענער מענטש און ניט קיין לגמרידיקער נודניק, איז קיין מאָל צווישן די ביידע שכנים ניט געקומען צו קיין אָפענעם ברוגז. ביידע זיינען תמיד געבליבן גוטע שכנים, און זיי האָבן טאַקע אויך אָפט איינער דעם אַנדערן אַרויסגעהאָלפן. דאָס דאָזיקע פאַרהאַלטן זיך צווישן אָט די צוויי האָט זיך אויך ניט געענדערט דורך מיין ווערן דאָרט אַ דריטער שכן. פעראַן האָט נאָך אַלץ אונדז אָפּגעשטאַט זיינע רעגולערע וויזיטן, כאָטש

ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ דײַטש. ער איז אַפילו אָפּט אַרײַנגעפֿאַלן אין אונדזער דירה ווען איך בין געווען אַליין אין דער היים, און ער האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי איך אַרבעט.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, איז ער ווידער אַמאָל אַרײַנגעקומען צו אונדז, אָבער דאָס מאָל איז ער געווען אַנגעלאָדנט ווי אַ רעוואָלווער. ער האָט נאָר וואָס געהאַט געלייענט אין זײַן צײַטונג, אַז די דײַטשן האָבן שוין ווידער אויפֿסנײַ פֿאַרשטאַרקט זייער אַרמיי. די צײַטונגען אין פֿראַנקרײַך האָבן דעמאָלט אַ סך גערעדט וועגן דער דײַטשער מיליטערישער צוגרייטונג צו אַ נײַער מלחמה קעגן פֿראַנקרײַך. פֿאַר פֿעראַנען איז דאָס, נאַטירלעך, געווען נײַע אַמוניציע אויסצולאָדענען זײַן כּעס קעגן די דײַטשן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן זיך געפֿונען אינעם סאַמע מיטן פֿון אַ שאַרפֿן וואָרט־געפֿעכט. ער האָט באַשולדיקט דײַטשלאַנד, אַז זי שטערט בכּיוון דעם שלום אין אייראָפּע און אַז זי פּלאַנירט פֿראַנקרײַכס אונטערגאַנג. ער האָט פֿאַר די דײַטשן ניט געהאַט קיין איינציק גוט וואָרט, און ער האָט זיי באַשולדיקט אין אַלדאָס שלעכטס, און ער האָט זיי אויך געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלע צרות אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב אים פּרובירט אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַז מען קאָן ניט פֿאַרמשפּטן גאַנצע פֿעלקער אויפֿן סמך פֿון דעם, וואָס זייערע רעגירונגען פּלאַנירן אָפֿן אָדער אין געהיים קעגן זייערע שכנים. איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן גענוג דײַטשן, וואָס פֿאַראורטיילן די אַנעקסיע פֿון עלזאַס־לאָטרינגען און אירע גורלדיקע נאָכווייען פּונקט אַזוי שטאַרק ווי ער אַליין טוט דאָס. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט מיט דעם אַלטן באַקאַנטן זאָג, אַז איטלעך פֿאָלק האָט די רעגירונג, וואָס עס האָט זיך פֿאַרדינט.

„אויב דאָס איז דער פֿאַל" — האָב איך געזאָגט — „האָבן דאָך אויך די פֿראַנצויזן ניט מיט וואָס זיך איבערצונעמען בנוגע זייער אייגענער רעגירונג. וואָרן אַ רעגירונג, וואָס דערלויבט און דערמוטיקט פּאַנאַמאַ־גנבֿים און אַנדערע פֿינאַנציעלע סקאַנדאַלן, איז ניט אַזאַ שטאָלץ פֿאַרן פֿראַנצייזישן פֿאָלק."

„מיט דעם דאָזיקן געזינדל" — האָט ער געענטפֿערט — „וועלן מיר זיך שוין אַליין ספּראַווען. פֿראַנקרײַך איז דאָס לאַנד פֿון רעוואָלוציע, און זי האָט דאָך שוין גענוג אָפּט באַוויזן, אַז אַ פֿראַנצייזישע רעגירונג אָן דעם ווילן פֿונעם פֿאָלק קאָן לאַנג ניט עקסיסטירן. די דײַטשן אָבער בלײַבן אונטערגעוואָרפֿן אונטער איטלעכן דעספּאָטיזם, און זיי טראַכטן אַפילו ניט וועגן דעם ווי אַזוי זיך אײַנצושטעלן פֿאַר זייערע רעכט."

נאָך דעם ווי איך האָב אים געהאַט אויף אַ רויִקן און דעטאַלירטן אופֿן דערקלערט מײַן שטאַנדפּונקט וועגן דעם גאַנצן דעמאָלטיקן אייראָפּעישן מצבֿ, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, און צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אויב אַזוי, באַדויער איך דאָס, וואָס איר זענט אַ דײַטש."

„פֿאַר וואָס?" — האָב איך אים געפֿרעגט מיט אַ שמייכל — „איך בין דאָך פּונקט אַזוי ווייניק פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר מײַן געבורט ווי איר פֿאַר אייערער. בלויז אויף דעם, וואָס מען מאַכט פֿון זיך גופֿא, מעג מען שטאָלצירן.

אָבער דאָס, וואָס דער צופאַל האָט פון אונדז געמאַכט, איז דאָך ניט אונדזער פערזענלעכער פאַרדינסט און מיר קאָנען דערפאַר אויך ניט זיין פאַראַנט־וואָרטלעך. עס איז דאָך זינלאָז צו שטאָלצירן מיט איינעמס אָפּשטאַם, אָדער צו שעמען זיך מיט אים. עס איז דאָך ניט אייער פאַרדינסט, אַז איר זענט אַ פראַנצויז, פונקט אַזוי ווי עס איז ניט מיין שולד, אָדער שאַנד, אַז איך בין אַ דייטש. אייער גרויסער לאַנדסמאַן באַמאַרשעי האָט דעם גאַנצן ענין גאַנץ שכלדיק אָוועקגעשטעלט, ווען ער האָט וועגן די פראַנצייזישע אַריס־טאָקראַטן אַ זאָג געטאָן: יענע הערן האָבן זיך באמת באַזונדערס באַמיט געבוירן צו ווערן..."

דערויף האָט פּעראַן זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„איר זענט אַ סאָפיסט, מיין טייערער פריינד, פונקט אַזוי ווי אַלע דייטשן. איך קאָן אייך בלויז זאָגן, אַז ווען איך וואָלט געהאַט דאָס אומגליק צו לעבן אויף דער וועלט ווי אַ דייטש, וואָלט איך זיך דערשאָסן צום טויט."

„איך דאַנק אייך פאַר דער פריינדלעכער עצה, מ'סיע פּעראַן" — האָב איך אים געלאַכט אין פּנים אַריין — „אָבער איך האָף, אַז איר וועט דאָס ניט נעמען פאַר אומגוט און אַז איר וועט זיך אויך ניט פילן באַליידיקט, אויב איך וועל אייער פריינדלעכע עצה ניט אָננעמען."

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער ווידער אַריינגעקומען צו מיר אין וואַרשטאַט, באַלאָדנט מיט צוויי שווערע פּעק. דאָס זיינען געווען גרויסע פּעק ביכער, וואָס ער האָט געהאַט צונויפגעזאַמלט פון זיינע פריינד פאַר מיר איינצובינדן, און ער האָט צו מיר פריינדלעך געזאָגט: „מ'סיע ראָקער, איך ברענג אייך אַרבעט."

איך בין אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון זיין זשעסט, וואָס איז באמת געווען אַ פריינדלעכער אין יענער צייט פון אַן אַלגעמיינער גרויסער אַר־בעטסלאָזיקייט אין פראַנקרייך, אַז איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין ווער־טער. אָבער באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן דער קאָמישער אַספּעקט פון דעם גאַנצן ענין, און איך האָב זיך צעלאַכט: „אָבער מ'סיע פּעראַן, איר זענט דאָך אַ שלעכטער פּאַטריאָט! די אַרבעט, וואָס איר האָט פאַר מיר געבראַכט, האָט איר דאָך אָוועקגענומען פון אַ פראַנצויז!"

„אָ, מ'סיע ראָקער" — האָט ער זיך איצטער באמת געפילט געטראָפן — „ווי שלעכט איר קענט די פראַנצויזן! אין קריג קעגן אייך וואָלט איך אייך דערשאָסן צום טויט. אָבער דאָ, ווו איר זענט אַ פרעמדער, קומט דאָך אייך אָן שווערער ווי פאַר אַ פראַנצויז צו דערשלאָגן זיך צו אייער חיונה. עס איז טאַקע אומפאַרגעבלעך דאָס, וואָס איר זענט אַ דייטש. אָבער אין אייער פאַל וואָלט עס פּשוט געווען ניט שיין אייך צו באַשטראָפן דערפאַר. אַ חוץ דעם, בין איך גאָר ניט אַזוי זיכער, אַז אייער מוטער איז ניט געווען פאַרליבט אין אַ פראַנצויז..." — און מיר האָבן זיך ביידע האַרציק צעלאַכט.

די אַכט חדשים, וואָס איך האָב געוווינט אין סאַן דני, זיינען באמת אַדורך היפּש גיך. איך בין איטלעכע וואָך געקומען צוויי אָדער דריי מאָל קיין פּאַריז. ווען דאָס וועטער איז געווען גינציק, האָב איך געמאַכט לאַנגע שפּאַצירן און ווייטע אויספלוגן צופוס. צוויי מאָל האָבן מיר אַזוי עולה רגל

געווען פון סאַן דני קיין ווערסאַי, אַהין און צוריק אין דעם זעלביקן טאָג. דאָס איז אַ וווּנדערלעכער וועג איבער קלישי, נעיאיאַי, דורך דעם וואַלד בואַ דע בולאָן, און דורך דעם פּרעכטיקן פּאַרק סאַן קלו. אָפּט האָבן מיר זיך אָפּגערעדט מיט די חברים פון פּאַריז און מיר האָבן געמאַכט די דאָזיקע עקסקורסיעס צופוס צוזאַמען. פּאַריז איז אַ וווּנדערלעכע שטאָט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּראַכטפולער אומגעגנט, און מען ווערט קיין מאָל ניט מיד צו באַוווּנדערן סיי די שטאָט און סיי די גאַנצע געגנט אַרום איר. און דערצו זיינען מיר אַלע נאָך דעמאָלט געווען אַזוי יונג און אַזוי פריש און אַזוי פול מיט דעם נייגער צום לעבן. ווער האָט דעמאָלט געקאָנט אָנען וואָס דער גורל האָט פאַר אונדז געהאַט צוגעגרייט פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן.

דער אַטענטאַט אין ליאָן

אין דער לעצטער וואָך פונעם חודש יוני, אין 1894, האָב איך פון לעאָפּאָלד זאַקן, דעם סעקרעטאַר פון אונדזער גרופּע אין פּאַריז, באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיך געבעטן אים אָפּצושטאַטן אַ וויזיט, מחמת ער האָט געהאַט אַ סך ענינים זיך אַדורכצורײדן מיט מיר. איך בין דעריבער דעם 23סטן יוני, שפּעט נאָכמיטאָג, אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, און מיר האָבן זיך דאָרטן באַגעגנט אין דעם זעלביקן קליינעם רעסטאָראַן, אין וועלכן ער פלעגט עסן זינט לאַנגע יאָרן. מיר האָבן געשמועסט דעם גאַנצן אָוונט וועגן פאַרשיידענע ענינים. און אַזוי ווי עס איז געוואָרן היפּש שפּעט, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל שוין בלייבן איבער נאַכט ביי אים אין האָטעל. אויף צו מאָרגנס האָב איך נאָך אויך געהאַט צו דערלײדיקן עטלעכע זאַכן אין פּאַריז, און ערשט שפּעט אין אָוונט האָב איך זיך געלאָזט אויף מיין וועג אַהיים, קיין סאַן דני. און היות מיינע פריינד טומאַר און ראַדעל האָבן דעמאָלט געוווינט ניט ווייט פון דער רי דע לאַ שאַפּעל, ווו איך פלעג געוויינלעך נעמען דעם טראַמוויי קיין סאַן דני, האָב איך באַשלאָסן אויך זיי אָפּצושטאַטן אַ קורצן וויזיט. אָבער דער דאָזיקער באַזוך האָט זיך אויסגעצויגן אַ סך לענגער ווי איך האָב געהאַט גערעכנט. ווען איך האָב זיך צום סוף געלאָזט אויפן וועג אַהיים און געהאַט בדעה צו כאַפּן אין צייט דעם לעצטן טראַמוויי קיין סאַן דני, האָב איך אויף דער גאַס דערהערט די צייטונגס־פאַרקויפערס אויסשרייען: „לע פּרעזידאַן אַסאַסינעי פּאַר אַן איטאַליאַן!‟ („דער פּרעזידענט איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַן איטאַליענער!‟)

איך האָב תיכף געקויפט דעם עקסטרע־נומער „ל׳אַנטראַנסיזשאַן‟ און איך האָב דאָרטן געלייענט, אַז סאַדי־קאַרנאָ, דער פראַנצייזישער פּרעזידענט, איז אויף דער קאָלאָניאַלער אויסשטעלונג אין ליאָן דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ יונגן איטאַליענער, וועלכער האָט אים דערשטאָכן צום טויט. די ערשטע באַריכטן זיינען געווען זייער קורצע. לויט זיי איז אויסגעקומען, אַז דער פּרעזידענט האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן די אויסשטעלונג פון דעם „פּאַלעי די קאָמערס‟, און געהאַט בדעה צו גיין צום „גראַן טהעאַטער‟, ווו מען האָט לכבוד אים געהאַט צוגעגרייט אַ גאַלאַ־פאָרשטעלונג. בעת די פּרעזידענטישע קאַרעטע איז געפאָרן, אַן אַרומגערינגלטע דורך די רייטנדיקע

קיראַסירן, איבער די מיט מענטשן אָנגעפּאַקטע גאַסן, האָט זיך דורך דעם געדיכטן געדראַנג פּלוצעם אַדורכגעריסן אַ יונגער מענטש און ער האָט אַריינגעשטאָכן אַ לאַנגן מעסער אין דעם פּרעזידענט קאַרנאָס ברוסט אַריין. דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי בליצשנעל, אַז די צוויי גענעראַלן און דער בירגערמייסטער פון ליאָן וועלכע זיינען געזעסן צוזאַמען מיטן פּרעזידענט אין דער קאַרעטע, האָבן קוים באַמערקט וואָס דאָ איז געהאַט געשען. די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, אַז הגם קאַרנאָ לעבט נאָך, זיינען פאַראַן גאַנץ שוואַכע האָפענונגען, אַז ער זאָל בלייבן לעבן, מחמת דעם מערדערס מעסער האָט איבערגעשניטן איינע פון די הויפּט־אַרטעריעס און דערמיט גורם געווען שווערע אינערלעכע בלוטונגען.

דער אַטענטאַטאָר איז באַלד געכאַפּט געוואָרן. אָבער דערווייל האָט מען נאָך ניט געוווּסט גאָר ניט וועגן די מאָטיוון פון זיין געוואַלדאַקט. עטלעכע צייטונגען האָבן ספּעקולירט, אַז דער אָנפאַל אויפן פּרעזידענט האָט אפשר געהאַט צו טאָן מיט די בלוטיקע געשעענישן אין עיגי־מאָרט. דאָס איז געווען אַ קליין שטעטל, אין וועלכן עס איז מיט אַ צייט פריער געהאַט געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אומוויסנדיקע פראַנצייזישע און איטאַליענישע אַרבעטער. ביי יענע געשלעגערייען זיינען לעצטנס געהאַט דערהרגעט געוואָרן עטלעכע אַרבעטער. האָט מען דעריבער געגלייבט, אַז דער פּרעזידענט איז געפאַלן אַ קרבן דורכן מעסער פון אַן איטאַליענישן פּאַטריאָט, וועלכער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר זיינע דערמאָרדעטע לאַנדסלייט.

ווען איך בין געקומען אַהיים, האָט זשאַן נאָך בכלל ניט געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס איז געהאַט נאָר וואָס געשען. איך האָב אים געגעבן די צייטונגען, וואָס איך האָב געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך. ער האָט גיך אַי־בערגעלייענט די קעפּ, און ער איז באַלד געוואָרן זייער ערנסט. ער האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט אויף אַלערליי מעגלעכקייטן. ער האָט ניט געגלייבט, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט די געשעענישן אין עיגי־מאָרט. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אַטענטאַט אין ליאָן האָט ניט קיין שום שייכות מיט די דערהרגעטע איטאַליענער. איך בין אויך געווען מיט דער זעלביקער מיינונג. איך האָב תיכף געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אָנגריף מצד אַן אַנאַרכיסט. די שווערע רדיפות אויף אַנאַרכיסטן נאָך דעם אַטענטאַט פון עמיל אָנרין איבער גאַנץ פראַנקרייך האָבן געפירט צו אַזאַ מין שלוס. אין אַזאַ מין צערודערטער צייט האָט מען געמוזט זיך ריכטן אויף דעם, אַז די ברוטאַלע אונטערדריקונג מצד דער רעגירונג פון אַלע פּערזענלעכע בירגערלעכע רעכט וועט דערפירן ערגעץ ווו אַ מענטש מיט אַ ליידנשאַפטלעכער סענסיוויטעט צו באַגיין אַזאַ מין געוואַלדאַקט. נאָך דער עקזעקוציע איבער וואַיאַנען האָבן אַפילו אַזעלכע בירגערלעכע צייטונגען ווי דער „ל'אַנטראַנסיזשאַן", למשל, כסדר אויסגעדריקט די דאָזיקע מורא. אין דעם איצטיקן פאַל האָבן די רעזולטאַטן געמוזט זיין נאָך מער גורלדיקע, מחמת דאָ איז דאָך דער אַטענטאַטאָר געווען אַן אויסלענדער. ביי דעם רעאַקציאָנערישן איינשטעל פון דער איצטיקער רעגירונג האָט מען זיך

געמוזט רעכענען מיט דעם, אַז דער דאָזיקער געוואַלדאַקט וועט איר געבן אַ גוטן אויסרייד אויפצוהייבן אַן אַלגעמיינע העצע קעגן די פרעמדע אינעם לאַנד און אַ געיעג אויף אַלע אויסלענדישע אַרבעטער, אויב עס וועט זיך טאַקע אַרויסשטעלן, אַז דער אַטענטאַט אויפן פּרעזידענט האָט הינטער זיך פּאָליטישע מאָטיוון.

אונדזערע השערות האָבן אונדז דעמאָלט לגמרי ניט אָפּגענאַרט. אויף צו מאָרגנס זיינען שוין אַלע צייטונגען געווען פול מיט מער אייַנצלהייטן וועגן דער געשעעניש אין ליאָן. קאַרנאָ איז עטלעכע שעה נאָכן אַטענטאַט געשטאָרבן פון דער געפערלעכער וווּנד, וואָס איז אויך געווען פאַטאַל. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַטענטאַטאָר וואָלט אין דער אַלגעמיינער פּאַניק, וואָס זיין געוואַלדאַקט האָט געהאַט אַרויסגערופן, גרינג געקאָנט זיך אַרויסדרייען און פאַרשווינדן אינעם גרויסן געדראַנג. אָבער אַנשטאָט זיך צו מאַכן ניט וויסנדיק, אַז ער האָט דאָס נאָר וואָס געהאַט דערשטאָכן דעם פּרעזידענט און צו בלייבן אַנאָנים צווישן דער געדיכטער היסטערישער מאַסע, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען אויף די העכסטע קולות „וויוו לאַ רעוואָלוסיאָן!“ („זאָל לעבן די רעוואָלוציע!“) דערמיט האָט ער פּאַקטיש גערופן די פּאָליציי, אַז זי זאָל קומען און אים אַרעסטירן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט אין אַזאַ פאַל ניט געלאָזט לאַנג זיך בעטן. ווען מען האָט אים געפרעגט זיין נאָמען און פאַרוואָס ער איז באַגאַנגען זיין געוואַלד־אַקט, האָט ער געענטפערט, אַז ער הייסט סאַנטאָ־דזשעראָנימאָ קאַזעריאָ, און אַז ער האָט געוואָלט נעמען נקמה פאַר דער גיליאָטינירונג איבער וואַיאַנען. ביסלעכווייז זיינען געוואָרן באַקאַנט נאָך מער אייַנצלהייטן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קאַזעריאָ איז געהאַט געבוירן געוואָרן אין 1873, אין מאָטאָ־וויסקאָנטי, אַ קליין שטעטל אין לאָמבאַרדיע. ווען ער איז אונטער־געוואַקסן האָט ער זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך פון בעקעריי. צו אַכצן יאָר האָט ער זיך באַקענט מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אין 1892 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין מילאַן פאַר פאַרשפּרייטן צווישן די סאָלדאַטן אַנטי־מיליטאַריסטישע פלוגבלעטלעך. נאָך זיין באַפרייאונג פון דער תפיסה, אָבער אויף פּאַראָל און מיטן תנאי, אַז ער וועט בלייבן אונטער דער השגחה פון דער פּאָליציי, איז ער אין מאַרץ, 1893, אַנטלאָפן קיין שווייצאַריע. דערמיט האָט ער זיך אויך געוואָלט אַרויסדרייען פונעם מיליטערישן דינסט אין איטאַליע. נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין זשענעווע איז ער אַוועק קיין פראַנקרייך, ווו ער האָט צו עטלעכע וואָכן געוווינט אין ליאָן און אין וויען, ביז ער האָט צום סוף באַקומען שטענדיקע אַרבעט אין אַ בעקעריי אין סעט. דאָרטן האָט ער געאַרבעט ביז צום טאָג פון פאַר זיין אַטענטאַט אויף דעם פּרעזידענט. דעם 23סטן יוני האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט פון סעט און אויף צו מאָרגנס איז ער אָנגעקומען קיין ליאָן נאָך דעם, ווי ער האָט אַ טייל פון דעם וועג געהאַט אַדורכגעמאַכט צופוס. היות ער האָט קוים געקאָנט ריידן פראַנצייזיש און ער האָט דורך זיינע פראַגעס ניט געוואָלט אַרויסרופן קיין חשד צו זיך, איז ער שטום מיטגעגאַנגען מיט דעם המון, וועלכער האָט געשטראָמט צו די גאַסן, דורך וועלכע עס האָט געזאָלט אַדורכפאָרן

דער פרעזידענט. און אין אַ פּאָר שטונדן שפּעטער איז ער באַגאַנגען זיין געוואַלדאַקט.

די צוגרייטונגען, וואָס קאַזעריאָ האָט געמאַכט איידער ער איז באַגאַנגען דעם אַטענטאַט, זיינען געווען אַזוי אומגלייבלעך פּרימיטיוו, אַז עס איז כמעט אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי אַ פרעמדער, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען קיין ליאָן און ער האָט ערשט אין דער שטאָט גופא אויסגעפונען דעם גאַנצן מאַרשרוט פון דער פּראָצעסיע לכבוד דעם פּרעזידענטס באַזוך אויף דער דאָרטיקער אויסשטעלונג, האָט געקאָנט אַדורכפירן אויף אַזאַ איינגעגעבענעם אופן זיין געוואַלדאַקט אָן די מינדסטע שטערונגען מצד וועמען עס זאָל ניט זיין געווען. אין דער זעלביקער צייט האָט יענער אַטענטאַט אויך קלאָר באַוויזן, אַז אַלע רדיפות מצד דער רעגירונג און דאָס באַגרענעצן די פרייהייט פון דער פּרעסע און דאָס רעכט אויף פאַרזאַמלונגען זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו פאַרהיטן, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין געוואַלדאַקטן. די דראַקאָנישע מאָסמיטלען מצד דער רעגירונג האָבן גאָר געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די אַלגעמיינע פאַרביטערונג און זיי האָבן דערגרייכט פּונקט דעם היפּוך פון דעם, וואָס זיי האָבן געזאָלט דערגרייכן. ביי די אַלע אַטענטאַטן אין יענער צייט האָט זיך דאָך תמיד געהאַנדלט וועגן יחידים, וועלכע זיינען באַגאַנגען זייערע מעשים אויף זייער אייגענער האַנט, און וואָס לויט דער אַלגעמיינער לעגאַלער אויפפאַסונג און לויט די יורידישע השגות פון די רעגירונגען גופא קאָן קיין אַנדערער ניט געמאַכט ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געוואַלדאַקטן פונעם אַטענטאַטאָר. אין קיין איינציקן פאַל זיינען די געריכטן ניט געווען אין שטאַנד פעסטצושטעלן די באַטייליקונג פון אַנדערע פערזאָנען, הגם די פּאָליציייִשע אינסטאַנצן האָבן תמיד געאַרבעט מעשים צו קומען אויף דער שפּור פון מיטהעלפערס, אָדער סתם אַזוי צוצוטשעפּען כלומרשטע שותפים. די אַזוי־גערופענע „פאַראייניקונג פון די רשעים“ („אַסאָסיאַסיאָן דע מאַלפעטעיר“), וועגן וועלכער מען האָט זיך דעמאָלט אָנדערציילט אַזוי פיל מעשה־נוראָס, האָט עקסיסטירט בלויז אין דער פאַנטאַזיע פון דער רעגירונג און פון דער פּאָליציי. מען דאַרף אַפילו אָננעמען אויף זיכער, אַז די רעגירונגס־לייט גופא האָבן ניט געגלייבט אין דעם משוגענעם איינפאַל, הגם זיי האָבן זיך גאַנץ גוט באַנוצט מיט אים ווי מיט אַ באַקוועמען אויסרייד פאַר זייערע רעאַקציאָנערישע אַטאַקעס אויף די רעכט פונעם פאָלק און כדי רעכטצופאַרטיקן זייערע נייע אונטערדריקערישע געזעצן. דער פאַקט גופא, וואָס די פּאָליציי האָט קיין איינציק מאָל ניט געקאָנט געפינען קיין שום פאַרשווערונג מיט קאָנספּיראַטאָרישע שותפים, הגם זי האָט נאָך איטלעכן אַטענטאַט שווער געאַרבעט צו געפינען די מיטהעלפערס, וואָלט דאָך שוין זינט לאַנג געדאַרפט האָבן געעפנט די אויגן פון דער רעגירונג, אויב זי וואָלט טאַקע זיך געוואָלט דערגרונטעווען צום אמת, אַז ביי איטלעכן געוואַלדאַקט האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן איין מענטש. אָבער דער רעגירונג האָט, הפּנים, געפעלט ניט בלויז דער חשק צו דערגרונטעווען זיך צום אמת, נאָר אַפילו אויך דאָס עלעמענטאַרסטע געפיל פאַר דעם פּשוטן יושר.

דער אַטענטאַט אין ליאָן האָט דער רעגירונג געגעבן אַ נייע געלעגנהייט צו באַווייזן איר אַלטע טעמפּקייט לגבי דעם אמת און יושר. דער געוואַלדאַקט קאַזעריאָס האָט איצטער געפירט צו נייע רדיפות, און דאָס פון אַזאַ ברוטאַלקייט, וואָס אַפילו אין די דיקטאַטאָרישע צייטן פון דער צווייטער אימפּעריע אין פראַנקרייך האָט מען אַזוינס ניט געזען. די גאַנצע אַנאַרכיסטישע פּרעסע איז אין בלויז עטלעכע טעג געוואָרן לגמרי אונטערדריקט, און די אַרויסגעבערס, אויב די פּאָליציי האָט געקאָנט אויף זיי אַרויפלייגן איר האַנט, זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן. צווישן די באַקאַנטע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז און אין די אַנדערע גרויסע שטעט איז קיין איינציקער ניט געבליבן אויף דער פריי, אויב ער האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטלויפן אין צייט קיין אויסלאַנד. די אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געלעבט ווי פּאָליטישע פליטים אין פראַנקרייך, זיינען מאַסנווייז אַרויסגעטריבן געוואָרן פונעם לאַנד. צווישן די אַרויסגעטריבענע האָבן זיך אויך געפונען אַ סך, וועלכע האָבן לחלוטין ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אָבער אין יענער צייט פון פאַרפאָלגונגען אויף איטלעכן פּאָליטישן אַפּיקורס האָבן קיין שום פּראָטעסטירונגען ניט געקאָנט העלפן, אַפילו ווען איינער האָט זיך געשווירן ביי באָרד און פּאות, אַז ער איז קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געווען קיין אַנאַרכיסט. די פּאָליציי און אירע מוסרים זיינען איצטער געוואָרן אַלמעכטיק, און זיי האָבן יעדן איינעם געלאָזט פילן זייער מאַכט, און עס איז שוין דעמאָלט ניט געווען וויכטיק צוליב וואָסער גרונט זיי האָבן דאָס געטאָן. עס איז געווען גענוג, אַז זיי זאָלן וואַרפן אַן אומחן אויף אַן אויסלענדישן רעוואָלוציאָנער, און יענער האָט שוין געוווסט, אַז ער מוז זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון פראַנקרייך.

צווישן די אַרויסגעטריבענע זיינען אין יענע יאָרן געווען אַ סך אויסלענדער, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט געהאַט געלעבט אין פראַנקרייך און אויך געהאַט פאַמיליעס מיט איינגעאָרדנטע היימען. די מערסטע פון זיי האָבן קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט דער פּאָליציי, מחמת זיי האָבן געלעבט שטיל און געצויגן זייער חיונה פון ערלעכער און שווערער פּראַצע. זייער אינציק פאַרברעכן איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען האָבן ניט נושא חן געווען אין די אויגן פון די דעמאָלטיקע מאַכטהאָבערס. צום ערגסטן זיינען דעמאָלט געטראָפן געוואָרן די פּאָטערס פון קינדער. זיי האָבן געמוזט, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע אויסלענדישע „אומגעוווּנטשענע עלעמענטן“, פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה נאָך דעם, ווי די פּאָליציי האָט זיי געהאַט באַפוילן דאָס צו טאָן. די פּאָליציי האָט זיי ניט געוואָלט געבן קיין שום עקסטרע צייט צו דערליידיקן אַפילו זייערע דרינגנדיקסטע ענינים און אויך ניט קיין צייט צו באַזאָרגן מיט דעם מינדסטן זייערע איבערגעלאָזטע אויף הפקר פרויען און קינדער. פון מיין אייגענעם ענגן קרייז פון חברים און באַקאַנטע זיינע אַ גאַנצע רייע איטאַליענישע, שפּאַנישע און רוסישע גענאָסן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך אויף דעם דאָזיקן אומברחמנותדיקן אופן. אויך אַלעקסאַנדער קאָהען און לעאָפּאָלד זאַק האָבן דעמאָלט אויף אַזאַ אופן געמוזט

פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דערצו איז לעאָפּאָלד געווען בלויז אַן אָפּאָזיציאָנעלער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער האָט זיך געהאַט באַטייליקט נאָר אין דער באַוועגונג פון די „יונגע", אָבער צום אַנאַרכיזם האָט ער קיין שום שייכות ניט געהאַט. אויך איך האָב געהאַט אַזאַ פּאָליציייִשן באַפעל צו פאַרלאָזן פראַנקרייך אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה צייט. אָבער איך האָב דערפון ניט געוווּסט, מחמת די פּאָליציי האָט מיר איר גירוש־באַפעל ניט געקאָנט צושטעלן.

און געשען איז דאָס צוליב דעם: איך האָב געהאַט, ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, אויפגעגעבן מיין וואוינונג אין פּאַריז, און זיך געהאַט אַריבערגעצויגן קיין סאַן דני, אָן איבערצולאָזן מיין נייעם אַדרעס. נאָך דעם אַטענטאַט אין ליאָן האָבן מיר אויפגעגעבן אונדזערע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אויף פאַבור די טאַמפּל, כדי ניט אויסצושטעלן אונדזערע מיטגלידער אויף אומנייטיקע עקסטרע סכנות. אויך די ייִדישע און רוסישע חברים האָבן דעמאָלט געטאָן דאָס זעלביקע מיט זייערע פאַרזאַמלונגען. איך בין דעריבער אין יענער צייט זייער ווייניק געקומען קיין פּאַריז, און איך האָב געהאַט אויפגעגעבן מיינע וויזיטן ביי פּאַטער מאַיער און ביי אַנדערע באַקאַנטע חברים, ביז דער ערשטער שטורעם פון הפקרדיקע פּאָליציייִשע אַרעסטן וועט זיין אַריבער. איז אַזוי אַרום געשען, אַז די פּאָליציי האָט ניט געהאַט מיין אַדרעס און זי האָט מיך אויך ניט געקאָנט געפינען אויף די פּלעצער, וווּ זי האָט מיך געזוכט. אַ חוץ דעם, איז די פּאָליציי דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט אַבלאַוועס, אָביסקן און אַרעסטן, אַז זי האָט אפשר ניט געהאַט גענוג צייט מיך צו שטאַרק אַרומצוזוכן. ווען איך בין מיט דרייצן יאָר שפּעטער ווידער אַמאָל געקומען קיין פּאַריז, בין איך אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקום אַרעסטירט געוואָרן, און מען האָט מיך גלייך געבראַכט אין דער „פּרעפעקטיר דע פּאָליס" אַריין. דאָרטן האָט מען מיר איבערגעגעבן דעם דרייצן־יאָר אַלטן פּאָליציייִשן גירוש־באַפעל און מען האָט מיך אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן פראַנקרייך אין משך פון דריי טעג צייט. דער דאָזיקער פאַל איז געווען אַזוי אויסטערליש, אַז די „ליג דע דרואַ דע ליאָם" (די „ליגע פאַר מענטשן־רעכט") האָט זיך מיט אים באַשעפטיקט אַ גאַנץ יאָר. אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן שפּעטער.

דעם 28סטן יולי, 1894, האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ נייַ געזעץ, וואָס האָט, אונטערן תירוץ פון אָפּשטעלן די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד, באַגרענעצט די פּרעסע־פרייהייט אויף אַזאַ אונטערדריקערישן אופן, אַז עס האָט בכלל שוין קיין פראַגע ניט געקאָנט זיין וועגן אַ פרייען אויס־טויש פון פּאָליטישע און סאָציאַלע מיינונגען. איטלעכער בירגער, וועלכער האָט, לויט דער השגה פונעם געריכט, געהאָלפן אויף וועלכן עס איז אופן צו באַגינציקן די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָט געקאָנט אויפן סמך פון נייעם געזעץ, באַשטראָפט ווערן צו דריי חדשים ביז צוויי יאָר תפיסה און מיט אַ געלטשטראָף פון הונדערט ביז צוויי טויזנט פראַנק. און די אַלע, וועלכע וועלן פאַראורטיילט ווערן צו די תפיסה־שטראָפן, וואָס וועלן אַרויס־געגעבן ווערן אויפן סמך פונעם נייעם געזעץ, וועלן מוזן אָפּזיצן זייערע

שטראָפן אין דער טורמע אין איינצלנע באַזונדערע צעלן. דאָס לעצטע איז טאַקע געווען דאָס אומגעהייערלעכסטע אין די אַזויגערופענע „פאַרברעכערישע געזעצן".

פון דעמאָלט אָן האָבן די פּראָצעסן קעגן די אַנאַרכיסטן איבערן גאַנצן לאַנד זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן. אין די מערסטע פאַלן זיינען מענטשן איבער די נישטיקסטע זאַכן באַשטראָפט געוואָרן מיט דראַקאָנישע אורטיילן. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אויפפירונג פון די געריכטן אין יענער צייט איז געווען דער פּראָצעס קעגן מעניעין. זיין פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 24סטן יולי, אַ חודש נאָך דעם אַטענטאַט אויף קאַרנאָ. מען האָט מעניעין באַשולדיקט אין צוויי דינאַמיטישע אויפרייסן, איינער אין דער קאַזאַרמע אין לאָבאָ און דער צווייטער אין דעם „קאַפעי וועריי", אין וועלכן ראַוואַשאָל איז געוואָרן אַרעסטירט. מעניעי איז אין 1892, נאָך אַ קורצן אַרעסט, אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. פון דאָרטן האָט ער עמיגרירט קיין קאַנאַדע. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן מיט דער דעה זיך צוריקצוקערן קיין פּאַריז. ער האָט שוין געהאַט געקויפט זיין בילעט קיין פּאַריז, ווען ער איז אויפן וואָקזאַל אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ענגלישער פּאָליציי. אויף דער אויפפאָדערונג פון דער פראַנצייזישער רעגירונג איז ער תיכף דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פראַנקרייך, ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט די פראַנצייזישע פּאָליציי.

מעניעי האָט אַנטשיידן אָפּגעלייקנט די געוואַלדאַקטן, אין וועלכע מען האָט אים געהאַט אָנגעקלאָגט. וואַיאַנס אַטענטאַט האָט קיינעם ניט דערהרגעט און אַפּילו אויך ניט קיינעם ערנסט פאַרוואונדעט, אָבער דאָך האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט און אים געקעפּט. ביי דעם דינאַמיטישן אויפרייס אין דעם „קאַפעי וועריי" זיינען אָבער צוויי מענטשן אומגעקומען. דערצו נאָך איז דער פּראָצעס קעגן מעניעין פאָרגעקומען אין אַזאַ צייט, ווען גאַנץ פראַנקרייך איז נאָך געווען אונטער דעם דירעקטן איינדרוק און אונטער דער בהלהדיקער השפּעה פון דעם אַטענטאַט אין ליאָן. מען האָט דעריבער ניט געקאָנט אָננעמען, אַז דאָס געריכט האָט דעמאָלט געהאַט בדעה צו שאַנעווען דעם אָנגעקלאָגטן. אָבער דאָס, וואָס מעניעי האָט זיך דאָך אַרויסגעדרייט פון דער זיכערער טויט־שטראָף, איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די געשווירענע ריכטערס האָבן אַליין געמוזט איינזען, אַז עס זיינען לגמרי ניטאָ קיין שום באַווייזן אין דער שולד פונעם אָנגעקלאָגטן. לויט דער טראַדיציע פון איטלעכער ציוויליזירטער יוריסטישער השגה וועגן יושר האָט מעניעי געמוזט דעמאָלט תיכף באַפרייט ווערן פון דער תפיסה און פון יעדן אָנקלאָג. אַפּילו ווען דאָס געריכט וואָלט ביי זיך געווען איבערלעך איבערצייגט אין מעניעיס שולד, וואָלטן די ריכטערס אין דעם איצטיקן פאַל געמוזט אַנטשיידן לטובת אים, מחמת זיי האָבן דאָך פאַקטיש ניט געהאַט קיין שום באַווייזן קעגן אים און זיי וואָלטן מיט גאָרניט געקאָנט רעכטפאַרטיקן זייער פּסק דין קעגן אים. און ווען מעניעי איז ניט געקוקט אויף דעם אַלעם דאָך פאַרמשפּט געוואָרן צו זיבן יאָר גיהנום אין דער שטראָף־קאָלאָניע פון דער פראַנצייזישער גויאַנאַ, האָט ער דאָס געקראָגן

בלויז מחמת זיין אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע. ער איז געוואָרן באַשטראָפט ניט פאַר זיינע מעשים, וואָס די באַשולדיקונג האָט געזאָגט, אַז ער איז זיי באַגאַנגען, הגם זי האָט ניט געהאַט קיין שום באַווייזן דערויף, נאָר ווייל ער האָט געהאַט דעם קוראַזש זיך אָפן מודה צו זיין, אַז ער גלייבט אין אַן אידעע, וואָס ווערט אין די אויגן פון די שופטים באַטראַכט ווי אַ פאַרברע־כערישע. צי דאַרף מען זיך וווּנדערן, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן זאָלן מענטשן פאַרלירן זייער גלויבן אין דער בירגערלעכער גערעכטיקייט, און אַז עס זאָלן זיך סוף כל סוף געפינען מענטשן, וועלכע זאָלן זיך פילן באַרעכטיקט צו נעמען אין זייערע אייגענע הענט אַריין דאָס רעכט, פון וועלכן מען האָט זיי אַליין אָדער זייערע חברים באַרויבט?

דעם 2טן אויגוסט איז קאַזעריאָ געשטעלט געוואָרן פאַר זיינע ריכטערס אין ליאָן. אויך דער דאָזיקער פּראָצעס האָט ניט געבראַכט קיין שום נייעס, וואָס דער עולם האָט שוין ניט פון פריער געהאַט געוווּסט. פון דער „גרויסער פאַרשווערונג״, וועגן וועלכער די גאַנצע בירגערלעכע פּרעסע האָט אַזוי היסטעריש געליאַרעמט און אַפילו איבערגעגעבן אויך די גענויסטע פּרטים, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. גאָר ניט, אָבער טאַקע לגמרי גאָר ניט, האָט אָנגעוויזן, אַז קאַזעריאָ האָט פּלאַנירט זיין געוואַלדאַקט מיט עמעצן אַנדערש, אָדער אַז ער האָט עמעצן געהאַט געלאָזט וויסן וועגן דעם, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן. דאָס גאַנצע אויסזען פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן, מיט אַ רעגולער פּנים, און מיט ווייכע, אַ ביסל פאַרחלומטע אויגן, וואָלט קיין מאָל קיינעם ניט געקאָנט ברענגען אויפן געדאַנק, אַז אָט דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך דעם אינערלעכן כּוח צו באַגיין אַ געוואַלדאַקט. אַפילו לאָמבראָזאָ האָט דעמאָלט געמוזט פעסטשטעלן, אַז קאַזעריאָס קאָפּשאַרבן און די פאָרמען פון זיין גאַנצן גוף זיינען גוט געבויט, און אַז אַ חוץ זיינע „צוגעוואַקסענע אויער־לעפלעך און אַ ביסל אַ שיטערע באָרד״, זיינען ביי אים ניט פאַראַן קיין שום אַנדערע „ביאָלאָגישע סימנים פון אַ געבוירענעם פאַרברעכער.״

קאַזעריאָס ענטפערס אין געריכט זיינען געווען קלאָר, אָפן, באַשטימט, און זיי האָבן אַפילו אויך אַרויסגעוויזן אַ געוויסע שאַרפקייט פון טראַכטן, הגם זייער שוואַכע קענטענישן פונעם פראַנצייזישן לשון האָבן אים דאָך אַ סך געשטערט אין אויסדריקן זיך אין גאַנצן פריי. אויף דער דערקלערונג פונעם ריכטערישן פאָרזיצער, אַז קאַזעריאָ האָט, לויט דער פּאָליציי־ישער פעסטשטעלונג, פאַרקערט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן אין איטאַליע און אין פראַנקרייך, האָט דער אָנגעקלאָגטער מיט אַ שטיקל איראָניע אין זיין טאָן געענטפערט: „וואָסערע טענות האָט איר צו מיר? איך האָב דאָך ניט געקאָנט פאַרקערן אין די קרייזן פון דער בורזשואַזיע. די איינציקע וועלט, וואָס איך האָב געקענט, איז געווען די וועלט פון די אַרבעטער.״ און ווען דער געריכטס־פאָרזיצער האָט קאַזעריאָן פאָרגעוואָרפן, אַז קורץ פאַרן באַגיין זיין געוואַלדאַקט האָט ער זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר ביי אַן אַנאַרכיסטישן באַרבירער, האָט ער דעם שופט געגעבן אויף גיך אַן ענטפער צוריק: „וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? איך האָב דאָך ניט געקאָנט זיך לאָזן אָפּשערן

די האָר ביי אַ בעקער!" און ווען דער זעלביקער פּאַרזיצערישער שופט האָט דערציילט, אַז קאַזעריאָ זאָל ביי עפּעס אַ געלעגנהייט זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז ער וועט באַזייטיקן דעם פּויפּס און דעם קיניג אַזוי גיך ווי ער, קאַזעריאָ, וועט זיך האָבן צוריקגעקערט אין זיין היימלאַנד, איטאַליע, האָט קאַזעריאָ מיט אַ שמייכל באַמערקט: „אָבער ניט ביידע מיט אַמאָל; זיי גייען דאָך קיין מאָל ניט שפּאַצירן צוזאַמען."

די פּרטים וועגן דעם לעבן פון דעם אָנגעקלאָגטן האָבן אינעם געריכט ניט אַרויסגעבראַכט קיין שום נייעס, וואָרן אַלץ האָבן שוין פון פריער געהאַט דערציילט די צייטונגען. אויך די דערקלערונגען פון די עדות ביים פּראָצעס האָבן ניט דערציילט קיין שום זאַך, וואָס איז געווען ניי בנוגע די פּרטים וועגן דעם אַטענטאַט. קאַזעריאָ האָט ניט פּרובירט זיך אַרויסצודרייען מיט קיין שום אויסריידן. ער האָט רויִק דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין אַטענטאַט, און אַז ער האָט ניט קיין שום אילוזיעס וועגן דעם, וואָס די רעזולטאַטן דערפון וועלן זיין. ווען דער געריכטס-פּאַרזיצער האָט אים פאַרגעהאַלטן, אַז ער, קאַזעריאָ, האָט ניט בלויז דערהרגעט אַ מלוכה-מאַן, נאָר אַז ער האָט אויך דערמאָרדעט אַ פאָטער פון קינדער, האָט דער אָנגעקלאָגטער געענטפערט: „עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל טאַטעס פון קינדער, וואָס קומען אום פון עלנט, נויט און פון שווערער פּראַצע. אויך וואיאַן האָט געהאַט אַ פרוי און אַ קליין טעכטערל. און עמיל אַנרי האָט געהאַט אַ מאַמע און אַ ברודער."

אין דעם דאָזיקן פּראָצעס זיינען ניט געשען קיין שום איבערראַשונגען. אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזוי ווי ביי אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג מיט שלעכט איינגעפּעטירטע ראָלעס. עס זיינען דאָרטן ניט פאָרגעקומען קיין שום נשמהדיקע שפּאַנונגען. אַפילו דאָס עדות זאָגן פון דעם סאָלדאַט לעבלאַן, וועלכער האָט געשווירן, אַז קאַזעריאָ האָט אים פאַרטרויט דעם גרויסן סוד, אַז ער, קאַזעריאָ, איז „דורך אַ ספּעציעלן גורל באַשטימט געוואָרן צו דערהרגענען דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק", האָט אויף קיינעם ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. שוין דאָס אויסערלעכע אויסזען פון דעם דאָזיקן סאָלדאַטסקען עדות האָט אַרויסגערופן אַן אומצוטרוי צו אים. זיינע רייד זיינען געווען ווי אַרויסגענומען פון אַ שונדראָמאַן, מיט געהיימע גורל-וואָרפערייען אין פינצטערע קעלערס און מיט די אַנדערע ביליקע שונדיסטישע קיצלדיקע מעשה-נוראס, און זיי האָבן קיינעם ניט געקאָנט משפּיע זיין. אַפילו דער געריכטלעכער פּרעזידענט ברעיאַק האָט זיך געשעמט אַ ביסל מיט דעם דאָזיקן אידיאָטיש-ליגנערישן עדות, און ער האָט אויסדריקלעך דערדערקלערט, אַז „לעבלאַנס עדות זאָגן האָט קיין שום באַטייט ניט."

אונטער די דאָזיקע אומשטאַנדן איז אויך ניט געווען צו דערוואַרטן קיין שום גרויסע זאַכן מצד דער פאַרטיידיקונג. מ'סיע דיבּרעי, קאַזעריאָס אַדוואָקאַט, האָט זיך געפונען אין אַ לאַגע, אין וועלכער עס איז אים ניט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין, מחמת ער האָט שוין פון פאַראויס געוווּסט, ווי ער האָט דאָס טאַקע אַליין געזאָגט, אַז דער לעצטער אַקט פון דער דאָזיקער געריכטלעכער דראַמע וועט זיך אָפּשפּילן אויפן עשאַפאָט. ער האָט

פאַרן געריכט געשילדערט די טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט פונעם אָנגעקלאָגטן, און ער האָט אויך פאַרגעלייענט עטלעכע בריוו פון קאַזעריאָן צו זיין משפחה אין איטאַליע, באַזונדערס דעם פאַרצווייפלטן בריוו פון זיין מוטער צו איר אָנגעקלאָגטן זון. פון די דאָזיקע בריוו איז געווען קלאָר, אַז קאַזעריאָ איז לחלוטין ניט געווען קיין געבוירענער פאַרברעכער מיט אַ שטיינערן האַרץ, ווי דער פּראָקוראָר האָט אים פּרובירט פאַרצושטעלן, נאָר אַז ער האָט געהאַט אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ פאַר זיינע נאָענטע, באַזונדערס האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך צערטלעכקייט און אַ טיף געפיל פון ליבשאַפט צו זיין מוטער. יעדעס מאָל, ווען זיין מוטער איז דערמאָנט געוואָרן אינעם געריכט, האָט מען אויף קאַזעריאָס פּנים, וואָס איז בדרך כלל געווען רויִק און טייל מאָל אַפילו שפּאָטיש בעת דעם גאַנצן פּראָצעס, געקאָנט באַמערקן אַן ענ־דערונג, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף אַן אינערלעכער נשמהדיקער אויפטרייס־לונג. אָפט מאָל האָט ער ביים דערמאָנען זיין מוטערס נאָמען קוים געקאָנט צוריקהאַלטן זיינע טרערן. דאָך ווען דער אַדוואָקאַט האָט אין משך פון זיין רעדע דערמאָנט די רעפעראַטן פון דעם אַנאַרכיסטישן יוריסט פּיעטראָ גאָרי, אויף וועלכע קאַזעריאָ פלעגט אָפט גיין אין מילאַן, און דערביי האָט דער פּאַרטיידיקער פּיעטראָ גאָרין געשילדערט ווי דעם דערציִער און לערער פון דעם אָנגעקלאָגטן, האָט קאַזעריאָ תיכף פּראָטעסטירט קעגן די דאָזיקע אויספירונגען פון זיין אַדוואָקאַט.

נאָך דער רעדע פון מ׳סיע דיבּרעי איז פאַרגעלייענט געוואָרן פאַר דעם געריכט די פראַנצייזישע איבערזעצונג פון קאַזעריאָס דערקלערונג. זי איז בשום אופן ניט געווען קיין מייסטערווערק, און מען האָט זי ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער לעצטער רעדע פון אַ וואַיאַן און זיכער ניט פון אַן עמיל אַנרי. קאַזעריאָ האָט, אגב, געהאַט אַרויסגענומען כמעט וואָרט נאָך וואָרט גאַנצע פּאַראַגראַפן פון די צוויי דערמאָנטע אַנאַרכיסטנס רעדעס. מען האָט גלייך געקאָנט דערקענען, אַז די שריפטשטעלערישע אויפקלערונגען פון באַשטימטע אידעען געהערן ניט צו קאַזעריאָס באַזונדערע פעיִקייטן. אָבער וואָס מער האָט מען געקאָנט דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן פשוטן פּראָלעטאַ־רישן יוגנטלעכן, וועלכער האָט אין זיין דאָרף, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אַפילו קיין געהעריקע עלעמענטאַרישע בילדונג ניט באַקומען. קאַזעריאָ האָט, אָן שום ספק, פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע אינטעלעקטועלע נייגעריקייט און אַן אינטערעס פאַר גייסטיקע ענינים. עס האָט אים אָבער געפעלט די פעיִקייט זיינע געדאַנקען אויסצודריקן אין געשליפענע לאָגישע פאָרמירונגען. ער איז אויך דעמאָלט געווען נאָך אַ סך צו יונג, אַז ער זאָל שוין האָבן געהאַט צייט צו דערגרייכן דורך אַליין לערנען זיך דאָס, וואָס מען האָט אים ניט געגעבן די מעגלעכקייטן צו לערנען זיך אין זיין יוגנט. ער האָט געהערט צו די יעניקע, ביי וועמען זייער אינערלעכע סענסיטיוויקייט פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער שאַרפקייט פונעם געדאַנק. גוטע דערצוּונג און העכערע בילדונג זיינען בדרך כלל ניט דער איינציקער מאָסשטאַב צו מעסטן דעם אינערלעכן נשמהדיקן ווערט פון אַ מענטש. וואָרן אַפילו די גרעסטע אינ־טעליגענץ, בלייבט תמיד בלויז אַ קאַלטער אָפשיין, אויב זי איז ניט געפּאָרט

און ווערט ניט באַפּרוכפּערט מיט אַ סאָציאַל מיטגעפיל. ווי אַזוי מען זאָל ניט אורטיילן קאַזעריאָס אַטענטאַט, וועט קיינער ניט קאָנען אָפּלייקענען, אַז אים האָט געפעלט דאָס סאָציאַלע מיטגעפיל, אויף וועמעס מזבח ער האָט מקריב געווען זיין יונג לעבן. אַזאַ גרויסער אַדוואָקאַט, ווי למשל, דער אַמעריקאַני־שער יוריסט קלאַרענס דאַראָו, וואָלט דאָס דאָזיקע געפיל קאַזעריאָס בעסער געקענט אויסטייטשן פאַר די ריכטערס אין ליאָן, ווי עס האָט דאָס געקאָנט טאָן מ׳סיע דיבּרעי. אָבער די רעזולטאַטן וואָלטן פאַר קאַזעריאָן זיכער געווען די זעלביקע..

נאָך דעם, ווי דער פּאַרזיצער פונעם געריכט האָט געהאַט קלאָר גע־מאַכט פאַר די פּאַרטרעטערס פון דער פּרעסע, אַז קאַזעריאָס לעצטע רעדע טאָר, לויטן געזעץ פונעם 28סטן יולי, ניט פאַרעפנטלעכט ווערן, האָבן די געשוווירענע ריכטערס זיך צוריקגעצויגן צו באַטראַכטן דעם גורל פון דעם אָנגעקלאָגטן. און דאָס האָט געדויערט ניט מער ווי בלויז צוואַנציק מינוט. קאַזעריאָ איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. ער האָט זיך צוגעהערט צום פאַרלייענען דעם טויטאורטייל איבער אים מיט דער מינע פון אַ געלאַנג־ווײַלטן מענטש. מען האָט אויף אים געקאָנט גרינג דערקענען, אַז די גע־ריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען האָבן אים מיד געמאַכט, און אַז ער לעכצט ממש נאָך אַ ביסל רו.

דעם 16טן אויגוסט איז געפאַלן דער קאָפּ פון סאַנטאָ־דזשעראָנימאָ קאַזעריאָ אונטער חלף פון דער גיליאָטינע. די צייטונגען האָבן איבער־געגעבן, אַז דער פאַרמשפּטער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן ווען מען האָט אים אין יענעם פרימאָרגן געפירט צום עשאַפאָט. אויפן וועג צו דער גיליאָטינע האָט ער ניט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט. ערשט ווען מען האָט אים געהאַט צוגעשנאַלט מיט די לעדערנע רימענס דעם קאָפּ צום ברעט, איבער וועלכן עס האָט געהאַנגען דאָס גיליאָטינישע מעסער, האָט קאַזעריאָ געמורמלט: „וויוו ל׳אַנאַרשי!״ אייניקע צייטונגען האָבן אָבער באַהויפּטעט, אַז דאָס, וואָס קאַזעריאָ האָט אַרויסגעמורמלט איידער ער איז געקעפּט גע־וואָרן, איז געווען „איך וויל ניט!״, אויף איטאַליעניש. ווייזט אויס, אַז פונקט אַזוי ווי ביי עמיל אַנרין האָט אויך ביי קאַזעריאָן די יוגנטלעכקייט אין דער לעצטער רגע פונעם לעבן זיך אַ בונטעווע געטאָן קעגן דעם אכזריותדיקן טויט. קאַזעריאָ האָט זיכער בעת דעם פּראָצעס אויף קיין איינציקער רגע ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט וועלכע עס איז אילוזיעס וועגן זיין גורל. אָבער ווען די לעצטע שעה איז געקומען, האָט ער דאָך ביי זיך ניט געקאָנט באַהערשן די פיזישע רעאַקציע קעגן דעם פריצייטן טויט. די געוואַלדיקע פאַרניכטונג פון אַ מענטשנס לעבן בלייבט אונטער אַלע אומשטאַנדן אַן אימהדיקע גרויליקע דערשיינונג, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל ניט רעכטפאַרטיקן פונעם שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכקייט. אָבער גאָר ניט איז גרויליקער און אַפּשטויסנדיקער ווי די קאַלטבלוטיק געפּלאַנירטע און אכזריותדיק צוגעגרייטע און גוט־אָרגאַניזירטע נקמה פונעם געזעץ.

די דערקלערונג פון קאַזעריאָן פאַר זיינע ריכטערס האָב איך באַקומען ערשט אין זעקס וואָכן נאָך דעם פּראָצעס, וואָרן די פראַנצייזישע פּרעסע,

זוי שוין דערמאָנט, האָט דאָך ניט געטאָרט זי איבערגעבן. בלויז די אויס־לענדישע בלעטער האָבן געהאַט פאַרעפנטלעכט טיילן פון דער דאָזיקער דערקלערונג. ערשט אין סעפּטעמבער האָט עמיל פּושעי אָפּגעדרוקט די גאַנצע רעדע אין פראַנצייזיש. פּושעי, דער געוועזענער אַרויסגעבער פון „פּער פּענאַר", האָט זיך געהאַט געראַטעוועט פון ווערן אַרעסטירט אין יענער בהלה דורך אַנטלויפן קיין לאָנדאָן. דאָרטן האָט ער אַרויסגעגעבן זיין אַנאַרכיסטישע צייטשריפט אין קליינע העפטן, וואָס מען האָט זיי גרינג געקאָנט אַריינשמוגלען אין אַ קאָנווערט ווי אַ בריוו קיין פראַנקרייך. דאָס ערשטע העפטל, מיטן טיטל „איל נ׳ע פּאַמאַר" („ער איז ניט טויט"), האָט צווישן אַנדערע אַרטיקלען אויך געבראַכט די פולע דערקלערונג פון קאַזעריאָן פאַר זיינע ריכטערס. אַ פראַנצייזישער חבר, וועלכער האָט באַקומען עטלעכע נומערן פון דעם דאָזיקן העפט אין פּאַריז, האָט איבערגעלאָזט איין עקזעמ־פּלאַר אויך פאַר מיר. דאָס איז געווען נאָך אַ באַוויַיז, אַז ווי שטאַרק דאָס געזעץ זאָל זיך ניט פאַרלייגן אויף דער פרייהייט פון וואָרט, אין גאַנצן אונטערדריקן זי וועט קיינער קיין מאָל ניט קאָנען.

דער פּראָצעס פון די דרייסיק

דעם 6טן אויגוסט, בלויז עטלעכע טעג נאָך דער געריכטלעכער פאַרהאַנדלונג קעגן קאַזעריאָן אין ליאָן, האָט אין פּאַריז זיך אָנגעהויבן דער באַרימטער „פּראָצעס פון די דרייסיק", וואָס האָט אין משך פון לאַנגע וואָכן אויפגערודערט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג אין פראַנקרייך, און וואָס האָט צום סוף גורם געווען אַ שווערע מפּלה פאַר דעם נייעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, קאַזימיר־פּעריעי, און פאַר דער רעגירונג פון דעם פּרעמיער־מיניסטער דיפּי. די רעגירונג האָט זיכער ניט אָן אַ באַשטימטער כוונה אָנגעהויבן דעם פּראָצעס אין פּאַריז כמעט גלייכצייטיק מיט די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען קעגן קאַזעריאָן אין ליאָן. עס איז דעמאָלט דאָך געווען די גינציקסטע געלעגנהייט צו דערלאַנגען אַ גרויסן קלאַפּ דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און אַרויסצוקריגן פאַר איר אַ שווערן פּסק דין, וואָס אונטער אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט דאָס ניט געווען אַזוי זיכער און אויך ניט אַזוי גרינג, ניט געקוקט אויף די עקסיסטירנדיקע „פאַרברעכערישע געזעצן."

דער „פּראָצעס פון די דרייסיק" איז געווען געצילט קעגן אַלע באַקאַנטע פאָרשטייערס פונעם אַנאַרכיזם אין פראַנקרייך, וועלכע מען האָט געהאַט אַרעסטירט נאָך די געוואַלדאַקטן פון עמיל אַנרין און פון קאַזעריאָן, און קעגן די יעניקע אַנאַרכיסטן, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד איידער די פראַנצייזישע פּאָליציי האָט געקאָנט לייגן איר האַנט אויף זיי. אויף דער ליסטע פון די דרייסיק אָנגעקלאָגטע האָט מען געקאָנט לייענען אַזעלכע נעמען, ווי: זשאַן גראַוו, סעבאַסטיאַן פאָר, פּאָל רעקלי, עמיל פּוזשעי, זשוליאַן לעדאַ, פּאָל בערנאַר, פעליקס פענעאָן, זשאָרזש ברינער, לואי דיפּראַ, קאָנסטאַן מאַרטען, אַלעקסאַנדער קאָהען, שאַרל שאַטעל, אַרמאַן מאַטהאַ, ראַאול שאַמבאַן, זשאָזעף מאַלמערעי, און אַ צאָל אַנדערע. דאָס זיינען אַלץ געווען נעמען פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערישער באַוועגונג אין פראַנקרייך און זיי האָבן אַלע געהאַט אַ גוטן שם. עס איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז די רעגירונג האָט געהאַט גוט אויסגעפּלאַנירט ווי אַזוי צו דערלאַנגען די דאָזיקע פּראָמינענטע אַנאַרכיסטן מיט איין קלאַפּ די „טרוקענע גילאָטינע" דורך פאַרשיקן זיי אויף דעם גיהנומדיקן אינדזל פון דער פראַנ־

ציזישער גויאַנאַ, און אַזוי אַרום איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פונעם אַנאַרכיזם אין פראַנקרייך. און כדי צו זיין זיכער מיטן דערפאָלג פון דעם רעגירונגס פּלאַן, האָט דער פּראָקוראָר זיך באַנוצט מיט דעם פּחדנישן מיטל פון אַרויפשטעלן אויף דער ליסטע פון די אָנגעקלאָגטע עלף נעמען פון די מיטגלידער פון דער „באַנדע אָרטיז". דאָס איז געווען אַ פּשוטע באַנדע פון איינברעכערס, וואָס האָט געהאַט אויף איר חשבון אַ גאַנצע רייע גניבות און איינברעכערייען איבער פּאַריז.

די כוונה הינטער דעם דאָזיקן רעגירונגס־פּלאַן איז געווען קלאָר און אָפן, הגם מען האָט אים פּרובירט צו האַלטן בסוד. אַ חוץ דעם איז דאָס דאָזיקע פּחדנישע מיטל פון צוטשעפּען פּשוטע פאַרברעכערס צו רעוואָלוציאָנערישע אידעאַליסטן גאָר ניט געווען אַזאַ אָריגינעלער איינפאַל. שוין ראָבעספּיערס רעגירונג האָט אין איר פּראָצעס קעגן דאַנטאָנען און זיינע אָנהענגערס זיך באַנוצט מיט דעם זעלביקן מיטל, כדי צו באַשמירן מיט בלאָטע אירע קרבנות אין די אויגן פונעם פאָלק און פון דער עפנטלעכער מיינונג בכלל. אויך דער פּראָקוראָר בולאָ, ווען די רעגירונג האָט געהאַט איבערגעגעבן די אָנפירונג מיט דעם אָנקלאָג קעגן די „דרייסיק", האָט געמיינט, אַז דורך אָט דעם נידערטרעכטיקן פאָרטל וועט ער קאָנען אַריבערגעווינען די געשווירענע ריכטערס קעגן אַ צאָל ערלעכע מענטשן, וואָס א חוץ זייער פרייהייטלעכער אידעאָלאָגיע, קאָן מען זיי אַבסאָלוט גאָר ניט פאָרוואַרפן. די מערסטע אָנגעקלאָגטע זיינען באַלד לכתחילה אומגעזעצלעך אַרעסטירט געוואָרן, און זיי זיינען אָפּגעזעסן חדשים אין תפיסה אָן צו וויסן פאַר וואָס מען האָט זיי געהאַט איינגעזעצט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אַלע כסדר שטאַרק פּראָטעסטירט פון דער ערשטער מינוט אָן. די רעגירונגס־פּרעסע האָבן אָבער דערווייל טאָג־טעגלעך געקאָרמעט דעם עולם לייענערס מיט מעשה־נוראָס וועגן גיגאַנטישע פאַרשווערונגען, וועגן מוראדיקע קאָנספּיראַציעס, כדי רעכטצופאַרטיקן דאָס שענדלעכע אינפאַמע געזעץ קעגן דעם „פאַראיין פון די רשעים". און כדי צו זיין זיכער מיט זיין דערפאָלג, האָט דער פּראָקוראָר ניט אַדורכגעלאָזט קיין איינציקן טריק, כדי צו ברענגען כלומרשטע „באַווייזן", אַז עס עקסיסטירט פאַקטיש אַזאַ מין „פאַראיין פון רשעים". היות אָבער ער האָט דאָך ניט געקאָנט, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע שווערע באַמיאונגען, ברענגען אַזעלכע באַווייזן און ער האָט אויך ניט געקאָנט באַקומען קיין איינציקן עדות, וועלכע זאָל אים העלפן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דער גאַנצער אָנקלאָג איז געזעצלעך, מחמת ער איז דאָך געבויט אויף אַ ממשותדיקן פאַקט, האָט דער פּראָקוראָר געמוזט אַ ביסל אויסבייגן דאָס געזעץ, פאַרקרימען עס אַזוי, אַז עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין זיין פּחדנישן פּלאַן. און זיין אַרגומענט איז געווען, אַז די עקסיסטענץ פון דער מלוכה וועגט איבער די באַרימטע „גלייכקייט פון די בירגער לגבי דעם געזעץ", מיט וועלכער פראַנקרייך שטאָלצירט אַזוי שטאַרק.

דער פּראָקוראָר בולאָ האָט פאַר דעם דאָזיקן צוועק אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ באַזונדערע טעאָריע פאַר זיין אָפיציעלן אָנקלאָג־דאָקומענט. אין אָט

דער טעאָריע האָט ער פונאַנדערגעוויקלט דעם געדאַנק וועגן דעם „אינטע־
לעקטועלן“ און דעם „אימפּולסיוון“ אַנאַרכיזם, און ער איז געקומען צו דער
מסקנה, אַז סיי די „אינטעלעקטועלע“ אַנאַרכיסטן און סיי די „אימפּולסיווע“
אַנאַרכיסטן האָבן איין ציל: די „אינטעלעקטועלע“ אַנאַרכיסטן פירן אָן מיט
זייער פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און שריפט און זיי זוכן אויך איינצושטעלן
און אָנצוהאַלטן די נייטיקע מיטלען, דורך וועלכע די אימפּולסיווע“ אַנאַר־
כיסטן, די מענטשן פון מעשים, וועלן קאָנען צוגעגרייט ווערן אויסצופירן
זייערע פאַרברעכערישע אַטאַקעס קעגן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס
און איינריכטונגען. כדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער אויס־
געמוטשעטער טעאָריע זיינער, האָט דער פּראָקוראָר איטלעכן באַשולדיקטן
צוגעשריבן אַ באַשטימטע ראָלע. אַזוי, למשל, האָט ער פּאָל רעקלין דערהויבן
צו דער מדרגה פונעם „פינאַנץ־מיניסטער פון דער אַנאַרכיע“, וועלכער האָט
צוגעשטעלט די נייטיקע געלטער צו די מענטשן פון מעשים, אַז זיי זאָלן
קאָנען אַדורכפירן זייערע שוידערלעכע געוואַלדאַקטן. פון וואַנען די דאָזיקע
געלטער זיינען געקומען האָט דער פּראָקוראָר ניט געזאָגט. ער האָט בלויז
געוווסט, אַז זיי „פליסן אַריין פון פינצטערע קוואַלן“. זשאַן גראַוו, לעדאָ,
שאַטעל און פּוזשעי זיינען, לויט דער דאָזיקער פּראָקוראַטאָרישער טעאָריע,
געווען די „קאָמוניקאַציע־מיניסטאָרן“; זיי האָבן דורך זייערע צייטונגען
אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. און סע־
באַסטיאַן פאָר, וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ פראַנקרייך מיט זיינע
רעפעראַטן, איז, לויטן פּראָקוראָר, געווען דער „געשעפטלעכער וואָיאַזשאָר
פון דער אַנאַרכיע“; ער האָט דאָס געשאַפן דעם קאָנטאַקט און אָנגעהאַלטן
די פאַרבינדונגען צווישן די פאַרשיידענע קאָנספּיראַטאָרן אין אַלע שטעט
איבערן לאַנד. און דער בעסטער באַווייז דערויף זיינען געווען די איבער
הונדערט פאַרשיידענע אַדרעסן, וואָס די פּאָליציי האָט ביי אים געהאַט גע־
פונען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן די מענטשן,
וואָס האָבן פאַר סעבאַסטיאַן פאָרן געהאַט צוגעגרייט זיינע רעפעראַטן אין
די אַלע פאַרשיידענע שטעט. אָבער דער פּראָקוראָר האָט זיי אַלעמען געמאַכט
פאַר מיטגלידער פון דעם „פאַראיין פון די רשעים“, וועמעס מוראדיקע און
מערדערישע פּלענער ער, דער פּראָקוראָר בולאָ, און די פּאָליציי האָבן אין
דער לעצטער מינוט צעשטערט דורך אַרעסטירן זיי אַלעמען. און נאָך אַן
אומבאַשטרייטעוודיקן באַווייז האָט בולא געהאַט פאַר זיין אָנקלאָגערישער
טעאָריע: סעבאַסטיאַן פאָר האָט וואַיאַנען צוגעשיקט אין תפיסה אַריין פינף
פראַנק, און וואַיאַן האָט אין זיין צוואה אָפּגעשריבן די דערציונג פון זיין
טעכטערל צו סעבאַסטיאַן פאָרן. דאָס באַווייזט דאָך קלאָר ווי דער טאָג די
אינערלעכע שייכות צווישן די „אינטעלעקטועלע“ אַנאַרכיסטן און די „אימ־
פּולסיווע“ אַנאַרכיסטן, האָט בולאָ געטענהט, בערנאַר און מאַרטען זיינען
ביידע צו עטלעכע מאָל געווען אין אויסלאַנד. דאָס האָט געמיינט, אַז זיי
זיינען געווען די אַמבאַסאַדאָרן פון די פראַנצייזישע אַנאַרכיסטן, וועלכע
האָבן אָנגעהאַלטן די געהיימע פאַרבינדונגען מיט די אינטערנאַציאָנאַלע
אַנאַרכיסטישע אַטענטאַטאָרס אין די אַנדערע לענדער.

פאַר קיין איינציקן פון די דאָזיקע אַלע אויסגעמוטשטע פאַנטאַזיעס האָט די געריכטלעכע באַשולדיקונג ניט געקאָנט געפינען קיין איינציקן פּאָזיטיוון באַווייז. זי האָט פּשוט געמאַכט ווילדע השערות און זי האָט איבערגעלאָזט צו דער פאַנטאַזיע פון די מאַסן אָנצונעמען די דאָזיקע אויסטראַכטענישן ווי פעסטגעשטעלטע פאַקטן. אָבער דאָך איז דער ענין ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק ווי דער פּראָקוראָר האָט זיך דאָס געהאַט פאַרגעשטעלט. וואָרן אין געריכטסזאַל זיינען בולאַ און דער פּרעזידענט פונעם געריכט, מ׳סיע דעיראַ, געשטאַנען פּנים אל פּנים קעגן מענטשן, וועלכע זיינען געווען ניט בלויז העכער גייסטיק אין איטלעכן פּרט ווי זייערע אָנקלאָגערס, נאָר זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן זאַפּאַס פון קלאָרקייט פון געדאַנק, שאַרפקייט פון וויץ, און טרעפלעכקייט פון די ענטפערס, וואָס האָבן תמיד אַריינגע־טראָפן אינעם סאַמע פּינטל אַריין. מער ווי איין מאָל האָט מען בעת דעם פּראָצעס געזען ווי די פאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג האָבן פּשוט מקנא געווען די אָנגעקלאָגטע, וועלכע האָבן אָפּט געמאַכט חוכא וטלולא פון דעם פּראָקוראָרס אַרגומענטן און ס׳לייטישע געלעכטער פון זיינע „באַוויזן״. עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ביז דער פּראָקוראָר און זיינע אַרויס־העלפערס זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן דורך די אָנגעקלאָגטע אין אַזאַ טעמפּן ווינקל, אַז זיי האָבן אָפּט פאַרלוירן איטלעכן קאָנטראָל איבער זייערע אייגענע רייד, און דאָס האָט זיי אַלעמען געמאַכט נאָך לעכערלעכער, וואָרן זיי האָבן זיך דאָך אַליין געהאַט אויסגעשטעלט צו חוזק און צו שפּאָט מצד דער עפנטלעכקייט. און גאָר ניט האָט אַזוי באַשעדיקט דעם אָנזען פון דער אויטאָריטעט ווי איר גייסטיקע הילפלאָזיקייט, ווי איר אינטעלעקטועלע אָפּהענטיקייט. דאָס האָבן די אָנקלאָגערס ביי יענעם פּראָצעס געהאַט די געלעגנהייט צו זען מער ווי איין מאָל. זיי האָבן טאַקע געקאָנט אויפן גרונט פון זייער געזעצלעכער מאַכט לגמרי איגנאָרירן די קאָנטער־אַרגומענטן פון די אָנגעקלאָגטע אין די פאַר זיי באַזונדערס אומבאַקוועמע און אָפּט אויך פיינלעכע מאָמענטן, אָבער זיי זיינען קיין מאָל ניט געווען אין שטאַנד אָפּצו־ווישן דעם פאַר זיי שעדלעכן איינדרוק, וואָס די טרעפלעכע צוריקענטפערס פון די אָנגעקלאָגטע האָבן געהאַט געמאַכט אויפן ברייטן עולם. און ווען די געריכטלעכע אויטאָריטעטן האָבן פּשוט גראָב און ברוטאַל צוגעמאַכט די שאַרפע מיילער פון די אָנגעקלאָגטע און דורך דעם אָוועקגענומען ביי די לעצטע דאָס עלעמענטאַרסטע רעכט צו פאַרטיידיקן זיך, איז שוין ביי קיינעם קיין ספק ניט איבערגעבליבן, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן שוין אין פאָראויס געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוקריגן פונעם געריכט אַ שטרענגן פּסק דין פאַר אַלע אָנגעקלאָגטע, און אַז דער גאַנצער פּראָצעס איז געווען ניט מער ווי אַן אָפיציעלער פאַרס.

שוין דאָס טאַקטלאָזע און אָפּט אויך פּשוט גרוביאַנסקע אויפפירן זיך פון דעם פּראָקוראָר בולאַ, וואָס האָט זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן בעת דעם גאַנצן גאַנג פונעם פּראָצעס, האָט קיין שום אַנדערן איינדרוק ניט געקאָנט איבערלאָזן. תיכף נאָכן פאַרלייענען דעם אָפיציעלן אָנקלאָג האָט בולאַ געלאָזט וויסן, אַז אויפן סמך פון דעם געזעץ פונעם 28סטן יולי וועט ער ניט

דערלויבן, אַז די פּרעסע זאָל איבערגעבן דעם געריכטלעכן פאַרהער פון זשאַן גראַוון און סעבאַסטיאַן פאָרן. די דאָזיקע דערקלערונג האָט, נאַטירלעך, באַלד אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג ביי די פאַרשטייערס פון דער פּרעסע און נאָך מער ביי די אָנגעקלאָגטע. דער געריכטסזאַל איז געווען פול מיט זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן שוין פון די פריערדיקע פּראָצעסן געוווּסט, אַז דער עולם לייענערס לעכצט צו וויסן וואָס עס געשעט אינעם געריכטס־זאַל ווען אַנאַרכיסטן זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, אַ פּשיטא שוין ביי דעם איצטיקן פּראָצעס. דער פאַרבאָט פון דעם פּראָקוראָר איז געווען ניט בלויז אַ ברוטאַלע פאַרגוואַלדיקונג פון אַלע השגות וועגן יושר, נאָר ער איז אויך געווען פּשוט אומגעלומפּערט און אידיאָטיש. וואָרן דער דאָזיקער פאַרבאָט גופא האָט דאָך שוין בפירוש געוויזן, אַז די פאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג וויסן שוין אין פאָראויס, אַז זיי קאָנען זיך ניט פאַרמעסטן מיט די צוויי דערמאָנטע אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן. די דאָזיקע גייסטיקע באַנקראָט־דערקלערונג מצד דעם פּראָקוראָר ביים סאַמע אָנהייב פון די גע־ריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען האָט טאַקע אויך אָוועקגעלייגט איר חותם אויפן גאַנצן גאַנג פונעם פּראָצעס.

סאַנט־אָבאַן, זשאַן גראַווס פאַרטיידיקער, האָט תיכף ענערגיש פּראָ־טעסטירט קעגן דעם פּראָקוראָרס פאַרבאָט, און ער האָט קאַטעגאָריש דער־קלערט, אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען קאָן בכלל מער ניט זיין קיין רייד וועגן אַן אמתער פאַרטיידיקונג פאַר די אָנגעקלאָגטע. איטלעכע געריכט־לעכע פאַרהאַנדלונג האָט דאָך קודם כל די אויפגאַבע איבערצוצייגן די עפנטלעכקייט וועגן דער שולד אָדער אומשולד פון דעם אָנגעקלאָגטן. דעריבער טאַקע האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן אַן ענין, וואָס האָט אַ שייכות נאָר מיט אַ געוויסער געריכטלעכער פּראָצעדור, וואָרן אין דעם פאַל ווערט דאָך דער סאַמע יסוד פון אַן עפנטלעכן משפט פאַרלעצט, און מען וואָלט דעריבער געקאָנט די אָנגעקלאָגטע פּונקט אַזוי גוט פאַרמשפּטן אין גאַנצן אָן וועלכן עס איז פּראָצעס. אויף דעם דאָזיקן פּשוטן אָבער שטאַרקן אַרגו־מענט מצד דעם אַדוואָקאַט סאַנט־אָבאַן, האָט דער פאָרזיצער פונעם געריכט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און ער האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם אויף זיין הויכן ריכטערישן שטול. אָבער דער פּראָקוראָר האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. וואָס דען האָט ער געזאָלט איצטער טאָן? ער האָט דאָך דורך זיין פאַרבאָט זיך אַליין געהאַט אָוועקגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז איטלעכער צוריקצוג איצטער וואָלט נאָך מער אונטערגעגראָבן זיין אַזוי שטאַרק באַ־שעדיקטע אויטאָריטעט.

אָבער מיט דעם איז דער ענין נאָך ניט געווען געענדיקט, וואָרן איצטער האָט זיך אויפגעשטעלט סעבאַסטיאַן פאָר און ער האָט דערקלערט:

„איך באַטראַכט דאָס צו זיין אין מיין אינטערעס ווי אַן אָנגעקלאָגטער, ווען איך פאַרלאַנג קאַטעגאָריש די אונטערדריקונג פון אַלע פאַרהערן פון די אָנגעקלאָגטע ביי דעם איצטיקן פּראָצעס. אָדער מען וועט לאָזן וויסן דער עפנטלעכקייט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר דאָ אין דעם געריכטסזאַל, אָדער מען וועט אונטערדריקן אַלץ, פון אַלף ביז תוו. היות ווי, אויף דעם

גרונט פון אייערע אייגענע געזעצן זיינען דאָך אַלע בירגער גלייך ווען זיי שטייען פאַרן געריכט, קאָן איך לגמרי ניט פאַרשטיין פאַר וואָס איר האָט פון גראַוון און פון מיר צוגענומען אַ רעכט, וואָס איר גייט איבערלאָזן צו די אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע אויף דעם איצטיקן פּראָצעס. אַזאַ מין דיס־קרימינירנדיקע באַגינציקונג איז דאָך להיפּוך אייערע אייגענע יוריסטישע השגות און זי פאַראורטיילט דעם, וועלכער באַנוצט זיך מיט איר. איך פאָדער דעריבער, אַז מען זאָל דערלויבן דער פּרעסע צו פאַרעפנטלעכן אַלע פאַרהערן, אָן שום דיסקרימינאַציעס קעגן וועמען עס איז פון די אָנגע־קלאָגטע.״

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג אין גאַנצן געריכטסזאַל. דער פאָרזיצער פונעם געריכט איז געבליבן זיצן אָן לשון. ער האָט אויסגעזען אַזוי הילפלאָז ווי יענער זקן, וועלכער איז געהאַט אַרויפגעקראָכן אויפן דאָך און ניט געוווּסט ווי אַזוי אַראָפּצוקריכן. אָבער מ׳סיע בולאָ האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער איז תיכּף אַרויס מיט אַ גיכן ענטפער: „איך אַליין האָב איבער דעם דאָזיקן ענין די גאַנצע דעה! איך באַשליס ווען און ווי אַזוי אַנצוווענדן דאָס דאָזיקע געזעץ! איך בין ניט מחויב אָנצונעמען קיין שום איינווענדונגען, און דאָס געריכט קאָן זיך אין דעם איצטיקן פאַל ניט אַריינמישן!״

דאָס דאָזיקע פאַרשפּיל האָט באַלד פון אָנהייב געוואָרפן אַ שרייענדיק־העל ליכט אויף דער גאַנצער אָפּשטויסנדיקער און עקלדיקער געריכטלעכער יושר־קאָמעדיע. עס איז מסתמא ניטאָ קיין איינציקער אַנדערער פאַל אין דער גאַנצער געשיכטע פון פּאָליטישע פּראָצעסן, ביי וועלכע מען זאָל אַזוי אָפן און חוצפּהדיק סוספּענדירן אַלע עקסיסטירנדיקע רעכט, כדי צו דערגרייכן אַ פּסק דין קעגן די אָנגעקלאָגטע, וועמעס איינציקער פאַרברעכן באַשטייט אין דעם, וואָס זייערע סאָציאַלע אויפפאַסונגען זיינען ניט נושא חן אין די אויגן פון דער רעגירונג. דער געריכטלעכער רעפּאָרטער פון „ל׳אַנטראַנסי־זשאַן״ האָט אָנגערופן דעם „פּראָצעס קעגן די דרייסיק״ ווי אַ פּראָצעס קעגן אפּיקורסים, וואָס מען האָט שוין ניט געוווּסט וועגן דעם אין פראַנקרייך זינט דעם 15טן יאָרהונדערט. און דער דאָזיקער יוריסטישער ספּעקטאַקל איצטער איז טאַקע געווען אַ פּראָצעס קעגן אַפּיקורסים, אָבער די אָנקלאָגערס זיינען ניט געווען קיין טעאָלאָגן פונעם קלויסטער, נאָר די טעאָלאָגן פון דער מלוכה. אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט אויסשליסלעך בלויז וועגן די פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעען פון די אָנגעקלאָגטע און בשום אופן ניט וועגן וועלכע עס איז מעשים זייערע, איז געווען קלאָר און בולט פון כמעט איטלעך וואָרט אין דעם אָפיציעלן אָנקלאַג־דאָקומענט. ווען דער געריכטלעכער פאָרזיצער האָט עטלעכע מאָל פאַרגעוואָרפן דעם אָנגעקלאָגטן באַטאַר, אַז ער האָט כסדר גערעדט און געשריבן נאָר וועגן דעם אַנאַרכיזם, האָט אים דער לעצטער דערמאָנט: „מ׳סיע לע פּרעזידאַן, איך האָב דאָך געהאַט דאָס פול־שטענדיקע רעכט דאָס צו טאָן. דאָס וואָרט אין פראַנקרייך איז דאָך דעמאָלט נאָך געווען פריי, און קיינער האָט מיך ניט געשלעפּט אין געריכט אַריין דערפאַר.״

דערויף האָט דער געריכטס־פּאַרזיצער, מ'סיע לע פּרעזידאַן דעירא, דער כלומרשטער מוסטער פון ערלעכער אומפּאַרטייאישער יוריספּרודענץ, אָן שום קווענקלענישן, אויפגעקלערט דעם אָנגעקלאָגטן: „איר האָט אַ טעות־קיינער האָט אין פראַנקרייך ניט דאָס רעכט צו פּריידיקן די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס!"

דאָס אַלץ האָט קלאָר געמאַכט פאַר איטלעכן ווי אַזוי דער דאָזיקער פּראָצעס וועט ווייטער געפירט ווערן. וואָס עס האָט אָבער יאָ איבערראַשט, איז געווען דער אידיאָטישער און ווילדער אופן, אויף וועלכן ער איז געפירט געוואָרן; די גראָטעסקע אומגעלומפּערטקייט פון דעם געריכטס־פּאַרזיצער; און די פּאַנאַטישע פּאַרביסנקייט, מיט וועלכער דער פּראָקוראָר בולאָ האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן אויפגעדעקט זיינע מיאוסע געהיימע כוונות און פּלענער. אָבער דאָס אַלץ האָט סוף כל סוף זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאָר לטובת די אָנגעקלאָגטע. די אָפענע פּאַרגוואַלדיקונג פונעם אייגענעם יושר מצד די אַלע געריכטלעכע פּאַרשטייערס איז פּאַקטיש געווען אַזוי דערווידער פאַר יעדן איינעם און אַזוי רעוואָלטירנדיק, אַז זי האָט אויפגערודערט דאָס געוויסן פון פראַנקרייך און אַרויסגערופן צו זיך די פּאַראַכטונג פון כמעט אַלע פראַנצויזן, ביי וועמען עס איז בדרך כלל אַנטוויקלט אַ פיינע סענסי־טיווקייט פאַר דעם יושר־געפיל.

דער אָפיציעלער אָנקלאָג האָט פאַר זיך געהאַט געשטעלט די אויפגאַבע צו באַווייזן די עקסיסטענץ פון אַ צענטראַלער קאָנספּיראַציע, פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען די אַלע געוואַלדאַקטן אין די לעצטע צוויי יאָר. דעריבער טאַקע האָט די באַשולדיקונג איטלעכן אָנגעקלאָגטן געגעבן אַ באַשטימט ראָל צו שפּילן אין דעם דאָזיקן „פאַראיין פון רשעים". עס האָבן איר אָבער געפעלט די מינדסטע באַווייזן, וואָס זאָלן קאָנען אונטערשטיצן די באַהויפּטונגען פון דעם פּראָקוראָר. מען האָט אין דעם אָנקלאָג־דאָקומענט די נישטיקסטע זאַכן פון דעם לעבן פון די אָנגעקלאָגטע אַרויסגעגראָבן. אָפּט האָט זיך געהאַנדלט וועגן זאַכן און געשעענישן פון צען יאָר צוריק, און זיי האָבן טאַקע בלויז באַוויזן אויף וואָסערע הינערישע פּיסלעך די גאַנצע באַשולדיקונג איז אויפגעבויט געוואָרן.

„מען האָט דאָך אייך אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אַמאָל גערופן ,דער שרעקלעכער' („לע טעריבל")" — האָט דער געריכטס־פּרעזידענט געזאָגט צו דעם אָנגעקלאָגטן מאַלמערעי — „דאָס איז דאָך דער בעסטער באַוויז, אַז איר זענט טאַקע געווען מסוגל אַדורכצופירן די ערגסטע גע־וואַלדאַקטן."

„מען האָט מיך אַזוי גערופן" — האָט מאַלמערעי געענטפערט, אַרויס־שיסנדיק מיט אַ געלעכטער — „דערפאַר ווייל ביים ריידן האָב איך צו אָפּט זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט ,שרעקלעך'. דאָס איז טאַקע געווען פון מיין צד אַ שלעכטע געוווינהייט. דערפאַר האָבן מיינע חברים מיך גערופן ,לע טעריבל'." און איצטער האָט אויך דער גאַנצער געריכטסזאַל אָפּגעהילכט מיט אַ גרויס געלעכטער.

„איר האָט אָפּט געענדערט אייער נאָמען" — האָט דער געריכטס־

פאַרזיצער, אַ בייזער פון דעם לייטישן געלעכטער, צו וועלכן ער אַליין האָט זיך געהאַט אויסגעשטעלט, דעם אָנגעקלאָגטן ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

„איך האָב בלויז געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס עס טוען פירשטן און מלוכה־מענער, ווען זיי פאָרן אַרום" — האָט מאַלמערעי „דער שרעקלעכער" רויִק אָפּגעענטפערט.

אין זיין גרויסער אומבאַהאָלפנקייט איז דער געריכטס־פּרעזידענט אָפּט אַרויסגעטראָטן מיט באַהויפּטונגען, וועלכע האָבן גלייך אויפן אָרט באַלד געקאָנט אָפּגעלייקנט ווערן. דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, און ער פלעגט דעמאָלט זיך פּרובירן אַרויסצודרייען דורך אומגעדולדיק אַ זאָג געטאָן: „נו, גוט, גוט! איך נעם מיינע ווערטער צוריק. בכלל האָט דאָס ניט קיין שום באַטייט!"

„דאָס זאָגט איר איטלעך מאָל, מ'סיע לע פּרעזידאַן" — האָט אים אַמאָל סעבאַסטיאַן פאָר אַריינגעזאָגט — „ווען נאָר מיר באַווייזן אייך, אַז איר האָט אַ טעות. איר גיט זיך אַ זאָג: ‚דאָס האָט ניט קיין שום באַטייט'. איר טאָרט אָבער ניט פאַרגעסן, הער ריכטער, אַז וויפל גולן איר זאָלט ניט וועלן צוזאַמענרעכענען, וועלן זיי אַלץ ניט באַטרעפן אַפילו ניט די קלענסטע סומע."

וואָס מען האָט אָבער יאָ געקאָנט באַווייזן לגבי די אָנגעקלאָגטע, איז געווען זייער אידעאָלאָגיע. זיי זיינען געווען אַנאַרכיסטן: זיי האָבן געהאַט געשריבן פאַר אַנאַרכיסטישע בלעטער און זשורנאַלן, אָדער זיי האָבן אַרויס־געגעבן אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן: זיי האָבן זיך געחברט מיט זייערע אידעען־געגנאָסן. אָבער כדי דאָס צו באַווייזן, האָט מען דאָך ניט גערדאַרפט אַראַנזשירן אַזאַ גרויסן פּראָצעס. איטלעכער אין פראַנקרייך האָט דאָך דאָס געוווּסט אָן דער פּאָליציייִשער אויספאָרשונג און אָן דעם פּראָקוראָרס אויפ־דעקונגען. קיינעם פון די אָנגעקלאָגטע איז אַפילו ניט איינגעפאַלן דאָס אָפּצולייקענען. זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין שום סיבה דאָס אָפּצוליי־קענען, וואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן, האָבן זיי געטאָן אויפן סמך פון די רעכט, וואָס איטלעכער בירגער אינעם לאַנד האָט געהאַט.

צו אַ טייל פון די אָנגעקלאָגטע האָבן אומבאַקאַנטע פאַרשוינען געהאַט געשריבן אויפרייצנדיקע, פּראָוואָקאַטאָרישע בריוו, וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט קאָנפיסקירט אויף דער פּאָסט. די דאָזיקע בריוו זיינען לכתחילה געהאַט געשריבן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צוועק. ווען דער אָנגעקלאָגטער באַטאָר האָט דערקלערט אין געריכט, אַז איינער פון די דאָזיקע בריוו איז אים געוויזן געוואָרן בעת ער איז געווען אַרעסטירט נאָך פאַר דעם פּראָצעס, און אַז ער האָט יענעם בריוו פריִער קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געהאַט געזען, און אַז דאָס איז דאָך אַ קלאָרער באַווייז, אַז די רעגירונג גופא האָט אויף אַ שענדלעכן אופן געבראַכט דאָס געזעץ, וואָס גאַראַנטירט דעם בירגער די פּריוואַטקייט פון זיין קאָרעספּאָנדענץ, האָט דער פאָרזיצער פונעם געריכט, דער שאַרפער יוריסט, אַרגומענטירט מיט באַטאָרן: „אָבער איר קאָנט דאָך ניט לייקענען, אַז אָט דער בריוו איז געשריבן געוואָרן!" פאַרשטייט זיך,

אַז מ׳האָט איצטער ממש געקאָנט דערהערן דאָס שטוינען אין די רייען פון די אָנגעקלאָגטע און צווישן דעם עולם אינעם געריכטסזאַל.

באַזונדערס שלימזלדיק פאַר די פאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער פאַרהער פון דעם אָנגעקלאָגטן פענעאָן, וועלכער איז געווען אַ שרייבער אַ קינסטלער, און דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ פּאָסטן אינעם קריגס־מיניסטעריום. פענעאָנען האָב איך גוט געקאָנט פּערזענלעך; ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. זיין בייסנדיקער וויץ האָט געקאָנט ווי טאָן ביז צום ביין. אין זיין קליינעם פינגער האָט ער געהאַט מער אינטעלעקטועלער ראַפינירטקייט, ווי דער מ׳סיע בולאָ האָט געהאַט דאָס געהאַט אין זיין גאַנצן מוח, צוזאַמען מיטן געריכטס־פּרעזידענט און מיט נאָך אַ טוץ אַנדערע פון זייערס גלייכן אין זייערע מוחות. איז טאַקע קיין ווונדער ניט, אַז זיינע אָנקלאָגערס האָבן פון אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט געענטפערט אויף אַלע זייערע פראַגעס מיט אַן אָפענער איראָניע און מיט אַ גראַטעסקער פייערלעכקייט. דאָס האָט כסדר אַרויסגערופן אַן אויפגעהייטערטקייט ביים עולם און אויך אַרויסגעבראַכט פון זיין גלייכגעוויכט דעם פאַרזיצער פונעם געריכט, דעם מ׳סיע לע פרעזידאַן. אָבער ער האָט דאָך גאָר ניט געקאָנט טאָן קעגן דעם.

„איר זענט אַ פריינד פון אַלעקסאַנדער קאָהען״ — האָט דער געריכטס־פּרעזידענט געזאָגט צו פענעאָנען — „דאָס איז דאָך דער זעלביקער קאָהען, וועלכער האָט אין אַ בריוו אויף אַן אומגלייבלעכן אופן אויסגערעדט אַלערליי רכילותן אויף דעם מאַרשאַל מאַק מאַהאָן און אויף דעם גענעראַל דאָד, און ער האָט זייער אָנזען באַוואָרפן מיט בלאָטע. און איר זענט אַן אָנגעשטעלטער אין דעם קריגס־מיניסטעריום!״

„אַנטשולדיקט, מ׳סיע לע פרעזידאַן״ — האָט פענעאָן געענטפערט מיט אַ קילער העפלעכקייט — „יענער בריוו איז דאָך ניט געשריבן געוואָרן צו מיר, נאָר צו אַ רוס. קאָהען איז טאַקע מיין פריינד, אָבער וואָס גייט מיך אָן דאָס, וואָס ער שרייבט אין זיינע בריוו צו אַנדערע? און חוץ דעם, בין איך דאָך ניט אין דער זעלביקער פּריווילעגירטער לאַגע ווי איר, אַז איך זאָל אומגעשטערט קאָנען לייענען יענעמס בריוו צו אַנדערע מענטשן.״

„איר זענט אויך געווען אַ באַקאַנטער פריינד פון דעם דייטשן אַנאַרכיסט בערנאַרד קאַמפּמאַיער״ — האָט דער געריכטס־פּרעזידענט ווייטער ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן.

„די דאָזיקע באַקאַנטקייט, מ׳סיע לע פרעזידאַן, האָט ניט געקאָנט זיין אַזאַ געוואַלדיק גרויסע״ — האָט פענעאָן געענטפערט מיט אַ קאָמישער ערנסטקייט — „איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט דייטש און ער קאָן פונקט אַזוי פיל פראַנצייזיש.״

„די באַלעבאָסטע פון אייער הויז האָט איבערגעגעבן, אַז ביי אייך פלעגן תמיד זיין פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען״ — האָט דער מ׳סיע לע פרעזידאַן געזוכט צו דיסקרעדיטירן דעם אָנגעקלאָגטן.

„דאָס שטימט״ — האָט אָן שום קווענקלענישן געענטפערט דער אָנגע־קלאָגטער — „זיי זיינען געווען קונסטמאָלערס און שריפטשטעלערס.״

„אָבער די באַלעבאָסטע פון אייער הויז האָט דאָך בפירוש דערקלערט, אַז די מענטשן, וואָס זיינען כסדר געקומען צו אייך, האָבן אַלע געמאַכט אַ פאַרדעכטיקן איינדרוק״ — האָט דער פרעזידענט פונעם געריכט דאָס מאָל שוין אויפגעהויבן זיין שטים.

אפשר איז די דאָזיקע פרוי ניט אַזאַ גרויסע מענטשן־קענערין, אַז זי זאָל קאָנען ריכטיק משפטן אַ מענטש בלויז לויטן אויסזען, מ׳סיע לע פרע־זידאַן״ — האָט פענעאָן אַליין ניט פאַרלוירן דעם קאַלטן חוזק אין זיין טאָן.

איצטער האָט דער הער דעירא באַשלאָסן אויסצושפילן זיין טרומפקאָרט קעגן דעם אָנגעקלאָגטן. מען האָט, נעמלעך, אין פענעאָנס אַרבעטס־צימער, אינעם קריגס־מיניסטעריום, געהאַט געפונען עטלעכע קורצע קופערנע רערלעך און אַ קליין פלעשל מיט קוועקזילבער. אויף דעם סמך פון די דאָזיקע געפונענע זאַכן, האָט דער געריכטס־פרעזידענט איצטער אַ זאָג געטאָן: „מען באַשולדיקט אייך, אַז איר האָט געהאַט אין אייער באַזיץ אויפרייס־שטאָפן!״ און אין זיין פייערלעכער ערנסטקייט האָט דער דאָזיקער יוריסט געמאַכט אַ שלימזלדיקן לאַפּסוס. זיין צונג האָט זיך אים פאַרפּלאָנטערט און ער האָט געמאַכט די בולבע פון אַרויסריידן דאָס וואָרט „דעטורנעי״, וואָס האָט אַ האַלב טוץ טייטשן, ווי למשל, „אומערלעך״, „באַשווינדלט״, „פאַרפירט״, און דאָס גלייכן, אַנשטאָט צו זאָגן פשוט „דעטעני״, וואָס דער טייטש דערפון איז „פאַרהאַלטן״, און וואָס ער האָט טאַקע געוואָלט זאָגן.

„דעטורנעי?!״ — האָט פענעאָן געפרעגט מיט אַ קאָמיש שטוינען — „זייט מוחל מ׳סיע לע פרעזידאַן, איר מיינט מסתמא ,דעטעני׳.״

דער הער פרעזידענט, וועלכער איז פון דער קליינער על־רגל־אחתדיקער לעקציע אין פראַנצייזיש ניט געוואָרן כהרף עין זייער שטאַרק געבילדעט, האָט איצטער געפּרוּווט פאַרטושן די לעכערלעכקייט פון זיין בולבע דורך מאַכן אַ גרויס וועזן פון דעם, וואָס מ׳האָט געהאַט געפונען אינעם אָנגע־קלאָגטנס אַרבעטס־צימער אין דעם קריגס־מיניסטעריום. אָבער דער מייסטער פון דער פראַנצייזישער שפּראַך און דער ראַפינירטער סטיליסט פענעאָן האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו דערקלערן דעם באַזיץ פון די געפונענע זאַכן אין אַ לשון מיט אַזוי פיל חוזק און אָפענעם שפּאָט, אַז די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען זיינען כסדר אונטערגעבראָכן געוואָרן דורך דעם אָפט אַרויס־פּלאַצנדיקן געלעכטער מצד דעם עולם אינעם געריכטסזאַל, ניט געקוקט אויף דעם פאַרזיצערס שטרענגקייט און כסדרדיקע רופן צו אָרדענונג. ווען דער אָנגעקלאָגטער האָט דעם פאַרזיצער רויק דערקלערט, אַז ווי שטאַרק איינער זאָל ניט וועלן, וועט ער דאָך ניט קאָנען מאַכן קיין באָמבע פון עטלעכע קליינע קופערנע רערלעך און אַ קליין פלעשל קוועקזילבער, האָט דער גע־ריכטס־פרעזידענט, וועלכער האָט איצטער זיך געפונען אין אַן ענג ווינקל, געפּרוּווט זיך אַרויסצודרייען דורך דערקלערן: „לויט דעם געזעץ פון 1893 איז ניט בלויז דער באַזיץ פון עקספּלאָזיעדיקע שטאָפן פאַרבאָטן, נאָר אַפילו אויך די מאַטעריאַלן, פון וועלכע מען קאָן מאַכן אויפרייס־שטאָפן, זיינען אויך פאַרבאָטן. און פון קוועקזילבער קאָן מען דאָך מאַכן קנאַלקוועקזילבער, וואָס איז שוין אַ בפירושער עקספּלאָזיע־שטאָף.״

דערויף האָט פּענעאַן רויִק און געלאַסן געענטפערט: „אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָב איך ערגעץ ווו געלייענט, אַז פון קוועקזילבער מאַכט מען אויך טערמאָמעטערס און באַראָמעטערס...“ דאָס געלעכטער, וואָס האָט איצטער אָפּגעהילכט איבערן געריכטסזאַל, האָט ענדלעך איבערצייגט דעם מ׳סיע לע פּרעזידאַן, אַז אַפילו זיין טרומפּקאַרט איז אויסגעשפּילט. איך האַלט, אַז דער אומברחמנותדיקער פּענעאַן, מיט זיין שאַרף־געשניטן לענגלעך פּנים, און מיט זיינע קלאָרע איראָניש בליצלדיקע אויגן, האָט מסתמא פאַר־פאָלגט דעם געריכטס־פּרעזידענט אין זיינע קאָשמאַרן ביינאַכט.

אין דעם גאַנצן פּראָצעס האָבן בלויז די דערקלערונגען פון די אָנגע־קלאָגטע געהאַט אַ ווערט. דאָס, וואָס די פאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג האָבן געהאַט צו דערציילן, איז געווען אַזוי האָפּענונגסלאָז, אַזוי זינלאָז, און אויך אַזוי נודנע און מאָנאָטאָניש, אַז די ווירקונג איז פּשוט געווען אַ שענדלעכע און אַ שעדלעכע פאַר די באַשולדיקערס גופא, וועלכע זיינען אַליין צעטומלט געוואָרן פון זייערע אייגענע אַבסורדישע אַרגומענטן. דער אומ־שטאַנד, וואָס מ׳האָט אַזעלכע מענטשן איבערגעגעבן אין די הענט אַריין אָנצופירן מיט דעם עפנטלעכן אָנקלאָג אין אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס און אַ כסדרדיקע שפּאַנונג ניט בלויז איבער גאַנץ פראַנקרייך, נאָר אויך איבער דער גאָרער וועלט, האָט געמוזט צווינגען אַ סך מענטשן צו פאַרטראַכטן זיך, מענטשן, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט ניט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס אינעם אַנאַרכיזם, שוין אָפּ־געערעדט פון וועלכער עס איז שייכות צו אים. די אַזוי־גערופענע „פאַרברע־כערישע געזעצן“ זיינען אָן שום ספק געווען ממש אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער פרייהייט פון געוויסן פונעם פראַנצייזישן פאָלק. אָבער נאָך אַ סך ערגער איז געווען דער פאַקט, וואָס מען האָט דעם אויסטייטש און די אָנווענדונג פון די דאָזיקע אונטערדריקערישע מוילשלאָסערישע געזעצן אַריינגעגעבן אין די הענט אַריין פון אַזעלכע פאַרשוינען ווי בולאָ און דעיראָ, וועמעס גייסטיקע שמאָלקעפּלדיקייט איז בכלל ניט מסוגל געווען משיג צו זיין די עלעמענ־טאַרסטע באַגריפן וועגן רעכט און יושר, מחמת זיי האָבן זיך געפילט בלויז ווי די שיקינגלעך פון דער רעגירונג, וועמעס באַפעלן זיי האָבן געזוכט אויסצופירן בלינדערהייט. ווען שאַטעל האָט אין זיין דערקלערונג געזאָגט: „וואָס מער די פרייהייט פון וואָרט ווערט געפּענטעט, אַלץ מער און גיכער און בעסער גרייט איר אַלץ צו דאָס פעלד פאַר די מענטשן פון געוואַלד־אַקטן.“; אָדער ווען באַטאַר האָט דעם געריכטס־פּרעזידענט אינעם פּנים אַריין אַ שליידער געטאָן די ווערטער: „אַלץ, וואָס איר האָט קעגן אונדז אין אַלע אייערע באַווייזן, זיינען בלויז קליינלעכע שטעכווערטלעך, פאַר וועלכע איר ווילט אונדז פאַרשיקן אויף צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע.“; און ווען די אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבן גערעדט אין אַן ענלעכן זינען, האָבן זיי אַלע אויסגעדריקט די געפילן פון איטלעכן, וואָס האָט אָן שום פאָראורטיילן נאָכגעפאָלגט די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען בעת יענעם מערקווירדיקן פּראָצעס.

דער גאַנצער אָפיציעלער אָנקלאָג האָט ניט געהאַט קיין איינציקן פּונקט,

אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען שטיצן, און ער האָט אויך ניט געקאָנט ברענגען אין געריכט אַריין קיין איינציקן עדות, וואָס זאָל באַשטעטיקן זיינע אומגעלומפּערטע פאַרדאַכטן. אָבער די צייט איז געווען גינציק צו דערלאַנגען אַ שווערן קלאַפּ די מענטשן, וואָס די רעגירונג האָט זיי באַטראַכט ווי אומבאַקוועם פאַר איר און וועמען זי האָט געוואָלט באַזייטיקן פונעם עפנטלעכן לעבן אין פראַנקרייך. אירע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו פאַר־שוואַרצן דאָס פּנים פון די דאַזיקע מענטשן אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג, בעת זיי זיינען געווען אין דער תפיסה און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרטיידיקן קעגן די נידערטרעכטיקע אויסטראַכטענישן. אָבער די געריכט־לעכע פאַרהאַנדלונגען האָבן איצטער געוואָרפן אַ העל ליכט אויף אַ סך זאַכן, וואָס האָבן געמאַכט אַ מיאוסן איינדרוק אויף דער גאַנצער עפנטלעכקייט. נאָר עס זיינען ניט געווען די אָנגעקלאָגטע „רשעים", וועלכע האָבן געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם דאַזיקן העלן ליכט וואָס האָט אויפגעדעקט אַ סך מיאוסע מעשים; איצטער זיינען באַהערשט געוואָרן פון דער דאַזיקער מורא די מאַכט־אָרגאַנען פון דער רעגירונג גופא, די פּאָליציי און די פאַר־טרעטערס פון דער באַשולדיקונג, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען צו משפטן און צו פאַרמשפטן די דאַזיקע „רשעים."

אַזוי, למשל, האָט אַ געוויסער מ׳סיע ד׳עספּערב קורץ פאַרן אָנהייב פון דעם פּראָצעס פאַרעפנטלעכט אַ גיפטיקן אַרטיקל קעגן די אָנגעקלאָגטע. באַזונדערס האָט ער אין יענעם אַרטיקל זיך געהאַט אָנגעזעצט אויף סעבאַס־טיאַן פאַרן און ער האָט אים אָפּגעמאָלן אין די ערגסטע קאָלירן. דער גאַנצער אַרטיקל האָט גלייכצייטיק אויך געמאַכט דעם איינדרוק אויפן לייענער, אַז דער מחבר איז זייער גוט באַקאַנט מיט סעבאַסטיאַן פאַרן, מחמת ער האָט וועגן אים אָנגעגעבן באַשטימטע נאָענטע פּרטים. פאַרשטייט זיך, אַז די באַשולדיקונג האָט זיך צוגעאײַלט צו רופן דעם דאַזיקן שרייבער אין געריכט אַריין ווי אַן עדות קעגן סעבאַסטיאַן פאַרן. ווען עס איז געקומען אויסצופרעגן דעם דאַזיקן עדות, האָט דער הער דעספּלאַ, פאַרס פאַרטיידיקער, אים געפרעגט: „מ׳סיע ד׳עספּערב, צי האָט איר פערזענלעך געקענט סעבאַסטיאַן פאַרן בעת איר האָט געשריבן יענעם אַרטיקל וועגן אים?" דערויף האָט דער עדות גיך געענטפערט: „ניין!"

„אויב אַזוי" — האָט אים פאַרס אַדוואָקאַט העפלעך געבעטן — „זייט אַזוי גוט און זאָגט אונדז: ווער איז געווען דער קוואַל, פון וועלכן איר האָט געשעפּט אייער מאַטעריאַל פאַר יענעם אַרטיקל?"

דעם אַדוואָקאַטס פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע שפּאַנונג אינעם געריכטזאַל. אַלע אויגן פונעם גאַנצן עולם זיינען געווען מיט אַן אָטעם־פאַרכאַפּערישער דערוואַרטונג אָנגעשטעלט אויף דעם עדות. דער געריכטס־פאָרזיצער האָט באַלד דערשמעקט די סכנה, און ער האָט זיך צוגעאײַלט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם זיך קווענקלדיקן עדות, אַז ער איז ניט מחויב צו ענטפערן און אַז קיינער קאָן אים ניט צווינגען צו ענטפערן אויף דעם אַדוואָקאַטס פראַגע. דערויף האָט פאַרס פאַרטיידיקער רויִק דערקלערט: „איך

בין זיכער, אַז מ׳סיע ד׳עספּערב איז אינטעליגענט גענוג צו ענטפערן אָן שום צוואַנג.״

דער עדות האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט אַ ביסל, אָבער לסוף האָט ער דאָך געענטפערט: „איך האָב מיין מאַטעריאַל באַקומען פון דער פּרעפעקטיר דע פּאַליס, פון דעם פּאָליציייִשן הויפּט־ביוראָ. מ׳סיע פּיאיבאַראָ האָט דאָס מיר געגעבן.״

נאָך דעם דאָזיקן אויסזאָג פונעם עדות, וועלכער איז פאַר די פּאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג געווען דער ערגסטער פּאַטש אין פּנים אַריין, וואָס זיי האָבן זיך אַליין כסדר געגעבן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, האָט זיך אויפ־געהויבן אַ גרויסער טומל איבערן גאַנצן געריכטסזאַל. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן אויסרופן פון כעס און גרימצאָרן. ווען דער טומל האָט זיך געהאַט אַ ביסל איינגעשטילט, האָט סעבאַסטיאַן פאָר זיך אויפגעשטעלט און ער האָט צו דעם עדות געזאָגט אַזוי: „עס איז אָן שום ספק געווען אַ פּחדנישע האַנדלונג פון אייער זייט מיך צו אַטאַקירן אויף אַזאַ מיאוסן אופן בעת איך בין געווען פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה און איך האָב ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט אייך צו ענטפערן. אָבער נאָך דעם, ווי איר האָט זיך דאָ אַזוי ערלעך מודה געווען פון וואַנען איר האָט באַקומען דעם מאַטעריאַל, טראָג איך אויף אייך באמת ניט קיין שום בייז האַרץ. איך פאַרגיב אייך פונעם גאַנצן האַרצן.״

דערויף האָט דער מ׳סיע ד׳עספּערב געזאָגט: „איך דאַנק אייך, מ׳סיע פאָר.״ און ער האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פונעם עדות־שטול.

שוין אויף דעם צווייטן טאָג פון די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען האָט מען געהאַט דעם פולסטן איינדרוק, אַז די ראָלעס אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן זיך עפּעס ווי אַליין פון זיך איבערגעביטן. די כסדרדיקע גראָבע בולבעס וואָס די פאַרטרעטערס פון דעם פּראָקוראָר און דער באַשולדיקער גופא האָבן געהאַלטן אין איין מאַכן, האָבן דעם דאָזיקן איינדרוק נאָך מער פאַרשטאַרקט. און עס האָט איצטער אויסגעקוקט, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען גאָר די אָנקלאָגערס און אַז די באַשולדיקטע זיינען דער פּראָקוראָר, דער געריכטס־פּרעזידענט און זייערע משרתים אין דער רעגירונג. אַפילו דער אַזוי זאָרגעוודיק אויסגעפּלאַנירטער פּאַרטל פון דעם פּראָקוראָר בולאָ צוצו־טשעפּען צו דעם דאָזיקן פּראָצעס קעגן די אַזוי־גערופענע „אינטעלעקטועלע רשעים״ אויך די פּשוטע איינברעכערישע באַנדע פון אָרטיזן און זיינע קאָלעגן איז אויך געווען אַ לחלוטינדיקער דורכפאַל. אַז אָרטיז איז געווען באַקאַנט מיט עמיל אַנרין, איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דעם פּראָצעס קעגן אַנרין. אָבער אָרטיז גופא האָט ביים איצטיקן פאַרהער בשום אופן ניט געוואָלט אויסזאָגן דעם גענויען כאַראַקטער פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט. איז דער גאַנצער ענין פון אָט דער פאַרבינדונג צווישן אַנרין און דעם פירער פון אַ באַנדע פּשוטע איינברעכערס געבליבן הענגען אין דער לופטן. אין דעם פּראָצעס קעגן אַנרין האָט דער פאָרזיצער פונעם געריכט דעם אָנגעקלאָגטן פאָרגעוואָרפן: „אייער לעצטע שטעלע ביי דעם סקולפּטאָר דיפּי האָט איר דאָך געקראָגן דורך אייער פריינד, דעם איינברעכער אָרטיז.״

דערויף האָט אַנרי געענטפערט: „אָרטיז איז אין יענער צייט נאָך געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש. ער איז דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין גנב."

אין יעדן פאַל האָט די באַציונג צווישן אַנרין און אָרטיזן בכלל ניט געהאַט די מינסטע שייכות מיט דעם פּראָצעס קעגן זשאַן גראַוון, סעבאַסטיאַן פאָרן און זייערע חברים. מען וואָלט איצטער בכלל ניט גערעדט וועגן אָרטיזן אויב דער פּראָקוראָר בולאָ וואָלט זיך ניט געהאַט אַריינגענומען אין זיין קאָפּ אַריין צו באַווייזן די פאַרבינדונג צווישן די „אינטעלעקטועלע" אַנאַרכיסטן און די „אימפּולסיווע" אַנאַרכיסטן, כדי אַזוי אַרום משפּיע צו זיין די געשווירענע ריכטערס. און כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָט די באַשולדיקונג זיך אויך פאַררופן אויף אַ בריוו פון בוענאָס איירעס צו זשאַן גראַוון, אין וועלכן איינער פון אָרטיזעס פריינד, אַ געוויסער בערטיני, ווערט רעקאָמענדירט ווי אַן „אַקטיווער חבר" צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

ווען דער געריכטס-פּאַרזיצער האָט דערמאָנט יענעם בריוו, האָט זשאַן גראַוו אים געפרעגט: „וועגן וועלכן בריוו רעדט איר דאָ?"

„וועגן דעם בריוו, וואָס אַ געוויסער לאַקור, פון בוענאָס איירעס, האָט געשריבן צו אייך, און אין וועלכן ער האָט צו אייך רעקאָמענדירט בערטינין" — האָט דער געריכטס-פּרעזידענט געענטפערט.

„איך ווייס לגמרי ניט וועגן אַזאַ מין בריוו" — האָט זשאַן גראַוו געזאָגט — „איך האָב קיין מאָל ניט געהערט וועגן אַ לאַקור. וועלכע דאַטע איז אויף דעם דאָזיקן בריוו?"

„ער איז פון דעם 2טן דעצעמבער, 1893" — האָט געענטפערט דער מ'סיע לע פּרעזידאַן.

„ווען איז ער דאָ אָנגעקומען?" — האָט זשאַן גראַוו געוואָלט וויסן.

„אין יאַנואַר, 1894" — האָט געענטפערט דער הער דעיראָ.

„שוין דאָס איז גענוג אינפאָרמאַציע פאַר מיר" — האָט גראַוו מיט צופרידנקייט געזאָגט — „אין יענער צייט בין איך דאָך שוין געווען אין דער תפיסה. האָב איך דאָך זיכער דעם דאָזיקן בריוו ניט געקאָנט האָבן דערהאַלטן. פון די אַלע בריוו צו מיר, וואָס זיינען פאַראַן אין די געריכטסאַקטן, איז קיין איינער צו מיר ניט דערגאַנגען. זיי זיינען אַלע געוואָרן אַדרעסירט צו מיר שוין נאָך דעם ווי מיר זיינען אַלע געווען אַרעסטירט און מיר זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה."

ווען זשאַן גראַוו האָט געענדיקט די דאָזיקע דערקלערונג, איז ווידער געוואָרן אַ טומל אין געריכטזאַל, און עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט ביז דער מ'סיע לע פּרעזידאַן האָט געקאָנט איינשטעלן אָרדענונג און דער עולם האָט זיך באַרויִקט.

אַ חוץ יענעם מיסטעריעזן בריוו, האָט די באַשולדיקונג ניט געהאַט קיין שום אַנדערן באַווייז, כדי אונטערשטיצן איר באַרימטע אויסגעמוטשטע טעאָריע וועגן דער פאַרבינדונג צווישן די „אינטעלעקטועלע" אַנאַרכיסטן און די „אימפּולסיווע" אַנאַרכיסטן. נו, איז איצטער געקומען זשאַן גראַוו און ער האָט פון דעם דאָזיקן „אייזערנעם" באַווייז געמאַכט אַש און פאַרעך. איטלעכער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך פאַר דעם פּראָקוראָר אַ שפּאָגל נייע

מפלה, וואָס קיין שום אויסגעמוחטע לעגאַליסטישע סאָפיסטיק האָט ניט געקאָנט ענדערן. דער גאַנצער אָפיציעלער אָנקלאָג איז זיך צוזאַמענגעפאַלן ווי אַ הויז פון קאָרטן. עס איז אין די גאַנצע געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען ניט געווען קיין איינציקער פונקט, וואָס די באַשולדיקונג זאָל אים קאָנען פאַרטיידיקן לטובת זיך און קעגן די אָנגעקלאָגטע. די איינציקע פונקטן, מיט וועלכע דער אָפיציעלער אָנקלאָג האָט זיך יאָ געקאָנט באַנוצן קעגן די באַשולדיקטע, זיינען געווען די גניבות און איינברעכער׳יען פון אָרטיזן און זיין באַנדע. אָבער אַפילו דאָ האָט די באַשולדיקונג געמאַכט עטלעכע אומ־געלומפּערטע אָנקלאַגן, וואָס זי האָט ניט געקאָנט אונטערשטיצן ניט דורך באַווייזן און ניט דורך עדות.

דער הער בולאָ האָט טאַקע שוין אַליין דערפילט, אַז דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס וועט ער זיך ניט דערדינען צו קיין שום לאָרבער־קראַנצן. און הגם זיין אָנקלאָג־רעדע איז געווען זייער רייך אין ווערטער, איז זי אָבער געשטאַנען אויף הינערישע פיסלעך, און זי האָט קיינעם בכלל ניט געקאָנט אין גאָר ניט איבערצייגן, אַ חוץ אין דעם, אַז דער גאַנצער אָנקלאָג איז געבויט אויף גאָר ניט. די איינציקע מענטשן, אויף וועמען דעם פּראָקוראָרס באַשולדיקונגס־רעדע האָט יאָ געקאָנט מאַכן אַן איינדרוק, זיינען געווען, די יעניקע, וועלכע האָבן געטראַכט פונקט אַזוי ווי דער באַשולדיקער, און וועלכע זיינען גרייט געווען מקריב צו זיין די עלעמענטאַרסטע באַגריפן וועגן רעכט און יושר אויפן מזבח פון דער ברוטאַלער מאַכט. די גאַנצע גראָטעסקע אומגעלומפּערטקייט, וואָס דער פּראָקוראָר האָט געהאַט אַרויס־געוויזן בעת דעם גאַנג פונעם פּראָצעס, האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט אין זיין שלוסרעדע. זיינע נאַרישע אָנפאַלן אויף עליזעי רעקלי, וועלכער איז דאָ בכלל ניט אָנגעקלאָגט געוואָרן, האָבן קלאָר באַוויזן די מאָראַלישע געזונקענקייט פון דעם דאָזיקן „זייל פון דער געזעלשאַפט״, אויף וועלכן אַפילו די רעגירונג פון דעם פּרעמיער דיפּי האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן. וואָרן דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם פּראָקוראָרס אידיאָטישע זידלערייען, וואָס זיינען געווען געצילט קעגן אַ מענטש, וועלכער איז גע־שטאַנען סיי אין גייסט און סיי אין כאַראַקטער מיט הימלען העכער פון אַזאַ פּאַרשוין ווי בולאָ, און וועמען דער דאָזיקער פּרא אדם פון אַ פּראָקוראָר וואָלט אַפילו ניט געטאָרט וואַגן צו פּוצן די שיך. רעקלי האָט מיט זעקס חדשים פריִער, אין דעם פּראָצעס קעגן זשאַן גראַוועס בוך, געהאַט עדות געזאָגט לטובת דעם אָנגעקלאָגטן. ביי יענער געלעגנהייט האָט בולאָ דורך זיין גראָבקייט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל איגנאָראַנץ און עם־הארצות, אַז די צייטונגען האָבן דערנאָך געמאַכט פון אים חוכא וטלולא. און פּראָוואָצירט דערצו, אַז ער זאָל אַרויסוויזן זיין אומוויסנקייט, האָט אים טאַקע רעקלי. און מ׳סיע בולאָ האָט קיין מאָל מער ניט געקאָנט פאַרגעסן ווי אַזוי רעקלי האָט אים געהאַט אַרויסגעשטעלט צו לייטישן שפּאָט און געלעכטער. דעריי־בער טאַקע האָט ער איצטער אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען אויף אַזאַ אידיאָטישן אופן קעגן דעם גרויסן אַנאַרכיסטישן געלערנטן. דערביי האָט ער געגעבן איצטער אָנצוהערן, אַז רעקלי איז בכיוון אַוועק

קיין אויסלאַנד, כדי ער זאָל ניט דאַרפן זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט די אַנדערע אַנאַרכיסטישע אָנגעקלאָגטע. און אויך דאָס איז געווען אַ גראָבער ליגן. וואָרן רעקלי האָט דעמאָלט געהאַט פּאַרלאָזט פראַנק־רייך דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אָנגענומען אַ שטעלע ווי אַ פּראָפעסאָר אין דעם פרייען אוניווערזיטעט אין בריסל. אָבער מ׳סיע בולאָ האָט קיין מאָל ניט געקאָנט הויזן צוזאַמען מיטן אמת, אַפילו ניט דעמאָלט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּשוטע פאַקטן, וואָס יעדער איינער האָט גרינג געקאָנט פעסטשטעלן. פּונקט אַזוי שקרדיק אידיאָטיש איז ער געווען, ווען ער האָט דערקלערט, אַז אַלעקסאַנדער קאָהען איז געהאַט אַנטלאָפן פון פראַנקרייך קיין ענגלאַנד, כדי ער זאָל ניט מוזן איצטער שטיין פאַר די ריכטערס צוזאַמען מיט די אַנדערע אַנאַרכיסטן, בעת ער, דער פּראָקוראָר, האָט גוט געוווסט, אַז די פּאָליציי האָט קאָהענען געהאַט געגעבן פיר און צוואַנציק שעה צו פאַרלאָזן פראַנקרייך, אין דעם גרויסן פּאָליציי׳שן געיעג אויף די אויס־לענדישע אַנאַרכיסטן.

אין דער גאַנצער שלוס־רעדע זיינער איז מצד דעם פּראָקוראָר ניט געווען קיין איינציקער שכלדיקער אַרגומענט. און הגם בעת דעם גאַנצן פּראָצעס איז ניט געווען קיין איינציקער באַווייז, וואָס זאָל אונטערשטיצן דעם אָפיציעלן אָנקלאַג, האָט דער הער בולאָ דאָך געפאָדערט שווערע שטראָפן פאַר די באַשולדיקטע, ווען ער האָט באַטראַכט ווי די גייסטיקע גורמים, די אחריותדיקע שטויסערס צו די געוואַלדאַקטן פון וואַיאַנען, אַנרין און קאַזעריאָן. און כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז בנוגע לעדאָן, שאַטלען, אַניעלין, און עטלעכע אַנדערע, קאָן מען אָנווענדן מילדערנדיקע אומשטאַנדן און זיי געבן קלענערע שטראָפן, האָט ער אָבער קאַטעגאָריש געפאָדערט אומברחת־מנותדיקע שטראָפן פאַר גראַוון, פאַר סעבאַסטיאַן פאָרן, מאַטהאַן, באַטאַרין און פאַר בערנאַרן. ביים סאַמע סוף פון זיין לאַנגער טיראַדע האָט בולאָ זיך אויסגעדרייט מיט אַ טעאַטראַלישן זשעסט צו די אָנגעקלאָגטע, און ער האָט אויסגערופן: „ווו ז׳עט טו דע מיזעראַבל!“ („איר זענט אַלע צרהדיקע, וויסטע מענטשן!“). און דאָס האָט געזאָגט דער זעלביקער פאַרשוין, וועלכער האָט בעת דעם גאַנצן פּראָצעס הונדערטער מאָל געפּאַלשעוועט זיין אייגן געזעץ, ככדי נושא חן צו זיין אין די אויגן פון זיינע ברויטגעבערס, און וועלכער האָט אָן די מינדסטע געוויסן־ביסנס געפאָדערט צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע פאַר אומשולדיקע מענטשן, און ער וואָלט זיי אַליין גערן פאַרמשפט דערצו, אויב ער וואָלט נאָר געהאַט דאָס רעכט דערויף, אָן שום חרטה־געפילן. דערי־בער טאָקע האָט ער אַזוי שווער געאַרבעט צו פּועלן ביי די געשווירענע ריכטערס, אַז זיי זאָלן דערזען די אָנגעקלאָגטע אין דעם זעלביקן פינצטערן ליכט, אין וועלכן ער האָט זיי געהאַט אַריינגעשטעלט.

אָבער די אמתע אָנקלאַג־רעדעס אין דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן גאָר געהאַלטן די פאַרטיידיקערס פון די אָנגעקלאָגטע און טיילווייז אויך די באַ־שולדיקטע גופא. דאָס איז געווען אַ מוראדיק אָפּרעכענען זיך מיט דעם הער בולאָ, אויף וואָס ניט ער און ניט זיינע משרתים האָבן זיך קיין מאָל אין זייער לעבן ניט געקאָנט ריכטן. סאַנט־אָבאַן, דער גלענצנדיקער פאַרטיידיקער פון

זשאַן גראַוון, האָט אַרייַנגעטראָפן אינעם סאַמע פינטל אַריין, ווען ער האָט צו די געשווירענע ריכטערס זיך געוואַנדן מיט די וויטערדיקע ווערטער: מען האָט אייך דאָ געזאָגט, אַז עס איז אייער חוב צו ראַטעווען די געזעל־שאַפט. אינעם נאָמען פון דעם אַלגעמיינעם ווילזיין פאָדערט מען פון אייך, אַז איר זאָלט פאַרגעוואַלדיקן די גערעכטיקייט, מאַנס זיין דעם יושר. איך אָבער זאָג אייך, אַז בכדי צו ראַטעווען די געזעלשאַפט און צו באַשיצן איר אַלגעמיינעם ווילזיין, מוזט איר צוערשט ראַטעווען די גערעכטיקייט און באַשיצן דעם יושר. וואָרן אַ געזעלשאַפט אָן גערעכטיקייט איז אַ טויטער גוף, אָן אַ נשמה.״

און דער אַדוואָקאַט פאַר סעבאַסטיאַן פאָרן, מ׳סיע דעספלאַ, האָט פאַר־גליכן דעם איצטיקן פּראָצעס מיט דער מלוכה־איבערקערעניש פון דעם 2טן דעצעמבער, 1851, ווען לואי נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט באַפוילן צו אַרעסטירן אַלע רעפּובליקאַנער, כדי אַזוי אַרום פּטור צו ווערן פון זיי מיט איין קלאַפּ. און ער האָט אויסגעפירט: „דאָס איז געווען אַ מעשה נבלה, אָבער ווייניקסטנס איז דאָס אָפּגעטאָן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. קיינער האָט דעמאָלט ניט געפּרוווט צבועקיש זיך צו באַהאַלטן אונטער דעם חניפהדיקן תירוץ פון יושר. דאָס וואָס מען פאַרלאַנגט פון אייך, מיינע חשובע הערן געשווירענע, איז אָן אָפענער שקר, אַ האַנדלונג, וואָס איז פּונקט אַזוי נידערטרעכטיק ווי זי איז אומנייטיק. באַדעקט ניט אייערע נעמען מיט אַזאַ שאַנד און שמאַך!״

נאָך דעם, ווי זיין אַדוואָקאַט האָט געהאַט געענדיקט, האָט סעבאַסטיאַן פאַר גופא גענומען דאָס וואָרט, און ער האָט דערלאַנגט אַ רעדע, וועמעס פיינער סטיל און געדאַנקען־רייכער תוכן האָט געהאַלטן געשפּאַנט די ריכטערס און דעם גאַנצן עולם אינעם געריכטסזאַל ביז צום לעצטן וואָרט. און געשען איז דאָס ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער געריכטס־פאָרזיצער האָט אים געהאַט שטרענג פאַרבאָטן ניט צו ריידן וועגן זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען. די דאָזיקע ברוטאַלע פאַרגעוואַלדיקונג קעגן דעם עלעמענטאַרסטן רעכט פון די אָנגעקלאָגטע האָט איצטער געוואָרפן אַ נאָך טרויעריקער ליכט אויף די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען און זי האָט גורם געווען אַ נאָך גרעסערן גרימצאָרן קעגן די פאַרטרעטערס פון דער באַשולדיקונג און קעגן זייערע מיאוסע מעטאָדן.

פון די אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבן נאָך גערעדט אינעם געריכט צו עטלעכע ווערטער באַטאַר און בערנאַר. זשאַן גראַוו איז ניט געווען קיין רעדנער. האָט ער פאַרגעלייענט אַ לענגערע דערקלערונג, וועמעס ווערדיק און ערנסט לשון האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, אַז די אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן זיינען אומשולדיק אין די אַלע פאַרברעכנס, וואָס דער פּראָקוראָר האָט זיי געוואָלט צושרייבן אויפן חשבון פון די באַ־שולדיקטע פרייהייטלעכע דענקערס. נאָך דעם, ווי די אַדוואָקאַטן פון די אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבן גערעדט אין דער פאַרטיידיקונג פון זייערע קליענטן, האָבן זיך די געשווירענע ריכטערס צוריקגעצויגן צו זייער באַראַ־טונג. די צוויי לעצטע סעסיעס פונעם געריכט האָבן כמעט געהאַט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, און זייער אָפּט זיינען די

רעדעס פאַר דער פאַרטיידיקונג באַגלייט געוואָרן מיט שטורעמדיקע אָוואַציעס. אויב מען וואָלט געאורטיילט לויט דער אַלגעמיינער שטימונג אינעם גע־ריכטסזאַל, וואָלט מען געמוזט להלוטין אויסשליסן אַ פסק דין פון שולדיק. אָבער דאָך האָט מען אין יענעם פעריאָד פון אַלגעמיינע פּאָליטישע רדיפות געמוזט זיין גרייט אויף כלערליי איבעררעאַשונגען. איין זאַך איז אָבער יאָ געווען זיכער: דער גורל פון די אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן ליגט אין די הענט פון די געשווירענע ריכטערס. אַפילו ווען די געשווירענע ריכטערס וועלן בלויז טיילווייז צוגעבן די שולד פון די אָנגעקלאָגטע, וועט מען דעמאָלט נאָך אַלץ מוזן מורא האָבן פאַר דעם ערגסטן, מחמת די אויסטייטשונג פון דעם נייעם געזעץ וועגן אַזאַ מין טיילווייזער שולדיקייט ליגט נאָך איצטער אַלץ אין די הענט פון די פאַרטרעטערס פונעם אָפיציעלן אָנקלאָג.

אָבער די געשווירענע ריכטערס האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי מענטשן, וועלכע זיינען להלוטין ניט געווען געניייגט מקריב צו זיין זייערע גוטע נעמען אויפן מזבח פון אַן ענין, וואָס איז אַזוי פיל מאָל און אַזוי אָפן אָנגעקגעשטעלט געוואָרן בפני כל עם ועדה ווי אַן אָנקלאָג, וואָס איז אין דער שרייענדיקסטער סתירה צו אַלע עיקרים פון גערעכטיקייט. האָבן זיי געענטפערט אויף ניין בנוגע דער שולדיקייט פון זשאַן גראַוון, סעבאַסטיאַן פאָרן, לעדאָן, שאַטעלן, אַניעלין, באַטאָרן, ברונעין, ביאַנען, טראַנקורן, דאַרסעין, שאַמבאַנען, מאָל־מערעין, פענעאַנען און מאַטהאַן. דאָס האָט געמיינט, אַז די דערמאָנטע אַנאַרכיסטן מוזן תיכף און אָן שום באַוואָרענישן ווערן אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. פון דער אַרטיז־באַנדע זיינען אויך געפונען געוואָרן אומשולדיק די אַלמנה מילאַנקטשיאַ, די פרוי שעריקאַטיס, פרוי בעלאָט, און בעלאָט, דער יינגערער, און אַנטואַנעט קאַזאַל. אַרטיז גופא איז געפונען געוואָרן שולדיק אין אַ צאָל איינבערעכערייען און אין אַנדערע גניבות, און ער איז פאַרמשפט געוואָרן צו פופצן יאָר תפיסה. דער צווייטער איינברעכער, שערי־קאַטי, האָט געקראָגן אַ פסק דין פון אַכט יאָר קאַטאָרגע. און בערטאַני האָט באַקומען זעקס חדשים געפענגעניש דערפאַר, ווייל מען האָט געפונען ביי אים אַ פאַרבאָטענעם וואָפן.

די אַנדערע אָנגעקלאָגטע, פאָל רעקלי, עמיל פּוזשעי, קאָנסטאַן מאַרטען, פּראַנסואַ דיפּראַ, און אַלעקסאַנדער קאָהען, וועלכע זיינען אַלע געווען אין אויסלאַנד בעת דעם פּראָצעס, זיינען איטלעכער פאַרמשפט געוואָרן דעם 31סטן אָקטאָבער, ביי אַ באַזונדערער געריכטלעכער סעסיע, צו צוואַנציק יאָר פאַרשיקונג אויף קאַטאָרגע. דער דאָזיקער אומגעהייער מוראדיקער פסק דין איז געווען נאָך מער דערשטוינלעך צוליב דעם, וואָס קעגן די דאָזיקע פינף דערמאָנטע אַנאַרכיסטן זיינען דאָך ניט געווען קיין שום אַנדערע באַווייזן ווי קעגן די פופצן חברים זייערע, וואָס זיינען אויף דעם „פּראָצעס פון די דרייסיק" געפונען געוואָרן אומשולדיק. קיינער האָט דעמאָלט ניט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז אויב די דאָזיקע פינף וואָלטן געזעסן צוזאַמען מיט די אַנדערע פופצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, וואָלטן זיי דאָך אויך באַפרייט געוואָרן פון יעדן אָנקלאָג. אָבער אַן זייער בייזיין ביים פּראָצעס און אָן פערזענלעכע פאַרטיידיקערס האָט זיך דעם פּראָקוראָר בולאָ איינגע־

געבן אַרויסצוקריגן אַזאַ אַבסורדיש שטרענגן פּסק דין קעגן זיי. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער קאַטאָרגע־אורטייל האָט געהאַט בלויז אַ סימבאָלישן באַטייט, וואָרן די פינף פאַרמשפטע האָבן זיך דאָך אַלע דעמאָלט געפונען מחוץ די גרענעצן פון דער פראַנצייזישער מאַכט. און מיט קוים דריי חדשים שפּעטער, נאָך דער פּאָליטישער אַמנעסטיע פון דעם 2טן פעברואַר, 1895, ווען פּוזשעי, מאַרטען און דיפּראַ זיינען צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך, האָט זיי קיינער ניט געטשעפּעט, הגם די פּאָליטישע אַמנעסטיע דעמאָלט איז חל געווען בלויז אויף פּאָליטישע פאַרברעכנס און זי האָט בפירוש אויסגע־שלאָסן די יעניקע, וועלכע זיינען געהאַט פאַרמשפּט געוואָרן צו קאַטאָרגע טערמינען. אויך פּאָל רעקלי, וועמען מען האָט בפירוש געהאַט אויסגעשלאָסן פון יענער אַמנעסטיע, אַנרופנדיק זיין נאָמען, איז שפּעטער צוריקגעקומען אין זיין היימלאַנד און מען האָט אים ניט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. און אַפילו אַלעקסאַנדער קאָהען, וועלכער האָט ווי אַן אויסלענדער געהאַט ווייניקער שאַנסן, אַז מען זאָל אים ניט טשעפּען, איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך מיט אַן אָפיציעלער דערלויבעניש.

די אַנטשיידונג אין דעם „פּראָצעס פון די דרייסיק" איז איבערן גאַנצן לאַנד אויפגענומען געוואָרן מיט אַ גרויס געפיל פון דערלייכטערונג, וואָרן עס איז דעמאָלט פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז אויב מען וואָלט די אָנגע־קלאָגטע יאָ געהאַט פאַרמשפּט, וואָלט נאָך דעם אוממעגלעך געווען פאַר יעדן איינעם אין פראַנקרייך צו קריטיקירן עפנטלעך די רעגירונג אָדער אירע מעשים. די פּרעסע פון דער אָפּאָזיציע האָט אָבער ניט פאַרשוויגן די שיינע מעשים פון דעם פּראָקוראָר און זיינע משרתים בעת דעם פּראָצעס. ראָשפאָר, וועלכער האָט דעמאָלט אַליין געלעבט אין גלות, האָט אָנגעשריבן פאַר דער ציטונג „ל'אַנטראַנסיזשאַן" צוויי אַרטיקלען: איינעם אונטערן קאָפּ „צום ברעכן!" און דעם צווייטן האָט ער באַטיטלט: „די פאַרשווינען אין די אייזערנע מאַסקעס." די דאָזיקע צוויי אַרטיקלען האָבן פאַרשאַטנט אַלץ, וואָס איז וועגן דעם ענין פריִער געהאַט געשריבן געוואָרן אין פראַנקרייך. די אַרויסגעבערס פון יענער ציטונג זיינען תיכף צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר „באַליידיקן דאָס געריכט". אָבער דעם 31סטן אָקטאָ־בער זיינען אויך זיי באַפרייט געוואָרן פון דעם אָפיציעלן אָנקלאָג.

דער „פּראָצעס פון די דרייסיק" איז אָבער אויך געווען ווי אַ הקדמה צו דעם גרויסן פּאָליטישן קריזיס, וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך נייע עפנטלעכע פינאַנציעלע סקאַנדאַלן. דעם 14טן יאַנואַר, 1895, האָט די רעגירונג פון דופּין געמוזט דעמיסיאָנירן. אויף צו מאָרגנס האָט קאַזימיר פּעריעי רעזיגנירט פון זיין אַמט ווי דער פּרעזידענט פון דער פראַנצייזישער רעפּובליק, מחמת ער האָט שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די פיינדלעכע שטימונג איבערן גאַנצן לאַנד קעגן אים. די מענטשן, וואָס פראַנקרייך האָט זיי געהאַט אָנפאַרטרויט מיט שאַפן אַ „נייע אָרדענונג", זיינען איצטער גע־פאַלן ווי קרבנות פון זייערע אייגענע מאַכינאַציעס. דאָס איז געווען אַ שענדלעכער סוף, אָבער אַ כשר־פאַרדינטער. דער מ'סיע בולאַ האָט דורך זיינע שלימזלדיקע אומגעלומפּערטקייטן געהאַט אַריינגעטריבן די גאַנצע רעגירונג

אין אַ גרויס באַדרענגעניש. ער האָט טאַקע געהאַט איבערצייגט דאָס גאַנצע לאַנד אין דער עקסיסטענץ פון אַ „פּאַראַיין פון רשעים", אָבער די רשעים זיינען ניט געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אינעם געריכט, פון וואַנען דער הער בולאַ האָט זיי אַלעמען געוואָלט פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, נאָר זיי האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון די קרייזן פון דער רעגירונג, ווו זיי האָבן כסדר קאָנספּירירט וועגן נייע אַטאַקעס אויף דער פרייהייט פונעם פאָלק, און זיי האָבן פּלאַנירט דורך די אומווירדיקע „פאַרברעכערישע געזעצן" אונטערצודריקן איטלעכע מאַניפעסטאַציע פון אַ פרייער מיינונג. ווי עס האָט זיך שפּעטער טאַקע אַרויסגעוויזן, איז דער „פּראָצעס פון די דרייסיק" געווען בלויז אַ הקדמה צו אַ גרויסער מלוכהשער אַקציע קעגן די עלעמענטאַרסטע פרייהייטן פונעם פראַנצייזישן פאָלק. די פּראָקוראָטור האָט שוין געהאַט אויף איר שוואַרצער ליסטע ניט ווייניקער ווי פיר הונדערט נעמען, און אויף די טרעגערס פון די דאָזיקע נעמען האָט שוין געוואַרט דער זעלביקער גורל, וואָס איז געהאַט געווען אַזוי זאָרגעוודיק צוגעגרייט פאַר די אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן. נאָר די ביטערע מפּלה מצד דער רעגירונג בעת יענעם ערשטן רעאַקציאָנערישן פּרווו האָט זי אַזוי שטאַרק אָפּגעשראָקן פון די אַנדערע פּראָצעסן, וואָס האָבן געזאָלט נאָכפאָלגן.

אָבער דערווייל האָט די רעגירונג שוין געהאַט אונטערדריקט די גאַנצע אַנאַרכיסטישע פּרעסע. אַלע אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונגען און אָרגאַניזאַציעס איבער גאַנץ פראַנקרייך זיינען געווען שטרענג פאַרבאָטן. טויזנטער מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אָדער זיי זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע אַרבעטספּלעצער. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט פאַרמיידן די געוואַלד־אַקטן פון אַ וואַיאַן, אַן אַנרי, אָדער אַ קאַזעריאָ. די רעגירונג האָט דעמאָלט געבראַכט אַ סך גרויסע אומגליקן אויף אומשולדיקע מענטשן און זי האָט געהאַט אַריינגעטריבן דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ מצב פון רעכטלאָזיקייט און פון פּאָליציייִשער הפקרות. און וואָס איז געווען דער פועל יוצא פון דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע? קוים צען חדשים נאָך יענעם מאָדנעם „פּראָצעס פון די דרייסיק" זיינען שוין ווידער אַרויס איבער גאַנץ פראַנקרייך די אַלע פאַרבאָטענע אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן. אַ רייכע ליטעראַטור פון אַנאַרכיס־טישע בראָשורן האָט זיך צעבליט איבערן גאַנצן לאַנד. אַנאַרכיסטישע רעד־נערס האָבן פאַרשפּרייט די פרייהייטלעכע אידעען אין איטלעכן טייל פונעם לאַנד, ביז צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען. אַזעלכע איינפלוסרייכע חברים ווי פּוזשעי, פּעלוטיעי, איוועטאָ, זשיראַר, און הונדערטער אַנדערע, האָבן געהאַט דעמאָלט אַ מעכטיקע השפעה אויף דער בראשיתדיקער אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערישן סינדיקאַליזם אין פראַנקרייך. און הגם די טרויעריק באַרימטע „פאַרברעכערישע געזעצן" זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעשאַפט, האָט דאָך די נייע רעגירונג זיך זייער זעלטן באַנוצט מיט זיי. די דערפאַ־רונגען פון דער אַלטער רעגירונג מיט די דאָזיקע געזעצן האָבן ניט דער־מוטיקט די איצטיקע רעגירונג נאָכצופאָלגן אויף דעם זעלביקן דרך.

איך דערמאָן זיך נאָך איצטער זייער קלאָר און לעבעדיק דעם ערשטן איינדרוק, וואָס די באַפרייונג פון אונדזערע חברים האָט אויף אונדז געמאַכט.

זייער פריי ווערן פון דעם געריכטלעכן אָנקלאָג איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן דורך עקסטרע אויסגאַבעס פון די צייטונגען. זשאַן איז דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין דער שטוב אונדזערער מיט אַזאַ צייטונג אין דער האַנט, און ער האָט, ווי אַ דיבוק וואָלט געווען אין אים אַרייַן, געהאַלטן אין איין שרייען: „פריי! פריי!". איך האָב פון אים אַרויסגעריסן דאָס בלאַט און מיט אימפעט איבערגעלייענט די עטלעכע גרויסע שורות. פּלוצים האָב איך דערפילט ווי עס ווערט מיר פייכט אין די אויגן. און עפּעס ווי פון זיך אַליין האָט זיך ביי מיר פונעם האַלדז אַרויסגעריסן אַ קרעפּטיקער „וויוו לאַ פראַנס!". און איך בין זיכער, אַז אַפילו ביי דעם בעסטן פראַנצויז האָט זיך קיין מאָל דער דאָזיקער אויסרוף ניט אַרויסגעריסן אַזוי ספּאָנטאַן און פון אַזאַ טיפעניש פונעם האַרצן ווי ביי מיר אין יענעם מאָמענט. מיר גופא האָבן זיך אַלע געפילט אַזוי ווי מען וואָלט איטלעכן איינעם פון אונדז געהאַט באַפרייט פון אַ גרויסן שווערן בילבול. וואָרן מיר אַלע זיינען אין משך פון דער גאַנצער צייט פונעם פּראָצעס, ניט געקוקט אויף די כסדרדיקע גוטע אויסזיכטן פאַר אַ באַפרייונג פון אונדזערע חברים פאַרן געריכט, ביז צום סאַמע סוף, געפּלאָגט געוואָרן פון דעם גריזשענדיקן וואָרעם פון ספק און אומזיכערקייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין דעם קליינעם רעסטאָראַן פון אַ פראַנצייזישן חבר אין סאַן דני, כדי צו באַגריסן באַטאַרן צו זיין באַפרייונג. עס איז, נאַטירלעך, דאָרטן ניט געווען קיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, נאָר בלויז אַ צוזאַמענקום פון נאָענטע חברים. דערביי האָבן מיר אויך געמוזט אַכטונג געבן, אַז מיר זאָלן אויף זיך ניט ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. באַטאַר האָט אויסגעקוקט בלאַס. מען האָט אויף אים געקאָנט זען, אַז דער לאַנגער אַרעסט און די תפיסה־קעסט האָבן אים ניט באַזונדערס צוגעדינט. אָבער גייסטיק איז ער געווען פריש און פול מיט גרויס צוטרוי אין דער צוקונפט. ער האָט געוווּסט צו דערציילן אַ סך אַמוזירנדיקע עפּיזאָדן פון דעם גרויסן פּראָצעס, עפּיזאָדן, וועגן וועלכע די צייטונגען האָבן גאָר ניט געשריבן, און וועלכע האָבן אָבער דעם געריכטס־פּרעזידענט מער ווי איין מאָל אַרויסגעבראַכט פון די כלים און דעם הער בולאָ אָפט מאָל אַזוי דערצאָרנט, אַז זייער רויט־געוואָרענע באַקן זיינען שיער ניט צעפּלאַצט געוואָרן פון גרויס גרימצאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פריי לאָזן די חברים האָט לעת עתה מיט גאָר ניט געענדערט דעם אַלגעמיינעם מצב אין פראַנקרייך. קיינער אָבער פון אונדז האָט דעמאָלט ניט געאַנט, אַז דער גרויסער אומשווונג שטייט אַזוי נאָענט פאַר דער טיר.

באַטראַכטונגען איבער אַ פאַרגאַנגענער צייט

דער „פּראָצעס פון די דרייסיק" איז געווען דער סוף פון אַ באַשטימטן פעריאָד אין דער סאָציאַלער באַוועגונג אין פראַנקרייך, און קיינער, וועלכער האָט די דאָזיקע צייט מיטגעמאַכט און אַדורכגעלעבט, ווער זי ווען עס איז קאָנען פאַרגעסן. זי האָט זיך אויסגעצייכנט דורך אַ מעכטיקן אויפשוווּנג פון די פרייהייטלעכע אידעען, באַזונדערס דורך אַ רייע פון יחידישע מעשים, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן געשעען זיי ניט. עס איז היינט ניט אַזוי פּשוט צו קאָנען אורטיילן איבער יענע מעשים אָן וועלכער עס איז פון פאָראויס אָנגענומענער קאָנצעפּציע, וואָרן עס פעלט דאָך היינט די אַטמאָספערע, אין וועלכער יענע מעשים זיינען געבוירן געוואָרן. ניט אַרומגערינגלט פון זייער סאָציאַלער סביבה און געמשפּט בלויז אַליין, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אין אַ חלל פאַר זיך גופא, פאַרלירן די דאָזיקע מעשים זייער אינערלעכן זינען, און זיי קאָנען דערפירן נאָר צו פאַלשע באַטראַכטונגען. ערשט אין שייכות מיט די אַלע אַנדערע דערשיינונגען פון יענער צייט באַקומען יענע געשעענישן זייער אמתן באַטייט און זיי רופן אַרויס דעם פולן איינדרוק פון די עלעקטרישע אויסלאָדונגען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן דורך דעם מעכטיקן הויכדרוק פון די סאָציאַלע שפּאַנונגען אין יענער צייט. אַנגעזענע פראַנצייזישע שריפטשטעלערס פון יענער עפּאָכע האָבן די געשעענישן אָפּגעשאַצט אין דעם דאָזיקן זינען, און זיי האָבן זייערע לייענערס אויפמערקזאַמקייט געצויגן אויף די טיפערע געזעלשאַפטלעכע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען יענע מעשים. אַנדערש איז בכלל אוממעגלעך צו פאַרשטיין פאַר וואָס יענע מעשים האָבן דעמאָלט געקאָנט משפּיע זיין די עפנטלעכע מיינונג אויף אַזאַ הויכער מדרגה. געוויינלעכע פאַרברעכנס זיינען קיין מאָל ניט אין שטאַנד צו דער־גרייכן אַזעלכע ווירקונגען, וואָרן די עגאָאיסטישע מאָטיוון פון די פאַרברע־כערס קאָנען קיין מאָל קיינעם ניט אויפוועקן צו טיפערע פאַרטראַכטונגען און באַטראַכטונגען. דאָ אָבער האָט זיך געהאַנדלט וועגן מענטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום אייגננוציקע מאָטיוון פאַר זייערע געוואַלדאַקטן, נאָר זיי זיינען געטריבן געוואָרן פון אַ געפיל פון סאָציאַלער אַפּרעכענונג, פאַר וואָס זיי זיינען גרייט געווען אַנטקעגן צו גיין דעם טויט.

אַפילו ווען מען האָט שוין יאָ פאַראורטיילט זייערע געוואַלדאַקטן, האָט

מען אָבער נאָך אַלץ ניט געקאָנט שטעלן אונטער אַ פרעג־צייכן זייערע מאָטיוון און די ערלעכקייט פון זייער טראַכטן. מענטשן, וועלכע שטעלן איין דאָס העכסטע פאַר זייערע סאָציאַלע איבערצייגונגען, דאָס העכסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן, זייער אייגן לעבן, מוזן געמאָסטן ווערן מיט אַן אַנדערער מאָס, ווי יענע, וואָס באַגייען זייערע געוואַלדאַקטן נאָר מחמת פּערזענלעכער גיריקייט. דער יוריסט, וואָס זיין אויפגאַבע איז אויסצופאַלגן דאָס וואָרט פונעם געזעץ, וועט קיין מאָל ניט זיין אין שטאַנד צו מאַכן אַן אונטערשייד אַדער אָנצווווענדן צוויי מאָסן בנוגע געוואַלדאַקטן. אָבער אַפילו די שאַרפסטע נקמה פונעם געזעץ וועט קיין מאָל ניט קאָנען אָפּשטעלן די דאָזיקע מענטשן פון זייערע מעשים, און דאָס פאָלק גופא וועט אורטיילן זיי, סיי די געוואַלד־אַקטן און סיי די מענטשן, וואָס זיינען זיי באַגאַנגען, אין גאַנצן אַנדערש ווי זיי וועלן געמשפּט ווערן אינעם געריכט.

קודם כל טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, ווו פּונקט אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע לאַטייניש לענדער, אַזעלכע פּאַסירונגען ווערן אין גאַנצן אַנדערש געאורטיילט. באַזונדערס דעמאָלט, ווען דורך אַ לאַנגער רייע פון פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע סקאַנדאַלן איז דער צוטרוי פון די פאָלקסשיכטן צו זייער רעגירונג שוין געהאַט אַרונטערגעזונקען צו דער נידעריקסטער מדרגה, צו נול. און אין די לאַטיינישע לענדער איז די רעוואָלוציאָנערישע טראַדיציע שוין זינט תמיד שטאַרקער ווי אין די אַנדערע לענדער. ניט בלויז האָבן מיר, די יונגע, דעמאָלט געגלייבט מיט אַן אמתער אמונה און מיט אַ הייליק פייער אין דער נאָענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר אַפילו אין די בירגערלעכע קרייזן האָט מען אויך מיט אַ מידער רעזיגנאַציע כמעט ווי געהאָפּט אויף דער קומענדיקער איבערקערעניש. און די דאָזיקע האָפענונג איז אָפּט אַפילו געקומען צום אויסדרוק אין דער בירגערלעכער פּרעסע. איך דערמאָן זיך נאָך היינט צו טאָג אין אַן עפּיזאָד, וואָס איז מיר ביז איצטער אומבאַגרייפ־לעך, אָבער וואָס האָט אונדז דעמאָלט זייער באַגייסטערט, מחמת מיר האָבן געגלייבט, אַז די רעוואָלוציע האַלט שוין טאַקע ביים קומען.

אין דעם יאָר 1893 זיינען אינעם לאַטיינישן קוואַרטאַל אין פּאַריז כסדר אויסגעבראָכן סטודענטישע אומרוען. די סיבה פון די דאָזיקע ראַזרוכעס איז געווען דער אָנפאַל פון דער פּאָליציי אויף אַ קאָלעגיאַלן צוזאַמענקום פון סטודענטן, אויף וועלכן עס זיינען אויך אויפגעטראָטן עטלעכע האַלב־נאַקעטע מיידלעך. אין פּאַריז זענען אַזעלכע זאַכן דעמאָלט, פּונקט אַזוי היינט צו טאָג, ניט געווען עפּעס אויסטערלישעס. אָבער דעם פּאָליציי־פּרעפעקט איז פּלוצעם איינגעפאַלן, אַז ער איז אויך אַ שומר פון דער סטו־דענטישער מאָראַל, און ער האָט צו יענעם פריילעכן צוזאַמענקום געשיקט אַן אָפּטיילונג פון פּאָליציאַנטן צו לערנען די סטודענטן דרך ארץ. עס איז אָבער געקומען צו אַ שטאַרקן צוזאַמענשטויס, אין וועלכן איין סטודענט איז דערהרגעט געוואָרן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַן אמתער שלאַכט. באַלד זיינען אַנדערע סטודענטן פון די שכנותדיקע לאָקאַלן געקומען צו הילף זייערע קאַמפערישע קאָלעגן, און די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך

ניט גערירט אויף אַזאַ גרויסן ווידערשטאַנד, האָבן געמוזט זיך צוריקציִען פונעם שלאַכטפעלד. אין אַ קורצער צייט איז דער גאַנצער לאַטייִנישער קוואַרטאַל געווען אין אַ קריגסצושטאַנד. פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט סטודענטן אויף די גאַסן פונעם לאַטייִנישן קוואַרטאַל, און, ווי תמיד ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, האָבן זיך אויך אין זיי אַנגעשלאָסן אַ סך אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן מיט דעם גאַנצן ענין בכלל ניט געהאַט קיין שום שייכות.

אָבער די פּאָליציי אין פּאַריז איז קיין מאָל ניט געווען צו פּאָפּולער און באַליבט ביים ברייטן עולם. שוין דער אומשטאַנד, וואָס עס האָבן זיך דעמאָלט צווישן די פּאַריזער פּאָליציאַנטן געפונען אַ סך קאָרסיקאַנער און עלזאַסער האָט גורם געווען, אַז דאָס פּאָלק זאָל אויף די פּאָליציאַנטן קוקן ווי אויף פרעמדע מיליטערישע אָקופּאַנטן. מען האָט דעריבער דעמאָלט קיין מאָל ניט געדאַרפט מאַכן קיין שום גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי אַרויסצורופן דעם צאָרן קעגן דער פּאָליציי מצד דעם ברייטן עולם. און דאָס איז טאַקע אויך געווען דער פאַל איצטער. און די גאַסן האָבן באַלד אָפּגעהילכט מיטן אַלטן רוף: „אַ באַ לע פליקו!” („בידער מיט די מענטעס!”). די שויבן אין די וויסטאַווּעס זיינען צעשמעטערט געוואָרן. צייטונגס־קיאָסקן זיינען צעשטערט און פאַרברענט געוואָרן. אָמניבוסן זיינען איבערגעקערט געוואָרן. ווען די פּאָליציי האָט צום סוף זיך אָנגערוקט פון אַלע זייטן אין גרויסע שטורעמ־טרופּערישע פאָרמאַציעס, איז אומעטום געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. און כאָטש עס האָט זיך דער פּאָליציי איינגעגעבן צו צעטרייבן דעם עולם, האָט אָבער דער המון זיך ווידער פאַרזאַמלט אויף אַנדערע פּונקטן און ער האָט ווייטער אָנגעפירט זיין אַרבעט מיט נאָך מער ווילדקייט און גרעסערן גרימצאָרן. יעדן אָוונט, אַזוי גיך ווי עס איז געוואָרן אַ ביסל טונקל, האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלביקע בלוטיקע סצענעס. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך.

אויפן צווייטן אָדער דריטן אָוונט נאָך דעם אויסבראָך פון יענע סטו־דענטישע ראַזרוכעס בין איך מיט עטלעכע חברים בייגעווען ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין דער „בורס די טראַוואַי” (די הויפּטקוואַרטיר פון די גע־ווערקשאַפטן אין פּאַריז, די „בירזשע פון אַרבעט”). בעת די דאָזיקע אַרבע־טאָרערישע פאַרזאַמלונג איז געווען אין פולן גאַנג, איז פּלוצעם אַריינגעפאַלן אַ מחנה אויפגערעגטע מענטשן אינעם זאַל אַריין און זיי האָבן איבערגעריסן דעם רעדנער אין מיטן ריידן. איינער פון די אַריינגעפאַלענע יונגעלייט איז אַרויף אויף דער רעדנער־בינע און ער האָט אויסגערופן בקול רם, אַז אין דעם לאַטייִנישן קוואַרטאַל איז נאָר וואָס אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, און אַז עס איז דעריבער דער חוב פון די אַרבעטער צו קומען תיכף צו הילף די קעמפנדיקע סטודענטן. דער גאַנצער זאַל איז אויסגעליידיקט געוואָרן אין וויניקער ווי אין פינף מינוט. אַלע אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס און זיך געיאָגט צום לאַטייִנישן קוואַרטאַל. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף דעם בולוואַר סאַן מישעל, האָט אַ גרויסע אָפּטיילונג פון פּאָליציאַנטן אויף פערד אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, אַזוי, אַז עס האָט ניט

געקאָנט זיין קיין שום רייד וועגן דורכברעכן זיך דורך די רייטנדיקע פּאָליציאַנטן. אָבער אַלץ, וואָס מיר האָבן געקאָנט זען פון דער „רעוואָלוציע", איז געווען אַ חרוב געמאַכט קאָפּעיהויז און אַ פלאַקערדיקער אָמניבוס. מיר זיינען אַריין אין די שכנותדיקע גאַסן, און אין משך פון אַ האַלבער נאַכט האָבן מיר זיך אַרומגעיאָגט מיט דער פּאָליציי פון איין גאַס אויף דער אַנדערער. דערביי האָבן מיר אָנגעמאַכט אַזוי פיל שאָדנס וויפל מיר האָבן נאָר געקאָנט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז עס האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג און די גאַסן זיינען ביסלעכוויז אָפּגעליידיקט געוואָרן.

די ברוטאַלע מעשים פון דער פּאָליציי, וואָס האָבן געפירט צו יענע בלוטיקע גאַסן־צוזאַמענשטויסן, זיינען אין די גרויסע טעגלעכע צייטונגען שאַרף געטאַדלט געוואָרן. וואָרן אין דעם איצטיקן פאַל האָט זיך עס דאָך ניט געהאַנדלט וועגן אַרבעטאַרערישע אומרוען אין די פּאַרשטעט, נאָר וועגן די יוגנטלעכע פון די רייכערע קלאַסן. דאָס האָט, נאַטירלעך, געמאַכט אַ גרויסן אונטערשייד. און וואָלט זיך ביי יענע ראַזרוכעס ניט געהאַנדלט וועגן סטודענטן, וואָלטן דעמאָלט זיכער געפאַלן אַ סך מער קרבנות. היות אָבער מען האָט מורא געהאַט, אַז די סטודענטישע אומרוען זאָלן ניט ווייטער אָנהאַלטן, האָט מען געווירקט אויף דעם פּאָליציי־פּרעפעקט, אַז ער זאָל רעזיגנירן. דורך דעם טאַקע איז דעמאָלט צוריק איינגעשטעלט געוואָרן די רו.

מיר האָבן אין יענע געשעענישן דערזען דעם ערשטן סימן פונעם אָנקומענדיקן שטורעם. פון דעם זעלביקן קוקווינקל האָבן מיר אויך געזען די צאָלרייכע מעשים פון איינצלנע רעוואָלוציאָנערן. די דאָזיקע געוואַלדאַקטן זיינען פאַר אונדז געווען די בולטסטע סימנים, וואָס באַווייזן זיך תמיד פאַר איטלעכער רעוואָלוציע. אַז מיר האָבן דעמאָלט געקאָנט האָבן אַ ביטערן טעות, דאָס איז אונדז אַפילו ניט איינגעפאַלן, פּונקט אַזוי ווי עס האָט אונדז ניט געקאָנט קומען אויף דער מחשבה, אַז שוין דעמאָלט האָבן איבער גאַנץ אייראָפּע געאַרבעט מעכטיקע כוחות, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם ערשטן גרויסן קריג צווישן די אייראָפּעיִשע פעלקער, און אַז אָט די מלחמה וועט קירעווען די וועלט אויף גאַנץ אַנדערע וועגן, ווי אויף די וועגן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אייראָפּע. וועגן אָט דער ביטערערווירקלעכקייט האָט אונדזער יוגנטלעכע באַגייסטערונג אונדז ניט געלאָזט טראַכטן אַפילו, שוין אָפּגערעדט פון נעמען ערנסט אַזאַ מין מעגלעכקייט.

אָבער דאָך דאַרף מען בכלל ניט אָננעמען, אַז אונדזער גאַנצע באַוועגונג האָט צו יעדער צייט גוטגעהייסן איטלעכן געוואַלדאַקט, אָן שום אונטערשייד. ווער עס האָט נאָר אויפמערקזאַם געלייענט די אַנאַרכיסטישע פּרעסע אין פראַנקרייך אין יענע יאָרן, האָט זיך גרינג געקאָנט איבערצייגן מיט וואָסער ערנסט מען האָט דעמאָלט דיסקוטירט די סיבות פון איטלעכער געשעעניש פון דעם מין. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן זוכן אַ סאָציאַלע סיבה פאַר אַלע פּאַסירונגען און רעכטפאַרטיקן זיי בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען געשען. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אין אונדזער באַוועגונג אויך ניט געפעלט קיין מענטשן, וועלכע האָבן, מחמת פערזענלעכער פאַרביטערונג,

גערעכטפאַרטיקט און אַפילו אַפּלאַדירט די געשעענישן פון דעם צווייטן מין; זיי האָבן אַפּראָבירט געוואַלדאַקטן בלויז לשם געוואַלד. אָבער זיי זיינען געווען ווייניק אין אונדזער באַוועגונג. די גרויסע מערהייט פון אַלע באַ־קאַנטע און פירנדיקע אַנאַרכיסטן אין פראַנקרייך אין יענער צייט האָבן געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן קוק אויף זאַכן און געשעענישן און זיי זיינען געניינגט געווען צו משפּטן אַלץ פון אַ מענטשלעכערן שטאַנדפּונקט. אַ סך פון זיי האָבן אפשר געהאַט אַ טעות אין זייערע אַלגעמיינע הנחות און סאָציאַלע השערות, אַזוי ווי די מערסטע פון אונדז, ביים פּאַראויסזען די נאָענטע צוקונפט, אָבער קיין איינעם פון זיי קאָן מען ניט פאַרוואַרפן, אַז ער איז געווען באַהערשט פון אַ ווילדן צעשטערונגס־דיבוק, וואָס האָט אים פאַר־טונקלט דעם קלאָרן בליק איבער די אמתע פאַקטן פון לעבן און איבער די ווירקלעכקייטן פון דער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

עס זיינען באַזונדערס געווען צוויי פראַגן, וועלכע מען האָט אין יענער צייט הייס און ביטער דיסקוטירט. דאָס זיינען געווען: דער נוצן אָדער דער שאָדן פון די אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציעס, ווי מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן, פאַר פּערזענלעכע צוועקן אָדער פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, און דער באַטייט פון די אינדיווידועלע טעראָריסטישע אַקטן פאַר דער באַוועגונג. ביידע פראַגן האָבן בעצם לחלוטין ניט געהאַט צו טאָן מיט די תמציתדיקע אויפפאַסונגען פונעם אַנאַרכיזם. זיי זיינען דורך די דעמאָלטיקע פאַרהעל־טענישן גופא געקומען צו דער אויבערפלאַך און זיי האָבן געפירט צו אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. און עס האָט טאַקע אַנדערש ניט געקאָנט זיין אין יענער אויסערגעוויינלעכער צייט. די ערשטע פראַגע איז אויפגעקומען דורך דעם פאַל דיוואַל. קלעמענט דיוואַל, אַ פשוטער אַרבעטער, וועלכער האָט אין זיין יוגנט געקראָגן אַ קנאַפּע דערציונג און איז בכלל פון זיין פריסטער קינדהייט געווען אויסגעשטעלט צו אַ שווער לעבן, האָט אין 1887 דורכגעפירט אין פּאַריז אַן איינברעכעריי, וואָס איז נאָך אויך געווען פאַרבונדן מיט אַן אונטערגעצונדענער שריפה. מען האָט אים געכאַפּט. אָבער ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט קעגן דעם אַרעסט זיינעם, ער האָט שיער ניט דערהרגעט דעם פּאָליצייישן אַפיציר ראַסיניאָל.

דיוואַלס פּראָצעס האָט אין זיין צייט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינ־טערעס מחמת עס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער פאַרברעכער, נאָר אַז ער איז זיין איינברעכעריי באַ־גאַנגען פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן פון הונגער צוזאַמען מיט זיין משפּחה. דערצו האָט ער ביי זיין איינברעכעריי גענומען בלויז אַ קליינעם טייל פון די ווערטזאַכן, וואָס זיינען דאָרטן געווען, בלויז אַזוי פיל אויף וויפל ער האָט זיך דעמאָלט געניטיקט צו קויפן ברויט. דאָס איז געווען אַ בולטער באַווייז, אַז מיר האָבן דאָ ניט געהאַט צו טאָן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן גנב. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז דיוואַל האָט זיך גאַנץ לעבן שווער און ערלעך געפּראַצעוועט אויף זיין שטיקל ברויט. ערשט די לאַנגע כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט האָט אים געטריבן צו באַגיין זיין פאַרברעכן. זיין גאַנצע האַלטונג ביים פּראָצעס איז געווען אַזוי אַנט־

שלאָסן און פעסט, אַז זי האָט ניט פאַרפעלט צו מאַכן אַ טיפן איינדרוק אויף דער עפנטלעכער מיינונג. ניט געקוקט אויף דעם, און אפשר טאַקע גראָד דערפאַר, איז דיוואַל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. שפּעטער איז דער דאָזיקער פּסק דין געמילדערט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה. אַ בירגערלעכער זשורנאַליסט, פאָל מימאַנד, וועלכער האָט דעם פאַרמשפּטן געהאַט באַזוכט אין דער תפיסה, האָט דעמאָלט אין דער „רעווי בלע" וועגן דיוואַלן געשריבן אַזוי:

„איך גלייב, אַז דער דאָזיקער גנב און אונטערצינדער איז אַן ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש... איך האַלט אים ניט פאַר פעיִק צו באַגיין אַ רויב אָדער אַ מאָרד, כדי צו באַפרידיקן זיין פערזענלעכע זשעדנעקייט... דיוואַל פאַרמאָגט דעם ערנסט פון אַן אויפגעקלערטן מענטשן, וועלכער ליידט פאַר אַ הייליקער זאַך. ער איז אַ לאָגישער מאַן און ער וואַרפט זיך אונטער אָן שום געמורמל צו די שווערע רעגולאַציעס פון דעם לעבן אויף פאַרשיקונג. ער איז איבערצייגט אין דער באַרעכטיקונג פון זיין איינברע־כעריי. ער פילט זיך לגמרי ניט דערנידעריקט מחמת דעם, וואָס ער טראָגט אַרעסטאַנטסקע בגדים. ער ווייזט אַרויס זיין מענטשלעכע חשיבות דורך איטלעכן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס. זיין אייגן געוויסן זאָגט אים אונטער, אַז ער האָט ריכטיק געהאַנדלט. די אַלע אַנדערע זאַכן אַרן אים לגמרי ניט."*

דיוואַלס איינברעכעריי האָט דערנאָך אָנגערעגט אַ סך נאָכמאַכערס. אָבער עס האָט זיך תמיד געהאַנדלט אין די מעשים פון יחידים, און עס איז קיין מאָל ניט געווען קיין ענין פון דער באַוועגונג ווי אַ גאַנצער. אין דעם פאַל פון דיוואַלן איז די פראַגע געווען אַ לפי־ערכדיק פשוטע. פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס רעכט צו לעבן שטייט העכער ווי דאָס רעכט אויף אייגנטום, איז ניט שווער געווען צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי אַזאַ מענטש ווי דיוואַל האָט געדאַרפט זיך אונטערוואַרפן אונטער דעם בירגערלעכן געזעץ פון אייגנטום, אָנשטאָט אויפצוהייבן זיין אייגענעם קאַמף פאַר זיין יחידישער עקסיסטענץ. עס זיינען אַפילו געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז דורך דער ווייטערדיקער אויסשפּרייטונג פון אַזעלכע מעשים וועט מען ביסלעכווייז קאָנען אונטערגראָבן דעם אַלגעמיינעם דרך ארץ פאַר די אַזוי־גערופענע בירגערלעכע אייגנטום־רעכט, און דערמיט וועט מען אויך צוגרייטן דעם וועג פאַר דער קומענדיקער סאָציאַלער איבער־

---

* דיוואַל האָט אָפּגעשמאַכט לאַנגע יאָרן אויף דעם מיט מאַלאַריע־זומפּן פאַרפּלייצטן אינדזל פון דער פראַנצייזישער גויאַנאַ. צום סוף איז ער פון דאָרטן אַנטלאָפן אויף אַ זייער געוואַגטן און אַוואַנטוריסטישן אופן. ער האָט דערנאָך געלעבט אַ סך יאָרן אין ניו יאָרק, וווּ ער איז שפּעטער געשטאָרבן אַן אַלטער מאַן אין די הויכע יאָרן. ער איז קיין מאָל אין זיין לעבן מער ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט אין ניו יאָרק, האָבן וועגן אים געהאַט די בעסטע מיינונג. ער איז געבליבן געטריי צו זיינע אידעען ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אין זיין גאַנצן כאַראַקטער איז ניט געווען קיין איינציקער שטריך, וואָס זאָל געבן דעם מינדסטן חשד אויף פאַר־ברעכערישע נטיות אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אומנאָרמאַלע נייגונגען.

קערעניש. אויך דער דאָזיקער גערדאַנק איז ניט געווען אין גאַנצן ביי אונ ער האָט שוין געהאַט זיינע פּאַרטיידיקערס אין די פריִערדיקע צייטן. זיי האָבן זיך, למשל, געפונען אין אַ טייל פון די געהיימע געזעלשאַפטן אונטער דעם רעגירונגס־רעזשים פון לואי פיליפּ. אויך דער באַקאַנטער דייטשער קאָמוניסט ווילהעלם וויטלינג, וועמען מען קאָן דאָך זיכער ניט צושרייבן קיין שום אַנאַרכיסטישע נטיות; האָט אַנטוויקלט די טעאָריע פון „פּראָלעטאַ־ריערס גנבים". ער האָט געהאַלטן, אַז אויב עס ווילן זיך כסדר פאַרמערן די אַרבעטער, וואָס ווילן געטריבן ווערן צו גנבענען, כדי צו קאָנען לעבן, וועט דאָס מיט דער צייט אַזוי טיף אונטערגראָבן די בירגערלעכע מאָראַל וועגן פּריוואַטן אייגנטום, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דעמאָלט ווערן אומפאַרמיידלעך.

אָבער נאָך מער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט איז געוואָרן די דאָזיקע פראַגע ווען עס איז ביי אַ טייל חברים אויפגעקומען דער געדאַנק, צי מען קאָן זיך ניט באַנוצן מיט אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציעס, כדי צו באַקומען די נייטיקע געלט־מיטלען פאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אויך אין דעם פאַל האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן שאַפן אַ באַשטימטע פעסטגעשטעלטע טעאָריע, וואָס זאָל דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר אַזעלכע מעשים. דער גאַנצער ענין איז געווען גאָר פאַרקערט. די מעשים פון יחידים האָבן געפירט דערצו, אַז מען זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן זיי און באַטראַכטן זיי אינעם ליכט פון אונדזערע אידעען. צו אַזאַ מין פאַרטראַכטן זיך האָט באַזונדערס געפירט דער פּראָצעס קעגן דעם איטאַליענישן אַנאַרכיסט וויקטאָר פּיני, אין פּאַריז, אין דעם יאָר 1889. פּיני, פּונקט אַזוי ווי דיוואַל, האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַן אָרעמע קינדהייט און אַ שווערע יוגנט, וואָס האָבן געהאַט אַ טיפע השפעה אויף זיין שפּעטערדיק לעבן. ער איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַ רעבע־לירנדיקן כאַראַקטער. צו דער זעלביקער צייט האָט ער פאַרמאָגט גוטע גייסטיקע מעלות און דורך אַליין לערנען זיך מיט התמדה און אַ סך שטודירן האָט ער זיך געהאַט דערוואָרבן אַ באַטייטיקע מאָס פון וויסן, וואָס ער האָט טאַקע גאַנץ גוט אויסגענוצט בעת זיין פּראָצעס. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ווילנסקראַפט. האָט ער ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט אויפצוהייבן דעם קאַמף קעגן דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אויף זיין אייגענער פּערזענלעכער אחריות און אויף זיין אייגענעם אופן. פאַר דעם דאָזיקן צוועק, אָבער, האָט ער אַרום זיך געזאַמלט עטלעכע חברים, וועלכע האָבן געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן ענין פּונקט אַזוי ווי ער. צוזאַמען האָבן זיי אַדורכגעפירט עטלעכע גרויסע איינברעכערייען, וואָס האָבן זיי אַריינגעבראַכט היפּשע סומעס געלט. אָבער צום סוף האָט אים די פּאָליציי געכאַפּט. וויקטאָר פּיניס האַלטונג אינעם געריכט האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען, באַזונדערס די קאַלטע און אָפטע אויך שניידנדיקע איראָניע, מיט וועלכער ער האָט פאַר די ריכטערס פאַרטיידיקט זיינע מעשים.

„וואָס איך פאָדער פון אייך, מיינע הערן ריכטערס" — האָט ער רויִק דערקלערט — „איז ניט קיין גערעכטיקייט. וואָרן דערצו פעלט דאָך אייך

די מינדסטע פעיִקייט, און עס וואָלט אויך געווען אַ נאַרישקייט מצד מיר צו זוכן ביי אייך עפּעס אַזוינס, וואָס איר פאַרמאָגט דאָס גאָר ניט. איך דערוואַרט אָבער יאָ פון אייך אַ ביסל לאָגיק, אַ ביסל פּשוטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַ ביסל געזונטן שכל הישר. איר באַהויפּטעט כסדר, אַז לגבי דעם געזעץ זיינען מיר אַלע גלייך. אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, דעמאָלט מוזט איר דאָך אויך די מאָטיוון הינטער אַלע מעשים באַאורטיילן מיט דער זעלביקער אומפּאַרטייִישקייט. איר באַשולדיקט מיך אין גניבות. איך לייקן דאָס לגמרי ניט אָפּ. אָבער ווען איך בין געוואָרן אַ גנב, האָב איך זיך בלויז באַנוצט מיט דעם רעכט, אויף וועלכן אייער גאַנצע געזעלשאַפט איז געבויט. וואָרן איר אַלע, מיינע הערן ריכטערס, לעבט דאָך פון גניבות. איר טוט דאָס איטלעכן טאָג, ווען איר גייט צו אייער באַשעפטיקונג. מען ווערט דאָך ניט רייך פון אייגענער פּראַצע, נאָר פון דער האָרעוואַניע פון אַנדערע. דאָס מיינט דאָך, אַז מען גנבעט דאָס, וואָס איך האָב געטאָן בלויז אויף אַ קליינעם אופן, טוט איר דאָך איטלעכן טאָג אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. און איך, מיט מיינע שוואַכע פעיִקייטן און קליינע אויפטוען, קאָן זיך גאָר ניט פאַרגלייכן מיט אייך. איר האָט דאָס רעכט צו גנבענען געמאַכט ווי די פּריווילעגיע פאַר אַ קליינעם שיכט פון דער באַפעלקערונג, און איר האָט זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז דער קליינער מאַרעוויכער, וועמען די נויט האָט געטריבן צו פּרובירן צוריק אָפּצונעמען אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס מען האָט ביי אים געהאַט צוגעגנבעט, מוז זיך וואַלגערן אינעם שטויב פון אייערע פיס פאַר אייערע הויכע טריבונאַלן און שפּילן די ראָלע פון אַ בעל תשובה, וואָס שלאָגט זיך על חטא אויף זיינע שווערע זינד לגבי אייך. די דאָזיקע צייטן, מיינע הערן ריכטערס, זיינען שוין פאַרביי. היינט ווייזט אייך דער דאָזיקער זינדיקער אַז זיינע מעשים שטייען מאָראַליש אַ סך העכער פון אַלע אייערע געזעצן. ער לאַכט זיך אויס פון אייער פּוסטער פּאָמפּע, פון אייער גאַנצער אויטאָריטעט, און ער זאָגט אייך, פּונקט אַזוי ווי איך, גלייך אין אייער פּנים אַריין: די אמתע גנבים, מיינע הערן ריכטערס, זענט איר און אייער גאַנצע בורזשואַזע באַנדע. איר מעגט זיין גאַנץ זיכער, אַז אייער אָנקלאָג קעגן מיר פאַררויטלט ניט מיינע באַקן. איך האָב גאָר דערפון אַ שטיקל הנאה, וואָרן עס געפעלט מיר און עס אַמוזירט מיך, אַז גראָד איר, מיינע הערן ריכטערס, זאָלט מיך באַצייכענען ווי אַ גנב.״

וויקטאָר פּיני איז דעמאָלט פאַרמשפּט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר קאַ־טאָרגע. מען האָט וועגן אים געהאַט געזאָגט, אַז ער האָט קיין איינציקן גראָשן פון דעם געגנבעטן געלט קיין מאָל ניט פאַרנוצט פאַר זיין אייגענעם געברויך. ער אַליין האָט זיך אויסגעהאַלטן פון ערלעכער שווערער אַרבעט. דאָס געלט פון די גניבות הנט ער אויסגעגעבן אויף אונטערצושטיצן נויט־באַדערפטיקע חברים און פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון זיינע אידעען. וויקטאָר פּיני איז אָן שום ספק געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש.*

* וויקטאָר פּיני איז פאַרשיקט געוואָרן אויף דעם קאַטאָרגע־אינדזל פון דער פראַנצייזישער גויאַנאַ. עס האָט זיך אים אָבער שפּעטער איינגעגעבן פון דאָרטן צו

אָבער די מערסטע פון זיינע חברים מיטאַרבעטערס זיינען אין אַ סך פּרטים געווען אין גאַנצן אַנדערש ווי וויקטאָר פּיני. איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט איינעם פון יענע אַקטיוויסטישע חברים פּיניס. דאָס איז געווען אַ געוויסער פּאַרמידזשיאַני. ער איז געווען אַ מענטש אַ ריז, אָבער אַ קאַלטער ציניקער, וועמען עס האָט אויסגעפּעלט דאָס מינדסטע סאָציאַלע געפיל. אָבער אַפילו פּאַרמידזשיאַני איז ניט געווען קיין דורכשניטלעכער מענטש. ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער סאָפיסט, אַ פּיפיקער חברהמאַן, וועלכער האָט גערעכט־פאַרטיקט ניט בלויז גניבות פאַר פּערזענלעכע יחידישע צוועקן, נאָר אַפילו אויך די אַפּאַשעריי, דאָס לעבן פון פּראָסטיטוטקעס. ער האָט געהאַלטן, אַז אַפילו ערלעכע אַרבעט איז היינט צו טאָג דאָך אויך ניט מער ווי פּראָסטיטוציע, וואָרן עס איז דאָך קיין שום אונטערשייד ניט וואָסערע אברים פון זיין קערפּער אַ מענטש ווערט געצוווּנגען צו פאַרקויפן, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. ווען ער איז שפּעטער, דורך חתונה האָבן מיט אַ רייכער פרוי, אַליין געוואָרן אַן אָנשטענדיקער בירגער, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי אָפּצווישן דעם מינדסטן שפּור פון זיין אַוואַנטוריסטישער פאַרגאַנגענהייט, און ער האָט זיך באמת ערנסט צו שפּילן די גוטע ראָלע פון אַ פיינעם בירגער.*

אין יענער שטורעמדיקער צייט, אין וועלכער מען האָט אַזוי שטאַרק און תמימותדיק געגלייבט אין דעם נאָענטן אָנקום פון דער רעוואָלוציע, איז אויך געווען אַ גאַנצע רייע פון קליינע אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן, כדי זיך צו מאַכן פּראָמינענט, אָדער מחמת אַנדערע סיבות, זיך אין די געריכטן דערקלערט ווי אָנגעהעריקע צו די רעוואָלוציאָנערישע אידעען, און מיט דעם געוואָלט רעכטפאַרטיקן זייערע מיאוסע מעשים. אַזוי אַרום

אַנטלויפן, און ער איז נאָך שווערע וואָגלענישן נאָך אַ שטיקל צייט צוריקגעקומען קיין פּאַריז. דאָ האָט מען אים אָבער ווידער אַמאָל געכאַפּט, און מען האָט אים צוריקגעשיקט אויף קאַטאָרגע קיין גויאַנאַ. אין אָקטאָבער, 1894, בעת אַן אויפשטאַנד פון די קאַטאָר־זשניקעס, איז וויקטאָר פּיני דערשאָסן געוואָרן.

* פּאַרמידזשיאַני האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין לאָנדאָן אָנגעפירט מיט אַ גרויסער קאָמערציעלער קונסט־גאַלעריע, און ער האָט געהאַט צו טאָן מיט די רייכסטע מענטשן אין ענגלאַנד. ווען אַ געוועזענער אַגענט פון דער ענגלישער געהיים־פּאָליציי, פון דעם „סקאָטלאַנד יאַרד" אין לאָנדאָן, האָט אין זיינע „זכרונות" דערציילט וועגן פּאַרמידזשיאַניס אַמאָליקע פיינע מעשים, האָט אים דער לעצטער אָנגעקלאָגט אין געריכט אַריין פאַר דעפאַמאַציע און רכילות און אויסגעטראַכטע בילבולים. ער האָט דעמאָלט געטענהט, אַז ניט ער, נאָר זיין ברודער האָט באַלאַנגט צו וויקטאָר פּיניס איינברעכע־רישער באַנדע. און אַזוי ווי דער מחבר האָט ניט געקאָנט באַווייזן, אַז דער לאָנדאָנער פּאַרמידזשיאַני איז טאַקע דער העלד פון דער געשיכטע אין זיינע „זכרונות", האָט דער ריכטער אים באַשטראָפט מיט אַ „פאַרדהינג", דאָס הייסט מיט באַצאָלן צוואַנציק פענים אַנטשעדיקונג פאַר אָנרירן דעם כבוד פון אַן אָנגעזעענעם לאָנדאָנער בירגער. דערמיט האָט יענער קלוגער ריכטער אויך אַרויסגעוויזן ווי הויך ער שאַצט אָפּ דעם האָנער פון אַזאַ מענטש ווי פּאַרמידזשיאַני.

איז דעמאָלט אויפגעקומען דער נייער טיפּ פון דעם אַזוי־גערופענעם „קאָמ־בריאָלער אַנאַרשיסט", פון דעם „אַנאַרכיסטישן איינברעכער." די דאָזיקע „אַנאַרכיסטישע איינברעכערס" האָבן אין משך פון אַ לאַנגער צייט געלאָזט אַ סך הערן פון זיך, הגם די צאָל פון יענע חברהלייט איז געווען אַ סך קלענער ווי דער גרויסער טומל, וואָס די סענסאַציאָנעלע בירגערלעכע צייטונגען האָבן דעמאָלט געמאַכט מיט זיי. אָבער ווען עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז די גנבים, וועלכע באַטיטלען זיך ווי „אַנאַרכיסטישע איינ־ברעכערס", קריגן אַ סך שווערערע שטראָפן אין די געריכטן ווי פּשוטע גנבים, זיינען גאַנץ גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע אונטערוועלטישע טיפּן מיט דעם שיינעם צונאָמען „קאָמבריאָלער אַנאַרשיסט." עס קאָן זיין, אַז אַפילו אויך צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע אמתע רעבעלישע כאַראַק־טערס, וועלכע זיינען מאָטיווירט געוואָרן דורך ערלעכער בונטאַרישקייט. אָבער זיי זיינען געווען בלויז געציילטע. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג ווי אַזעלכע האָט מיט זיי קיין שום שייכות ניט געהאַט, און אַ סך פון אירע פּראָמינענטסטע פאַרטרעטערס און אָנגעזעענסטע וואָרטזאָגערס האָבן דאָס ביי איטלעכער געלעגנהייט איבערגעחזרט און באַטאָנט.

אַזוי, למשל, האָט זשאַן גראַוו פאַרעפנטלעכט אין „לאַ רעוואָלט" אַ מאמר אונטער דעם טיטל „אַרבעט און גניבה", אין וועלכן ער האָט קלאָר און באַשטימט און איינטייטיק אויפגעקלערט זיין שטעלונג אין דער דאָזיקער פראַגע. ער האָט פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ מענטש, וועלכער פאַרלעצט דאָס געזעץ בנוגע פּריוואַט אייגנטום מחמת פּערזענלעכער נויט, טאָר ניט געטאַדלט ווערן, וואָרן די דערהאַלטונג פון זיין לעבן איז אַ סך וויכטיקער ווי דער געזעצלעכער באַגריף וועגן דעם רעכט אויף טויטע זאַכן. דאָס מיינט אָבער בשום אופן ניט צו זאָגן, אַז גניבה אין זיך גופא איז אַ רעוואָלוציאָנערישער אַקט, באַזונדער ניט פאַר אַנאַרכיסטן, וועלכע זעען דאָך די גרעסטע אומגערעכטיקייט אין דער עקסיסטירנדיקער געזעל־שאַפט אין דעם פאַקט פון צונעמען די פּרוכט פון אַ פרעמדנס אַרבעט. יעדער צונעמען פון יענעמס אַרבעט, אָן צו געבן דערפאַר אַ פּאַסיקן קעגנ־ווערט, מוז באַטראַכט ווערן ווי גניבה. און דעמאָלט איז שוין קיין שום אונטערשייד ניט, צי דאָס צורויבן יענעמס אַרבעט געשעט אונטער דעם שוץ פונעם געזעץ, אָדער עס ווערט געטאָן קעגן דעם געזעץ. גניבה איז גניבה. ניט די פאָרם שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָלע, וואָגיק איז דער פאַקט גופא פון צונעמען יענעמס אַרבעט אָן אַנטשעדיקונג, אָן צו געבן עפּעס צוריק אין אויסבייט. איטלעכע אַנדערע שטעלונג אין דעם דאָזיקן ענין איז ניט מער ווי אָן אויסגעמוטשטע רעכטפאַרטיקונג פאַר פּאַראַזיטישקייט אויפן חשבון פון אַרבעטנדיקע מענטשן אין דער געזעלשאַפט. דער אונטערשייד צווישן דעם געזעצלעך געשיצטן עקספּלואַטאַטאָר פון די ווערטן פון פרעמדער אַרבעט און דעם מענטש, וועלכער דערשלאָגט זיך צו די ווערטן פון יענעמס אַרבעט דורך איינברעכעריי און גניבה, איז נאָר אין די רעזולטאַטן. בעת דער ערשטער גייט אָן מיט זיין מיאוסער אַרבעט אין מיטן העלן טאָג און אין דער פולשטענדיקסטער זיכערקייט, איז דער אַנדערער געצווּנגען צו

טאָן דאָס זעלביקע אין דער פינצטערער נאַכט, אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן, איינשטעלנדיק דערביי זיין פרייהייט און טייל מאָל אויך זיין אייגן לעבן. דאָס ענדערט אָבער בכלל ניט דעם מיאוסן פאַקט, אַז ביידע לעבן פון פרעמדער פראַצע.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז דעמאָלט פאַרטראָטן געוואָרן פון די מערסטע באַקאַנטע וואָרטזאָגערישע חברים ניט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. אויך קראָפּאָטקין האָט דעמאָלט זיך אַרויסגעזאָגט אין אַן ענלעכן זינען אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל, „אַנקאָר לאַ מאָראַל" („נאָך אַמאָל די מאָראַל"), אין דעם זעלביקן זשורנאַל „לאַ רעוואָלט", נומער 11, 1891, בעת דעם פּראָצעס קעגן ראַוואַשאָלן און נאָך די אַנדערע פאַרשיידענע געשעענישן אין יענער צייט איז די זעלביקע פראַגע ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל קאַפּויער געקומען אויף דער אויבערפלאַך. אָבער די אַלגעמיינע שטעלונג פון די פראַנצייזישע חברים איז תמיד געבליבן בעצם די זעלביקע. אדרבה, די אומפּאַרמיידלעכע דעמאָראַליזירונג, וואָס איז תמיד געווען דער זיכערער פּועל יוצא פון אַזעלכע מעשים מצד יחידים, אויב זיי זיינען געטאָן געוואָרן אין משך פון אַ לענגערער צייט, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם ווידערשטאַנד מצד דער אַלגעמיינער באַוועגונג אונדזערער לגבי די אַזוי־גערופענע „עקספּראָפּריאַטאָרס". עס איז קיין שום ספק ניט, אַז עס זיינען דעמאָלט אויך געווען איינצלנע חברים, וועלכע האָבן אונטער דער השפּעה פון אַ שלעכט־פאַרשטאַנענער רעוואָלוציאָנערישער ראָמאַנטיק געפּרוווט רעכטצופאַרטיקן יענע מעשים, הגם זיי אַליין וואָלטן קיין מאָל אין זייער וועזן זיך ניט באַטייליקט אין אַזעלכע „עקספּראָפּריאַציעס." עס זיינען אַפילו אויך געווען עטלעכע בלעטלעך, וועלכע האָבן כמעט זייער גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע געווידמעט אויסשליסלעך צו אַזעלכע מעשים. צו זיי האָבן געהערט עטלעכע איטאַליענישע צייטשריפטן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך וויקטאָר פּינין און זיינע פריינד און טאַקע מיט דער הילף פונעם געלט פון די גניבות זייערע. און די דאָזיקע צייטונגען זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן פאַר דעם צוועק רעכטצופאַרטיקן גניבות. אָבער שוין דער זייער קורצער קיום פון די דאָזיקע בלעטלעך, וואָס די מערסטע פון זיי האָבן קוים דערלעבט ביז צום צווייטן אָדער דריטן נומער, איז דער בעסטער באַווייז אַז די אידעען, וואָס זיי האָבן פּרובירט צו פּריידיקן, האָבן ניט געקאָנט שלאָגן קיין שום וואָרצלען אינעם באָדן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אין שטורעמדיקע צייטן קומען גיך קאַפּויער אַלע מעגלעכע עקסטרעמע שיטות, אָבער זיי פאַרשווינדן פּונקט אַזוי גיך. אַפילו אין רוסלאַנד, ווו אַלע רעוואָלוציאָנערישע באַוועגונגען, ניט בלויז די אַנאַרכיסטן, האָבן אונטער דעם צאַריזם זיך באַנוצט מיט די אַזוי־גערופענע „עקסן" כדי זיך צו פאַרשאַפן געלטער פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע, מחמת אונטער דעם צאַרישן דעספּאָטיזם האָבן זיי דאָך קיין אַנדערן וועג ניט געהאַט, — אַפילו דאָרטן האָט מען זיך באַלד אַרומגעזען, אַז די דאָזיקע מעטאָדן נעמען גיך אָן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ גרויסער דעמאָראַליזאַציע, אַז קיינער קאָן שוין מער ניט צווייפלען אין דער סכנה פון „עקסן" פאַר איטלעכער רעוואָלוציאָנערישער טעטיקייט.

איך פערזענלעך האָב קיין מאָל ניט געקאָנט זיך באַגייסטערן פאַר אַזעלכע מעטאָדן. זיי זייַנען געווען קעגן מייַן נאַטור. און די בעטערע דערפאַרונגען פון אַנדערע, וואָס איך האָב אין משך פון דער צייט געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט, האָבן זיכער ניט בייגעטראָגן דערצו, אַז איך זאָל יאָ באַגייסטערט ווערן ווערן פון די דאָזיקע מעשים. אַפילו ווען מען זאָל שוין וועלן אַרויסלאָזן פון אויג אַלע מאָראַלישע באַטראַכטונגען און זיך אָפּשטעלן בלויז אויפן שטאַנדפּונקט פון פשוטער נוצלעכקייט, וואָס די „עקסן" ברענגען דער באַוועגונג אין געוויסע אומשטאַנדן, ווי למשל, אין צאַרישן רוסלאַנד, זייַנען די מאַטעריעלע געווינסן אַ סך קלענער און נישטיקער לגבי דער גרויסער דעמאָראַליזירונג, וואָס צעפרעסט אַזאַ מין באַוועגונג.

לחלוטינדיק אַנדערש מוז מען אָבער משפטן די רעוואָלוציאָנערישע געוואַלדאַקטן פון יחידים, ווי זיי זייַנען אין משך פון דער געשיכטע באַגאַנגען געוואָרן מצד די אָנהענגערס פון כמעט אַלע ריכטונגען און פּאַרטייען. אין אויפגערודערטע צייטן, באַזונדערס אין די פּעריאָדן פון אַלגעמיינער אונטערדריקונג, וועלן זיך שטענדיק געפינען מענטשן, וואָס וועלן נעמען דאָס רעכט אין זייערע אייגענע הענט אַרייַן, מחמת זיי זייַנען ניט מסוגל זיך אונטערצווואַרפן הכנעהדיק אונטער איטלעכן דעספּאָטיזם. אַזעלכע מענטשן וועלן תמיד געפינען פאַרשטענדעניש פאַר זייערע מעשים צווישן די פאָלקסמאַסן, וועלכע וועלן אַפילו אַרויסווייזן אַ פאַרערונג פאַר די רעוואָלוציאָנערישע אַקטיוויסטן, כל זמן דער מאָטיוו הינטער די דאָזיקע מעשים איז פאַרשטענדלעך פאַר אַט די פאָלקסמאַסן. דאָס איז אויך די סיבה פאַר וואָס די נעמען פון אַ האַרמאָדיוס און אַן אַריסטאָגעיטאָן, די צוויי אַטענישע קאָנספּיראַטאָרס קעגן דעם גריכישן טיראַן פּיסיסטראַטעס און זייַנע בײדע זין, אינעם יאָר 514 פאַר אונדזער איצטיקער צייטרעכענונג, קלינגען אין משך פון יאָרטויזנטער, ביזן הייַנטיקן טאָג, קלאָר און אַרויסרופעריש אין דער געשיכטע פון די פעלקער, און פאַר וואָס קיינער וועט ניט פאַרגעסן די נעמען פון אַ שעליאַבאָוו און פון אַ פּעראָווסקאַיאַ און פון זייערע העלדישע מיטקעמפערס אינעם געראַנגל קעגן צאַרישן דערפּאָטיזם. מענטשן, וועלכע שטעלן איין זייערע לעבנס פאַר אַן אידעע און זיי קוקן רויִק דעם טויט אין די אויגן אַרייַן, קענען ניט געמשפט ווערן לויט די שמאָלקעפּיקע השגות פון דעם פראָסטאַקישן קליינבירגער. עס איז אַפילו זינלאָז צו פּילפּולן זיך וועגן דעם דירעקטן נוצן אָדער שאָדן פון אַזעלכע מיני מעשים, וועלכע זייַנען אונטער געוויסע אומשטאַנדן אומפאַרמיידלעך, מחמת זיי ווערן דאָך לכתחילה געבוירן פון די דאָזיקע פאַרהעלטענישן גופא.

מען קאָן מיט טאָלסטאָיִן און מיט גאַנדהין שטיין אויפן שטאַנדפּונקט, אַז איטלעכע פאַרניכטונג פון אַ מענטשנס לעבן איז אַ גרויזאַמקייט, און אַז נאָר דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד איז דאָס אידעאַלסטע מיטל אין דעם קאַמף קעגן איטלעכער טיראַניי. אָבער דאָס וועט דאָך ניט אָפּשאַפן די ברוטאַלע געוואַלד, צו וועלכער די מערסטע מענטשן זייַנען אויסגעשטעלט, און מחמת וועלכער אַ טייל מענטשן קוקן אויף דעם ענין אין גאַנצן אַנדערש,

הגם זיי אַליין האָבן ניט דעם קוראַזש פּערזענלעך צו שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. דערצו קומט נאָך אַן עקסטרע אומשטאַנד, וואָס מען טאָר ניט אַרויסלאָזן פון אויג. אַפילו דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד איז דאָך געבויט אויף אַ הנחה, אַז וועלכער ער קען קוים קאָנען עפּעס אויפטאָן. אין דעם צאַרישן רוסלאַנד האָט אַ טאָלסטאָי געקאָנט אַפּעלירן צום געוויסן פון דער מענטשהייט, און די רעגירונג האָט ניט געוואַגט צו לייגן אַ האַנט אויף אים. די ענגלישע רעגירונג אין אינדיע האָט געקאָנט אַ גאַנדהין אַריינזעצן אין תפיסה אין אויפגערודערטע צייטן דאָרטן, און אַפילו דער קאָנסערוואַטיווסטער רעגירונג אין ענגלאַנד וואָלט קיין מאָל ניט איינגעפאַלן צוצושטעלן גאַנדהין צו דער וואַנט און אים, ווי מען זאָגט אויפן היינטיקן לשון, ליקווידירן. עס איז אין יענע יאָרן נאָך געווען אַן עפּנטלעך געוויסן, אַ געזעלשאַפטלעך נאמנות, מיט וואָס אַפילו די הפקרדיקסטע טיראַנייען האָבן זיך נאָך געמוזט רעכענען. אין היטלערס דריטן רייך, אָבער, און אין סטאַלינס רוסלאַנד האָט מען שוין ניט געוווסט פון אַזעלכע „קליינבירגערלעכע פאָר־אורטיילן” און מען האָט זיך ניט גערעכנט מיט זיי. אין די דאָזיקע לענדער וואָלט מען אַן שום קווענקלענישן און אָן וועלכע עס איז געוויסן־ביסנס גאַנץ גיך געמאַכט אַ סוף מיט אַ טאָלסטאָי אָדער מיט אַ גאַנדהי, פּונקט אַזוי ווי מען האָט דאָס דאָרטן געטאָן מיט הונדערטער טויזנטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אינעם וועג פון די דאָזיקע צוויי נייע טיראַנען.

זיכער איז די ברוטאַלע געוואַלד, וואָס איז דאָך אין לעצטן סך הכל דער יסוד פון אַלע מלוכהשע איינריכטונגען און אינסטיטוציעס, אַ היפּש פּרימיטיווע ירושה פון גאַנץ אַלטע פּרעהיסטאָרישע צייטן. אונדזער גאַנץ טראַכטן און אַלע אונדזערע מחשבות דאַרפן טאַקע זיין געצילט אָפּצושאַפן לגמרי דעם איצטיקן פּעריאָד פון רויער און ברוטאַלער געוואַלד ווי פאַקטאָרן אינעם לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיכער דאַרפן מיר תמיד האָבן אין זינען כסדר צו באַטאָנען דעם דרך ארץ פאַר אַ מענטשלעך לעבן, באַזונדערס מוזן מיר איינפלאַנצן אַזאַ מין רעספּעקט טיף אין די הערצער פון די יוגנטלעכע. דעריבער טאַקע איז דאָס פרייִדיקן געוואַלד, וואָס זוכט צו עקספּלואַטירן די ראָמאַנטישע אומדערפאַרנקייט פון דער יוגנט בנוגע אָט דעם ענין, אין די מערסטע פאַלן נאָך אַפשטויסנדיקער ווי די געוואַלד גופא. אָבער דאָס אַלץ שאַפט ניט אָפּ דעם פאַקט, אַז עס איז מעגלעך אַ סיטואַציע, ווען אַ געוואַלדאַקט איז מער אין הסכם מיט די עטישע השגות פון די מענטשן ווי יעדע אַפּלייקענונג פון געוואַלד פאַר איטלעכן פרייז.

די רוסישע דוכאָבאָרן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ווי די אמתע ערשטע קריסטן און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אינעם מיליטער, צו צאָלן שטייערן צו דער רעגירונג און צו שווערן טרייהייט צום צאַר, און זיי זיינען אויך גרייט געווען צו ליידן פון די קאָנסעקווענצן פון זייער קאַטעגאָרישן אָפּזאָג, זיינען אָן שום ספק געווען מענטשן פון אַ הויכער מדרגה פון קוראַזש, און זיי פאַרדינען טאַקע אַלעמענס אָנערקענונג. אַפילו די באַרבאַרישע איבערפאַלן פון דעם צאַרס סאָלדאַטן אויף זיי האָבן זיי ניט געקאָנט אָפּשרעקן, שוין אָפּגערעדט פון איינברעכן זיי. זיי האָבן דערלאָזט, אַז אומ־

באוואפנטע און ניט פארטיידיקטע מענער זאלן דערשאסן ווערן; אז זייערע היימען זאלן פארברענט ווערן; אז זייערע פרויען, מאמעס און טעכטער זאלן פאר זיי אין די אויגן דורך די שיכורע קאזאקן פארגוואלדיקט ווערן; און זיי האבן טאלסטאיש זיך ניט אנטקעגן געשטעלט קעגן דעם דאזיקן צום הימל שרייענדיקן שלעכטס. איז וויפל רעספעקט מען זאל ניט האבן פאר דער אידעאלאגישער געטרייקייט פון די דאזיקע מענטשן, גלייב איך קוים, אז אזא מין האלטונג איז אין הסכם מיט די עטישע געפילן פון די מערסטע מענטשן. איך בין היינט צו טאג, בעת איך שרייב די איצטיקע שורות, א מאן פון קרוב צו זיבעציק יאר, וועלכער האט אין משך פון זיין פול מיט דערפארונגען רייכן לעבן מער ווי איין יוגנטלעכע אילוזיע פארלוירן. און אנדערש האט עס אויך ניט געקאנט געשען. אבער איך בין זיך דא אפן מודה, אז א מאן, וועלכער קאן רויק דערלאזן, אז מען זאל זיין ווייב, מאמע, אדער טאכטער מאנס זיין פאר זיינע אויגן, איז מיר שוידערלעך דערווידער, אפילו ווען זיין האלטונג איז א פועל יוצא פון דער טיפסטער און ערלעכסטער און נשמה-ריינסטער איבערצייגונג. אין אזא פאל האלט איך, אז ווען איינער שפאלט דעם מוח פון אזא חיהשן שיכור, וועלכע צעטרעמפלט מיט זיינע קאזאצקע שטיוול דעם סאמע צלם פונעם מין מענטש, באגייט ער א דורכאויס הויכן עטישן אקט. אפשר איז מיין השגה א פאלשע; אפשר שטייט דער מענטש, וועלכער קאן באווייזן אזא מין דוכאבארישע באהערשונג איבער זיך גופא, אויף א העכערער מדרגה פון עטישער קולטור ווי איך. איך וויל וועגן דעם דא זיך ניט פילפולן, אבער איך פיל לגמרי ניט די מינדסטע באדערפעניש צו באצווינגען מיין טבע און צו שטרעבן צו עפעס אזוינס, וואס איז אזוי להיפוך מיין גאנצן עצמדיקן איינשטעל.

איך באשטרייט לחלוטין ניט דעם פאקט, אז א פאסיווער ווידערשטאנד קאן אין געוויסע סיטואציעס האבן אן אנטשיידנדיקע ווירקונג. איך גיב אפילו צו, אז איטלעכע אנווענדונג פון געוואלד איז דערלאזלעך, כל זמן אזא מין אנווענדונג גיט וועלכע עס איז אויסזיכטן אויף דערפאלג. אבער איך קאן אויך באגרייפן ווי אזוי עס קאנען זיך געפינען מענטשן, וואס מחמת זייערע אינערלעכע נשמהדיקע געפילן זיינען זיי אזוי קעגנעריש צו די עפנטלעכע מאניפעסטאציעס פון געוואלד, אז זיי זיינען גרייט צו באצאלן מיט זייער אייגן לעבן פאר דער דאזיקער קעגנערשאפט. היינריך פאן קלייסט האט אזא סארט מענטש געשילדערט אין זיין בוך „מיכאעל קאהלהאאס". דארטן האט ער געוויזן ווי אזוי אן ערלעכער און גוטהארציקער מאן קאן מחמת זיין אינערלעכן געפיל פאר יושר ווערן א רויבער און א מערדער. זיכער זיינען אזעלכע מענטשן ווי מיכאעל קאהלהאאס ניט קיין אפטע דער־שיינונג אינעם לעבן. אבער גראד אין דעם באשטייט זייער באטייט. דעריבער טאקע מוז מען זיי מעסטן מיט א באזונדערער מאס, אויב מען וויל באמת זיין גערעכט צו זיי. גאר ניט איז דערווידערלעכער ווי מיטצושרייען מיט די באנומענע קולות פון א בלוטדארשטיקן המון בלויז דערפאר, ווייל אלע טוען דאס. מען פארשטייט דעריבער פאר וואס אזא מילדער מענטש ווי עליזעי רעקלי האט מיט גערעכטן צארן דעמאלט געקאנט שרייבן: „וואס שייך מיר,

וועל איך זיך ליבערשט לאָזן אויסשניידן מיין צונג, איידער וואָיען מיט די וועלף, ווען זיי יאָגן נאָך עמעצן.״

די מעשים, וואָס האָבן אין יענער צייט אויפגעטרייסלט פראַנקרייך ביז צו אירע יסודות, זיינען ניט געווען קיין געוואַלדאַקטן פון טעראָריסטן, פאַר וועלכע עפּעס אַ באַוועגונג האָט געקאָנט ווערן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס זיינען געווען מעשים פון יחידים, פון באַזונדערס ליידנשאַפטלעכע מענטשן, וועמען אַן אינערלעכער טיפער נשמהדיקער צאָרן האָט געטריבן אויפ־צונעמען אויף זייער אייגענעם פּערזענלעכן אופן דעם קאַמף קעגן די באַ־גאַנגענע סאָציאַלע אומרעכטן. און זיי זיינען אויך גרייט געווען צו באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז אין דעם דאָזיקן קאַמף. זיי זיינען ניט דיריגירט געוואָרן דורך עפּעס אַ געהיימען עקזעקוטיוון קאָמיטעט און זיי זיינען אויך ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פון וועלכע עס איז אַבסטראַקטע טעאָריעס. זיי אַלע האָבן געהאַנדלט מחמת זייער אייגענער טרייבקראַפט, און זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט וועגן דעם. זייערע געוואַלדאַקטן זיינען געווען אַן אומפאַרמייד־לעכער פּועל יוצא פון דער אינערלעכער צעפוילטקייט פון דעם דעמאָלטיקן סאָציאַלן מצב אין פראַנקרייך און פון די רעאַקציאָנערישע און אונטער־דריקערישע מאָסמיטלען מצד דער רעגירונג. און דעריבער טאַקע מוזן יענע מעשים באַטראַכט ווערן ווי דער יחידישער אויסדרוק פון דעם אַלגעמיינעם כעס און האַס מצד די מאַסן קעגן דער רעגירונג און קעגן דעם סאָציאַלן צושטאַנד אינעם לאַנד.

נאָר אַזוי לאָזט זיך דערקלערן, אַז אַזאַ מאַן ווי וואַיאַן זאָל געפינען אַזוי פיל סימפּאַטיע ביים פאָלק, און אַז די באַטייטיקסטע פאַרטרעטערס פון דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, ווי מירבאַ, אַדאַם, טאַבאַראַן, און אַ סך אַנדערע, זאָלן נעמען אונטער זייער שוץ אַזאַ מענטש ווי וואַיאַן, און דאָס שוין נאָך דעם, ווי ער האָט פאַר זיינע ריכטערס געהאַט קלאָר געמאַכט אויף אַזאַ אומדערשראָקענעם און דורכדרינגלעכן אופן די מאָטיוון הינטער אַלע זיינע מעשים. עס איז ניט געווען די פרייד מיט וואַיאַנס געוואַלדאַקטן, וואָס האָט געשאַפן יענע אַלגעמיינע סימפּאַטישע שטימונג סיי צווישן פאָלק און סיי צווישן די שריפטשטעלערס, נאָר דער לאַנג אונטערדריקטער אינער־לעכער צאָרן קעגן אַ סאָציאַלן צושטאַנד, וואָס איז מצד די ברייטסטע שיכטן פונעם פאָלק דערפילט געוואָרן ווי אומדערטרעגלעך. דאָס טאַקע האָט עליזעי רעקלי אַרויסגעבראַכט זייער קלאָר אין אַ בריוו פון יענער צייט, אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„זיכער באַוווּנדער איך דעם גרויסהאַרציקן און שטאָלצן כאַראַקטער ראַוואַשאָלס, וואָס ער האָט אים אַרויסגעוויזן אַפילו אינעם געריכט. פאַר־שטייט זיך, אַז איך באַטראַכט יעדן צאָרן קעגן דער סאָציאַלער אונטערדרי־קונג ווי אַ גוטע און גערעכטע זאַך. ‚קעגן דעם אומיושר האָט דער נקמה־אַקט אַ באַשטימט׳ רעכט. דאָך, ווען איינער באַהויפּטעט, אַז ‚דער געוואַלדאַקט איז דאָס איינציקע באמת ערנצטע אוןווירקנדיקע מיטל׳, בין איך שוין ניט מסכים, אָ, ניין! פונקט אַזוי גוט וואָלט מען געקאָנט באַהויפּטן, אַז דער צאָרן פונעם יחיד איז די איינציקע שכלדיקע זאַך אין דער וועלט. דער

דאַזיקער כעס האָט זיין באַטייט און זיין וויכטיקייט, זיין טאָג, זיין שעה, אָבער דאָס פּאַמעלעכע און בהדרגהדיקע אַריינדרינגען פון אַ געדאַנק אינעם טיפן באַוווסטזיין פון אַ מענטשן דורך ווערטער און די אינערלעכע וואַרעמ־קייט פון אַזאַ מין געדאַנק זיינען אַ סך וויכטיקער און זיי האָבן אַ פּיל גרעסערע מאַכט. שוין לויט איר סאַמע עצמדיקן תוך זעט די אימפּולסיווע געוואַלד בלויז דעם ציל, ניט דאָס מיטל. זי רייסט זיך צו דער גערעכטיקייט דורך דער אומגערעכטיקייט, דאָס הייסט, אַז אין איר צאָרן זעט זי ‚רויט׳ פאַר די אויגן. דאָס ווייזט אָבער אויך, אַז איר אויג האָט פאַרלוירן די קלאָרקייט פונעם בליק. אָבער דאָס אַלץ וועט ניט שטערן, אַז די פּערזענ־לעכקייט פון ראַוואַשאָלן, ווי איך זע זי איצטער, און ווי זי וועט דערשיינען אין דער לעגענדע שפּעטער, זאָל מיט זיך פאַרשטעלן א זייער גרויסע געשטאַלט.״ (דער דאַזיקער בריוו איז געשריבן געוואָרן דעם 7טן יוני, 1892, און איז אַריין אין עליזעי רעקליס ווערק „קאָרעספּאָנדאַנס״, באַנד דריי.)

די דאָזיקע מיינונג רעקליס פאַרמאָגט די מעלה, וואָס זי איז ניט לכתחילה אויסגעדריקט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט און זי איז דעריבער מסוגל צו געבן אַ בעסער און אמתדיקער בילד פון דער ווירקלעכער שטימונג אין יענער צייט, ווי דאָס קאָן זיין דער פאַל מיט דערקלערונגען, וועלכע זיינען פון פאַראויס באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט. איך אַליין ווייס פון פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז די מערסטע באַקאַנטע חברים און אַנאַרכיסטישע וואָרטזאָגערס אין יענער צייט אין פראַנקרייך האָבן אויף יענע געשעענישן געהאַט אַן ענלעכן קוק.

ערשט דורך די בלינדע און ניט־דיסקרימינירנדיקע רדיפות מצד דער רעגירונג, וואָס האָט אַ גאַנצע באַוועגונג געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון עטלעכע יחידים, האָט זיך פאַרשאַרפט דער מצב צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט סוף כל סוף דערפירט דערצו, אַז אַזעלכע יונגעלייט ווי אַנרי זאָלן נאָר זען „רויט״, ווי רעקלי האָט זיך אויסגעדריקט, און אַז זיי זאָלן געקירעוועט ווערן צו מעשים, וואָס לאָזן זיך אפשר פּסיכאָלאָגיש אויס־טייטשן, אָבער קיין מאָל ניט רעכטפאַרטיקן. אָבער דאָך מוז מען דאָ נעמען אין באַטראַכט דעם גאַנצן סכום פון די אומשטאַנדן, כדי אַרויסצוקומען מיט אַ יושרדיקן פּסק דין. די אָן שום סיבהדיקע אַרעסטן פון טויזנטער אומ־שולדיקע מענטשן, דאָס אַרויפלייגן אַ מוילשלאָס אויף דער גאַנצער אַנאַר־כיסטישער פּרעסע דורך די אויסנאַמס־געזעצן, דער פּחדנישער פּלאַן מצד דער רעגירונג צו נעמען אַזעלכע גייסטיק הויכשטייענדיקע און ערלעכע מענטשן, ווי גראַוו, פאָר, און זייערע חברים, און זיי דורך בילבולים פאַרשיקן צו דער „טרוקענער גיליאָטינע״ אין דער פראַנצייזישער גויאַנאַ, הגם די רעגירונג גופא האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אירע קרבנות זיינען לגמרי אומשולדיק, און די אומנייטיקע עקזעקוציע איבער וואַיאַנען און די אַנדערע, — דאָס אַלץ האָט בהדרגהדיק געשאַפן אינעם לאַנד אַ שטימונג, פון וועלכער קיין שום גוטס האָט ניט געקאָנט אַרויסקומען. עמיל אַנרי, וועלכער האָט אין זיין ווילדן און פאַנאַטישן האַס געוואָלט טרעפן דער בורזשואַזיע ווי אַ קלאַס דורך דעם מיטל פון „אוממאָטיווירטן טעראָר״, איז באַגאַנגען דעם

געוואַלדאַקט פון דעם דאָזיקן מין ערשט נאָך דעם ווי די פראַנצייזישע רעגירונג גופא האָט געהאַט געזעצט אין גאַנג איר אייגענעם „אוממאָטיווירטן טעראָר" קעגן אַ גאַנצער באַוועגונג און זי האָט אים אָנגעווענדט אויף אַזאַ אופן, אַז זי האָט מער ניט געמאַכט קיין שום אונטערשייד צווישן די שולדיקע און אומשולדיקע. אָן די דאָזיקע ברוטאַלע און אָן שום סיבהדיקע רדיפות מצד דער רעגירונג וואָלט דער פראַנצייזישער פרעזידענט סאַדי־קאַרנאָ אָן שום ספק זיכער רויִק געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין זיין אייגן בעט.

זיכער מיינט דאָס ניט, אַז מען קאָן דעריבער דערזען עמיל אַנריס געוואַלדאַקט אין אַ מילדערנדיקער ליכט, אָבער דאָך ווערט ער דורך דעם פאַרשטענדלעכער. ווער עס זעט נאָר איין זייט ביי אַזעלכע ענינים, דער וועט קיין מאָל ניט דערגיין צו אַ יושרדיקן פסק דין פון אַזעלכע געשעענישן. נאָך ערגער אָבער איז, ווען מען וויל אַנרין דערלאַנגען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און מיטשרייען מיט דעם וואָלפישן געהייל פון די פּראָפעסיאָנעלע רעאַקציאָנערן, וועלכע זיינען דאָך אין סאַמע לעצטן סך הכל די אמתע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די דאָזיקע געוואַלדאַקטן. מיט דעם קלערט מען גאָר ניט אויף, נאָר מען העלפט דער רעאַקציע אין איר שוואַרצער אַרבעט. אוממאָטיווירטע געוואַלדאַקטן, אַפילו ווען זיי זיינען דער רעזולטאַט פון אַ גערעכטן גרימצאָרן, מוזן תמיד אָפּגעוואָרפן ווערן, מחמת זיי קומען פון אַן אַבסטראַקטער השגה וועגן שולדיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און זיי באַשטראָפן פאַר אַן אומרעכט בלינדערהייט, די שולדיקע צוזאַמען מיט די אומשולדיקע. זיי זיינען אויך אין אַ שרייענדיקער סתירה צו די געזעצן פון מענטשלעכקייט, און אַפילו די בעסטע פּסיכאָלאָגישע אויסטייטשונג וועט די דאָזיקע אוממאָטיווירטע געוואַלדאַקטן ניט קאָנען רעכטפאַרטיקן אין די אויגן פון דעם פּשוטן און ערלעכן פאָלקסמענטש. אין דעם דאָזיקן זינען זיינען אָט די געוואַלדאַקטן אויך אויסגעטייטשט געוואָרן פון אַזעלכע פראַנצייזישע פרייהייטלעכע וואָרטזאָגערס ווי גראַוו, מירבאָ, מאַלאַטאָ, מאַלאַטעסטאַ, לאַזאַר, מערלינאָ, און אַ סך אַנדערע. אַזעלכע געוואַלד־מעשים, האָבן דעריבער קיין שום שייכות ניט מיט די אַנאַרכיסטישע השגות, מחמת דער אַנאַרכיזם גייט אַרויס אין אַלע זיינע באַטראַכטונגען פונעם קוקווינקל פון דעם יחיד, און ער אָנערקענט בכלל ניט קיין שום קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ איטלעכן קאָלעקטיוון שולד־באַגריף.

דעם געוואַלדאַקט פון אַ ברעסטשי, נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין מילאַנאָ, וואָס האָבן געקאָסט די יונגע לעבנס פון איבער דריי הונדערט מענטשן, אָדער דעם געוואַלדאַקט פון אַן אַנדזשיאָלילאָ, נאָך די שוידערלעכע פאַרפייניקונגען צום טויט און נאָך די עקזעקוציעס איבער אומשולדיקע מענטשן אין מאָנטכואיטש, וועט תיכף פאַרשטיין איטלעכער, וואָס איז באַ־קאַנט מיט די פּאַסירונגען אין יענע צייטן. די דאָזיקע מעשים נייטיקן זיך ניט אין קיין שום אויפקלערונג, מחמת זיי מאַכן זיך אַליין קלאָר און פאַר־שטענדלעך פאַר יעדן בר דעת. אַזעלכע געוואַלדאַקטן וועלן תמיד געשען כל זמן עס וועלן הערשן געוואַלד און אונטערדריקונג איבער מענטשן.

אַזעלכע מעשים זיינען קיין מאָל ניט די רעזולטאַטן פון באַשטימטע אידעישע ריכטונגען, נאָר זיי קומען קאַפּויער פון דעם אינערלעכן ברענענדיקן צאָרן פון יחידים, וועלכע ווערן ניט קאָנטראָלירט פון קיין שום באַוועגונג, מחמת זיי קאָנען אויך ניט קאָנטראָלירט ווערן. אַזעלכע געוואַלדאַקטן ווי דער באָמבעקראַך פון סאַלוואַדאָר פּראַנק אין דעם „ליסעאָ"־טעאַטער אין באַר־צעלאָנאַ, אָדער דער אַטענטאַט מצד עמיל אַנרין אויף דעם קאַפע „טער־מינוס" קאָנען נאָר געאורטיילט ווערן ווי די האַנדלונגען פון אויסערגעוויינלעך פאַרביטערטע מענטשן, ביי וועמען דער ברענענדיקער כעס האָט אָוועקגע־נומען די נאָרמאַלע פעיקייט צו משפטן אַליין איבער זייערע אייגענע מעשים. מען קאָן די דאָזיקע געוואַלדאַקטן אין בעסטן פאַל אויפקלערן, אָבער עס איז לחלוטין אוממעגלעך צו געפינען פאַר זיי וועלכע עס איז רעכטפאַרטיקונג.

ווען איך טראַכט היינט צו טאָג צוריק צו יענע צייטן, באַגרייף איך ערשט איצטער ווי גיך עס פאַרשווינדט די פאַרשטענדעניש פאַר געוויסע געשעענישן ביי די מענטשן, וועלכע האָבן אַליין ניט אַדורכגעלעבט די דאָזיקע פּאַסירונגען. דאָס איז מסתמא אויך די סיבה פאַר וואָס עס חזרן זיך בסדר איבער די זעלבע פעלערס אין דער געשיכטע און פאַר וואָס איטלעכער דור ווערט תמיד אויפסניי געשטעלט פאַר די זעלביקע אויפגאַבן. אין איין פונקט האָבן מיר דעמאָלט זיכער געמאַכט אַ טעות. דאָס איז געווען בעת מיר האָבן אין יענע יאָרן געגלייבט, אַז די גיכע איבערחזרונג פון די יחידישע רעוואָלוציאָנערישע געוואַלדאַקטן זיינען דעמאָלט געווען די סימנים מובהקים פון דער בקרוב קומענדיקער סאָציאַלער איבערקערעניש. דאָס איז אָן שום ספק געווען מצד אונדז אַ טעות אין אָפּשאַצן די אמתע לאַגע דעמאָלט. און דאָס קאָן זיך דערקלערן נאָר מיט דעם, וואָס מיר זיינען געווען דעמאָלט יונג און מיר האָבן געלעבט אין זייער אויפגעשטורעמטע צייטן. מיר האָבן אַ סך אונטערגעשאַצט די כוחות פון דעם קעגנער און פיל איבערגעשאַצט אונדזערע אייגענע כוחות. אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, לאָזט זיך דאָך ניט באַשטרייטן, אַז יענע יאָרן זיינען געווען אַ צייט פון אַ גרויסן גייסטיקן און סאָציאַל־באַוווסטזיניקן אויפשוווּנג, וואָס קיינער, וועלכער האָט זיי אַליין אַדורכגעלעבט און אין זיי מיטגעקעמפט, וועט זיי ווען עס איז קאָנען פאַרגעסן.

איך געזעגן זיך מיט פּאַריז

פּאַר די אויסלענדישע חברים אין פראַנקרייך איז דער מצב נאָך דעם געוואַלדאַקט פון קאַזעריאַן געוואָרן באַזונדערס שווער, מחמת דער גאַנצער כעס פון דער פראַנצייזישער פּאָליציי האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון די אויסלענדישע אַנאַרכיסטן. די פאַרבינדונג פון די אויסלענדישע אַנאַרכיסטן מיט די פראַנצייזישע חברים איז כסדר געוואָרן געפערלעכער, מחמת די פּאָליצייִשע אַגענטן האָבן שטרענג באַוואַכט איטלעכן חבר, וועלכער האָט געהאַט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אונדזער באַוועגונג. צוליב דעם האָבן זשאַן און איך געמוזט אין גאַנצן אויפגעבן אונדזערע וויזיטן אין דער אַנאַרכיסטישער קאָלאָניע ביים קאַנאַל אין סאַן דני, וואָרן עס האָבן זיך איצטער דאָרטן תמיד אַרומגעדרייט פאַרדעכטיקע פּאַרשוינען, וואָס עס איז געווען געזינטער זיך ניט צו וואַרפן זיי אין זייערע פּאָליצייִשע אויגן. וועגן די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס מיר פלעגן פריִער אָפט אַראַנזשירן אין דעם „פאַראיין פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן“, האָבן מיר איצטער ניט געקאָנט טראַכטן אַפילו. נאָך דער דעפּאָרטירונג פון לעאָפּאָלד זאַקן און פון עטלעכע אַנדערע אויסלענדישע חברים האָבן מיר אויך געמוזט אין גאַנצן אויפגעבן די וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין פּאָבור די טאַמפּל. אויך די ייִדישע חברים האָבן אָפּגעשטעלט זייערע צוזאַמענקומען אין דעם קאַפעי „טרעזאָר“, אויף דעם בולוואַר באַרבעס. און די „רוסישע ביבליאָטעק“ איז געשלאָסן געוואָרן, מחמת איטלעכער באַזוך דאָרטן וואָלט געקאָנט ווערן פאַר יעדן אויסלענדער אַ גוטער פּאָליצייִשער תירוץ אַרויסגעשיקט צו ווערן פון פראַנקרייך תיכף ומיד. בלויז דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לייענקלוב“ אין דעם „פּאַלעי ראָיאַל“ איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע רעגולערע פאַרזאַמלונגען. אָבער אַפילו דאָרטן איז געווען אַ סכנה פאַר די אויסלענדישע אַנאַרכיסטן צו פאַרקערן, וואָרן עס האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן אין יענעם לייענקלוב פאַרשוינען, וואָס פריִער האָט מען זיי דאָרטן גאָר ניט געהאַט געזען. אַ חוץ דעם, האָט מען אונדז מצד די פירערס פון יענעם קלוב געלאָזט וויסן, אַז אַנאַרכיסטן זיינען שוין דאָרטן מער ניט קיין אָנגעלייגטע געסט, מחמת זיי שטעלן מיט זייערע וויזיטן אין סכנה די סאַמע עקסיסטענץ פון דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לייענקלוב.“

אַזוי אַרום איז פאַר אונדז פאַרבליבן בלויז דער פערזענלעכער פאַרקער מיט איינצלנע חברים. און אַפילו דאָ האָט מען געמוזט זיין אָפּגעהיט, אַז מען זאָל ניט אַרויסרופן קיין שום חשד מצד די הויז־פאַרוואַלטערס, וועלכע זיינען דעמאָלט אָן שום שאַנד געשטאַנען אין דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער פּאָליציי, צו וועמען זיי האָבן תיכף איבערגעגעבן דעם מינדסטן פאַר־דאַכט, וואָס איז מצד זיי געפאַלן אויף עמעצן. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט באַגנוגענען מיט קליינע זונטיקדיקע פאַרזאַמלונגען פון עטלעכע חברים אין דער אומגעגנט פון פּאַריז, ווו עס איז געווען שווער פאַר דער פּאָליציי און פאַר אירע אַגענטן אונדז צו אָבסערווירן. נאַטירלעך האָט זיך דאָ תמיד געהאַנדלט בלויז וועגן פאַרזאַמלונגען פון חברים, וואָס האָבן צווישן זיך געהאַט אַ קעגנזייטיקן צוטרוי. אַ טייל חברים, וועלכע פלעגן פריִער קומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען רעגלמעסיק, זיינען דורך די לעצטע געשעענישן געוואָרן אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי האָבן איבערגעריסן מיט אונדז איטלעכן פאַרקער, און מען האָט זיי שוין מער אין ערגעץ ניט געקאָנט זען אין אונדזער סביבה. ווי גרויס יענע מורא איז געוואָרן ביי אַ צאָל חברים, קאָן מען זען פון דער ווייטערדיקער פּאַסירונג. אין אַ באַשטימטן טאָג איז צו מיין פריינד ראַדינסאָן אַריינגעקומען אַ קליין מיידעלע און זי האָט געבראַכט אַ בריוו פון איר פאָטער מיט דער בקשה, אַז ער זאָל מיר דעם דאָזיקן בריוו צושטעלן וואָס גיכער, מחמת עס איז אַ דרינגענדיקער ענין, אָבער דער שרייבער פונעם בריוו האָט ניט געהאַט מיין אַדרעס. דער שרייבער פון יענעם בריוו איז געווען מיינער אַ ווייט באַקאַנטער, ביי וועמען איך פלעג פריִער טייל מאָל אָפּשטאַטן וויזיטן און פון וועמען איך פלעג אויך צייטנווייז אַרויסנעמען ביכער איינצובינדן. ער האָט מיר אין יענעם בריוו געשריבן און מיך געבעטן, אַז אויב איך האָב גאָט אין האַרצן, זאָל איך למען השם שוין מער ניט קומען צו אים דערפאַר, ווייל זיין הויז־פאַר־טעריןן איז געוואָרן זייער פאַרדעכטיק און מען קאָן איר ניט מער געטרויען, אַז זי וועט ניט מיך און אויך ניט אים פאַרמסרן צו דער פּאָליציי. אין זיין גרויסן פחד האָט ער אַפילו בכיוון ניט אונטערגעשריבן דעם נאָמען זיינעם אין יענעם בריוו צו מיר. ער האָט בלויז אונטערגעחתמעט: „דער יעניקער, פאַר וועמען איר האָט איינגעבונדן אַנרי מאַרטענס ,געשיכטע פון פראַנק־רייך.‟ איך האָב יענעם מענטש זינט נאָך דעם אַטענטאַט אין ליאָן בכלל מער ניט געהאַט געזען און איך האָב לגמרי ניט געהאַט בדעה צו גיין צו אים. אָבער אין זיין גרויסער שרעק, אַז טאָמער וועל איך, חלילה, אַמאָל אַריינפאַלן צו אים, האָט ער צו מיר געשריבן יענע אַנגסטיקע שורות.

נאַטירלעך איז יענער פאַל געווען אַן אויסנאַם, אָבער דאָך האָט ער קלאָר געוויזן אין וואָסער שטימונג אַ סך מענטשן זיינען דעמאָלט אַריינגעטריבן געוואָרן איבער דעם פּאָליציייִשן טעראָר. דאָס געפיל פון פערזענלעכער אומזיכערקייט האָט אין יענע יאָרן אַרומגעכאַפּט אַלעמען אין פראַנקרייך, הגם ניט איטלעכער האָט רעאַגירט אויף דעם זעלביקן שטייגער. ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, האָט יענער באַקאַנטער, וואָס האָט צו מיר געהאַט געשריבן דאָס שרעקעוודיקע בריוול, אין זיין גרויסן פחד אויך פאַר־

ברענט אַ ווערטפולע זאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערישע צייטשריפטן און בראָ־שורן, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין משך פון לאַנגע יאָרן. צווישן יענע יקר־המציאותן, וואָס זיינען אוועק מיטן רויך, זיינען אויך געווען בלעטער פון דער צייט פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווי אויך אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון אַלע נומערן פון דעם „בילעטען דע לאַ פעדעראַסיאָן זשיראַסיען" („בולעטין פון דער יורא־פעדעראַציע").

אונדזער קרייז איז אין יענער צייט געוואָרן כסדר קלענער. האַניבאַל איז נאָך פֿאַר דער גיליאָטינירונג פֿון וואַיאַנען געהאַט אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געהאָפט צו געפינען בעסערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן. איך האָב דעם דאָזיקן ריז פון אַ יונגאַטש מיט דער נשמה פון אַ קינד און מיט זיין נאַטירלעכן טאַלאַנט באמת געהאַט ליב באַקומען, און זיין אַוועקפאָרן איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פון אַ גוטן פריינד. נאָך דעם אַטענטאַט אין ליאָן זיינען אויך זאַק, נידערלע און טומאַר אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פראַנקרייך. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז ראַדעל, צוזאַמען מיט זיין משפחה, אָפּגעפאָרן קיין בוענאָס איירעס. בערנאַרד קאָמפּמאַיער איז באַלד נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון אַלעקסאַנדער קאָהען אַליין אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. און באַלד דערנאָך זיינען געקומען די צוויי ווילע חברים אונדזערע קראַוזע און דיהרינג זיך צו געזעגענען מיט אונדז. זיי האָבן ביידע געהאַט באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך אַהיים, קיין דייטשלאַנד, ווו זיי האָבן געהאָפט צו קאָנען בעסער דינען אונדזערע אידעען ווי דאָ, אין פראַנקרייך, ווו עס איז ביי די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען בכלל אוממעגלעך פאַר אַן אויסלענדער עפּעס צו טאָן פאַר אונדזער באַוועגונג.

מיר איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער אויפן האַרץ, ווען איך האָב געזען ווי מיינע פריינד געזעגענען זיך מיט מיר איינער נאָכן אַנדערן. נאָך שווערער איז געוואָרן מיין מצב ווען איך האָב אין זיך דערפילט וואָס אַ מאָל שטאַרקער דעם אינערלעכן דראַנג צו נוצלעכער אַרבעט, צו שעפערישער אַקטיוויטעט. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב אויך איך דערפילט, אַז באמת טעטיק קאָן מען נאָר זיין אין דעם אייגענעם היימלאַנד. ווי אַ פרעמדער ווערט מען אין אויסלאַנד תמיד בלויז טאָלערירט, און מען מוז זיין אונטער־געוואָרפן אונטער כלערליי באַגרענעצונגען, פון וועלכע מען ווייסט גאָר ניט אין דעם אייגענעם לאַנד. כל זמן מיר האָבן זיך נאָך געקאָנט מער ווייניקער פריי באַוועגן און מיר האָבן אויך געקאָנט זיין אַקטיוו ווייניקסטנס אין אונדזער אייגענעם קרייז, האָבן מיר ניט אַזוי שטאַרק געפילט די אָפּגעַ־פרעמדקייט פון זיין אין אויסלאַנד. איצטער אָבער, נאָך דעם, ווי מען האָט פון אונדז אַלעמען געהאַט אַוועקגענומען איטלעכע מעגלעכקייט פאַר וועלכער עס איז טעטיקייט, איז מיר מיין אייגענער מצב געוואָרן וואָס אַמאָל מער און מער אומפאַרטראָגלעך. איך בין געשטאַנען מיט די חברים אין דייטש־לאַנד אין משך פון דער גאַנצער צייט אין פאַרבינדונג דורך רעגולערע בריוו, און איך האָב דעריבער געוווּסט גאַנץ גוט, אַז אין דער היים וואַרט אויף מיר אַ יאָר אָדער אַכצן חדשים תפיסה. איז בין איך שוין גרייט געווען צו נעמען אויף זיך אָפּצוזיצן די דאָזיקע שטראָף. אָבער די אמתע שטערונג

פאַר מיר איז געווען דער מיליטערישער דינסט, וואָס איך וואָלט געמוזט דאָרטן אַדורכמאַכן. און דאָס איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך צו קאָנען אריבערטראָגן, מחמת איך האָב געפילט, אַז איך בין ניט באַשאַפן געוואָרן צו קאָנען זיין אַ סאָלדאַט. מיין סאַמע נאַטור האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם בלויזן געדאַנק וועגן דעם. די קאַזאַרמע האָט אין מיינע אויגן תמיד אויסגעקוקט ווי דער עצמדיקער סימבאָל פון דער אָרגאַניזירטער מלוכהשער טעמפּקייט און פון דער אַנטמענטשלעכונג פון איטלעכן יחיד. איז אויב צוריקצופאָרן קיין דייטשלאַנד איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך, וואָס איז פאַר מיר איבערגעבליבן צו טאָן?

אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער לאַנד האָט פאַר מיר דעמאָלט ניט געהאַט קיין שום זינען, וואָרן ווי אַן אויסלענדער וועל איך דאָך אומעטום זיך מוזן ראַנגלען מיט נייע שוועריקייטן. דערצו נאָך האָט זיך דעמאָלט געהאַט אויפגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע פון רעאַקציע איבער די מערסטע לענדער אין אייראָפּע. פון צייט צו צייט איז ביי מיר אויפגעקומען דער געדאַנק צו פאָרן קיין שווייצאַריע. אָבער גראָד אין יענער צייט זיינען אַ סך אויסלענדישע אַנאַרכיסטן פון דאָרטן דעפּאָרטירט געוואָרן. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל עס זיינען געהאַט פאָרגעקומען גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס פאַר די איטאַליענישע קאָנסולאַטן אין ציריך און אין זשענעווע, נאָך די דעמאָלטיקע בלוטיקע געשעענישן אין סיציליע. אין אַזאַ מין סיטואַציע האָב איך קוים געקאָנט האָפן, אַז מען וועט מיך אין שווייצאַריע לאָזן אומגעשטערט לעבן. טייל מאָל פלעג איך אויך טראַכטן וועגן פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער די בריוו, וואָס איך האָב דעמאָלט באַקומען פון האַניבאַלן, זיינען ניט געווען מסוגל אויפצוועקן גרויסע האָפענונגען ביי מיר וועגן אַ צוקונפט פאַר מיר אין יענעם וויטן און נייעם לאַנד. האַניבאַל האָט זיך דאָרטן געפילט זייער עלנט און איינזאַם, און ער האָט געחלומט וועגן דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס וועט זיך אים מאַכן צוריקצופאָרן קיין אייראָפּע. דערצו בין איך אויך געווען צו שטאַרק צונויפגעוואַקסן מיטן גייסטיקן לעבן פון אייראָפּע, און איך האָב אויך פעסט געגלייבט אין דעם באַלדיקן אויסבראָך פון דער רע־וואָלוציע. דעריבער טאַקע איז מיר דער סאַמע געדאַנק וועגן אַוועקפאָרן פון אייראָפּע ערב גרויסע געשעענישן געווען ניט צום האַרצן.

אָבער איך בין דאָך דעמאָלט געווען יונג און איך האָב געלעכצט מיט מיין גאַנצן האַרצן נאָך עפּעס אַ נייער אַקטיוויטעט. איך האָב ליב געקראָגן פּאַריז, און אונטער אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט מיר אפשר אויפן געדאַנק ניט געקומען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך. אָבער אונטער די דעמאָלטיקע פאַר־העלטענישן איז מיין לעבן געוואָרן כסדר אומעטיקער. דערצו נאָך איז מיין מאַטעריעלער מצב געוואָרן פון חודש צו חודש ערגער. דורך מיין געצוווּנגע־נער צוריקגעצויגנקייט האָב איך געהאַט פאַרלוירן אַ היפּש ביסל אַרבעט, אין וועלכער איך האָב זיך איצטער זייער געניייטקט. היות איך האָב ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט זאָל געשען אַן אַנטשפּאַנונג פון דער פּאָליטישער לאַגע אין פראַנקרייך, האָט מיין צוקונפט דאָרט אין מיינע אויגן אויסגעזען ניט קיין צו פריילעכע.

איך האָב דער שטאָט פּאַריז געהאַט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען. אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס איך בין דאָרטן געווען, האָב איך אַ סך געלערנט, פיל געלייענט, און אָנגעזאַמלט אַ ים מיט איבערלעבענישן און דערפֿאַרונגען. דאָס אַלץ קאָן דאָס לעבן אין קיין שום אַנדערער שטאָט קיינעם ניט אָנבאָטן. דערצו נאָך האָב איך איצטער געלעכצט אַנצוווענדן דאָס, וואָס איך האָב זיך געהאַט דערוואָרבן, אין פּראַקטישער און נוצלעכער טעטיקייט. אָבער אין פּאַריז איז מיר דערוויל אָפּגעשניטן געוואָרן איטלעכע מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן. די צייט פון מיין אויפהאַלט אין פּאַריז איז געווען איינע פֿון די שטורעמדיקסטע פּעריאָדן אין יענער שטאָט, וואָס אַפילו אין פֿראַנקרייך פּאַסירט דאָס ניט אַזוי אָפט. איטלעכער טאָג דאָרטן האָט פאַר מיר געבראַכט נייע איינדרוקן און אויפגעוועקט אין מיר נייע אומבאַגרענעצטע האָפענונגען. דאָס איז געווען אַ צייט פון גרויסע דערוואַרטונגען און פון כסדרדיקע גייסטיקע שפּאַנונגען. אין אַזאַ צייט שטעלט מען די העכסטע פאָדערונגען צום לעבן און איטלעכע מניעה ווערט גרינג אונטערגעשאַצט. מיר האָבן דעמאָלט דערפילט, אַזוי צו זאָגן, די געבורטסווייען פון אַ נייער צייט, די חבלי לידה פון אַ נייער וועלט, און מיר האָבן זיך געשאַצט גליקלעך מיט דעם, וואָס מיר האָבן געקאָנט מיטהעלפן אין דער נייער געשטאַלטיקונג פון דעם סאָציאַלן לעבן, אין דער איבערפֿאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט אין אַזוינס, וואָס וועט זיין מענטשלעכער און פרייער. און טאַקע דערפאַר האָב איך איצטער דערפילט אַזוי שרעקלעך שווער דעם דרוק פון דעם נייעם מצב מיינעם. און הגם מיר האָבן דעמאָלט ניט געגלייבט, אַז די רעאַקציע וועט לאַנג געדויערן, זיינען מיר אָבער דערוויל געווען באַרויבט פון איט־לעכער באַוועגונגס־פרייהייט. דאָס האָט אונדז געצוווּנגען צוריקצוהאַלטן זיך פון יעדער אַקטיוויטעט, און מיר האָבן זיך געפילט ווי געפּענטעט הענט און פיס. איך פלעג דעמאָלט פון צייט צו צייט אָנשרייבן אונטער אַ פּען־נאָמען, אַן אַרטיקל פאַר אַ נייער לאָנדאָנער צייטשריפט, „דער לומפּענפּראָ־לעטאַריער". איך פֿלעג אויך מאַכן איבערזעצונגען פאַר דער „פרייהייט" אין ניו יאָרק. אָבער די דאָזיקע אַרבעט האָט מיך בכלל ניט געקאָנט אין גאַנצן באַפרידיקן. עס האָט מיר געפעלט די באַוועגונג, דער כסדרדיקער אויסבייט פון געדאַנקען מיט יונגע מענטשן פון מיינסגלייכן. דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס גיבן דעם לעבן פון אַ יונגן מענטש אַ צוועק, אַ זין, אַן אינהאַלט, אַ תוך און אַ תוכן. אָבער איצטער איז גאָר ניט געווען וואָס צו טאָן. מען האָט געמוזט אויסוואַרטן אויף בעסערע צייטן און דערוויל האָפן אויף זיי.

עס איז געווען צום סוף פון חודש נאָוועמבער, ווען פּאָטער מאַיער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז איך זאָל צוקומען צו אים, מחמת עמעצער וויל ריידן מיט מיר. איך האָב שוין דעם אַלטיטשקן ניט געהאַט געזען אין משך פֿון אַ לענגערער צייט, טאַקע דערפאַר, ווייל מיר זיינען אין יענע טעג געווען זייער אָפּגעהיטן מיט אונדזערע וויזיטן פון איינעם צום אַנדערן, און מיר האָבן דאָס טאַקע אויך געמוזט זיין, וואָרן אַז ביי מאַיערן זיינען זיך אָפט צוזאַמענ־געקומען אַ סך חברים, האָט די פּאָליציי גאַנץ גוט געוווּסט. און מיר האָבן זיך טאַקע אָפט געוווּנדערט פאַר וואָס די פּאָליציי האָט אים שוין ניט זינט

לאַנג באַפוילן צו פאַרלאָזן פראַנקרייך. ווען מיר האָבן אים דאָס געפרעגט, האָט ער מיט אַ געלעכטער געענטפערט, אַז עס וועט מסתמא קיין מאָל ניט קומען דערצו, מחמת ער האָט פאַר זיך אַליין געשאַפן אַ שוצגוואַרדיע, וואָס גיט אים מער זיכערקייט ווי די גרעסטע פּאָליציייִשע פּראָטעקציע. דאָס איז געווען זיין היפּש גרויסע משפּחה. ער האָט, נעמלעך, געהאַט פיר זין און אַ טאָכטער. אין אַזאַ לאַנד ווי פֿראַנקרייך, ווו דאָס פּראָבלעם פון אונ־טערבאַפעלקערונג האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, האָט די רעגירונג ניט געוואָלט אַרויסטרייבן אַ משפּחה פון זיבן מענטשן. דערצו האָט דאָך די פּאָליציי אָן שום ספק אויך געוווסט, אַז אַלע נייגעקומענע אַנאַרכיסטן פון עסטרייך און פון דייטשלאַנד שטאַטן אָפּ זייער ערשטן וויזיט אין פּאַריז ביי פּאָטער מאַיער. דורך דעם האָט די פּאָליציי געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו אָבסערווירן די נייע „פּאַרדעכטיקע אויסלענדער" מיט דער הילף פון אַ געהיימער באַוואַכונג איבער פּאָטער מאַיערס וווינונג. דאָס איז טאַקע אויך געווען די סיבה פאַר וואָס מיר האָבן אין קריטישע צייטן תמיד אָפּגעשטעלט אונדזערע וויזיטן דאָרטן. אָבער ווען דער אַלטיטשקער האָט דאָך געלאָזט מיך רופן, ניט געקוקט אויף דער כסדרדיקער געהיימער פּאָ־ליציייִשער באַוואַכונג פון זיין היים, איז דאָס פאַר מיר געווען אַ זיכערער סימן, אַז די לופט דאָרטן איז דערווייל, נאָכן ערשטן שטורעם, אַ ביסל אָפּגערייניקט געוואָרן.

דעם נאָכפאָלגנדיקן זונטיק האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין פּאַריז, כדי אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ביי פּאָטער מאַיער. צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך דאָרטן באַגעגנט דעם חבר ר. גונדערסען, דעם געוועזענעם אַרויסגעבער פֿון דעם זשורנאַל „אַוטאָנאָמי". ער האָט געהאַט אַ זון אין פּאַריז און ער איז געקומען אויף אַ וואָך צייט צו גאַסט צו אים. גונדערסען האָט מיר געבראַכט גרוסן פֿון ווילהעלם ווערנער, פֿון קאַמפּ־מאַיערן און אויך פון ראָהמאַנען. איך האָב שוין געהאַט געוווסט פון פריִער, אַז ווערנער האַלט זיך אויף אין לאָנדאָן, און איך האָב זיך האַרציק געפרייט צו הערן פון אים. שפּעטער זיינען אַריינגעקומען נאָך עטלעכע חברים צו פּאָטער מאַיער און מיר האָבן אַלע צוזאַמען פאַרבראַכט אַ זייער אָנגענעמען טאָג. ווען איך האָב אין לויף פון מיין שמועס מיט גונדערסענען געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז אונטער די איצטיקע אומשטאַנדן אין פראַנקרייך וואָלט איך צום ליבסטן געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין וועגן דעם ענין געמאַכט עפּעס אַ זיכערן פּלאַן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ברעך מיר שוין דעם קאָפּ וועגן דעם אַ היפּש שטיקל צייט, אָבער איך קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו קיין טאָלק. צום ליבסטן וואָלט מיר געווען, האָב איך אים געזאָגט, ווען איך וואָלט געקאָנט צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד, אויב דער פאַסקודנער מיליטערישער דינסט וואָלט מיר ניט געשטאַנען אינעם וועג.

„אָבער אפשר וועט מען דיך גאָר ניט נעמען צום מיליטערישן דינסט" — האָט גונדערסען געזאָגט. און ער האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך פּרוביר ניט אויסצוגעפינען גענוי, צי מ'וועט מיך נעמען צום מיליטער. עס

זיינען פאַראַן אין אייראָפּע צוויי דייטשע קאָנסולאַטן, האָט ער מיר איבער־געגעבן, אין וועלכע די דייטשע רעגירונג מאַכט די מעדיצינישע אונטער־זוכונג פון מיליטער פליכטיקע דייטשע בירגער. איינער אַזאַ קאָנסולאַט איז פאַראַן אין לאָנדאָן און דער צווייטער געפינט זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז דער דאָקטאָר אינעם דייטשן קאָנסולאַט אין לאָנדאָן „לאָזט צו זיך ריידן", אויף וויפל ער ווייסט. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אים „דערלאַנגען עפּעס אין דער יד אַריין". און גונדערסען האָט מיר איבערגעגעבן עטלעכע פאַרשיידענע פאַלן פון דייטשע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אויף אַזאַ שטייגער גליקלעך געלייזט דאָס פּראָבלעם פונעם מיליטערישן דינסט אין דייטשלאַנד. אין יעדן פאַל, האָט ער געמיינט, אַז איך האָב דאָך גאָר ניט וואָס צו פאַרלירן, אויב איך וועל ביי זיך אָפּמאַכן מיטצופאָרן מיט אים קיין לאָנדאָן, אויב אַפילו איך וועל דאָרטן גאָר ניט קאָנען אויפטאָן וועגן מיין ענין. וועט זיך מיר איינגעבן דער ענין, וועט פאַר מיר ווערן אָפּן דער וועג צוריק קיין דייטשלאַנד. און אויב ניט, האָט ער אויך געהאַלטן, אַז אין לאָנדאָן וועל איך תמיד געפינען אַ בעסער פעלד פאַר מיינע טעטי־קייטן, ווי איך האָב דאָס איצטער דערוויל אין פּאַריז.

דאָס איז פאַר מיר געווען אין גאַנצן עפּעס נייעס, וועגן וואָס איך האָב פריִער אַפילו ניט געוווּסט צו טראַכטן. האָב איך גונדערסענען געזאָגט, אַז איך בין גרייט צו טאָן אַלץ, אַבי צו ענדערן מיין דעמאָלטיקן מצב אין פראַנקרייך. גונדערסען האָט מיר דעריבער געזאָגט, אַז באַלד נאָך זיין צוריקקער קיין לאָנדאָן וועט ער שוין פאַר מיר אויסגעפינען דאָרטן אַלע פּרטים וועגן דעם ענין און ער וועט זיי מיר תיכף לאָזן וויסן.

מיינע אַלע געדאַנקען האָבן זיך איצטער געדרייט אויסשליסלעך אַרום דעם נייעם פּלאַן מיינעם, און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט צו הערן פון לאָנדאָן. אַן ערך אַ וואָך פאַר ניטל האָב איך באַקומען אַ לאַנגן בריוו פון ווילהעלם ווערנער. ער האָט מיר געשריבן, אַז גונדערסען האָט שוין מיט אים גערעדט וועגן מיין ענין. ווערנער איז געווען מיט דער דעה, אַז איך זאָל אונטער אַלע אומשטאַנדן קומען קיין לאָנדאָן, מחמת מיט מיר אויפן אָרט וועט מען אַלץ בעסער קאָנען דערליידיקן. איצטער האָב איך באַשלאָסן שוין מער ניט צו קווענקלען זיך.

מיינע ענינים אין פּאַריז האָב איך גיך דערליידיקט. אינעם טאָג פון ניטל האָבן מיר נאָך געפּראַוועט אַ קליינעם געזעגענונגס־יום־טוב לכבוד מיר אין אַן ענגן קרייז פון די נאָענטסטע חברים. מיט דעם איז געקומען דער סוף צו מיין דעמאָלטיקן אויפהאַלט אין פראַנקרייך. אין די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך ערשט דערפילט מיט מיין פולן באַוווּסטזיין ווי טיף די דאָזיקע וווּנדערלעכע שטאָט, פּאַריז, האָט זיך געהאַט איינגעוואָרצלט אין מיין האַרצן. מיין געזעגענען זיך מיט פּאַריז איז מיר באמת ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון 1894 אויף 1895 בין איך אַוועק קיין לאָנדאָן.

(סוף)

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבערס — 5

המשך פון צווייטן טייל, לערן־יאָרן

די רייזע קיין בריסל — 11

מחשבות וועגן קאָנגרעס — 20

די קאָנסעקווענצן פון מיין רייזע — 28

דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ערפורט און זיינע רעזולטאַטן — 39

ווילהעלם ווערנער אין מאינץ — 49

לאַמבאַרטס באַזוך און די געהיימע באַראַטונג אין דער קלעק 56

קאַרל אָבערהאָבער און זשאַן העפנער — 63

גייסטיקע השפעות פון פאַרשיידענע מינים — 72

די לעצטע חדשים אין דייטשלאַנד און מיין אַנטלויפן פון דאָרטן 82

דריטער טייל, פּאַריז

אינעם האַרץ פון דער וועלט שטאָט — 103

דייטשע סאָציאַליסטן אין פּאַריז — 118

מיין באַזוך ביי עליזיי רעקלי — 137

די געזעלשאַפטלעכע מעטאָדן אין פראַנקרייך — 145

די מעשה ראַוואַשאָל — 158

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך — 174

די באָמבע אין פּאַרלאַמענט — 199

די עקסטרעמען באַרירן זיך — — — — — — — — — — 218
באַטראַכטונגען און איבערלעבענישן — — — — — — — — 232
דער אַטענטאַט אין ליאָן — — — — — — — — — — — 243
דער פּראָצעס פון די דרייסיק — — — — — — — — — 255
באַטראַכטונגען איבער אַ פאַרגאַנגענער צייט — — — — — 276
איך זעגן זיך מיט פּאַריז — — — — — — — — — — — 294

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by
Asociación Racionalista Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley
INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en enero de 1971 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F., calle Sarmiento 3149, Buenos Aires

RUDOLF ROCKER

JUVENTUD DE UN REBELDE

Traducción del manuscrito alemán

★

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1971